STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03677

DIVRE MATITYAHU U-VET DAVID

Mattes Deitch

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דברי מתתיהו ובית דוד

ספר

דברי מתתיהו ובית דוד

חלק ראשון

הוא נותן ידיעה בקיצור נמרץ ההשתלשלות פסקי דיני ומנהגי ישראל הקבליי והמסוריי ע״י גאוני ונביאי גדולי וקדושי ישראל ומנהיגיו להמון עם ישראל.

* * *

ענטהאלט איבערבליקן בקיצור דאָס ענטשטעהן די מנהגים און דאָס באַשיידונג פון די הייליגע דיני התורה וואָס איז מקובל פון באַרג סיני דורך די באַוואוסטע גאונים וקדושים פון יעדן דור און דער מחבר גיט דאָס צו פאַרשטיין קלאָר צו די אידישע מאַסן.

חובר מאת

אדמו״ר הגה״ק הצ׳ הרב

מתתיהו בהר״ר יודא לייב דייטש (אשכנזי)

מירושלים עיה״ק תובב״א זיע״א

הובא לבית הדפוס ע״י

הרבני החסיד ר׳ חיים חייקל שוהלמאן נ״י

תשי״ח • ברוקלין

כתובת המו״ל:
IRVING SCHULMAN
1597 Lincoln Place
Brooklyn, N. Y.

נדפס בדפוס „בלשן״
480 Sutter Avenue Brooklyn 7, N. Y.
EVergreen 5-3278

הקדמה לספר דברי מתתיהו ובית דוד,

וזכרונות שמואל ומהרי"ל

בהי"ת.

ישתבח היוצר ויתברך הבורא עולם, עס זאל געלויבט זיין דער באשעפער און עס זאל זיין געבענשט און גערימט דער באשעפער פון דער וועלט וואס ער האט אונז געגעבן א הייליגע תורה מיט דעם, אז מיר זאלן קענען אין דעם זכות פון לערנען די תורה און מקיים זיין די מצות פון דער תורה, אום מיר זאלן זוכה זיין אי אויף דער וועלט צו שכר פון די פירות פון די מצות און דעם קרן אויף עולם הבא, די אייביגע וועלט. אבער ליידער זייענדיג אין גלות לענדער אזוי לאנג כמעט ווי 2000 יאר און דורכגעגאנגען די גרויזאמע צרות וואס מיר זיינען אויסגעשטאנען, און די פארפאלגונגען און רציחות פון אלע דורות פון חורבן בית המקדש און די רציחות פון אספס-יאנוס וטיטוס ימ"ש, אנדריאנוס טרוכינס, ביזעל, טארקוועמאדע, באגדאן חמעלניצקי ימ"ש, און די עלילות דמים ביזעל, היטלער מיט זיינע נאצים ימח שמם, זיינען פיל אידן אוועקגעריסן געווארן פון דעם אידישן פאלק גענצליך דורך שמדות. פילע ווילן זיך מתדמה זיין, גלייכן זיך צו די גוים, און א סך עם הארצות און אומוויסענ-הייט האט זיך פארמערט ביי אידן. דארום דארפן מיר דאנקען דעם באשעפער זייער פיל וואס אין יעדן דור האט ער אונז אראפגעשיקט גרויסע צדיקים און גאונים, גדולי תלמידי חכמים, וואס זיי זיינען געווען אונזערע פירערס און לערערס, און דערלויכטן אונז דעם וועג מיר זאלן ח"ו ניט פארלירןביידע וועלטן. זיי האבן דערנעענטערט אונזערע הערצער צו דעם לעבעדיגן הייליגן באשעפער און זיין הייליגע תורה ומצות.

אין די לעצטע דורות האט ער אונז אראפגעשיקט אזא גרויסע ליכט, ווי דעם הייליגן בעל שם טוב הקדוש מיט זיינע תלמידים די הייליגע חבריא, און דעם הייליגן גרויסן מעזריטשער מגיד מיט זיינע הייליגע 60 תלמידים די חבריא הקדושה, וואס יעדערער פון זיי איז געווען א גרויסע הייליגע ליכט און געלויכטן פאר אידן און זיי

מדריך געווען און דערנענטערט די הערצער צו אידישקייט. אן אפ־שטאמונג פון דעם דרך החסידות, פון א גזע קודש, און א הייליגער מענש איז געווען דער מחבר פון דעם ספר וואס הייסט **דברי מתתיהו ובית דוד חלק א׳, זכרונות שמואל ומהרי״ל חלק ב׳.**

מיין פען איז צו שוואך און עס איז נישטא גינוג פלאץ ארומצושרייבן די הייליגקייט און גרויסקייט פון דעם מחבר. דער הייליגער מחבר איז געווען אן אפשטאמונג פון ר׳ אברהם׳לע סכאנ־טשיווער זצללה״ה, האט ער פארקערפערט אין זיך דעם כח און די מדות פון זיי גרויסן זיידן, און זייענדיג א תלמיד אין חסידות ביי דעם הייליגן ר׳ דוד׳ל בידערמאן זצוקללה״ה, וואס איז באוואוסט געווען אין ירושלים עיה״ק פאר א בעל רוח הקודש, האט ער דאס אלעם הייליגעם פון אים גע׳ירש׳נט און מיר זיינען עדות פון די פילע מעשיות וואס מיר האבן אליין געזען פון דעם מחבר הק׳ **ר׳ מתתיהו ב״ר יהודה ליב דייטש־אשכנזי**, וואס איז ער־צויגן געווארן אין ירושלים ביי דעם רבי׳ן ר׳ דוד׳ל בידערמאן זצוק־ללה״ה. קומענדיג פון אונגארן, פון א קליין שטעטל, איז ער אויס־געוואקסן צו א גרויסן ריז הן אין נגלה הן אין חסידות ומעשים טובים, און זייענדיג א חולה מסוכן ממש אויפן טויטן בעט, האט ער אנגע־שריבן דיזן ספר אום אויפצוקלערן די מאסע אידן וואס זיינען ליידער ניט באהאוועגט אין די פרטי דינים פון אידישקייט. עס איז אי א סגולה און אי א באלערענדער ספר. ווייל דער מחבר האט ממש געברענט מיט א גרויסע הייליגע ליכט צו אידישקייט און צום לע־בעדיגן באשעפער.

דארום ווענדען מיר זיך צו אלע אידן: ברידער אידן! קויפט מיט פיל חשק דעם הייליגן ספר דברי מתתיהו ובית דוד, וזכרונות שמואל ומהרי״ל, און לערענט אין אים פלייסיג, וועט איר און כלל ישראל ואני בתוכם זוכה זיין צו א גאולה שלימה בקרוב און א ישועה כללית ב״ב אכי״ר.

דאס זיינען די רייד פון א תלמיד חבר פון מחבר, וואס זאגט עדות אויף דאס אויבענדערמאנטע. באתי עה״ח היום יום ו׳ עש״ק חזון, ה׳ מנחם אב, הילולא של האר״י הקדוש בצפת עיה״ק.

השפל **משה גרשון בהר״ר חיים גאלדצוויג**
נכד האדמו״ר בעל תורת חיים מקאסיב זצוקללה״ה

הקדמה לספר דברי מתתיהו ובית דוד

בהי"ת.

יגילו המתגעגעים וירונו ההמתאוים מאד מאד לראות את דברי קדשו של אדמו"ר הרה"צ גאון ישראל וקדושו — כאשר הייתי אני השפל באמנה אתו וידעתי הרבה מגאונותו וקדושתו, ואם באתי לספר בפה הי' נצרך ספר בפ"ע — יוצא לאור הדפוס כליל בהדרו, ובפרט תלמידו הותיק ירא"מ מו"ר חיים חייקל שולמאן הי"ו שנתן נפשו ומאודו עז ימים לא נח ולילות לא שקט כדי לקיים מצות רבו הק' זצללה"ה, שצוה עליו להדפים הספר הנ"ל שהוא, ליתן לאנשים כערכו וגילו ידיעה בקורות וקורא הדורות של אבותינו הק' מראש, הנביאים, התנאים, הפוסקים הראשונים והפוסקים האחרונים, כולם נשמותיהם עדן ולחיי עד הם, בקיצור נמרץ, ולהבינם בינה במצות מעשיות השייכים לכל יהודי בימי חלדו עלי תבל.

שם המחבר הק' הוא האדמו"ר הרב הק' צים"ע וכו' מו"ר ר' **מתתיהו בהר"ר ארי' ליב** זצללה"ה זי"ע **אשכנזי**, הנקרא בלשון זשארגון **דייטש**. שנולד בעיר סטראפקאוו, הונגרי', והובא לארצנו הקדושה, היא ירושלים תובב"א, תינוק דחכים טובא, ע"י מורו והורו הוא אביו הר"ר ארי' ליב זצללה"ה מגזע הגה"ק הב"ח ונכד האדמו"ר הק' ה"ר ברוך אברהם, האדמו"ר ורבן של עי"ת האנשוויץ, הונגרי', ובעיר הק' ירושלים עתיקא נתגדל בישיבות הק' בלימודי תורת הנגלה, ובחסידות ותורת הנסתר על ברכי האדמו"ר הק' צים"ע מלעליוו, הוא ניהו הרה"צ הק' מו"רר' דוד בידערמאן זצללה"ה, נכד האדמו"ר הק' מאורן של ישראל הר"מ מלעליוו יע"א, ונין ונכד להגה"ק ה"ר דוד מלעליוו, אשר שמו בקרבו, נין ונכד להני אשלי רברבי רשכבה"ג היהודי מפרשיסחא והחוזה מלובלין וההגה"ק הרבי ר' שמעלקא והגה"ק אחיו הרבי ר' פינחס בעל המקנה וההפלאה זצללה"ה. והאדמו"ר ה"ר דוד'ל בידערמאן זצללה"ה פעל כ"כ ונטע אמונת ה' טהורה ואמונת צדיקים וחסידות בלבו הרך של הנער מתתיהו, עד שכל זה היה שעשועיו ושיחתו תמיד,

ונקשר בעבותות אהבה לרבו הק' הנ"ל כ"כ עד שאפי' בימי זקנותו ושנים הרבה לאחר פטירתו לא עברה שעה ממש שלא היה מזכירו ומספר בהתרגשות מתורתו הק' ועבודתו ומרוב מופתיו ופליאותיו אשר הראה, ממש בשכבו ובקומו הוא שיחתו. ואמר לי כ"פ, שאם יגזור עליו השי"ת ויתרפא מחליו ל"ע (שהי' חולה וסובל על המחלה האנושה שאין רפואה למכתה, הידועה בשם מחלת הסרטן ר"ל, אשר נסתלק מעלמא הדין בסיבתה), שיחבר חיבור בפני עצמו מנפלאות ודרכו בקודש של רבו האדמו"ר רד"ב זצללה"ה הנ"ל, ולדאבוננו לא נתמלאה מחשבתו הק' בזה, ולכן כדי לעשות ולקיים רצון יריאיו ולקיים דבר מה ממחשבתו הנ"ל קראנו הספר אשר ניתן לפניכם קוראים אהובים היום **ספר דברי מתתיהו ובית דוד**, כי כל ימיו הי' אדמו"ר ר"ד שיחתו בפיו, כדי להלהיב נפשות אחב"י ולנטוע אמונה טהורה וקדושה בלבם.

ואמרתי אני השפל ומדוכה הח"מ שהייתי ימים הרבה באמנה אתו וראיתי ונוכחתי לדעת שאדמו"ר הוא הרב בעל המחבר ספר הנוכחי דברי מתתיהו ובית דוד, היה בעל מדריגה קדושה באמת (כאשר אספר להלן רק סיפור אחד אשר קראני ע"י, ומזה תדונו אתם קוראים אהובים על השאר). ואמרתי בשמ"ע ש"ז לנעוץ ולחבר סוף התורה הק' בתחילתה היינו: שהתורה הק' מסיימת ולכל היד החזקה ולכל המורא הגדול אשר עשה משה לעיני כל ישראל — בראשית ברא אלקים את השמים ואת הארץ, בהקדם דברי הרמב"ן הק' זלה"ה שכתב בפרשת ואתחנן ה', פסוק ט"ו, בלוחות שניות ועשרת הדברות שנשנו שם שנית שכ' וזכרת כי עבד היית בארץ מצרים ויוציאך ה"א משם ביד חזקה ובזרוע נטויה על כן צוך ה' אליקך לעשות את יום השבת ע"כ, וכתב הוא ז"ל לפרש בזה במה שאנחנו אומרים בקידוש יום השבת קודש: כי הוא יום תחלה למקראי קודש זכר ליציאת מצרים. ובאמת היו צריכין לומר בו: זכר למעשה בראשית. והביא פ' ע"ז מהרמב"ם ז"ל במורה נבוכים ולא הוטב בעיניו. וכתב הוא לפרש וז"ל: והראוי יותר לומר כי בעבור היות יציאת מצרים מורה על א' קדמון מחדש חפץ ויכול ע"כ אמר בכאן אם יעלה בלבבך ספק על השבת המורה על החידוש והחפץ והיכולת תזכור מה שראו עיניך ביציאת מצרים שהוא לך לראיה ולזכר והנה השבת זכר ליציאת מצרים ויציאת מצרים זכר

לשבת כי יזכרו בו ויאמרו השם ית' הוא מחדש בכל אותות ומופ־תים ועושה בכל כרצונו, כי הוא אשר ברא הכל במעשה בראשית.

הנה כי כן הם דברי הרמב"ן ז"ל שהטעם שאיתא בקידוש ש"ק זכר ליציאת מצרים, שבאמת לא הול"ל זכר ליציאת מצרים כי אם זכר למעשה בראשית לחוד, מפני שע"י אותות יציאת מצרים נתאמת שהשבת הוא זכר למעשה בראשית, שעל ידי שנתאמת אצלינו ע"י אותות ומופתים וידו החזקה אשר הראה ביציאת מצרים שהוא כל יכול ועושה ברצונו הכל נתאמת אצלינו שהוא ברא הכל במעשה בראשית.

ובזה יש לנעוץ סוף התורה הק' בתחילתה: ולכל היד החזקה ולכל המורא הגדול אשר עשה משה לעיני כל ישראל, ביציאת מצרים, מתאמת אצלינו שבראשית ברא אלקים את השמים ואת הארץ, שהוא רק לבדו הוא הכל יכול וא"ש וד"ל.

וזה היה פעולת צדיק וקדוש האדמו"ר הר"מ אשכנזי זצללה"ה ומצוה לפרסם מה שרמזתי בתחילת דברי למעלה שאני הגבר ידע־תיו והכרתיו לאיש קדוש ובעל מדריגה, כי עובדא ידענא שקראני ועל ידי זה יש ליתן מעט אומדנא מי הי' המחבר הקדוש של הספר הק' אשר אני נותן לפניכם היום. והוא: כי כאשר הזכרתי למעלה הי' המחבר מור"מ דייטש בשיגאגא דמתקריא פה שיקאגא, פלך איללינאָי מתגורר בעיר הנ"ל שיקאגא יע"א לרגלי ישיבתו שיסד בעיר הק' ירושלים תובב"א הנודעה בשם „אנשי מעמד" שעשכיו מתנהלת ע"י בניו הגאונים הרבנים מור"ר יהודה ליב ומו"ר יוסף אלי' אשכנזי וע"י הגאון מור"ר דוד יונגרייז אב"ד בעיה"ק ירושלים תובב"א. וזה הי' בשנות תש"ה, ו', ז', ח' לפ"ק, ונחלה ל"ע על מחלתו הידועה שממנה נסתלק בעלמא דין ל"ע, וגיסתי מרת יענטא לאה אשת גיסי מו"ר משה טערען הי"ו היתה משמשת אותו והש־תדלה אצל הרופא דאָקטאָר קראון נ"י שהוא פּראָפעסאָר בעניני היתוך שהוא יעשה הניתוח (אָפּעראַציאָן), וכל מה שעשינו עבורו והשתדלנו הן בעניני כספים לאסוף עבורו ועבור משפחתו והן למצוא לו דמים, כי כן צוה הרופא דר. קראון הנ"ל שמבלעדי דמים לא יוכל לעשות לו הניתוח, כי הסרטן (קענסער) הנ"ל כילה כמעט כל דמיו ונחלש מאד, אין להאריך בזה כלל וכלל, רק שעי"ז, היינו החולשה והמחלה הנ"ל ושנעשה לו הניתוח ע"י הרופא הנ"ל בבית

החולים הנקרא מייקעל ריז האָספיטאַל שבפה עיר שיקאגא פלך אילינאָי היה מוכרח לשכב במטה שם על ערש דוי. ובכל יום ויום היינו ממציאים לו אנשים שינדבו מדמם ליתן להצדיק הנ״ל כנ״ל.

והתקרב היום המיועד מהרופא שבו יעָשה הניתוח לו שהיה ביום ב׳ י״ד סיון תש״ז לפ״ק. וביום ו׳ י״א סיון תש״ז לפ״ק ביקרתיו בבית החולים הנ״ל וסידר לנו סדר התפילות בעדו ביום א׳ וביום ב׳ בעת שיעשה הניתוח שיעלה לרפואה ולטובה בידי הדאָקטאָר קראון הנ״ל, ואמירת קפי׳ תהלים בעדו בעת הניתוח וכו׳ עם מנין אנשים כשרים. ורשמתי לי כ״ז בזכרוני והבטחתיו שנעשה לו רצונו הנ״ל, וכאשר באמת קיימנו הכל. ונפרדתי ממנו בדמעות שליש, והלכתי לביתי לשבות יום הש״ק עם ב״ב. והנה בימי הקיץ שהלילות קצרים אין ללמוד אף בשנים בלילי ש״ק כי אין פנאי לזה שאחרי סעודת ש״ק כבר הוא כמעט חצות לילה, ועוד איזה שעות בלילה והיום יאיר מחשיכה לאורה, והלכתי לישן אחרי הסעודה דש״ק. וישנתי אז ושינתי ערבה לי, שישנתי עד שהאיר היום בשינה שהיתה תקיפה עלי והקצתי משינתי כשהיה כבר אור היום דשבת קודש ממש. ופתחתי את עיני ונטלתי את ידי והבטתי הבטה שיש בה ממש בחדרי שישנתי לעצמי בו. ונבהלתי מראות מראות אלקים, כי מלאכי מעלה באו לבקריני בחדרי, יאמינו לי קוראים אהובים בהן צדק שלי, שראיתי והנה רבו הוא אדמו״ר הרבי דוד׳ל בידערמאַן זצללה״ה, שהייתי מכירו עוד בחיים חיותו יושב על כסא רם ונשא, ועל יד הכסא עומד בנו הרבי ר׳ שמעון בידערמאַן, לעליוועך רבי, שניהם מלובשים בגדי ש״ק עם שטריימלעך על ראשם, ולא רחוק מהם יושב על כסא אחד זקן אחד ונשוא פנים, מראיהם שלשתם כמלאכי מרום, ואני יושב על מטתי והם מביטים עלי בעין חודרת. ונרתעתי, וכמעט שנפלתי לאחורי ממטתי, כי ידעתי שכולם הם כבר נפטרו לעולם העליון ואני מביט עליהם בעיני בשר והם מביטים עלי. והתחלתי לרעוד כמו האיש חולה שמרעיד מרוב הקדחת שקודח בו. ואני אעפ״כ התחזקתי ברוב יגיעה ורציתי לידע מה יהא בסוף הדבר. והם כמחכים עלי שאומר להם איזה דבר. אבל אני נאלמתי דום ולא יכולתי להוציא מלה אף דיבור קל. וכך התלחשו שלשתם האדמו״ר ובנו האדמו״ר זצוקללה״ה והזקן שבעבר השני, וכך עמדה המחזה כחמשה עשר דקות. ושמעתי שהוציאו אלו מלים: יראה זרע

וכו׳. ואח״כ מעט מעט התחיל המחזה להתכסות עד שנעלם מעיני לגמרי.

והנה כל יום הש״ק די״ב סיון הנ״ל שחזיתי המחזה הנ״ל הלכתי והייתי כאיש משתגע ממש. אבל לא גליתי זה לשום ב״א. והשתוקקתי לבוא ולהתייצב לפניו ולבשרו על המחזה הק׳ הנוראה הנ״ל. עד שעבר יום הש״ק ובא תחתיו יום ראשון בשבוע שבו מותר לנוע ברכבת ולילך לבית החולים שבו שכב הצדיק הנ״ל, כי המקום מקום בית החולים הנ״ל רחוק מאד מאד מביתי ולא אפשר בשום אופן להגיע לשם רגלי כ״א לנסוע לשם. וכאשר באתי והתייצבתי לפניו ופתחתי את פי לספר לו, הוא ז״ל הפסיקני, לומר לי בצחוק קל אשר עבר על שפתיו: למה למעכ״ת לתמוה ולטרוח לספר לי הלא אני שלחתים אל מעכ״ת. וידעתי כי אמת ויציב שפתותיו מללו כי אני השפל ונבזה חוטא ובעל בשר לא נסיתי בכאלה. והסביר לי שבאו אליו רבו ובנו ואביו לבקרו בבית החולים ולשמוח עמו בסעודתא דשבתא, וזימרו וניגנו כל מקדש שביעי בקול גדול כנוסח קרלין, כי הרד״ל בידערמאן זצללה״ה נסע להאדמו״ר הר״א מקארלין בחייו ונעשה לחסידו ותלמידו, ויירא הייתי שיעירו האנשים החולים מקולם, אבל לתמהוני המשיך בדיבורו אלי לא העיר אף אחד מהם כנראה כי קול לו קול אליו לבדו היה הדבר מכוון, וכשהאיר היום וביקשו להתפטר ממני אמרתי אליהם ברכוני שאתרפא מניתוח הנוכחי כי ירא אנכי אותו, וברכו אותי בזה״ל יראה זרע יאריך ימים. אח״כ כשנפרדו ממני בקשתים, היות שיש לי בפה ידיד נאמן הרב גאלד־צוויג, והוא משתדל מאד עבורי בכל הדברים הנחוצים לי ולוקח חבל בצערי ובחליי כאשר האמת כן היה אבקש מכם שגם אותו תבשרו בבשורה טובה הנ״ל שאמרתם אלי, ושלחתים אל ביתכם וזהו המחזה שקרה אתכם א״ד זצללה״ה.

כשמעי בפיה״ק כ״ז נוכחתי לדעת שבאמת איש קדוש מאד הוא הרבי הר״מ אשכנזי. ועוד שמעתי ממנו ומגיסי דברי נפלאות מאד אלא שהמחזה הק׳ הנורא הנ״ל הוא בעצמו דיו להעיד עליו מי הוא הרב המחבר הספר הנוכחי „דברי מתתיהו ובית דוד״, שכולו קודש לזכות את הרבים ויהא זכות תלוי בו בהמחבר הק׳ אשר מובטחני שימליץ טוב במרום עלינו לגאלינו ולפדות את נפשינו מגלות המר והנמהר, גלות הגוף והנשמה, ויחיש משיחנו ובן דוד

ג"צ יבא אלינו ואקוה שאתם בית ישראל תמשכו ותקחו הספר הק' הנוכחי ובכסף מלא תקחוהו ותביאו ברכה מרובה אל תוך בתיכם ותיכף לצדיק יסוד עולם ות"ח אמיתי ברכה בכל מעשי ידיכם, אכי"ר.

א"ד השפל הכותב בדמע לכבוד הרה"צ אדמו"ר הק' המחבר הס' הנוכחי ולכבוד התורה הק' באתי עה"ח היום יום א' לסדר „ואתה תצוה את בני ישראל ויקחו אליך", ב' אדר הראשון תשי"ז לפ"ק, פה שיקאגא פלך איללינאָי, אה"ב אמעריקא הצפונית,

השפל **משה גרשון בלא"א הרב ר' חיים ז"ל**
מעיה"ק צפת ת"ו, נכד הרה"ק רבשכ"י הרמ"מ מקאָסיב זצוקללה"ה והאדמו"ר הק' רש"י הר"ח מקאָסיב זצוקללה"ה ונכד להצדיק הק' הנסתר יסוד הנסתרים מל"ו צדיקיא דעלייהו מתקיים עלמא, מור"ר גרשון זצוקללה"ה זכיע"א.

דברי מתתיהו ובית דוד

אמונה והשגחה

כל עצמותי תאמרנה ה׳ מי כמוך.

אין אמת דאַרף גאָר דער מענטש ווייט ניט זוכן נפלאות הבורא יתברך שמו לעד ול״נ, ער געפינט דאָס ביי זיך אין זיין קערפער. ער זאָל נאָר אַרומטראַכטן פון וואַנען זיין שטאָם קומט אַרויס, אויב עס איז נאָר גלויבליך דערפון זאָל אַ מין בריה מיט דעם נאָמען מענטש אַרויסקומען. דער מענטש קומט אַרויס פון אַ קראַפּט וועלכע מען באַקומט דאָס פון שפּייז. די ערשטע קוואַל פון אַלע שפּייז דער געוויקס — צומח, וואָס דאָס קומט אַרויס פון דער ערד, — דומם, און דערפון קומט אַרויס דער חי, דער מדבר דער מענטש, וועלכער האָט אַ ממשלה אין דער וועלט. באַטראַכט נאָר דעם געבוי פון גאַנצן קערפער, אינערליך און אויסערליך, ווי עס איז געשלאָסן מען זאָל זיך קענען בויגן, קנייטשן ווי מען וויל און ווי עס איז געבויט יעדער זאַך בכונה.

די אברים זיינען דאָס מערסטע באַשאַפן דאָפּעלע זיי זאָלן אים פאָלקאָם נוצן, און כדי ער זאָל באַנוצן פאַר די צווייטע ווען עס טרעפט זיך ג־ט באַהיט אַן אונגליק. דער לונג דער מוח איז אויך אין צווייען באַשאַפן. די אויג איז טיף אריינגעזעצט מען זאָל זיך ניט קענען גרינג אָפּקלאַפּן און מיט אַ ברעם צוגעדעקט, מען זאָל קענען פארמאכן ווען מען וויל. דעם מויל צום עסן, די ציין צום קייען, דער מאָגן צום קאָכן. דער מאָגן צומאָלט דאָס עסן גאַנץ דין און שיקט אריין אין די גידערים, דאָרט ווערט דאָס ווי מילך. די שמוץ וואָס בלייבט איבער, שיקן אָפּ די גידערים ארויסצואוואַרפן. דער מילך זאַפּט שפּאַרט דורך די הויט פון די גידערים אין לעבער

ארייַן, און אין לעבער ווערט דאָס בלוט. פון לעבער גייט אָן אָדער צום האַרץ, דורך דעם אָדער גייט די בלוט צום האַרץ. די האַרץ שיקט די בלוט פאַנאַנדער אין גאַנצן קערפּער. דערפון וואַקסן די פלייש, די ביינער און עס ווערט געשפּייזט דער גאַנצער קערפּער. פון האַרץ גייט א גראָבער אָדער אין די לונגען ארייַן. דער געוויינ־ליכער קערפּער האָט 13 פיינט בלוט, די בלוט גייט אין די לונגען 48 מאָל א מינוט. דער גאַנצער קערפּער וואו עס גייט דורך די שפּייז און וואו עס לויפט דורך די בלוט דורך די אָדערן, איז צוגעריכט ווי דעקלאַך, ווי די שפּייז און די בלוט גייען דורך פאַרמאַכן זיך די דעקעלאַך עס זאָל צוריק ניט שפּאַרן.

עס איז צו באַוואונדערן ווי רייך די בריאה איז געמאַכט, צו פאַרהיטן איר פון שאָדן. דער גאָרגל איז א לופט־פּאָמפּע צום לונג. דער וושט טראָגט ארייַן די שפּייז, דאָס געטראַנק אין מאָגן ארייַן. דער גאָרגל שטייט אין האַלז פאַר דעם וושט. די שפּייז און די זופּ, האָט קיין אַנדער וועג צו גיין נאָר איבער דעם גאָרגל. ווען דער גאָרגל זאָל באַקומען עטוואָס פון דעם ווערט מען ח"ו דערשטיקט. דער גאָרגל האָט אויף זיך א הייטל, נאָר א גאַנץ דינער שפּעלט איז אָפן אַריינצופּאָמפּען די לופט. דער שפּאַלט רופט זיך שטימע־שפּאַלט, ווייל דער אויר וואָס קומט איבער דעם שפּאַלט גיט אַרויס דעם קול, און צו פאַרהיטן פון א סיבה, גייט אַרויס פון האַלז איבער דעם שפּאַלט א דעקל וואָס דעקט אָפּ און דעקט צו ביי יעדער ביסן וואָס גייט אין וושט. אין דער צייט פון עסן דאַרף מען דאָך אויך האָבן לופט קען דאָך דורך דעם דעקל אַריינגיין ברעקלאַך פון שפּייז אין שפּאַלט ארייַן, איז געמאַכט געוואָרן ביים האַלז 2 שפּאַלטן, אויב עס וועט פאַרבלאָנדזשען א ברעקל זאָל אריינפאַלן אין די שפּאַלטן דאָרט איז דאָ א מין פייכטקייט וואָס עס צולאָזט די ברעקלאַך און עס מאַכט גלאַט ביז עס פאַלט אַרויס.

דאַרום פאַרזאָגן אונזערע הייליגע חז"ל זי"ע, מען זאָל ניט ריידן אין עסן, ווייל ריידענדיק קען עס אַריינפאַלן אין שטימע שפּאַלט, דאָן איז שוין א סכנה ח"ו. ווי מען זעט אָפט מאָל ריידענדיג אין עסן פאַנגט מען אָן צו הוסטן און שטיקן זיך ווייל עס איז אַרייַן א ברעקל אין שטימע שפּאַלט, שטיקט עס דעם אויר אין די לונגען הוסטענדיג פאַלט עס אַרויס. דאַרום דאַרף מען בעסער פאַרהיטן עס זאָל ניט קומען צו דעם.

זע אויב דער קערפּער איז ניט איינגעטיילט ווי א פירשטלי־כער הויף מיט אָנגעשטעלטע דינער? — איינער וואָס ברייגגט אריין אין הויף און גיט איבער צום צווייטן, דער צווייטער נעמט צו און האַלט ביי זיך ביז עס ווערט באַטיילט דער גאַנצער הויף, דער דריטער טיילט פאַנאַנדער יעדערן ווי נויטיג, דער פערטער רייניגט אָפּ דעם הויף פון די שמוץ פון דער גאַנצער צייט.

דאָס זיינען די פיר קרעפטן וואָס ווירקן אימער אין מענשן: א) כח המושך, דאָס איז דער כח וואָס ציט אריין די שפּייז אין מאָגן אריין. ב) כח המחזיק, דער קראַפט וואָס האַלט איין די שפּייז יעדער אין זיין באַשטימטן אָרט, אין זיין אָפּגעשטעלטער צייט. ג) כח המבשל, דער אַפּאַראַט וואָס קאָכט אוים כעמיש די שפּייז פאַר יעדער אבר ווי ער האָט נויטיג. ד) כח הדוחה, וואָס וואַרפט אַרוים די פסולת פון קערפּער צו דער צייט וואָס די שפּייז האָט שוין אָפּגעטאָן איר אַרבייט.

באַטראַכט נאָר די מאַשין וואָס איז אין מענשן! — דו געפינסט אין מענשן דעם לאָקאָמאָטיוו, וואַסער־צאַנג, טעלע־גראַף, טעלעפאָן, פאָנאָגראַף, טיפּאָגראַף:

דער לונג איז א לאָקאָמאָטיוו, וואָס גיט פּאַרע און באַהייצט. ער דיסטילירט וואַסער. די נאַטור פאַרשטער ערקלערן וויפיל אַרבייט דער לונג טוט אָפּ, דאַרף מען אויף דעם שטעלן א מאַשין גרוים ווי א הויף פון 20 פאַמיליעס מיט פאַרשידענע אינסטרומענטן, און דער לונג איז גרוים אַרומצונעמען ווי מיט ביידע הענט, די האַרץ טרינקט אָן קינסטליך מיט בלוט דעם גאַנצן קערפּער. זי אַרבייט מער און בעסער ווי די וואַסער־לייטונג פון די גרעסטע שטאָט אין דער וועלט. חכמת המוזיק געפינט מען אין אויער. עד היום איז מען נאָך ניט דערגאַנגען אין גאַנצן די חכמה וואָס ליגט אין אויער. דער אויער איז א טעלעפאָן, ווי מען רעדט דאָ הערט דער מוח דאָרט. די אויג איז אַ פאָטאָגראַפיע וואָס כאַפּט אַרויף אויף זיך פון וואָס זי דער־זעט. די קאָפּ איז א פאָנאָגראַף און א טיפּאָגראַף צוזאַמען. אַלעס וואָס מען הערט און מען זעט בלייבט דאָס פון אינוויינינ אזוי ווי אָפּגעדרוקט, און מיט דעם מויל רעדט מען דאָס אוים.

דער מוח איז דער קעניג פון גאנצן קערפער. אין אים איז דאָ 4 חושים: 1) ראיה, זען, 2) שמיעה, הערן, 3) טעם, געשמאַק, 4) ריח, דער שמעקן די זאַך.

די אויג האָט פון אינווייניג ביים מוח אַזוי ווי א וואַנט וואָס פאָטאָגראַפירט אויף זיך די געשטאַלט פון דער זאַך, וועלכע די שטראַלן שיינען אהין אריין, דורך 2 אַריבערגעלייגטע נערוון, וואָס דורך זיי קומט אריין אין מוח די ליכטיגקייט. די 2 נערוון ציען זיך פון מוח צום אויג, און ליגן געשליפט איינער איבער דעם אַנדערן. אויך האָט די אויג 7 פערשידענע הייטלאַך, עס זאָל אויס-קומען די ראיה ווי נויטיג איז.

אין אויער גאַנץ טיף איז צוגעריכט פון אינווייניג אַן אָרט פול מיט אויר פון געבאָרן, און ביינדלאַך מיט שטיקער פלייש. איבער דעם איז באַצויגן א הייטל ווי א פייקעלע. ווי עס קומט אהין דער קול, הויבן אָן די שטיקעלאַך פלייש טרייבן די ביינדלאַך, דורך דעם זאַפּאַסנעם געבאָרענעם אויר, און זיי פייקלען אויף דעם הייטל, און דאָס קלאַפּט אריין אין נערוו וועלכער איז צוגעטשעפּעט צום מוח, און דער מוח דערפילט צו פאַרשטיין וואָס פאר א מין קול ודבור עס הערט זיך דאָרט.

די זעלבע זאַך איז דער חוש הטעם און חוש הריח צוגע-טשעפּעט דורך די נערוון וואָס גייען אַרויס פון מוח צום צונג צום גו-מען צו די נאָזלעכער.

עס איז דאָ א 5-טער חוש, דער חוש המישוש, דער טאַפּן די זאַך. צו דעם חוש המישוש האָט שוין דער מוח א מיטהעלפער, דער חוט השדרה, וועלכער ציט זיך פון מוח. דער מוח מיט די שדרה שיקן פאַנאַנדער די שלוחים, די נערוון אויף דעם גאַנצן קערפער, די נערוון וואָס זיי דערטאַפּן געבן זיי באַלד א טעלעגראַפישע ידיעה צום מוח, און דער מוח פילט באַלד וואָס מען האָט דאָרט אָנגעטאַפּט, — הייס, קאַלט, א קלאַפּ, א ברען, און דער דערטאַפּן די זאַך.

דאָ האָבן מיר נאָר עטוואָס אָנגעמערקט וועגן קערפער. עס איז דאָ וועגן יעדער אבר פון קערפער באַזונדער צו באַשרייבן. וואו איז נאָך דאָ די ג-טליכע חכמה אין כח ההולדה? און בכלל דער גאַנצער מענש, דער מוח, די האַרץ, וואָס זיי ביידע זיינען די פירער

פון מענשן? די קאָפּ טראַכט, די האַרץ פאַרשטייט. באַטראַכט נאָר די קינסטליכע אַרבייט פון די רעדע קראַפט וואָס ביים מענשן איז, דער גאָרגל איז הויל דער קול זאָל קענען דורכגיין, דער גומען, די ציין, דער צונג, די ליפּן צום אויסשפּראַך, אויסער זייער נוצן צום פאַרפערטיגן די שפּייז פאַר דעם קערפּער. מען זאָל נאָר באַטראַכטן די כחות פון נפש, שכל, דבור, זכרון, שכחה, ווען עס זאָל דעם מענשן פעלן איינע פון די זאַכן, ווי וואָלט ער אויסזען? עס זאָל נאָר פעלן דעם מענשן דער כח הזכרון, וואָלט אים שוין ניט נוצן דער שכל, די רעדע קראַפט, זיין גאַנצע מיה וואָלט דאָס אים נאָר פון דער וועלט אומברייננגען. זע נאָר דיביידע כחות זיינען דאָך קאָנטראַסט ביים מענשן און זיי שטימען צום נוצן. נאָר דער הייליגער בורא כל העולמים, וואָס ער איז דער בורא יחיד, ער קען דאָס איינשטימען אין מענשן, דעם שכל און דעם כח הדיבור וואָס איז געגעבן נאָר דעם מענשן, דורך די ביידע כחות עקזעסטירט ער אין דער וועלט. דער צונג איז די פּעדער פון האַרץ, אַרויסצוגעבן זיין אינערליכן פאַרלאַנג. מיט די ביידע קרעפטן דרייט ער זיינע רעדער איבער דער גרויסער וועלט. דער שכל קלערט אויס פּלענער, מאַשינען, די רעדע קראַפט גיט דאָס איבער, און דער שכל האָט שוין געפונען מיטלען די רעדע קראַפט צו פאַרברייטערן, ווייטער אויף טויזנ־טער מיילן און טויזנטער שטעדט. אויך ווען דער שכל שטאַרבט אָפּ און דער כח הדיבור גייט פאַרלאָרן, אָבער זיינע אויפטועז פאַר־בלייבן אין דער וועלט אויף אייביג, דערמיט איז דער מענטש אַן אויסנאַם פון אַלע ברואים.

הכלל, אויף יעדער גליד, אויף יעדער אָדער איז אָנצוטאַפּן די ג־טהייט. דאַרויף זאָגט דער הייליגער דוד המלך ע"ה: מיינע אַלע ביינער שרייען אויס: ג־ט! ווער איז גלייך צו דיר.

דרך אמונה

איפה היית ביסדי ארץ הגד אם ידעת בינה (איוב ל"ח)

די גאַנצע בריאה, די וועלט מיט איר נאַטור, יעדער באַשע־פעניש, לעבעדיגע און ניט לעבעדיגע, פאַרשטייט מען נאָר דעם כח וועלכן מיר זען אַרבייטן אין דער וועלט, אָבער ווי אזוי עס אַרבייט זיך יעדער זאַך, דאָס קען מען בשום אופן ניט פאַרשטיין. מען

פאַרשטייט ניט דעם גאַנג פון לעבן און טויט, פון אַלע שפּראַצונגען ווי אַזוי דאָס איז. וויפיל מען האָט שוין דערגאַנגען די חכמה וואָס אין דעם קערפּער געפינט זיך, אָבער צום גרונד פון דער זאַך דער־גייט מען ניט בשום אופן.

די אַרבייט פון מוח איז אַ באַהאַלטענע חכמה. עס איז גאָר ניטאָ קיין וועג ווי דאָס צו דערגיין, עס איז גאָר ניט צו פאַרשטיין וואָס מיט אים איז, ווי אַזוי דאָס פילט, ווי אַזוי דאָס זעט, ווי אַזוי דאָס הערט, ווער שפּילט דאָרט די ראָלע, ווער איז דער איך וואָס וואוינט אין מוח, וואו ענטהאַלט זיך דאָס אַלעם וואָס דער מענטש הערט און זעט און הערט און טראַכט דורך אין זיין גאַנצן לעבן? פרעג די פילאָזאָפן, די נאַטור פאָרשער. אין דער צייט וואָס פאַלט אַרויף דעם מענטש אַ געדאַנק, וואָס טוט דאַן דער מוח? וואָס איז די אַרבייט פון יעדן מין שטאָף וואָס געפינט זיך אין מוח? דער מאַרך, די אָדערלאַך, די נערוון, די קליינע קייקעלאַך פון וועלכע דער מאַרך באַשטייט, — וועלן זיי דיר ניט ווילנדיג ענטפערן: מיר ווייסן ניט.

באַטראַכט נאָר די קרעפטן פון מוח ווי קינסטליך דאָס אַר־בייט, ווי אַזוי מען פאַרגעסט אַ זאַך און ווי אַזוי מיט גרוים אָנ־שטרענגונג דערמאַנט מען זיך. ווער דערמאָנט דאָס? ווער זאָגט דאָס אוים? פאַרשטיי, פונוואַנען שעפּט מען דאָס אָן נייע רעיונות? ווי אַזוי פאַלט אריין אַ רעיון וואָס מען האָט פון דעם קיינמאָל ניט געטראַכט? צ. ב. איינער איז זיך מסדר אַ דרוש, און אין מיטן דרוש פאַלט אים גאָר איין גאַנץ אַנדערש צו טייטשן דעם פסוק, וואָס ער האָט דאָס ניט געזען און ניט געהערט?

אז דו פאַרשטייסט ניט ווי אַזוי דער שפּראַצונג שטאַרבט און לעבט אָפּ, און דו זעסט דאָך אז עס איז אַזוי, קענסטו שוין גלויבן אין תחיית המתים. אז דו פאַרשטייסט ניט די חכמה ווי אַזוי עס אַרבייט זיך ביי דיר אין מוח, וואָס דו זעסט יעדער רגע זיין אַרבייט, קענסטו שוין גלויבן אין אַ העכערע סאָרט חכמה וועלכע ווערט געשיקט אין מוח, — דאָס איז רוח הקודש, נבואה. אז דו קענסט ניט פאַרשטיין דעם גאַנצן גאַנג פון דער נאַטור וועלכע מען זעט מיט די אויגן, קען מען שוין גלויבן אַלע נסים וואָס איבער דער נאַטור, ביי דעם הייליגן באַשעפער ב״ה וב״ש איז דאָך גלייך נאַטור צו איבער־נאַטור.

אמונת התורה

מה אנוש כי תזכרנו וגו' תמשילהו במעשי ידיך כל שתה תחת רגליו.

אונזער פאָטער, דער הייליגער אברהם אבינו זי"ע, האָט באַטראַכט אַלע ברואים אויף דער וועלט. האָט ער געזען דאָס די לעבעדיגע ברואים צוטיילן זיך אין 3 אָפטיילונגען: עס איז דאָ איין מין בריה נאָר פון איין געגענשטאַנד, איין גייסטיגער קראַפט זייער אן איידעלע זאַך, א ריינע שכל. דער מין ווערט ניט קליגער, ניט פרימער, ניט בעסער, ניט ערגער, נאָר אימער אין איין שטאַנד. דאָס זיינען מלאכים, שרפים, אופנים, חיות הקודש משרתי עליון.

עס איז ווידער דאָ א מין בריה, וואָס זי איז צוזאַמענגעשטעלט פון פאַרשידענע יסודות קערפערליך, און האָבן ניט קיין גייסטיגע קראַפט, דאָס זיינען: בהמות, חיות, עופות, שרצים און דגים.

א דריטע בריה איז דאָ, דער מענטש. וואָס מצד הגשמי, דאָס הייסט פון קערפערליכע זייט איז ער גלייך מיט אַלע קערפערליכע ברואים, אויך א צוזאַמענגעשטעלטער פון פאַרשידענע יסודות. דער מענטש מיט די ברואים זיינען נאָר גלייך אין דער נאַטור וואָס עס פאָדערט צום קערפער. און א גייסטליכען פאַרשטאַנד, האָט דער מענטש גלייך מיט די מלאכים, ער איז זייער קלוג און גייסטליך, זיין אויג טראָגט ווייט, דאָס איז די נשמה.

פון דעם אַלעם האָט אברהם אבינו ע"ה פאַרשטאַנען, דאָס די כוונה פון דער בריאה איז דאָס דער מענטש אַרבייט מיט דעם נפש אין גייסטליע זאַכן, חכמה, און מיט זיין קערפער דאַרף ער אַרבייטן אין וועלטליכע זאַכן. דער קערפער מוז אָבער אימער נאָך דעם שכל נאָך גיין, דאָס הייסט דער מענטש מוז יעדער זאַך טאָן מיט א רעכענונג.

מיט וואָס איז מען אָבער זיכער אז דער שכל וועט ניט פאַרפירן דעם קערפער אין דער שלעכטער זייט? ווי מען זעט אָפט מאָל ווי דער שכל פאַרקריכט. צ. ב. דעם שכל טראָגט אויס א פלאַן צום גנב'נען, אָדער אַן אַנדער עולה צו טאָן, און דער קערפער מיט זיינע אברים פאָלגן. די פיס גייען, די הענט נעמען. האָט אברהם

אבינו ע"ה ווידער אויסגערעכענט, ווי אין מענטשן געפינט זיך די גאַנצע מענשליכע בריאה. אין אים געפינט זיך די כחות פון דער וועלט, ווי דער הייליגער רמב"ם ע"ה ערקלערט (מורה נבוכים פרק ע"ב), און גאַר איינפאַך קען מען פאַרגלייכן דעם מענטש מיט דער וועלט. די אויג איז ווי די זון, דער אויער רוישט ווי די וואַלן פון ים, דער לונג אין קערפער ווי דער אויר, די האַרץ קלאַפּט מיט בלוט איבער דעם קערפער ווי די וואַסערן איבעראַל. די אשה שוואַנגערט און געווינט אַ קינד, ווי די ערד האָט אויך אין זיך אַ בעשטימטע צייט אַרויסצוגעבן אירע פּרוכט. אויך געפינט זיך אין מענטשן די נאַטור פון אַלע מיני ברואים, כשר'ע און טריפ'ע, טהורים און טמאים, גוטע און שלעכטע, ווי מען זעט באמת דאָס עס איז דאָ פאַרשידענע נאַטורן ביי מענטשן, אַנדערע האָבן גאַר דעם נאַטור פון די ווילדע טהיר. דאַרום רופן אָן די הייליגע חז"ל דעם מענש עולם קטן, קליינע וועלטל, ווייל ער האָט אין זיך די נאַטור פון דעם עולם גדול, די גרויסע וועלט, די בריאה.

דער מענטש האָט פאַר זיך צוויי וועגן: ער קען אַרבייטן דורך גוטע מעשים און גליקליך מאַכן די וועלט. דער לעבן און דער טויט איז אין קראַפט פון זיין צונג, וואו ער וואַרפט זיין אויג מאַכט ער אַ רושם, זיין האַרץ וויל אין זיך די גאַנצע וועלט אַריינגעמען און דער מענטש האָט פאַר זיך אַ פרייע וועלט, אַלעס אונטער זיין שויץ, וואָס קיינער האַלט אים ניט צו. אַלזאָ האָט אונזער הייליגער פאָטער אברהם ע"ה פאַרשטאַנען דאָס עס מוז זיין אַ תורה וואָס זאָל רעגירן איבער אים, ער זאָל זיין געצאַמט אויף יעדער שריט און טריט, אויף יעדער בליק, וואָס זי זאָל אים אויסבילדן, ער זאָל ברעכן די נאַטור פון די שלעכטע זיטן ניט צו וועלן און ניט צו טאָן די זאַך וואָס איז ניט רעכט.

אין די זאַכן וואָס די חכמים האָבן געזאָגט אין דער נאַטור, האָבן נאָך די נאַטור פאַרשער זיי ניט אָפּגעווענדעט. די חכמים זאָגן, אַ הון טראָגט אין זיך אוים די איי אין 21 טעג, געגן דעם טראָגט דאָס זעלבע דער בוים לוז, — דער כלב צו 50 טעג, געגן דעם דער פייגענבוים, — די קאַץ טראָגט 52 טעג, געגן דעם דער בוים תות — דער חזיר טראָגט 60 טעג, דאָס זעלבע דער עפּעלבוים, — דער פוקס און אַלע שרצים טראָגן 6 חדשים, דאָס זעלבע טראָגט אוים

אין זיך די תבואה, א בהמה דקה טהורה טראָגט 5 חדשים, געגן דעם דער וויינשטאָק, א בהמה גסה טהורה טראָגט 9 חדשים, געגן דעם דער איילבירט, — א בהמה גסה טמאה 12 חדשים, געגן דעם דער טייטלבוים, — דער לייב, דער וואָלף, דער בער און נאָך אנדערע צו 3 יאָר, געגן דעם דער בנות שוח, — דער אפעה, דאָס איז אזא מין ברענענדיגע שלאַנג, ווערט שוואַנגער צו 70 יאָר פון איר געבאָרן געגן דעם די זעלבע צייט דויערט דער חרוב (באָקסערבוים) פון פלאַנצן דעם בוים ביז פאַרטיג ווערן די פרי. זעט מען ווי אַלעס איז ריכטיג.

בקיצור הדברים, עס איז אומנאַטירליך זייער חכמה. פיל זאַכן וואָס די חכמים האָבן געזאָגט און מען האָט זיי ניט געוואָלט גלויבן, ביז מען איז דערגאַנגען אז זיי זאָגן אמת. די חכמים זאָגן, אז אין דעם מענשן געפינען זיך 248 גלידער, האָבן פוחזים וריקים געוואָלט דאָס אָפלייקענען, לסוף האָט מען ב"ה ערפאָרן אז אַלעס איז אמת ויציב. עס איז דאָ א משנה אין מסכת חולין, א שרץ וואָס איז א האַלבער פלייש און א האַלבער ערד, אז מען רירט זיך אָן אין די פלייש איז מען טמא, אויב מען רירט זיך אָן אין די ערד איז מען טהור. פון דער משנה האָבן פוחזים וריקים געמאַכט ליצנות, זיי האָבן געזאָגט אז דאָס איז לא הי' ולא נברא. לסוף איז באַוואוסט געוואָרן ב"ה אז די ברי' געפינט זיך אין מצרים, זי רופט זיך אין עגיפטיש „דיפס יאקולוס", אויף דייטש הייסט זי שפרינגמויז, די קאָפּ, די ברוסט און די הענט איז זי פלייש, פון הינטן איז זי ערד. אין אייניגע טעג ווערט זי אינגאַנצן פלייש.

אין אונזערער לעצטער צייט האָבן מיר ערפאָרן די גרויס־קייט פון די הייליגע חכמים זכרונם לברכה. עס האָבן זיך געפונען אַזעלכע וואָס האָבן געוואָלט אַרויסגעבן בעסערע מיטלען ווי שחיטה, ב"ה אז אַלע האָבן מסכים געווען דורך דעם שליח דר. דעמבא, דאָס דער בעסטער מיטל איז די שחיטה מיט אַלע אירע דינים. דער הויפּט נצחון זיינער איז געווען מיט דער גמרא חולין דף קי"ג ע"ש, אז עס גייט ניט אַרויס די בלוט ווי נויטיג דורך די סימנים, נעמט איין די פלייש די בלוט, וועגט די פלייש שווערער, איז אויסער דעם איסור בא'גזל'ט מען נאָך די וועלט.

דורך דעם וואָס מיר גיבן ארוים אונזער ספר „זכרון שמואל״, געפינען מיר נויטיג צו ערקלערן ווי אזוי עס האָט זיך איבערגעגעבן דער דת, און אין קורצן דעם פאַרלויף ווי עס האָט פּאַסירט מיט דעם איד, מיט דער תורה און מיט ארץ ישראל ביז די לעצטע צייט.

די היסטאָריע שרייט מיט קולי קולות: קערט זיך צוריק פון אייער ווילדקייט, קוקט מיט אָפענע אויגן וועט איר זען ריכטיג די אמונה מיט די השגחה און די הייליגקייט פון דת. פון דער היסטאָריע זעט מען ריכטיג, ווען זיינען אידן געווען גליקליך, נאָר אז זיי האָבן געהיט די תורה. זיי זיינען ניט געשטראָפט געוואָרן ביז זיי זיינען ניט פריער פריי געוואָרן אין דת. האָבן זיי זיך צו־ריק גערופן, זיינען זיי געענטפערט געוואָרן.

די היסטאָריע ווייזט ווי דער הייליגער באַשעפער פירט מיט דעם אידן למעלה מן הטבע, מיט נסי נסים, האָט מען ארויסגעראַ־טעוועט די תורה און דעם איד. וואָלט ווער געגלויבט אז די שוואַכע שעפעלע איז נאָך ביז היינטיגן טאָג אינגאַנצן געבליבן און אַלעמען איבערגעלעבט? וואו איז מצרים? וואו איז אשור, בבל, יון און רום? פאַר וואָס? — ווייל דער איד באַשטייט אין גייסטליכן קראַפט און די פעלקער באַשטייען אין קערפערליכן קראַפט, דארום ענ־דיגן זיי זיך ווי דער קערפער ענדיגט זיך, און מיר בלייבן עם הנצחי. אַלזאָ, אַזוי ווי די תורה און דעם איד האָבן מיר, וועלן מיר נאָך האָבען בעזה״י ארץ ישראל אויך, ווי עס איז אונז געגלויבט דער צוזאָג פון די נביאים.

די היסטאָריע ווייזט אַרוים ווי עס איז מקוים געוואָרן די נבואה פון די נביאים פונקט אות באות, אפילו אויף פרעמדע נאַ־ציאָנען. ישעיה הנביא האָט נביאות געזאָגט אויף כורש מלך פרס נאָך מיט א צייט פריער, ווען די פירמע כורש האָט נאָך גאָר ניט עקזיסטירט, איז ריכטיג מקוים געוואָרן. נחום האָט נביאות געזאָגט אויף דער שטאָט נינוה האָט ניט געפעלט קיין האָר. ישעיה, ירמיה, יחזקאל האָבן נביאות געזאָגט אויף מצרים, אויף צור, איז עס מקוים געוואָרן ריכטיג, ווי עס איז באַוואוסט אין דער וועלט געשיכטע. אפילו וואָס דניאל האָט געזאָגט, אז נבוכדנצר וועט ווערן א חיה אין וואַלד, נאַטירליך האָט מען דאָס ניט געוואָלט גלויבן. די לעצטע

צייט האָט מען געפונען אין נבוכדנצר׳ס פּאַלאַץ אויף די ווענט אַלעם אויסגעשריבן די געשיכטע. אַזוי איז מקוים געוואָרן אַלעם וואָס די נביאים האָבן געזאָגט אויף פרעמדע נאַציאָנען. און אויף אידן איז דאָך ידוע אין גאַנץ תנ״ך ווי עס איז יעדער זאַך מקוים געוואָרן. איז געווים בעגלויבט אויף די קונפטיגע צייט זייער נבואה אויף ביאת מלך המשיח און בנין בית המקדש און תחית המתים, א גאולה נצחית במהרה בימינו אמן.

נאָך אַלע רייד, ווען אויך מען זאָל חלילה א שטיינערנע האַרץ האָבן, דאַרף יעדערן רירן, מען זאָל וועלן וויסן דעם דת און היטן די מצות צו וויסן וועלכע מען מעג, וועלכע עס פּאַסט און וועלכע מען טאָר ניט און עס פּאַסט ניט. אַלזאָ גיבן מיר בעזהשי״ת אַרוים דעם ספר **זכרון שמואל**, אַלע תרי״ג מצות מיט די דינים וועלכע גיהערן צו יעדער מצוה, אויך ביי פיל מצות שיינע ער־קלערונגען אין געשיכטע, און געשיכטעס פון הייליגן תלמוד ומדר־רשים וועלכע א איד קען דערפון שעפּן מדות טובות. מיר האָבן גע־מאַכט דעם ספר אין זשאַרגאָן, בכדי אַלע פון גרוים ביז קליין זאָלן וויסן די מצות.

ווי די גמרא זאָגט: אין חזקיה המלך׳ס צייט איז ניט געוועזן קיין פרוי און קינדער וואָס זאָלן ניט וויסן די תורה. ווייל א אשה איז נאָר פטור פון לערנען תורה מיט פלפול, אָבער וויסן די מצות זיינען זיי מחויב גלייך מיט די מענער, דען עס זיינען דאָ גאַנץ ווייניג מצות וואָס נשים זיינען פטור, דען אין אַלע 365 מצות לא תעשה זיינען זיי אויך מחויב גלייך מיט די מענער, און פון די 248 מצות עשה איז דאָ גאַנץ ווייניג וואָס זיי זיינען פטור, אין ציצית, תפלין, און נאָך איינינע, ביז 14 מצות.

עס איז ידוע אז אין אַלע צייטן האָבן אונזערע גאונים, דער רמב״ם, דער חובת הלבבות און נאָך אַנדערע געמאַכט ספרים אין דער שפּראַך וואָס מען האָט דאַן גערעדט. ווי עס שרייבט הגאון החכם ר׳ אלכסנדר משה לפידות אין זיין הסכמה.

מיר האָבן דעם ספר איינגעטיילט אין סדרות, ווען מען זאָל אפילו נאָר דורכלערנען יעדער שבת פון דער סדרה, איז אויסער וואָס מען וועט וויסן די מצות און פאַרשטיין ווי זיי צו מקיים זיין, וועט מען נאָך באַקומען ידיעות אין דעם חלק התורה וועלכער איז

ביי אונז בזמן הזה ניט נוהג, ווי קרבנות והדומה. אויך קען מען באקומען ידיעות אין אזעלכע זאכן וואס א מענטש דארף פיל מיה לייגן דאס צו זוכן.

אין די סדרות אין וועלכע עס איז ניטא קיין מצות, זאל מען לערנען די היסטאריע וואס דאס איז א באזונדער ספר, ער איז גע־מאכט ווי מען זאגט: קורץ און גוט (כשמו כן הוא) „עדות לישראל", דאס זאגט עדות צו אידן. פון דעם ווייס מען ריכטיג ווי עס האט זיך איבערגעגעבן דער הייליגער אידישע דת און ווי עס האט פאסירט מיט אידן, וועט מען פארשטיין וואס הייסט א איד און וואס זיינען זיינע פליכטן. מיר האפן, אז דער ספר וועט מאכן בעזרת השי"ת פארשריט אין דער וועלט, וואס דאס ביסל ליכטיגקייט וועלכע מיר גיבן דא פאר זאל אפדעקן די פינסטערניש פון וואלקן וואס האט באצויגן די אמונה. אזוי ווי מען שטעלט א קליין ליכטל אין א פינסטערע הויז, שלאגט אפ די פינסטערניש און עס ווערט ליכטיג נאטירליך. איינפאכע מענשן ווען האבן א פארשטאנד אין דער תורה און וויסן וועלכע איסורים עס זיינען פארבונדן מיט מיתת בית דין, בזמן הבית, אויף וועלכע מען ווערט באשטראפט מיט כרת, אויף וועלכע בזמן הבית האט מען געשלאגן מלקות, אויף וועלכע מען איז עובר אויף א לאו, אויף וועלכע מען איז עובר אויף אן עשה, און וועט אויך וויסן א דין אדער א מנהג.

אזוי ווי עס זיינען דא תרי"ג מצות, דאס הייסט צוויי הונ־דער אכט און פערציג מצות עשה און דריי הונדערט פינף און זעכציג מצות לא תעשה, דאס זעלבע איז דא אין מענשן צוויי הונדערט און אכט און פערציג גלידער און דריי הונדערט פינף און זעכציג הויפט אדערן. דער נפש איז אויך געבויט פון 248 גלידער און 365 אדערן. ווען א איד זאל האבן א ידיעה אין די תרי"ג מצות, וועט דאס אים ארויפציען א הייליגקייט און מיטברייינגען מדריך צו זיין די קינ־דער צו דער תורה, געבן זיי לערנען גמרא און פוסקים, וואס דאס איז דער ריכטיגער לימוד התורה. דען די תרי"ג מצות זיינען נאר גרונד ווארצלען, אבער זיי זיינען ווי א טראפן אין ים געגן די פארברייטערונג אין ש"ס און פוסקים אויף די תרי"ג מצות.

השי"ת זאל אונז דערלייכטן די אויגן און עפענען די פאר־שטאפטע הערצער צו דערקענען דעם אמת, און צו פליסן אין אונז

און אין אונזערע קינדער דעם ריכטיגן בונד צום הייליגן באַשע־פער און צו דער תורה און אידן צווישן זיך. ג־ט ב"ה זאָל קענען זאָגן: ישראל אשר בך אתפאר, ביז עס וועט מקוים ווערן דער פסוק: ומלאה הארץ דעה, ויבא משיח צדקנו לארצנו במהרה בימינו אמן.

תולדות אדם

זה ספר תולדות אדם וגו' ויחי למך שתים ושמנים שנה ומאת שנה ויולד בן ויקרא את שמו נח (בראשית ה).
אלה תולדות שם, שם בן מאת שנה ויולד את ארפכשד שנתים אחר המבול וגו' ויחי תרח שבעים שנה ויולד את אברהם את נחור ואת הרן (שם י"א).

דער ציל פון דער תורה איז דאָך צו וויסן די תרי"ג מצות, וואָרום האָט נאָך די תורה געדאַרפט אויסשרייבן די תולדה און די געשיכטע פון דער וועלט? נאָכמער, עס זאָל פעלן איין אות פון דער געשיכטע איז דער ספר תורה פסול, ווי עס פעלט אַן אות אין די עשרת הדברות. די תורה האָט דאָך דער בורא כל העולמים געקענט געבן גלייך ווען ער האָט די וועלט באַשאַפן, וואָרום האָט ער איר ערשט געגעבן מיט א צייט שפּעטער?

דער תירוץ איז אָבער, ווייל צוויי פרעדמעטן עקזיסטירן איבעראַל אין דער וועלט: דער שכל און די פּראַקטיק, די ביידע זיינען א נאַטירליכע זאַך פון הייליגן באַשעפער. דער שכל קען אָבער דעם מענטש נאַרן, ווי די נאַטור זאָגט, דאָס דער רצון איז גובר דעם שכל. עס איז דאָ א חכם להרע רח"ל, און אפילו דער וואָס באַנוצט דעם שכל אין דער גוטער זייט, ער האָט אָבער ניט אַזאַ טיפן פאַרשטאַנד ער זאָל ריכטיג דערגיין דעם אמת. דעם שכל קען מען בויגן אויף אַלע אופנים. אַזוי ווי יעדער מענטש האָט א באַזונדער געזיכט, אַזוי האָט יעדער מענטש א באַזונדער שכל. אָבער די פּראַקטיק איז נאָר איינס. זי איז פריי פאַר אַלעמען, איר הערן איר זעהן, איר פאַרשטייען אַלע גלייך. דארום ווען אויך עס איז

מיט דעם שכל צו פארשטיין ווי די תורה מאכט גליקליך דעם מענשן, זי בילדעט אים אוים אין אלע הינזיכטן, דאך אבער ווייזט ארוים די פראקטיק וויכטיגער ווי דער שכל.

דארום בכדי די תורה זאל פארהייליגט זיין ביי יעדער אידן, ער זאל פארשטיין ריכטיג דעם אמת, עס זאל אים חלילה קיינער פון אמת ניט אראפפירן, האט דער בורא יתברך געגעבן די הייליגע תורה מיט א צייט שפעטער נאך דער וועלט באשאפונג, מען זאל פארשטיין פון דעם פארלויף פון די גאנצע צייט פון בריאת העולם, אז אן ג-טליכע פליכטען האט די וועלט ניט עקזיסטירט, ווי מען זעט פון דור המבול, פון דור הפלגה, פון סדום און פון יציאת מצרים, און אז דער בורא יתברך האט אויסגעהיט און אויסגעהאלטן די וועלכע עס האבן זיך געהאלטן אין אים. עס איז שוין ביי אונז אידן דערגאנגען געווארן דער אמת דורך פראקטיק, האט ערשט ג-ט ב"ה געגעבן די תורה און אויסגעשריבן די היסטאריע פילייכט וועט דער מענטש פארקריכן מיט זיין שכל און וועלן עטוואס לייקענען ח"ו, זאל אים די היסטאריע מיט איר פראקטיק בלייבן אייביגע עדות אויף דעם אמת פון דעם הייליגן דת. אזוי זאגט אונז עדות דער הייליגער תנ"ך און די גאנצע אידישע געשיכטע.

דארום שרייבט אוים די תורה די תולדה צעהן דורות פון אדם ביז נח. צעהן דורות פון נח ביז אברהם. פון די עלטערע זיהן פון יעדען פאטער וויפיעל זיי האבען געלעבט, און ווי אלט זיי זיינען געווען בעת ער, זיין זון איז געבארן געווארן, צו באווייזן אז זיי האבן געהאט גענוג צייט איבערצוגעבן דעם אמת. אדם האט זיך געזעהן מיט אלעם ביז נח, נח האט זיך געזעהן מיט אלעם ביז יצחק, שם האט זיך געזעהן מיט אלעם ביז יעקב, און יעקב אויך, על כל פנים איז באוואוסט געווען ריכטיג, דער ספור פון אדם ווי ער איז באשאפן געווארן יציר כפיו של הקב"ה, מיט זיין גאנצע ביאגראפיע , און אויך אלע סיפורים פון מבול, פון דור הפלגה און פון סדום, ווי די גמרא זאגט: זיבען וויקלען ארום די וועלט „אדם", „משותלח", „שם", „יעקב", „עמרם", „אחי' השלוני" און אלי', די וועלכע האבן זיך געזען פון דער צייט די וועלט איז באשאפען, ביז די וועלט וועט שטעהן — די שפעטערדיקע דורות לעבען ווייניגער, דאך אין דעם פארלויף פון עטליכע דורות

ציהט זיך אריין דאָס די יונגע זעהן זיך מיט די עלטערע, צווישען די פארלאָפענע צייט וועלכע געשעהן מיט א צייט פריער, איבער צו געבען א דור נאָך א דור אויף עוויג.

ווען אויך דער עיקר לעהרע פאַר דעם מענטשען איז די פּראַקטיק, דאָך קאָן מען דעם שכל ניט מדחה זיין, דער שכל ניצט צו פאַרשטיין די פּראַקטיק, אזוי האָבן זיך געפירט אונזערע אבות הקדושים פאַר מתן תורה.

אמר רבי יצחק משל לאחד שהי' עובר ממקום למקום וראה בירה אחת דולקת אמר תאמר שהבירה הזו בלא מנהיג הציץ עליו בעל הבירה אמר לו אני הוא בעל הבירה, כך לפי שהי' אבינו אברהם אומר תאמר שהעולם הזה בלא מנהיג, הציץ עליו הקב"ה ואמר לו אני הוא בעל העולם (מדרש רבה פרשת לך לך פ' ל"ט).

עס האָט א וועלט רייזענדער אין א פינסטערער נאַכט גע־בלאָנדזשעט, ער האָט די וועג ניט געטראָפן. פלוצים האָט ער דער־זען א שיין פון פייער. איז ער נאָך דעם שיין נאָכגעגאַנגען ביז ער איז צוגעקומען צו א הויז. ווי ער האָט נאָר די טיר געעפענט, איז אים שוין געוואָרן ליכטיג אין די אויגן. ער זעט פאַר זיך א זייער אויסנאַמע פון א הויז — דער סופיט איז געפאַקסירט טונקל בלאָה, אין סופיט איז אריינגעצויגן א הענגלייכטער מיט ליכט, א צוויי יעריגער לאָמפ אויף די פענסטער, גאַרדינען, פון דרויסן לאָדענס, אין וויז זייער א געשמאַקע לופט, די דילן זיינען באַצויגן מיט טייערע אָלירטע דיוואַנעס. צום הויז איז דאָ א טייך, א וואַסערלייטונג מיט איבעראל, אויך גייען ארום פארשידענע ברואים. אין הויז זיינען דאָ פערשידענע פריפאַסן וועלכע זיינען נויטיג. פון אַלע זאַכן איז קענטיג דאָס דאָ וואָינט א רייכער בעל הבית. מיט קונסט שטיק און גרוים חכמה איז אלעס איינגעאָרדענט. קיין ווירט זעט ער אָבער ניט. ער זעט נאָר קינדער שפּילן זיך. פרעגט ער ביי זיי: וואו איז דער ווירט? זיי שווייגן און ווייסן ניט וואָס אים צו ענטפערן. ער טראַכט, וואו איז ער דאָ אין דער וועלט? איז עס מעגליך א הויז זאָל זיך פירן אָן א ווירט? א פאָטער וואָרפט ניט אוועק קיין קינ־דער. ווי ער גייט אזוי ארום פאַרטיפט אין געדאַנק, פלוצים קומט אָן דער ווירט, און זאָגט אים: איך בין דער ווירט, און דאָס אַלעס וואָס דו זעסט, האָב איך מיט מיינע הענט געגרינדעט, און דאָס זיינען

מיינע קינדער. אז ער איז מיט דעם ווירט מקורב געוואָרן האָט אים דער ווירט פאַר א הויז לערער געמאַכט, און האָט א באַזונדער וואָהנונג, דעם בעסטן אין הויף אָפּגיגעבן פאַר אים מיט זיינע נאָכקומענדע קינדער אויף אייביג, און איז פאַרבליבן ביים בעל הבית אן אייביגער געליבטער.

דער איינער, דאָס איז אונזער פאָטער אברהם. ער האָט גע־בלאָנדזשעט ווייל זיין פאָטער תרח איז געווען א געצענדינער. נמרוד דער גבור ציד איז דאַן קיסר געווען, און די געצנדינסט האָט גע־שפילט די ראָלע. אברהם אבינו האָט אין אָנפאַנג די וועג ניט גע־טראָפן. ער האָט געקלערט אויף דער זון, די לבנה, אפשר איז דאָס ג־ט. נאָר זיין פאַרשטאַנד האָט דאָס אים ניט געלאָזט גלויבן. ענד־ליך האָט אין אים אריינגעשיינט די ליכטיגקייט פון דער אמת'ער אמונה. איז ער צוגעגאַנגען נענטער צו דער זאַך, האָט ער דערזען די וועלט מיט אירע גרויסע אָרדנונגען, אַלעס אָפּגעשטימט פונקט צו דער צייט און וואָג און מאָס. ער האָט דערזען די זון, די לבנה, דעם הימל מיט די שטערן ווי ליכט, דער שאָטן צו פאַרשטעלן די היץ ווי גאַרדינען, די פינצטער נאַכט ווי לאָדן, די געשמאַקע לופט איבעראַל, די ערד איז באַדעקט מיט פאַרשידענע שפּראָצונגען און געוויקסן. אין דער ערד געפינען זיך פאַרשידענע מעטאַלן אַלע מיני ברואים פון דעם וועלט, יעדער מין מיט זיין נאַטירליכן פאַרשטאַנד. די ימים מיט די ברואים. דער וואָלקן מיט זיין רעגן. אַלעס געוואויגן און געמאָסטן ריכטיג.

אברהם אבינו ע"ה איז געווען דער גרויסער הייליגער פילאָ־זאָף, האָט ער אָנגעפאַנגען קלערן: איז עס מעגליך אַזאַ גרויסע וועלט, יעדער זאַך קינסטליך געאַרבייט און עס איז נאָך אַלעס ניי ווי היינט געמאַכט, זאָל ניט זיין איינער וואָס האָט דאָס אַלעס גע־אָרדענט און פירט די גאַנצע ווירטשאַפט? עס איז אונמעגליך צו גלויבן. ער זעט אָבער די מענשן פון דער וועלט פאַרשטייען גאָר נישט, זיי פאַרנעמען זיך גאָר מיט געצנדינסט. ער האָט זיך אַזוי פיל פאַרטיפט אין געדאַנק ביז ג־ט ב"ה האָט זיך צו אים באַוויזן און זאָגט אים: איך בין דער בעל הבית פון דער וועלט, איך בין דער בורא און דער משגיח, און האָט מיט אים כורת ברית געווען, צו געבן ארץ ישראל צו אים מיט זיינע נאָכקומענדע אויף אייביג.

מה רבו מעשיך ה׳ כולם בחכמה עשית.

ווען מען זאָל באַטראַכטן די וועלט מיט אירע ברואים, לעבעדיגע און ניט לעבעדיגע, זעט מען ווי יעדע זאַך איז געמאַכט בכונה. באַטראַכט נאָר, די זון איז העכער פאַר דער ערד 20 מיליאָן מייל, די לבנה איז א דרייסיגסטייל פון כדור הארץ, עס זיינען דאָ שטערן וועלכע זיינען ווייט פון דער ערד 60 טויזענד מאָל אַזויפיל ווי די זון פון דער ערד, עס זיינען דאָ שטערן וואָס זיינען גרוים טויזענטער מאָל ווי דער גאַנצער ערד־קוגל. דער ערד קוגל און אַלע כדורים הענגען אין אויר, זיי דרייען ארום איינע די אנדערע און לויפן אַן אַפּהאַלט. די זון, די לבנה, די שטערן ברייננגען זייערע אַפּגישטעלטע נוצן, און באַלייכטן אין זייער אַפּגישטעלטער צייט יעדער טאָג גלייך. ווער טרייבט זיי נאָכאַנאַנד, איז דען ניט דער בורא עולם? די ערד איז ווי א געגרייטער טיש, אַלעס וואָס פאָדערט זיך פאַר דעם מענשן. זי האָט אין זיך פאַרשידענע מעטאַלן: קופּער, אייזן, זילבער, גאָלד, דימענטן, און נאָך — אַלעס וואָס פאָדערט זיך פאַר דעם מענשן און אַלעס מיט א ריכטיגן סדר באַשאַפן.

דאָס אַלעס קען קיינער ניט לייקענען און מוז מודה זיין דאָס א רעגירער רעגירט איבער דער גאַנצער טבע. עס איז צו באַוואונדערן, דאָס וואָס עס פאָדערט זיך פאַר דער וועלט מער, איז פון דער זאַך דאָ מער. קופּער איז דאָ ווייניג, זילבער, גאָלד, נאָך ווייניגער, דימענטן גאָר ווייניג. וואָס דער געברויך איז מער קומט אָן גרינגער. וואָסער פאָדערט זיך מער פון אַלעס, פליסט עס אומעדום, אויפן גאַנצן ערד קוגל. אָן אויר קען מען ניט לעבן איין רגע, איז דער אויר פול אין אַלע זייטן, אומעדום, און מען באַקומט דאָס גאָר אָן קיין שום מיה. די געוויקסן וואָס די ערד גיט אַרויס וואַקסט יעדער מין נאָך זיין אָרדנונג, די געוויקס וואָס זי דאַרף מער די זון, האָט זי ווייניגער בלעטער איר צו פאַרשטעלן. די בלומען וואָס דאַרפן די זון קערן זיי זיך צו דער זון. אַלע תבואות, צ. ב. ווייץ, קאָרן, גערשטן, ליגט דאָס מערסטע אין א פּלעווע ווי אין א שיידל, בעת די טוי קומט אָן עפענען זיי די מיילער. אַז די טוי גייט אָפּ מאַכן זיי צוריק צו.

עס איז ווידער צו באוואונדערן אלעם וואס עס איז אויף דער וועלט באשאפן איז געפארט זכר ונקבה. דאס קלענסטע גרעזעלע מוז האבן זיין פאר. דער ווינט ברייננט זיי אלע צוזאמען. אפט פארט ער זיי צונויף פון הונדערטער מיילן. עס זיינען ווידער דא אזעלכע זאכן וואס זיי שאדט דער ווינט, איז די פליג זייער צוזאמענברייננער, זי נעמט צו די זאמען פון איין געוויקס און ברייננט זיי אריין אין א צווייטע, און די פליג ווערט דארט פארפלאנטערט ביז זי טוט אפ איר ארבייט. ווער זאגט די בלום זי זאל זיך קערן צו דער זון? ווער הייסט די פלעווע עפענען אדער פארמאכן דאס מויל? ווער שיקט דעם ווינט? ווער פארפלאנטערט די פליג? אז ניט דער באפעל פון בורא יתברך שמו לעד ולנ״נ, וואס האט באשאפן די טבע מיט רייכע ארדנונג.

באטראכט נאר לי לעבעדיגע ברואים וואס געפינען זיך אויף דער ערד און אין ים. דעם שיינעם ארדנונג ווי יעדער בריאה איז געבארן מיט איר נאטור צום גוטס פאר דער וועלט.

די יעלי סלע (שטיינבאק), אין איר איז ארייננעגעבן א טבע פיינט צו האבן אירע אייגענע קינדער. צו דער צייט וואס זי דארף דאס קינד געבארן גייט זי ארויף אויף א הויכן ארט כדי דאס קינד ארפצוווארפן. פונקט צו דער אייגענער צייט קומט דער אדלער און נעמט צו דאס קינד אויף זיינע פליגלען. די אילה קען ניט געבארן איר קינד. פונקט צו דער צייט קומט א שלאנג און בייסט איר איין אין דעם ארט און זי גיט געבורט צום קינד. ווען דער שלאנג זאל קומען מיט איין מינוט פריער אדער שפעטער וואלט גאר ניט העלפן, און די אילה וואלט טויט בלייבן. די שטארך פויגל גייט ווינטער אוועק אין די ווארימע לענדער, זומער קומט זי צוריק אין די קאלטע לענדער, און טרעפט פונקט צו איר פריערדיגן ארט. דער קלאפער שלאנג, וועלכער געפינט זיך אין אמעריקא און אין אפריקא, ער איז אזא מין מזיק, אז אין דריי מינוט צייט שטארבט מען פון זיינעם א בים. דערפאר איז זיין טבע, אז ווען מען איז ניט ווייט פון אים הויבט ער אן צו קלינגען, מען זאל וויסן פון אים צו אנטלויפן.

אין ים געפינען זיך אלע ברואים, ענליך ווי אין דער יבשה. עס איז דא וועגן דעם פיל צו שרייבן. מיר ברייננען נאר צו אונזער ציל איין מין, דער וואלפיש, פון וועלכן מען באקומט פיש-טראן.

ער איז לאַנג 100 איילן און ברייט 50 איילן. זיין קאָפּ איז אַ דריטל פון קערפּער, דער מויל איז גרויס נאָך דעם קערפּער נאָך. אַזאַ מין בריה קען דאָך איינשלינגען פון די ברואים וועלכע זיינען אין ים, דערפאַר איז באַשאַפן די ברייט פון זיין האַלז נאָר ווי 4פינגער.

די חכמה פון ביבער איז אומנאַטירליך צו פאַרשטיין. זיי בויען אויס פאַר זיך בנינים ווי די גרעסטע אינזשינירן און מיכאַני־קער. פריער קלייבן זיי זיך צוזאַמען ביז 300 שטיק, אויסזוכן אַ געפעליגן פלאַץ ביי אַ טייך. אַרום טייך מאַכן זיי אַ שלוז (דאַמבע), נאָך דער רעכענונג ווי ווייט דאָס וואַסער קען אויספליסן. עס קען אויקומען אַמאָל ביז 100 איילן די לייִנג. די אַרבייט ווערט געמאַכט ריכטיג ווי מיר מענשן מאַכן אַ דאַמבע. פון דער זייט שלוז בויען זיי זיך נאַכהער הייזער, די גרויס יעדער נאָך זיין פאַמיליע. די הייזער ווערן געמאַכט קעלערן, די ערד דעקן זיי אויס מיט גראָז. זיי וואָהנען זייער זויבער.

די מוראַשקעס גרייטן אָן זייערע שפּייז זומער אויף דעם ווינטער און באַהאַלטן דאָס מיט גרויס חכמה. זיי לעבן מיט גרויס אָרדנונג. עס ווערט געפירט ביי זיי אין דעם אָרט ווי אַ מלוכה.

די בינען בויען שטענדיג זייערע וואָהנונגען אַלע אין איין פאָרמע, אין איין גלייכער מאָס, אין די 6 קאַנטיגע שטיבלאָך, בכדי עס זאָל אין גאַנצן שטח קיין ליידיגע פלאַץ ניט בלייבן. זיי בויען זיך אויס הייזער אויף דעם ווינטער ווען אויך זיי האָבן נאָך דעם ווינ־טער ניט געזען. און בכלל פירט זיך ביי זיי מיט גרויס אָרדנונג. עס איז וועגן די בינען פיל באַשריבן וואונדער איבער וואונדער, ווי עס ערקלערן די נאַטור פאָרשער.

דער יונגער שפּין, ניט געלערנט, שפּינט ער דעם נעץ אין דעם זעלבן פאָרמאַט ווי זיינע עלטערן.

דאָס הינדל פאַרשטייט באַלד צו פּיקן אויף דעם טיש זוכן איר ברעקל עסן. — די קאַטשקע פאַרשטייט באַלד צו שווימען. — אַלע ברואים טרעפן באַלד ווי זיי ווערן געבאָרן, דעם אָרט וואו צו זויגן. אָבער דער געבאָרענער מענשליכער קינד, טרעפט ניט באַלד אַליין אָן דער מוטער. דער עכבר פילט זעלבסט, און ווייס צו אַנטלויפן פאַר דער קאַץ. די שאָף פאַר דעם וואָלף, ווען אויך

קיינער זאָגט זיי ניט. די טויב היט איר פּאָר הייליג ווי מיט חופּה וקדושין.

עס זיינען דאָ ברואים וועלכע זיינען טויזענטער מאָל קלענער ווי א מילב, און זיי האָבן אַלע אינערליכע און אויסערליכע אברים ווי די גרעסטע ברואים. ווי עס איז ידוע פון די הייליגע חז״ל זי״ע, און להבדיל נאַטור פאָרשער, דאָס אפילו דער אויר איז פול מיט ברואים.

אך מענטש, דו מענטש, באַדענק זיך נאָר, ווי קומט דאָס פונקט צו דער צייט דער אָדלער צום שטיינבאָק? ווי פאַרזאַמט דאָס ניט דער שלאַנג איין רגע זיין צייט? ווער ווייזט דעם שטאָרך-פויגל איר פריערדיגע דירה? דער קלאַפּער שלאַנג זוכט דאָך מזיק צו זיין, ווי קומט דאָס ער זאָל אָנפאַנגען קלינגען כדי מען זאָל וויסן פון אים צו אַנטלויפן? ווי אַזוי איז דאָס א פיש פון 100 איילן די לענג זאָל זיין האַלז גרוים זיין ווי נאָר 4 פינגער? ווער לערנט דעם ביבער, די ביען, צו בויען ריכטיג זייערע פּאַלאַצן? דעם שפּין צו וועבן? פון וואנען טרעפט דאָס הינדל צו זוכן איר שפּייז? דער קאַלב זעלבסט צו זויגן? פאַרוואָס טרעפט ניט דער מענשליכער קינד? ווער זאָגט דעם עכבר, די שאָף צו היטן זיך פון זייער מזיק ווען זיי קענען אים נאָך ניט? ווער לערענט דעם מוראַשניק חכמה און יושר? — די טויב זי זאָל איר פּאָר היטן? — ווי אַזוי ליגט דאָס, אין א קלענערע באַשעפעניש ווי א מילב, אברים ווי ביי די גרעסטע ברואים? און בכלל ווי אַזוי באַקומען דאָס אַלע ברואים ביז דעם קלענסטן ווערימל שפּייז צו דער צייט און אין דער מאָס?

מיט איין וואָרט, אַלע ברואים מיט זייער מיטגעבאָרענעם נאַטור שרייען שטענדיג שמע ישראל וגו׳, נאָר איין ג-ט וואָס האָט דאָס אַלעס באַשאַפן ער פירט דאָס. דאַרום האָבן די הייליגע חז״ל געמאַכט א פּרק שירה, א איד זאָל זיך אין דעם אַלע טאָג מתבונן זיין און צוטראַגן צו זיך פון די ברואים ווי זיי זיינען באַשאַפן מיט גרויס חכמה, און זייער פירונג מיט גרויס וואונדער, וועט ער ערשט פאַרשטיין מה רבו מעשיך ה׳, ווי גרויס ג-ט׳ס וואונדער זיינען, און דורך דעם וועט ער באַקומען אהבת און יראת ה׳, און מען וועט זוכה זיין צו חיי עולם הבא.

אזוי האָבן זיך געפירט יחידי סגולה, די הייליגע אבות זי״ע, מיט דעם אייגענעם געטליכן שכל בעפאַר מען האָט נאָך געגעבן די הייליגע תורה. דער בורא יתברך האָט אָבער געוואָלט געבן די תורה צו אַלע אידן, האָט ער זיי פריער געוויזן מיט פּראַקטיק, וואָס דאָס איז שטאַרקער פאַר דעם שכל, אז מען מוז האָבן א תורה, און מיט דעם אייגענעם שכל טאָר מען שוין ניט גיין, נאָר נאָכגיין נאָך דעם שכל פון דער הייליגער תורה. און עס זאָלן אפילו צוזאַמענקומען די גאַנצע וועלט חכמים טאָרן זיי ניט איבערמאַכן אפילו דעם זמן פון יעדע מצוה, ווי די חכמים אין תורה שבעל פה האָבן אָפּגעשטעלט, ווי עס איז מבואר אין שולחן ערוך.

דאָרום האָט זיי דער בורא יתברך אריינגעפירט אין מצרים, דאָרט זאָלן זיי זען מיט זייערע אויגן די גרויסקייט פון הייליגן באַשעפער, און צו פלאַנצן אין זיי די גאַנצע אמונה וויפיל א איד דאַרף גלויבן. דעם ערשטן יסוד פון אמונה האָט מען זיך געקויפט אין מצרים, השגחת הבורא יתברך. מען האָט געזען דאָס קיין מענטש ווייס ניט וואָס הינטער אים איז. אין דער צייט וואָס פרעה האָט אָנגעווענדעט אַלע מיטלען אומצובריינגען דעם אידישן מושיע, האָט אים גאָר זיין אייגענע טאָכטער ארויסגענומען, און פרעה האָט אים אויף זיינע הענט ערצויגן.

גאולת מצרים

ויאמינו בה׳ ובמשה עבדו.

אין מצרים האָבן זיך אידן געשאַפן די אמונה אין הייליגן באַשעפער ב״ה וב״ש, און אין זיינע הייליגע חכמים. די אידישע אמונה באַשטייט ניט אין מופתים, דאָס הייסט ווייל מען זעט א מופת דערפאַר גלויבט מען, ניין! די אידן האָבן משה׳ן אויך ניט געוואָלט גלויבן דורך מופתים, ביז זיי האָבן פון דער זייט דערגאַנגען דעם אמת. זיי האָבן געוואוסט אז עס איז דאָ א באַהאַלטענער סוד, א סימן פון דער גאולה וואָס יעקב אבינו ע״ה האָט איבערגעלאָזט אין מצרים. דעם סימן האָט קיינער ניט געוואוסט, נאָר איין פרוי, סרח

בת אָשר (פרקי דר"א פרק מ"ח ע"ש), וואָס זי האָט געלעבט ביז נאָך דער גאולה. ווען משה רבינו איז געקומען, זיינען די זקנים געגאַנגען צו די אַלטע סרח איבערגעבן איר, אַזוי ווי עס איז געקו־מען איינער וואָס זאָגט אַז ער איז דער גואל און ער ווייזט מופתים. ענטפערט זי זיי, מופתים איז קיין סימן ניט. זאָגן זיי, ער זאָגט אָבער פקד פקדתי. זאָגט זי, אויב אַזוי איז ריכטיג, ער איז דער גואל צדק. וואָרום איך האָב בקבלה א סוד פון מיין פאָטער, דאָס מיט די אותיות פ׳ פ׳ דאַרף זיך אָנפאַנגען די ווערטער פון דער גאולה. וואָס דער הייליגער באַשעפער ב"ה וב"ש האָט דאָס געזאָגט צו אברהם׳ן, אברהם האָט דאָס איבערגעגעבן צו יצחק׳ן, יצחק צו יעקב׳ן, יעקב צו יוסף׳ן, יוסף די ברידער, און מיין פאָטער האָט איבערגעגעבן צו מיר. — דאַן האָבן זיי געגלויבט אַז משה רבינו זאָגט ריכטיג.

אין אַלע צייטן דאַרף מען קיינעם ניט האַלטן פאַר א צדיק דורך מופתים, וואו מען זאָל ניט וויסן דעם אינערליך מיט זיינע מדות, דאַן קען מען גלויבן דאָס זיין וואָרט קען ווירקן, ג־ט זאָל אים צוהערן.

אז אידן האָבן ניט געוואָלט גלויבן קיין מופתים אַרויסצו־גיין פון ביטערן גלות מצרים, איז דאָך געווים אַז זיי וואָלטן ניט געגלויבט משה רבינו זי"ע אַרויף נעמען אויף זיך א תורה אויף אייביג, וואו זיי זאָלן ניט זען מיט זייערע אויגן און הערן מיט זייערע אויערן דעם ריכטיגן אמת. דארום שטייט ניט אין דער הייליגער תורה אויסגעשריבן דייטליך ווי עס פאַסירט מיט דעם מענשן נאָך זיין טויט, אז מען שטראָפט פאַר אן עבירה און מען גיט שכר פאַר א מצוה, ווייל די תורה האָט געוואָלט מען זאָל דערגיין דעם אמת אויף דער וועלט, וואָס מען קען זען און הערן, אָבער ניט א אפיקורוס ר"ל זאָל קומען זאָגן, קיינער איז ניט געקומען פון יענער וועלט, נאָר אז עס איז דאָ נאָך א וועלט, מיט שכר ועונש און תחית המתים האָט די תורה בכלל מרמז געווען (זע אין פרשת יתרו ביי לא תרצח, ובגמ׳ שר לא נאמר אלא ישיר מכאן לתחית המתים מן התורה ועוד). דארום פאַר קבלת התורה האָבן זיך אַלע אידן צוזאַמענגעקליבן ביי דעם הר סיני נעמען די הייליגע תורה און ניט נעמען ביי משה רבינו ע"ה שטילערהייד א תורה, נאָר זיי האָבן געזען און געהערט ווי ג־ט ב"ה האָט געמאַכט משה רבינו פאַר א שליח און האָבן קיין ספיקות ניט געהאַט

קבלת התורה

רק השמר לך ושמור נפשך מאד פן תשכח את הדברים אשר ראו עיניך ופן יסורו מלבבך כל ימי חייך והודעתם לבניך וגו' (דברים ד' ט').

את הדברים האלה דבר ה' אל כל קהלכם בהר מתוך האש הענן והערפל קול גדול ולא יסף וגו'. (שם ה' כ"ט)

ואתה פה עמד עמדי ואדברה אליך את כל המצוה והחקים והמשפטים אשר תלמדם וגו'. (שם ה' כ"ח)

א

אידן זיינען ארוים פון מצרים אין יאר 2448 נאך בריאת העולם. אין דעם זעלבן יאר, זעקס טעג אין סיון שבת, האט דער הייליגער באשעפער ב"ה וב"ש געגעבן די הייליגע תורה, אויף דעם הייליגן הר סיני, פאר א ערך דריי מיליאן מענשן, אויסער וואס אנדערע נאציאנען האבן געהערט דעם הייליגן רעש פון קבלת התורה, און ג-ט ב"ה האט געמאכט משה רבינו ע"ה פאר א שליח, פאר אידן אין די אויגן צו געבן די הייליגע תורה, תורה שבכתב און תורה שבעל פה. תורה שבכתב הייסט די ספר תורה. תורה שבעל פה הייסט די באשיידונג פון די חכמים אויף די תורה, ווי די אידן האבן אליין געבעטן ווייל זי איז שווער געוועזן צו הערן די גאנצע תורה פון הייליגן באשעפער ב"ה זעלבסט, זיי זאלן ניט שטארבן פאר פארכט.

דעם זיבעטן טאג אין סיון, איז משה רבנו ארויף אויף דעם הר סיני נעמען די לוחות, און ג-ט ב"ה האט מיט אים געלערנט גאנץ תורה שבכתב מיט תורה שבעל פה. שבעה עשר בתמוז איז משה רבינו אראפ, האט ער געפונען דעם פארברעך פון עגל, האט ער צובראכן די לוחות. 18 טעג אין תמוז (ולדעת רש"י הקדוש בפרשת תשא בי"ט) איז ער ווידער ארויף געגאנגען בעטן פאר אידן אויף דעם פארברעך פון עגל. און ווידער

געזאמט 40 טעג, און איז אראפ, און מבשר געווען דאס דער הייליגער באשעפער ב"ה איז צו זיי באוויליגט, און וועט זיי געבן די צווייטע לוחות.

ב

ערב ר"ח אלול איז משה רבינו זי"ע ווידער ארויף, נעמען די צווייטע לוחות. און איז אראפ יום כפור. דאס איז די דריטע 40 טעג, ער האט דארט נאך געלערנט די תורה, און געבעטן פאר אידן, און ג-ט ב"ה האט זיי אין הארצן מוחל געווען. דארום איז ביי אידן פארבליבן די 40 טעג דעם גאנצן חודש אלול ביז יום כפור באוויליגטע טעג, נענטער געגנטפערט צו ווערן, ווען מען בעט ביי דעם הייליגן באשעפער ב"ה.

נאכהער האט מען אנגעפאנגען צו מאכן דעם משכן, מיט די כלים, און מען האט געמאכט א ארון באדעקט מיט גאלד, דארט איז געלעגן די לוחות. פארטיג געווארן איז דער משכן ב"ה כסלו, דאס איז חנוכה (פסיקתא), אויף געשטעלט האט מען אים ר"ח ניסן. רש"י הקדוש שרייבט אין מס' תענית, דאס פון דעם זעקסטן טאג אין סיון ווי מען האט געגעבן די הייליגע תורה ביז ר"ח ניסן וואו דער משכן איז אויף געשטעלט געווארן, האט די שכינה הקדושה ניט אפגעטראטן פון הייליגן הר סיני, און פון דארט איז געגעבן געווארן אלע מצות מיט די דינים מיט פייערדיגע קולי קולות. משה רבינו זי"ע האט באשטעטיגט דורך דעם באפעל פון ג-ט ב"ה, אהרן מיט זיינע קינדער פאר כהנים, און דעם שבט לוי פאר לוים אויף אייביג.

ג

ר"ח אייר דער צווייטער יאר פון ארויסגאנג פון מצרים, האט מען געציילט די פאלק, אויך די לוים, און מען האט מסדר געווען די 12 שבטים, פון יעדער שבט געמאכט א נשיא און איינגעטיילט אין 4 מחנות, צו יעדער מחנה געגעבן א דגל, ווי די הייליגע ארדענונג איז אויסגעשריבן אין פרשת במדבר. מען האט געמאכט חצוצרות, (טראמפייטן) צו שאלן אויף צו זאמלען דעם עולם פאר דעם אפרייזן. דער ארון איז געגאנגען פאר-

אוים, און משה רבינו ז״ע האָט אויסגעשריען ויהי בנסוע הארון, און מען האָט געמאַכט די רייזע. דאָס איז די ערשטע רייזע פון סיני קיין חצרות, אין דעם פאַרלויף האָט פּאַסירט דער פאַרברעכן פון קברות התאוה, און דעם פאַרשליסן מרים 7 טעג ווייל זי האָט גערעדט אויף משה רבינו ז״ע. די רייזע האָט געדויערט פון כ׳ אייר ביז כ״ט סיון דעם יאָר. (רש״י דברים) די רייזע איז געווען באַשטימט צו גיין גלייך קיין ארץ ישראל, (שם ברש״י דברים א׳) האָט מען אָבער דאָרט געשיקט מרגלים, זיי זיינען אַוועק 29 טעג אין סיון און געקומען תשעה באב (מס׳ תענית דף כ״ט). דער פאַרברעכן האָט גורם געווען צו זיין 40 יאָר אין דער מדבר. נאָך די מרגלים איז געשען די געשיכטע פון קרח.

דור המדבר

א

די 40 יאָר זיינען אידן געגאַנגען אין אַ אָרט פון שלאַנגען און עגדישן און דאָרשט. האָט זיי דער הייליגער באַשעפער ב״ה וב״ש געשפייזט מיט שפייז פון הימל וואַסער פון שטיין, איין וואָלקנזייל וואָר אַ וועג-ווייזער. די זעלבע שיך און קליידער וועל-כע זיי זיינען אַרויס פון מצרים האָט זיי אימער ווי נייע געדינט. מיט דעם מן איז אויך דימענטן און בריליאַנטן מיטגעגאַנגען. (מדרש בשלח) דער מן ווייזט, אַז דער הייליגער באַשעפער ב״ה שפייזט אומעטום מיט אַ מין השגחה וועלכע מיר פאַשטייען דאָס גאָרנישט. (זהו כונת המדרש צנצנת של זכוכית היתה, פי׳ נראית לעולם הנס). דאָרט האָט משה רבינו ע״ה מיט זיי איינגעלערנט תורה שבכתב מיט די תורה שבעל פה. דאָס הייסט די תרי״ג מצות פון דער תורה, מיט די באַשיידונג, ווי ביי אונז איז היינט אָפּגעשטעלט ש״ס און פוסקים. דער סדר הלמוד איז געווען אַזוי: צום ערשט האָט משה רבינו געלערנט מיט אהרן דעם שיעור, נאָכהער מיט אהרן׳ס קינדער, נאָכהער מיט די זקנים, נאָך דעם זיינען אַריין אַלע אידן, און משה רבינו ז״ע האָט פאַר זיי גע-לערנט דעם שיעור. נאָכהער האָט אהרן געלערנט פאַר דעם עולם, נאָך אים האָבן זיינע קינדער געלערנט מיט דעם עולם, נאָך זיי האָבן די זקנים געלערנט מיט דעם עולם. נמצא אַז אַלע אידן האָבן געלערנט דעם פרק 4 מאָל. נאָך דעם פלעגן זיי זיך ווידער

צוזאמען קלייבן קאמפאניעס, איבערלערנען גוט צו געדענקען וואס זיי האבן געלערנט, ביז זיי זיינען גוט קלאר געווארן די תורה צו וויסן ווי מקיים צו זיין די מצות, ווי ביי אונז איז היינט מסודר אין פוסקים. דארום איז ביי אונז ניט קיין אונטערשייד פון די זאך וועלכע עס שטייט מפורש אין דער תורה, צי אין דער גמרא, ווייל דאס אלעם איז גלייך ארוים פון דעם הייליגן באשעפערס מויל צו משה רבינו. ווי דער רמב"ם רעכנט אויס 40 מאן פון משה רבינו ביז רב אשי דער לעצטער פון די אמוראים, וואס האבן אלע מאל ווייטער איבער געגעבן דעם דת. מיר ווייזן דא אויף ווי עס איז איבערגעגאנגען געווארן כסדר פון רב אשי ביז שו"ע. יעדער רבי מיט זיינע תלמידים, אלעם געבויט אויף דעם ערשטן יסוד, די קבלה פון משה רבינו זי"ע.

10 טעג אין ניסן דעם פערציגסטן יאר איז מרים משה רבינו'ס שוועסטער געשטארבן. האט אויפגעהערט צו גיין וואסער פון שטיין. דורך דעם איז ארויסגעקומען דאס משה רבינו מיט אהרן זאלן ניט אריין אין ארץ ישראל. אין דעם יאר, ר"ח אב איז אהרן געשטארבן, זי"ע, און אלעזר זיין זון איז געווארן כהן גדול. פון דער צייט איז דער עמוד הענן אפגעטאן געווארן.

ב

דעם יאר, ר"ח שבט איז ארוים א כרוז פון משה רבינו זי"ע, אין א חדש ארום מיט 7 טעג ארום וועל איך שטארבן, ווער עס האט פארגעסן פון אונזער לערנען אדער ער האט וואס צו פרעגן זאל קומען פרעגן. דעם טאג פאר זיין שטארבן האט ער מיט דעם כלל ישראל כורת ברית געווען, און האט זיי פארגעלייענט ברכות אויף דעם וואס היטן די הייליגע תורה, און קללות רח"ל אויף דעם וואס וועט עובר זיין אויף דער תורה. נאכהער האט ער געשריבן 13 ספרי תורות און געגעבן יעדער שבט א תורה, און 1 ספר תורה אריין געשטעלט אין ארון קודש, וועלכע איז געשטאנען אין משכן וואס דארט זיינען געלעגן די לוחות.

7 טעג אין חודש אדר דעם טאג פון זיין שטארבן, האט ער אויף יהושע זיין תלמיד די הענט אנגעשפארט, גערופן אים רבי און איבערגעגעבן דאס פאלק אונטער זיין רעגירונג, ווי דער הייליגער באשעפער ב"ה וב"ש האט אים פארזאגט. נאכהער איז

משה רבינו געגאנגען געזעגענען זיך מיט אידן אין זייערע גע־צעלטן, טרייסטן זיי אויף זיין שטארבן. און האט זיי מתרה גע־ווען פאר הימל און ערד, דאס זיי זאלן היטן די תורה, און געזאגט פאר זיי די שירה פון האזינו דאס זאל בלייבן פאר זיי א עדות, און איז ארויף אויף דעם בארג נבו. דער גאנצער כלל ישראל האבן אים באגלייט, ווי ער איז געקומען צו אנפאנג בארג האט ער זיך אומגעקערט מיט דעם פנים צו דעם פאלק און זיי געבענטשט מיט די ברכות פון וזאת הברכה, און איז ארויף אויף דעם בארג ווייטער און געזען ארץ ישראל און איז אפגעטאן געווארן פון אידן ז׳ אדר. באלד נאך דעם האט אויפגע־הערט צו גיין דער מן.

ג

משה רבינו׳ס פטירה איז איינע פון די גרעסטע פלאים אין דער וועלט. עס שטייט דאך אין דער תורה, אז דער ארט איז הר נבו מיט אלע סימנים, און עס שטייען דערביי אן ערך פון 3 מיליאן מענשן און זען ווי ער גייט ארויף, דוכט זיך אז דאס איז פון די קליינע זאכן צו געפינען באלד אויף דעם ארט דעם קבר, — און מען האט פארט ניט געפונען, און מען ווייס ניט ביז היינטיגן טאג. ווי בא־האלט מען זיך פאר אזא פאלק אין די אויגן? זיי האבן געקענט דעם בארג דורכזוכן און געפינען דעם קבר. פון משה רבינו׳ס ביא־גראפיע זעט מען ארוים דעם אמת דאס ער האט פון זיך קיין זאך געטאן נאר וואס דער הייליגער באשעפער ב״ה האט אים געהייסן. ווארום איז ער געשטארבן אנדערש ווי די גאנצע וועלט? נאר די וואס זיינען דערביי געשטאנען האבן געזען דעם אמת, דאס אלעס איז געגאנגען איבער דער נאטור, נאר דער באשעפער ב״ה האט אזוי געהייסן.

ד

באטראכט נאר, וואס האט משה רבינו געהאט פון זיין גאנצן געשעפט מיט אידן? ער האט אפן געזאגט פאר דעם גאנצן כלל, ווען האב איך אנגערירט? איך האב זיך אפילו ניט באדינט מיט קיינעם. קיין איבעריגע כבוד האט ער אויך פון זיי ניט געהאט. ער האט זיי ארומגעפירט אין דעם מדבר,

און האָט זיי ערפילט אַלעס וואָס זיי האָבן נאָר פאַרלאַנגט. ווען מיר אפשר זאָגן דאָס ער האָט געטאָן פאַר קינדערס וועגן — האָט ער אָבער פאַר קינדער אויך גאָר ניט פאַר זאָרגט. זיין רעגירונג האָט ער איבערגעגעבן צו יהושע, כהונה צו אהרן מיט די קינדער, מלוכה צו שבט יהודה אויף אייביג. נאָך מער, זיין אייגענעם שבט לוי, האָט ער געמאַכט פאַר אייביגע אָרעמע לייט, זיי זאָלן אימער צום צווייטן אָנקומען נעמען „תרומה", „מעשר", „מתנות כהונה", און האָט זיי ניט פאַרזאָרגט מיט ערד ווי אַלע שבטים, און דאָס איז דאָך ידוע דאָס די ערגסטע קללה איז אָנ־צוקומען צום צווייטן רח"ל, פון דעם איז אַ באַוויז אַז ער האָט פון זיך ניט געטאָן קיין זאַך, נאָר מיט דעם באַפעל פון באַשעפער ב"ה וב"ש.

די גאַנצע רייד פון משה רבינו זי"ע אָפשייד איז געווען די ווערטער איר וועט זינדיגן און מען וועט אייך פאַרטרייבן ענדע וועלט, איז דאָס ריכטיג מקוים געוואָרן. אויך די גאַנצע תוכחה און די עדות פון פרשת האזינו ווערט מקוים ריכטיג אות באות, ווי מיר זען און ווי יעדער פילט דאָס ביי זיך. משה רבינו זי"ע האָט געזאָגט וויפל שמטות איר וועט פאַרפעלן, אַזוי פיל וועט איר ווערן פאַרטריבן. אַזוי איז געווען. זיי זיינען גע־ווען פאַרטריבן אויף 70 יאָר געגן די שמטות וואָס זיי האָבן פאַרפעלט ווי עס איז ידוע דער חשבון. (עיין רש"י בחקתי).

תורה שבעל פה מסיני

משה קיבל תורה מסיני ומסרה ליהושע ויהושע לזקנים וזקנים לנביאים ונביאים מסרוה לאנשי כנסת הגדולה. (אבות פ"א)

אַז עס מוז זיין אַ תורה שבעל פה, וועלכע דער באַשעפער ב"ה האָט געזאָגט צו משה רבינו אַ פירוש אויף דער תורה, און משה רבינו האָט דאָס געלערנט מיט די אידן זעט מען מפורש אין דער תורה. עָס שטייט אין דער תורה וזבחת כאשר צויתיך. דער באַשעפער ב"ה זאָגט צו משה רבינו, דו זאָלסט שעכטן ווי איך האָב דיר פאַרזאָגט, עס שטייט אָבער ניט אין דער תורה ווי אַזוי מען האָט אים פאַרזאָגט, מוזן מיר דאָך

זאגן, אז דער באשעפער ב״ה האט משה רבינו'ן געזאגט אויס־וויינינג די דינים פון שחיטה, און משה רבינו האט דאס איבער־געגעבן. דאס גלייכן אלע פרטי דינים פון די גאנצע תרי״ג מצות, דען אין דער תורה שטייט ניט אפילו איין מצוה אויסגעשריבן ווי צו טאן איר. עס שטייט אין דער תורה מען זאל נעמען סוכות א פרי עץ הדר, האבן מיר בקבלה אז דאס איז אן אתרוג. פון דעם קאן מען אבער ניט וויסן ריכטיג וואס מען מיינט, דען עס איז דא נאך אנדערע מינים שיינע פרוכט, וועט יעדער פאר זיך אויסקלייבן וואס פאר א פרי אים געפעלט. דאס גלייכן תפילין, שטייט נאר אין דער תורה טוטפות וואס טוטפות איז שטייט ניט אין דער תורה. קומט דאך אוים וואס איינער וועט וועלן וועט ער אן טאן פאר א צייכן? — ציצית. שטייט ניט וויפל פעדים איינצומאכן, איז דאך וויפל פעדים יעדער וועט וועלן וועט ער מאכן? און עס שטייט אין דער תורה, „תורה אחת יהיה לכם״ דאס הייסט די תורה מוז זיין גלייך פאר אלעמען, עס טאר קיין פאנאנדערטייל אין דער תורה ניט זיין. מוזן מיר דאך זאגן אז משה רבינו האט דאס אלעס איבערגעגעבן בעל פה, ווי דער באשעפער ב״ה האט אים געזאגט אלע פרטים פון יעדע מצוה.

מלכים

דער ערשטער מלכות ביי אידן איז געווען שאול, פון שבט בנימין, ער האט נאר געקעניגט 3 יאר. (סדר עולם ע״ש הגר״א) ווייל ער האט פארבראכן מיט דעם וואס ער האט איבערגע־לאזט פון די עמלקים. האט דער בורא יתברך פון עם צוגענומען די מלוכה און איבערגעגעבן צו דוד בן ישי פון שבט יהודה. דוד איז געווארן שאול'ס א איידים און איז געיאגט געווארן פון אים. שאול איז געטויט געווארן אין דער מלחמה פון די פלשתים און דוד איז פארבליבן מלך איבער דעם כלל ישראל.

דוד איז 7 יאר געזעסן אין חברון, נאכהער אין ירושלים. ער האט איינגענומען אלע אומות ארום זיין לאנד. ער האט גע־שטארקט די הייליגע תורה, און געגרינדעט ישיבות, ער זעלבסט איז געווען דער גרעסטער ראש הישיבה און פלעגט שאלות ענט־פערן, ווען אויך א אשה איז געקומען ווייזן איר שאלה אויב

זי איז טהור צום מאַן. ער האָט פאַרפאַסט דעם תהלים, וועל־כער איז ביי אַלע פעלקער הייליג, און מיר גלויבן דאָס יעדער איד קאָן זיין צער געפינען אין תהלים גיענטפערט צו ווערן. אין תהלים איז דאָ קאַפּיטלען וועלכע דוד האָט געהאַט בקבלה פון אדם, אברהם, מלכי צדק, פון משה רבינו און בני קרח. דוד איז געווען אַ תלמיד פון שמואל הנביא. געלעבט האָט ער 70 יאָר. געקיניגט האָט ער 40 יאָר, נאָך אים האָט געקיניגט שלמה זיין זון.

שלמה

ג־ט ב"ה האָט געגעבן צו שלמה'ן חכמה אָן אַ ברעג. מיט זיין חכמה האָט ער אויסגעקלונגען די גאַנצע וועלט. אַלע מלכים זיינען געווען אונטערטעניג צו אים, פאַר זיין חכמה. דעם 4־טן יאָר פון זיין מלוכה, ד. ה. 480 יאָר נאָך יציאת מצרים, האָט שלמה געבויט דעם בית המקדש. ער האָט אונז פאַרפאַסט די דריי הייליגע ספרים: משלי, שיר השירים, קהלת.

משלי באַשטייט אין דעם, איין צו פלאַנצן ערליכע קלוגע זיטן אין יעדער איד. קהלת איז געבויט אויף צו ווייזן פאַקטיש, אַזוי ווי ער איז געווען דער גרויסער פילאָזאָף, און האָט אויך די גרעסטע פאַרגעניגן זיך פאַרשאַפט אויף דער וועלט האָט ער זיך איבערצייגט אַז די וועלט מיט אַלע גליקן איז גאָר נישט. דעם מענטשנס גליק באַשטייט נאָר פון ג־ט ב"ה פורכט צו האָבן, צו דערגרייכן צו די אייביגע וועלט. שיר השירים באַשטייט אין דעם, אין שיר השירים איז איינגעוויקעלט די ליבע צווישן אידן מיט דעם בורא יתברך שמו אין דעם פאַרלויף פון אידישן לעבן אין אַלע צייטן, אַלעס מיט ג־טליכע חכמה געמאַכט.

אין שלמה'ס צייטן זיינען דער כלל ישראל געווען גליק־ליך, און געזעסן רוהיג אין זייער לאַנד. נאָך אים האָט געקי־ניגט רחבעם זיין זון. האָבן אין אים 10 שבטים מורד געווען און געמאַכט קיניגן אויף זיך ירבעם בן נבט פון שבט אפרים. די 2 שבטים יהודה און בנימין אויך פיל פון שבט לוי, כהנים, און פיל פרומע פון אַנדערע שבטים האָבן זיך געהאַלטן אין מלכות בית דוד. האָט זיך די אידישע מלוכה צוטיילט אויף

מלכות בית דוד און מלכי ישראל. דאָס איז אַרוים איבער דעם, ווייל רחבעם האָט אָנגענומען די עצה פון די יונגע אַלס פון די אַלטע.

מלכי ישראל

א

ירבעם בן נבט וועלכער איז געווען דער ערשטער פון מלכי ישראל האָט ער געוואָלט אָפּציען די אידישע מאַסן פון עולה לרגל זיין קיין ירושלים, האָט ער געשטעלט 2 עגלי זהב, איינעם אין בית־אל און איינעם אין דן. דעם עולם זאָל דאָרט צוזאַמענ־קומען. ער האָט דאָרט געבויט אַ מזבח, געשטעלט כהנים און ער איז זעלבסט געקומען מקטיר זיין קטורת. האָט ער באַלד געהאַט דעם פסק. עס איז געקומען עדו הנביא און האָט אויס־געשריען מיט איין קול איבער דעם מזבח, עס וועט אַרויסקומען איינער פון מלכות בית דוד מיט זיין נאָמען יאשיה וועט ער אויף דעם מזבח אויסשעכטן אַלע כהנים פון די במות. און מענ־שליכע ביינער וועט דאָ פאַרברענט ווערן, צום באַווייז צי די זאַך איז ריכטיג וועט באַלד דער מזבח צושפּאַלטן ווערן, און די אַש וועט זיך צושיטן. ווי דער מלכות האָט דאָס דערהערט, וויל ער אויסשטרעקן די האַנט צייגן אים צו נעמען, איז אים געוואָרן די האַנט איינגעדאַרט. האָט ער געבעטן דעם נביא ער זאָל אויף אים מתפלל זיין, האָט דער נביא מתפלל געווען און די האַנט איז געוואָרן געזונד.

נאָך ירבעם האָט געקיניגט נדב זיין זון האָט איינער בעשא בן אחיהו אויסגעטויט נדב מיט די גאַנצע הויז פון ירבעם, ווי דער נביא אחיה השילוני האָט נביאות געזאָגט, און בעשא איז געוואָרן מלך. נאָך אים האָט געקיניגט אלה זיין זון האָט זייערער אַ דינער זמרי געטויט אלה׳ן מיט די גאַנצע הויז פון בעשא, ווי ג־ט ב״ה האָט געזאָגט דורך יהוא הנביא, און ער איז געוואָרן מלך. זמרי האָט אָבער ניט געקיניגט מער ווי 7 טעג, דען דאָס פאָלק האָט געמאַכט קעניגן עמרי׳ן.

נאָך עמרי׳ן האָט געקיניגט אַחאָב זיין זון. ער האָט זייער פיל פאַרברעכן געטאָן געגן ג־ט ב״ה, אויסער די עגלים פון ירבעם,

האָט ער איינגעפירט די עבודה זרה בעל. ער האָט געהאַט א פרוי איזבל, אַן ארורה, וואָס זי האָט געטוידט אַלע נביאים. עס איז נאָר געבליבן 100 נביאים וועלכע עובדיה דער קייזערליכער הילפסמינים-טער האָט באַהאַלטן מיט אַלע זייערע נויטווענדיגקייטן.

אין דער צייט האָט אליהו התשבי געשאָלטן עס זאָל 3 יאָר ניט זיין קיין רעגן און קיין טוי, און אַזוי איז געווען, און דער הונגער האָט זיך געשטאַרקט. נאָך 3 יאָר האָט זיך אליהו באַוויזן צו אחאָב און זאָגט אים: נעם צונויף דעם גאַנצן פאָלק מיט דיינע נביאים צום הר הכרמל, דאָרט וועט אַרויסגיין דער אמת. אחאָב האָט אַזוי געטאָן. דאָרט ביים הר הכרמל האָט אליהו באַוויזן גרויסע וואונדער ביז אַלע האָבן זיך ערקונדיגט דעם אמת און האָבן געשריען: ה׳ הוא האלקים.

און אַזוי גייט ווייטער ביז עזרא הסופר. עזרא האָט מוסיף געווען תקנות אין קריאת התורה וועלכע משה רבינו האָט מתקן געווען צו לייענען אַלע שבת. און נאָך אַנדערע תקנות, ווי די גמרא רופט דאָס „תקנת עזרא".

וויפיל דאַרף מען דאַנקען דעם אויבערשטן פאַר די תקנה פון קריאת התורה, וואָס דאָס האַלט אויף דעם איד אין אַלע צייטן, אומעטום, דעם בונד צו דער תורה.

נחמיה האָט איבערגעבויט די פעסטונג פון ירושלים. מיט מסירת נפש האָט ער געאַרבייט פאַר דעם כלל. ער האָט אויך גע-שטראָפט די רייכע פאַרוואָס זיי דריקן די אָרימע און געשטראָפט דאָס פאָלק פאַר חילול שבת.

ב

די ערשטע צייט איז ארץ ישראל געווען אונטער דעם שוץ פון מלכי פרס. עס האָבן רעגירט פירשטן איינע נאָך די אַנדערע, זרובבל, משולם, נחמיה. נאָכהער האָט געפירט דאָס פאָלק דער כהן גדול מיט די 70 סנהדרין, אַלעס אונטער דער מלוכה פון פרס. די אַנשי כנסת הגדולה האָבן עקזיסטירט די גאַנצע צייט, דער לעצטער פון זיי איז געווען חגי הנביא, ער האָט מאריך ימים געווען. ער האָט געלעבט פון בית ראשון ביז דער צייט. פון אים האָט זיך גע-ענדיגט די נבואה ביי אידן. דאָס איז אין יאָר 3442 נאָך בריאת

העולם, וואָס מיר וואַרטן אַלע טאָג אויף דער בשורה פון אליהו הנביא פאַר דער גאולה.

עס זיינען געווען ביי אידן טויזענטער נביאים, נאָך די גמרא רעכנט אויס נאָר 48 נביאים און 7 נביאות וועלכע זיינען באַוואוסט ביי אידן.

ווי עס האָט זיך געענדיגט נבואה האָט זיך אָנגעפאַנגען די צייט פון די חכמים מיט דעם נאָמען תנאים. זיי האָבן עקזיסטירט מיט זייער געטליכער חכמה און האָבן געלערנט די תורה אויסענ־ווייניג, דאָס הייסט תורה שבעל פה, און איבערגעגעבן איינער דעם צווייטן.

שמעון הצדיק, דער כהן גדול, איז געווען דער לעצטער פון די אנשי כנסת הגדולה און דער ערשטער פון די תנאים. ער האָט די טויערן פון בית המקדש באַפעסטיגט און געגראָבן וואַסער קאַנאַלן אין ירושלים. אין זיין צייט איז צוריסן געוואָרן די מלוכה פון פרס, און עס האָט אָנגעפאַנגען געוועלטיגן מלכות יון

דער ערשטער פון זיי איז געווען אלכסנדר מוקדון. נאָך אַלכ־סנדר מוקדון איז זיין מלוכה צוטיילט געוואָרן אין 4 טייל. 1 טייל האָט געהערט צו תלמי מלך מצרים. אין זיין גורל איז געפאַלן ארץ ישראל. תלמי המלך האָט געוואָלט האָבן די תורה איבערגעזעצט אויף לשון יון (גריכיש), האָט ער געפאָדערט 70 חכמים און האָט זיי אויפגענומען בכבוד, יעדערן אין א באַזונדער צימער אוועקגע־זעצט, אז יעדער באַזונדער זאָל איבערזעצן די תורה. האָבן זיי אַלע פונקט גלייך איבערגעזעצט ווי זיי וואָלטן געווען אַלע צוזאַמען.

ווען ר׳ שמעון איז געשטאָרבן איז געוואָרן זיין זון ר׳ יהודה נשיא. אים האָט די וועלט גערופן רבינו הקדוש, און מיר רופן אים „רבי״ סתם. אין זיין צייט איז געווען רוהיג. עס איז דאַן געוואָרן קיסר אַנטונינוס דער צווייטער וועלכער האָט געהאַט מיט רבי׳ן א שטאַרקן בונד. רבי איז געווען א גביר אדיר. די וועלט פלעגט זאָגן: די דינער פון רבי זיינען רייכער פאַר די מלכים פון פרס.

חורבן בית שני

דער קיסר פון רוים, ווי די גמרא רופט אים נירון קיסר, האָט געשיקט אויף מלחמה מיט אידן איינעם מיטן נאָמען אספּס-יאָנוס. ער האָט צום ערשט איינגענומען די 2 פעסטונגען צפורי און יודפת. דאָ האָט רומי געלייגט 100 טויזענד מאַן. אידן האָבן באַוויזן גרויס גבורה, נאָר דער חיל פון רום איז געווען זייער פיל, און אספּסיאָנוס האָט ניט געזשאַלעוועט קיין מענשן. ער האָט אויך איינגענומען יפו, שומרון און טבריה, און האָט זיך גערוקט קיין ירושלים, איז ער געקומען און האָט באַלעגערט די שטאָט.

די חז״ל, און אויך די פשוט'ע ערליכע מענשן האָבן געהייסן זיך אונטערגעבן, דען מען זעט דאָך אז עס איז א יד ה׳, מען וועט ניט אויספירן. די פּרוצים (פרייע) האָבן אָבער געזאָגט, מען מוז שטרייטן ביז דאָס לעצטע, האָבן די פּרוצים ניט אַרויסגעלאָזט פון שטאָט די מינדעסטע זאַך, אויסער א טויטן צו דער קבורה. רבי יוחנן בן זכאי מיט זיינען תלמידים האָבן איינגעזען דאָס דער באַ-שטאַנד איז זייער שלעכט, איז ביי זיי פאַרבליבן צו באַזייטיגן אַלע גליקן, און צום ערשט באַפעסטיגן די תורה, האָט זיך ר׳ יוחנן בן זכאי געמאַכט קראַנק און מען האָט אַרויסגעלאָזט א קול דאָס ער איז געשטאָרבן. האָט מען אים דורכגעטראָגן אין אן ארון אויסער דער שטאָט. איז ער געקומען צו אספּסיאָנוס און האָט זיך פאַר אים פאַרגעשטעלט. רבי יוחנן בן זכאי האָט ביי אים שטאַרק אויס-גענומען. ער פרעגט אים, וואָס פאַרלאַנגסטו? ענטפערט ער, איך פאַרלאַנג נאָר א קליינע זאַך, זאָלסט מיר געבן רשות צו זעצן סנהדרין אין דער שטאָט יבנה, דאָרט זאָל זיצן דער נשיא. אויף דער שטאָט זאָלן די רומים קיין דעה ניט זאָגן אין די ענינים פון דת.

אספּסיאָנוס קוקט אָן, וואָס פאַרלאַנגט דאָ דער באַרימטער פון אידן אין דער צייט וואָס דאָס לאַנד איז באַלעגערט, דער לעבן פון פאָלק הענגט געגן די אויגן. ער האָט אָבער ניט פאַרשטאַנען דאָס דאָ ליגט באַהאַלטן דער גאַנצער כלל ישראל אויף אייביג. ווי מען האָט דאָס צום סוף אַרויסגעזען, אז דורך דער שטעטל יבנה מיט אירע חכמים, איז געבליבן די גאַנצקייט פון די תנאים ביז חבור

משניות און דער באַשטאַנד פון אידן איז געבליבן דורך דעם אויף איביג.

בתוך כך איז אַרויס א נבואה פון רבי יוחנן בן זכאי אז אַספּסיאַנוס בלייבט קיסר אין רום. אין די רייד איז געקומען א ידיעה ער זאָל צוריקקומען, ער איז קיסר, איז ער אַוועק און געלאָזט זיין זון טיטוס אויף זיין פּלאַץ.

ירושלים איז געווען באַפעסטיגט אַרום און אַרום. ווער וויים אויב די רומים וואָלטן גאָר געהאַט כח איר בייצוקומען ווען עס וואָלט זיין ביי אידן אחדות, דען עס איז גאָר קיין שפּאַס געווען צו די אידישע מאַכט, די גבורה וואָס זיי האָבן באַוויזן געגן די רומים. די אידישע פעלד מאַרשאַלן זיינען געווען געוויסע העלדן, אליעזר בן שמוע, יוחנן מגוש חלב און שמעון בר גיורא. עס האָט זיך אָבער אַריינגעמישט א רוח רעה פון שנאת חנם, עס זיינען געוואָרן באַזונדערע סעקטעס, איינער האָט ניט געגלויבט דעם צווייטן. זיי האָבן מלחמה געהאַלטן ווי די לייבן ביז די לעצטע קרעפטן, ביז זייער מאַכט האָט זיך דאָך געענדיגט.

שבעה עשר בתמוז האָבן די רומים אויפגעבראָכן די טויערן פון ירושלים און אַריין אין שטאָט. זיי האָבן אויסגעטויט מיט מיתות משונות רח״ל. דער מאָרד האָט זיך געצויגן ביז ר״ח אב. ר״ח אב האָבן זיי אָנגעפאַנגען באַלעגערן דעם בית המקדש ביז 7 טעג אין אב. דעם 7-טן טאָג אין אָב זיינען זיי אַריין אין הויף פון בית המק־דש און אויסגעטויט די כהנים בעבודתם ולוים בדוכנם וישראל במ־עמדם. די כהנים האָבן אויף דעם ניט געקוקט און געטאָן די עבודה אָן אן אָפּהאַלט. אז מען האָט געטויט די ערשטע פּאַרטיי, איז גע־קומען די צווייטע און דריטע און אַזוי ווייטער ביז תשעה באב. זיי האָבן זיך מוסר נפש געווען איבער די הייליגע עבודה, וואָס גייט פאַרלאָרן פאַר זיי אין די אויגן, און ג־ט וויים ווען עס וועט זיך צוריק אומקערן צו אידן. די לעצטע ארמיי יונגע כהנים זיינען אַריין אין פייער און האָבן געזאָגט: מיר ווילן ליבערשט פאַרברענט ווערן מיט דעם בית המקדש צוזאַמען איידער אַריינפאַלן אין די הענט פון די רומים.

דעם פינצטערן טאָג תשעה באב אין יאָר 3828 האָבן זיי

דעם בית המקדש חרוב געמאכט. און אזוי זיינען מיר געבליבן פאר־וויסט און פארשפרייט. פון דאן איז אוועקגענומען געווארן פון אונז דער כבוד ביז השי״ת וועט זיך איבער אונז במהרה מרחם זיין, אמן.

דארום איז ביי אונז פון שבעה עשר בתמוז ביז ט׳ באב, 3 וואכן וועלכע מען ריכט אפ אבלות, און פון ר״ח אב ביז ט׳ באב נאך הארבער, און ט׳ באב איז א תענית מיט עינוים ענליך צו יום כפור.

די השגחת הבורא איז מיטן האנט אנצוטאפן. אין דעם איי־גענעם טאג זיינען ביידע בתי מקדש חרוב געווארן, און נאך פיל צרות זיינען געשען דעם טאג. דעם טאג איז אויך געווען די גזירה אין די צייט פון די מרגלים, אז די אידן זאלן אויסשטארבן אין מדבר אין די גאנצע 40 יאר איין מאל אין יעדן יאר, איז נאר אין דעם טאג אויסגעשטארבן א סכום מענשן, וויפיל עס איז נגזר געווארן זיי זאלן שטארבן. אויך אין דעם טאג איז חרוב געווארן די שטאט ביתר. דעם טאג האבן די רומים צואקערט די שטאט ירושלים. די שפעטערע צרות, גירוש שפאניע וואס זיינען ארוים 3 מאל הונ־דערט טויזענט פאמיליעס אידן אין איין טאג, איז דאס אויך געווען אין דעם טאג פון תשעה באב.

די כהנים גדולים וואס האבן באדינט אין צווייטן בית המקדש, איז מען ניט אימשטאנד אויסצורעכענען. עס האבן געדינט אין דער צייט העכער 300 כהנים, גייט אראפ די 40 יאר וואס עס האט געדינט שמעון הצדיק, 80 יאר וואס יוחנן כהן גדול האט געדינט, 10 יאר ישמעאל בן פאבי, ווייזט דער חשבון דאס די איבריגע האבן זייער יאר ניט אויסגעלעבט. דאס איז אלעם ווייל זיי זיינען געווען געזעצט דורך געלט.

דער צווייטער בית המקדש איז געשטאנען 420 יאר. אין דער צייט וואס דער צווייטער בית המקדש איז געשטאנען זיינען שוין אידן געווען פיל פארשפרייט, נאך פון דער צייט פון חורבן בית ראשון, אין שפאניע, פראנקרייך, בעהמען און מצרים, אויסער די וואס זיינען געבליבן אין בבל פון ערשטן חורבן. אלע אידן פון דער גאנצער וועלט האבן געהאט א פארבינדונג מיט ארץ ישראל מיט די סנהדרין.

מיט דעם נצחון האָבן אספסינום מיט טיטום געשטאָלצירט. זיי האָבן אַרומגעפירט אין פרעמדע מלוכות די אידישע שטרייטפּי־רער מיט די כלים פון בית המקדש, ווייזן זייער העלדישן קראַפט. ווייל די וועלט האָט בשום אופן ניט געגלויבט מען זאָל וועלן אידן מנצח זיין, ווי עס איז באַוואוסט געווען זייער שטאַרקייט. רום האָט זיי צום אָנדענק געמאַכט אויף דעם נאָמען פון טיטום הרשע שחיק טמיא, איין טויער אין שטאָט רום מיט דעם נאָמען קשת טיטום, אויסגעקריצט ווי ער קומט אָן אין רום מיט גרוים כבוד, און טראָגן די כלים פון בית המקדש, דעם שלחן, די מנורה און נאָך כלים מיט א ספר תורה פון בית המקדש, און הינטן געפאַנגענע בנות ציון. אויך האָבן זיי אויסגעגאָסן מטבעות מיט דער בילד פון א פרוי וואָס זיצט אונטער א טייטעלבוים פאַרבראָכן די הענט און א זעלנער שטייט אָנגעשפּאַרט אויף א שפּיז, אויסגעשריבן די ווערטער „יודא קאַפּטאַן", דאָס מיינט, יודא איז אין געפענגעניש, און אויף דעם צווייטער זייט די טריפה'נע צורה פון אספסיאַנום שחיק טמיא. דער טויער מיט די מטבעות זיינען נאָך דאָ עד היום.

גלות רומי

באַלד 5 יאָר נאָכן חורבן האָט זיך ר' יוחנן בן זכאי באַ־זעצט אין יבנה, און האָט פאַרקליבן אהין די גרעסטע לייט און גע־זעצט סנהדרין ווי אין בית המקדש. ר' יוחנן בן זכאי איז געווען דער ראש הסנהדרין, ווייל דער נשיא איז געטויט געוואָרן אין די עשרה הרוגי מלכות און דער זון איז נאָך געווען צו יונג.

אהין פלעגן זיך ציען חכמי ישראל פון אַלע געגענטן ווי פריער קיין ירושלים. די רומים האָט דאָס געוויינליך פאַרדראָסן, זיי האָבן אָבער גאָר נישט געקענט טאָן, ווייל דאָס איז געווען מיט דעם רשיון פון אספסיאַנום. זיי האָבן אָבער געזוכט מיטלען ווי אַזוי דאָס אומ־צוברייננגען.

ר' יוחנן בן זכאי האָט געלעבט 120 יאָר. זיין לעבן איז גע־ווען איינגעטיילט: 40 יאָר האָט ער געהאַנדלט, 40 יאָר האָט ער פאַר זיך געלערנט, 40 יאָר האָט ער געלערנט מיט דער וועלט (ר"ה דף ל"א). ער האָט געהאַט 5 שטענדיגע תלמידים: א) ר' אליעזר

בן הורקנוס, ב) ר׳ יהושע בן חנניה, ג) ר׳ יוסי הכהן, ד) ר׳ שמעון בן נתנאל, ה) ר׳ אלעזר בן ערך. רבי עקיבא איז געווען א תלמיד פון ר׳ אליעזר בן הורקינוס.

אין דער צייט האָט זיך מגייר געווען איינער מיטן נאָמען אונקלוס, טיטוס׳ס א פלימעניק. דער אונקלוס האָט מחבר געווען דעם תרגום וואָס איז ביי אונז היילינ. דער תרגום איז געגעבן געוואָרן אויף דעם באַרג סיני (רש״י קדושין מ״ט.) און איז פאַר א צייט פאַר־געסן געוואָרן.

עשרה הרוגי מלכות

די רומים האָבן פאַרשטאַנען, דאָס ווען זיי וועלן ניט אומ־ברייננען די תורה וועלן זיי מיט אידן גאָר ניט מאַכן, און דאָס ווענ־דעט זיך אין די גרעסרע, די אָנפירער. איז אַרויס א גזירה פון דער ממשלה, מען זאָל אומברייננען פון די אידן די גרעסטע מענשן. איז אין משך פון א צייט אויסגע׳הרג׳עט געוואָרן די 10 גרעסטע פון די אידן:

א) ר׳ שמעון בן גמליאל, דער נשיא, ב) ר׳ ישמעאל כהן גדול, ג) ר׳ עקיבא בן יוסף, ד) ר׳ חנינא בן תרדיון, ה) ר׳ יהודה בן בבא, ו) ר׳ יהודה בן דמא, ז) ר׳ חוצפית המתורגמן, ח) ר׳ חנינא בן חכינאי, ט) ר׳ ישבב הסופר, י) ר׳ אלעזר בן שמוע.

די עשרה הרוגי מלכות דערמאָנען מיר יום כפור אין פיוט אלה אזכרה, און תשעה באב אין דער קינה ארזי הלבנון.

די ערשטע זיינען אומגעקומען רבן שמעון בן גמליאל און רבי ישמעאל כהן גדול. רשב״ג האָט מען אָפּגעשניטן די קאָפּ. ר׳ ישמעאל כהן גדול האָבן זיי אָפּגעשינדן די הויט פון קאָפּ און ער האָט געש־וויגן. ווי עס איז געקומען צום אָרט פון די תפלין, האָט ער אויס־געשריען. ווייל דער אָרט איז ביי אים טייערער ווי דער גאַנצער לעבן. די הויט האָט זייער געלויכטן, איז זי באַלזאַמירט געוואָרן און אָוועקגעלייגט אין מוזעאום. די מלכי רומי האָבן זיך דערמיט געמאַסקירט אויף די בעלער.

בר כוכבא

צו דער צייט איז געווען קיסר אין רוים איינער מיטן נאָמען אַנדריאַנוס. אידן האָבן געהאַט גרויסע צרות פון די רומים, זיינען זיי אַרוים אויף מלחמה געגן אים. דער פאָרשטייער איז געווען א געוויסער העלד מיטן נאָמען שמעון בר כוכבא פון דער שטאָט ביתר. ר׳ עקיבא האָט אין אים א טעות געהאַט, און האָט אים געשטיצט אין אַלע זיינע וועגן. ער איז געוואָרן ביי אים אַן אַדיוטאַנט. ר׳ עקיבא האָט אים גערעכנט פאַר משיח׳ן, און האָט אויף אים גע-לייענט דעם פסוק: דרך כוכב מיעקב.

בר כוכבא איז געוואָרן מלך איבער אידן. דאָס איז געווען 52 יאָר נאָך דעם חורבן. ער האָט איינגעאָרדענט א סאך חיל מלומ-די מלחמה און האָט מלחמה געהאַלטן מיט אַנדריאַנוס 3 מיט א האַלבן יאָר, ביז אַנדריאַנוס האָט גאָר דעם לעבן פאַרהאַסט דורך בר כוכבא. א טייל פון די חכמי ישראל זיינען געווען געגן די דעה פון בר כוכבא. זיי האָבן געהאַלטן אז עס איז נאָך פאַר דער צייט.

דער עלטסטער פון די חכמים איז געווען ר׳ אליעזר המודעי, א פעטער פון בר כוכבא. האָבן די כותים אַנגעבראַכט א שנאה צווישן בר כוכבא מיט זיין פעטער, האָט בר כוכבא זיין פעטער גע-טוידט, ווייל ער האָט אים געהאַלטן פאַר א מורד במלכות. פון דאַן איז אַראָפּ זיין גבורה.

דער הויפּט פאָלק פון אידן האָבן זיך צוזאַמענגעקליבן אין דער שטאָט ביתר. זי איז געווען באַפעסטיגט מיט גרויסע געהיימניסן, דער שונא זאָל ניט וויסן ווי אַזוי מען ברענגט אַריין די פּראָוויאַנט. די כותים, די שונאי ישראל זיינען אָבער פאַלש געווען, האָבן זיי אויסגעזאָגט די ערטער. האָבן די רומים געהיט ניט אַריינצולאָזן קיין שפּייז. די שטאָט האָט זייער געהונגערט, האָבן זיי קיין קרעפטן געהאַט צו האַלטן דעם שטריט, זיינען די רומים אריין אין שטאָדט ביתר אין דעם טאָג תשעה באב און געטויט הונדערטער טויזענטער מענשן, און די באַרימטע שטאָט ביתר מיט אירע שולן און ישיבות חרוב געמאַכט. קינדער פון ישיבות האָבן זיי פאַרברענט איינגע-וויקעלט אין די ספרים. מען האָט נאָך דערצו ניט ערלויבט מקבר

זיין די הרוגים. אן ערך 60 יאָר זיינען די הרוגים געלעגן אויף דעם פרייען פּלאַץ. ביז אַנטונינוס איז געוואָרן קיסר אין רום, האָט ער ערלויבט זיי מקבר צו זיין. די גאַנצע צייט וואָס זיי זיינען געלעגן האָט א פויגל ניט גערירט זייערע קערפּערס. זיי זיינען גאַנץ געבליבן, עס האָט זיך אפילו פון זיי קיין שלעכטער ריח ניט געהערט. דאָס איז א באַוואוסטער נס ביי אידן, וואָס איבער דעם האָט מען מתקן געווען די ברכה פון הטוב והמטיב אין מיטן בענשן. אין די צייט פון מלחמות ביתר זיינען בטל געוואָרן די חכמי יבנה, און זיי האָבן זיך מיט דער צייט איבערגעקליבן קיין אושא.

גזירות ביטול תורה

אַנדריאַנוס האָט איינגעזען אז אַנדערש קען מען ניט אויס־וואָרצלען די תורה פון אידן, סיידן צו שטערן די פאַרזאַמלונג פון די חכמים צום לערנען. האָט ער אַרויסגעגעבן א באַפעל אז עס טאָר זיך ניט געפינען קיין פאַרזאַמלונג פון לערנען ביי די אידישע פאַר־שטייער. האָבן די אידן באַשלאָסן ניט צו קוקן אויף דער גזירה און לערנען דוקא ברבים. ווען אויך איינער וועט געטויט ווערן, זאָל באַלד א צווייטער אַרויף אויף זיין פּלאַץ, און אַזוי כסדר ביז צום לעצטן טראָפּן בלוט. וואָרום אָן תורה איז דער אידישע לעבן קיין לעבן ניט.

דער ערשטער איז אַרויס רבי עקיבא. ער האָט פאַרזאַמעלט א גרויסע עדה אידן און מיט זיי בפרהסיא געלערנט מיט יעדן. ביז מען האָט אים געכאַפּט און געזעצט אין תפיסה. ער איז דאָרט געזעסן 3 יאָר. פיל דינים וואָס ער האָט נאָך ניט באַוויזן איבערגעבן צו זיינע תלמידים, האָבן אידן זיך געלאָזט קאָסטן פיל געלט אַרויס־קריגן די דינים פון אים. איין שאלה האָט געקאָסט 1000 גילדן (יבמות דף ק״ה, שכרו בד׳ מאות זוז, הוא אלף זוז מטבע שלנו). אויך פלעגן זיך די תלמידים פאַרשטעלט פאַר פאַקנטרעגערס און געגאַנגען אַרום פעסטונג אוים שרייען: ווער קויפט נאָדלען, שפּינ־דלען, דאָס איז כשר ? — פלעגט ר׳ עקיבא ענטפערן דורכן פענצטער: דו האָסט שפּינדלען ? — כשר (יבמות ק״ה בתוספות בשם הירושל־

מי). מען האָט ר׳ עקיבאַ׳ן אַרויסגעפירט פון פעסטונג צום טויטן, האָט מען זיין לייב געריסן מיט אייזערנע קאַמען. ער איז אָבער דערביי גלייכגילטיג געווען און האָט דאַמאָלט געלייענט קריאת שמע, ביז זיין נשמה איז אַרויס אין אחד.

די תלמידים האָבן אים געפרעגט: רבי, אַזוי פיל לאָזט איר זיך פייניגן? ענטפערט ער: איך האָב מיין גאַנצן לעבן געהאָפט קומען צו דעם נסיון, דעם לעבן פאַר דעם בורא יתברך אָפּפערן. איצט אַז דער בורא יתברך האָט מיר מיט דעם געהאָלפן זאָל איך ניט ביישטיין דעם נסיון?

נאָך אים איז געקומען ר׳ חנינא בן תרדיון א ספר תורה אין דער האַנט און געגאַנגען אין אַלע גאַסן לערנען מיט אידן. האָט מען אים אויך געכאַפּט. מען האָט אים איינגעוויקעלט אין דער ספר תורה און געלייגט אין פייער. אויף זיין האַרץ האָט מען געלייגט געווייקטע וואָל אין וואַסער, ער זאָל אַזוי גיך ניט פאַרברענט ווערן. די תלמידים זאָגן: רבי, עפען דיין מויל, זאָל דער פייער אין דיר אריין ווערסטו פריער שטאַרבן. ענטפערט ער זיי גלייכגילטיג: איך דאַרף מיין נשמה ניט אומברייננגען איידער עס נעמט איר צו דער וואָס האָט זי אין מיר אַריינגעגעבן. ווי דער תליון האָט דאָס דער-הערט, זאָגט ער: רבי, אויב איך וועל דיר גרעסער מאַכן דעם פייער און אַראָפּנעמען די וואָל, זאָגסטו מיר צו עולם הבא? האָט אים ר׳ חנינא צוגעזאָגט. האָט ער אַראָפּגענומען די וואָל און גרויס געמאַכט דעם פייער, איז די נשמה פון ר׳ חנינא אַרויס געשווינד. אויך דער תליון זעלבסט איז אַריינגעשפּרונגען אין פייער און פאַרברענט גע-וואָרן. איז אַרויס א בת קול פון הימל: ר׳ חנינא מיט דעם תליון זיינען מזומן לחיי עולם הבא. דערויף האָט רבי געוויינט: איינער קויפט זיין וועלט אין פיל יאָרן און איינער אין איין אויגענבליק.

דעם אַנדריאַנוס איז נאָך דעם אַלעם וויניג געווען, ער האָט נאָך צוּשטערט דעם הר ציון און איבערגעביטן די הייליגע שטאָט ירושלים אויף זיין נאָמען.

גזירת ביטול סמיכה

אַנדריאַנוס האָט זיך ארומגעזען דאָס דער פאַרבונד פון אידן מיט דער תורה קומט דערהויפּט אַרויס פון סמיכה. דאָס הייסט, די באַשטעטיגונג פון גרויסע מענשן אין יעדער דור. מיט סמיכה וואָס א רבי איז מסמיך זיינע תלמידים, וואָס דער רבי איז א מוסמך פון זיין רבי'ן ביז משה רבינו, וואָס ער האָט דער ערשטער מסמיך גע־ווען יהושע בן נון דורך דעם באַפעל פון בורא יתברך. דער מוסמך הייסט דער שלאָס וואָס שליסט צוזאַמען דאָס פאָלק אידן. האָט ער גוזר געווען, אַז דער וואָס איז מסמיך מיט דעם מוסמך זאָלן ביידע געטויט ווערן, און די שטאָט וואו מען וועט געבן סמיכה מיט א שטח אַרום פאַרוויסטן.

אין דער צייט זיינען שוין די גרעסטע מוסמכים אויסגעטויט געוואָרן, נאָר דער איינער זקן ר' יהודה בן בבא איז איבערגעבליבן. האָט ער גענומען די 6 תלמידים פון ר' עקיבא: ר' מאיר, ר' יהודה, ר' שמעון, ר' יוסי, ר' אלעזר בן שמוע און ר' נחמיה, וועלכע ר' עקיבא האָט נאָך ניט געוויזן מסמיך צו זיין, און געגאַנגען מיט זיי צווישן די צוויי שטעט אושא און שפרעם, און האָט זיי דאָרט מסמיך געווען. באַלד נאָך דער סמכה איז מען באַפאַלן פון דער רעגירונג. זאָגט ער צו די תלמידים: מיינע ליבע קינדער, לויפט מיט אייער תורה, דען איר זיינט היינטיגן טאָג די קוואַלן פון דער תורה. פרעגן זיי: רבי, וואָס וועט זיין מיט דיר? ענטפערט ער: איך בין מיט דעם צופרידן, דען מיין גאַנג איז געווען אויף דעם. איך האָב זיך געמאַכט ווי א שטיין וועלכער פילט גאָר ניט בעת מען קערט אים נאָר דעם ציל אויסצופירן, די תורה מיט אירע אָרדנונגען זאָלן ניט אָפּגעהאַקט ווערן.

די תלמידים זיינען אַנטלאָפן און אים האָט מען געפונען. האָבן די רומים אין אים אַריינגעשטאָכן 300 שפּיזן, זיי האָבן אים צו־לעכערט זיין פלייש ווי א שיטקע. ער האָט אָבער די מלחמה פאַר דער תורה אויסגעפירט. אַזוי זיינען אויסגעטויט געוואָרן אין גזירת שמד 10 תנאים, דאָס זיינען די עשרה הרוגי מלכות וואָס מיר האָבן זיי אויסגערעכנט.

די 6 תלמידים פון ר׳ עקיבא האָבן זיך צושפּרייט צווישן אידן מיט דער תורה שבעל פה וואָס זיי האָבן מקבל געווען פון זייער רבי׳ן, ר׳ עקיבא. דאָס איז געווען דער ערשטער יסוד עס זאָל איבערבלייבן אויף אייביג תורה שבעל פה ביי דעם כלל ישראל אומעטום.

אין דער צייט פון גזירת שמד רח״ל, איז ארץ ישראל זייער חרוב געוואָרן. די ביסל אידן וואָס זיינען געבליבן זיינען פאַריאָגט געווען פון די שווערד פון רום, איבערהויפּט די חכמי התלמוד. אַנדערע זיינען אַוועק צו ר׳ מתיא בן חרש קיין רום, ער האָט דוקא דאָרט געגרינדעט א ישיבה, צו ווייזן אז דער בורא יתברך קען אויסהיטן די שאָף אין די ציין פון וואָלף. פיל זיינען אַוועק קיין בבל. אַנדריאַנוס איז געשטאָרבן, זיין נאָמען איז געבליבן צו שאַנדע ביי אַלע נאַציאָנען פאַר זיין מערדעריי געגן אידן. אויף זיין אָרט האָט געקעניגט אַנטונינוס דער ערשטער, און מען האָט באַלד גע־פילט די ישועה.

די חכמים וועלכע זיינע אַנטלאָפן פון ארץ ישראל זיינען צוריקגעקומען. צום ערשט זיינען געקומען די 6 תלמידים פון ר׳ עקיבא און האָבן באַזעצט א גרויסע פאַרזאַמלונג פון חכמים אין דער שטאָט אושא, און אָראָפּגעבראַכט רבן שמעון בן גמליאל פון בבל פאַר א נשיא. די פאַרזאַמלונג אין אושא האָט זייער געגרויסט די תורה. מען האָט געמאַכט תקנות וואָס פאָדערט זיך צום דת, און מען האָט דאָרט געזעצט סנהדרין ווי אין יבנה.

נאָכהער האָט זיך איבערגעטראָגן די ישיבה קיין שפרעם.

אַנטונינוס האָט געגעבן א באַפעל מען זאָל מקבר זיין די הרוגים פון ביתר. א צווייטן באַפעל האָט ער געגעבן, אז די גזירת שמד איז בטל און אידן זיינען פריי צו לערנען און היטן דעם דת.

ימי היונים

אין א צייט אַרום האָט געהערט ארץ ישראל צוריק צו יון. דאַן איז געווען מלך דער באַוואוסטער אַנטיוכוס.

דעם כלל דאַרף מען וויסן, דאָס עס פאַנגט זיך ניט אָן קיין גזירה אויף אידן ווי לאַנג זיי ווערן ניט פריי אין ענינים פון דת. צו דער צייט איז דעם כהן גדול׳ס א ברודער מיטן נאָמען ישוע, האָט ער זיך איבערגעלייגט דעם נאָמען אויף יזון, און איז אַוועק צו אַנטיוכס בעטן די כהונה גדולה, און דערפאַר וועט ער אים צאָלן א געוויסע סומע, און ער זאָל אים ערלויבן צו בויען גימנאַזיעס און טעאַטער-הייזער. אַזוי איז געווען. ווי ער איז געוואָרן כהן גדול, האָט ער געבויט א גימנאַזיע אויסער דער שטאָט ירושלים און האָט באַזיי-טיגט די תורה. מיט דער צייט האָבן זיך אידן פאַראייניגט מיט די יונים, זיי זיינען געווען פיל אין זייערע טעאַטער-הייזער. ביז עס איז ביי אידן געוואָרן א סעקטע מיט דעם נאָמען העלעניסטן. דאַן איז באַלד אַרויס אַנטיוכס מיט זיינע גזירות.

אַנטיוכס האָט באַזעצט פון זיך א פירשט אין ארץ ישראל מיטן נאָמען פיליפ און אים פאַרזאָגט אויסצורייסן די תורה רח״ל און איינפירן געצן-דינסט מיט זייערע טעאַטער הייזער. צום ערשט האָבן זיי אַריינגעשטעלט זייער געצן בילד אין בית המקדש און מקריב געווען טמאים, זיי האָבן צוריסן ס״ת אויף שטיקער רח״ל. אַנטיוכס האָט אַרויסגעגעבן טויט שטראָף אויף די וואָס היטן מילה, שבת און כשרות. א כלה פאַר דער חופה האָט זיך געמוזט מעלדן צום עלטסטן פון מיליטער.

דער איד אָבער איז שוין אַזוי, גראַדע ווען מען דריקט אים, מען שטיקט אים צו, דאַן קערט ער זיך צוריק. די אידן זיינען שוין בעסער געוואָרן. זיי האָבן דעם לעבן געאָפּפערט פאַר דער תורה. זיי האָבן אין די קעלערן שבת געהאַלטן און תפילין געלייגט.

א מוטער מיט אירע 7 זין האָבן זיך מוסר נפש געווען. די זאַך איז געווען אַזוי: דער מלך האָט געבעטן דעם קלענסטן פון זיי: איך וועל אַראָפּוואַרפן דעם רינג געגן דעם צלם, און דו זאָלסט אים אויפהויבן, מען זאָל מיינען אז דו בוקסט זיך צום צלם. דער

קינד ענטפערט אָבער: איבער דעם כבוד פון א מענשן וועל איך ניט מחלל זיין דעם כבוד הבורא, איך בין פארטיג צום טויט מיט שמחה. און אזוי איז געווען מיט אלע זין. נאָך זייער טויט האָט גע־זאָגט די מוטער: גייט זאָגט אייער פאָטער אברהם, ער האָט געפירט איין זון צו דער עקידה און איך — זיבן זין, דאַן איז זי אַרויף אויף א דאַך און זיך אַראָפּגעוואָרפן. איז אַרוים א שטימע פון הימל מיט די ווערטער: אם הבנים שמחה.

אויך האָבן די יונים געשטאָפּט א אידן פון 90 יאָר א שטיקל חזיר אין מויל אַריין, האָט ער עס אויסגעבראָכן. האָבן זיי אים געבעטן, זיי וועלן אים א שטיקל כשר פלייש אריינשטאָפּן און מען זאָל מיינען אַז דאָס איז חזיר. ענטפערט ער: איך וויל ליבערשט אין אייער האַנט ערליך שטאַרבן און וועל ניט מחלל זיין שם שמים.

איין שבת זיינען די יונים באַפאַלן אַ קעלר מיט 1000 אידישע פאַמיליעס וועלכע זיי האָבן געבעטן זיי זאָלן אַרויסגיין טאָן מלאכה. האָבן זיי זיך ליבערשט געלאָזט טויטן אויף קידוש השם.

אין דער צייט איז אַוועק א גרויסע קאָמפּאַניע אין די מדב־ריות דינען דעם בורא יתברך. זיי האָבן זיך גערופן מיט דעם נאָמען איסים.

בית חשמונאים

צו יענער צייט איז געווען ביי אידן א געוויסער מאַן מיטן נאָמען מתתיהו כהן גדול פון דער משפחה חשמונאי, א זקן פון 80 יאָר. ער האָט געהאַט 5 זין: יוחנן, שמעון, יהודה המכבי, אלעזר און יונתן. ביי זייערע א שוועסטער, יהודית, האָט געדאַרפט זיין חתונה. פאַר דער הויכצייט (פאָרשפּיל) האָט מען איינגעלאַדן די פאַרנעמסטע לייט פון שטאָט. דער גאַנצער עולם האָט ערוואַרטעט די כלה. אין דעם ווי זיי זיצן אַזוי, איז אַריין די כלה זייער פאַר־שייט אויסגעבלויזט וואָס איז פאַרבאָטן פאַר אידישע טעכטער, נאָכמער פאַר א כהן גדול׳ס טאָכטער. דער עולם האָט אַראָפּגעלאָזט די קעפּ כדי אויף איר ניט צו קוקן. די ברידער (בני מתתיהו) האָבן פאַרבראָכן די הענט און אָנגעפאַנגען שרייען אויף איר: ווי

קומט דאָס צו דיר דו פאַרשעמסט אונזער פאַמיליע פאַר אַלע חשו־בים. דאָ האָט זי אַרויסגעשאָסן מיט א יאָמערליכן געוויין: אונ־פאַרשעמט זייט איר. איר זייט נאָר פרום פאַר זיך. אידישע בלוט גיסט זיך ווי וואַסער, די הייליגע תורה טרעט מען מיט די פיס, דער בית המקדש איז פאַרשעמט, אידישע טעכטער זיינען הפקר צו זנות! אויף מיר ווילט איר ניט קוקן. וואָרום קוקט איר און שווייגט? און דאַרט אויסער דער שטאָט וואַרט שוין אויף מיר דער גענעראַל מיט זיין לאגער, איך זאָל אהין פריער גערופן ווערן ווי צו מיין חתן!

באַלד ביי דער זיצונג נאָך איר רירענדע רעדע איז געבליבן צו גיין אויף קידוש השם שטרייטן מיט אַנטיוכס.

עס איז געקומען די נאַכט פון דער חופה, האָבן די ברידער געפירט די כלה צום גענעראַל. די וועג האָבן זיי מיט מירטן און בלומען באַשאָטן. פון דערוויטינס האָבן זיי אָבער געשטעלט צוזאַ־מענגעקליבענע אידן זיי זאָלן זיין גרייט צום שטרייט. דער גענעראַל מיט זיין מיליטער קוקן אָן מיט צופרידענהייט ווי דעם כהן גדול׳ס טאָכטער גיט זיך איבער צו ערפילן דעם באַפעל פון דעם קיסר. ער האָט זיי ענטפאַנגען מיט גרויס עהרע און אַריינגעפירט צו זיך אין זאַל.

דאָ האָט זיך יהודה אָנגעקליידט מיט העלד־מוטה און דעם גענעראַל געשטאָכן. ער איז באַלד אַרויס אויף א שטרייט און האָט זיי פאַריאָגט פון דער שטאָט עכו ביז נימרום (יוצר לחנוכה).

ווי דער קעניג אַנטיוכס האָט דאָס דערהערט האָט ער אַרויס־געשיקט אויף א מלחמה אן ערך 50 טויזענט מאַן, און יהודה נאָר מיט 6 טויזנט מאַן, און א תענית דערצו. פונדעסטוועגן האָט יהודה אויסגעטויט ביז איינעם. אַנטיוכס האָט ווידער געשיקט אַן ערך 70 טויזנט מאַן, און יהודה איז אַרויס נאָר מיט 10 טויזנט מאַן, און האָט גובר געווען און אויסגעטויט ביז איינעם.

יהודה האָט זיך פאַרשפּרייט אויף די גאַנצע לאַנד וואו עס איז נאָר געווען חיל פון יון, און האָט זיי מנצח געווען. ער איז גע־קומען קיין ירושלים, האָט גערייניגט און גיהייליגט דעם בית המקדש און געבויט א נייעם מזבח, ווייל דעם מזבח האָבן די גריכן מטמא געווען.

כ"ה כסלו אין יאָר 3622 פון בריאת העולם האָט מען גע־מאַכט א חנוכת הבית. ביי דעם איז געשען א גרויסער נס: ווען די יונים זיינען אריין אין בית המקדש האָבן זיי טמא געמאַכט אַלע בוימאייל. נאָר איין ביסל בוימאייל איז געבליבן מיט דעם זיגל פון כהן גדול וואָס זיי האָבן ניט געפונען. עס איז ביי דעם געשען נאָך א נס: דאָס ביסל בוימאייל איז געווען גענוג צו ברענען נאָר אויף איין נאַכט, און עס האָט געברענט 8 נעכט. אויף דעם האָבן די חז"ל אָפגעשטעלט די 8 נעכט פון חנוכה ביי אידן אויף אייביג.

דער נאָמען פון יהודה המכבי און זיין שוועסטער יהודית, וואָס דורך זיי איז דער נס געשען, איז געהייליגט ביי אידן אויף אייביג.

אויך ווערט דערציילט, דאָס א העלדין מיטן נאָמען יהודית, האָט דעם גענעראַל אַליפורני דעם קאָפּ אַרונטערגענומען (די סיבה איז געווען דורך קעז, דארום איז א מנהג צו עסן אום חנוכה קעז, ר"ן פרק ב"מ, שו"ע הלכות חנוכה).

נאָך יהודה'ס טויט האָט רעגירט זיין ברודער יונתן. ער איז געווען כהן גדול און געפירט אידן 18 יאָר בצדק וביושר. נאָך אים האָט רעגירט זיין ברודער שמעון. ער האָט איינגעאָרדענט אַן אַרמיי פון יונגע מענשן. אויך האָט ער געשטיצן ערד אַרבייט און גרויס געמאַכט דעם מסחר אין לאַנד. אין זיין צייט איז אידן זייער גוט געווען.

נאָך אים האָט רעגירט זיין זון יוחנן. ער האָט איינגענומען אדום און זיי געלאָזט מל זיין. זיי זיינען פאַרבליבן אונטערטעניג. ער האָט אויך פאַרברייטערט די גרעניצן פון ארץ ישראל.

נאָך אים האָט רעגירט זיין זון אַריסתובל. ער האָט שוין גע־פירט ניט ערליך. איין ברודער האָט ער געטויט. זיין מוטער מיט די איבריגע ברידער האָט ער געזעצט אין פעסטונג.

נאָך איהם האָט געקיניגט ינאי זיין ברודער, ער האָט געהאַלטן מיט דער סעקטע צדוקים וועלכע גייען געגען די חז"ל ער האָט אויסגעטויט פיל פון די חז"ל. פאַר זיין טויט האָט ער פאַר־זאָגט זיין פרוי זי זאָל האַלטען מיט די חז"ל דען איך בין ערפאַהרין דאָס דער אמת איז מיט זיי. זיין פרוי צדקת שולמית אלכסנדרה, זי

איז געווען א שוועסטער פון דעם תנא ר׳ שמעון בן שטח און האט גע־פירט די מלוכה מיט די עצה פון די חז״ל. אלע אויסדערוויילטע פון די מלוכה זענען געווען פון די חז״ל, אז די קיניגען שולמית איז געשטארבען איז ארוים איין קריג ביי איהרע צוויי זיהן אריסתובל מיט הורקנים, האבען זיי נאכהער שלום געשלאסון, הורקנוס זאל זיין כהן גדול און אריסתובל מלכות.

עס וואלט שאהן רוהיג געווען, האט זיך אבער אריין געמישט א דיפלאמאט איינער מיט דעם נאמען אניפטר, וועלכער האט זיך מגייר געווען פון אדום וואס יוחנן האט זיי גינייגט מגייר צו זיין, אנטיפר האט זיך פארגעשטעלט פאר א גוטן פריינד צו הורקנוס׳ם הויז, האט ער דערוועקט א שנאה צווישן די 2 ברידער. האבען זיך די ברידער פארלאזען אויף דעם אפמאך פון רום, האט רום ג׳פסקנ׳ט אז עס זאל גיהערן די רעגירונג מיט די כהונה גדולה צו הורקנוס, און פסק-געלט האט רום גענומען דאס עס זאל זיין אונטער זייער שוץ, אזוי איז געווען, רום איז געווארען בעל הבית איבער דער אידישער לאנד, און מיט דער צייט האבען זיי אין גאנצען פאר זיך צוגענומען, עס איז אין דעם פארלויף פיל אידישע בלוט פארגאסן געווארן, וואס האבן זיך מוסר נפש געווען ניט אריינצולאזן רום.

דא האט זיך געענדיגט די רעגירונג פון די חשמונאים, וואס האט עקזיסטירט העכער 100 יאר, וואס דאס פאלק איז געווען אונ־טער זייער אייגענעם שוץ. פון דעם איז צו פארשטיין ווי גרוים דער כח פון לשון הרע און מחלוקת איז. איבער די לשון הרע פון אנ־טיפר און די קריג פון די 2 ברידער הורקנוס און אריסתובל, האט אריינגעבראכט די חיה רעה רומי אין דער געטליכער שטאדע, וואס פון דאן אן זיינען אידן געשטאנען אונטער דער שוץ פון רום, און די ענדע איז געווען דאס דער בית המקדש איז חרוב געווארן און מיר זיינען צושפרייט אין דער וועלט ביז היינטיגן טאג. אויך איז דאס א לערע, יעדער זאל זיין משפט טראגן צו די אייגענע און ניט צו די וועלכע רעכענען זיך פאר פרעמדע. הורקנוס איז געווען א שוואכער פירער, האט רום איינגעארדענט דאס אנטיפר זאל זיין דער פירער אויף הורקנוס׳עס נאמען. אנטיפר האט אבער געגעבען די ממשלה פון די שטיק לאנד ארץ גליל צו זיין זון, דער געוויסער הורדוס.

בית הורדוס

הורדוס האָט אויסגענומען ביי רום, האָבן זיי אים באַפול־מעכטיגט איבער גאַנץ ארץ ישראל. אין יאָר 3721 איז הורדוס גע־קומען קיין ירושלים, און באַלעגערט די שטאָט 3 יאָר און איר איינגענומען. ער האָט געקיניגט 34 יאָר אויף אידן.

דער הורדוס האָט אויסגעטויט גאַנץ בית חשמונאים. זיין איי־גענע פרוי, די שיינהייט פון בנות ישראל, מרים פון בית חשמונאים, זיינע אייגענע 2 זין האָט ער אויך געטויט, ווייל ער האָט זיי גע־רעכענט ניט גאַנץ מיט אים. די חז״ל האָבן אים געשטראָפט פאַר זיין שלעכטס, האָט ער פיל פון זיי געטויט. זעענדיג אז ער האָט ניט קיין חן ביי ישראל האָט ער זיך אביסל צוגערוקט צו אידן און האָט באַנייט דעם בית המקדש.

אין יאָר 3728 פון בריאת העולם איז געקומען פון בבל איי־נער מיטן נאָמען הלל הבבלי ער איז געווען פון משפחת בית דוד. דער הלל איז געווען א גרויסער ענו. ער איז געווען א חבר פון שמאי. יעדער פון זיי האָט געפירט פאַר זיך א ישיבה. זייערע תל־מידים רופן זיך „בית שמאי״ און „בית הלל״.

צו דער צייט איז געווען א נשיא אין ארץ ישראל פון דער פאַמיליע בני בתירא, האָבן זיי אים דעם שטול אָפּגעטראָטן און הלל איז געוואָרן נשיא. די נשיאות האָט זיך געצויגן אן ערך 400 יאָר: פאַר דעם חורבן 100 יאָר און 290 נאָכן חורבן בית שני.

10 דורות נאָכאַנאַנד זיינען זיי געווען נשיאים מיט די נעמען: א) הלל הזקן, ב) רבן שמעון זיין זון, ג) רבן גמליאל הזקן, ד) ר׳ שמעון הנהרג (דער ר׳ שמעון איז געטויט געוואָרן צווישן די עשרה הרוגי מלכות). די זיינען געווען נשיאים ביז חורבן הבית. נאָך דעם חורבן זיינען געווען: ה) ר׳ גמליאל, א נשיא אין דער שטאָט יבנה, ו) ר׳ שמעון בן גמליאל, ז) ר׳ יהודה הנשיא (דאָס איז רבנו הקדוש וואָס האָט מסדר געווען משניות, ח) ר׳ גמליאל זיין זון, ט) ר׳ יהודה נשיאה, י) הלל הנשיא, דער לעצטער.

ווען הורדוס איז געשטאָרבן האָט זיך נאָך די מלוכה גע־האַלטן ביי די קינדער אייניגע יאָר, אונטער דער שוץ פון רום. די שופטים פון לאַנד זיינען געווען די סנהדרין, 70 מאַן מיט דעם נאָמען בית דין הגדול. זיי זיינען געזעסן אין לשכת הגזית (דער אָרט וואו די סנהדרין זיינען געזעסן אין בית המקדש) מיט דער צייט איז די רעגירונג איבערגעגאַנגען אינגאַנצן צו רום. דאָ האָבן זיך אָנגע־פאַנגען אידישע צרות.

דער מלך פון רום, קליגולה, האָט געגעבן א באַפעל מען זאָל דינען צו זיין בילד. האָט מען ביי אנדערע נאַציאָנען דאָס אָנגענומען. ער האָט געוואָלט מאכן ביי אידן אין בית המקדש אויך דאָס זעלבע, עס האָט אים אָבער ניט געגאָלטן, און האָט נאָר דעם טויט באַקו־מען. אידן פון גרויס ביז קליין האָבן אויסגעשטרעקט די העלזער צום שחט׳ן און האָבן צו דעם ניט דערלאָזן. דערווייל האָט דער בורא יתברך געשיקט א טומל אין קייזערליכן הויף און מען האָט דעם מלך געטויט.

דער נייער קעניג פון רום האָט געזעצט אויף גאַנץ ארץ ישראל דעם קיסר אַגריפּס, אן אייניקל פון הורדוס. דער אַגריפּס איז געווען א פיינער מאַן. ער האָט אויך געהאַט א פרומע פרוי. אין אייניגע ערטער רימט אים די גמרא. אין זיין צייט איז שוין אידן אַביסל גרינגער געוואָרן.

דאַן האָט זיך מגייר געווען הלני המלכה, די קעניגין פון חדוב. זי מיט איר גאַנצן קייזערליכן הויף האָבן פאַרלאָזן די מלוכה און געדינט דעם הייליגן בורא יתברך שמו, און אַלע האָבן געזען אז ער איז מלך על כל הארץ, און זיי האָבן אים געדינט בלב ונפש. עד היום איז נאָך ידוע איר וואָהנונג אין ירושלים.

נאָך אים האָט רעגירט אַגריפּס דער צווייטער. אין זיין צייט זיינען אידן געווען זייער אונטערדריקט פון די רומים, עס איז גע־ווען אונמעגליך צו דערטראָגן, זיינען זיי אַרויס פון געדולד און האָבן אויסגעטויט די רומים וואָס האָבן זיך געפונען אין ארץ ישראל און איינגעאָרדענט פון זיך א מיליטער און דעם גאַנצן לאַנד ארץ הגליל האָבן זיי איבערגעגעבן צו יוסף בן מתתיהו (דאָס איז דער וואָס האָט פאַרפאַסט דעם ספר יוסיפון).

סדור המשנה

רבי האָט איבערגעטראָגן די 71 סנהדרין קיין בית שערים. ער האָט געזען די דורות ווערן שוואכער, מען וועט זיך ניט קענען איבערגעבן ריכטיג איינער דעם אַנדערן די תורה שבע״פ, האָט ער איינגעזען דאָס איצט איז די צייט אָפּצושטעלן די תורה אויף א באַשטאַנד אויף די שפּעטערדיקע דורות. האָט ער צוזאַמענגעקליבן אַלע חכמים פון דער גאַנצער וועלט, און געהאַלטן זיי ביי זיך מיט אַלע פאַרגעניגענס, און יעדער פון זיי האָט אַרויסגעגעבן וואָס ער וויים פון זיין רבי׳ן אין תורה שבעל פה ביז משה רבינו. פיל פרקים זיינען דאָ אין ש״ס מיט דעם זעלבן לשון וואָס משה רבינו האָט זיי געלערענט, — דער פרק איזהו מקומן איז געווים איינער פון די. אויך האָבן זיי אַרויסגעגעבן וואָס זיי וויסן משניות און סברות, למודים פון די גרויסע אידן, און מ׳האָט דאָס אַלעס אויסגעשריבן. די גאַנצע פאַרזאַמלונג מיט די 71 סנהדרין, האָבן איבערגעזען די ריכטיגקייט, און פון דעם האָט רבי געמאַכט משניות. דארום הייסט דאָס משנה, ווייל דאָס איז די צווייטע וואָס מען האָט געגעבן אויף דעם באַרג סיני, אין באַשיידונג אויף תורה שבכתב. דאָס איז געווען אין יאָר 3979.

רבי האָט דעם משניות איינגעטיילט אין 6 טייל: א) זרעים, ב) מועד, ג) נשים, ד) נזיקין, ה) קדשים, ואו) טהרות.

זרעים באַשטייט איבערהויפּט פון אַלע דינים וואָס גיהערן צו ערד פּרוכט. מועד באַשטייט איבערהויפּט פון דינים וועלכע געהערן צו די הייליגע צייטן, שבתים און ימים טובים. נשים באַשטייט איבערהויפּט אין דינים וואָס גייען אָן צווישן מענער און פרויען. נזיקין באַשטייט איבערהויפּט אין דינים וואָס זיינען נוגע צו געלט זאַכן צווישן איינעם און דעם צווייטן. קדשים באַשטייט אין דינים פון קרבנות און דעם בית המקדש, שחיטות און טריפות. טהרות איז דינים פון טומאה וטהרה, נדה וכו׳.

די 6 סדרים האָט ער איינגעטיילט אין 63 מסכתות. די מסכתות — אין 924 פרקים. די פרקים האָט ער איינגעטיילט אין משניות. בסך הכל זיינען דאָ איבער 4000 משנה׳ס.

אין די לעצטע יאָרן איז רבי שוואַך געוואָרן, האָט ער איבער־געקליבן די ישיבה מיט די סנהדרין קיין צפורי, ווייל דאָרט איז פאַר אים די לופט בעסער געווען. פאַר זיין טויט האָט ער אויפגעהויבן זיינע הענט און געזאָגט: רבש״ע, דיר איז דאָך באַוואוסט דאָס איך האָב געאַרבייט מיט מיינע 10 פינגער צו שרייבן די תורה שבעל פה, און האָב פון דעם פאַר זיך קיין פאַרגעניגן געשאַפן אפילו געגן מיין קליין פינגערל. יהי רצון, מיין רוה זאָל זיין שלום. — איז אַרויס א בת־קול פון הימל: עס זאָל קומען שלום רוהען אויף זיין געלעגער.

ימי האמוראים

די תלמידים פון רבי זיינען געווען די לעצטע פון די תנאים און די ערשטע פון די אמוראים. די גרעסטע פון זיינע תלמידים זיינען געווען: א תלמיד חבר ר׳ חייא הבבלי, ר׳ אושעיא, — זיי ביידע האָבן געמאַכט תוספתא — ר׳ חנינא, ר׳ אפס, ר׳ ינאי בר קפרא, ר׳ שמעון, ר׳ גמליאל רבי׳ס זון, רב, שמואל, ר׳ יוחנן. ר׳ גמליאל האָט איבערגעטראָגן די ישיבה מיט די סנהדרין קיין טבריה. ר׳ חייא האָט פיל מרביץ תורה געווען, ער האָט געאָפּפערט זיין גאַנצן לעבן אויף אָרימע קינדער, שטיצן די תורה, ער האָט זיי מאכיל ומשקה געווען, ער האָט זיי געקליידעט און געזעצט מלמדים, ראשי הישיבות, אין אַלע שטעט. ער מיט זיין ארבייט איז געווען אַן אויסנאַם ביי אידן.

ר׳ יוחנן האָט געהאַט א שוואָגער, ריש לקיש. זיי ביידע האָבן פיל מרביץ תורה געווען. ר׳ יוחנן מיט זיינע תלמידים האָבן מסדר געווען דעם תלמוד, וואָס די חכמים פון ארץ ישראל האָבן מברר געווען די משניות. דאָס הייסט ביי אונז „תלמוד ירושלמי״. דאָס איז געווען אַן ערך 100 יאָר פריער פאַר דעם סידור פון תלמוד בבלי.

דער בורא יתברך, וואָס מיר פאַרשטייען ניט זיינע דרכים, האָט געוואָלט עס זאָל אַרויס א תלמוד בבלי, וואָס דערפון איז אונ־זער קוואַל צו וויסן ווי אויפצופירן זיך אין אַלע הינזיכטן, האָט דאָס גורם געווען אז אידן אין ארץ ישראל האָט אָנגעפאַנגען גיין ערגער. באַלד אין דער זעלבער צייט וואָס רבי איז געשטאָרבן איז אויך אַנטונינוס געשטאָרבן. רוים האָט אָנגעפאַנגען פון דאָס ניי צו יאָגן אידן זיינען פילע פון ארץ ישראל אַנטלאָפן קיין בבל.

דאָ אין ארץ ישראל האָט מען אָנגעפאַנגען צו יאָגן די נשיאות, עס האָט געהאַלטן נאָך רבי'ן 3 דורות, ר' גמליאל, ר' יהודה נשיאה, הלל. דער הלל האָט געזען דאָס עס ענדיגט זיך נשיאות ביי אידן, וועט ניט זיין ווער עס זאָל הייליגן די חדשים און מעבר זיין די יאָרן, וואָס דאָס גיהערט צום נשיא (כי הי' להם בקבלה סוד העיבור ממשה רבינו ע"ה), און צו די סנהדרין, האָט ער אונז אָפּגעשטעלט אַן אויסגערעכענטן חשבון און פאַרהייליגט אויף אייביג די חדשים און מעבר געווען די יאָרן, ביז עס וועט קומען משיח בן דוד במהרה בימינו. און מיר גייען נאָך דעם חשבון עד ביאת הגואל בב"א. דאָס איז געווען אין יאָר 4118. דאָ איז צוגענומען געוואָרן דער לעצטער כבוד ביי אידן.

אין בבל זיינען די אידן געזעסן נאָך פון דער צייט פון בית ראשון, רוהיגער ווי די אידן אין ארץ ישראל. זיי האָבן תמיד גע־האַט א ראש הגולה, ד. ה. א ראש איבער אַלע אידן וואָס איז גע־ווען פון זרע דוד המלך ע"ה, געזעצט פון דער האַנט פון מלך פרס וואָס מיר האָבן שוין באַשריבן.

אין בבל איז אויך אידן גוט געגאַנגען אין דער צייט ווען דער צווייטער בית המקדש איז געשטאַנען. די חכמים האָבן געזען אימער צו שטיצן בבל, כדי דאָרט זאָל זיין א שטענדיגער יסוד צו דער תורה.

אין נהרדעא פון בבל, דאָרט איז געווען א גרויסע ישיבה, וואָס עס האָבן געגרינדעט די ערשטע אַרויסגעטריבענע פון ירושלים. עס איז אָבער נאָך ניט געווען פאַרפולט אינגאַנצן, ביז עס איז גע־קומען רב און האָט מיטגעבראַכט דעם משניות, און געגרינדעט א גרויסע ישיבה אין בבל, אין מתא מחסיא.

שמואל ירחינאה, וואָס איז געווען א גרויסער דאָקטאָר און דער גרעסטער אַסטראָנאָמיקער, האָט ער ווידער געגרינדעט א ישיבה אין נהרדעא. די ישיבה איז צופירט געוואָרן דורך א רשע, איינער מיטן נאָמען פפא בר נצר, האָט שמואל איבערגעקליבן די ישיבה קיין פומבדיתא.

רב און שמואל זיינען געווען די גרעסטע אין זייער צייט, וואָס זייער תורה איז אַרוים אויף דער גאַנצער וועלט. אז זיי זיינען

געשטאָרבן, איז געווען רב הונא אויף רב'ס שטעלע און רב יהודה בר יחזקאל אויף שמואל' שטעלע. נאָך זיי איז געווען רב חסדא און רבה בר רב הונא אויף רב הונא'ס אָרט, און רבה בר נחמני מיט רב יוסף'ן אויף רב יהודה בר יחזקאל'ס אָרט. נאָך זיי זיינען געווען די גרעסטע, רבא אין מחוזא און אביי אין פומבדיתא. — די גרעס־טע פון לעצטן דור אמוראים זיינען געווען רבינא און רב אשי.

סדור התלמוד

רב אשי מיט זיין ישיבה האָבן צוזאַמענגעקליבן די רייד פון די חכמים, וואָס האָבן מבאר געווען דעם פשט פון משניות, און מסדר געווען די משנה'ס, דאָס איז „תלמוד בבלי".

דער תלמוד באַשטייט אין דעם: אין אים איז אַריינגעקליבן גאַנץ תורה שבע"פ וואָס איז מקובל פון משה רבינו ביז רב אשי, פון משניות, תוספתא, ספרא, ספרי, מכילתא, אויך אַלע תקנות און סייגים וועלכע נביאים און חכמים האָבן מתקן געווען. צ. ב. חנוכה, מגילה און נאָך וואָס עס איז געגעבן געוואָרן רשות צו די חכמים זיי זאָלן דאָס מאכן ווען זיי וועלן איינזען פאַר נויטיג. אויך סברות פון די חכמים וואָס זיי האָבן אויפגעטאָן, א פאַרברייטערונג אויף תורה שבעל פה. אויך האָבן זיי צוזאַמענגעקליבן מוסר און מדות און פיל חכמות פון דער נאַטור און רפואה, און סיפורים, וואָס איז באַוואוסט גע־ווען איינע פון די אַנדערע ביז רב אשי, דאָס רופט זיך אַגדתא. אויסער וואָס חז"ל האָבן געמאַכט מדרשים, דעם זהר הקדוש פון רשב"י און נאָך ספרי קבלה.

אין אגדות חז"ל ליגן באַהאַלטן חכמות נפלאות, פּאָליטישע זאַכן פון דער וועלט און סודות התורה. דארום ווען אויך מען פאַר־שטייט ניט זייערע רייד, זאָל מען ניט אָנהייבנגען דעם פעלער אין זיי חו"ש. צ. ב. ווען איך הער פילאָזאָפן ריידן וועלכע עס זעט אוים דאָס ריידן אָן פאַרשטאַנד, מוז איך זאָגן דאָס איך פאַרשטיי ניט ניט, אָבער א מער פאַרשטאַנדיגער פון מיר וועט געווים פאַרשטיין. דאָס גלייכן, ווען מיר זען די גרויסקייט פון די חכמים אין דער תורה און אַנדערע חכמות, זיי זיינען געווען געטליכע פילאָזאָפן, ווי מיר

האָבן ערקלערט, נאָר מיר פאַרשטייען ניט זייער גרויסע טיפקייט. און וועמען דער בורא יתברך גיט חכמה, דער זוכט נאָך און פאַר־שטייט זייערע הייליגע רייד.

דער תלמוד איז די נשמה פון אידן. ער הייסט ריינער **תורה שבעל פה**, וואָס איז געגעבן געוואָרן אויף דעם באַרג סיני. דארום איז דער תלמוד פאַר'חתמ'ט געוואָרן, עס איז געוועזן נאָך די חכמי התלמוד גרויסע מענשן, די גאונים, דער אלפס, רש"י, רמב"ם, און קיינער האָט ניט צוגעלייגט און ניט אַראָפּגענומען א וואָרט פון תלמוד. ווער עס שענדט אָדער לייקענט אפילו איין וואָרט פון חז"ל, איז פיל גלייך ווי ער וואָלט לייקענען אין דער גאַנצער תורה, און ער איז אָפּגעריסן פון פאַרבינדונג פון דעם בורא יתברך מיט אידן. וואָרום דער הייליגער תלמוד איז די הייליגע רייד פון די חכמים, וואָס עס גייט בקבלה איינער פון דעם צווייטן, א תלמיד פון זיין רבי'ן און דער רבי פון זיין רבי'ן, כסדר און אַרויף ביז משה רבינו. דער תלמוד איז פאַר'חתמ'ט געוואָרן אין יאָר 4260.

רב אשי האָט מקבל געוועזן פון רבא'ן, רבא פון רבה'ן, רבה פון רב הונא'ן, רב הונא פון ר' יוחנן און רב ושמואל זיינע רבי'ס, ר' יוחנן און רב ושמואל פון רבי'ן, וואָס האָט מסדר געוועזן משניות, רבי פון ר' שמעון זיין פאָטער, ר"ש פון ר' גמליאל זיין פאָטער, ר"ג פון ר"ש זיין פאָטער, ר' שמעון פון ר' גמליאל הזקן זיין פאָטער, ר"ג פון ר"ש זיין פאָטער, ר"ש פון הלל הזקן און שמאי, הלל ושמאי פון שמעיה ואבטליון, זייערע רביים, שמעיה ואבטליון פון יהודה בן טבאי מיט ר' שמעון בן שטח, זיי האָבן מקבל געוועזן פון ר' יהושע בן פרחיה און נתאי הארבלאי, זיי האָבן מקבל געוועזן פון יוסי בן יועזר איש צרידה און יוסי בן יוחנן, זיי האָבן מקבל געוועזן פון אַנטיגנוס איש סוכו, ער פון שמעון הצדיק, שמעון הצדיק פון עזרא הסופר, עזרא הסופר האָט מקבל געוועזן פון ברוך בן נריה, ברוך פון ירמיהו הנביא, ירמיה פון צפניה, צפניה פון חבקוק, חבקוק פון נחום, נחום פון יואל, יואל פון מיכה, מיכה פון ישעיה, ישעיה פון עמוס, עמוס פון הושע, הושע פון זכריה,, זכריה פון יהוידע, יהוידע פון אלישע, אלישע פון אליהו, אליהו פון אחיה השלוני, אחיה השלוני פון דוד, דוד פון שמואל הנביא, שמואל הנביא פון עלי הכהן, עלי הכהן פון פינחס, פינחס פון יהושע, יהושע פון משה רבינו,

משה רבינו מפיו של הקב״ה. נמצא אז אלע פון נאָך משה רבינו ביז היינט לערנען פון הקב״ה זעלבסט.

דער צונויפשלום פון די חכמים וועלכע מיר האָבן דאָ אויסגערעכענט פון רב אשי ביז משה רבינו, האָט יעדער געהאַט טויזענטער חכמים, חברים, תלמידים וועלכע מען קען אָנהויבן רעכענען פון א אנדערן אין רב אשי׳ס צייט ביז ארויף, אנדערע תלמידים און רבי׳ס ביז משה רבינו׳ס צייטן.

די לעצטע פון די אמוראים זיינען געווען די תלמידים פון רב אשי, מרימר און מר בר רב אשי און די חברים פון דער ישיבה, נאָך חתימת התלמוד איז שוין דער נאָמען אמורא אויסגעגאנגען. האָבן זיך די חכמים גערופן מיט דעם נאָמען רבנן סבוראי, דאָס הייסט, זיי ערקלערן דעם פשט פון תלמוד. ווייל די חכמי התלמוד האָבן גאַנץ קורץ גערעדט, און מיר אין די שפּעטערע דורות זיינען מחויב נאָכצוזוכן צו פאַרשטיין די כוונה פון זייערע רייד. דאָס האָט זיך געצויגן אַן ערך 100 יאָר.

דער עיקר מקום תורה איז דאַן געווען אין בבל, אין די שטעט סורא און פומבדיתא. עס האָט זיך נאָך געצויגן דער אידישער כבוד, זיי האָבן נאָך געהאַט א ראש הגולה פון זרע דוד, אויך ראשי ישיבות אין סורא און אין פומבדיתא מיט נאָך פיל פיינע אָרדנונגען.

ימי הגאונים

נאָך די רבנן סבוראי האָט זיך נאָך אין בבל געצויגן דורות חכמים מיט דעם טיטול גאונים, און עס האָט זיך נאָך געפירט מיט די זעלבע אָרדנונג. אין דער צייט פון די גאונים, האָט זיך מגייר געווען אין יאָר 4491, דער מלך פון כוזרים אין קרים מיט זיין נאָמען בולאַן, ער מיט זיין קייזערליכע סוויטע. די מלוכה האָט זיך געצויגן אַן ערך 300 יאָר, ביז זיי זיינען געוואָרן אונטערטעניג ביי רוסלאַנד. דעם מלך בולאַן׳ס אַן אייניקל, הצדיק עובדיה, האָט אַראָפּגעבראַכט חכמים און באַזעצט אין דער לאַנד.

אין דער צייט האָבן זיך די מחמדאַנער מתקנא געווען אין אידישן כבוד, און האָבן געטויט דעם ראש הגולה. פון דאַן אָן איז דער נאָמען ראש הגולה בטל געוואָרן.

די ישיבות זיינען נאָך דאן געווען אויף אן אָרט. אין סורא איז דאַן געווען דער ראש ישיבה רב סעדיה גאון. אז רב סעדיה גאון איז געשטאָרבן, איז שווער געווען אויסצוהאַלטן די ישיבה. זיינען אַרויסגעפאָרן 4 גרויסע מענטשן פון דער ישיבה צו פאַרפעסטיגן די שטיצע, וואָס זיי האָבן געהאַט פון אייראָפּע: א) ר׳ משה בן חנוך, ער איז געפאָרן מיט זיין פרוי און זיין זון ר׳ חנוך. די פרוי האָט זיך דערטרונקען אויף קידוש השם. ב) ר׳ שמרי ב״ר אלחנן. ג) ר׳ חושיאל, דער פערטער איז אונז אומבאַוואוסט.

דער בורא יתברך, דער משגיח וואָס שליסט אַלעמאָל צוזאַמען אידן מיט דער תורה, האָט געוואָלט האָבן די תורה זאָל אימער מיטגיין מיט אידן וואו נאָר זיי וועלן זיין, זיינען די 4 לייט געווען די ערשטע סיבה. זיי זיינען געפאַנגען געוואָרן פון רויבער ביים פאָרט פון דער שטאָט בערי אין איטאַליא. דאָס איז געווען אין יאָר 4708 האָט מען זיי אויסגעלייזט אין 4 באַזונדערע ערטער, און מען האָט זיי שוין צוריק ניט געלאָזן. ר׳ שמריה׳ן האָט מען אויסגע־לייזט אין אלכסנדריה של מצרים, איז ער געוואָרן דער חכם הכולל פון מצרים. ר׳ חושיאל׳ן האָט מען אויסגעלייזט אין אַלקיריאַן פון אפריקא, וועלכע האָט געהערט צו ישמעאל. ר׳ משה מיט זיין זון האָט מען אויסגעלייזט אין קאָרדאָווא אין שפּאַניען, איז ר׳ משה געוואָרן רב הכולל אין שפּאַניען. דעם פערטן האָבן אויסגעלייזט די בני צרפת (פראַנקרייך).

די פיר שבויים האָבן פאַרשפּרייט תורה אין דער וועלט. אין אפריקא האָט ר׳ חושיאל מיט זיין זון ר׳ חננאל אויפגעשטעלט גרויסע תלמידים. פון די תלמידים איז געווען דער אלפס. ער איז אַרוים קיין שפּאַניען און דאָרט געפירט א ישיבה. פון דעם אלפס׳עס תלמידים איז געווען דער ר״י מיגש וואָס פון אים האָט געשעפּט דער רמב״ם זיין תורה. אין דער צייט פון ר״י מיגאש איז געווען דער אבן עזרא און דער הייליגער משורר ר׳ יהודה הלוי.

מיט א צייט פריער איז אויך אין צרפת און אין אַשכנז אויפ־געהויבן געוואָרן די תורה דורך דעם קיסר קאַרל, וואָס האָט גע־הערשט אויף די ביידע מלוכות. ער האָט אַראָפּגעבראַכט רבינו קלו־נימוס פון איטאַליא און אים באַזעצט אין מאַגענצא, פאַר די אידן

פון אכשנז, און רבי מכיר האָט ער געבראַכט פון בבל און אים באַזעצט אין נרבונא אין פראנקרייך. ווייל ער האָט איינגעזען, אז אידן אָן דעם דת זיינען גאָר קיין מענטשן ניט.

דאָרט די ישיבה פון בבל אין סורא איז מיט דער צייט אונטערגעגאַנגען. נאָר די צווייטע ישיבה אין פומבדיתא האָט נאָך געהאַלטן, ווייל דאָרט זיינען דאַן געווען די ראשי הישיבות רב שרירא גאון און זיין זון רב האי גאון. נאָך רב שרירא גאון'ס טויט האָט מען געוואָלט מאַכן ר' יחזקיה'ן פאַר א ראש הגולה און א גאון, האָט אים מלכות געטויט, און עס איז בטל געוואָרן די אָרדנונג אין די ישיבות פון בבל און זיי זיינען אונטערגעגאַנגען. די צייט פון די גאונים האָט זיך געצויגן אַן ערך 500 יאָר.

פוסקים ראשונים

אין דעם זעלבן יאָר וואָס די ישיבות אין בבל זיינען בטל געוואָרן, איז געבאָרן געוואָרן רש"י (רבינו שלמה בר יצחק), דאָס איז אין יאָר 4800. רש"י איז דער ערשטער באַשיידער, ער וועלט רבי פון תורה שבכתב, תנ"ך, מיט תורה שבעל פה, גמרא. רש"י איז געווען אין די יונגע יאָרן א תלמיד ביי די תלמידים פון רבינו גרשום מאור הגולה אין מאַגענצא. דאָס איז דער רבינו גרשום וואָס האָט מתקן געווען פיל תקנות ביי אידן. ער האָט געמאַכט די תקנה ניט צו נעמען קיין 2 פרויען (די מעשה פון שטול וואָס איז געדרוקט וועגן אים איז געווים שוא ושקר). אין דער צייט פון רבינו גרשום איז געווען ר' שמואל הנגיד, דער וואָס האָט געמאַכט די כללי התלמוד. ער איז געווען א משנה למלך אין שפּאַניען. אין דער אייגענער צייט איז געווען דער מחבר פון חובת הלבבות. דער חובת הלבבות איז איבערגעזעצט אין פיל שפּראַכן.

נאָך רש"י איז געווען א קאָמפּאַניע חכמים מיט דעם נאָמען בעלי התוספות. די ערשטע זיינען געווען רש"י'ס אייניקלאַך, דער רבינו תם, דער רשב"ם, דער ר"י. בסך הכל זיינען די בעלי התוספות געווען ארום צוויי הונדערט. אין רש"י'ס צייט אין יאָר 4858, איז געווען די גזירת מסע הצלב (קרייץ-צוג). די קאַטאָליקן זיינען געגאַנגען אויף

מלחמה קיין ירושלים, אויף טערקיי, פארבייגייענדיג זיינען זיי באַ־פאַלן אידן און זיי געפייניגט זיי זאָלן פאַרלאָזן דעם דת ח"ו, און אויב ניט וועט מען זיי טויטן רח"ל. האָבן זיך אידן מוסר נפש גע־וועזן לאלפים ורבבות אויף קידוש השם. גאַנצע שטעט האָבן זיך פריער אויסגעטויט, זיי האָבן מורא געהאַט פיליכט וועלן זיי ניט קענעןביישטיין דעם נסיון. דאַן איז חרוב געוואָרן די שטאָט מאַגענצא און נאָך פיל שטעט איינגעפלאַנצטע מיט תורה און מעשים טובים. אויף די גזירות זיינען ביי אונז דאָ סליחות לתתנ"ו, אין יאָר 4907 זיינען זיי ווידער געגאַנגען קיין ירושלים איינצונעמען די שטאָדט פאַר די נוצרים, און אויך גייענדיג האָבן זיי באַפאַלן אידן ווי דאָס ערשטע מאָל. אין יענער צייט האָט זיך אָנגעפאַנגען עלילות דם, פון וואָס מיר ליידן נאָך אין געוויסע מדינות עד היום.

אין יאָר 1895 איז געבאָרן געוואָרן אין שפאַניען דער רמב"ם, דאָס איז רבינו משה בר מיימון. ער באַלייכט די וועלט מיט זיינע הייליגע ספרים אין תורה און חכמה. דער ספר יד החזקה וואָס מיר רופן אים רמב"ם, איז אַרויסגענומען ריינע הלכות אויף אַלע תרי"ג מצות פון דעם קוואַל פון תלמוד. אויסער די הלכות, ווייס מען פון ספר ווי אויפצופירן זיך נאָך דעם דרך פון חז"ל אין מדות, דעות און מנהגים. ער האָט אויך מחבר געווען דעם מורה נבוכים, אין חקירת אלקות און נאָך פיל ספרים. די לעצטע יאָרן איז ער געווען קייזערליכער דאָקטאָר אין מצרים. ער איז געשטאָרבן אין יאָר 4965. זיין רוה איז אין טבריה זי"ע.

איידער עס איז אונטערגעגאַנגען די זון פון רמב"ם, האָט אויפגעשיינט די זון פון רמב"ן. דאָס איז רבינו משה בר נחמן. ער איז געבאָרן געוואָרן 10 יאָר פאַר די פטירה פון רמב"ם און איז גע־וועזן דער תלמיד פון ר"י מיגאש. דער רמב"ן האָט געמאַכט א פירוש אויף תורה, פול מיט יראה און חכמה, און נאָך ספרים אויף הלכה און אגדה.

רבינו יונה, וואָס האָט געמאַכט דעם שערי תשובה, איז גע־וועזן זיינער א תלמיד חבר (עיין בשה"ג להחיד"א). דער רשב"א איז געווען דעם רמב"ן'ס א תלמיד מובהק. דער רמב"ן איז נתקבל געוואָרן אין דער וועלט אַלס דער צווייטער רמב"ם. אז ער איז אַלט געווען 72 יאָר, דאָס איז געווען אין יאָר 5027, איז ער גע־

גאַנגען קיין ירושלים. האָט ער דאָרט אפילו קיין מנין אידן ניט געפונען. איז ער צוערשט אַרויף אויף דעם הר הזיתים און באַקוקט די חורבות פון בית ה׳. דאָרט האָט ער אויסגעגאָסן זיין האַרץ. ער האָט דאָס לעבן געאָפּפערט ער זאָל קענען כאָטש עט־וואָס אָנפאַנגען באַזעצן די וויסטקייט. האָט ער געגרינדעט א געטליכע געמיינדע אין ירושלים. יונגע מענטשן פון ארום האָבן זיך צו אים געצויגן לער־נען. ער האָט דאָרט נאָר געלעבט 3 יאָר. זיין נאָמען איז פאַרבליבן ביי אידן געבענשט אויף אייביג. ער האָט געשטרעבט אין זיין לעבן אויפצוטאָן פאַר דער תורה, פאַר אידן און פאַר ארץ ישראל.

דאָ אין שפּאַניען איז געבליבן אויף דעם רמב״ן׳ס אָרט זיין תלמיד, דער רשב״א. דאָס איז רבינו שלמה בן אדרת. צו אים פלעגן אָנקומען שאלות ותשובות פון דער גאַנצער וועלט. דער רשב״א איז אָנגענומען פאַר א ראש הפוסקים. ער איז אויך געווען דער גרויסער הייליגער פילאָזאָף. ער האָט איינגעזען דאָס די יונגע מענשן וועלן זיך נעמען צו פילאָזאָפיא, וועלן זיי באַזייטיגן די תורה, — האָט ער גוזר געווען באיסור חרם, מען זאָל ניט לערנען קיין פילאָ־זאָפיע פאַר דער עלטער פון 25 יאָר, בכדי מען זאָל פריער אביסל אָנזעטיקן זיך מיט דער תורה, דאַן וועט אים ניט שאַדין. אין דער צייט איז געקומען פון אשכנז אין שפּאַניען דער רבינו אשר, דאָס איז דער רא״ש וואָס אויף ש״ס, ער איז געווען א תלמיד פון מהר״ם מרוטענבורג (דער מהר״ם מרוטענבורג איז געשטאָרבן אין פעס־טונג. דער קיסר רודאָלף אין אשכנז האָט אים געזעצט אין פעסטונג, כדי די אידען זאלען איהם אויסלייזען מיט געלד, האָט ער אָבער פאַרזאָגט מען זאָל אים ניט אויסלייזען, בכדי זיי זאָלען דאָס נאָך אַמאָל ניט טאָהן. 7 יאָהר איז ער געזעסען אין תפיסא און איז נפטר געוואָרען און צו קבורה איז ער געקומען ערשט אין 14 יאָהר ארום, און ער איז געווען גאַנץ, זי״ע). האָט אים דער רשב״א אָנ־גענומען מיט כבוד און ער איז געוואָרען רב אין טולידאָ. דעם רא״ש׳ס זון ר׳ יעקב, דאָס איז דער בעל הטורים, האָט געמאַכט די ארבעה טורים, אויף די מצות וואָס זיינען זיך נוהג אין גלות אין דעם אָרט ווי דער רמב״ם האָט געמאַכט אויף אלע תרי״ג מצוות.

גירוש שפּאַניען

אין דער צייט האָט זיך אָנגעפאַנגען גירוש שפּאַניען האָבען זיך פיל אידען לפנים געטויפט רח"ל, און באַהאַלטען אין די קעלערען האָבען זיי געדינט דעם הייליגען באַשעפער ב"ה, זיי האָבען זיך גערופען „אנוסים", פיל פון זיי זיינען אנטלאָפען אין פרעמדע מדינות און אין ארץ ישראל, צווישען זיי זיינען געווען גרויסע פון אידן, די גרויסע זיינען געווען געשעצט ביי פרעמדע מלכים. די כומרים פלעגן צווינגען די גרויסע פון אידן דיסקוטירן זיך וועגן דת. אז זיי פלעגן פאַרשפּילן פלעגן זיי פאַר כעס נאָך מער דריקן. דאָס האָט זיך געצויגן ביז דעם יאָר 5252. דעם ביטערן טאָג תשעה באב זיינען ארויס פון שפּאַניען דריי הונדערט טויזענד אידישע פאַמיליעס. צווישן זיי איז געווען דון יצחק אַברבנאל, א פינאַנס מיניסטער, און ער איז צופוס געגאַנגען מיט די אָרימע ברידער. די צרות וואָס זיי זיינען אויסגעשטאַנען אין וועג איז ניט אויסצושרייבן.

איינער אן אַלטער איז געווען פאַרוואָרפן פון ים מיט זיינעם א זון. דער אַלטער האָט 3 טעג ניט געגעסן. איז אוועק דער זון און פאַרקויפט זיינעם א זון פון 8 יאָר פאַר א שטיקל ברויט. קומענדיג האָט ער געפונען אז מען האָט דעם אַלטן געטויט. האָט ער אָפּגעטראָגן די ברויט און געבעטן דעם זון צוריק, האָט מען אים ניט געגעבן.

אויך זיינען א פּאָר אַלטע לייט מיט א טאָכטער גילעגן אויף א פעלד, זיינען געקומען רויבער און זיי באַרויבט און געפאַנגען די טאָכטער. האָט זיך א רויבער צוריקגעקערט און איר געטויט, פיליכט ווערט זי שוואַנגער, ווייל ער ניט עס זאָל פון אים זיין א זכר ביי אידן. עס איז פון זיי א צענטל געבליבן, זיי זיינען אויסגעשטאָרבן אין וועג.

דער אַברבנאל איז געקומען קיין איטאַליא, און איז דאָרט געוואָרן פינאַנס-מיניסטער. פון די אַרויסגעטריבענע איז אויך געווען ר' יוסף (דער ספר יוסף לקח איז געמאַכט געוואָרן אויף זיין נאָמען), איז ער געקומען קיין טערקיי און ער איז דאָרט געוואָרן גענעראַל-גובערנאַטאָר. ער האָט געבויט די חורבות פון דער שטאָט טבריה און באַזעצט דאָרט אידן.

סדור השלחן ערוך

ארץ ישראל האָט זיך מיט דער צייט שוין פיל באַזעצט אידן. עס האָט שוין געהאַלטן דערביי צו זעצן סנהדרין נאָך די אַלטע אָר־דנונג נאָך. רבי יוסף קאַראָ, דער מחבר פון שלחן ערוך, איז דאַן געוועזן רב אין דער שטאָט צפת, און ער האָט דערצו מסכים געווען. אַנדערע רבנים האָבן אָבער דערצו ניט געוואָלט מסכים זיין און דאָס איז ניט אויסגעפירט געוואָרן.

דאָרט אין דער צייט איז געוועזן דער אלשיך הקדוש מגיד, און דער אר״י הקדוש וואָס האָט פאַרשפּרייט חכמת הקבלה, איז געוועזן דאָרט א בעל בית. דער דור איז געוועזן א דור פון חכמים, גדולים, גאוני ארץ, די מערסטע זיינען געוועזן אין ארץ ישראל, דער מבי״ט, דער מהרי״ט, דער מנורת המאור, דער רמ״ק און נאָך פיל, רבינו עובדיה מברטנורא, דאָס איז דער רע״ב אויף מש־ניות און דער מהר״י בן חביב זיינען אין דער צייט געוועזן רבנים אין ירושלים.

אין יאָר 5302 האָט ר׳ יוסף קארא צונויפגעקליבן אַלע דינים וועלכע זיינען נוהג אין גלות, און אויסגעשריבן אויף ריין, און האָט געמאַכט פון דעם א שלחן ערוך, דאָס הייסט א געגרייטן טיש פאַר אידן צו וויסן ווי אויפצופירן זיך אין אידישקייט און מענשליכקייט.

דער שלחן ערוך איז איינגעטיילט אין 4 טייל: א) אורח חיים, ב) יורה דעה, ג) חשן משפט, ד) אבן העזר.

או״ח באַשטייט איבערהויפּט פון אַלע דינים ווי אויפצופירן זיך דעם גאַנצן לעבן, דעם גאַנצן טאָג, שבת און יום טוב. יורה דעה באַשטייט אין דינים פון כשר, טריפה, וואָס מען מעג און וואָס ניט. חשן משפט באַשטייט אין דינים פון געלט זאַכן אבן העזר באַשטייט איבערהויפּט פון דינים וואָס זיינען נוגע צווישן מאַנס־פּערזאָנען און פרויענצימער.

אין דער צייט זיינען געוועזן אידן פריי אין די ענינים פון דת אין מדינת פוילין. דאָרט זיינען דאַן געוועזן די גרעסטע: דער

מהרש"ל, דאָס איז רבנו שלמה לוריא, און דער רמ"א, ר' משה איסרלש. צום מהרש"ל און דעם רמ"א זיינען געגאַנגען שאלות ות־שובות פון דער גאַנצער וועלט. דער רמ"א איז געווען א גאון און א פילאָסאָף. ער איז געווען רב אין קראקא. דער רמ"א האָט צוגע־זעצט הגהות צום שלחן ערוך, און דער שלחן ערוך איז געוואָרן א גאַנצע כלי, א געגרייטער טיש פאַר דעם כלל ישראל אויף אייביג. פון דער צייט וואָס דער שלחן ערוך איז געמאַכט געוואָרן ביז יעצט זיינען ב"ה געווען חכמים, גדולים, גאונים, האָט נאָך קיינער זיך ניט אונטערגענומען איבער'פסק'נען א דין פון שלחן ערוך. יעדער זוכט נאָר צו פאַרשטיין דעם שלחן ערוך.

דורות האחרונים

נאָך דער צייט פון מאַכן דעם שלחן ערוך אן ערך א 100 יאָר, איז געווען דער באַרימטער פילאָזאָף, ר' מנשה בן ישראל, רב אין אמשטערדאַם. ער האָט אויך פיל שפּראַכן געוואוסט. ער האָט גע'פועל'ט אין ענגלאַנד צו באַזעצן אידן. זיין פאָטאָגראַפיע איז פאַרבליבן אין קייזערליכן הויף צום אָנדענק. ווי גרויס זיין פילאָזאָפיע איז געווען, איז ער דוקא געווען דער גרויסער מאמין. ער גלויבט פשוט ווי א פשוט'ער איד און ווייזט פיל זאַכן אוים פאַקטיש אין זיינע ספרים.

אין יאָר 5408 איז געווען די באַוואוסטע גזירה, גזירת ת"ח. עס זיינען אַרויף די קאָזאַקן אויף פּוילין און האָבן אויסגעלאָזן זייער רוצח'ישע האַרץ צו אידן. אויף די גזירות זיינען פאַרפאַסט געוואָרן סליחות.

אין דער צייט האָט זיך אַרויסגעשטעלט דער באַוואוסטער שבתי צבי ימח שמו פאַר משיח'ן און האָט צו זיך פיל אידן צו־געצויגן. צום ענדע איז ער אריינגעפאַלן אין די הענט פון דעם סולטאַן פון טערקיי. ער האָט זיך געטויפט און נאָכדעם געשטאָרבן, און זיין סעקטע האָט זיך געענדיגט.

אין דעם פאַרלויף איז געווען דער באַרימטער געטליכער פילאָזאָף ר' משה חיים לוצאַטו, דער מחבר פון מסלת ישרים, און

נאָך פיל גרויסע גאונים, דער פני יהושע, ר׳ יונתן פראגער, ר׳ יעקב עמדין, דער שאגת ארי׳, דער נודע ביהודה און אנדערע. זיי האָבן נעפירט גרויסע ישיבות.

אין דער צייט האָט אַרויסגעלויכטן א כוכב מזהיר, א אור שבעת הימים פון קדש הקדשים רבינו ומאורינו מרן רבי ישראל בעל שם טוב זכותו יגן בעדנו, אין דער שטאָט מעזיבוז, א נייע שיטה אין עבודת הקודש ועבודת הבורא יתברך, מיט דעם נאָמען חסידות. ער האָט באַלויכטן מיט זיין תורה ועבודה די גאַנצע וועלט. ער האָט מעמיד געווען תלמידים צדיקים און גאוני ארץ, וואָס צו זיי האָבן אויך צוגעצויגן טויזענטער מענטשן. און נאָך ביז דעם היינטיגן טאָג לעבן מיר און מיר גייען אין דעם בעש״ט הקדוש׳ס דרך, און אזוי וועט זיין ביז דער מלך המשיח וועט קומען.

נשמתו הקדושה עלתה למרום ביום ב׳ דחג השבועות תק״ך.

תקופה האחרונה

אין אויסלאַנד האָט זיך אין דער צייט געפירט אין אָרדנונג. די גאונים פון יעדער דור האָבן איינגעהאַלטן ווי ווייט מעגליך איז. עס האָט שוין אין יענער צייט אָנגעפאַנגען וואָס ווייטער אויס־ברעכן אין דת. מיט א צייט האָט אָנגעפאַנגען ווייען דער ווינט פון די נייע שיטה, תורה מיט השכלה, פון א געוויסן אפיקורס מענ־דעלזאָן. באַשרייבן אים מיט זיין שיטה איז געווים ניט נויטיג, דען וואָס האָבן מיר צו ריידן וועגן דער פעולה ווען מיר זען דעם תכלית.

די נייע מעטאָדע האָט זיך פאַרשפרייט. ביסלעכוועיז האָבן זיי פאַרגעסן דעם תלמוד. אז מענדעלזאָן איז געשטאָרבן זיינען זיי אַרוים אָפן און האָבן פאַרהאַסט דעם תלמוד. דאָס איז געווען די עשרטע סיבה וואָס אין פרייסן איז נעבעך אונטערגעגאַנגען דער דת, רח״ל.

אין דער צייט האָט נאַפּאָלעאָן דער ערשטער זייער געשעצט אידן. ער האָט געוואָלט זיין דער גאַנצער אידישער פאָרשטייער און פירן אידן קיין ארץ ישראל. נאָר אידן האָבן צו דעם קיין געדולד ניט געהאַט. די אידן האָבן ביי אים פיל נושא חן געווען. אין יאָר 5567 האָט ער געזעצט אין פּאַריז 70 סנהדרין פון אידן. דער גרעס-טער פון זיי איז געווען איינער ר׳ דוד שיצענהיים. זיי האָבן אויפגע-האַלטן עס זאָל ניט אויסברעכן דער דת ווי אין פּרייסן.

אין דעם פאַרלויף איז געווען דער באַוואוסטער אידישע פאָרשטייער ר׳ משה מאָנטיפיאָרע. ער האָט געאָפּפערט דעם לעבן פאַר דעם כלל ישראל. ער איז אַרומגעפאָרן אין פיל מלוכות צו באַזוכן זיינע ברידער. אין יאָר 5606 איז ער געווען אין פּעטערבורג און האָט נושא חן געווען ביים קיסר ניקאָליי. פון דאָרט איז ער געפאָרן קיין ווילנא און קיין ווארשא, און האָט זיך אין פיל שטעט אָפּגעשטעלט. אין ווילנא האָט ער מיט זיין פרוי יהודית זיך פאַר-זאַמט 10 טעג. אַלע קינדער וואָס זיינען געבאָרן געוואָרן אין די 10 טעג האָט מען גערופן אויף זייערע נעמען.

אין דער צייט איז געווען ר׳ הירש קאַלישער, האָט ער דער-וועקט דעם רעיון פון ישוב ארץ ישראל. איז מאָנטיפיאָרע געפאָרן וועגן דעם פיל מאָל און עס האָט אים ניט באַגליקט, נאָר ווי וויים מעגליך איז ער געווען א שטיצער צו ירושלים און צו אָרימע אידן. ער האָט אין זיין לעבן זייער פיל געטאָן פאַר אידן.

ער האָט געלעבט 102 יאָר. ער איז געבאָרן געוואָרן אין יאָר 5543 און געשטאָרבן אין יאָר 5645. ער איז געשטאָרבן אָן קינדער רח״ל, אָבער די מעשים זיינען זיינע קינדער. מיר אידן האָבן אים צו געדיינקען אויף אייביג. ער האָט אויסגעטראָטן א וועג פאַר דער וועלט גבירים ווי צו ארבייטן מיט די מצוה פון צדקה, מיט דעם פאַרמעגן און מיט גייסט, יעדער אין זיין פאַך אין וועלכן דער בורא יתברך שיקט אין אים אריין א דעה.

דער וועלט פאָרשטייער דער נדיב עדמונד ראָטשילד, איז גע-ווען איבערגעגעבן מיט זיין פאַרמעגן און גייסט צו ישוב ארץ ישראל. די באַראָנין קלארא הירש האָט אָפן געהאַלטן איר האַנט צו ערפילן

יעדענם פאַרלאַנג, זי האָט פאַרענדיגט די אַרבייט פו איר מאַן הנדיב ע"ה. עובדיה לאַכמאַן פון בערלין איז געווען איבערגעגעבן צו חיזוק התורה.

אין פרייסן איז דער דת כמעט אינגאַנצן אונטערגעגאַנגען. ווען אויך זיי האָבן געהאַט די גאונים: רבי עקיבא איגר, דער חתם סופר, דער קצות החשן, דער נתיבות המשפט און פיל אַנדערע (מיר רעכענען נאָר פון די באַוואוסטע צו דער גאַנצער וועלט. באמת איז אָבער געווען אין יעדן דור טויזענטער גאונים מיט ישיבות וועל־כע יעדער גאון האָט געפירט). ביז עס איז אַרוים א נייע פסול'ע שיטה מיט דעם פסול'ן נאָמען רעפאָרמא, דאָס הייסט פריי מאַכן זיך אַלעס, און די גאַנצע עבודה באַשטייט אין שפּילן אויף אַן אָרגעל אין די שולן אום שבת קודש ויום טוב.

דער בורא יתברך, בורא רפואות, האָט צוגעשיקט זיין רפואה צו דער מכה אין דעם געשטאַלט פון זיין חשוב'ן שליח ד"ר שמשון רפאל הירש, רב אין פראַנקפורט אם מיין. ער האָט פאַרשפּרייט די תורה און מצות מיט זיין זיסן מויל און מיט די חשוב'ע ספרים אין דער דייטשער שפּראַך. ער האָט זיין גאַנצן לעבן אָפּגעגעבן צו דער מלחמה געגן די רעפאָרמער און האָט מציל געווען טויזענטער פאַמיליעס אידן, קינדער און קינדס־קינדער אויף אייביג, פון זייער טריפה'נער נעץ.

געגן די רעפאָרמער איז אויך אַרוים הגאון ר' מאיר ליבוש מלבי"ם מיט זיינע ספרים און האָט פיל נצחונות אָפּגעהאַלטן (עיין בהקדמת מלבים לתורה) אין רוסלאַנד, אין וואָלין, וואו עס זיינען געווען גרויסע ישיבות. אין אוסטרא די ישיבה פון מהרש"א, אין יאַמפּאָלי די ישיבה פון נודע ביהודה, פון זיי איז איצט קיין זכר ניטאָ, און נאָך אַנדערע מדינות וועלכע זיינען נעבאָך געבליבן לעער אָן אידן און אָן תורה. די סיבה פון דער זאַך איז ווייל מען האָט ניט געהיט די עצה פון די חכמים, מרבה ישיבות מרבה חכמה, דאָס הייסט, אָן ישיבות קען זיך די תורה ניט פלאַנצן, נאָר אין ליטא, אין זאַמוט און פוילין האָט זיך די תורה געשטאַרקט. אַזוי האָט זיך געצויגן ביז אַן ערך דעם יאָר 5650.

אין יאָר 5630 האָט מען אָנגעפאַנגען שטאַרק ריידן אָרום אידן, אַזוי ווי דער איד שטייט אין וועג און קיינער קען איבער זיי צו קיין צוועק ניט קומען, זיי זיינען דאָקטוירים און אַדוואָקאַטן. ווייל באמת איז אַזוי געווען, מען האָט אָפּגעריסן קינדער פון תורה און געגעבן בילדן, ביז אין א קורצע צייט האָט שוין געהאַלטן די תורה אין גאַנצן ביי פאַרלאָשן ווערן. האָט דער בורא יתברך שמו אָנגעשיקט די שונאים וואָס זיינען אַרויס אָפן געגן אידן מיט דעם נאָמען אַנטיסעמיטן, און האָבן חרוב געמאַכט גאַנצע שטעט פון אידן. דער בורא יתברך ווייס וואָס עס וואָלט געווען ווען ער וואָלט מיט מלוכה ניט אָפּגעהאַלטן. דאָס איז געווען די סיבה וואָס די תורה איז געוואָרן פאַרשטאַרקט, און מען האָט זיך גענומען צו ישוב ארץ ישראל, און אַלע, דער גאַנצער כלל ישראל איז דורכדעם דער־גאַנגען דעם אמת, ווי אין דער צייט פון אליהו בהר הכרמל.

אין יאָר 5642, ערב ר״ח אדר האָבן אַלע אידן אומעטום, פרומע און פרייע, וועלכע זיינען געווען גאַנץ ווייט פון דעם געדאַנק, האָבן אַלע אומעטום אויסגעשריען: ה׳ הוא האלקים. צו דער צייט זיינען געווען די אידישע פאָרשטייער אין ישוב ארץ ישראל, ר׳ מרדכי פון בויסק און ר׳ שמואל מאָהליווער פון ביאַליסטאָק, זכרם לברכה. ב״ה שהגיענו לזמן הזה דאָס די וויסטע ארץ ישראל טרינקט אונז אָן מיט איר ווייַן, און דערפרייט אונז מיט איר פרוכט, און זי איז ב״ה פול מיט תורה, די גרעסטע גאונים, די גרעסטע אדמורי״ם זיינען היינט די תושבים אין ארץ ישראל. די גרעסטע ישיבות זיינען היינט אין ארץ ישראל. אפילו די ישיבות אין אייראָפּע האָט מען אויך היינט איבערגעצויגן קיין ארץ ישראל.

עס האָט זיך אין די לעצטע 10 יאָר געגרינדעט א הייליגע ישיבה מיטן נאָמען אנשי מעמד ומתפללי מול היכל קוה״ק כותל מערבי דורך הגאון החסיד הרב מתתי׳ אשכנזי שליט״א (ז״ל), און עס איז היינט ב״ה די ישיבה לשם ולתפארת. עס לערנען דאָרט הונדערטער רבנים, גאונים, צדיקים, חסידים, יראי השם יומם ולילה, און עס געפינען זיך ב״ה נגידים וואָס שטיצן די ישיבה, הנגיד ידידי ורב חביבי החביב עלי ככל גופאי ורוחאי ונפשאי ורבני ממש, תלמידי הנאמן האברך החסיד יו״ש וכו׳ כש״ת מו״ה **חיים חייקל שולמאן**

שליט"א ארבייט מיט זיינע גאַנצע כחות פאַר די הייליגע ישיבה. זאָל אים ג-ט ב"ה געבן שפע ועושר וכבוד און א אידישן נחת פון זיינע קינדער שיחיו בזכות זה, און נאָך זוכה זיין צו באַזעצן מתוך הרווחה והרחבה אין ירושלים עיה"ק דאָרט וואו די ישיבת אנשי מעמד עקזיסטירט.

המחבר

תשובה מהמחבר ז"ל

בעזהשי"ת.

אל יפטר אדם מחבירו אלא מתוך דבר הלכה.

למע"כ ידידי הרב הגאון מו"ה משה גרשון גאָלדצוויג שליט"א.

תשובה לשאלתו אודות אם לאו הניתק לעשה והעשה היא מ"ע שהזמן גרמא אם נשים מצוות על עשה זו כיון שהיא לתקון הלאו? ואת"ל שאינן מצוות אי לוקין נשים אם עברו על לאו זה?

א) בחקירה זו כבר עמדו גדולי האחרונים, השאגת ארי', השער המלך והפרי מגדים, והבאים אחריהם האריכו הרבה בזה עד שכמעט לא הניחו מקום להתגדר בו. ומ"מ אין בית המדרש בלא חידוש, ובעמדי על ענינים אלו נתחדש לי בעזהשי"ת סברות והערות שלא עמדו עליהן הגדולים הנ"ל בספריהם.

ראש המדברים בענין זה הוא השאגת ארי' סי' פ"ב לענין עשה דתשביתו דחמץ שהיא מצות עשה שהזמן גרמא, ובתוס' פסחים דף כ"ט. לאו דבל יראה הוי ניתק לעשה דתשביתו. ועמד בשאג"א שם על החקירה אי נשים מצוות אעשה דתשביתו כיון שמצוות על הלאו, ואי נימא שאינן מצוות אי לוקין, והוכיח דנשים מצוות על עשה זו, דאי נימא דאינן מצוות ולא הוי לגבייהו ניתק לעשה א"כ לדעת הרמב"ם בריש הל' תמורה דלכן לוקין על לאו דתמורה אף שהוא ניתק לעשה, דהלאו כולל גם נשים והעשה אינה בנשים דמ"ע שהזמן גרמא הוא, ודחה זה דאף דאינן מצוות מ"מ הוי שפיר ניתק לעשה שביכולתן לתקן הלאו ע"י השבתה. ושוב מסיק התם דנשים בלאו הכי מצוות אעשה דתשביתו דאתקש שאור דהשבתה לשאור דראי' וכמו שמצוות אלאו דבל יראה כמו"כ מצוות אעשה דתשביתו.

והנה ע"פ דרכו הי' אפשר להביא ראי' יותר מפורשת דכל לאו הניתק לעשה אף שהעשה היא מצות עשה שהזמן גרמא מ"מ

הוי ניתק לעשה גבי נשים ג"כ. דהא איתא בכמה דוכתי בש"ס, ברייתא גבי נותר, והנותר ממנו עד בקר באש תשרפו בא הכתוב ליתן עשה אחר ל"ת לאמר שאין לוקין עליו, והא שריפת נותר הוי מצות עשה שהז"ג דאינה נוהגת אלא ביום, כדאיתא בפסחים דף ג'. ובתוס' שם. וכן הוא להדיא בגמ' יבמות דף ע"ב דר"י חזר בו לגבי ר"א וסובר דגם נותר שלא בזמנו אינו נשרף אלא ביום, וא"כ הוי מ"ע שהזמן גרמא. ועיין במס' קדושין דף כ"ט בתוס' ד"ה אותו, וכבר הקשה בפני יהושע בקדושין ד' ל"ד אקושית הר"ר יוסף מא"י דאשה תוכל להדליק בשמן שריפה ביו"ט דגבה ליכא עשה דיו"ט, א"כ תדחה העשה דשריפת קדשים ל"ת דיו"ט. והקשה בפנ"י שם, הא אין נשים מצוות על עשה דשריפת קדשים שאינה אלא ביום והוי מצות עשה שהזמן גרמא. ועיין במקנה שם. וכן הקשה בשער המלך פי"ט מהל' פסולי המוקדשים. ובפנ"י תירץ דשריפת טמאה הוי שפיר בלילה. ובשעה"מ תירץ דרק נותר אינו נשרף בלילה אבל שאר קדשים פסולים דמצותן בשריפה נשרפין בלילה ג"כ. ועכ"פ הנחה הנ"ל דאי נימא שאין נשים מצוות לא הוי ניתק לעשה גבייהו א"כ אמאי קחשיב ר"י לאו דנותר ניתק לעשה ולכן אין לוקין עליו, הא הלאו כולל יותר מהעשה דלאו כולל נשים ג"כ והעשה אינו בנשים. ונותר לכו"ע אינו נשרף אלא ביום כדאיתא להדיא ביבמות דף ע"ב הנ"ל וברמב"ם פי"ט שם. כבר העיר כן במנחת חינוך מצוה קי"ג עייש.

אך כ"ז לפי ההנחה דאי נימא דגבי נשים ל"ה ניתק לעשה א"כ הלאו כולל יותר מהעשה ומשו"ה לא מיקרי כלל לאו הניתק לעשה, כדברי הרמב"ם ריש הל' תמורה.

אך באמת נראה דסברא זו לא שייך אלא בתמורה וכדברי הרמב"ם דצבור ושותפין לוקין אלאו דתמורה, דהטעם היכי דהלאו כולל יותר מהעשה לא מיקרי לאו הניתק לעשה ולוקין עליו. נראה להסביר דכל לאו הניתק לעשה אמרינן דלאו זה לא ניתן למלקות, אלא שאם עבר על לאו זה זה תקנתן שיקיים העשה ויפטור, כמבואר ברש"י הקדוש ריש מס' שביעית ומכות ואמרינן דלאו זה לא דמי לכל לאוין שבתורה דניתנו למלקות, אבל להנל"ע לא ניתן למלקות כלל רק ניתק לקיים העשה, אבל הכא דהלאו כולל יותר מהעשה ויש

לפעמים בלאו זה שא"א לקיים העשה לגבייהו, ואותן שא"א להן ע"י העשה ע"כ לוקין א"כ הרי ניתן לאו זה למלקות, וא"א כבכל לאו הניתק לעשה דאמרינן לאו זה לא ניתן למלקות כלל שהרי ע"כ ניתן למלקות במקום שאין בו העשה וכיון שלאו זה ניתן למלקות שוב אמרינן אף במקום שאפשר לקיים העשה חייב מלקות ככל לאוין שבתורה הניתן למלקות, וע"כ בתמורה דצבור ושותפין מצווין אלאו, ועשה ליכא גבייהו דאין עושין תמורה, א"כ לאו דתמורה ניתן למלקות ולכן גם יחיד שעשה תמורה ג"כ לוקה.

ועפי"ז אמרתי ליישב דברי הרמב"ם בעזהשי"ת שפסק דצבור ושותפין לוקין אלאו דתמורה, הא לגבייהו הוי לאו שאין בו מעשה, דהא א"ל ר"י לתנא לא תיתני מימר דבדיבורו קעביד מעשה, וא"כ בצבור ושותפין דאין עושין תמורה דלא מתעביד בדבורייהו מעשה, אמאי לוקה. ויותר תמוה דעל נשבע ומקלל בשם מביא הגמ' קרא דלוקה ועל מימר ליכא ילפותא, וע"כ דסמיך אר"י, דתמורה מיקרי שיש בה מעשה משום דבדבורייהו קמתעביד מעשה, וא"כ בצבור ושותפין דלא מתעביד מעשה מנ"ל דלוקה. וכבר הקשו רבים על הרמב"ם כן. באמת לפום גירסא דילן דתמורה דף ב' ע"ב, דמרבה מקרא דנשים לוקות אלאו דתמורה ופריך ל"ל קרא מדר"י א"ר נפקי דהשוה הכתוב אשה לאיש לכל עונשין שבתורה, ומשני ה"מ עונש השוה בכל אבל עונש דתמורה אינו שוה בכל דליכא בצבור ושות־פין, א"כ להדיא דצבור ושותפין פטורין ממלקות, אלא אפילו לדעת הכ"מ ושאר אחרונים דהרמב"ם גרים כדברי רש"י בלישנא קמא ה"מ לאו שיש בו מעשה ותמורה אין בו מעשה מ"מ נהי דמגמרא זו אין סתירה לדברי הרמב"ם מ"מ מדברי ר"י יש סתירה, דקא"ל לתנא לא תיתני מימר דבדיבור קעביד מעשה הא צריך למיתני מימר משום צבור ושותפין דלא מתעבד מעשה בדבורייהו ואפילו הכי לוקין. ועכ"פ קשה מהיכן למד הרמב"ם דין זה כיון דליכא כן להדיא בגמרא. ופשטות לשון המשנה דף י"ג מוכיח לכאורה דגם הלאו ליכא בצבור ושותפין.

אך לפי דברינו והסברתנו אתי שפיר שעזהשי"ת, דהא הרמב"ם גורס בגמ' תמורה דף ד' ע"ב אהא דפריך והא מימר לאו הניתק לעשה הוא ולוקה וגורס כמבואר ברש"י שם דאהכי לקי משום דהוי לאו השוה בכל, ומפרש הרמב"ם דר"ל דהלאו איתא בצבור

ושותפין נ"כ והעשה אינה לגבייהו (וכן הוא בתוספות יומא ד' ל"ו ע"ב) ולפי מה שהסברנו לעיל אין שייך לומר סברא זו רק אי היכא דליכא העשה ע"כ לוקין, וא"כ ניתן לאו זה למלקות, וע"כ לוקין אף היכא שיש עשה, אבל אי אין לוקין על לאו זה אף היכא דליכא עשה, כגון אי נימא דבצבור ושותפין אף דליכא עשה לגבייהו מ"מ אין לוקין משום דאב"מ, א"כ אכתי לא ניתן לאו זה למלקות דביחיד הוי נל"ע ובצבור ושותפין אין בו מעשה, וכיון שסוף סוף לא ניתן לאו זה למלקות והוי ככל לאו הנל"ע דאמרי' דלא ניתן למלקות וא"כ מזה דקא' הגמ' דלאו דתמורה ל"ה נל"ע משום שהלאו כולל יותר מן העשה, מהא גופא מוכיח הרמב"ם דצבור ושותפין לוקין אלאו דתמורה, וכיון שכן א"כ כל פלפולי האחרונים בענין לאו הנל"ע והעשה היא מצוה שהז"ג, דאי נימא דגבי נשים לא הוי נל"ע א"כ לוקין גם האנשים אלאו זה משום דהלאו כולל יותר מהעשה, כל פלפול זה אין לו מקום.

דהנה פשוט וברור אף אי נימא דל"ה נל"ע גבי נשים מ"מ אי אנשים פטורים ממלקות גם נשים פטורות, דהא דנשים חייבות במלקות אכל לאוין הוא מדר"י א"ר איש או אשה כי יעשה וכו' השוה הכתוב אשה לאיש לכל עונשין שבתורה, ופירשו בתוס' משום דכל התורה בלשון זכר נאמרה ע"כ צריך היקש דאיתקש אשה לאיש, ועונשין פירש"י מיתה ומלקות. והנה גם פסוק והיה אם בן הכות הרשע וכו' הפרשה נאמרה בלשון זכר, ומלאו דחסימה יל-פינן לכל לאוין שחייבין מלקות, ועכ"פ בלא היקש לא ידעינן כלל דאשה חייבת במלקות על לאו אלא משום דהקשו אשה לאיש, וא"כ כל לאו שאין אנשים לוקין עליו בודאי גם נשים פטורות, דמהיכי תיתי לחייבן, וא"כ לפי הסברתנו אין שייך כלל לומר דאם נשים אין מצוות אעשה לא יהי' משום זה לאו הניתק לעשה דהלאו כולל יותר מהעשה דזה לא שייך, אלא נימא דגם אם נחשבו לאו הנל"ע סוף סוף יש מלקות בלאו זה וניתן לאו זה למלקות כנ"ל, אבל לענין נשים אף דהלאו כולל גם נשים דליכא עשה לגבייהו מ"מ אם אנשים פטורין ממלקות גם נשים פטורות ושוב אמרינן דלאו זה לא ניתן למלקות.

הגם דמצינו בשפחה חרופה דהיא לוקה והוא אינו לוקה, הא שם חיוב המלקות לא ילפינן מלאו דחסימה ככל לאוין שבתורה,

אלא קרא מפורש הוא בקרת תהי׳, ודרשינן שחייבת מלקות, אבל כל לאוין שבתורה דילפינן מלאו דחסימה דסמיך לפ׳ מלקות ונאמרה בלשון זכר פשיטא דבלא היקשא אישה לאיש לא ידעינן חיוב מלקות באשה והיכא דאיש פטור אף אשה פטורה.

ועל פי דברינו אלה יש לדחות הראי׳ שהביאו שני גדולי האחרונים ע״ד החקירה הידועה לר׳ יהודה דסומא פטור מכל המצוות אי חייב בל״ת ורק במ״ע פטור או פטור גם מל״ת, וכבר האריכו האחרונים בפרט זה ה״ה הגאון בעל הפרי מגדים בפרישה כוללות שלו לאו״ח ובנו״ב תנינא או״ח סי׳ קי״ב ובחידושי הגאון ר״ע איגר ליו״ד סי׳ א׳, ובס׳ ארצות החיים להג׳ מלבי״ם, ובתשובת שם ארי׳ חלק יו״ד סי׳ א׳, שניהם לדבר אחד נתכוונו להביא ראי׳ דסומא לר״י פטור גם ממל״ת, דאי חייב בל״ת ופטור בעשה א״כ לא משכחת לה כלל דין לאו הניתק לעשה, דכל לאו כולל יותר מן העשה שהלאו כולל סומין ג״כ והעשה אינה בסומין, ולדברינו הנ״ל אין זה ראי׳ אחרי מחילת כ״ק תורתם וכבודם הרמה, דרק אז אמרינן דהיכא דהלאו כולל יותר מהעשה לא מיקרי לאו הנל״ע רק היכא דאפשר לומר דלאו זה ניתן למלקות במקום דליכא עשה, א״כ א״א לחייב מלקות בלאו הנל״ע משום שכולל סומין ג״כ לר״י דהא עכ״פ לאו זה לא ניתן למלקות, דהא ר״י סובר להדיא דסומא פטור ממלקות בכל עונשין שבתורה דיליף לחייבו מיתה רוצח רוצח מחייבי גלות וחייבי מלקות רשע רשע מחייבי מיתה, כדאיתא בב״ק דף פ״ז, ועיקר דינא דר״י דסומא פטור מכל המצוות הוא מטעם דפטור מכל עונשים ואף מעונש ממון ויליף מקרא ואלה המצוות החקים והמשפטים, וכל שאינו במשפטים אינו במצוות וחקים, כדאי׳ בב״ק שם, וכיון דלר״י פטור ממלקות שוב א״א דנחייב בלאו הניתק לעשה, משום דהלאו כולל סומין ג״כ, והעשה אינה בסומין, דהא עכ״פ לאו זה לא ניתן למלקות דסומא לאו בר מלקות הוא לר״י.

ובס׳ ארצות החיים שם הביא עוד ראי׳ דסומא לר״י פטור גם מל״ת מהא דפריך הגמ׳ בפסחים דף מ״ז ארבה דפטור מטעם הואיל ממתניתין דמכות, יש חורש תלם א׳ וחייב משום שמונה לאוין, ואי אמרת הואיל אחרישה לא ליחייב הואיל וחזי לכסויי דם צפור, ומזה הביא ראי׳ דסומא פטור גם מל״ת דאי אמרת דחייב א״כ מה

פריך הגמ׳ לרבה לוקמא בסומא ואליבא דר״י דחייב אלאו דיו״ט, ועשה דכסוי ליכא גבי׳, ודבריו תמוהין מאד ומרפסין איגרי, דהא דקחשיב שמונה לאוין היינו לחייבו שמונה פעמים מלקות, וזה עיקר קושית הגמ׳ לרבה אחרישה לא לחייב מלקות כפי׳ רש״י שם דלא לילקי אלאו דיו״ט, ורבה ור״ח פליגי באופה מיו״ט לחול דרבה פוטר ממלקות משום הואיל דאי מקלעי אורחים חזי לי׳ ופריך הגמ׳ בפשיטות משום דפשיטא להו דחייב משום שמונה לאוין דקתני במתניתין היינו שמונה פעמים מלקות, וכן מתבאר מדברי התוס׳ שם דכתבו דלא חשיב לאו דמעילה משום דלא חשיב רק לאו דחרישה דלוקה בכל שהוא ובמעילה בעינן שיחרוש בשוה פרוטה, ובלאו הכי פשוט דכל היכי דקתני חייב היינו או מלקות במזיד או קרבן בשוגג דחייב כמה חטאות, וביבמות דף ל״ג גבי זר ששימש בשבת דקתני יש כאן משום זרות ומשום שבת, פי׳ רב אשי דאיסורי בעלמא קחשיב, ונ״מ לקוברו בין רשעים גמורים, היינו משום דלא תני בברייתא חייב משום זרות ומשום שבת, ע״כ אפ״ל דאיסורי בעלמא קחשיב, אבל היכי דתני חייב, פשיטא דאז קרבן או מלקות קאמר. וכן מתבאר מכל הסוגיא דמכות שם דפריך דלילקי נמי משום זורע ביו״ט, אלמא דמתניתין דתני חייב משום שמונה לאוין היינו חייב שמונה פעמים מלקות, וא״כ איך אפשר לאוקמי בסומא אליבא דר״י, הא לדידיה סומא פטור ממלקות כנ״ל. ומה מאד תמוה על גאון עצום כמוהו שיטעה בדבר פשוט כזה.

וראיתי בספר ארצות החיים שם שהביא עוד ראי׳ דסומא לר״י חייב בל״ת מגמ׳ יבמות דף י׳, דקפריך וליתני ט״ז עריות, א״ל מה דעתך אם אנוסת אביו בפלוגתא לא קמיירי, ובתר הכי פריך דלר״י משכחת לה ג״כ דאי עבר ונסיב ומשני דאי לא קתני, וא״כ לר״י הא משכחת לה שהי׳ אחיו ונשא אנוסת אביו, ואנוסת אביו הוי לאו וקדושין תופסין בה לר״י, אלא כיון שהנשואין באיסור לא קתני, ואי סומא אינו מצווה בל״ת א״כ משכחת לה בסומא דליכא איסור גבי׳ (זה כוונתו שם אף שלא ביאר בהדיא). וגם דבריו אלו אין להם מקום, דגם אם הי׳ סומא מ״מ הנישואין באיסור שום ל״ת דידה, דהא היא ג״כ מוזהרת שלא תינשא לו כמו בכל עריות שהאיסור על האשה כמו על האיש, כדתנן במס׳ כריתות דף יו״ד ע״ב כל העריות אחד האיש ואחד האשה שוין במכות ובקרבן. ואין לומר

כיון דהוא סומא והוא אינו מוזהר גם היא אינה מוזהרת, כדאיתא במס' יבמות דף פ"ד ע"ב גבי איסורי כהונה דנפ"ל מלא יקחו, דזה לא נאמר אלא באיסורי כהונה דנפ"ל מלא יקחו מלמד שהאשה מוזהרת ע"י האיש וע"ז אמר רבא שם דכל היכא דהוא מוזהר היא מוזהרת, וכ"ה דהוא אינו מוזהר היא אינה מוזהרת, וכ"ז באיסורי כהונה דנפ"ל מלא יקחו להזהיר האשה ע"י האיש, אבל בעריות וכן בכל פסולי קהל דנפ"ל איסור ולאו באשה מדר"י א"ר איש או אשה וכו' השוה הכתוב אשה לאיש לכל עונשין שבתורה, פשוט שאין איסור האשה תלוי באיסור האיש. ומשנה שלימה שנינו במס' נדה דף מ"ה בן ט' שנים ויום אחד שבא על אחת מכל העריות האמורות בתורה הן מומתין ע"י והוא פטור, אלמא דאין איסור וחיוב האשה תלוי באיסור וחיוב האיש, ואף היכא דהוא לאו בר חיובא מ"מ היא חייבת וא"כ בסומא שנשא פקחת אנוסת אביו הוי ג"כ ודאי דאיסורא דנהי דהוא לאו בר חיובא מ"מ הנשואים אסורין משום ל"ת דידה.

(ואין זה ענין למה שכתבתי לעיל לענין מלקות דכל זמן דהאיש פטור ממלקות גם האשה פטורה, דזה רק אם כל האנשים פטורים אז א"א לחייב האשה משום דהוקשה אשה לאיש לכל עונשין שבתורה, אבל אם כל האנשים פטורים אז א"א לחייב אשה משום דהוקשה אשה לאיש לכל עונשין שבתורה, אבל כל האנשים חייבים בלאו זה, אלא שבעלה לאו בר חיובא, מ"מ היא חייבת וזה פשוט).

ואין לומר דסוף כל סוף משכחת לה בהיתר שהיתה גם היא סומא, דא"כ אי נימא דלר"י סומא חייב בל"ת ופטור ממ"ע א"כ בלאו הכי לא תוכל להתחייב דהא ליכא גבה מצות עשה דיבום ואאיסור אשת אח גם היא מצווה, וא"כ ליכא יבום בסומא לר"י לפי הנחה זו. ואין לומר משכחת לה שכשאח"כ כשנפלה בחיי בעלה א"כ שוב היתה תחתיו באיסור ואי נתפקחה אחר מיתתו א"כ לא הויא בת יבום גם לגבי אחר שאינו בנה, דכל שאין אני קורא בה בשעת נפילה יבמה יבוא עליה נאסרה עליו עולמית.

ומה דרצה שם עוד להביא ראי' דסומא לר"י פטור גם מל"ת מהא דאמרינן בקדושין דף ל"ה דלר"י דסובר שבת זמן תפלין הא

הנשים פטורות ממ"ע שהז"ג משום דהוי מצוה, שמחה והקהל ג' כתובים הבאים כאחד ואין מלמדים, דאי נימא דסומא חייב בל"ת א"כ צריך היקש דאכילת מצה לענין סומא דכיון דישנו בבל תאכל חמץ ישנו בקום אכול מצה. וכבר קדמו בזה בחידושי ר"ע איגר ז"ל ליו"ד סי' א'. ולפענ"ד נראה לומר בעזהשי"ת דדוקא לענין נשים מקשינן דכיון דישנן בבל תאכל חמץ ישנן בקום אכול, דבל"ת דחמץ שוין נשים לאנשים לגמרי גם לענין מלקות במזיד וקרבן בשוגג, אבל בסומא לר"י דאף אי נימא דמצווה בל"ת, מ"מ אין שוה לגמרי לפקחין, דהא פטור מכל העונשין לר"י, א"כ אפשר דלא מקשינן לגבי'. אך אין זה מוכרח.

וקצת ראי' יש להביא דלר"י סומא חייב בל"ת, ממס' ב"ק ד' פ"ז חייבי מיתות בי"ד אתיא רוצח רוצח מחייבי גלות וחייבי מלקות אתיא רשע רשע מחייבי מיתות בי"ד, ושוב מייתי דר"י פוטרו מכל דינים שבתורה מדכתיב ושפטו העדה וכו' וכל שישנו במכה כו' ישנו במשפטים וכל שאינו במכה אינו במשפטים, פי' וסומא אינו במכה דהא אפיקתי' ממיתת בי"ד כפירש"י שם, ושוב הביא דר"י פוטרו מכל המצות שבתורה מהיקשא מצות וחקים למשפטים וכל שאינו במשפטים אינו במצות וחקים, ואי נימא דמצות וחקים הוי גם כן לא תעשה בכלל ומצוות ילפינן ממשפטים ומשפטים ממיתת בית דין, אם כן כיון דידעינן דפטור ממיתת בית דין ופטור מדינין ידעינן דפטור גם ממצות, ואי גם ל"ת בכלל אמאי צריך הגמ' לומר דחייבי מלקות ילפינן רשע רשע מחייבי מיתת בי"ד, דהא מאינך היקשא דמיתת בי"ד ומשפטים ידעינן דפטור גם מל"ת, וא"כ בלא"ה א"א לחייבו מלקות דאין עונשין אא"כ מזהירין, וכיון דל"ת ליכא גבי' ממילא פטור ממלקות, אלא ע"כ דל"ת אינה בכלל מצות וחקים.

ואפשר לדחות דצריך היקשא דרשע רשע לענין אם עבר אלאו בהיותו פקח ונסתמא אחר כך דפטור ממלקות. אך דבר זה גופא עדיין צריך תלמוד, דלכאורה נראה דבכה"ג חייב באמת במיתה ומלקות ודינן, דהא כ"ז ילפינן לר"י מגלות דכתיב בלא ראות פרט לסומא, ומגלות ילפינן לחייבי מיתות, ושוב למלקות ודינן ובגלות נראה דממעטינן רק אם הי' סומא בשעת הריגה בשוגג דבלא ראות

כתיב אהריגה ואם הרג בשוגג כשהי' פקח ונסתמא אח"כ אפשר באמת דחייב בגלות לפי דעת רבינו ירוחם שהובא בב"י או"ח סי' כ"ג שפסק הלכה כר"י דסומא פטור מכל המצות שבתורה, וממילא דפטור גם מדינן אם הזיק בהיותו פקח ונסתמא אי חייב לשלם אי לא ואי נימא דלר"י אם הזיק פקח ואח"כ נסתמא חייב, תתיישב קושית התוס' שם דף פ"ז ד"ה וכן דהקשו דכיון דר"י פוטרו מכל דינין שבתורה וא"כ אמאי קתני דאין לו בושת, ולמה לי ג"ש דעינך עינך. ועפ"ז אפ"ל דסומא פטור מבושת אף שבייש בהיותו פתוח משום ג"ש עינך עינך מעדים זוממין, ובעדים זוממין גם בראה פתח ואח"כ נסתמא פסול לעדות, כאדיתא במס' ב"ב דף קכ"א דבעדות בעינן תחלתו וסופו בכשרות, וע"כ כי ילפינן בושת מעדים זוממין גם בכה"ג פטור, אבל בכל דינין דילפינן מבלא ראות דגבי גלות פטור רק אם הזיק בהיותו סומא ולא אם נסתמא אח"כ.

ובהאי ענינא אמרתי להעיר במה שנסתפק הפמ"ג בפתיחה כוללת שלו לאו"ח חלק ב' סי' י"ד אי נשים מצוות על לאו שאין בו מעשה, ועיין בס' מנחת חינוך מצוה ח' שהאריך הרבה בזה ומסיק שאין לנו ראי' ברורה לזה. נראה לומר בעזהשי"ת לדעת הרא"ה בספר החנוך מצוה שד"מ, שמ"ה, שמ"ז דכל לאו שאפשר לעבור עליו בלא מעשה אף דעשה מעשה אין לוקין, דמקרי לאו שאין בו מעשה. וכבר פלפלו האחרונים הרבה בזה. לפום סברא זו יש להביא ראי' דנשים מצוות גם על לאו שאין בו מעשה מהא דיבמות דף פ"ד שנז' לעיל, דיליף גבי פסולי כהונה דאשה מוזהרת כאיש מלא יקחו. והנה זה פשוט דלא יקח דכתיב גבי פסולי כהונה היינו קדושין, כהא דאיתא בקדושין דף ע"ה דאמר אביי קידש לוקה משום לא יקח ורבא דסובר לא בעל אינו לוקה אבל בבעל לוקה שתים משום קדושין דלא יקח ומשום ביאה אלא יחלל, עכ"פ מבואר דלא יקח קאי אקדושין, להרמב"ם באלמנה לכה"ג דוקא ולשאר פוסקים בכל פסולי כהונה. וכן מתבאר להדיא במס' תמורה דפריך ארבא דאמר אי עביד לא מהני אמאי קדושין תופסין בפסולי כהונה הא כתי' לא יקח אלמא דהלאו קאי אקדושין, וכן בב"מ דף יו"ד לענין שליח לדבר עבירה, כהן שאמר לישראל קדש לי אשה גרושה, עיין בתוס' שם, עכ"פ מבואר דלא יקח דכתיב בפסולי כהונה קאי אקדושין. וא"כ כי ילפינן מלא יקחו דאשה מוזהרת כאיש, היינו גם כן על הקדושין

שמצווה האשה שלא להתקדש לו והרי הקדושין לגבי האשה אף אם נאמר שקבלת הקדושין בידה מקרי מעשה אך הא אפשר גם בלא מעשה היינו שיזרוק הקדושין לחצרה או לרשותה, דאז לא עשתה שום מעשה, וא״כ לשיטת בעל החינוך ז״ל דכל היכא דאפשר בלא מעשה הוי לאו שאין בו מעשה גם בעשה מעשה, א״כ איסור האשה להת־קדש שאפשר בלא מעשה מצדה הוי לאו שאין בו מעשה, ואפ״ה מוזהרת האשה מלא יקחו, הרי חזינן בפירוש דנשים מצוות גם אלאו שאין בו מעשה. ואף שבתמורה אמר ר״י דלא תיתני מימר דבדבורו קמתעביד מעשה, א״כ גם קבלת הקדושין דמתקדשת עי״ז מקרי מעשה. אך נר׳ דזה דוקא היכא דאיכא דיבור עכ״פ כמו בתמורה, אבל היכא דליכא דיבור ולא מעשה מצד האשה, א שנעשה מעשה שמת־קדשת מ״מ לא מקרי מעשה, ובקדושין דקיי״ל דשתיקה בשעת מתן מעות מהני ומתקדשת, א״כ ליכא כאן באשה לא דיבור ולא מעשה.

אמנם לדעת הרמ״ה בטור אה״ע סי׳ ל׳ דזורק לה קדושין לתוך חיקה לא מהני שתיקה אף בשעת מתן מעות, א״כ אין ראי׳ מזה, דאם זרק לה קדושין בעי דיבור האשה דוקא וכיון דבדיבורה קמתעביד מעשה הוי מעשה כמו בתמורה, ואם נתן בידה וקיבלה הוי מעשה גמורה. אבל לדעת החולקין על הרמ״ה, עיין בשו״ע אהע״ז סי׳ מ״ב סעי׳ א׳ בהג״ה ובח״מ ובי״ש שם, וסוברים דגם בכה״ג מהני שתיקה, שפיר יש להוכיח מהא דנשים מצוות על לאו שאין בו מעשה.

וברמב״ם פי״ז מהל׳ איסורי ביאה הל׳ ה׳ כתב, וכל מקום שהוא לוקה היא לוקה, דמשמע דקאי אדלעיל אאלמנה לכהן גדול, ומשמע דהאשה לוקה אקדושין ג״כ, אי נימא דס״ל לא כהרמ״ה שזכרנו יהי׳ מוכח דלא ס״ל כסברת החינוך דכ״ה דאפשר גם בלא מעשה גם בעשה מעשה אין לוקין, דאל״כ איך לוקה האשה אקדושין דאפשר בלא מעשה, וידוע דדעת הרמ״ה היא להיפוך מסברת החינוך, דהיכא דיש מעשה בלאו זה גם בלא עשה מעשה לוקה. ולפי דברינו יש ראי׳ מדברי הרמב״ם אלו דסובר לא כהחינוך.

ומידי איירי בענינא דקדושי אעיר על הא דאיתא בס׳ החינוך מצוה ר״ו, שכל העריות חייב עליהן על הקדושין אף דלא תפסו,

כרבא בתמורה דאף דעבר אמימרא דרחמנא, והיא גמ' מפורשת בקדושין דף ס"ז דיליף דאין קדושין תופסין בחייבי כריתות מלא יקח ומסיק שם הא לכתחילה הא דיעבד, פי' דמלא יקח ילפינן דאסור לקדש כל העריות ומלאיש אחר ולא לקרובים ילפינן קדושין תופסין, ועיין ברשב"א ומקנה שם. עכ"פ מבואר להדיא דיש איסור מה"ת בקדושי עריות. וכבר העיר בהשמטות לס' מנחת חנוך בגמ' זו (אחרי שכתבתי זאת ראיתי שם). וקשה לי ע"ז מהא דאיתא שילהי מס' גיטין דף פ"ט גבי אמרו לה מת בעלך ונתקדשה מותרת לחזור לו ומ"ש מנשאת, ומשני בגמ' ניסת דעבדא איסורא קנסה נתקדשה דלא עבדה איסורא לא קנסוה רבנן, ומלשון זה משמע דבקדושין אין איסור כלל, דאי תימא משום דבנשואין יש איסור חמור יותר, חיוב מיתה, משא"כ בקדושין דליכא אלא לאו גרידא, א"כ ה"ל להג' למימר ניסת דעבדה איסורא רבה קנסוה נתקדשה דעבדה איסורא זוטא לא קנסוה, ולשון דלא עבדה איסורא משמע שאין איסור כלל בקדושין.

ונראה לומר בעזהשי"ת, דבא"א בכה"ג אין באמת איסור קדושין (לכאורה יש מקום לומר דדוקא בעריות דכתיב בהן לא יקח יש לאו ואיסור בקדושין, דלשון לא יקח משמע קדושין, אבל באשת איש דלא כתיב בה לא יקח אין לאו ואיסור בקדושין, ואף דאמרינן שם דא"א לא תפסי בה קדושין משום דהוקשו כל העריות לאחות אשה, אפ"ל דרק לענין דלא תפסי בהם קדושין, אבל לענין לאו ואיסור דקדושין לא אתקש אבל אחר העיון שם בסי' ג' א"א לומר כן, דאי לא ילפינן לכתחלה לאיסור קדושין בכל העריות כמו כן לא נוכל למילף גם לענין שאין קדושין תופסין, דמה לאחות אשה שיש תרי קראי לענין לכתחלה ולדיעבד, אבל א"א דאין איסור קדושין לכתחלה גם בדיעבד תפסי קדושין). ובכל עת נתקשיתי אקושית הגמ' קדושין הנ"ל, א"א מנ"ל דלא תפסי בה קדושין, דלכאורה על א"א א"צ לימוד כלל דלא תפסי בה קדושין, דדוקא בכל העריות שהן פנויות ורק מפני איסור התורה אסורות אפ"ל דאם קדשה מתקדשת, דאין עליה רשות אחר, אבל אשת איש שנתקדשה לו והאשה נקנית תנן קנוי' לו עכ"פ לענין אישות, ועיקר הקנין הוא שתהי' מותרת לו ולא לאחרים, כדאיתא בריש קדושין דאסר לה אכו"ע כהקדש, דקנין הגוף אינו באשה, אלא שכל קנינו הוא שתהי'

רק לו בעניני אישות ולא לאחרים, ובגמ׳ ילפינן דאשת כהן אוכלת בתרומה מקרא דכהן כי יקנה נפש קנין כספו הוא יאכל בו, ובקדושין דף ו׳ הרי את קנוי׳ לי מקודשת, עכ״פ מכל דוכתי נראה ברור שהאשה קנוי׳ לאיש לענין זה בעניני אישות רק רשותו עלי׳ ולא רשות אחר, א״כ איך אפ״ל דיתפסו בה קדושי אחר, וכי תעלה על דעתך באחד שקנה עבד וכדומה שיבוא אחר ויקנה העבד או הדבר ההוא, וא״כ למה לי קרא דאין קדושין תופסין באשת איש.

ונראה לי דפרכת הגמ׳ היכא שהבעל מסכים למסרה לאחר, וכמו גבי עבד שרשות ביד האדון למכרו לאחר, ורק שם לא צריך דעת העבד, כמו כן באשה אם מקנה אותה הבעל לאחר, וכאן צריך דעת והסכם האשה, אז הוה אמינא דתפסי בה קדושין מאחר שאין מניעה לבעלים שלה לעניני, אישות וע״ז בעי בגמ׳ מנ״ל דלא תפסי בה קדושין.

ועל פי זה נתיישבה קושיתנו על בעל החינוך מגמ׳ מס׳ גיטין הנ״ל דדוקא בכל העריות שיש מקום לתפוס בהן קדושין שהרי אין רשות אחר עליהן אלא שאסורין עליו מגזירת התורה, אז אמרינן אף דלא תפסי בהן קדושין מגזירת הכתוב מ״מ אסור לקדש ולוקה ג״כ לרבא דעבר אמימרא דרחמנא, אבל אשת איש שנתקדשה לאחר שלא מדעת בעלה, דבלא שום לימוד אין קדושין תופסין בה משום דרשות אחר עלי׳, וכבר הקנתה עצמה לאחר, א״כ בקדושין כאלו אין כאן מעשה כלל, וממילא אין איסור בקדושין, ול״ד לכל העריות כלל, וממילא אין איסור בקדושין, ול״ד לכל העריות שבתורה דאף שאין מעשיו כלום מ״מ אסור, דשם אין מעשיו כלום מסברא פשוטה, שכבר קנוי׳ לאחר. ועל פי זה ניחא דברי הגמרא בגיטין, נתקדשה דלא עבדה איסורא, דכיון דנתקדשה שלא מדעת בעלה אין מעשיה כלום ואין גם איסור.

א״ד ידידו עוז, ואהבתי לו אהבת עולם, ואברך את כבודו ברפו״ש, ויזכה לחזור במהרה לארצנו הקדושה ברוב שמחה, בהרחבה והרוחה ובכט״ס, בכל הכבוד,

מתתי׳ בהררי״ש מהרי״ל אשכנזי

בן חנה, לרפו״ש

זכרונות שמואל ומהרי״ל

ספר

זכרונות שמואל ומהרי"ל

חלק שני

על המצות הנהוגות בזמן הזה

* * *

אויף מצות און מנהגים וואס זיינען אין פראקטיק
אויך דיזע צייט פון גלות

חובר מאת

אדמו"ר הגה"ק הצ' הרב

מתתיהו בהר"ר יודא לייב דייטש (אשכנזי)

מירושלים עיה"ק תובב"א זיע"א

הובא לבית הדפוס ע"י

הרבני החסיד ר' חיים חיקל שוהלמאן נ"י

תשי"ח • ברוקלין

כתובת המו"ל:

IRVING SCHULMAN
1597 Lincoln Place
Brooklyn, N. Y.

נדפס בדפוס "בלשן"
480 Sutter Avenue Brooklyn 7, N. Y.
EVergreen 5-3278

ספר בראשית

בראשית

ויאמר להם אלקים פרו ורבו וגו׳.

די מצות עשה איז, צו נעמען א פרוי, מיט חופה, קדושין און כתובה, צו פרוכטבארן און מערן זיך. די צייט פון דעם איז צו 18 יאָהר (רמב״ם).

ווען דער מאן איז 20 יאָהר אלט און נעמט ניט קיין פרוי ציט ער ארויף אויף זיך א ג־טליכע קללה. די חכמים זיינען שטאַרק מחמיר אין דער מצוה, ווי די גמרא דערציילט, רב חסדא האָט געלויבט פאַר רב הונא, אז רב המנונא איז א גרויסער מאן אין לערנען, האָט רב הונא געבעטן ער זאָל אים שיקן צו אים. האָט אים רב חסדא געשיקט. ווי רב המנונא איז געקומען זעט רב הונא דאָס ער גייט אָן א טלית (די פאַרהייראַטע פלעגן גיין פאַרצייטן איינגעהילט ווי אין א טלית א גאַנצן טאָג) פרעגט ער אים די אורזאַך דערפון. ענטפערט אים רב המנונא, ווייל ער איז ניט פאַר־הייראַט. באַלד האָט רב הונא זיין פנים אָפּגעקערט און אים פאַר־זאָגט, ביז ער וועט נעמען א פרוי זאָל ער פאַר אים ניט קומען.

אויך דערציילט אונז די גמרא אין ברכות: חזקיה המלך איז געווען שטערבליך קראַנק, איז געקומען צו אים ישעיה הנביא און האָט געזאָגט: באַפעל צו דיין הויז וואָס דו האָסט נויטיג, דען דו וועסט שטאַרבן, און וועסט אויך אין דער אייביגער וועלט ניט לעבן, ווייל דו האָסט ניט מקיים געווען די מצוה פון פריה ורביה. חזקיה האָט זיך פאַרענטפערט: איך זע ברוח הקודש אז איך וועל ניט האָבן קיין ג־טספאָרכטיקע קינדער, דערום נעם איך ניט קיין פרוי. האָט אים ישעיה הנביא געענטפערט: אָבער דו ביזט נאָר פאַרפליכטעט דאָס ג־טליכע געבאָט צו טאָן, און ג־טס פאַרהעלטנים

איז ניט דיין זאך. חזקיה האט דאן באשלאסן מקיים צו זיין די מצוה און איז געזונט געווארן.

די חכמים זאגן, „דער וואס איז אן א פרוי, דער לעבט אן ברכה און אן שמחה.״

פרויען זיינען פארזאגט ניט צו זיין איינזאם אן א מאן.

אויף די עלטערן איז א חוב, זיי זאלן די קינדער בעצייטענס חתונה מאכן. אויף דעם זאגט דער פסוק, „דיין הויז איז פרידן אן זינד!״ אונזערע הייליגע חכמים זאגן, ווען עס קומט די צייט און עס מאכט זיך ניט קיין שידוך פאר דיין טאכטער, זאלסטו באפרייען דיין קנעכט און צו אים חתונה מאכן דיין טאכטער. (בזמן הבית פלעגט מען האבן ביי זיך עבדים כנענים. אויב מען האט זיי מל געווען נאכן קויפן, זיינען זיי מחויב געווארן אין אלע מצוות אין וועלכע א פרוי איז מחויב, און זיי פלעגן היטן די מצות. עס זיינען פון זיי אויך געווען תלמידי חכמים. אז מען האט זיי באפרייט זיינען זיי געווארן ריכטיגע אידן אין אלעם).

זעהן מיר ווי אומגליקליך די עלטערן זיינען מיט דעם האלטן די קינדער איבער דער צייט; ערשטענס איז דאס גורם פיל קראנקייטן צו די קינדער. ווי די סטאטיסטיק זאגט: פון די וואס הייראטן שפעט שטארבן אוים מער ווי פון די וועלכע האבן חתונה יונגער היים. צווייטענס, ווי זיי ווערן עלטער האבן די עלטערן אויף זיי קיין דעה ניט, און עס קומט צו די גרעסטע פארדרוסן און בזיונות.

אנדערע האבן שפעט חתונה ווייל מען קומט ניט צורעכט מיט דעם נדן. די זינד פון דעם איז זייער גרוים, ווי די גמרא זאגט: דער וואס נעמט א אשה נאר פאר געלט וועגן, קומען ארוים ניט קיין ארענטליכע קינדער.

וויפיל גיט מען אפ א שבח והודאה צום בורא יתברך בעת דאס קינד ווערט געבוירן, ביז מען דערציט אים איז ער מיט טרערן אויסגעבאדן, וויפיל דארף מען שוין דאנקען דעם בורא יתברך שמו אז מען דערלעבט א קינד חתונה צו מאכן, און נאך מער, אז דער בורא יתברך האט שוין אין אלעם ארויסגעהאלפן, ווי עס קומט צו טאן א שידוך באזייטיגט מען גאר דעם רצון הבורא

יתברך צו נעמען אן אידים א למדן ווי דער חוב פון דער תורה איז? דאָס גלייכן, פאר א זון זוכט מען ניט צו נעמען א פרוי פון אן ער־ליכער אידישער הויז מיט גייסטיגע מעלות וועלכע האָט געלערנט פון די עלטערן וואָס עס פאָדערט זיך פון א פרויענצימער, וואָס זי איז די ערשטע האַנט פון ערציען די קינדער, און מען מאַכט גאָר דעם עיקר תכלית די געלט.

די ריכטיגע וועג פון מאַן און פרוי איז, זיי זאָלן לעבן לויט דעם דרך התורה. די פרוי איז מחויב צו זיין איבערגעגעבן צום מאַן אינגאַנצן, שעצן אים, אויפפירן זיך בצניעות, ניט נאָכגיין נאָך דער מאָדע וועלכע שטערט צו אידישקייט. די רייכסטע פרוי מוז זעלבסט אויפפאַסן די ווירטשאַפט און ערציען די קינדער. דער מאַן דאַרף ערליך האַלטן די פרוי נאָך מער ווי זיך אליין. ער דאַרף פון איר קיין זאַך ניט פאַרבאָרגן. אויך ווען ער איז קליגער פון איר דאַרף ער זיך מיט איר בעראַטן אין געשעפט זאכן (אתתך גוצא גחין ולחיש לה, ב"מ נ"ח ע"ש). מיט דעם גאַנג, לעבן זיי צופרידן און דערציען די קינדער ווי נויטיג איז, בעציט עס אויף זיי די ג־טליכע ברכה.

לך לך

ובן שמונת ימים ימול לכם כל זכר וגו'.

די מצות עשה איז צו מל זיין דעם זון צום 8־טן טאָג פון געבורט. די צייט פון מל זיין איז דוקא בייטאָג. וואָס פריער איז מער מצוה. דערום דאַרף מען זיך ניט שפעטיגן מיט דעם ברית איבער זייטיגע זאַכן. צום ביישפיל, אויב עס זיינען נאָך ניטאָ די גיבעטענע געסט, אָדער איבער אנדערע אורזאַכן.

די מצוה איז חל אויף דעם פאָטער ער זאָל זעלבסט מל זיין, אָדער געבן א מוהל צו מל זיין. ווען צוליב געוויסע סיבות איז ער געבליבן ניט גע'מל'ט, מוז ער זיך לאָזן מל זיין ווען ער ווערט גרויס, אויב ניט איז ער מחויב כרת.

מילה צו אכט טאָג איז דוחה שבת און יום טוב. ביי מצות מילה איז א מצוה צו מאַכן א סעודה.

מצות מילה איז די איינציגע מצוה וועלכע איז אין מענשן באהעפט שטענדיק, ער זאָל קיין אויגנבליק ניט זיין אָן א מצוה. דער טראָפּן בלוט איז דער אידישער אייביגער זיגל. די גמרא זאָגט: ווען דוד המלך האָט זיך געבאָדן, ווי עס איז געקומען צום אויסטאָן דעם ארבע כנפות האָט ער אָנגעפאנגען זיפצן, ווייל ער בלייבט אָן מצוות (דען אין באָד-צימער טאָר מען ווענן תורה און מצוות ניט דענקען), ווי ער האָט זיך דערמאָנט אין מצות מילה, האָט ער זיך געטרייסט. אויף דעם האָט ער געזונגען דעם קאפּיטל אין תהלים למנצח על השמינית, דאָס גייט אויף מצות מילה וועלכע איז צום אכטן טאָג.

מילה איז די ערשטע מצוה וועלכע איז גיגעבן גיוואָרן נאָר צו בני אברהם. אויף דער מצוה האָט דער בורא יתברך מיט אברהם אבינו כורת ברית געווען 13 מאָל. אַלע מצוות וואָס אברהם האָט געטאָן און די נסיונות וואָס ער איז בייגעשטאַנען איז ער נאָך אלעם ניט גערופן געוואָרן („תמים", ביז ער האָט מקיים געווען די מצוה.

דער מדרש זאָגט: דער פאָטער וואָס ברענגט זיין קינד צו מילה איז עס דאָס זעלבע ווי- אברהם האָט געבראַכט יצחק'ן דער עקידה. פון דעם פארשטייען מיר ווי גרויס דער שכר פון מוהל איז, דאָס ער איז זוכה צו זיין דער שליח צו דער גרויסער מצוה, ער איז ווי דער כהן וואָס איז מקריב דעם קרבן, דארום דאַרף יעדער איד וועלן זיין א שליח אין דער מצוה. איבערהויפּט אין דער היינטיגער צייט, ווי די וועלט איז פאריאָגט, און עס איז ווייניג דאָ פון די וואָס יאָגן זיך צו זיין א עוסק במצוה, איז געוויס דער שכר נאָך מער פון דעם וואָס וויל זיין א מזכה את הרבים אין דער גרויסער מצוה. דעריבער איז א חוב אויף יעדער מוהל צו אויפשטעלן תלמידים, דער זכות פון דער מצוה זאָל ביי אים ניט אָפּגעהאַקט ווערן אויף אייביג.

וישלח

על כן לא יאכלו בני ישראל את גיד הנשה וגו'.

די מצות לא תעשה איז מען טאָר ניט עסן דעם גיד הנשה (—שפּאַנאַדער) פון דער רעכטער און דער לינקער זייט, אַלע פּרטי דינים פון מנקר זיין (טרייבערן) דעם גיד הנשה און פון אַלע אָדערן איז ערקלערט אין יורה דעה, און די אַרבעט פון דעם איז ידוע צו די מנקרים.

אויף דעם לאו זיינען פרויען פאַרזאָגט גלייך מיט מענער. מנקר זיין דאַרף מען זיך לערנען פון אזא וואָס קען גוט די אַרבייט פון ניקור, דען אויסער דעם לערנען פון ספרים דאַרף מען אויך זיין פּראַקטיצירט אין דער אַרבעט. בעונותינו הרבים, איז דאָס געוואָרן הפקר ביי דער וועלט, עס גייען אַרום דער אַרבעט פרויען און קינדער, און אויך מענער וועלכע ווייסן ניט די אַרבעט לויט דעם דין, אָדער עס באַשעפטיגן זיך דערמיט אַזעלכע וואָס היטן ניט קיין אידישקייט. איז דעריבער אַ חוב קדוש אויף דעם בית דין פון יעדער שטאָט, אַכטונג צו געבן אויף דעם ניקור אַז די ניט פּאַ־סענדע מענשן זאָלן דערצו קיין צוטריט ניט האָבן.

ספר שמות

ב א*)

החדש הזה לכם ראש חדשים.

די מצות עשה איז, דאָס אין דער צייט ווען אידן זיינען געווען אין ארץ ישראל און האָבן געהאַט דעם בית דין הגדול, וועלכע האָבן געוואוסט כל התורה און האָבן דעם גאַנג פון דער זון און די לבנה גוט פארשטאַנען איז געווען א חוב אויף בית דין צו אויסהערן די עדות וועלכע האָבן געזען ווי די לבנה איז אין איר באַנייאונג ארויסגעגאנגען.

נאָך אויסהערן די עדות, האָבן בית דין באַשטימט ראש חודש, און געמאַכט וויסן דעם כלל ישראל ווען ראש חודש איז, בכדי צו וויסן ווען צו האַלטן ריכטיג די ימים טובים. אויב עס זיינען ניט געווען קיין עדות אויף דעם ארויסגאַנג פון דער לבנה, האָבן בית דין באַשטימט ראש חודש דעם איין און דרייסיגסטן טאָג.

אויך נעמט זיך פון דער מצוה דאָס וואָס מען איז מעבר דעם יאָר, ד. ה. וואָס מען מאַכט נאָך א חודש אדר. די גמרא אין סנהדרין באַשטימט איבער וועלכע סיבות עס פאָדערט זיך א צווייטן חודש אדר צו מאַכן.

יעצטיגע צייט אָבער האָבן מיר אן אָפּגעשטימטע רעכענונג פון הלל הנשיא. ער איז געווען דער גרעסטער פון דעם בית דין הגדול אין זיין דור. ער האָט אויסגערכענט אַלע חדשים אויף אייביג, און נאָך זיין גאַנג האַלטן מיר די חדשים און ימים טובים און די באַשטימטע עבורים, ביז דער צייט פון ביאת הגואל במהרה בימינו.

---

*) פון פ׳ וישלח ביז פ׳ בא איז ניטאָ קיין מצות פון די תרי״ג מצות.

נשים זיינען זיך נוהג ניט צו טאָן קיין מלאכה אום ראש חודש. עס איז אויך א מנהג ראש חודש זאָל זיין קענטיג אין עסן, און צו בייטן א בגד לכבוד ראש חודש.

דער חודש רעכנט זיך נאָך דער באנייאונג פון דער לבנה 29 טעג מיט 12 שעה מיט 793 חלקים פון שעה, די רעכענונג מוז דאָך אָבער זיין מיט גאַנצע טעג, האָט מען דערפאַר געמאַכט איין חודש זאָל זיין 29 טעג און איין חודש זאָל זיין 30 טעג. בלייבט דאָך אָבער איבער די חלקים פון יעדער חודש איז דערפאַר איינ־געטיילט, אמאָל זיינען מער די חדשים פון 29 טעג און אמאָל זיינען מער די חדשים פון 30 טעג, בכדי עס זאָל זיך אויסגלייכן דער חשבון.

די חדשים ניסן, סיון, אב, תשרי, שבט זיינען אלע מאָל צו 30 טעג. אייר, תמוז, אלול, טבת, אדר זיינען אלע מאָל 29 טעג. חשון און כסלו — אמאָל איז חשון 29 טעג, אמאָל זיינען זיי ביידע צו 30 טעג און אמאָל זיינען זיי ביידע צו 29 טעג.

דער חודש פון 30 טעג ווערט גערופן „מלא", דער חודש פון 29 טעג הייסט („חסר", דער חודש פון 30 טעג איז תמיד 1 טאָג ראש חודש, און דער חודש פון 29 טעג איז תמיד 2 טעג ראש חודש.

דאָס איז דער כלל: פון ניסן אָן גייט עס א חודש איבער א חודש געביטן, ניסן איז איין טאָג ר"ח, אייר — 2 טעג ראש חודש. אויסער חשון און כסלו, וואָס זיי זיינען ניט אַלעמאָל גלייך, א מאָל איין טאָג און אמאָל צוויי טעג. ווען עס איז 2 טעג ר"ח הויבט זיך דער חודש אָן פון 2־טן טאָג, וואָרום דער ערשטער טאָג ראש חודש איז דער 30־טער טאָג פון פאַריגן חודש. תשרי ציילט זיך אימער פון ערשטן טאָג ראש השנה.

דער יאָר האַלט 365 טעג מיט א ערך 6 שעה, און איז איינ־געטיילט אין 4 תקופות, תקופת תשרי, תקופת טבת, תקופת ניסן און תקופת תמוז.

פון די טעג פון יאָר איבער די טעג פון די 12 חדשים, בלייבט איבער 10 טעג מיט אַן ערך 22 שעה. אויף דעם איז דאָ דער חודש העבור. אין פאַרלויף פון 19 יאָר, וואָס רופט זיך מחזור, מאַכט מען

12 יאָר צו 12 חדשים און 7 יאָר צו 13 חדשים, גלייכט זיך אוים דער חשבון. די יאָרן פון 12 חדשים ווערן גערופן שנה פשוטה און פון 13 חדשים — שנה מעוברת. דעם עיבור מאַכט מען אימער דעם חודש אדר. דער ערשטער אדר איז אלעמאָל 30 טעג און דער צווייטער אדר — 29 טעג. (די רעכענונג איז א גרויסע חכמה, מיר געפינען ניט פאַר נויטיג די פאַרברייטערונג פון דעם, ווייל עס זיינען שוין דאָ באַשטימטע לוחות).

די חכמים האָבן מתקן געווען קידוש לבנה יעדן חודש, ד. ה. מען זאָל מאַכן א ברכה אויף דער לבנה מיט דעם אָפּגעשטימטן נוסח. די לבנה דאַרף זיין קלאָר בעת מקדש זיין, דאָס די ליכטיקייט זאָל זיין ראוי עטוואָס צו באַנוצן. דער חוב איז אויף יעדן אידן ער זאָל מקדש זיין די לבנה אפילו פאַר זיך. מער מצוה איז מיט א מנין אָדער אפילו מיט נאָך איינעם. פיל מענשן האָבן א טעות, זיי זיינען ניט מקדש די לבנה סיידן מיט נאָך מענשן, דורך דעם קומט מאַנכע מאָל אז מען פערזאַמט די לבנה.

די צייט פון קידוש לבנה איז פון 3 מעת לעת נאָך דעם מולד ביז דעם פופצענטן טאָג אין חודש (ועפ"י הדחק אף בט"ז). על פי קבלה איז דער ריכטיגער זמן מקדש צו זיין נאָך 7 מעת לעת נאָכן מולד, נישט פריער. חסידים האַלטן אין פירן זיך אזוי ווי דעת המקובלים עפ"י נוסח האר"י הקדוש ז"ל מקדש צו זיין נאָך 7 מעת לעת נאָך דעם מולד. שבת און יו"ט איז מען זיך נוהג ניט מקדש צו זיין די לבנה. נאָר אויב עס איז שוין די לעצטע צייט, דאַרף מען מקדש זיין שבת און יום טוב אויך.

ביי מקדש זיין די לבנה זאָל מען זיך ניט בוקן, דען עס זעט אוים געגעבן כבוד די לבנה, חלילה, איז דאָס ענליך צו עבודה זרה. מען דאַרף וויסן אז קידוש לבנה איז נאָר באַשטעלט צו דאַנקען דעם בורא יתברך וואָס ער האָט באַשאַפן די לבנה און אלע הימלישע באַשעפענישן זיי זאָלן נוצן פאַר דעם מענשן לויט דער באַשטימונג פון דעם בורא יתברך, נאָך די צייטן וועלכע ער האָט פאַר זיי אָפּ־געשטימט, און האָבן ניט קיין אייגענע קראַפט זיך צו ענדערן, ווי עס איז געזאָגט אין דעם נוסח פון קידוש לבנה: „חוק וזמן נתן להם שלא ישנו את תפקידם." (געזעץ און צייט האָט ער זיי גע־געבן זיי זאָלן ניט ענדערן זייער פליכט).

דער מדרש אין פרשת בא שרייבט: אידן זיינען געגליכן צו דער לבנה; אזוי ווי די לבנה פאנגט אָן צו שיינען פון ערשטן טאָג און שיינט ביז 30 טעג, ביז דעם 15-טען טאָג לייכט זי שטארק און נאָך דעם 15-טן טאָג לייכט זי וואָס וויטער ווייניגער, ביז דעם 30-טן טאָג לייכט זי שוין גאָר ניט. — אזוי זיינען אויך אידן, דער ערשטער האָט אונז געלויכטן אברהם, ביז שלמה המלך דער 15-טער דור האָט געקיניגט, און אידן זיינען געווען אין זיין צייט איבערגליקליך, נאכהער איז ביסלאַך ווייז אונטערגעגאנגען, ביז אין צדקיהו המלך׳ס צייטן, דער 30-טער דור, איז שוין אינגאנצן אונ־טערגעגאנגען די קעניגליכע הערשאפט און עס איז צוגענומען גע־וואָרן די מלוכה פון אידן, און דער בית המקדש איז חרוב געוואָרן.

מיר אידן בלייבן אָבער אין האָפענונג, אזוי ווי די לבנה פאנגט אָן יעדן חודש פון דאָס ניי צו לייכטן, אזוי וועלן מיר אידן אויך אָנפאנגען צו לייכטן פון דאָס ניי בעת ביאת הגואל במהרה בימינו אמן. אזוי ווי מיר זאָגן אין דער ברכה: „עטרת תפארת לעמוסי בטן שהם עתידים להתחדש כמותה״ (דאָס הייסט, מיר אידן וועלן זיך באנייען אזוי ווי די לבנה באנייט זיך אלע חודש.

ושחטו אותו כל קהל עדת ישראל בין הערבים וגו׳.

די מצות עשה איז, ערב פסח, דאָס איז דעם 14-טן טאָג אין חודש ניסן, זאָל מען מקריב זיין א קרבן פסח.

דער קרבן פסח קומט פון שאָף אָדער ציגן, באק וועלכער איז א יאָר אַלט. עס טאָר אין אים ניט זיין קיין פעלער.

דער קרבן פסח איז דוחה שבת.

דער קרבן פסח ווערט גע׳שחט׳ן אין דער עזרה אין די פארנאכטן.

די גמרא דערציילט: עס זיינען געווען זייער פיל מענשן דאָס מיט איין פארטיי איז פול געוואָרן די עזרה. אויך דערציילט די גמרא: ביי יעדער פארטיי ווי זיי זיינען אָנגעקומען האָבן זיך די טויערן פון זיך זעלבסט צוגעמאכט. ביי דער שחיטה און מק־ריב זיין דעם קרבן פסח האָבן די לויים מיט טרומייטן געבלאָזן און מיט כלי זמר געשפילט און הלל געזונגען.

ווער עס האָט ניט געמאַכט קיין קרבן פסח במזיד איז חייב כרת.

ואכלו את הבשר בלילה הזה וגו'.

די מצות עשה איז צו עסן דעם קרבן פסח די ערשטע נאַכט פון פסח. דער קרבן פסח ווערט געגעסן אין געזעלשאַפט פון די וועלכע האָבן זיך קאָמפּאַנירט צו מאַכן דעם קרבן פסח.

דער קרבן פסח ווערט אויף א הילצערנעם שפּיז אויפן פייער געבראָטן און נאָך דעם ביינאַכטיגן מאָלצייט, עסט יעדער איינציגער א כזית (ווי אן איילבירט, די גרויס פון א האַלבע איי).

די צייט פון עסן דעם קרבן פסח איז ביז האַלבע נאַכט. מען דאַרף אים עסן מיט מצה און מרור.

ביים עסן דעם קרבן פסח זאָגט מען הלל.

אל תאכלו ממנו נא ובשל מבושל במים וגו'.

די מצות לא תעשה איז, מען זאָל ניט עסן דעם קרבן פסח האַלב-געבראָטן אָדער געקאָכט אין וואסער. ער מוז זיין אין גאַנצן געבראָטן.

ח. ולא תותירו ממנו עד בקר וגו'.

די מצות לא תעשה איז ניט איבערצולאָזן פון די פלייש פון קרבן פסח ביז אויף מאָרגן

אין אַלע מצות פון קרבן פסח זיינען נשים אויך מחויב.

ט. אך ביום הראשון תשביתו שאור מבתיכם וגו'.

די מצות עשה איז מבטל צו זיין און אויסראַמען דעם חמץ דעם 14טן טאָג אין ניסן עס זאָל מער ניט זיין.

די נאַכט וואָס געהערט צו ערב פסח דאַרף מען בודק חמץ

זיין. מען דאַרף בודק זיין דעם חמץ אומעטום, אין אַלע ווינקעלאַך, אונטער די שאַפעס, אונטער די בעטן, און וואו עס איז נאָר מעג־ליך אז עס איז דאָרט אריינגעקומען חמץ, צום ביישפיל, אין די קעלערן, אין די קלייטן, אין די קראָמען, אין די פאַבריקן, אין די שטאַלן פון האָלץ, און וואו נאָר מענשן קומען אריין, ווייל עס איז מעגליך פון די מענשן וואָס גייען דאָרט זאָל עטוואָס חמץ פארבלייבן. אפילו לע־כער און שפאַלטן וועלכע מען דארף דאָרט צוקומען מיטן האַנט, דארף מען אויך בודק חמץ זיין.

די פרויען וועמעס מענער זיינען ניט אין דערהיים, אָדער זיי זיינען אינגאַנצן אָן מענער, זיינען זיי מחויב זעלבסט בודק חמץ זיין און מבטל זיין דעם חמץ, ווי עס איז פריער גערעדט.

פאר דעם זמן פון בדיקה א האַלבע שעה טאָר מען זיך ניט באַשעפטיגן מיט קיין זאַך, אפילו לערנען אויך ניט.

די בדיקה איז אזוי: אָנפאַנגס נאַכט איז מען בודק מיט א ליכטל, (מער מצוה איז בודק צו זיין מיט א וועקסענע ליכטל). מען טאָר ניט בודק זיין מיט צוויי ליכט צוזאַמען, און ניט פאר קיין אנדערע באַלייכטונג.

פון דער צייט פון בדיקה דארף שוין זיין אויפגעראַמט דאָס גאַנצע חמץ. פאר דער בדיקה דארף מען אָפשטעלן די חמץ וועל־כע עס פאַדערט זיך צום עסן, און היטן עס זאָל ניט פארלאָרן גיין דאָס חמץ, וואָרום ווען עס גייט פארלאָרן פון דעם חמץ דארף מען נאָך אַמאָל בודק זיין.

עס איז א מנהג צו לייגן 10 שטיקלאַך ברויט אויף די פענ־סטער פאר דער בדיקה. מען זאָל לייגן האַרטע ברויט עס זאָל זיך ניט ברעקלען.

נאָך דער בדיקה דארף מען מבטל זיין דאָס גאַנצע חמץ וואָס עס געפינט זיך. דאָס הייסט, מען דארף זאָגן מיטן מויל און פעסטשטעלן ביי זיך אין האַרצן, דאָס אַלעם וואָס הייסט נאָר חמץ וואָס עס געפינט זיך אין אייגענעם רשות אָדער מיינע חמץ וועלכע אפילו ניט אין אייגענעם רשות זאָל זיין גלייך ווי די שטויב פון דער ערד, און עס זאָל זיין הפקר, עס איז ניט מער מיינע. דאָס איז די באַדייטונג פון כל חמירא ווי געדרוקט אין סידור.

מען זאָל ניט דענקען אַז דער נוסח כל חמירא איז אַ מין תפלה, נאָר פעסטשטעלן ביי זיך אין האַרצן דעם געדאַנק ווי עס איז דאָ ער־קלערט געוואָרן. ווער עס פאַרשטייט ניט דעם פשט פון כל חמירא זאָל ער זאָגן אויף זשאַרגאָן די ווערטער: דאָס גאַנצע חמץ אָדער זויערטייג וואָס איז דאָ אין מיין רשות און איך ווייס פון דעם ניט זאָל זיין הפקר און זאָל זיין גערעכנט ווי די שטויב פון דער ערד.

ערב פסח פון דער פערטער שעה אויפן טאָג טאָר מען ניט עסן קיין חמץ. און פון נאָך דער פינפטער שעה אויף דעם טאָג, טאָר מען קיין הנאה ניט האָבן פון חמץ. ד. ה. מען טאָר מיט דעם ניט האַנדלען, און ניט געבן פאַר די בהמות אָדער עופות.

אין דער פינפטער שעה אויפן טאָג דאַרף מען פאַרברענען דעם חמץ און זאָגן דעם כל חמירא פון פאַרברענען חמץ און פאַר־שטיין וואָס מען זאָגט. ווער עס פאַרשטייט ניט, זאָל זאָגן אויף טייטש די ווערטער: דאָס גאַנצע חמץ אָדער זויערטייג וואָס איז דאָ אין מיין רשות וועלכע איך האָב אויסגעראַמט אָדער נאָך ניט אויסגעראַמט זאָל זיין הפקר, און זאָל זיין גערעכנט ווי די שטויב פון דער ערד.

דורך א קטן, דאָס הייסט פאַר 13 יאָר, טאָר מען ניט שיקן פאַרברענען קיין חמץ.

נאָך דער פינפטער שעה דאַרף שוין דער חמץ זיין פאַר־קויפט.

מיר קענען ניט אויסשרייבן פינקטליך די ציימן פון עסן און פאַרברענען און פאַרקויפן דעם חמץ, ווייל דאָס ווענדט זיך נאָך די אַקלימען נאָך (מחלקין היום לי"ב שעות מעלות השחר עד צאת הכוכבים) און ניט אַלע יאָרן קומען אוים די ציימן גלייך. דערום ווער עס ווייס ניט ריכטיג זאָל פרעגן ביי א למדן, בכדי ער זאָל ניט נכשל ווערן.

אַז עס פאַלט אוים ערב פסח אום שבת, קאָכט מען ניט אויף דעם שבת קיין טייג און קיין גריץ. די וואָס קאָכן אויף דעם פרייטאָג צו נאַכט אויך אין פסח'דיקע כלים, זאָלן היטן ניט צו גיסן אין חמץ'דיקער שיסל קיין הייסע, דארום זאָל מען אַזוי טאָן, מען זאָל פריער איבערגיסן אין א פסח'דיקער שיסל, און פון דער

שיסל איבערגיסן אין דער חמץ׳דיקער שיסל, און די פסח׳דיקע שיסל אויך אָפּשטעלן אָן א זייט, ווייל מען טאָר איר ניט ניצן אויף פסח.

אלע כלים וועלכע מען כשר׳ט ניט אויף פסח, וואַשט מען זיי אוים ריין, עס זאָל ניט בלייבן קיין שום חמץ, און מען שטעלט זיי אָפּ אין א באַזונדער חדר אין וועלכן מען גייט ניט אום פסח.

דאָ וועלן מיר שרייבן אייניגע דינים פון כשר׳ן כלים:

די כלי וועלכע מען כשר׳ט דאַרף מען איר פריער א מעת לעת ניט נוצן. א כלי וועלכע האָט אין זיך א שפּאַלט אָדער א לאַטע, אָדער זי נעמט זיך פאַנאַנדער, דאַרף מען פרעגן א שאלה אויב מען מעג איר כשר׳ן. פאַר דעם כשר׳ן דאַרף מען די כלי אויסשייערן, אויב עס געפינט זיך ראָסט דאַרף מען אויסברענען די ראָסט. לויט דעם דין, איז מעסערס און גאָפּלען מיט שטילן גאַנץ שווער צו כשר׳ן, דערום איז מען זיך נוהג צו קויפן נייע.

דער צוגאַנג צום כשר׳ן איז אזוי: מען נעמט א גרויסע כלי וועלכע מען האָט ניט גענוצט אין דעם מעת לעת און מען כשר׳ט איר ווי נויטיג, און אין די כלי כשר׳ט מען די קלענערע כלים. בעת מען כשר׳ט די כלי, דאַרף די וואַסער קאָכן. צו וויסן אויב די וואַסער בלעזלט, דערום דאַרף מען אריינלייגן א געברענטן שטיין ביים כשר׳ן עס זאָל גוט קאָכן.

אויב מען וויל כשר׳ן די כלי אין וועלכע מען האָט גע׳כשר׳ט, טוט מען אזוי: נאָך דעם אפּ׳כשר׳ן די כלים, בעת די וואַסער קאָכט, לייגט מען אריין א געברענטן שטיין, גייט אריבער די וואַסער. אזוי כשר׳ט מען אלע גרויסע כלים און א טיי מאַשין.

נאָך דעם כשר׳ן די כלים שווענקט מען זיי אָפּ מיט קאַלטע וואַסער.

מען דאַרף זעהן אז ביז ערב פסח די צייט וואָס מען מעג נאָך עסן חמץ זאָלן שוין זיין די כלים גע׳כשר׳ט.

די בלעכענע און קופּערנע כלים אין וועלכע מען קאָכט חמץ, גיט מען זיי וויסן און עס איז גלייך מען זאָל זיי כשר׳ן אויך. די דעקלאַך האָבן דעם זעלבן דין ווי די כלים וואָס מען קאָכט אין זיי.

כלים וועלכע מען נוצט צום באַקן און די דעקלאַך וועלכע

ווערן געברויכט צו די כלים, דארף מען אויסברענען ביז עס זאָלן שפּריצן פונקען פון דער אויסוויינינגסטער זייט.

דרייפוסן און שאר־אייזנס דאַרף מען אויך אויסברענען. אויי־ ווּנס דארף מען ברענען ביז עס זאָלן שפּריצן פונקען פון פּאַד. נאָכ־ הער דאַרף מען פאנאנדער שארן די קוילן איבער דעם גאַנצן פּאַד. די קאַכלען (דער אָרט וואו מען שטעלט טיי און קאַווע) דאַרף מען אויסברענען מיט קוילן, ביז עס זאָלן שפּריצן פונקען, אָדער אויסקלעפּן אַלע זייטן מיט ליים. די בראָט־אויוועלאָך דאַרף מען אויך אויסברענען.

דאָ האָבן מיר נאָר עטוואָס אנגעמערקט. אין שולחן ערוך הלכות פסח איז פיל ערקלערט. נאָר דער כלל איז, מען דאַרף פרעגן א שאלה וועלכע כלי מען זאָל כשר׳ן, און ווי עס זאָל צוגיין דער כשר׳ן, דען ניט אַלע כלים איז דער צוגאַנג פון כשר׳ן גלייך, און אנדערע כלים טאָר מען גאָר ניט כשר׳ן אויף פסח. דערום איז איינ־ געפירט אין פיל ערטער אז מען כשר׳ט פאר פסח אין איין אָרט, און דאָרט זיצט א למדן און ער באַקוקט די כלים אויב מען מעג זיי כשר׳ן.

בערב תאכלו מצות וגו׳.

די מצות עשה איז צו עסן מצה די נאַכט פון סדר.

די ערשטע און צווייטע נאַכט פון פסח איז מען מחויב צו עסן א כזית מצה (ובארץ ישראל רק בלילה הראשון), אויסער כורך און אפיקומן.

די מצה דאַרף זיין געהיט דאָס אין די ווייץ און אין די מעל ביז דעם אָפּבאַקן זאָל ניט זיין קיין חשש חמץ. דערום זעט מען איבער די ווייץ, מען כשר׳ט די מיל און מען כשר׳ט דעם אויוון.

אין די מצה טאָר ניט זיין קיין זאַלץ, עס דאַרף זיין געבאַקן נאָר פון מעל מיט וואַסער.

די כלים, די טישן וועלכע ווערן געברויכט צו די ארבייט פון מצה, דאַרף אין זיי ניט זיין קיין שפּאַלטן און קיין גריב־ לאָך. אין כלים וואָס מען קנעט דאַרף זיין גאָר גלאַט און

מען דארף האָבן צוויי דריי כלים צו בייטן. בכלל דארף פון אלע כלים זיין מען זאָל קענען בייטן.

וואסער צו מצה מוז זיין „מים שלנו", איבערגענעכטיגטע וואַסער, דאָס הייסט די וואסער דארף זיין אָנגעגרייט פון פארנאַכט אויף מאָרגן. די וואסער דארף מען אָנשעפּן פאר בין השמשות, מען זייט דורך די וואסער און מען דעקט צו, און מען שטעלט אוועק איבערן נאַכט אין א קילן אָרט. אויב די וואסער ווערט פארפראָרן טאָר מען ניט אוועקשטעלן ביים אויוון עס זאָל אָפּגיין די אייז.

צו די מים שלנו מעג מען דערגיסן אנדערע וואסער נאָר באופן אז די מים שלנו זאָלן זיין מער.

מען דארף ביים באַקן פאָרזיכטיג זיין צו בייטן אָפטער די כלים, די בעקנס, די שטעקנס, די רעדלאך. און ארומרייניגן, פּי-לייכט געפינט זיך אויף זיי עטוואָס טייג, און אָפטער ארומשאָבן די וואָלגער-העלצער און די טישן, ווייל זיי נעמען אויף זיך פיל טייג.

מען דארף וואשן די הענט אלע 2, 3 מיירעס. די כלי אין וואָס מען קנעט דארף מען אויך בייטן אלע 2 3 מיירעס.

דער מיירע--טעפל דארף האַלטן ניט מער ווי 3 קוואָרט. די מיירע דארף צוטיילט ווערן נאָך די וועלגער נאָך.

מען דארף זיך היטן ניט אויפצולייגן איין מצה אויף דער אַנדערער. די מצה טאָר ניט ליגן איין אויגנבליק ניט געארבייט מיט איר. דערום זאָל מען די מצה באַלד נאָך דעם שטופּלען אין אויוון ארייגזועצן. מען דארף קענען זעצן די מצות זיי זאָלן זיך ניט אָנ-רירן איין מצה אין דער צווייטער. מען דארף זייער פאָרזיכטיג זיין ארויסנעמען פון אויוון פארטיגע מצות.

די ארבייט פון מצה טאָר ניט זיין לעבן דער זון, דערום אין די פענסטער וואָס עס שיינט אריין די זון דארף מען זיי פאר-היינגען.

דער אָרט פון קנעטן איז דאָס רעכט עס זאָל זיין אין א באַזונדער צימער. נאָר אויב עס איז אונמעגליך זאָל מען איינהיטן

עס זאָל זיין ווייט פון אויוון. און בכלל דארפן די טישן פון וועלגערן און שטופלען אויך זיין ווייטער פון אויוון.

עס איז אויך וויכטיג אז דער מעל שיטער זאָל שטיין ווייט פון די וואסער.

מען זאָל ניט ריידן אין דער צייט פון ארבייטן די מצה, ווי דער דרך איז דאָס די וועלגערינס ריידן איינע מיט דער צווייטע.

ווי עס קומט צום אויוון מוז די ארבייט צוגיין דויערהאַפט. מען טאָר ניט ארויסנעמען די מצה ביז זי זאָל זיין גוט אויסגע־באַקן, און ניט ארויסנעמען ניט פארטיג.

די וועלט איז אָבער אין דעם שטארק פארפירט. זיי ווילן פיינע מצה, צווינגען זיי די בעקער זיי זאָלן אויסנעמען די מצה פריער ווי עס ווערט פאַרטיג. מען דארף וויסן אז חמץ בפסח איז פארבונדן מיט כרת רח"ל, דארף מען וועלן האָבן ניט קיין פיינע מצה, נאָר זיכער צו האָבן כשר'ע מצה.

אז מען באַקט פאר קראנקע אָדער פאר קליינע קינדער אייער־מצה, דארף מען נאָכן אָפּבאַקן איבערכשר'ן דעם אויוון און ריין מאכן די כלים.

ערב פסח טאָר מען ניט עסן קיין מצה.

צום סדר דארף מען האָבן מצות מצוה, ד. ה. שמורה וועלכע ווערט געארבייט פון מצוה וועגן, פון שניט ביזן באַקן, ווי עס איז ערקלערט אין שולחן ערוך. ביי די שמורה דארף מען זאָגן ביים אָנפאַנג ארבייט, „מען טוט לשם מצות מצוה.

צום סדר ווערט געלייגט 3 מצות. דערפון ווערט געגעסן דער כזית מצה, כורך און דער כזית פאר יעדערן.

אין דער מצוה פון מצה מיט אלע פרטי דינים זיינען נשים מחויב גלייך מיט מענער.

ערב פסח נאָך האַלבן טאָג טאָר מען זיך ניט שערן.

שאור לא ימצא בבתיכם וגו'.

די מצות לא תעשה איז עס זאָל זיך ניט געפינען ביי קיין

אידן אין זיין רשות קיין זויערטייג און קיין חמץ. אפילו אייגענע חמץ ביי א אינו יהודי טאָר זיך אויך ניט געפינען. אויב עס געפינט זיך יאָ איז מען עובר אויף דעם לאו, און אויף נאָך א לאו „בל יראה", דאָס הייסט עס טאָר ניט געזעהן ווערן קיין חמץ, און מען טאָר פון דעם חמץ קיין הנאה ניט האָבן נאָך פסח.

כל מחמצת לא תאכלו.

די מצות לא תעשה איז, מען טאָר ניט עסן אום פסח קיין זאך וועלכע אין דעם איז פארמישט חמץ. דערום, אז מען געפינט פסח א קערנדל אין עסן אָדער אפילו אין א ברונים וואסער דארף מען פרעגן א שאלה. אָפט מאָל ווערט גאָר דער גאַנצער ברונים חמץ.

דערום קען מען זאָגן איז איסור חמץ אום פסח אפילו נאָר עפּ־וואָס, ווייל דער עונש פון חמץ אום פסח איז זייער הארב, דאָס די עטוואָס חמץ קען שאַדן טאָן דעם נפש אריינצוברייגגען גיפט פון כרת רח"ל.

כל בן נכר לא יאכל בו.

די מצות לא תעשה איז, דער איד וועלכער האָט דעם דת פארלאָזן רח"ל, טאָר מען אים ניט געבן עסן פון קרבן פסח.

תושב ושכיר לא יאכל בו וגו'.

די מצות לא תעשה איז, א געצנדינער אָדער וועלכער עס האָט זיך אפילו אונטערגענומען ניט צו זיין קיין געצנדינער נאָר ער עסט נבילות, אָדער א גר (בזה"ב) וואָס האָט זיך גע'מל'ט און ניט גע'טובל'ט, זאָל מען זיי ניט געבן פון קרבן פסח.

די גמרא דערציילט אין פסחים: איין מאָל האָט זיך א אינו יהודי בארימט דאָס ער האָט זיך אין ירושלים פארשטעלט פאר א איד האָט מען אים געגעבן פון דעם בעסטן פון קרבן פסח. דער תנא רבי יהודה בן בתירה פרעגט אים: האָט מען דיר געגעבן פון דער

אליה? זאָגט ער: ניין. גיט אים ר' יהודה בן בתירה אן עצה, ער זאָל אויף איבעראיאָר בעטן פון אליה. אויף איבעראיאָר האָט ער געבעטן מען זאָל אים געבן פון דער אליה. דורך דעם האָט מען פארשטאַנען אז ער איז ניט קיין איד, ווייל צו אידן איז באַוואוסט דאָס די אליה ווערט אינגאַנצן פארברענט אויפן מזבח. דער באַט־ריגער איז מיט זיין לעבן באַשטראָפט געוואָרן און ר' יהודה בן בתירה איז דורך דעם בארימט געוואָרן.

לא תוציא מן הבית מן הבשר חוצה וגו'.

די מצות לא תעשה איז, ניט ארויסצוטראָגן פון קרבן פסח פון דעם אָרט וואו די געזעלשאַפט עסט אים.

מען טאָר ניט עסן דעם קרבן פסח אין צוויי געזעלשאַפטן.

ועצם לא תשברו בו וגו'.

די מצות לא תעשה איז, מען טאָר ניט ברעכן קיין ביין אין קרבן פסח, עס דארף אינגאַנצן געגעסן ווערן אז די ביינער זאָלן גאַנצע בלייבן.

וכל ערל לא יאכל בו וגו'.

די מצות לא תעשה איז, דאָס ניט קיין גע'מל'טער זאָל ניט עסן פון קרבן פסח (אפילו שמתו אחיו מחמת מילה).

קדש לי כל בכור וגו'.

די מצות עשה איז, דאָס אלע ערשט געבאָרענע פיה, רינדער, שאָף ציגן, פון מענליכן געשלעכט זאָל עס צום כהן געגעבן ווערן, און דער כהן איז מקריב נאָך דעם דין נאָך. די פלייש געהערט צום כהן.

דאָס איז אַלעס ווען דער ביהמ"ק איז געשטאַנען. יעצטיגע צייט, ווען עס ווערט געבאָרן א בכור בהמה טהורה, אין ארץ ישראל

אָדער אין חוץ לארץ, האַלט מען ביז ער באַקומט א מום, דאַן גיהערט ער צום כהן. מען טאָר אָבער ניט גורם זיין ער זאָל באַקומען א מום.

וואָס הייסט א מום ביי א בכור, איז ערקלערט אין יורה דעה. ווי עס ווערט א מום דאַרף מען ווייזן דעם מום א מורה הוראה.

ווען דער בכור ווערט טויט ביי דעם ישראל אָדער ביי דעם כהן דאַרף מען אים באַגראָבן אין א זאַק, דען ער האָט אויף זיך א הייליקייט.

יעצטיגע צייט איז א מצוה דאָס א בהמה וועלכע דאַרף גע־באָרן דעם ערשטן מאָל זאָל מען איר פאַרקויפן צו א אינו יהודי, און פרעגן א שאלה ווי דער פאַרקויף זאָל זיין בכדי ניט נכשל ווערן אין איסור בכור.

אין דער מצוה פון בכור בהמה זיינען מחויב זכרים און נקבות, אויך כהנים און לויים.

וועגן בכורות פון מענשן איז ערקלערט אין פרשת קרח.

ולא יאכל חמץ וגו'.

די מצות לא תעשה איז, מען טאָר ניט עסן אָדער טרינקען קיין חמץ אום פסח. פאַר חמץ בפסח במזיד איז מען חייב כרת, רח"ל.

חמץ אום פסח איז אָסור בהנאה. אויך נאָך פסח טאָר מען פון דעם חמץ קיין הנאה ניט האָבן.

ולא יראה לך חמץ וגו'.

עס זאָל ניט געזעען ווערן קיין אייגענע חמץ אין אייגענעם רשות. ווען אפילו די חמץ ליגט באַהאַלטן ביי זיך אָדער ביי א אינו יהודי איז מען אויך עובר אויף דעם לאו, און אויך אויפן לאו פון לא ימצא.

והגדת לבנך ביום ההוא וגו'.

די מצות עשה איז, צו דערציילן יציאת מצרים די נאַכט פון פסח, די ערשטע און צווייטע נאַכט פון פסח (ובארץ ישראל לילה

הראשון לבד) דארף דער פאַטער ערקלערן די קינדער און אלע ביי־זיצער דעם גאַנג פון סדר. — דער קינד פרעגט די אורזאַך פון די ענדערונגען אין דער נאַכט און דער פאַטער ענטפערט אים, ווי עס איז ערקלערט אין דער הגדה של פסח, דאָס מיר פרייען זיך און דאַנקען דעם בורא יתברך אויף די ניסים וואָס ער האָט מיט אונז געטאָן ביי דעם ארויסגאַנג פון מצרים און ארויסגעצויגן אונז פון שקלאַפן־דינסט.

די דערציילונג פון יציאת מצרים פלאַנצט אין אונז איין אמונה אין השגחת הבורא יתברך שמו, ווי דער בורא יתברך האָט דערהויבן אידן וועלכע זיינען געווען אונטערדריקט אונטער די מצריים און די מצריים אינגאַנצן אומגעבראַכט, און אז ער איז משנה הטבע און באַצאָלט מדה כנגד מדה, און ווי שלעכט עס איז טאָר מען זיך ניט מייאש זיין פון ג־טס הילף, מען דאַרף נאָר צו אים האָפן.

דעם גאַנצן סדר דאַרף מען זיין אָנגילעהנט אויף דער לינקער זייט אויסער ביים מרור עסן, ווייל מרור איז אַן אָנדענקונג ווי די מצריים האָבן אונז דעם לעבן פאַרביטערט, און עסן אָנגעלעהנט איז א באַווייז אויף פרייהייט.

ווען מען מאַכט א ברכה אויף די כרפס דאַרף מען טראַכטן מוציא זיין מיט בורא פרי האדמה אויך די מרור.

די כוסות דאַרפן האַלטן א רביעית (צו אויסמעסטן אויב עס האַלט א רביעית טוט מען אזוי: מען גיסט אָן א פולע כלי מיט וואַסער, דערנאָך גיסט מען איבער אין אַן אַנדער כלי, נאָכדעם לייגט מען אריין אין דער ערשטער כלי די אייער ניט אָפגעשיילט און מען גיסט צוריק אריין די וואַסער, בלייבט דאָך איבער וואַסער פון דעם אָרט וואָס די אייער פאַרנעמען איז א העלפט פון די וואַסער דאָס הייסט א איי מיט א האַלבע איז דאָס דער שיעור פון א רביעית). די כוסות אויב מען טרינקט א רוב כוס איז מען אויך יוצא, נאָר דעם פערטן כוס דאַרף מען אויסטרינקען אינגאַנצן מען זאָל קענען מאַכן א ברכה אחרונה.

די פיר כוסות דאַרף מען טרינקען וויין, נאָר אויב עס איז שווער צו טרינקען וויין צוליב א קראַנקייט, איז מען יוצא מיט מעד אויך.

נשים זיינען מחויב אין גאנצן סדר אויסער אין הסיבה. (אלע פרטי דינים און מנהגים פון פסח וועלכע מיר האָבן דאָ נישט גע־שטעלט, זיינען ערקלערט אין שולחן ערוך אורח חיים הלכות פסח, און עס איז ידוע צום כלל ישראל).

וכל פטר חמור תפדה בשה וגו'.

די מצות עשה, דעם ערשט געבאָרענעם פון אן אייזל פון מענליכן געשלעכט, זאָל מען מיט א שעפּס אויסלייזן פון כהן.

דער שעפּס געהערט צום כהן און דער אייזל בלייבט ביי דעם בעל הבית. די שעפּס קען זיין ווערט ווייניגער ווי דער אייזל, אויך קען מען אויסלייזן מיט אן אנדער זאך, אז מען לייזט אוים מיט אן אַנדער זאך דארף מען פרעגט א שאלה ווי צו טאָן.

ווי נאָר ער שיידט אָפּ צו געבן צום כהן, מאכט ער א ברכה, בא"י אמ"ה אקב"ו על פדיון פטר חמור.

די גמרא זאָגט אין בכורות: ר' חנינא האָט געפרעגט ר' אליעזר'ן, וואָרום זיינען דאָס די אייזלען אנדערש פון די פערד, קעמלען דאָס נאָר זיי לייזט מען אוים? האָט אים ר' אליעזר געענט־פערט, באמת דארף אונז גאָר ניט זיין קיין קשיא, דען ג־טס ב"ה פאַרלאַנג איז אזוי, נאָר איין אַנמערקונג קען מען זאָגן, די אייזלען האָבן דאָס פאַרדינט זיי זאָלן האָבן אויף זיך א הייליקייט, ווייל זיי האָבן געהאָלפן אידן ביי יציאת מצרים. דען יעדער איד האָט געפירט 90 אייזלען געלאָדן מיט זילבער און גאָלד פון מצרים.

ואם לא תפדה וערפתו.

די מצות עשה איז, אויב ער וויל ניט אויסלייזן זאָל ער דעם אייזל דעם נאַקן צוברעכן מיט א פלייש האַק און באַגראָבן.

כהנים און לוים זיינען פטור פון פדיון פטר חמור.

בשלח

אל יצא איש ממקומו ביום השביעי

די מצות לא תעשה איז, מען טאָר ניט גיין שבת אויסער דעם תחום. מען מעג גיין שבת און יום טוב צו צוויי טויזענט קוואדראַט־נע איילען („ד. ה. 2 טויזנט איילן די לענג און 2 טויזנט איילן די ברייט), פון אַלע פיר זייטן שטאָט אָדער פון א ישוב און ניט מער. די 2 טויזענט איילן וועלכע מען מעג גיין מעג מען זיי גיין אהין און צוריק אפילו אין זעלבן טאָג אין אַלע פיר זייטן פון שטאָט.

דאָס איז אַלעס פאר די שטאָט מענשן, אָבער דער וואָס וואינט אויסער דער שטאָט און ער קומט אין שטאָט שבת, מעג ער נאָר גיין ביז דעם אָרט וואו זיין תחום ענדיגט זיך.

אויב מען לייגט אַן עירוב ביי דעם סוף פון די 2 טויזענד איי־לן, מעג מען גיין פון עירוב אָן און ווייטער צו 2 טויזענט איילן פון אַלע פיר זייטן עירוב. נאָר מען פארלירט די 2 טויזענט איילן פון די 3 זייטן שטאָט („אויסער די פיר איילן וואָס יעדער מענש האָט וואו ער שטייט). און מען טאָר ניט ארויסגיין איין טראָט פון די 3 זייטן שטאָט.

דער כלל איז: פון אָרט פון עירוב ווערט זיין אָרט, וואָס ער האָט פון אים 2 טויזענט איילן אין יעדן זייט. אויב ער האָט געלייגט דעם עירוב אין די צוויי טויזנט איילן, למשל ער האָט געלייגט דעם עירוב טויזענט איילן אין מערב זייט שטאָט, האָט ער פון עירוב אָן אין אַלע זייטן צו 2 טויזענט איילן נאָר געגן דער זייט וואו ער האָט געלייגט דעם עירוב, דאָס הייסט אין מזרח זייט האָט ער נאָר טויזענט איילן. הכלל ווי ווייט ער רוקט זיך אריין מיט דעם עירוב אין דער זייט אזוי פארלירט ער אין דער זייט אַנטקעגן.

אין שטאָט גופא מעג מען גיין שבת און יום טוב הין און צוריק אפילו זי איז גרוים פיל מיילן.

דער עירוב וואָס איז מתיר צו גיין חוץ לתחום הייסט עירוב תחומין.

ווי מען מאַכט אַן עירוב און פון וואָס ווען מען לייגט אַן עירוב דאַרף מען פרעגן א שאלה.

דער עירוב איז נאָר מתיר צו גיין פאַר וועמענס וועגן מען האָט דעם עירוב געלייגט.

בעת מען לייגט דעם עירוב מאַכט מען א ברכה באַ"י אמ"ה אקב"ו על מצות עירוב.

די ישוב לייט וועלכע לייגן אן עירוב צוליב א מנין, ווייל ביי זיי איז חביב די מצוה פון תפלה בצבור, גייען זיי מאַנכעס מאָל מער ווי דער דין איז, זאָל מען ניט גיין אָן א שאלה ווי צו מאַכן אן עירוב.

אויך דאַרף מען אָנפרעגן ווי צו מאַכן אן עירוב חצרות צו מעגן טראָגן אין דער גאַנצער שטאָט, אָדער אין איין גאַס, אָדער פון איין הויז אין א צווייטער. ווער עס ווייס ניט קלאָר די דינים דאַרף פרעגן א שאלה ווי צו מאַכן דעם עירוב. אפילו וואו מען מעג טראָגן שבת איז דער דין אז אָן אן עירוב חצירות טאָר מען ניט טראָגן אפילו אין זעלבן הויף און ניט פון הויף אין די דירות, און ניט פון די דירות אין הויף. אויך ניט פון איין דירה אין א צווייטע.

דער עירוב חצרות ווערט געמאַכט אין צוויי אופנים: אָדער יעדער איינוואָינער פון הויף גיט עטוואָס מעל און מען באַקט עפּעס דערפון, אָדער איינער מאַכט פאַר זיך אן עירוב און איז אלעמען מזכה דורך אן אנדערן. ד. ה. ער גיט ערב שבת צו א מענשן די חלה און דער מענטש הויבט איר אויף דורך דעם מעג מען שוין טראָגן אי־בעראל אין אַלע וואָינונגען. דער וואָס מאַכט דעם עירוב חצרות זאָגט ווי געדרוקט אין סדור. אלע פרטי דינים פון עירוב זיינען ערקלערט אין שולחן ערוך אורח חיים.

יתרו

אנכי ה' אלקיך וגו'.

די מצות עשה איז, צו גלויבן אז עס איז פאַראַן איין ג־ט אויף דער וועלט און אויף אַלע וועלטן, ער האָט באַשאַפן הימל און ערד און ימים, די וועלט און אלע וועלטן און אלעם וואָס אין זיי, פון קלענסטן שטויב ביז דעם גרעסטן מלאך פון כסא הכבוד, און די לעצטע בריה איז א מענטש. ג־ט איז געוועזן בעפאָר ער האָט אלעם

באשאפן, ער איז און וועט זיין אייביג, און קיין זאך ווערט ניט אָן זיין ווילן, דען ער הערשט איבער אלעם וואָס עס געפינט זיך אין אלע וועלטן, ער איז משגיח אויף אלעם, ער ווייסט אלעם פאַר־אוים, און קיין טראכט איז פון אים ניט פארבאָרגן, פון אים איז קיין באהאלטונג. דער באשטאנד פון די וועלט און אלע וועלטן און וואָס עס געפינט זיך אין זיי הייננט אָפּ אָן זיין ווילן. ער איז משגיח אויף אלעם, פון דאָס קלענסטע ווערימל ביז דאָס גרעסטע, לעבעדיגע און ניט-לעבעדיגע ברואים. ווען ער זאָל חלילה אָפּטאָן זיין השגחה איין רגע מוז אלץ בטל ווערן און עס ווערט אוים פון אלעם.

דער מענטש דאַרף זיך פאָרשטעלן ביי יעדער זאך וואָס מען טוט אָדער מען טראכט דאָס דער בורא יתברך הערט און זעט און ווייס אלעם. ווען ער גלויבט ניט ווי דער חוב איז צו גלויבן הייסט ער א כופר בעיקר, רח״ל, און האָט ניט קיין חלק און זכות מיט אידן.

חוץ דעם זיינען מיר מחויב מיט מסירת נפש און מיט דעם גאנצן פארמעגן זיך צו אָפּפערן, דער עיקר איז דאָס מען דאַרף זיך פעסט האלטן אז דער אמת איז אזוי און עס קען אנדערש ניט זיין.

ער איז ניט קיין גוף און האָט ניט קיין קערפערליכן געש־טאלט. דאָס וואָס שטייט אין דער תורה, די האנט פון ג-ט, אָדער די פוס, אָדער די אויג, אָדער ווי די נביאים רופן אָן דעם בורא יתברך מיט פארשידענע נעמען, איז דאָס נאָר צו געבן צו פארשטיין דעם מענשן, וייל אנדערש קען דער מענטש ניט פארשטיין סיידן אז מען ערקלערט אים מיט דעם ארט. מיר דארפן גלויבן דאָס מיר זיינען נאָר ניט ראוי צו פארשטיין זיין גרויסקייט, נאָר ער קאָן זיך זעלבסט.

אין דעם כלל פון דער מצוה צו גלויבן דאָס דער בורא יתברך האָט אונז ארויסגעפירט פון מצרים מיט גרוים וואונדער און געגעבן די תורה.

די מצוה איז א מצוה וואָס מען איז איר מקיים מיט דעם געדאנק, און אז מען טראכט אין דעם אימער איז מען אימער מקיים א מצוה, פון וועלכער דער שכר איז אָן א ברעג.

אויף דער מצוה פון אמונת הבורא יתברך זיינען מחויב מענער און פרויען יעדע רגע.

לא יהיה לך אלהים אחרים על פני וגו'.

די מצות לא תעשה איז, מען טאָר ניט ארויפברענגען אויפן געדאנק צו מיינען אז עס איז דאָ אזא קראפט וואָס קען עטוואָס טאָן אויסער דעם ווילן פון בורא יתברך, אָדער אז עס איז דאָ א מיטהעלפער ח״ו צום בורא יתברך (דערום דארף מען זאָגן ביי יעדער זאך וואָס מען וויל טאָן „בעזרת השם" אדער „אם ירצה השם"), אָדער עס איז דאָ א ממשות אין דער עבודה זרה, נאָר ג-ט אליין איז אחד יחיד ומיוחד.

אויף דער מצוה זיינען מיר מחויב מיט מסירת נפש און מיט דעם גאנצן פאַרמעגן. דער וואָס דענקט חלילה אויף איינע פון די 3 זאכן הייסט ער א כופר בעיקר, רח״ל, און האָט ניט קיין חלק וזכות מיט אידן.

אויף דעם לאו זיינען מחויב מענער און פרויען יעדע רגע.

מען טאָר ניט אויסריידן חלילה קיין דבור וואָס זאָל אויס-זען ווי א כפירה אין דת חס ושלום, מען דארף זיין אָפגעהיט ניט צו זאָגן אפילו קיין ג-טליכן מאן מיט דעם לשון ווי דער דרך העולם איז צו זאָגן: פריער ג-ט און דערנאָך דער רבי האָט מיר געהאָלפן.

לא תעשה לך פסל וגו'.

די מצות לא תעשה איז, מען טאָרניט מאכן קיין געצנבילד אפילו האלטן אזעלכע פיגורן טאָר מען אויך ניט.

לא תשתחוה להם וגו'.

די מצות לא תעשה איז, מען טאָר זיך ניט בוקן צו דער עבודה זרה, אָדער צו טאָן פאר זיי איינע פון די עבודות וועלכע עס איז געטאָן געוואָרן אין בית המקדש (זביחה, זריקה, הקטרה, ניסוך). ווען מען צווינגט צו דעם מוז מען זיך לאָזן טויטן און ניט

עובר זיין. און ווען מען טוט דאָס מיט אַ התראה („קוק אין די סדרה ביי מצות שבת וואָס הייסט התראה) קומט סקילה. אויב במזיד אָן אַ התראה קומט כרת, אויב מען טוט עס אומגערן ברענגט מען אַ חטאת.

מען טאָר ניט טאָן קיין זאך וועלכע זאָל אויסזען ווי גע־בוקט צו דער עבודה. צום ביישפיל, ווען עס פאַלט אַרוים געלט פון פאַקעט געגן ע״ז, זאָל מען ניט קלייבן די געלט שטייענדיק ווייל עס זעט אוים ווי געבוקט, נאָר זיצנדיק מעג מען.

ולא תעבדם וגו׳.

די מצות לא תעשה איז, מען טאָר ניט דינען קיין עבודה זרה מיט וואָס נאָר דער דרך איז איר צו דינען. אפילו ווען איר דינסט איז מיט אַ שענדליכע זאך, צ. ב. ווי עבודה זרה פון פעור (איר דינסט איז געווען דער מענשליכער געברויך געגן איר), אויב מען דינט יאָ איז מען חייב סקילה. אויב מען נויט אים דאַרף מען זיך לאָזן טויטן.

לא תשא את שם ה׳ אלקיך לשוא וגו׳.

די מצות לא תעשה איז, מען טאָר ניט שווערן ביי ג־ט׳ס נאָמען אויף פאַלש, אדער אומזיסט.

דער לאו ווערט פאַנאַנדערגעטיילט צו 4 אָפּטיילונגען:

א) שווערן אויף אַ זאך וועלכע עס איז באוואוסט איבעראל אַז עס איז ניט אַזוי, צ. ב. מען שווערט אויף אַ שטיין אַז עס איז גאָלד.

ב) שווערן אומזיסט. צ. ב. מען שווערט אויף אַ שטיין אַז דאָס איז אַ שטיין, איז דאָך דער שווערן איבעריג.

ג) מען שווערט מבטל צו זיין אַ מצוה, אָדער מען שווערט צו טאָן אַן עבירה, רח״ל.

ד) שווערן צו טאָן אַ זאך וועלכע איז אונמעגליך צו טאָן,

צ. ב. מען שווערט ניט צו שלאָפן גאַנצע 3 מעת לעת, אָדער ניט עסן גאַנצע 7 מעת לעת נאָכאַנאַנד.

אויף יעדע איינע פון די 4 ארטן שבועות איז מען מחויב מלקות.

אין דעם כלל איז אויך ניט צו מאַכן קיין ברכה לבטלה, צוםביישפּיל, מאַכן א ברכה אויף תפילין און ניט לייגן, אָדער מאַכן א ברכה המוציא און ניט עסן די זאַך. אין דעם כלל איז אויך ניט צו דערמאָנען ג־ט׳ס נאָמען אומזיסט אין קיין שפּראַך.

די גמרא זאָגט: ווען עס איז געזאָגט געוואָרן דער לאו פון לא תשא, האָט די וועלט געציטערט. אין פּרשת קדושים האָבן מיר ערקלערט ווי האַרב עס איז א פאַלשע שבועה און ווי גרויס דער שטראָף פון דעם איז. עס זיינען דאָ נאָך אופנים שבועה וועלכע ווערן ערקלערט אין פּרשת קדושים. בעונותינו הרבים, איז דער עולם ניט געהיט. צ. ב. איינער האָט אַ האַרץ אויף דעם צווייטן זאָגט ער ג־ט זאָל אים שטראָפן. אָדער איינער וויל דעם צווייטען וואָס איינרעדן, צום ביישפּיל, דער פאַרקויפער וויל אויסווייזן דעם אמת וויפיל עס קאָסט אים זעלבסט, שווערט ער ביי ג־ט׳ס נאָמען, אָדער ער זאָגט צו א גוי אויף וועלכער שפּראַך עס איז, די ווערט, „ווי איך ליב ג־ט איך זאָג ריכטיג". איז דאָך אויסער וואָס ער ווערט נכשל, איז דאָס א איסור פון דערמאָנען ג־ט׳ס נאָמען, וואָס איז זייער האַרב, איז ער נאָך עובר אויף א פאַלשע שבועה, וואָרום דאָס מערהייט איז ניט אמת וואָס ער זאָגט אים וויפיל אים קאָסט. אָדער ווי אנדערע טפּשים שווערן אזוי ווי דער בורא איז אמת אזוי איז דאָס אמת, איז דאָס א עון פלילי צוגלייכן די אמת׳קייט פון בורא צו די אמת׳קייט פון וועלט באַשאַפענע זאכן.

אויך זאָל מען זען צו זיין אָפּגעהיט פון די שבועות וועלכע עס איז דער דרך ביי אנדערע מענשן צו שווערן אויף וואָס עס איז, צום ביישפּיל, מען שווערט על אמונתי, ווי איך בין א איד. אָדער מען שווערט ביים לעבן, ביים געזונד. איבערהויפּט דאַרף מען אכ־טונג געבן דאָס די קינדער זאָלן זיך ניט איינגעוואוינען פון קינד־הייט אָן צו שווערן און דערמאָנען ג־ט׳ס נאָמען אומזיסט.

אז מען מאַכט א ברכה זאָל די ברכה זיין בכוונה, פאַרשטיין

וואָס מען רעדט. מען טאָר ניט ארויסזאָגן דעם שם אָן כוונה, אָן מורא. אז מען מאכט חלילה א ברכה לבטלה זאָל מען באַלד זאָגן „ברוך שם כבוד מלכותו לעולם ועד". אז מען דערמאָנט זיך ביים זאָגן ברוך אתה ה', זאָל מען ענדיקן למדני חוקיך. אויב מען דער־מאָנט זיך אינמיטן וואָרט אלקינו, זאָל מען ענדיקן ישראל אבינו מעולם ועד עולם, דאן הייסט עס געזאָגט פסוקים און ניט קיין שם שמים לבטלה ח"ו.

בכלל דאַרף מען זיך היטן ריידנדיק ניט צו דערמאָנען ג־ט'ס נאָמען, ווי דער דרך איז צו זאָגן, אַך ג־ט! אָדער, אוי ג־ט! ג־ט זאָל היטן איך וויל דאָס ניט טאָן און דאָס גלייכן. דאָס זעלבע דאַרף מען פאָרזיכטיג זיין אויף אַלע שפּראַכן. מען דאַרף זיך היטן ניט צו שרייבען אין אַ בריף דאָס וואָרט ג־ט אין קיין שפּראַך. צ. ב. דער וואָרט אַדיע הייסט אין פראַנצויזישער שפּראַך מיט ג־ט, וואָרום נאָכהער וואַלגערט זיך די בריף אין שמוציגע ערטער. ווען מען איז נאָר איינגעוואָינט צו דערמאָנען שם שמים לבטלה ח"ו, ווערט מען געשטראָפט מיט אָרימקייט רח"ל, איז דאָך געווים דער עונש זייער גרויס, עס זאָל זיך וואַלגערן בבזיון ח"ו שם שמים. אַלזאָ דאַרף מען אין דעם שטאַרק פאָרזיכטיג זיין.

די גמרא זאָגט: עס איז געוועזן איינגעפירט אין אידישע שטרי חובות צו דערמאָנען שם שמים, אין דעם טאָג וואָס דאָס איז בטל געוואָרן האָט מען געמאַכט א יום טוב, ווייל ווי מען באַצאָלט צורייסט מען דאָך דעם שטר חוב, קען אויסקומען עס זאָל זיך וואַל־גערן דער פּאַפּיר אין מיסט, איז מען דאָך חלילה מבזה שם שמים.

בכלל דאַרף יעדער פאָרזיכטיג זיין און פאַרזאָגן די בני בית צו היטן ניט צו פאַרוואַרפן קיין בלעטער פון ספרים, אָדער געדרוק־טע זאַכן אויף וועלכע עס איז דערמאָנט שם שמים, אָדער אנדערע הייליגע ווערטער, צ. ב. ווי עס זיינען ארום די נייע לוחות, אלע טאָג אַראָפּצורייסן א בלעטל, וועלכע דאָרט ווערט דערמאָנט די פּר־שיות פון דער תורה מיט די מנהגים פון א גאַנץ יאָר און נעמען פון אונזערע הייליגע חכמים, זאָל מען זיין פאָזיכטיג יעדן טאָג ווי מען רייסט אָפּ די בלעטל ניט אוועקצוואַרפן בבזיון. דאָס גלייכן געשריבענע אידישע פּאַפּירן, דאַרף מען אויך היטן עס זאָל זיך ניט וואַלגערן בבזיון, ווייל דאָרט איז א סך מאָל דערמאָנט פסוקים און דברי תורה.

זכור את יום השבת לקדשו וגו'.

די מצות עשה איז צו דערמאָנען די היילקייט פון שבת, דאָס הייסט אָנפאַנגען דעם שבת מיט קידוש און באַגלייטן דעם שבת מיט הבדלה. דער נוסח פון קידוש והבדלה איז ידוע צום כלל ישראל.

דער רמב"ן זאָגט, אין דעם כלל איז דאָס וואָס מיר זאָגן אַלע טאָג היום יום ראשון בשבת, און אזוי ווייטער, די גאַנצע וואָך. דער טעם איז בכדי אַלע טאָג זאָל מען געדענקען דעם שבת. סוחרים זאָלן ניט אָנציען דעם געשעפט עס זאָל דורך דעם ארויסקומען חלול שבת, בעלי עגלות זאָלן אויסרעכענען די נסיעה עס זאָל ניט קומען צו חלול שבת.

קידוש והבדלה דאַרף זיין אויף וויין. אויב עס איז שווער צו טרינקען וויין צוליב א קראַנקייט, קען מען מאַכן קידוש אויף חלה, און הבדלה קען מען מאַכן אויף אַנדערע משקאות אויך. דער כוס דאַרף האַלטן א רביעית און מען דאַרף אויסטרינקען לכל הפחות א רוב כוס. מען דאַרף אָנגיסן א פולן כוס. דער כוס דאַרף זיין ניט געשפּאָלטן.

אויך איז מען מחויב שבת פרי צו מאַכן קידוש, דאָס הייסט מאַכן א ברכה אויף א כוס וויין. קידוש דאַרף זיין במקום סעודה, דאָס הייסט מען דאַרף גיין עסן. אז מען בייסט צו א כזית פון מזונות איז מען אויך יוצא. פאַר קידוש און הבדלה טאָר מען ניט טועם זיין.

מען איז מחויב צו עסן 3 סעודות אום שבת. איין סעודה ביינאַכט און 2 בייטאָג. ביי יעדער סעודה דאַרף זיין לחם משנה, דאָס הייסט 2 חלות. די חלה דאַרף מען צושניידן נאָכן המוציא מאַכן, ווייל בשעת מען מאַכט המוציא דאַרף זיין די חלה גאַנץ.

מען איז יוצא מיט קדוש והבדלה פון א צווייטן אויך, נאָר ניט פון א קטן. יוצא זיין מיט לחם משנה פון א צווייטן דאַרף מען זיין א געוואַשענער, און ער זאָל יוצא זיין מיט דער ברכה פון המוציא אויך. דאָס איז א כלל אין אַלע ברכות מיט וועלכע מען וויל יוצא זיין פון א צווייטן, צ. ב. תקיעת שופר, מגילה און אַנדערע ברכות, דאַרף מען נאָר ענטפערן אמן אָבער ניט ברוך הוא וברוך שמו, ווייל דער ענטפערן ב"ה וב"ש הייסט א הפסק אין דער ברכה.

נשים זיינען אויך מחויב אין קידוש און הערן הבדלה און אין אלע דינים פון שבת. דערום זאָל יעדער בעל הבית אין זינען האָבן מוציא זיין די נשים מיט קידוש און לחם משנה און הבדלה, און זיי זאָלן האָבן א כונה יוצא צו זיין. דערום פאר קידוש והבדלה זאָלן צוזאַמענקומען אלע בני בית צום טיש.

פרויען וועלכע זיינען שבת אָן מענער, זאָלן אליין מאַכן קידוש והבדלה, אָדער זיי זאָלן הערן פון א צווייטן. זיי קענען זיך אויך מוציא זיין איינע די אנדערע, אָבער זיי זיינען ניט יוצא מיט קידוש פון א קטן (דאָס איז א קינד פאר 13 יאָר), ווייל א קטן קען ניט מוציא זיין.

מען איז מחויב ארומוואשן זיך און בייטן די קליידער, דאָס הייסט כבוד שבת. חסידים זיינען נזהר צו גיין ערב שבת אין מקוה.

דער עסן און טרינקען שבת הייסט עונג שבת.

אויך איז מען מחויב פראַוון די סעודה פון מלוה מלכה מוצאי שבת. מקובלים מאַכן א גרויסן פירוש פון דער סעודה, דען דער מענטש נאָך זיין טויט, ווען עס ווערט פון קערפּער אַש, בלייבט א קליין ביינדל אין רוקן מיט דעם נאָמען לוז, דער ביינדל בלייבט גאַנץ, און פון דעם ביינדל פאַנגט זיך אָן די תחיה פון קערפּער בעת תחית המתים. דער ביינדל האָט זיין חיות פון סעודת מלוה מלכה.

ערב שבת איז א מצוה יעדע ווירטין פון הויז זאָל באַקן חלה, עס זאָל האַלטן א שיעור חלה, דאָס הייסט, מעל די מאָס פון 3 רוסישע קוואַרט.

ערב שבת טאָר מען ניט אַרויספאָרן, סיידן אז מען איז אוים-גערעכנט צו קומען באַצייטנס וואו מען באַדאַרף. בעלי עגלות אין וועג זאָלן באַצייטנס ארויספאָרן פון אָרט כדי פריער צו קומען, זיי זאָלן חלילה ניט קומען צו חלול שבת.

עס איז א מצוה יעדער איד זאָל טאָן ארבייט לכבוד שבת, ווי מיר געפינען ביי די חכמי התלמוד, אַנדערע פלעגן מאַכן פיש, אַנדערע פלעגן האַקן האָלץ לכבוד שבת. בפרט ווינטער אין די קליינע טעג דאַרף מען געוויס צוהעלפן אין הויז, עס זאָל ניט קומען צו חלול שבת. דער רעכט איז מען זאָל אָננעמען דעם שבת 5 פערטל

שעה פאר דער שקיעה, נאר ניט ווינציגער ווי א האלבע שעה פאר דער שקיעה, מוז מען צומאכן די ביזנעס און אפגיין אין מארק, בעלי מלאכות פון זייער ארבייט, בעלי עגלות מיט זייערע פורן.

די צייט פון ליכט צינדן איז 15 מינוט פאר דער שקיעה, והמחמיר און צינט פריע תבוא עליו ברכה.

שבת און יום כפור צינדט מען פריער די ליכט און מען מאכט צו די אויגן, דערנאך מאכט מען די ברכה. ווייל ווי מען מאכט די ברכה פון ליכט צינדן האט מען דאך שוין מקבל שבת געווען, טאר מען שוין מער ניט אנצינדן קיין פייער. אבער יום טוב מאכט מען פריער די ברכה (און מען מאכט ניט צו די אויגן) דערנאך צינדט מען אן די ליכט. ווי עס איז דער כלל: ביי אלע זאכן מאכט מען פריער די ברכה נאכהער טוט מען די זאך.

וויבאלד מען בענשט ליכט הייסט שוין שבת אין הויז, דארף מען פארזיכטיג זיין ניט צו טאן קיין מלאכה, דהיינו ניט רויכערן, ניט שרייבן, ניט פוצן די שיך, א. ד. ג.

די פרויען קלייבן זיך צו געוויינליך פאר ליכט בענשן. נאר אויב עס איז שוין שפעט, זאל זי פריער בענשן ליכט, דערנאך אנ־טאן די בגדי שבת.

ווען דער מאן זעט אז עס איז שוין שפעט און די פרוי איז נאך ניטא אין דערהיים אדער זי היילט זיך ניט, זאל ער זעלבסט בענשן ליכט. מענער אן פרויען, אדער אויב די פרויען זיינען ניט אין הויז, אדער זיי זיינען אין דער פרעמד און האבן א באזונדער צימער, דארפן זיי אליין ליכט בענשן.

אויף דעם טיש פון עסן דארפן ברענען ניט ווייניגער ווי 2 ליכט. די ליכט זאלן זיין גרוים ווייניגסטנס עס זאל גענוג זיין ביז איבער דעם עסן.

ביי ליכט בענטשן אז מען בעט אויף קינדער און מען דער־ציט זיי אין אידישן וועג ווערט מען געהאלפן.

פרייטאג פאר נאכט דארף מען זיך ארומטאפן די קעשענעס פיליכט ליגט ביי זיך עטוואס, אדער עס שטעקט א נאדל. אפילו

וואו מען מעג טראָגן דאַרף מען זיך אויך ארומטאַפּן, פּילייכט געפינט זיך אָדער עס שטעקט אין בגד א מוקצה זאַך.

ערב שבת דאַרף מען מעביר זיין די סדרה.

עס איז א חוב אויף יעדער ווירטין אָנצוגרייטן באַצייטנס וואָס מען האָט נויטיג אויף שבת, עס זאָל ניט ארויסקומען קיין מכשול ח"ו. אמת מען דאַרף ערליך האַלטן דעם שבת אין עסן און טרינקען, מען קוקט אָבער גאָר ניט, צי פּרי צי שפּעט ביז עס קומט אוים אז מען קויפט אום שבת מיט געלט אין די בעקעריי און אין די וויין האַנדלונג.

ווי איז צו די לייט וואָס טוען זאַכן אָן געדאַנק. מען וויל ערליך האַלטן דעם שבת, לסוף איז מען גאָר מחלל ח"ו דעם שבת. דער פאַרקויפער אום שבת, ער ווערט זיך געוויס ניט רייניגן פון זיין זינד ביז ער וועט אוועקוואַרפן, דען ער טראָגט דאָך אַן עבירה פון יעדער זאַך באַזונדער וועז נאָר ער פאַרקויפט. ווידער איז זיין עבירה גרעסער ווי די גמרא זאָגט, „לאו עכברא גנב אלא חורא גנב". דאָס הייסט, ניט דער שרץ איז דער גנב, נאָר די לאָך איז דער גנב. ווען עס וואָלט ניט זיין די לאָך, וואָלט דער שרץ ניט האָבן וואו צו באהלאַטן, ממילא וואָלט ער ניט נעמען. דאָס זעלבע, ווען דער פאַרקויפער וואָלט ניט געבן אום שבת, וואָלטן די קויפערס ניט האָבן וואו צו קויפן.

דער רעכט איז עס זאָל זיין אין יעדער שטאָט א חברה וועלכע זאָל אויפזעהן אויפן מארק, אויף די ביזנעס, אויף בעלי מלאכות זיי זאָלן אָננעמען באַצייטנס שבת. פּור-לייט זאָלן אַראָפּ באַצייטנס פון מארק, אַכטונג צו געבן מען זאָל באַצייטנס ארוים פון מרחץ, באַצייטנס פאַררוקן דעם טשאָלנד, און אלעם וואָס איז נוגע צו שבת. דער כלל איז אַז מען זאָל אָננעמען באַצייטנס דעם שבת, ווי עס איז ב"ה דאָ אין פילע שטעט חברה מזהירי שבת, צ. ב. אין ירושלים עיר הקודש, און נאָך שטעט אין ארץ ישראל. זייער שכר איז זייער גרוים און זיינען זוכה צו האָבן קינדער תלמידי חכמים (הזהיר בנר הו"ל בנים תלמידי חכמים, המזהיר על זה לא כל שכן).

לא תעשה כל מלאכה אתה ובנך ובתך
עבדך ואמתך ובהמתך וגו'.

די מצות לא תעשה איז, מען טאָר ניט טאָן שבת קיין שום ארבייט. אויך ניט לאָזן טאָן די וועלכע זיינען אונטער זיין שוץ, היינו קליינע קינדער, אָדער א קריסט, און ניט לאָזן ארבייטן די פיה, ניט ביי זיך און ניט ביי קיין צווייטן, אפילו ביי א קריסט אויך ניט. דער כלל איז: עס מוזן אלע רוען אין דעם מעת לעת פון שבת, דאָס הייסט דעם גאנצן שבת, מיט אייניגע מינוט פאר דעם שבת אָנקומען, ביז אייניגע מינוט נאָך דעם אויסגאַנג פון שבת (ווייל מען איז מחויב מן התורה מוסיף זיי צייט אויף דעם טאָג פון שבת אייניגע מינוטן פון די וואָכן טעג) דער כלל איז: פון דער צייט פון ליכט בענטשן ביז שבת צונאַכט אייניגע מינוטן נאָך דעם דער־זען די שטערן, ד"ה, ביז נאָך מעריב, הייסט עס שבת. דערום דאַרף מען זיין שטאַרק געהיט ניט צו איילן שבת צונאַכט, ווי דער דרך העולם איז, ווי עס ווערט פינצטער איילט מען דעם דאַוונען מעריב. לוינט עס דען איבער א קורצע ווײַלע אריינברייינגען זיך אין א ספק סקילה רח"ל.

די חכמים ווייזן אויף פון דער תורה, דאָס די מלאכות וועל־כע זיינען באַנוצט געוואָרן אין משכן (אין דעם אָרט פון בית המק־דש וואָס אידן האָבן מיטגעפירט מיט זיך אין מדבר), און ענליכע צו זיי, אויף די מלאכות איז מען חייב אום שבת. די מלאכות זיי־נען איינגעטיילט אין 39 כללים, יעדער כלל איז פארטיילט אין 2 אָפּטיילונגען: 1) חייב מיתה, 2) פטור אבל אסור.

חייב מיתה הייסט, אויב מען טוט איינע פון זיי במזיד בייז־וויליג און מיט התראה (התראה הייסט אז עדות זאָגן אָן דעם פארברעכער אָדער פארברעכערין זיי זאָלן דאָס ניט טאָן און אויב זיי וועלן יאָ טאָן וועט מען טאָן זייער פסק, און זיי באַשטייען אויף דעם און טוען די עבירה קומט דערויף סקילה (ד. ה. אין דער צייט פון בית המקדש האָט מען פארשטיינט), אויב אָן התראה קומט כרת, אויב בשוגג, דאַרף מען ברייגנען א חטאת.

פטור אבל אסור הייסט, אַנדערע איבעריגע מלאכות וועלכע

עס איז נאָר אסור צו טאָן אום שבת, אָבער קיין חיוב איז פאַר די מלאכות ניטאָ.

דאָס איז א כלל וואו מיר ברייגגען דאָ ביי די **39 מלאכות** דעם לשון חייב, מיינט מען: במזיד — כרת, און בשוגג — א חטאת. דארום האָבן מיר ניט נוטיג צו שטעלן ביי יעדער כלל פון די ל"ט כללים דאָס אויבן דערמאָנטע.

כלל א. החורש (אקערן)

פאַר עטוואָס אקרען אָדער גראָבן, פאַר פארשיטן א גרוב, אָדער ארבייטן אין א גאָרטן, און נאָך אויף אזא אַרט מלאכה וואָס מען טוט אין דער ערד, אָדער אין א זאַך וואָס איז באַהעפט מיט דער ערד, וואָס דורך דער מלאכה ווערט די ערד פאַרבעסערט, איז מען חייב מיתה במזיד או בשוגג א חטאת.. פאַר ארויפטרייבן שאָף אויף א פעלד אויסצומיסטיקן, צ. ב. ווי דער דרך פון די קאָלאָניעס איז, איז מען חייב.

כלל ב. זורע (זייען)

פאַר עטוואָס זייען, אָדער פלאַנצן אין דער ערד, אָדער אפילו אין א כלי מיט ערד, און נאָך אין אזא ארט מלאכה וועלכע דורך דעם ווערט פאַרבעסערט צום וואקסן, צ. ב. באגיסן שפּראָצונג, אָדער אַראָפּשטעלן א וואָזאָן אויף דער ערד און דאָס גלייכן, איז מען חייב.

וואָשן די הענט אויף שפּראָצונג, אָדער אויף א וואָזאָן, אָדער ארויסטאָרגן די וואָזאָן אונטער דעם רעגן, טאָר מען אויך ניט, אפילו האַלטן די וואָזאָן אין האַנט איז מוקצה. מען טאָר ניט אַריינשטעלן קיין בלומען אין א כלי וואסער, מען דאַרף אכטונג געבן אויף די קינעדר זיי זאָלן דאָס ניט טאָן.

כלל ג. הקוצר (שניידן)

פאַר שניידן, אָדער רייסן, אָדער אַראָפּרייסן פון געוויקס וואָס איז באַהעפט צו דער ערד, פון בוימער, פון וואָזאָנען, אָדער אַראָפּנמען א וואָזאָן פון דער ערד, איז מען חייב.

מען טאָר ניט ארויסנעמען קיין האָניג פון בינשטאָק.

מען טאָר ניט קריכן אויף א בוים אום שבת. אָפּגעריסענע פרוכט וועלכע עס געפינט זיך שבת אין די גערטנער, אין די סעדער טאָר מען שבת ניט עסן און אפילו ניט רירן זיי, ווייל עס קען זיין דאָס זיי זיינען אום שבת אראָפּגעפאַלן הייסט עס מוקצה.

כלל ד. מעמר (גארבן שטעלן)

פאר צוזאַמעקלייבן אין איין אָרט גארבן אָדער זאַנגען, דאָס גלייכן פרוכט אין גאָרטן, אָדער האָלץ אין וואלד, און נאָך אזעלכע מלאכות, איז מען חייב.

די גערטנער, די סאַדאָווניקעס, דארפן זיך היטן ניט צוזאמענעמען שבת קיין פרוכט אין איין אָרט, אפילו די פרוכטן וועלכע זיינען אראָפּגעפאַלן פאר שבת, — וואָס איז ניט מוקצה, — דאָס גייט אויך אונטער דעם חיוב פון מעמר.

כלל ה. דש (דרעשן).

פאר ווינדשויפלען תבואה איז מען חייב. יעדער זאַך וואָס דער ווינט צוטראָגט דאָס, איז אין כלל פון זורה. דארום מוז מען פאָרזיכטיג זיין ניט צו שיטן געגן ווינט קיין זאַך וועלכע דער ווינט טראָגט, אָדער גיסן פון טיר און פענצטער.

כלל ז. בורר (אויסקלייבן).

דער חיוב פון בורר איז אויסקלייבן 2 מינים עסנווארג איינע פון די אנדערע, אָדער אין זעלבן מין פסולת (שמוץ, אָפּפאַל) מיט עסן, ניט מיטן האַנט ניט מיט א כלי. די פרטים זיינען מבואר אין שולחן ערוך הלכות שבת.

דער כלל איז, אַנדערש טאָר מען ניט אויסקלייבן סיידן אויף די 4 אופנים: א) דוקא אז דער עסן איז מער פאר די פסולת, ב) דוקא דעם עסן פון די פסולת, צ. ב. אָפּגעקאָכטע ארבעס מעג מען

קלייבן די גוטע פון די ווערימדיקע, אָבער ניט פאַרקערט, ג) דוקא באַלד צום עסן און ניט מער וויפיל מען דאַרף צו דעם עסן, ד) דוקא מיטן האַנט און ניט מיט קיין כלי.

צוויי מינים עסנוואַרג וועלכע ליגן אין איין כלי, צ. ב. רינד פלייש מיט עוף, אָדער אפילו איין מין, צום ביישפיל, פון פיש שלייען מיט העכט, אָדער געפילטע מיט ניט געפילטע, קען מען נאָר ארויסנעמען די וועלכע עס פאַדערט זיך באַלד צום עסן, אָבער ניט פון די וועלכע עס פאַדערט זיך ניט באַלד צום עסן. צום ביישפיל, עס ליגט העכט מיט שלייען אין איין כלי, אָדער מען קאָכט אַפּ פרייטאָג פלייש מיט עוף און עס ליגט אין איין כלי, און דאָס דאַרף זיין אויף ביינאַכט און אויף אינדערפרי אָדער אויף שלש סעודות, מעג מען ביינאַכט ארויסנעמען נאָר די וועלכע עס פאַדערט ביינאַכט צום עסן און די איבעריקע זאָל בלייבן אין דער כלי, אָבער ארויסנעמען און אָפּלייגן די וואָס פאַדערט זיך אויף אינדערפרי אָדער אויף שלש סעודות, און די לאָזן אין כלי, ווייל די זאַך וואָס מען באַדאַרף באַלד צום עסן הייסט אוכל (עסנוואַרג) און וועלכע מען באַדאַרף ניט באַלד צום עסן הייסט פסולת (אָפּפאַל).

עס איז א כלל, דער איסור פון בורר איז ניט נאָר דוקא ביי עסנוואַרג, נאָר ביי אַלע זאַכן וועלכע מען דאַרף ניט איז פאַרמישט צווישן וועלכע מען באַדאַרף, צ. ב. בגדים, זאָל מען שבת אימער אַרויסנעמען די זאַך וועלכע מען דאַרף פון דער זאַך וועלכע מען דאַרף נישט, אָבער ניט פאַרקערט.

מען טאָר ניט אריינשיטן קיין תבואה אין וואַסער עס זאָל אַרויפשווימען די אָפּפאַל, אָדער עס זאָל אַראָפּ די אָפּפאַל אונטן און דער עסן אויבן.

מען טאָר ניט אָפּשיילן קיין מין פרוכט סיידן באַלד צום עסן אָבער ניט צו לאָזן אויף שפּעטער.

מען טאָר ניט איבערזייען קיין שום געטראַנק.

מען טאָר ניט אַראָפּנעמען פון אויבן קיין פעטע סיידן מיט עטוואָס זופּ. אז עס פאַלט אריין א פליג אָדער אַן אנדער שמוץ אין עסן אָדער אין א געטראַנק, טאָר מען ניט אַרויסנעמען סיידן מיט עטוואָס פון דער זאַך.

אראָפּנעמען סמעטענע פון זויערמילך מעג מען נאָר צום עסן דעם שבת, און עטוואָס סמעטענע לאָזן אויף די זויערמילך.

מען טאָר ניט טאָן קיין מיטל אום שבת עס זאָל זיך פאַר־זייערן מילך, צום ביישפּיל, שטעלן אין דער וואַרעם אָדער אַן אַנדער מיטל.

פּעטשאַ וואָס ווערט געמאַכט פון פיסנאָגעס, וואָס מען ריכט צו אינדערפרי אויף שלש סעודות, קען מען נכשל ווערן אין אַ סך איסורים, דאַרף מען וויסן ווי דאָס צורעכט מאַכן נאָך דעם דין נאָך, דהיינו די ציבעלע אָדער די קנאָבל וואָס מען ברעקלט אַריין זאָל מען ניט אָפּשיילן, דען מען איז חייב איבער בורר אויב מען שיילט, מען זאָל ניט צושניידן גאַנץ דין, ווייל מען איז חייב איבער טוחן (מאָלן), אויב די יויך איז רעכט וואַרעם טאָר מען ניט אַריינברעקלען קיין ציבעלע אָדער קנאָבל, אָדער אַריינשלאָגן אַ רויע איי, ווייל עס קאָכט זיך אוים אין די יויך איז מען עובר משום מבשל בשבת. דאָס טאָר מען ניט אפילו אין די פּעטשאַ וועלכע מען עסט אין דער־פרי אויב די יויך איז רעכט וואַרעם.

כלל ח. טוחן (מאָלן).

פאַר מאָלן אָדער שטויסן די זאַך וועלכע דער שטייגער איז צו מאָלן אָדער צו שטויסן איז מען חייב.

מען מעג שבת צו שטויסן פעפער, זאַלץ, צוקער א. ד. ג., נאָר מיט אַ הענטל פון אַ מעסער אָדער פון אַ לעפל, ד. ה. מיט אַ שינוי (פאַרענדערט פון אינדערוואָכן), און ניט מער וויפיל מען בעדאַרף באַלד צום עסן.

פאַר שניידן אָדער צו רייבן פרוכט אויף גאַנץ דין וועלכע די פרוכט פאַדערט זיך ניט באַלד צום עסן, איז מען חייב. דער דרך איז צו מאַכן ציבעלעס צום עסן שבת טאָר מען אַנדערש ניט מאַכן נאָר אויף באַלד צום עסן ביי דער סעודה, און צו שניידן אויף גאַנץ דין.

מען טאָר ניט אָפּרייבן קיין בלאָטע פון אַ בגד אום שבת.

כלל ט. מרקד (זיפן).

פאר זיפן אום שבת איז מען חייב.

כלל י. לש (קנעטן).

פאר קנעטן די זאך וואס גייט דערביי אן קנעטן איז מען חייב. פאר פארמישן קלייען איז מען חייב, אפילו ארויפגיסן וואסער און ניט אויסמישן טאר מען אויך ניט. פאר צורעכט מאכן זענעפט איז מען חייב. אז מען האט פארגעסן ארייגיסן עסיג אדער ראסל אין כריין ערב שבת, טאר מען ניט ארויפגיסן אום שבת נאר מיט א שינוי, דהיינו ארייגלייגן די כריין אין די עסיג אדער אין די ראסל מעג מען, אבער מען טאר ניט אויסמישן מיט קיין לעפל ווי דער דרך איז.

כלל יא. אופה, צולה ומבשל (באקן, בראטן און קאכן).

פאר באקן, בראטן אדער קאכן די זאך אפילו וועלכע מען קען עסן רויערהייט, איז מען חייב. פאר פארבריען טיי אדער ארייגלייגן אין ווארימע וואסער א רויע איי אדער אויסמישן א טאפ ווען ער שטייט אויפן פייער איז מען חייב.

דארום ווען א קריסט קאכט פאר א חולה אן א סכנה, דארף מען זיך היטן ניט אויסמישן דעם טאפ.

פאר קאכן א זאך וועלכע עס שטייט ניט צום עסן, דהיינו אפ־טייקערסקע זאכן, איז מען חייב.

פאר ארייגלייגן פייכטע האלץ אין אויוון עס זאל אפטריפן די וואסער, איז מען חייב.

מען טאר ניט ארייגשיטן קיין זאלץ, קיין פעפער, אדער ארייגבראקן א ציבעלע אדער געבעקס אין טאפ וואס דאס הייסט א כלי ראשון (די ערשטע כלי), אויך ניט ארייגבראקן אין שיסל וואס דאס הייסט כלי שני („די צווייטע כלי) און ארויפגיסן פון טאפ, ווייל דאס איז ווי געקאכט. אפילו ווען די זופ איז שוין אריינ־

געגאָסן אין שיסל פון טאָפּ טאָר מען אויך ניט ארייגברעקלען קיין ציבעלע, אָדער ארייגשיטן זאַלץ.

קאַלטע עסן אָדער געטראַנק טאָר מען ניט ארייגשטעלן וואַרימען אפילו בכדי עס זאָל נאָר אפגיין די קעלט טאָר מען אויך ניט. נאָר ווינטער אויב פאַר דעם הייצן איז געשטאַנען אין קאַכלע טיי אָדער זופּ איז מותר. אפילו דער קריסט האָט ארייגעשטעלט פאַר דעם הייצן די קאַלטע טיי אָדער די זופּ איז אויך מותר.

מען דאַרף פאָרזיכטיג זיין צו פאַרבריען טיי פאַר שבת, דען עס קען טרעפן פון פיל ארבייט פאַרגעסט מען צו פאַרבריען טיי פרייטאָג, פאַרבריט מען אום שבת, איז דאָך דאָס א ריכטיגער מבשל וואָס מען איז מחויב אויף דעם כרת, רח״ל.

מען דאַרף באַצייטנס פאַררוקן דעם טשאָלינד און פאַרשמירן, ניט ווי אנדערע מיינען אז עס איז רעכט ניט צו פאַרשמירן. מען טאָר ניט עפענען פרייטאָג צו נאַכט דעם אויוון וואו עס שטייט דער טשאָלנד.

די גיקעכץ וואָס מען קאָכט, דאַרף מען ארויסנעמען די טעפּ פון די לעכער פאַר ליכט בענטשן און ארויפשטעלן אין מיט די געז רענטש.

דאָס זיינען די 11 כללים וועלכע געהערן צו שפייז, עס זיינען דאָ נאָך פיל אזעלכע מלאכות וואָס מען איז חייב אויף זיי כרת רח״ל, ווי עס איז מבואר אין פוסקים.

כלל יב. הגוזז (שערן).

פאַר שערן האָר אָדער וואָל פון לעבעדיגע בהמות אָדער חיות, איז מען חייב. פאַר שערן אָדער רייסן האָר (ושער אחת חייב משום ח״ש), וואָל פון א טויטע בהמה אָדער א חיה, אפילו ווען די פעל איז אָפּגעשונדן איז מען אויך חייב. פאַר ארויסרייסן פעדערן פון אן עוף איז מען אויך חייב. פאַר אָפּשניידן האָר זיך אָדער א צווייטן איז מען חייב.

מען טאָר ניט קעמען זיך אדער א צווייטן. אפילו האַלטן די

קאם אליין איז אויך מוקצה. נאָר מיט א ווייכר האָר-בערשטל, וועל־
כע איז מיוחד אויף שבת איז דאָ א היתר.

כלל יג. מלבן (וואשן).

פאר וואשן אָדער פרעסן, אָדער נאָך א מין ארבייט וואָס פאָדערט זיך צו דעם איז מען חייב.

אז א קינד איז משתין אויף א בגד, טאָר מען ניט באַגיסן מיט וואַסער אום שבת. א פארנעצטן בגד טאָר מען ניט אויסשפרייטן, אפילו ניט שטעלן זיך מיט אים ביים אויוון.

מען טאָר ניט אָפטרייסלען קיין בגד פון שניי, אָדער רעגן און שטויב.

ווען עס פארגיסט זיך וואסער אויף א טיש א. ד. ג. טאָר מען ניט אָפווישן מיט א פאַטשיילע אָדער מיט א טישטוך, ווייל טאָמער וועט מען דאָס וועלן אויסדרייען, און דאָס טאָר מען דאָך ניט.

מען טאָר ניט אָפפוצן קיין בגד מיטן האַנט, און מיט א באַרשט איז דאָ א איסור מוקצה אויך.

כלל יד. המפיץ (בערשטן).

פאר בערשט אָדער קאַמען פלאַקס, וואָל, ראגאָזע איז מען חייב.

כלל טו. הצובע (פארבן).

פאר פאַרבן אָדער ווייסן איז מען חייב.

מען טאָר ניט פאַרבן אָדער פודירן אום שבת, ניט זיך ניט דעם צווייטן. מענער טאָרן דאָס אינדערוואָכן אויך ניט טאָן (משום לא ילבש וגו׳).

מען טאָר ניט אָפפאַרבן קיין משקה פון א קאָליר וועגן.

כלל טז. הטוה (שפינען).

פאר שפינען, אָדער שטריק-דרייען, אָדער דרייען פעדים, אָ־דער מאַכן פילטש, איז מען חייב.

עס טרעפט זיך אמאָל אין א ציצה לאָזן זיך פאנאנדער די פעדים, זאָל מען זיך היטן ניט צונויף דרייען די פעדים, עס קען נאָך קומען דורכדעם צו נאָך א מלאכה, מיט דעם וואָס מען מאַכט א קניפּלביים ברעג ציצה, איז מען נאָך חייב איבער קושר, ווי ווייטער איז ערקלערט.

כלל יז. המסיך (אָנציען די קעטע).

כלל יח. העושה ב' בתי נירין (דורכציען 2 פעדים דורך די ליצן).

כלל יט. האורג (וועבן).

כלל כ. (אויסטעפּען פעדים פון די געוועבטע צייג).

די 4 כללים אין וועב ארבייט. דער כלל איז, יעדע ארבייט וועלכע הייסט וועבן אָדער פלעכטן, אלע סאָרטען פלעכטן, צ. ב. א נעץ, א זיפּ, אָדער פלעכטונג פון האָר, פון האָלץ, אָדער פאנאנ־דערנעמען געוועבטע אָדער געפלאָכטענע איז מען חייב.

מען טאָר ניט פארפלעכטן אָדער אָפּפלעכטן די האָר פון קאָפּ אָדער פון שייטל.

כלל כא. הקושר (בינדן).

פאר צוזאמענבינדן מיט א בונד וועלכער עס קען האלטן, צום ביישפיל, צונופבינדן צוויי ברעגן פון דער זאַך, אזוי ווי א ציצה, אָדער איין ברעג אפילו מיט א בונד ווי א קניפּל אויף א פאָדים איז מען חייב.

מען טאָר ניט אריינציען שנירלאך אין א נייעם קאָרסעט, אין נייע שיך, אָדער אין נייע גאָטקעס. אין גענוצטע — אויב מען קען לייכט אריינציען די בענדלאך מעג מען. מען טאָר די שנירלאך ניט פארקניפלען, נאָר פארשלייפן.

כלל כב. המתיר (אָפבינדן).

פאַר פאַנאַנדערנעמען א באַנד איז מען חייב.

כלל כג. התופר (נייען).

פאַר נייען אָדער שטעפּן איז מען חייב.

פאַר צוזאַמענציען א פאַנאַנדערגעלאָזענעם נאָט, אפילו מיט דעם זעלבן פאָדים, איז מען חייב.

פאַר צוזאַמענקלעפּן פּאַפּיר אָדער אנדערע זאַכן איז מען חייב.

כלל כד. קורע (רייסן).

פאַר רייסן, אָדער שניידן, אָדער פאַנאַנדערנעמען א צוזאַמענגעקלעפּטע זאַך, איז מען חייב.

מען טאָר ניט עפענען א קאָנווערט אום שבת.

דאָס זיינען די 13 כללים וועלכע געהערן צו די ארבייט אין א בגד. עס זיינען דאָ נאָך פיל אַזעלכע מלאכות וואָס מען איז חייב כרת אויף זיי, ווי עס איז מבואר אין פוסקים.

כלל כה. הצד (פאַנגען).

פאַר פאַנגען פיש, אָדער וואָס נאָר דער דרך איז צו פאַנגען, צום ביישפּיל, פויגל, חיות, איז מען חייב.

אז עס פליט אריין א פויגל, אָדער א פליג, אָדער עס גייט אריין א קאַץ וועלכע זיינען ניט געוואָינט צום הויז, טאָר מען ניט

צומאכן די טיר, אָדער די פענצטער זיי זאָלן געפאנגען ווערן. נאָר אין א קאַלטע צייט מעג מען, ווייל מען מיינט דאָך די קעלט זאָל ניט אריין.

אין הויז גופא טאָר מען אויך ניט כאַפּן קיין עוף, אָדער א קאַץ, אפילו ניט האַלטן אין האַנט, דען זיי זיינען מוקצה.

עופות וועלכע זיינען געוואוינט צום הויז און קומען אַלעמאָל צוריק, מעג מען היימן א קריסט ער זאָל זיי כאַפּן. אָבער אַזעלכע וואָס זיינען ניט לאַנג געקויפט, און זיינען ניט געוואוינט צום הויז, טאָר מען אפילו א קריסט אויך ניט הייסן כאַפּן.

מען טאָר ניט שטעלן א פּאַסטקע אום שבת צו כאַפּן שרצים. מען טאָר ניט כאַפּן קיין פליגן מיטן האַנט. מען טאָר ניט פארדעקן ניט מיטן האַנט, ניט מיט קיין זאַך צוזאַמענגעקליבענע פליגן אין איין אָרט. מען טאָר ניט שטעלן אום שבת קיין וועסערל פאַר פליגן.

כלל כו. השוחט (שלאַכטן).

פאַר שחט'ן, אָדער טויטן, פון די פרוכטבאַרע, פון די גרעס־טע באַשעפעניש, ביז דאָס קלענסטע, איז מען חייב.

דער רמב״ם שרייבט אויף הרג'נען א פלוי אום שבת איז מען חייב, ווי הרג'נען א בהמה.

פאַר ארויסנעמען לעבעדיקע פיש וועלכע ליגן אין וואַסער, אָדער אָפּצאַפּן די וואַסער פון זיי, איז מען חייב

אז מען שנייט זיך איין א פינגער טאָר מען ניט זויגן די בלוט.

כלל כז. המפשיט (שינדן).

פאַר אראָפּציען די פעל פון אַלע מיני ברואים איז מען חייב.

כלל כח. המעבד (אויסאַרבייטן).

פאַר די מלאכות וואָס פאָדערט צום אויסארבייטן א פעל, אָדער שמירן פעל און דאָס גלייכן, איז מען חייב.

מען טאָר ניט שמירן שבת קיין שוכוואַרג.

ביי עסנוואַרג גייט אויך אָן דער איסור פון מעבד, דערום אַלע מיני גרינסן וואָס דורך דעם וואָס זיי נעמען אריין דעם טעם פון זאַלץ ווערן זיי פאַרבעסערט, טאָר מען זיי ניט באַשיטן מיט זאַלץ, נאָר טונקען יעדער שטיקל אין די זאַלץ, און באַלד עסן. נאָר אויב עס איז צוגעריכט מיט פעטס צ. ב. ווי דער דרך איז מען מאַכט צורעכט רעטאַך, ציבעלע מיט שמאַלץ, איז מותר צו באַשיטן אויף זיי זאַלץ, ווייל די פעטס ציט אָפּ די קראַפט פון די זאַלץ. אָבער מען דאַרף פריער לייגן די שמאַלץ און נאַכהער די זאַלץ.

כלל כט. הממחק (גלאַט מאַכן).

פאַר גלאַט מאַכן א פעל, אָדער אַן אנדער זאַך, צום ביישפּיל, פוצן שוכוואַרג, אָדער שייערן כלים, איז מען חייב.

כלל ל. המשרטט (לעגירן).

פאַר גלייך מאַכן מיט אַ ליניע, אָדער מיט א שנור, אָדער מיט נאָגל, אויף פּאַפּיר, לעדער, האָלץ, גלאָז א. ד. ג. איז מען חייב.

כלל לא. המחתך (שניידן).

פאַר שניידן, רייסן, אָדער ברעכן, פּאַפּיר, האָלץ, גלאָז א. ד. ג. איז מען חייב.

מען טאָר ניט אויסשניצן אום שבת אפילו פון אַן עסנוואַרג צו פאַרשטאָפּן אַ פלאַש א. ד. ג.

כלל לב. הכותב (שרייבן).

פאַר שרייבן אויף אַלע אַרט בוכשטאַבן אָדער ציפערן איז מען חייב. פאַר אויסשניצן אָדער אויסגיסן בוכשטאַבן אָדער ציפערן איז מען חייב. פאַר צייכענען אָדער ריסעווען אויף א זאַך איז מען חייב.

דרוקן האַט דעם דין פון שרייבן (המדפים חייב משום כותב, המסדר האויתות משום בונה, והמגיה בסידור האותיות לתקן השי־בוש חייב משום בורר, סותר ומכה בפטיש, והסותר האותיות ממושבן לאחר שהדפים חייב משום סותר ובורר). דארום טאָר קיין ארבייט פון דרוק ניט געטאָן ווערן שבת און יום טוב.

מען דאַרף פאַרזיכטיג זיין שבת און יום טוב ניט צו מאַכן מיטן פינגער אויף דעם פענצטער, ווייל מען קען פארגעסן און אויס־שרייבן א אות.

כלל לג. המוחק (מעקן).

פאַר אָפּמעקן אום שבת געשריבענע, אָדער פאַר צייכנס, אָדער אָפּמעקן שמוץ פון פאַפּיר א. ד. ג. איז מען חייב.

מען טאָר ניט אַראָפּנעמען פאַרשפּריצטע חלב אָדער וואַקס פון אותיות.

מען טאָר ניט הייסן עפענען קיין בריף צו א קריסט נאָר געבן אָנצומערקן ער זאָל פאַרשטיין צו עפענען מעג מען.

כלל לד. הבונה (בויען).

פאַר בויען, אָדער מויערן, אפילו עטוואָס, איז מען חייב (או שעושה אהל טפח על טפח בגובה טפח). פאַר עטוואָס גראָבן אָדער פאַרשיטן אַ בנין איז מען חייב. פאַר עטוואָס האַקן אָדער עגבערן און נאָר א מין ארבייט וועלכע גיהערט צו בוי אַרבייט איז מען חייב.

פאַר ארויפזעצן א טיר, א פענצטער אויף זאַוויעסעם, אפילו די זעלבע טיר און פענצטער אויף די זעלבע זאַוויעסעם, איז מען חייב. די אַראָפּגענומענע טיר און פענצטער זיינען מוקצה.

פאַר מאַכן א זאַך וועלכע ווערט געאַרבייט אין א פאָרם, צ. ב. א ציגל, אָדער עסענוואַרג, למשל מאַכן א קעז, איז מען חייב.

פאַר צורעכט מאַכן א ווערקצייג איז מען חייב, צ. ב. אַ האַק אום שבת טאָר מען ניט נעמען, אָבער נעמען די האַק אויף

קנאַקן נים מעג מען, און בעת מען נעמט די האַק זעט מען אַז די האַק זיצט לויז אויף דער הענטל, טאָר מען ניט אַריינזעצן די הענטל, אָדער אַריינשלאָגן אַ פלעקל עס זאָל זיך האַלטן שטאַרקער. אויב מען טוט דאָס איז מען חייב.

א מעסער אָדער נאָר אַ זאַך וואָס שטעקט אין דער ערד טאָר מען אום שבת ניט אַרויסציען.

מען טאָר ניט אַריינזעצן קיין פוס אין אַ שטול אָדער אין אַ באַנק א. ד. ג. אפילו די זעלבע פוס אויך ניט. אויב מען טוט עס איז מען חייב.

מען טאָר ניט אָנציהען אום שבת פון דאָס ניי קיין גאַרדינען.

מען טאָר ניט עפענען קיין פאַרסאָל שירם) אום שבת, אפילו האַלטן דעם פאַרסאָל איז מוקצה.

מען טאָר ניט מאַכן שבת קיין מחיצה אפילו פון לײַלעכער, ווען עס פאָדער אים צו וואָס, צ. ב. ווען עס פאָדערט אים צו פאַר־שטעלן די פייער וואָס ברענט, אָדער אַן אַנדער זאַך צו פאַרשטעלן, טאָר מען ניט מאַכן אַ פאַרהאַנג פון אַ לײַלאַך אָדער שטעלן אַ פאַרוואַנ. מען טאָר ניט פאַרציען מיט אַ לײַלאַך קיין אָפענעם קאַסטן, קיין בעטל, קיין וויג, וועלכע איז געמאַכט אין אַרט פון אַ קאַסטן, אָדער נאָר אַן אָפענע כלי צו פאַרדעקן, צ. ב. לייגן אַ דעק אויף אַ פאַס, טאָר מען ניט.

כלל לה. הסותר (פאַנאַנדערנעמען).

פאַר אַלע זאַכן וואָס מען איז חייב איבער דעם איסור פון בונה (בויען), אויף די אַלע זאַכן אויב מען נעמט זיי פאַנאַנדער איז מען חייב משום סותר. דארום אויף עטוואָס פאַנאַנדערנעמען פון אַ מין גע־בוי אָדער אַן אַנדער זאַך, צ. ב. אַרויסנעמען טיר און פענצטער פון די זאַווייעסעס, אָדער אַ פוס פון אַ שטול, אָדער אַ הענטל פון אַ ווערק־צייג, א. ד. ג. איז מען חייב.

כלים וואָס זיינען צונויפגעשרויפט פון שטיקער, און דער דרך איז ניט צונויפשרויפן אָדער אָפשרויפן טאָר מען זיי שבת ניט צונויפשרויפן אָדער אָפשרויפן.

מען טאָר ניט ארויסציען א שופלאָד אָדער א טיש-קעסטל אינ־גאַנצן פון אָרט. אויב זיי זיינען ארויסגעצויגן אינגאַנצן טאָר מען זיי ניט אריינשעלן.

כלל לו. המבעיר (צינדן).

פאַר עטוואָס אָנצינדן פייער, אָדער רויכערן, איז מען חייב. פאַר מאַכן עטוואָס גרעסער דעם פייער פון א לאָמפּ, אָדער צו־גיסן נאַפט איז מען חייב. פאַר פאַנאַנדערשאַרן הייסע קוילן, אָדער עפענען די רינגען פון די פּליטעס, אָדער עפענען די טירל, אָדער עפענען דעם קוימען בעת עס הייצט זיך, אָדער בעת עס איז נאָך דאָ קוילן פייער, איז מען חייב.

מען דאַרף זיין פאָרזיכטיג פרייטאָג צו נאַכט זאָלן שטיין די טעפּ אָפּגערוקט ווייט פון די קוילן, בכדי ניט אָנצורירן די קוילן, ווי עס איז ערקלערט ביי מבשל.

כלל לז. מכבה (פאַרלעשן).

פאַר אויסלעשן פייער, אפילו קלענער מאַכן דעם פייער פון א לאָמפּ, אָדער אָפּגיסן נאַפט פון א לאָמפּ, איז מען חייב. פאַר צומאַכן די רינגען אויף די פּליטע, אָדער צומאַכן די טירל פון אויוון, אָדער צומאַכן דעם קוימען ווען עס איז דאָ קוילן פייער, איז מען חייב.

מען טאָר ניט גורם זיין צו פאַרלעשן פייער, צ. ב. עפענען א טיר אָדער א פענצטער געגן פייער.

ווען א קריסט שטעלט אָן א טיי-מאַשין (סאַמאָוואר), פאַר א חולה וועלכער איז אָן סכנה, דאַרף מען פאָרזיכטיג זיין, דאָס א קריסט אליין זאָל זיך באַשעפטיגן ביי דער טיי-מאַשין ביז ענדע אָפּטרינקען, ווען ניט קען מען לייכט דורכפאַלן אין איסורים פון כרת רח"ל. דען דער קאָכן די וואַסער, אָדער דער פאַרברִיען די טיי הייסט מבשל, געקאָכט אום שבת, די קוילן לייגן הייסט מבעיר, אָנצינדן אום שבת. דער ארויפשטעלן דעם טשייניק אויף דער טיי־מאַשין איז דערביי דאָ 2 איסורים: ערשטנס, די טיי קאָכט דאָך, צווייטנס, ווי מען שטעלט ארויף דעם טשייניק שטיקט עס צו דעם פייער, הייסט עס מכבה, פאַרלעשן. אפילו ארויפשטעלן אויף דער

רעשאָטקע טאָר מען אויך ניט. ווען מען נעמט אַראָפּ דעם טשייניק פון דער טיי־מאַשין הייסט עס מבעיר, עס ברענט אויף דעם פייער.

די אלע חיובים פון כרת קענען זיין ביי איין גלאָז טיי. פון דעם קען מען פארשטיין ווי גרוים עס איז דער איסור פון הייסן שטעלן א טיי־מאַשין פאַר געזונטע מענשן, דען אויסער וואָס מען טאָר ניט הייסן א קריסט, איז דאָך אונמעגליך מען זאָל זיך אויסהיטין פון חיוב כרת רח"ל, ווי מיר האָבן ארומגערעדט, אויסער וואָס עס קען צופאַלן צו דעם נאָך זייטיגע איסורים, מען פארגעסט און מען קאָכט אָפּ פאַר א קינד אָן איי אין א גלאָז וואסער, וואָס דאָס איז א חיוב מבשל. און ביי דעם יונגן דור קען דאָך דורכדעם בישלאכווייז פארגעסן ווערן אינגאַנצן די האַרבקייט פון שבת, לוינט דאָך גע־ווים ניט איבער דעם פאַרגעניגן ארויפציען אויף זיך און אויף דער פאַמיליע א חיוב כרת רח"ל.

ווי געזאָגט, טאָר מען ניט עפענען אָדער פארמאכן קיין טירל און קיין קוימען, דארום זאָל מען זיין געהיט דאָס דער קריסט זאָל עפענען די טירל און דעם קוימען ווען ער קומט הייצן.

מען טאָר ניט אריינגיסן ערב שבת קיין וואסער אין די לייכ־טער עס זאָלן זיך פאַרלעשן די ליכט אום שבת, נאָר פאַר אַזאַ וואָס איז שעדליך דער ריח ווען די ליכט גייען אוים, מעג מען.

כלל לח. מכה בפטיש (האַמערשלאַג).

פאַר די קלענסטע ארבייט דורך וועלכער די מלאכה ווערט געענדיקט, ווי דער דרך איז ביי בעלי מלאכות ווען די כלי ווערט גיענדיגט קלאַפּט ער אויף איהר מיט דעם האַמער אויסצוגלייכן איר, איז מען אויף דעם חייב. און יעדע ארבייט דורך וועלכער די זאַך ווערט געענדיקט צו איר נוץ, אפילו נאָר צו באַשיינען די זאַך, כלים, בגדים, ווערקצייג, אָדער אָבפּאָלירן אַ זאַך, איז מען חייב. אַפילו פאַר ארויסנעמען סטריגעוואַניע פון א בגד וואָס איז געב־ליבן פון נייען, איז מען חייב. מען טאָר ניט אויסגלייכן א שפילקע.

מען טאָר ניט מאַכן הערן כלי שיר אום שבת. די כלים וואָס די חזנים ברויכן, א קאַמערטאָן א. ד. ג. איז דער האַלטן אין האַנט אויך מוקצה.

כלל לט. הוצאה (טראָגן).

פאַר טראָגן נאָר וואָס עס איז פון די רשויות וועלכע הייסן „רשות היחיד״ און „רשות הרבים״, פון איין רשות אין צווייטן, אָדער פאַר טראָגן 4 איילן אין רשות הרבים גופא, איז מען חייב.

רשות היחיד הייסט: אן ארומגעצאַמטער אָרט אויף דער ערד, אָדער געגראָבן אין דער ערד, צ. ב. הייזער, שטאַלן, קלייטן, קעלערס, און דאָס גלייכן א ברונים אָדער א גראָבן, וועלכע זיינען הויך אָדער טיף 10 טפחים אָדער מער, אָדער א בערגל אָדער א קלאָץ די הויך 10 טפחים און די ברייט 4 טפחים, אָדער מער ווי 10 די הויך און 4 די ברייט, אפילו עס געפינט זיך אין רשות הרבים, הייסט עס רשות היחיד.

רשות הרבים הייסט: א גאַס וואו פיל מענשן גייען דאָרט דורך, צום ביישפיל א מארק פלאַץ אָדער א וועג (די ברייט 16 איילן), דאָס איז די 2 רשויות וואָס מען טאָר ניט טראָגן, אָדער ווארפן, אָדער דערלאַנגען קיין שום זאַך פון איין רשות אין צווייטן, אָדער פיר איילן אין רשות הרבים גופא. אויב מען טוט עס איז מען חייב כרת רח״ל.

אפילו פאר ארויסטראָגן לעבעדיקע זאכן, ווי בהמות, חיות ועופות, איז מען חייב. פאַר ארויסטראָגן פון איין רשות אין צווייטן א קליין קינד וועלכער קען נאָך ניט גיין, אָדער טראָגן אים 4 איילן אין רשות הרבים איז מען חייב.

א זאַך וואָס איז הויך 10 טפחים אָדער מער און איז ברייט 4 טפחים אָדער מער, איז דאָך דאָס א רשות היחיד — ווי מיר האָבן ערקלערט — און עס געפינט זיך אין רשות הרבים, צום ביישפיל, א ברונים אין גאַס, טאָר מען ניט שעפּן פון ברונים אין גאַס ארײַן. אָדער עס שטייט א וואָגן אָדער א שליטן, אָדער א באַנק אין רשות הרבים, און זיי זיינען הויך 10 טפחים און ברייט 4 טפחים אָדער מער, טאָר מען ניט ארויפלייגן קיין זאַך פון גאַס אויפ׳ן וואָגן אָדער אויף דער באַנק, און ניט פון באַנק אָדער פון וואָגן אין גאַס. ווען מען לייגט יאָ איז מען חייב.

אויב אפילו די הויך אָדער די טיף איז ווייניגער פו דעם

שיעור, טאָר מען אויך ניט, אָבער קיין חיוב דערויף איז ניטאָ. אזא רשות ווערט גערופן כרמלית, ווי מיר ערקלערן עס דאָ:

עס איז דאָ אין דעם איסור פון הוצאה („טראָגן) אַ דריטער רשות (ועוד רשות ד׳, מקום פטור, הוא דבר שאין בו ד׳ טפחים וגבהו יותר מג׳ טפחים אפילו עד לרקיע וכן חריץ שהוא רחב בפחות מד"ט על ד"ט ועמוק יותר מג"ט. ואינו נקרא מקום פטור אלא אם כן עומד ברשות הרבים), וועלכער הייסט כרמלית. דאָס הייסט, אַן ארומגעצאָמטער אָרט וואָס די מחיצה איז נידעריגער ווי 10 טפחים, און די ברייט אינוויינִיג אין דער מחיצה איז 4 טפחים — ימים, טייכן, אפילו די ברייטסטע און די טיפסטע, וועלדער, פעלדער וואָס ניט פיל מענשן גייען דאָרט, אָדער אַ טולבע (סלופּ) די הויך ווייניגער ווי 10 טפחים און די גרעב 4 טפחים, די אַלע הייסן כרמלית.

מען טאָר ניט טראָגן, אָדער וואַרפן, אָדער דערלאַנגען קיין שום זאַך פון רשות הרבים אָדער רשות היחיד אין כרמלית אריין, און ניט פון כרמלית אין די רשויות, און ניט טראָגן אָדער וואַרפן 4 איילן אין כרמלית גופא.

דעם כלל דאַרף מען וויסן, אַז אין די ערטער וואָס עס איז ניטאָ קיין עירוב טאָר מען אין ערגעץ ניט טראָגן. אין די ערטער וואו עס דאָ איינגעאָרדענט אַן עירוב, דאָס הייסט אַ צורת הפתח, — ווי עס איז באַוואוסט צו לומדים ווי אזוי דאָס איינצואָרדנען — מעג מען טראָגן איבעראַל, נאָר עס מוז זיין געמאַכט אַ עירוב חצרות. דורך דעם ווערט גירעכנט די גאַנצע שטאָט ווי איין הויף. ווער עס וויים ניט ריכטיג די דינים ווי צו מאַכן אַן עירוב מען זאָל מעגן טראָגן אין דער גאַנ־צער שטאָט אָדער אין איין גאַס, און פון איין הויז אין אַ צווייטער, דאַרף מען פרעגן אַ שאלה ווי צו מאַכן דעם עירוב. אין אַ שטעטל וואָס מען טאָר ניט טראָגן דאַרף מען פרעגן אַ שאלה אויב מען מעג טראָגן אויף די גאַניקעס אָדער די גאַלעריים (די דינים פון עירובי חצירות זיינען ערקלערט אין פרשת בשלח).

אין גערטנער טאָר מען ניט טראָגן, אפילו די גערטענדלאַך וועל־כע זיינען אין פאַדוואָר, טאָר מען ניט טראָגן פון פאַדוואָר אין גראָטן און ניט פון גאָרטן אין פאַדוואָר.

דאָרט וואו מען טאָר ניט טראָגן טאָר מען ניט טראָגן קיין זייגער אין טאַש. ווער עס איז ניט געצוואונגען צו גיין אין ברילן טאָר ניט גיין אין ברילן.

מיט א שטאָק אָדער א שירם טאָר מען ניט גיין אפילו וואו מען מעג טראָגן, דען דער האַלטן אין האַנט איז מוקצה. אויסער א חולה אָדער אן אלטן מאַן וואָס קען אין הויז ניט גיין אָן דעם מעג ער אין גאַס אויך גיין מיט דעם.

אין דעם אָרט וואו מען טאָר ניט טראָגן, טאָר מען אפילו ניט שפּייען פון הויז אין גאַס אריין.

דער כלל איז: וואו עס איז ניטאָ קיין עירוב טאָר מען ניט טראָגן אפילו פון איין הויז אין דער צווייטער, און וואו עס איז ניטאָ קיין עירוב חצרות טאָר מען ניט טראָגן אפילו פון איין דירה אין דער צווייטער ווי מיר האָבן ערקלערט.

דאָ האָבן מיר ארומגערעט בעזרת השי"ת די 39 כללים וועלכע מען איז חייב אויף זיי כרת רח"ל, און סקילה (בזמן הבית) און די איסורים וועלכע זיינען ענליך צו די כללים, וואָס מען איז פטור אויף זיי אָבער מען טאָר זיי ניט טאָן.

די גמרא ירושלמי זאָגט, יעדער כלל ענטהאַלט אין זיך 39 סאָרטן מלאכות וועלכע אויף זיי איז דאָ א חיוב כרת, מיר האָבן נאָר געשטעלט אייניגע פון יעדן כלל, מען דאַרף אָבער וויסן דאָס, נאָר די מלאכה וועלכע איז ענליך צו די מלאכות וואָס עס איז געברויכט געוואָרן אין משכן, גייט זי אונטער דעם כלל צו וועלכן זי געהערט אָן.

אויך וועלן מיר ארומריידן פון די איסורים וועלכע געהערן ניט אָן די 39 כללים און מען טאָר זיי אויך ניט טאָן אום שבת.

מען טאָר ניט רייטן אָדער פאָרן אום שבת.

ביי די רייזענדע אויף די שיפן געפינט זיך פיל חילול שבת.

נאָך דעם דין נאָך טאָר מען זיך ניט זעצן אויף דער שיף נאָר מיט 3 טעג פאַר שבת, דאָס הייסט, מיטוואָך, ווער רעט זעצן זיך שבת איז די זינד זייער גרויס רח"ל, דען עס איז פארבונדן מיט פיל

איסורים. ביי דעם אָנקומען פון דער שיף, אויב עס קומט אוים אַראָפּ־צוגיין פון שיף שבת קען אויך קומען צו גרוים חילול שבת.

אַלזאָ, דער וואָס האָט נויטיג צו מאַכן א רייזע אויף א שיף, זאָל זאָל ער אויסרעכענען, ניט זעצן זיך אויף דער שיף וועלכע זי קומט אָן אויף אָן אָרט אום שבת. נאָר אויב די רייזע איז גאַנץ נויטיג, זאָל ער פרעגן א שאלה, ווייל עס זיינען דאָ אופנים וואָס מען מעג זיך זעצן ערב שבת ווען אויך די שיף גייט אָפּ שבת, און אויב ער האָט קיין אנדער שיף, נאָר די וואָס קומט אָן שבת צו איר אָרט און ער מוז דוקא פאָרן אויף דער שיף, זאָל ער פרעגן א שאלה ווי ער זאָל זיך נוהג זיין, ווען די שיף שטעלט זיך אָפּ שבת.

שביתת בהמתו.

מען טאָר ניט פארדינגען קיין בהמה צו א קריסט, אויב מען ווייס אז ער וועט מיט איר ארבייטן שבת, סיידן מען זאָל אויסריידן ער זאָל די בהמה אָפּברייינגען פאר שבת. אויב ער ברענגט ניט אָפּ, זאָל ער די בהמה מפקיר זיין, ער זאָל זאָג „די בהמה איז הפקר", און נאָך שבת איז ער די בהמה צוריק זוכה.

אין דעם אָרט וואו מען טאָר ניט טראָגן, טאָר מען ניט לאָזן די בהמה ארויסגיין שבת אין גאַס מיט קיין משא, אפילו פון אירע שפּאַנגעצייג. נאָר וואָס זי טראָגט זאַכן וועלכע פארהיטן איר זי זאָל ניט אַנטלויפן איז מותר.

די געשעפטן וועלכע מען איז גינויטיגט דאָס די בהמות זאָלן ארבייטן שבת, צ. ב. פּאָטשטן, הויפן, פאבריקן, מילן, א. ד. ג. און בכלל אַלע געשעפטן וועלכע עס איז שווער שבת אָפּצושטעלן, טאָר ניט געטאָן ווערן די מינדעסטע זאַך ביז מען פרעגט א שאלה ווי עס זאָל צוגיין דער היתר, אַנדערש האָט מען אויף זיך שטענדיג חילול שבת.

עשית חפציו בשבת.

מען טאָר ניט אום שבת באַטראַכטן אין דער זאַך וועלכע צו טאָן אין איר נאָך שבת, צום ביישפּיל, באַקוקן פעלדער, גער־

טנער, אָדער אין נאָר וואָס פארא גישעפט, צו וויסן וואָס עס פאָדערט זיך צו טאָן נאָך שבת.

די גמרא ברענגט: איינער איז געגאנגען שבת אין זיין גאָרטן, האָט ער געפונען דעם צאָם אויפגעבראָכן, ער האָט געטראכט מאָרגן צו פאַרצאָמען. האָט ער זיך אָבער נאָך שבת באַטראכט אז ער האָט ניט ריכטיג געטאָן. דערפאַר האָט ער באַשלאָסן קיין מאָל ניט פאַרצאָמען דעם אָרט, ווייל ער האָט וועגן דעם שבת געטראַכט. איז אים א נס גישען, עס איז אויסגעוואָקסן א בוים פון א מין וואָס רופט זיך „צלף", און דער צאָם איז פון זיך פאַרצאָמט געוואָרן, און פון דעם בוים האָט ער געשפייזט זיין גאַנצע הויזגעזינד.

ווען מען דאַרף האָבן חוץ לתחום, טאָר מען ניט אָנפאַנגען גיין שבת פאַרנאַכט אין תחום בכדי צוקומען פריער חוץ לתחום.

מען טאָר ניט טאָן שבת קיין מלאכה וועלכע זאָל נוצן אויף נאָך שבת, צ. ב. וואשן גיפעס, אָדער ברייננגען וואסער, אָדער אויםבעטן די בעטן פון שבת אויף נאָך שבת.

ודבר דבר.

דער נביא זאָגט אָן ודבר דבר, דאָס הייסט, די רייד פון שבת זאָל ניט זיין גלייך צו אינדערוואָכן. צו ביישפיל, מען טאָר ניט זאָגן שבת, אז נאָך שבת וועל איך טאָן די מלאכה, אָדער מאכן דעם גישעפט, דער פאָרן.

דער מדרש אין פ' בהר ברענגט: די מוטער פון רבי שמעון בר יוחאי האָט גירעדט שבת, — גיוויינליך וואָס מען מעג ריידן, — דאָך אז רשב"י האָט איר געזאָגט דאָס היינט איז שבת, איז זי שטיל געבליבן, ווייל שבת איז מער מצוה מען זאָל ניט ריידן קיין איבעריגע רייד.

אמירה לנכרי.

עס איז א כלל, וואָס מען טאָר אליין ניט טאָן, טאָר מען מען אפילו אין דערוואָכן ניט באשטעלן אז א קריסט זאָל עס טאָן אום

שבת, אויסער הייצן אן אויוון אָדער מעלקן א בהמה מעג מען אפילו שבת הייסן א קריסט טאָן. מען טאָר ניט הייסן א קריסט שניידן שעצקע פאר א בהמה שבת.

מען טאָר ניט בויען אָדער מויערן דורך א קריסט שבת און יום טוב. די וועלט האָט אין דעם שטארק אויפגעבראָכן, מען שעמט זיך גאָר ניט און מען טוט אָפן. דער חילול השם איז נעבאך זייער גרויס, דאָס הייסט מחלל שבת בפרהסיא.

די גמרא זאָגט: די וועלכע באטראכטן אין די גישעפטן שבת צו וויסן וואָס זיי האָבן צו טאָן נאָך שבת, גייען זיי אראָפּ פון פון זייערע גיטער. איז דאָך געווים, די וואָס לאָזן ארבייטן ביי זיך בויען אָדער מויערן אום שבת, אז דאָס קען קיין הצלחה ניט זיין, רח"ל.

אפילו אז מען גיט איבער צו א פּאָדריטשיק (קאָנטראקטאָר) צו אויפשטעלן דעם בנין פארטיג, און דער בעל הבית האָט אין די ארבייט ניט צו זאָגן, דאָך איז דאָס אָבער זיינע, און דער נאָמען איז אויף אים, איז די שולד אויף דעם בעל הבית, ער זאָל אנדערש ניט אָפּגעבן סיידן דער פּאָדריאַטשיק זאָל זיך אונטערנעמען ניט צו ארבייטן שבת.

אויב מען זעט שבת אז עס קען קומען צו א שאָדן, צ. ב. עס האָלט ביי פלאצן א כלי, מעג מען זאָגן א קריסט בפירוש ער זאָל פאריכטן.

אזוי ווי עס איז מצוי אין פיל הייזער קריסטליכע דינסטן, איז מען מחויב אכטונג צו געבן דאָס זיי זאָלן ניט טאָן פון דער הויז וועגן קיין שום ארבייט פון די מלאכות וועלכע מען טאָר זעלבסט ניט טאָן אום שבת, און וועלכע מלאכות מען טאָר ניט הייסן א קריסט טאָן, ווען אויך די דינסט איז אן ערליכע, האָט דאָס דעם אייגענעם דין ווי מען שאָפט זיך מיט א קריסט איין מאָל.

אויף ניט אידישע דינסטן דארף מען שטארק אכטונג געבן אפילו אין דערוואָכן, וואָרום מען פאלט דורך אין פיל איסורים, ווייל מען איז געוואוינט מיט זיי, פארגעסט מען נאָר און מען גיט זיי איבער די גאנצע ווירטשאפט אין קיך, אנדערע זיינען זיך מקיל, און שיקן נעמען פלייש, אנדערע לערנען אוים די דינסט צו

זאלצן פלייש, און פארלאָזן זיך אויף זיי אינגאַנצן אין קויפן. אַלזאָ דאַרף יעדער וויסן, דאָס די דינסט זאָל קיין איינטריט ניט האָבן אין ווירטשאַפט וועלכע געהערט צום עסן און טרינקען. מען טאָר זיי ניט שיקן נאָך פלייש, ניט שיקן דורך זיי שחט׳ן עופות, ניט זאלצן קיין פלייש. אפילו מען זאָל דערביי שטיין, איז אויך ניט רעכט מצד יראת שמים. און וואָס עס איז נאָר נוגע צו קיך זאַכן זאָל מען זיך אויף זיי ניט פאַרלאָזן, ווען ניט הייסט עס א הויז פון טרפות, רח״ל.

מקח וממכר.

מען טאָר קיין געשעפטס רעכענונג ניט רעכענען, און ניט לייענען קיין געשעפטס ביכער און בריף. — בריף ניט פון געשעפט מעג מען נאָר קוקן אָבער ניט לייענען. —

מען טאָר שבת ניט שפּילן אין קיין שפּיל אפילו אָן געלט.

אז מען האָט א חוב ביי א קריסט און ער פאָרט ארויס, מעג מען אים פאַרהאַלטן מיטן רעכט-הויז ער זאָל אָפּצאָלן דעם חוב.

מען טאָר ניט וועגן אָדער מעסטן פאר א בהמה אירע שפּייז, נאָר מערקירן ווי געוויינליך.

מוקצה (אָפּגעשיידט).

עס איז דאָ ביי שבת און יום טוב אן איסור וועלכער הייסט „מוקצה". דאָס הייסט די זאַך וועלכע איז אָפּגישיידט פון מענשנס געדאַנק ניט צו ניצן דאָס.

1) אויב ווייל ער וויל דאָס ניט נוצן.

2) אָדער ווייל מען טאָר דאָס ניט נוצן.

3) אויב ווייל דאָס טויג ניט צו נוצן.

4) אָדער ווייל די זאַך האָט קיינע נוצן.

די אַלע זאַכן טאָר מען אָרט אויך ניט רירן.

דער איסור מוקצה ענטהאַלט אין זיך 11 כללים:

1) די זאך וואס א מענטש איז מקפיד ניט צו נוצן, טאר מען די זאך ניט רירן אום שבת, צום ביישפיל, סחורה פון א געשעפט, טאר מען די סחורה ניט רירן שבת. — אויסער עסענוואַרג און כלים, מעג מען נעמען אום שבת וואס מען האט נויטיג. אדער א א זאך וואס מען זשאלעוועט צו נוצן ניט צו איר אפגעשטעלטע נוצן, צ. ב. א חלף, א מוהל מעסער, טאר מען זיי ניט נעמען צו שניידן שבת אין עסענווארג. שרייב געצייג אדער געשעפטס ביכער, רעכענונגען און וועקסלען, באנק פאפירן, ליידיגע פאפיר וועלכע מען זשאלעוועט צו נוצן, און נאך אין דעם ארט, די אלע זאכן טאר מען ניט רירן פון ארט.

2) די זאך וואס זי נוצט ניט צו קיין נוץ, טאר מען די זאך ניט רירן, צ. ב. צובראכענע שערבלאך, וועלכע מען האט זיי שוין ארויסגעווארפן אין מיסט, שאלאכץ פון פרוכט, אדער ביינער וועלכע האבן קיין נוץ אפילו פאר א בהמה. אדער אפילו ווען די זאך נוצט יא, אבער דעם טאג פון שבת ברייננגט זי קיין נוצן, צ. ב. רויע פיש, אלע סארטן געלט, די אלע זאכן טאר מען ניט רירן פון ארט שבת. אלע בעלי חיים זיינען מוקצה, טאר מען זיי ניט מטלטל זיין, אין דעם ארט וואס מען מעג טראגן, מעג מען זיי פון דער זייט אונטערשטופן זיי זאלן ארייננגיין.

3) אלע זאכן וועלכע זיי וואלטן געקענט נוצן, נאר מען האט זיי ארייננגיגעבן אין א מין ארבייט עס זאל ניט קענען נוצן, טאר מען די זאך ניט רירן. צ. ב. ווען מען לייגט טרוקענע פייגן, ראזן פאר שבת, און זיי ווערן פארטיג שבת, טאר מען זיי ניט רירן פון ארט שבת, ווייל בעת דעם אוועקלייגן טריקענען, לייגט ער זיי אוועק אויף דער דעה ניט צו רירן ביז זיי ווערן פארטיג. אויך ווערן זיי אינגאנצן איבערגעפירט איידער זיי ווערן גוט אויסגעטריקנט, איז דאך געווים זיין דעה ניט צו נוצן איידער זיי ווערן פארטיג, און אז עס איז געווארן שבת זיינען זיי נאך ניט ראוי געוועזן.

4) די זאך וועלכע דער מענטש האט ניט געדענקט אז דאס זאל פארקומען, צ. ב. אומגעריכט איז שבת טויט געבליבן א בהמה, אדער אן עוף, אדער עס איז איינגעפאלן א בנין אומגעריכט, אדער עס זיינען צובראכן געווארן כלים וואס קענען נאך עטוואס נוצן, און נאך זאכן אין דעם אופן, די אלע זאכן טאר מען שבת ניט רירן.

5) די זאַך וועלכע איז פרייטאָג בין השמשות ניט ראוי גי־וועץ צום נוצן, צ. ב. פיש וואָס זיינען געפונען געוואָרן אום שבת, אָדער אן עפל וואָס מען האָט אים אָפגעריסן, אָדער אפילו אז עס איז פון זיך אראָפגעפאַלן אום שבת אָדער יום טוב, טאָר מען זיי ניט רירן.

6) די זאַך וועלכע איז יעצט געוואָרן אום שבת, למשל, אן איי וועלכע איז געבאָרן שבת אָדער יום טוב, אָדער געמאָלקענע מילך פון שבת און יום טוב, אָדער א כלי וועלכע איז צובראָכן געוואָרן שבת, אפילו אויב די שערבלאַך האָבן עטוואָס א נוץ, אָבער ניט דעם נוץ וואָס זיי האָבן פריער גיהאָט, טאָר מען זיי ניט רירן.

7) ווען מען האָט פרייטאָג אוועקגעשטעלט בכונה (ווילנדיק) א מוקצה זאַך אויף ניט א מוקצה זאַך, און עס איז געשטאַנען ביז דער שבת איז אָנגעקומען, טאָר מען א גאַנצן שבת ניט רירן אפילו די ניט מוקצה זאַך, אפילו ווען די מוקצה זאַך שטייט שוין ניט דערויף. צ. ב. אז מען האָט אוועקגעשטעלט א טינטער, אָדער וועל־כע עס איז שרייב געצייג, אויף א טיש אָדער א שטול, טאָר מען דעם טיש ניט רירן פון אָרט דעם גאַנצן שבת, ווייל דער טיש ווערט אויך מוקצה. נאָר אויב מיט דער מוקצה איז געלעגן נאָך א זאַך וועלכע איז ניט קיין מוקצה, צ. ב. ווען דער שבת קומט אָן איז געלעגן מיט דעם טינטער אן עסענוואַרג אָדער א ספר, ווערט שוין דארום אז די לייכטער שטייען אויפן טיש ווערט דאָך דער טיש מוקצה, וואָלט מען אים דעם גאַנצן שבת ניט טאָרן רירן, איז מען זיך דערפאַר נוהג צו לייגן די חלה ביי ליכט בענשן, מעג מען שוין דעם טיש רירן דעם גאַנצן שבת. אז א הון לייגט אן איי שבת אָדער יום טוב ווערט דער אָרט אויף וואָס די איי ליגט מוקצה. אז א קינד האַלט א מוקצה זאַך טאָר מען אים ניט נעמען אויף די הענט.

8) די זאַך וועלכע זי איז אָפגעשטעלט פון א מצוה ווען און מען נוצט דאָס ניט אום שבת, טאָר מען ניט רירן פון אָרט, צ. ב. א אתרוג, א לולב, אויך די איבעריגע מינים. די צופוצונגען פון א סוכה אפילו פרוכט, טאָר מען זיי ניט מטלטל זיין אום שבת.

9) א זאַך וועלכע איז ניט קיין כלי נאָר די זאַך איז א מאַטעריאל צו ארבייט, למשל, פלאקס, וואָל, פעל, ציגל, האָלץ —

וועלכע איז צום הייצן, — שטיינער, באלקנס, ברעטער, א. ד. ג. טאָר מען ניט רירן פון אָרט שבת.

10) אַ כלי וועלכע שטייט צו אַ מלאכה, אָדער צו אַן אַנדער נוץ, נאָר אום שבת טאָר מען די מלאכה אָדער דעם נוץ ניט טאָן, טאָר מען די כלי ניט רירן פון אָרט, צ. ב. אלע מיני ווערקצייג פון אַלע מיני מלאכות און פאַבריקן, א וואָגן, א שליטן, שפּאַנגעצייג, א באַרשט, א קאַם, א זעג, א האַק, א האַמער, א הובל, א צוואַנג, אַלע געצייג פון ערד ארבייט און בוי ארבייט, א רידל, א שופל, אַלע כלים וועלכע גיהערן צום קנעטן צום באַקן, א לייכטער, א לאָמפּ, א ליכט אפילו ניט קיין געברענטע, א קעסטל, א געלט-בייטל, די אַלע זאַכן און דאָס גלייכן טאָר מען ניט רירן שבת פון אָרט. נאָר אויב מען דאַרף האָבן דעם אָרט וואו די זאַך ליגט, אָדער ער באַ־נוצט די כלי צו א היתר'דיקע זאַך, צ. ב. נעמען א האַק אָדער א געוויכט צום קנאַקן נים, מעג מען

א פאַרלאָשענע ליכט טאָר מען אויף קיין אופן ניט רירן.

11) אפילו אזעלכע זאַכן וואָס מען מעג זיי נוצן אום שבת, ווען מען ברויכט זיי ניט טאָר מען זיי ניט רירן פון אָרט, דהיינו אָפּגעשטעלטע ווירטשאַפט אָן א נוץ טאָר מען ניט נוצן. אָבער אויף צו פאַרהיטן פון שאָדן מעג מען יאָ. טישן און בעטן, כלים און בגדים מעג מען איבערטראָגן פו א נוץ וועג.

עסענווארג און ספרים מעג מען מטלטל זיין אפילו גאָר אָן א נוץ, נאָר ווען דערביי איז א גרויסע טרחה, צ. ב. איבערשטעלן, איבער־לופטערן טאָר מען ניט.

ביי א חולה גייט ניט אָן קיין מוקצה.

אז מען קוקט זיך ארום אין דעם אָרט וואו מען מעג טראָגן אז מען האָט ביי זיך א מוקצה זאַך, מעג מען קומען דערמיט צום הויז און דאָרט ארויסלייגן. אז עס ליגט שבת אַ מטבע אָדער אַן אַנדער מוקצה אויף א בגד אָדער אויף א קישן וועלכע מען דאַרף נוצן, מעג מען אָננעמען די זאַך און אראָפּוואַרפן די מוקצה.

צובראָכענע גלאָז פון כלים מעג מען אויפראַמען שבת.

אַלע זאַכן וואָס גייען ארונטער מוקצה, מעג מען זיך שאַפן מיט א קריסט, ער זאָל דאָס טאָן.

חולה

א חולה וועלכער איז אָן געפאַר, טוט מען פאַר אים אַלע ארבייט דורך א קריסט. די כלים וואָס מען קאָכט אין זיי שבת מעג מען פאַר א געזונטן נוצן אין 24 שעה אַרום. א חולה וועלכער איז אָבער אין געפאַר, איז א מצוה וויפיל מענשן עס פאָדערט נאָר, זאָלן אַלע מחלל שבת זיין, ווער עס נעמט זיך פריער צו דער מצוה איז געלויבט פאַר השי"ת.

א יולדת פון דער צייט וואָס זי גייט צו קינד, ביז דריי מעת לעת נאָכן האָבן, הייסט זי א געפערליכער חולה, פון דריטן ביז דעם זיבעטן מעת לעת, ווענדט זיך אָן דאָקטאָר אָדער די אַקו־שערין. פון זיבעטן מעת לעת ביז דעם 30־טן טאָג הייסט זי א חולה אָן א געפאַר. ווען, באַהיט ג־ט, אונטער דער צייט פאַלט צו א צו־פעלייגע קראַנקייט, ווענד זיך אָן דאָקטאָר ווי ער הייסט טאָן. ווען ביז 30 טעג הייסט זי א חולה נאָך דעם דין פון דער תורה, איז דאָך געווים אַז זי דאַרף זיך זעלבסט היטן אין דער גאַנצער צייט, אי־בערהויפט דאַרף זי זיך היטן פון קעלט וועלכע איז פאַר איר מזיק (ווייטער אין פרשת קדושים איז פיל גערעדט פון דעם).

וועלכער חולה הייסט א סכנה און וועלכער ניט? — איז ערקלערט אין שולחן ערוך הלכות שבת. מיר האָבן ניט נויטיג דאָס צו באַשרייבן, ווייל בכלל ווענדט זיך דאָס אין א דאָקטאָר, דען ניט אַלע מענשן אין אַלע קראַנקייטן אין אַלע צייטן איז גלייך. דאָ האָבן מיר נאָר באַשריבן די עקרי דינים פון שבת. אָבער צו וויסן אַלע פרטי דינים, דאַרף מען לערנען שולחן ערוך, און די ספרים וואָס ערקלערן יעדן דין בפרט. דאַרום דאַרף יעדער איד וואָס לייכט אין אים יראת שמים, לערנען הלכות שבת. ווען עס פאַלט אויף אים שווער זעלבסט צו לערנען, דאַרף מען לערנען מיט א צווייטן אָדער מיט חברה, בכדי צו וויסן הלכות שבת, ניט נכשל צו ווערן אין האַרבן איסור פון חילול שבת, וועלכער איז פאַרבונדן מיט חיוב כרת, רח"ל, און מען גייט אַרוים פון כלל ישראל. ווער עס איז מחלל שבת בפרהסיא טאָר מען ביי אים ניט עסן און ניט טרינקען, זיין ווייַן איז יין נסך, זיין ברויט איז פת עכו"ם.

אין דער מצוה פון היטן שבת מיט אַלע פרטי דינים איז ניטאָ קיין אונטערשייד פון מענער און פרויען, אין קיין פרט.

עס זיינען דאָ פיל פאַרשיידענע שטראָפן אויף עבירות: עס איז דאָ וואָס מען איז עובר אויף א לאו, אויף אן עשה, פאַר א האַרבערע עבירה קומט מיתה בידי שמים, נאָך א האַרבערע עבירה קומט כרת, נאָך א האַרבערע איז בזמן הבית געווען מיתה בידי אדם, סייף איז א האַרבערע מיתה פאַר חנק, שריפה פאַר סייף, די האַרבסטע מיתה פון אלע איז געווען סקילה. פאַר חילול שבת האָט מען בזמן הבית דן געווען סקילה, אויב מיט התראה, אויב אָן התראה כרת. ווען אפילו איצטיגע צייט איז מען ניט דן מיתה, זאָגט אָבער די גמרא: ווען אויך מיתת בית דין איז בטל געוואָרן, אָבער די שטראָף מן השמים איז ניט בטל געוואָרן, קומט אים סקי־לה פאַלט ער אראָפּ און ווערט געטויט, קומט אים שריפה בייסט אים א שלאַנג און ווערט געטויט.

אויף אַלע מצות ווען מען איז עובר ח"ו אויף איינע פון זיי עטליכע מאָל, הייסט ער ניט קיין מומר לכל התורה כולה, און פאַר געצנדינסט אָדער פאַר חלול שבת הייסט ער א מומר לכל התורה כולה רח"ל, ווייל שבת איז דער גרויסער צייכן און זיכערהייט וואָס ג־ט ב"ה האָט גיגעבן אידן בכדי זיי זאָלן וויסן, אַז אין 6 טעג, האָט ג־ט ב"ה אלעס באַשאַפן און גערוט אין 7־טן טאָג און ערב שבת פאַרענדיקט זיין ארבייט.. דאָס איז דער יסוד פון דער אמונה, צו וויסן אז די וועלט איז באשאפן פון ג־ט ב"ה. וויבאַלד מיר וויסן שוין אז די וועלט איז באַשאַפן פון ג־ט ב"ה, הייסט דאָך דאָס זיין וועלט, איז ער דער האַר איבער אַלעס און מיר זיינען זיינע דינער, זיינען מיר אים מחויב צו דינען מיט דעם קערפּער און מיט דעם נפש, און מיט דעם גאַנצן פאַרמעגן, ווייל דאָס איז אַלעס זיינע.

די חכמים זאָגן: דער וואָס היט דעם שבת איז גלייך ווי ער היט די גאַנצע תורה, דער וואָס היט ניט דעם שבת איז גלייך ווי ער וואָלט לייקענען אין דער גאַנצער תורה.

ווי אזוי ווענדט זיך דאָס דער היטן דעם שבת אָן דער גאַנ־צער תורה? פאַרשטייען מיר דאָס מיט א משל: א בעל מלאכה אָדער א געשעפט שטעלט ארויס א שילד צו מאכן וויסן דאָס דאָ געפינט זיך דער געשעפט אָדער דער מייסטער. כל זמן דער שילד הענגט ווייס מען אז דאָ געפינט זיך דער בעל מלאכה, דער גע־שעפט, ווען אָבער אז דער שילד הענגט ניט מער, ווייס מען אז עס איז שוין ניטאָ קיין זכר פון דעם. די זעלבע זאך איז **שבת**.

דער בורא יתברך רופט אָן שבת מיט דעם נאָמען „אות", א צייכן, דאָס הייסט א שילד אויף דעם אידן. דערמיט וואָס ער היט שבת, טראָגט ער אויף זיך שטענדיק דעם צייכן, און ער הייסט א איד. אז ער טוט אָפּ פון זיך דעם צייכן, הייסט ער שוין מער ניט קיין איד ח"ו, ווייל דער שבת איז דער גאַנצער יסוד. ווי מיר האָבן גירעט, ווייל דורך דעם ווייס מען דאָס דער בורא יתברך האָט די וועלט באַשאַפן, און מיר דאַרפן היטן זיין תורה און זיינע מצות, ווערט עס איינגעפלאַנצט ביי דעם מענשן אינערליך אויף אייביג. דארום ווען ער ווערט חלילה נכשל אין אן עבירה, — דער גרונד אמונה איז דאָך אָבער ביי אים דאָ. אויב אָבער ער וואַרפט פון זיך אַראָפּ דעם שבת, איז ער דאָך שוין אינגאַנצן אַנטזאָגט פון אי־דישקייט, ווייל ער האָט דאָך זיין שילד אַראָפּגענומען. דעריבער דאַרף מען זיך פעסט האַלטן מיט אלע קרעפטן היטן דעם שבת ווי נויטיג איז.

בעוונותינו הרבים, ביי יעצטיגע צייט געפינען זיך **אנשי רשע** וואָס דער איסור שבת איז ביי זיי הפקר רח"ל. וויי איז אונז וואָס מיר האָבן דערלעבט צו זען אזעלכעס. ווען עס איז פאַרצייטיגע יאָרן אויך געווען מחללי שבת, זיינען זיי אָבער פאַרהאַסט געווען ביי דעם כלל ישראל, און מען האָט זיך פון זיי אָפּגעטיילט. אָבער יעצטיגע צייט איז דאָס אזוי פאַרדאָרבן, מען רעכנט זיי ניט אויס־נאָמיג, ווי עובר זיין אן אנדער עבירה, מען מיינט נאָר אז עס פעלט זיי די מצוה פון שבת און מער ניט, דערום לערנט מען זיך פון זיי אָפּ. אין אמת איז דאָס נאָר א גרויסער טעות. אין מענשן איז דאָ רמ"ח אברים, — מצות עשה איז אויך דאָ רמ"ח, אזוי ווי אין די אברים. איז דאָ אזעלכע אברים וואָס פעלן, און דער מענטש בלייבט א מענטש, צום ביישפיל, ווען עס פעלט ח"ו א האַנט, א פוס. דאָס זעלבע איז ביי די מצות אויך אזוי, עס איז דאָ אזעלכע מצות, ווען אפילו אז זיי פעלן, הייסט עס אז עס פעלט אים די מצוה, אזוי ווי ווי עס פעלט אים א האַנט, א פוס. שבת איז אָבער גירעכנט ווי דער קאָפּ, די האַרץ. דערום אז עס פעלט אים די מצוה פון שבת הייסט עס גאָר אפּגישטאָרבן רח"ל. ווי די גמרא זאָגט: רשעים בחייהם קרוים מתים. דאָס הייסט, די רשעים ווען זיי לעבן הייסן זיי אויך טויטע.

די סבות וואָס עס איז אָפּגעבראכן געוואָרן חלול שבת זיינען

זייער פיל. אנדערע זיינען מחלל שבת איבער פרנסה. זייער טעות איז זייער גרוים. ווען ער וועט שוין פארדינען דעם טאָג פון שבת, מיט וואָס איז ער אָבער זיכער, אז דער בורא יתברך שמו וועט עס פון אים ניט צונעמען מיט כפל כפלים זיין פארדינסט און נאָך דורך יסורים. ווי די גמרא זאָגט: דורך חילול שבת קומט שריפות אויף דער וועלט. אנדערע איז גורם דער פוצן זיך. דער וואָס האָט נאָך אין זיך עטוואָס אמונה פארשטייט אז איבער דער תאוה דארף מען ניט איינשטעלן דעם לעבן. דער צוקלייבן זיך אום שבת ברענגט כמה איסורים און חיובים פון כרת רח"ל. דהיינו, אָפּפוצן די שוכ־ווארג, אויסקעמען זיך, ארומזייפן זיך, אָפּפוצן די קליידער. ביי דעם פאַלט נאָך צו פיל איסורים פון מוקצה און טראָגן אום שבת.

כבד את אביך ואת אמך וגו'.

די מצוה איז, ערליך האלטן די עלטערן, פאָטער און מוטער. מען דארף זיי באַדינען אין אַלע זייערע נויטווענדיקייטן. ווען די עלטערן זיינען קראַנק, אָדער צו דער עלטער, זיינען די קינדער מחויב זיי צו באַדינען אַלעם וואָס פאָדערט זיך נאָר, ווי דינער זיי־ערע הערן. זיי דארפן דאָס טאָן זייער אַנגענעם. ווען זיי ווייזן עט־וואָס אומצופרידנהייט געגן די עלטערן, ווערן זיי געשטראָפט.

ווען די עלטערן האָבן ניט קיין געלט, זיינען מחויב די קינדער צו געבן זיי נאָך זייער פאַרמעגן נאָך.

אויך דארפן קינדער די עלטערן כבוד געבן, שטעלן זיך פאר זיי און מורא האָבן פאר זיי, ניט זעצן זיך אויף זייער אָרט וואו זיי זיצן שטענדיק, ניט ארײנמישן זיך אין זייערע רייד.

ווען אויך די קינדער ליידן פון זייערע עלטערן א פארשעמונג אָדער אונצופרידנהייט, טאָר מען זיי ניט מצער זיין.

מען טאָר ניט אויפוועקן די עלטערן פון שלאָף. נאָר אויב ער פאַרשטייט אז אויב ער וועט זי ניט אויפוועקן וועט עס זיי פאַר־דריסן, מעג מען יאָ, ובפרט צו א מצוה, ווי אויפוועקן צום דאווענן און ענליכעס.

ווען זיי הייסט עובר זיין די קלענסטע עבירה, טאָר מען זיי ניט פאָלגן.

מען איז מחויב אין די עלטערנס כבוד אויך נאָך זייער טויט (אין יאָר פון אבילות ח״ו זאָגט מען און מען שרייבט הריני כפרת משכבו[ה], אָדער אין ראשי תיבות הכ״מ).

כבוד די עלטערן נאָך זייער טויט באַשטייט אין דעם, אז אין יאָר פון אבילות זאָל מען מער לערנען, מער צדקה טאָן, דאָס איז א זכות פאַר די עלטערן צו מאַכן זיי גרינגער דעם עונש. ניט ווי די וועלט מיינט אז נאָר מיט קדיש איז מען מזכה, און עס קומט דערפון ארויס מחלוקת, איז דאָך דאָס געוויס ניט קיין זכות פאַר די עלטערן.

די גמרא דערציילט אין מסכת קידושין: מען האָט געפרעגט ביי רבי אליעזר, ווי ווייט איז די פאַרפליכטונג, די ערע צו די עלטערן? ענטפערט רבי אליעזר: באַטראַכט ווי איינער א קריסט האָט געגעבן כבוד זיין פאָטער. די זאַך איז געשען אזוי: די חכמים האָבן געברויכט א טייערן שטיין צום אפוד פון כהן גדול, קומען זיי אין דער שטאָט אשקלון, דאָרט איז געווען דער שטיין ביי איינעם א קריסט, מיטן נאָמען דמא בן נתינה. די חכמים קומען אים פרעגן וועגן דעם געשעפט. זאָגט ער זיי: איך וואָלט געוויס וועלן אייך פאַרקויפן, דען איך האָב דערביי פאַרדינסט 6 הונדערט טויזנט גאָלדענע רענדלאַך, אָבער וואָס קען איך מאַכן, אז די שליסלען פון דעם שטיין זיינען ביים פאָטער צו קאָפּנס, און ער שלאָפט. אין א יאָר צייט האָט אים ג־ט באַצאָלט, עס איז ביי אים אין זיין סטאַדע א פרה אדומה גיבאָרן גיוואָרן. זיינען די חכמים צו אים גיקומען קויפן די פרה אדומה. זאָגט ער: איך ווייס גוט אז איר וועט מיר געבן וויפיל איך וועל פאַרלאַנגען. איך פאָדער אָבער ביי אייך ניט מער וויפיל איך האָב שאָדן געהאַט איבער דעם כבוד פון פאָטער. די חכמים האָבן אים דאָס געלט בככבוד אָפּגעצאָלט.

ווידער דערציילט די גמרא: רבי טרפון פלעגט זיך לייגן פאַר דער מוטערס בעט זי זאָל איבער אים ארויפגיין און אראָפּגיין. און נאָך פיל פאַרשיידענע ערציילונגען פון כבוד אב ואם איז צו געפינען אין מסכת קידושין דף ל״א.

פאַר ערליך האַלטן די עלטערן האָט מען אריכות ימים ושנים און מען האָט גוטס אויף ביידע וועלטן.

ליידער פאַסירט, אז לא די וואָס מען איז ניט געהיט אין

זייער כבוד, טוט מען זיי נאָך אום'כבוד און קרענקונג. א קינד אין די רעכטע יאָרן, שפּאַרט איבער דעם פאָטער. א טאָכטער שטעלט זיך שטאָלץ קעגן דער מוטער. די אורזאך איז, ווייל זי איז מיט איר שטענדיק צוזאַמען, פאַרגעסט זי גאָר אז דאָס איז א מוטער.

מען איז מחויב ערליך צו האַלטן און מורא האָבן פאַר די עלטערן אויף דעם גרעסטן אָרט. דען זייער כבוד און מורא איז געגליכן צום כבוד און מורא פאַר השי"ת. מען דאַרף זיך שטאַרק היטן אין דעם ניט נכשל צו ווערן אין דעם גרויסן חטא געגן די עלטערן. דען די תורה האָט באַזונדער אוועקגעשטעלט א קללה רח"ל, וואָס איז געזאָגט געוואָרן אויפן הר עיבל. עס זיינען גע־שטאַנען אַלע 12 שבטים אויף דעם באַרג, און די כהנים און לוים האָבן געזאָגט: פאַרשאַלטן זאָל זיין דאָס קינד וואָס וועט גרינג שעצן דעם כבוד פון פאָטער און מוטער, און אַלע אידן האָבן גע־ענטפערט: אמן!

אַלזאָ וואָס פאַרא מענש האָט דאָס ניט קיין רחמנות אויף זיך, צו פאַרהיטן זיך פון דער קללה רח"ל. דעריבער דאַרף מען זיך צוזאַמענעמען מיט אַלע מעגליכקייטן, ניט אריינפאַלן, באַהיט ג־ט, אין זייער אום כבוד. און אין געגנטייל, אימער נאָך זייער כבוד זיך יאָגן.

אין דער מצוה זיינען מחויב זין און טעכטער, אויסער אין דער זאך וואָס די מענער שטערן זיי, זיינען טעכטער פטור. דער רעכט איז אָבער, דער מאַן זאָל ניט שטערן.

מען איז מחויב כבוד צו געבן דעם רבי'ן וואָס מען האָט ביי אים געלערנט.

מען איז מחויב ערליך צו האַלטן דעם פאָטערס פרוי און דעם מוטערס מאַן. דעם גרויס־פאָטער און די גרויס־מוטער, די שוויגער עלטערן און דעם עלטערן ברודער. די אַלע איז מען מחויב צו געבן כבוד, און מען איז פטור צו געבן שטיצע. אָבער די עלטערנס על־טערן, אויב מען איז פאַרמעגליך דאַרף מען זיי שטיצן אויך, ווען זיי האָבן קיין אנדער שטיצע.

אַלע פרטי דינים פון דער מצוה זיינען ערקלערט אין יורה דעה.

לא תרצח.

די מצות לא תעשה איז, מען טאָר ניט טויטן קיין מענשן.

ווען מען טויטעט אַ מענשן במזיד (ווילינ) איז מען חייב מיתה. זיין מיתה איז גיוועז בזמן הבית — סייף. דאָס הייסט, מען נעמט אים אראָפּ די קאָפּ מיט א שווערד. אויב בשוגג (אומגערן), ווערט מען באַשטראָפט מיט גלות (אין פרשת מסעי איז ערקלערט וואָס הייסט גלות) אויב מען איז גורם א מענש זאָל געטויט ווערן איז מען מחויב מיתה בידי שמים (דאָס הייסט, ער שטאַרבט פאַר דער צייט רח"ל).

מען טאָר ניט גורם זיין צו אגוסס רח"ל עס זאָל פריער די נשמה ארוים.

אין דער מצוה איז אויך פאַרבאָטן מען זאָל זיך זעלבסט טויטן רח"ל, דען דער מענש האָט אויף זיך זעלבסט אויך קיין ווילן. מען טאָר זיך אפילו ניט ביילן, דאָס איז ערקלערט אין דער תורה אין פסוק „ואך את דמכם לנפשותיכם אדרוש", ד. ה. אייערע איי־געגע בלוט וועל איך פון אייער זעעלע פאָדערן. פארשטייט מען דאָך אַז דער פסוק גייט אויף דעם וואָס מאָרדעט זיך זעלבסט וועט באַשט־ראָפט ווערן לעולם הבא, דען אויף דער וועלט איז דאָך פאַר אַ טויטן מענשן קיין עונש ניטאָ. און נאָך אַ פסוק איז דאָ „רק השמר לך ושמור נפשך מאד." ד. ה. זאָלסט פאַרזיכטיג זיין צו היטן דיין נפש. דערפון איז דייטליך באַוויזן, אַז עס איז דאָ א שטראָף און באַצאָלונג פאַר דעם מענשן נאָך זיין טויט פאַר זיינע מעשים. ד. ה. שכר ועונש, גן עדן, גיהנם.

די חכמים זאָגן אָפּ אינגאַנצן פון עולם הבא דעם וואָס מאָר־דעט זיך זעלבסט, רח"ל. אין שו"ע יו"ד הלכות אבילות איז גע־פסק'נט, דער וואָס באַגייט זעלבסטמאָרד רח"ל, פאַרלירט ער דעם כבוד המת אינגאַנצן.

מאבד עצמו לדעת איז אזא תאוה ווי אנדערע תאות, דען דאָס קומט דורך קנאה, תאוה אָדער כבוד. דען דער זעלבער מענש אין דער צייט וואָס ער פירט זיך איבער דעם לעבן, קיין פרעמדן וועט ער אפילו קיין קלאַפּ ניט טאָן, ווייל מען טאָר ניט אָדער עס פּאַסט ניט, אָבער אויף זיך מיינט ער אַז ער האָט א דעה, דערפאַר טוט ער דאָס. דער אומגליק טרעפט אין דער וועלט, און אפילו גאָר אין

פיינע הענט. עס איז אין דעם ניטאָ קיין שום היתר, עס איז גלייך ווי אומברייינגען אן אנדער מענשן. ווען עס פאלט חלילה ארויף אויף א מענשן דער שלעכטער געדאנק, זאָל ער זיך צאַמען ווי ווייט מעגליך, ביז די תאוה וועט פון אים אוועקגיין. ווי מען האָט פיל גיזען, דאָס זיי האָבן אין דער זעלבער רגע חרטה. דאָס ערשטע זאָל ער וויסן, אז דאָס איז גלייך ווי געטויט אן אנדער מענשן, וועט ער שוין פארשטיין זיך אָפּצוהאלטן, דען אים דריקט דאָך ווייל ער האָט פארהאסט די וועלט. די שלעכטס פון דער וועלט איז דאָך אָבער נאָר ביז אַ צייט, עס איז דאָך ניט קיין אייביגע וועלט. אָבער שלעכטס אויף דער אייביגער וועלט, איז דאָך אָן אַן אויפהער. עטוואָס קען דאָס אים אויך צוהאלטן, צו בארעכענען אין וואָס פאר א לאגע ער לאָזט זיין פאמיליע, זיינע קינדער און קינדס קינדער, ער לאָזט דאָך אויף זיי אן אייביגע שאנד.

לא תנאף

די מצות לא תעשה איז, מען טאָר ניט מזנה זיין מיט אן אשת איש. וועגן זנות מיט א פנויה איז ערקלערט אין פרשת תצא. עס גיבט פיל אופנים פון זנות, וועלכע דער שטראָף איז מיתה און וועלכע די שטראָף איז כרת, רח״ל, ווי עס איז מבואר אין פרשת אחרי.

פאר זנות מיט אן אשת איש, רח״ל, ווערןביידע באַשטראָפט מיט חנק. (אם היא בת כהן הוא בחנק והיא בשריפה בזמן הבית).

אויב מען איז מזנה מיט א נערה המאורסה (נערה המאורסה הייסט אזא וואָס מען האָט איר מקדש גיווען אָבער נאָך ניט גיש־טעלט קיין חופה, ווי פארצייטן פלעגט מען פריער מקדש זיין, און זי פלעגט פארבלייבן ביי איר פאָטער אויף 12 חדשים, און נאָכהער פלעגט מען שטעלן חופה), קומט זיי ביידן סקילה (בזמה״ב). אויב אָן התראה — כרת. די סקילה ווערט איר געטאָן אנטקעגן איר פאָטערס טיר, אום צו צייגן דעם פאָטער זיין ערציהונג. דען די ערציאונג פון די קינדער ווענדט זיך אָן די עלטערן.

דאָס קינד וואָס ווערט געבוירן פון אן אשת איש, איז א ממזר און איז אסור צו הייראַטן מיט אן אידיש קינד.

די עבירה פון זנות ווען אויך מיט א פנויה איז זייער גרויס. ערשטנס דער איסור זנות, צווייטנס דער איסור כרת פון נדה, און איז נאך מטמא די וועלט, איז מרבה ממזרים בישראל, ווען דער פאטער איז אומבאוואוסט, קען דאך געמאלט זיין, אז מיט דער צייט זאל א ברודער מיט א שוועסטער, ווידער אנדערע עריות, חתונה האבן. די וועלט וועט ניט וויסן היטן זיך פון זיי, וועט מען זיך מיט זיי מתחתן זיין מיט די געבארענע קינדער, וועלכע זיינען זיכערע ממזרים, ווארום א ממזר זיינע זיינע קינדער אויך ממזרים אויף אייביג, אויף דורי דורות.

זנות מיט א פנויה, וואס געווים איז זי דאך א פנויה, אדער אפילו מיט דער אייגענער פרוי, אין דער צייט וואס זי איז א נדה, ווערן ביידע מיט כרת באשטראפט, רח"ל.

זנות מיט פרעמדע נאציאנען איז אויך אסור און מען האט אויך זיך א שטראף פון כרת.

אין דעם כלל פון לא תנאף איז אפילו א ריח פון זנות. דער כלל איז, מען טאר ניט דענקען וועגן קיין שום הנאה פון זנות, ניט טראכטן וועגן פרויען, ניט מקורב זיין מיט א מין ליבשאפט רח"ל. מענער מיט פרויען טארן זיך אפילו די הענט ניט שטרעקן (יד ליד לא ינקה, זה המרצה מעות מידו ליד האשה בכונה). און ווער רעט נאך חלילה זיין מיט זיי בחיבוק ונישוק, וועלכע אויסער די עבירה פון חיבוק ונישוק ברענגט עס נאך ליידנשאפט, וואס דאס איז געווען דער חטא פון דור המבול.

אנדערע ברויכן מיטלען וואס הייסט אויך זנות, וואס דערויף זאגט דער פסוק „ידיכם דמים מלאו", דאס הייסט, אייערע הענט זיינען פול מיט בלוט, דען דאס איז גלייך ווי א מענש גיטויט. ג־ט ב"ה האט די נאטור גיגעבן צום גוטס אויף דער וועלט ברענגען, אבער ניט די תאוה צו טרייבן.

עס איז צו פארשטיין מיט דעם שכל, דען אין דעם קראפט פון וואס דער מענטש ווערט גיבארן, ליגט דאך אין דעם דער גאנ־צער כח פון מענטש, ווי ער איז שוין אנטוויקלט א מענטש, הייסט דאך די קראפט, די זאמען, דער מענטש, און אז מען ברענגט דאס אין אומנוץ, הייסט עס ווי גיטויט א מענשן אויסער די עבירה פון דעם,

איז פול אין דאָקטאָריע די געפאַר פון דעם, דען די תאוה ברייגנט אים אום זיינע קרעפטן, און ברייגנט אים צו שלעכטע קרענק ביז טויט, און גיבאָרן קראנקע קינדער, השם ישמרנו..

עס איז אסור מיחד זיין זיך מיט אַ פרויענצימער. אויב די טיר איז אָפן צום גאַס איז מותר. אויך טאָר מען ניט פאָרן אין וועג מיט פרויען אָן אַ שומר ווי דער דין איז.

אין דעם כלל פון לא תנאף זיינען אויך די אָנפירער וואָס האָבן דאָס פאַר אַ גישעפט, אָדער די וועלכע באַשעפטיגן זיך מיט דעם אין די גאַסט הייזער. זייער פאַרברעכן איז נאָך מער ווי פון דעם בעל עבירה רח"ל, דען ער ברענגט דאָך אלעס. צו דעם האָט ער נאָך אויף זיך אַן עבירה פאַר יעדערן באַזונדער.

וויפיל דאַרף מען זיך היטן פון זנות, דאָס איז פון די זאַכן וואָס מען באַשטראָפט אויף דער וועלט אויך, ווי די חכמים זאָגן: דער וואָס איז להוט נאָך זנות איז דער סוף זיינער, דאָס ער זוכט צו פאַרדינען אַ שטיקל ברויט פאַר זיין פאַמיליע און געפינט ניט, און ער ווערט געשלאָגן מיט שלעכטער געזעלשאַפט.

די ערשטע סיבה דערפון איז, דער אונטערהאַלטן זיך מיט שלעכטער געזעלשאַפט, מיט פרויען, און מען פאַרברייגנט אין נבלות און לצנות, וואָס דאָס צורייצט דעם יצר הרע (אין פרשת אחרי איז גערעדט פיל פון דעם). עס איז אין דער וועלט אויפגעבראָכן געוואָרן די פאַבריקן וואָס ארבייטן צוזאַמען מענער און פרויען, דינגען צו־זאַמען אַ קוואַרטיר אַ בחור מיט אַ בתולה. ווען אויך נאָר מייחד זין זיך אויף אַ ווייל טאָר ניט אַ מאַן מיט אַ פרוי, איז דאָך געוויס, אז מען טאָר ניט אויף שטענדיק אויפהאַלטן זיך אין איין קוואַר־טיר, וואָס אויסער די עבירה פון יחוד קומט עס נאָך צו התקרבות, און אָפט מאָל צו זנות רח"ל. און עס קען קומען צו טויזנטער איסו־רים פון חייבי כריתות רח"ל.

וואָיל איז צו די מענשן וואָס ברעכן זייער יצר הרע. זייער שכר איז זייער גרוים, ווי דער שכר פון יוסף הצדיק און בועז און נאָך צדיקים וואָס די גמרא ברענגט אז זיי האָבן גיבראָכן זייער יצר הרע.

ווען אַ מענטש פאַלט חלילה אריין אַ שלעכטער גידאַנק און

וויל טאָן די עבירה, רח"ל, זאָל ער זוכן אָפּצוהאַלטן מיט אַלע מיט־לען, און אויב ער קען זיך זעלבסט ניט אָפּהאַלטן זאָל ער זיך אָפּ־שעמען און רופן א צווייטן מודיע זיין, ווערט ער זיך שוין ממילא אָפּהאַלטן. ווי די גמרא שעמט זיך ניט צו דערציילן די מעשה פון רב עמרם חסידא, צו ווייזן, אז דורכפאַלן אין אן עבירה קען דער גרעסטער אויך. מען דאַרף זיך אָבער קענען אָפּהאַלטן. דער קלוגער ערליכער איד שעמט זיך גאָר ניט און געפינט פאַר זיך א וועג אָפּ־צוהאַלטן ווען באַהיט ג־ט, ער פאַלט אריין.

די געשיכטע מיט ר' עמרם איז גיווען אזוי: אין זיין צייט, פלעגן רויבער פאַנגען אידישע טעכטער און ברענגען אין די שטעט, געפינען ווער עס זאָל זיי אויסליזן מיט געלט. רב עמרם איז גי־ווען רייך פלעגט ער זיי אויסלייזן, עס זאָלן חלילה ניט זיין די אידישע טעכטער קיין הפקר. איינמאָל האָט ער אויסגעלייזט פון די רויבער פרויען, און האָט זיי ארויפגילאָזן אויף דעם אויבערשטיבל, און צו־גינומען די שטיגן פון אויבערשטיבל. עס האָט אים אַראָפּגישיינט די שיינקייט פון א פרוי, האָט ער גיוואָלט ארויפגיין צו זיי, האָט ער צוגישטעלט דעם לייטער. גייענדיק אויף די טרעפּ, האָט ער זיך אויסגירעכנט וואוהין ער גייט דאָ, איז אים גיוואָרן ענג, ניט אהין, ניט צוריק. האָט ער אָנגיפאַנגען שרייען מיט קולות, עס ברענט, עס ברענט א שריפה ביי עמרם, זיינען די שכנים, אויך די חכמים צוזאַמענגילאָפן און האָבן אים גיפונען אזוי ביי דער לאַגע. זאָגן זיי: רבי, איר האָט אונז פאַרשעמט. ענטפערט ער: בעסער וועל איך פאַרשעמט ווערן אויף דער וועלט, איידער איך זאָל חלילה פאַר־שעמט ווערן אויף יענער וועלט.

ווי מיר האָבן דאָ ארומגירעדט די הארבקייט פון זנות, ווי עס ברענגט צו כרת רח"ל ,און מטמא די וועלט, עס איז מרבה ממזרים בישראל, איז דאָך געווים ניט כדאי איבער די תאוה פון איין ווייַלע, זיך אומגליקליך מאַכן אויף ביידע וועלטן, און מטמא זיין די וועלט, ווען ער וויל זיך פאַרדאַרבן. אָבער ווי אזוי ערלויבט מען זיך דאָס די גאַנצע וועלט צו פאַרמיאוסן, אויף אייביג. דער מענטש וואָס ערלויבט זיך אַזעלכעס צו טאָן, אָדער די אָנפירער פון דעם, זיי ווערן גע'משפט אויף אייביג. וואָיל איז צו דעם וואָס איז גע־היט דערפון. און דער וואָס איז דורכגיפאַלן אין דעם, נאָר ער טוט תשובה, דאָס ערשטע זאָל ער אָוועקוואַרפן זיין וועג, מער אזוי ניט

צו טאָן, און האָבן חרטה אויף פריער, וואָס דאָס איז דער עיקר תשובה. דאָס גלייכן די אָנפירער פון דעם אז זיי טוען תשובה, איז זייער זינד גאָרניט גירעכנט, און קענען צוקומען צו זיין צדיקים.

לא תגנוב.

די מצות לא תעשה איז, ניט צו גנב'נען קיין מענשן. (וועגן גניבה פון געלט זאָכן איז ערקלערט אין פרשת קדושים).

אז מען גנב'ט א מענשן און מען פארקויפט אים איז דער שטראָף חנק (והוא שיכניסו לרשותו וישתמש בו).

דער מענשען האַנדל עקזיסטירט נאָך היינט אויך. ביי די גרעניצן האָט דער מענטש א ווירדע פון גאָרנישט, ווי עס איז ידוע, און קיין איינציגער פרעגט אויף דעם קיין שאלה ניט. אנדערע קומען אַראָפּ פון ווייט, און גנב'נען מיט זייערע רייד די פרויענצימער, און שטעלן זיי פאָר די גרעסטע גליקן, לסוף גיבן זיי גאָר אריין אין בתי זונות און עס ווערט דערמיט גאַנצע גרויסע גישעפטן גימאַכט.

לא תענה ברעך עד שקר.

די מצות לא תעשה איז, ניט צו זאָגן קיין פאַלשע עדות. מען טאָר ניט זאָגן קיין עדות וואָס מען זעט ניט זעלבסט מיט די אויגן און מען הערט ניט מיט די אויערן. ווען אויך מען קען הערן פון די גרעסטע אין דער וועלט, וועלכע עס איז באַשטימט אז זיי וועלן קיין שקר ניט זאָגן, דאָך האָט די תורה פאַרזאָגט דאָס דאָן קען מען זאָגן עדות נאָר ווען מען זעט זעלבסט און מען הערט זעלבסט.

ווען מען זאָגט ניט קיין ריכטיגע עדות, טראָגט דער מענטש וואָס זאָגט פאַלשע עדות אויף זיך א גרויסע זינד. עס טאָר ניט זיין קיין שום רמאות ביים עדות זאָגן. דער כלל איז, דער זאָגן די עדות מוז צוגיין מיט דעם ריינעם אמת.

ווען איינער וויים צו זאָגן עדות און זאָגט ניט, ווערט ער גי־שטראָפט פון ג־ט ב"ה.

אויך טאָר מען ניט זאָגן קיין פאַלשע עדות אין א געריכט פון פרעמדע נאַציעס, דהיינו אין מיראַוואָי סוד א. ד. ג.

ווי נידערטרעכטיג און פאַרדאָרבן זיינען די מענטשן וועלכע פאַרדינגען זיך צו זאָגן פאַלשע עדות אין סוד. אויסער דעם איסור לאו פון דעם איז נאָך א חילול השם רח"ל, דען געוויינליך די וואָס זעהן דאָס צו, פאַרשטייען דעם פאַלש, מיינען זיי אַז די תורה ערלויבט דאָס.

א איד דאַרף זיך היטן פון זאָגן שקר, דען שקר איז פון די זאַכן וואָס מאַכט חרוב די וועלט (על שלשה דברים העולם קיים). מען טאָר קיין שקר ניט זאָגן אפילו איך טו קיין שאָדן מיט מיין שקר, איז דאָך געוויס ווען מען מאַכט שאָדן מיט שקר.

די גמרא זאָג: „סהדי שקרא אגברייהו זילא", דאָס הייסט, די פאַלשע עדות פאַלירן דעם חן ביי זייערע אייגענע דינגער. דען דער ליגנער אפילו דעם וואָס ער טוט א טובה מיט זיין שקר, ביי דעם זעלבסט האָט ער אויך קיין ווירדע.

אמת ברענגט צו אריכת ימים, ווי די גמרא דערציילט אין סנהדרין: איינער א למדן מיט זיין נאָמען רב טביומי, ווען מען זאָל אים די וועלט מיט געלט פולמאַכן האָט ער זיין וואָרט ניט געביטן. איין מאָל איז ער געקומען אין דער שטאָט מיט דעם נאָמען קושטא. די שטאָט לייט האָבן ניט געוואוסט פון זאָגן א וואָרט שקר, דער־פאַר איז קיין איינציגער פון זיי ניט געשטרבן פאַר דער צייט. איז דאָס רב טביומי געפעלן געוואָרן צו באַזעצן זיך אין דער שטאָט, און האָט גענומען דאָ א פרוי. די פרוי האָט אים געבאָרן 2 קינדער. איינמאָל האָט די פרוי געהאַלטן זיך אין ארומוואַשן. איז געקומען א שכנה און אָנגעקלאַפּט אין טיר מען זאָל איר אריינלאָזן. האָט זיך רב טביומי מתיר גיווען און אויסגערעדט דאָס די פרוי איז ניטאָ. באַלד זיינען די 2 קינדער גישטאָרבן. אויף דעם גישריי זיינען צו־זאַמענגעקומען די שטאָט לייט באַוואונדערן, וואָס איז דאָס אזוינס קינדער זאָלן שטאַרבן? דען ביי זיי איז גאָר קיין איינציגער פאַר דער צייט ניט געשטאָרבן. האָט ער זיי דערציילט די זאַך. דאָ האָבן זיי אים געבעטן אַנטשולדיקן ער זאָל זיך פון דאָרט ארויסציען, ער זאָל דאָ דעם טויט ניט אריינברענגען.

א ליגנער איז ערגער ווי א גנב. פון א גנב קען מען זיך היטן, א גנב גנב'ט נאָר געלט, אָבער ניט דעם לעבן, ביי א גנב קען מען נאָך די גנבה אָפּזוכן, א גנב ווען ער גייט גנב'נען היט

ער זיך, אָבער דער ליגנער, דער שקרן, ער גייט אָפּן און קען אריינ־פירן אין גרעסטן אומגליק, מען קען אים גאָר ניט כאַפּן, ווייל עס איז גאָר ניט אָנצומערקן, דען אז מען כאַפּט אים דרייט ער מיט זיין צונג גאָר אנדערש. דערום איז שקר אזוי פאַרהאַסט ביז די תורה האָט גאָר פאַרזאָגט: „מדבר שקר תרחק״, דאָס הייסט, זאָלסט איינגאַנצן ווייכן, זאָלסט גאָר ניט צוהערן קיין שקר.

חניפה און צביעות איז אויך אין כלל פון שקר. חניפה הייסט אויפהויבן א מענשן מער פאַר זיין ווירדע. צביעות הייסט פאַר־שטעלן זיך מען זאָל אים האַלטן העכער ווי ער איז.

דער חונף איבער זיינע א פניה, וואָס ער וויל באַקומען פון איינעם א טובה, הויבט ער אים אויף ביז צום הימל, און דער מיינט אז עס איז אזוי, ביז ער רעט זיך איין און גרויסט זיך איבער לייטן.

דער צבוע פאַנגט אריין דעם מענשן ווי די פיש אין זיין נעץ. צבוע איז טאַקע געפאַרבט. א געפאַרבטע זאַך מוז אָפּגיין, דארום ווען אויך מען זעט פון א מענשן פרומקייט זאָל מען ניט נתפעל ווערן, און האָבן צו אים צוטרוי, סיידן אז מען ערקונדיקט זיך זיין ערליכקייט. ווי די גמרא זאָגט: די צבועים, זיי טוען מעשי זמרי און פאַרלאַנגען שכר ווי פינחס.

אין דעם הויז וואו מען ליבט שקר רוט קללה רח״ל. ווייל דער זיגל פון בורא יתברך איז אמת. רוט די געטליכע ברכה נאָר ביי די וואָס זאָגן אמת, זיי גלייכן זיך צו די מדות פון בורא יתברך. שקר האָט קיין הצלחה. דער מדרש ברענגט (מדרש שוחר טוב): על פסוק הרה עמל וילד שקר, א שיינעם משל: היזק מיט שקר האָבן אָפּגעמאַכט, אז וויפיל שקר וועט פאַרדינען זאָל היזק צו־נעמען.

לא תחמוד.

די מצות לא תעשה איז, ניט נאָכצוזוכן מיט מיטלען צו ערפילן דעם גלוסט צו באַקומען וואָס עס געהערט צום צווייטן, אויב די זאַך שטייט ניט צום פאַרקויף, ווען אפילו אָפּצוצאָלן פאַר דער זאַך מער ווי די ווערדע איז. מען טאָר גאָר אין הארצן אויך ניט גלוסטן וואָס געהערט צום צווייטן, ווי עס איז ערקלערט אין

פרשת ואתחנן ביי דעם לאו לא תתאוה. אלזאָ, ווען מען גלוסט דעם צווייטנס א זאַך אין האַרצן און מען זוכט נאָך מיט מיטלען צ באַקומען די זאַך, איז מען עובר אויף 2 לאוין, איין לאו פון לא תתאוה, דאָס הייסט, דעם גלוסטן אין האַרצן דעם צווייטנס, דער צווייטער לאו פון לא תחמוד, ד. ה. דער נאָכזוכן צו באַקומען דעם צווייטנס.

דער גלוסטן דעם צווייטנס איז זייער א שלעכטער געדאַנק, דאָס ברענגט דעם מענטש צו פיל שלעכטס, ווייבאַלד נאָר אז ער וויל די זאַך וועט ער שוין אויף קיין זאַך ניט קוקן, און וועט אָנ-ווענדן אַלע קרעפטן די זאַך צו באַקומען.

ווי עס איז ידוע דאָס אחאב המלך האָט געגלוסט דעם גאָרטן פון נבות. האָט מען נבות געטויט דורך פאַלשע עדות און אחאב האָט דעם גאָרטן באַקומען. תאוה קען דעם מענטש ברענגען צו אַלדאָס בייז, ווי די גמרא ברענגט אין גיטין א יאָמערליכע געשיכטע:

א געזעלן האָט זיין אויג אויף דעם ווירטס פרוי געגעבן, האָט ער פאַר דעם ווירט אויף זיין פרוי מלשין געווען, ביז דער ווירט האָט איר גי'גט. ער האָט אָבער פאַר איר די כתובה ניט געהאַט צו צאָלן, האָט אים דער געזעלן די געלט אויף דער כתובה גע-ליען. נאָכהער האָט דער געזעלן מיט איר געהייראַט. ער מאָנט אים די געלט וואָס ער האָט אים געליען. דער ווירט האָט אָבער ניט מיט וואָס צו באַצאָלן. האָט ער זיך גישטעלט ביי דעם געזעלע דינען פאַר זיין חוב. ער באַדינט אים מיט זיין פרוי. ער גיט זיי ווייַן צום טיש און זיינע אויגן פליסן טרערן אין כוס אריין. זאָגט אונז די גמרא: צו דער צייט איז אָפגע'חתמ'עט געוואָרן דער בית המקדש זאָל חרוב ווערן.

לא תעשון אתי וגו'.

די לא תעשה איז, ניט צו מאַכן קיין געשניצטן אָדער אויס-געשטאָרצטן מענשן-בילד אפילו נאָר פאַר שיינקייט וועגן. עס דאַרף ביי אידן אין די הייזער צו אַ צירונג ניט זיין, ווי דער דרך איז דאָס אויף די ווענט, מעבל, לאָמפּן, געשיר א. ד. ג. אין די קאָרידאָרן איז מענשליכע פיגורן געשניצט.

מען דאַרף דאָס די קינדער ניט געבן צו שפּילן. לכתחלה טאָר מען דאָס ניט קויפן, נאָר אז מען האָט זיך נאָכהער ארומ־געזען זאָל מען עטוואָס אָפּברעכן פון די אויגן אָדער פון נאָז. עס איז אַרויס אַ נייעס, מען מאַכט עס צום צירונג, אַנדערע טראָגן דאָס צו די זייגערס מעטאַלענע געשטאַרצטע בילדער פון מענשן, איז דאָס א חוב מודיע צו זיין אז דאָס איז א גרויסע עבירה און א חלול השם. און אז מען מאַכט נאָך א צורה א געשטאַרצטע פון א תלמיד חכם, הייסט עס מבזה תלמיד חכם. און אויך נאָך זיין טויט הייסט עס בזיון המת. פאָטאָגראַפיעס ניט קיין געשניצטע איז מותר.

מען טאָר אויך ניט מאַכן קיין בילד פון דער זון, פון דער לבנה און פלאַנעטן.

אויך טאָר מען ניט מאַכן קיין הויז און כלים אין דעם פאַר־מאָס פון בית המקדש און די כלי המקדש.

לא תבנה אתהן גזית.

די מצות לא תעשה איז, ניט צו בויען דעם מזבח מיט איי־זערנע ווערקצייג, זאָגאַר עס טאָר ניט אָנגערירט ווערן דער שטיין אָן אייזן (והוא הדין בכבש).

די שטיינער פון דער מזבח זיינען גענומען געוואָרן פון ים, אָדער פון ערד וועלכע איז קיינמאָל ניט געגראָבן געוואָרן. ווייל דער אייזן קירצט דעם מענשנס לעבן און דער מזבח ברענגט דעם מענשן צו לאַנג לעבן, זעט ניט פיין אויס דער אייזן זאָל אין געבוי פון מזבח א צוטרעט האָבן.

ולא תעלה במעלות על מזבחי.

די מצות לא תעשה איז, דאָס דער ארויפגאַנג צום מזבח זאָל מיט קיין שטאַפּלען ניט זיין, מען זאָל ניט דאַרפן די פיס הויך אויפהויבן, די שאַנדע זאָל ניט געזען ווערן, נאָר עס איז געמאַכט משופּע ווי א בריק ארויפצוגיין.

דערפון איז צו פאַרשטיין ווי ווייט מען דאַרף פאַרזיכטיג זיין אין בזיון פון צווייטן, ווען די שטיינער האָבן דאָך ניט קיין פאַרשטאַנד, מקפיד צו זיין אויף זייער בזיון, דאָך האָט די תורה פאַרזאָגט: ווייבאַלד נאָר זיי האָבן אויף זיך א היילינקייט, טאָר מען זיך ניט נוהג זיין בבזיון, — דער מענטש, דיין אייגענער חרב וועלכער ג-טליכער עבענבילד באַשאַפן, און האָט פאַרדרוס פון א בזיון, איז דאָך געוויס אַז מען דאַרף אין זיין בזיון פאַרזיכטיג זיין.

משפטים

כי תקנה עבד עברי.

די מצות עשה איז, ווען בית דין פאַרקויפט אַן אידן (בזמן הבית), ווייל ער האָט ניט געהאַט צו באַצאָלן פאַר די גניבה וואָס ער האָט גע'גנב'ט, אָדער דער נויט האָט אים מיטגעבראַכט צו פאַרקויפן זיך זעלבסט פאַר א קנעכט, אָדער זיין טאָכטער פאַר א דינסט, זאָל דער ווירט אויפפירן זיך מיט זיי אין דער צייט פון ארויסגאַנג נאָך די דינים פון דער תורה.

זיך זעלבסט קען מען פאַרקויפן אויף וויפיל מען וויל, בית דין פאַר א גניבה, אָדער אַ פאָטער זיין טאָכטער קענען נאָר פאַרקויפן אויף 6 יאָר. ענדע 6 יאָר גייען זיי פריי.

ווי עס קומט ענדע 6 יאָר און דער עבד זאָגט, איך האָב ליב מיין ווירט, איך וויל פון אים ניט גיין פריי, נעמט דער ווירט צו זיך אין הויז 3 דייגים, און דער עבד זאָגט אָפּ די רייד, און דער ווירט פירט אים צו דער טיר און בויערט אים דורך דעם רעכטן אויער, ביז עס גרייכט צום טיר. דערמיט בלייבט ער זיין אייביגער עבד, ביז עס קומט יובל (יובל הייסט אַלע 50 יאָר דער 50-טער יאָר. דער אָנפאַנג פון חשבון שמיטה און יובל איז פון דער צייט וואָס מען האָט גענומען ארץ ישראל), אָדער דער ווירט שטאַרבט.

ווייל דער אויער האָט געהערט אויפן באַרג סיני די ווערטער „כי לי בני ישראל עבדים", דאָס הייסט, ג-ט ב"ה האָט געזאָגט, צו מיר זייט איר אידן קנעכט, און דער מענטש קויפט זיך א האַר און ווערט א עבד לעבדים, דערפאַר ווערט ער געבויערט.

אשר לא יעדה, לו קרי.

די מצות עשה איז, דער איד וועלכער קויפט א אידישע דינסט זאָל ער מיט איר הייראַטן, זעלבסט אָדער פאַר זיין זון פאַר אַ פרוי נעמען.

אויף דער מצוה נויט מען אים ניט מקיים צו זיין ווי מען נויט אויף אַלע מצוות עשה, דען דאָס איז נאָר א זעלטענע גענאָד צו טאָן מיט די אָרימע. אויב אָבער ער נעמט איר פאַר זיך אָדער פאַר זיין זון איז ער מקיים א מצות עשה, און איז זוכה צו האָבן פון איר גוטע כשר'ע קינדער, און ג-ט איז אים מצליח אין איר מזל.

די מצוה לערנט אונז, אז עס דאַרף זיך ניט גרויסן דער רייכער איבער דעם אָרימן, דער ווירט אויף זיין דינער, דען ביי ג-ט ב"ה שטייען זיי גלייך, רייך איז קיין השלמה ניט.

אויב ער נעמט איר פאַר אַ פרוי האָט זי אַלע דינים ווי אַלע פרויען (ווי ווייטער איז ערקלערט).

והפדה.

די מצות עשה איז, ווען דער ווירט וויל איר ניט פאַר קיין פרוי, ניט פאַר זיך ניט פאַר זיין זון, דאַרף דער ווירט איר באַהילפיג זיין אין אויסקויף פון אים. צ. ב. אויב זי איז פאַרקויפט געוואָרן אויף 6 יאָר צו 10 דאָלאַר א יאָר, און דער גביר האָט אָפגיצאָלט דאָס גאַנצע געלט, און זי וויל פון אים באַפרייט ווערן, קען זי זיך מיט אים אויסרעכענען אַלעצייטן און אָפגעבן אים די געלט וויפיל עס קומט אים ארויס, און זי ווערט באַפרייט פון אים. און ער קען ניט מאָנען דאָס די שפעטערדיקע יאָרן האָבן מער ווערט, דען דאָס איז א פאַרדאַרבענקייט, און אידן רחמנים בני רחמנים דאַרפן אימער טאָן חסד מיט דעם צווייטן, דארום מוז ער מיטהעלפן אין אויסלייזונג. די מצוה איז אין דער צייט ווען יובל גייט אָן.

לא ימשל למכרה.

די מצות לא תעשה איז, דאָס דער ווירט האָט קיין רעכט

זיין אידישע דינסט צו פארקויפן פאר אנדערטוועגן (די אלע מצות זיינען נוהג ווען יובל איז נוהג).

שארה כסותה ועונתה לא יגרע.

די מצות לא תעשה איז, דער מאן זאל נישט שפארן פון זיין פרוי די 3 זאכן, שפייז, קליידונג נאך זיין פארמעגן נאך, און פליכט פון דרך ארץ. עס איז נאך דא פיל פארשידענע דינים וועלכער דער מאן איז פארפליכטעט צו דער פרוי. די פרוי איז פארפליכטעט צום מאן מיט איר פארדינסט, און אז זי געפינט א מציאה געהערט דאס צום מאן, און זיין א ווירטין אין הויז. דער מאן ירש'נט די פרוי. די פליכטן וואס די פרוי איז מחויב צום מאן טאר זי נישט פארמיידן, דען זי איז איבערגעגעבן צום מאן אינגאנצן. ווען זי היט נישט אירע פליכטן צום מאן, האט דער מאן רעכט איר צו גט'ן און מאנכעס מאל פארלירט זי נאך די כתובה (אז זי פירט נישט די הויז בכשרות, אדער זי פירט זיך נישט בצניעות, זי גייט אנטבלויזט, אדער מיט די הוילע האר אין גאס, אדער זי שילט זיינע עלטערן פאר אים אין די אויגן).

דאס גלייכן אז ער היט נישט זיינע פליכטן נויט מען אים ער זאל איר געבן גט מיט כתובה, אויב זי פארלאנגט, ווי עס איז ערקלערט זייער פיל אין שלחן ערוך אבן העזר.

דער פליכט פון דרך ארץ פון מאן צו דער פרוי, איז דאך א חוב פון דער תורה און דער באשטאנד פון דער וועלט, דאך מוז יעדער זאך איר צייט האבן. אונזערע חכמים אין מסכת כתובות ערקלערן ריכטיג די צייטן. דער רמב"ם וועלכער איז געווען אין זיין צייט דער גרעסטער אין חכמת הרפואה אויך, זאגט ער אזוי: די זאמען קראפט הייסט דער רעכטער קראפט פון קערפער און די ליכטיקייט פון די אויגן. וואס עס גייט מער פון אים אף די זאמען קראפט ענדיקט זיך דער קערפער מיט זיין קראפט, און דער לעבן זיינער גייט פארלארן. אויף דעם האט שלמה המלך געזאגט: זאלסט זיך נישט איבערגעבן צו דער פרוי אינגאנצן מיט דיין קראפט (אל תתן לנשים חילך). דער וואס לאזט זיך ארייִן פיל אין דעם, ווערט ער אלט אן יארן, זיינע קרעפטן ווערן שוואך, א דאמפף שלאגט אים פון מויל, די האר פון קאפ און פון די ברעמען קריכן

אים אוים, ער ווערט באוואַקסן מיט האָר אויף זיין קערפּער, די ציינער פאַלן אים ארויס, אויסער דעם קומט אויף אים פיל וויטאָגן. מיט איין וואָרט, די דאָקטאָריע זאָגט, דאָס איינער פון טויזנט שטאַרבט נאַטירליך, די איבריגע שטאַרבן אלע פון צופיל איבער־געבן צו דער זאַך. דארום דארף דער מענטש שטאַרק זיך היטן אין דעם (אין שולחן ערוך אורח חיים איז פיל גערעט פון דעם).

מכה אביו ואמו מות יומת.

די מצות לא תעשה איז, מען טאָר ניט שלאָגן דעם פאָטער אָדער די מוטער.

אז מען שלאָגט דעם צווייטן אפילו ביז בלוט, ווערט מען נאָר מיט געלט באַשטראָפט, אָבער ווען מען שלאָגט די עלטערן ביז בלוט איז די שטראָף חנק.

מות יומת.

די מצות עשה איז, בית דין זאָל דן זיין מיט מיתת חנק, דערווערגן דעם וואָס איז פאַראורטיילט געוואָרן (בזמן הבית).

אויף 6 אַרטן פאַרברעכן קומט חנק:

א) פאַר זנות מיט אן אשת איש.

ב) פאַר גנב'נען א מענשן און פאַרקויפן.

ג) פאַר ביילן עלטערן.

ד) א זקן ממרא (דער וואָס קריגט אויף בית דין הגדול).

ה) א נביא שקר.

ו) דער וואָס זאָגט נביאות אין נאָמען פון געצנדינסט.

דער צוגאַנג פון מיתת חנק איז אזוי: דער פאַרברעכער אָדער די פאַרברעכערן, ווערט אריינגעשטעלט אין מיסט, ביז איבער די קני, און מיט א טוך ארום האַלז געדרייט. די 2 עדות, וועלכע האָבן אויף דעם פאַרברעכער עדות געזאָגט, ציט יעדער די טוך צו זיך ביז די נשמה גייט אַרויס. אַלע וועלכע ווערן מיט מיתת בית־

דין באשטראפט דארפן זיך מתודה זיין פאר דעם טויט (די מצוה איז נוהג ווען מען האט דן געוועזן דיני נפשות (בזמן הבית).

וכי יריבן אנשים והכה איש את רעהו.

די מצות עשה איז, בית דין זאלן דן זיין די דינים. ווען איי־נער פארוואונדעט דעם צווייטן. ער דארף באצאלן 5 אפצאלונגען: 1) „נזק", פאר דעם לייב שאדן, 3) „צער", פאר שמערצן ליידונג, 3) „רפוי", די קאסטן פון היילונג, 4) „שבת", וואס ער איז געווען געשטערט אין צייט פון קראנקייט פון פארדינסט, 5) „בושת", פאר שאנדע. די אלע צאלונגען ווערן געשאצט, אויסער די שאנדע פון א תלמיד חכם, אז מען איז אים מבייש ווערט מען מיט א פונט גאלד באשטראפט. אויסער די אלע צאלונגען דארף מען נאך בעטן מוחל זיין.

מען טאר ניט גורם זיין קיין שאדן צום צווייטן אין קערפער, צ. ב. אז ביים שכן איז דא א חולה דארף מען זיך היטן ניט שרייען, ניט קלאפן. מען טאר קיין מענטש ניט שרעקן מיט א ווארט, צ. ב. אומגעריכט אין דער פינסטער געבן א געשריי. ניט מיט קיין תנועה, צ. ב. ביינאכט אומגעריכט אנקלאפן אדער אריינקוקן אין פענסטער.

נקם ינקם.

די מצות עשה איז, בית דין זאלן דן זיין די מיתה פון שווערד (בזמן הבית), ווער עס איז פאראורטיילט.

די מיתה איז איינפאך, מען האקט אראפ דעם קאפ מיט א שווערד.

דיזע זיינען וואס קומט סייף: א) פאר טויטן א מענשן, ווען אויך דער ווירט זיין אייגענעם שקלאף דעם געקויפטן. ב) ווען א גאנצע שטאט זיינען געווארן געצנדינער רח"ל.

וכי יגח שור וגו' וכי יגוף שור וגו'.

די מצות עשה איז, בית דין זאלן דן זיין (בזמן הבית) ווען

פיה, דאָס גלייכן חיות, עופות זיינען מזיק א מענשן, ביז טויט, אָדער אזוי מזיק, אָדער זיי טוען א געלט שאָדן אין לעבעדיקע אָדער ניט לעבעדיקע זאכן, זאָל מען די שטראָף נאָך פארשיידענע צאָלונגען צאָלן (ווי עס איז ערקלערט אין חושן משפט).

סקול יסקל השור ולא יאכל את בשרו.

די מצות לא תעשה איז, קיין הנאה צו האָבן פון די בהמה וועלכע האָט געטויט א מענשן און מען האָט איר פאראורטיילט צו פארשטיינען (בזמן הבית), ווען אפילו מען שלאכט איר, דאָך טאָר מען די פלייש ניט עסן, און צו קיין געברויך געניצט ווערן פון דער גאנצער בהמה (הוא הדין חיה או עוף).

פון דער מצוה איז צו שליסן, ווען די בהמה וועלכע אירע מעשים איז דאָך אָן פארשטאנד, דאָך ווייל דורך איר איז א מענטש פאר־לאָרן געגאנגען, מוז זי פארשטיינט ווערן, און אין גאנצן זיין פאר־האסט, דאָס מען טאָר פון איר קיין הנאה האָבן, ווי דארף שוין דער מענטש פאָרזיכטיג זיין אין זיינע מעשים, וועלכע זיינען דאָך מיט פארשטאנד, עס זאָל קיין מאָל פון אים קיין תקלה ארויסקומען און קיין פארברעכן.

כי יפתח איש בור.

די מצות עשה איז, בית דין זאָלן דן זיין (בזמן הבית), די דינים פון שאָדן וואָס קומט ארויס ווען מען גראָבט אָדער מען עפענט א גרוב, און נאָר וואָס עס איז ענליך צו א גרוב (ט׳ לנזקין י׳ למיתה), צום ביישפיל, אָנשיטן א בערגל מיסט, אָדער מען לייגט אין וועג שטיינער, האָלץ, גלאָז א. ד. ג. אָדער מען גיסט אויס וואסער אין גאס, און דערפון איז ארויס א שאָדן, מוז דער ווירט באצאָלן נאָך די פארשידענע אָפצאָלונגען, נאָך די דינים נאָך. עס איז אין דעם פיל חילוקים אויף וועלכע מען איז חייב אויב זיי האָבן זיך געשעדיגט ביז טויט, אויף וועלכע מען איז נאָר חייב אויף זייער שאָדן אָבער ניט אויף זייער טויט. מען טאָר ניט ווארפן קיין גלאָז, קיין שערבלאך וואו מענשן גייען אָדער, ווינטער אויסגיסן וואסער און עס ווערט דערפון א גליטש.

די גמרא זאָגט: איינער האָט ארויסגעוואָרפן מיסט פון זיין הויז אין גאַס אריין דערביי איז געשטאַנען איינער א חסיד, האָט ער פון אים געלאַכט און זאָגט צו אים: שוטה, וואָרום וואַרפסטו פון ניט דיין אָרט אין דיין אָרט אריין, דען די הויז קענסטו נאָך פאַרקויפן, און דעם טייל אין גאַס האָט יעדער זיין טייל אויף אייביג. עס האָט זיך אזוי אויסגעלאָזט, ער האָט די הויז פאַרקויפט, און אויף די מיסט האָט ער זיך זעלבסט געשעדיגט.

די גמרא זאָגט ווידער: ווער עס וויל זיין א אמת'ער פרומער, זאָל ער אָפּהיטן אלע דינים וואָס פאַרהיט פון ארויסקומען א שאָדן. צ. ב. מען זעט אין גאַס אין אן אָרט וואו מענשן גייען ליגט א זאך וואָס מען קען ניזוק ווערן, דאַרף מען דאָס אָפּראַמען, ווען מען זעט א בהמה אין צווייטנס א פעלד אָדער אין א גאָרטן, דאַרף מען אריינגיין אַראָפּטרייבן.

כי יגנוב איש שור או שה.

די מצות עשה איז, בית דין זאָל דן זיין (בזמן הבית) די דינים פון א גנב וועלכער גנב'ט פיה אָדער נאָר וואָס.

פאַר אַלע זאכן וואָס מען גנב'ט צאָלט מען כפל (טאָפּלט). אַז מען גנב'ט א רינד אָדער א שאָף, און מען שלאַכטעט אָדער מען פאַרקויפט אים, צאָלט מען 5 רינדער פאַר דעם רינד, און 4 שאָף פאַר דעם שעפּס, ווייל דעם שאָף טראָגט ער אויף זיך, איז דערפאַר איינע געשאָנקען.

דארום האָט די תורה געוואָרפן אויף דעם גנב מער שטראָף ווי אויף דעם גזלן, דען דער גזלן צאָלט נאָר איינמאָל פאַר דער זאך און דער גנב צאָלט טאָפּלט און נאָך מער, ווייל דער גזלן מאַכט גלייך דעם כבוד פון בורא יתברך צום כבוד פון מענשן, ער האָט ניט קיין מורא פאַר ג-ט ב"ה, און שעמט זיך ניט פאַר לייטן, דער גנב אָבער פאַר מענשן באַהאַלט ער זיך און פאַר ג-ט ניט, מאַכט ער קלענער ח"ו ג-ט'ס אויג פון מענשנס אויג, ער צייגט אזוי ווי ג-טס ב"ה אויג זעט ניט ח"ו, זיין אויער הערט ניט ח"ו, דארום איז זיין שטראָף גרעסער.

ובער בשדה אחר.

די מצות עשה איז, בית דין זאָלן דן זיין (בזמן הבית) די דינים ווען איינעמס א פיה מאַכט שאָדן מיט די פיס, אָדער מיט די ציין, אין א פעלד, אָדער אין א גאָרטן, אָדער אין א געוויינליכן אָרט שאָדן, צום ביישפיל, זי עסט אָפּ מיט די ציין, אָדער זי פאַר־דאַרבט מיט די פיס די געוואוקס, אָדער זי צוטרעט מיט די פיס די פלאַנצונגען, מוז דער ווירט פון דער בהמה דעם גאנצן שאָדן אָפּצאָלן. און אויב ניט א געוויינליכן שאָדן, צאָלט מען פאר א תם, דאָס הייסט דעם ערשטן און צווייטן מאָל, א האַלבן שאָדן.

כי תצא אש.

די מצות עשה איז, בית דין זאָלן ריכטן די דינים פון פייער שאָדן. דער מענטש וועלכער האָט שולד אין דעם פייער מוז דעם גאַנצן שאָדן אָפּצאָלן, ווייל מען איז שולדיג אכטונג צו געבן אויף פייער וועלכע זי קען דאָך אומבאַגרעניצטע שאָדן טאָן.

פון דעם זעט מען ארוים ווי דער מענטש דאַרף פאָרזיכטיג זיין מיט פייער, אז די תורה פארזאָגט דאָס ווען א פייער גייט ארוים פון זיך זעלבסט פון זיין הויז, איז ווי ווייט נאָר דער פייער דערגייט, אפילו ביז די הונדערסטע הויז, הייסט דאָס ער האָט דעם פייער געשיקט. איז דאָך געווים אז מען טאָר חלילה זעלבסט ניט אונ־טערלייגן קיין פייער די אייגענע הויז צו פארברענען, אויסער די גזילה פון פייער קאַסע, הייסט ער דאָך א מזיק אויף דעם צווייטנס הויז.

די ספרים און מזוזות און ספרי תורה וואָס ווערן דורך דער סיבה פארברענט, איז גלייך ווי זעלבסט מיטן האַנט פארברענט ח"ו. באַהיט ג־ט ווען עס שאַט נאָך מענשן, איז גלייך ווי ער וואָלט זיי מיט זיינע הענט פארברענט. דארום דאַרף זיך יעדער איד צאַ־מען מיט אייזערנע גראַדעס, עס זאָל חלילה ניט ארויף אויף דעם געדאַנק אזעלכעס צו טאָן.

כי יתן איש אל רעהו כסף או כלים לשמור.

די מצות עשה איז, ב"ד זאלן דן זיין (בזה"ב) די דינים, ווען עס נעמט זיך ווער אונטער צו היטן דעם צווייטנס א זאך אומזיסט, און עס האָט זיך געטראָפן א שאדין פון גניבה, אדער איין אנדער שאָדין. מען דארף היטן דעם צווייטינס פקדון מיט אַ זיכערע שמירה, דאס וועגד זיך נאך דער זאך נאך. מען דארף היטן עס זאל ניט ווערן פארדארבן. צוב"ש, אַ בגד דארף מען היטן איהר אויסצולופטערן.

די גמרא דערציילט: שמואל'ס פאטער איז געשטארבן. ביי אים איז געווען א וועקגעלייגט געלד פון יתומים. שמואל האָט ניט געוואוסט פון די געלד. האָט די וועלט אנגערופן שמואל'ן, דער קינד פון דעם געלד עסער פון די יתומים. נאטירליך האט שמואל דער פון גרוים צער געהאט, האט ער אנגעפרעגט ביים פאטער וואו איז די געלד פון די יתומים?

האָט אים דער פאָטער גיענטפערט, אז די געלט געפינט זיך בעהאלטן אין איין מילשטיין, אויבן און אונטן איז מיינע, און אין מיטן איז די געלד פון די יתומים. איך האב אזוי געלייגט בכדי פילייכט וועט געגנבעט ווערן פון אויבן, זאל מען גנבענען מיינע, אויב עס ווערט פוילן זאל פוילן פון מיינע, ווייל פרעמדע אז מען נעמט זיך אונטער צו היטן דארף געהיט ווערן בעסער ווי אייגענע. מען טאר ניט ניטצן קיין פקדון אפילו ווען מען היט אומזיסט.

אשר יאמר כי הוא זה.

די מצות עשה איז, בית דין זאלן דן זיין (בזמן הבית), די דינים. ווען עס געפאלט איין סכסוך צווישן צוויי שותפים, אין געלד אדער אין אַ ווירדע פון געלד. מען טאר ניט טענה'ן קיין פאלשע טענות. ווען בית דין זיינען איינעם מחייב אַ שבועה, און דער צווייטער ווייס ביי זיך דאס דער מענש שווערט פאלש, זאל ער בעסער מיט איהם דורכקומען ווארים דער שטארף פון פאלשע שבועה איז חל אויףביידע. יעדער פון אידן וואס האט אַ סכסוך איז מחויב צו גיין צו בית דין, און פאלגן דעם פסק דין.

דער וואָס גייט אין די ריכט הייזער פון די געצנדינער, הייסט ער איין רשע און איז פסול לעדות.

כי יתן איש אל רעהו חמור או שור.

די מצות עשה איז, בית דין זאלן דן זיין (בזה"ב), די דינים פון שומר שכר, דאס איז ווען עס נעמט זיך ווער אונטער היטן איין זאך פאר געצאלט, און עס טרעפט זיך א שאדין דאס די פיה איז טויט, אדער די כלים זיינען צובראכן, אדער עס טרעפט זיך א גנבה אדער נאר א מין שאדין. אויף א געדונגענע זאך, אדער מען האט ביי זיך א משכון — דעם צווייטנס — האט מען א דין פון א שומר. אלע בעל מלאכות האבן א דין פון א שומר שכר, עס איז דא נאך פיל וואס האבן א דין פון א שומר שכר. (ווי עס איז ערקלערט אין שו"ע חושן משפט).

וכי ישאל איש מעם רעהו

די מצות עשה איז, ב"ד זאלן דן זיין (בזה"ב), די דינים ווען עס לייט ווער ביים צווייטן וואס פאר א זאך און עס טרעפט זיך א שאדין, און אויף וואס פאר איין אופן ער איז חייב אויף א אונס אויך.

א געליענע זאך טאר מען ניט פארלייען צו קיין צווייטן. אויסער א טלית און תפילין, ווייל געוועהנליך איז יענעם ניחא מען זאל מיט זיין זאך טאהן א מצוה. און מען דארף צו נויף לייגן ווי געוועזן. אויסער שבת. ספרים טאר מען ניט פארלייען אהן יענעמס רשות. מיר האבן דא ניט געשטעלט די חלוקים פון א שומר חנם ביז א שומר שכר און א שואל, ווייל דאס גיהער צו בית דין ווארים עס איז דא אין דעם פיל פרטי דינים וועלכע איז ערקלערט אין חושן משפט.

וכי יפתה איש בתולה.

די מצות עשה איז, ב"ד זאלן דן זיין (בזה"ב) ווען ווער צוריידענדיג גוטוויליג איז בועל א בתולה, ער דארף מיט איהר

הייראַטן און דאַרף אָפּצאָלן צום פאַטער בושת פאַר איהר שאַנדע און פגם וואס זי איז דאדורך אראפּ פון ווירדע, צו הייראטן מיט איין אנדערן. אויב דער פאַטער וויל איהר ניט געבן פאַר איהם, אדער זי וויל איהם ניט, אדער ער וויל איהר ניט נעמען, דאַרף ער צו די אבצאהלונג, נאך 50 שקל כסף געבן.

מכשפה לא תחיה.

די מצות לא תעשה איז, אויף בית דין ניט צו לאזן לעבן (בזה"ב), קיין צויבערער מענליכע אדער ווייבליכע געשלעכט. דער שטראף פאר כשוף איז סקילה (בזמן הבית).

דארום שטעלט די תורה מיט דעם לשון „מכשפה" אַ פרויען־צימער, ווייל די צויבערקונסט איז אונטער פרויען, געוועגליך מער ווי ביי מאנסלייט, ווי שאול המלך האט אויף־געבראכט דורך איין צויבערין, שמואל הנביא.

די גמרא זאָגט אין מסכת חולין: איינע אַ צויבערין האָט געוואָלט רבי חנינא'ן מיט צויבעריי באַטריגן. האָט ער איר גע־ענטפערט: עס שטייט אין עוד מלבדו, דאָס הייסט, אויסער דעם ווילן פון בורא יתברך איז קיין קראַפט ניטאָ. דארום האָב איך פאר דיר קיין מורא.

די גמרא אין ירושלמי דערציילט: עס איז מיט אַ צופאַל פארביטן געווארן די ארונות פון אַ תלמיד חכם מיט איין רשע, האט מען דעם ת"ח באגראבן מיט בזיון, און דעם רשע בכבוד. איינער אַ תלמיד האט פון דעם גרוים צער געהאט, און ער איז איהם געקומען צו חלום, ער זאל קיין פארדרום האבן, דאָ בין איך אין גן־עדן און דער רשע איז אין גיהנם. די זאך איז אזוי דער רשע האט אין זיין לעבן איין גוטע זאַך געטאן, האט ער אפּגענומען זיין שכר אויף דער וועלט. איך האב מבייש געווען אַ תלמיד הכם, האב איך געהאט מיין באצאָהלונג „מדה כנגד מדה" אויף דער וועלט, דער עונש פון רשע איז גיהנם זעהר גרוים. פרעגט איהם דער תלמיד, ווי לאנג וועט ער דאס זיין אין דעם שווערן משפט? ענטפערט אים דער רבי: ביז ר' שמעון בן שטח פון די סנהדרין וועט שטארבן, און קומען אויף זיין ארט, פאר וואס ער קוקט זיך

ניט ארום דאס אין דער שטאט אשקלון זיצן 80 צויבערינען וועלכע טרייבן זייער צויבער-קונסט.

דער תלמיד האט דאס באלד איבער געגעבן צו ר' שמעון, און ר' שמעון האט די זאך נאכגעפארשט און האט זיי אויפגעהאנגען. דער משפחה פון די צויבערינען האט דאס גיוועגליך פארדראסן, האבן זיי געזאגט פאלשע עדות פאר די סנהדרין אויף ר' שמעון בן שטח'ס זון, און מען האט אים דן געווען מיט מיתה. פאר זיין טויט האט ער געזאגט אויב איך האב געזינדיגט זאל מיין טויט זיין אַ כפרה אויף מיינע זינד, אויב ניט זאל פאלן אויף די פאלשע עדות מיין אומשולדיגע בלוט. די עדות האָבן געוואָלט ציען זייערע רייד צוריק, עס האט אבער ניט געהאלפן, מען האט איהם דאך געטויט.

ווען ר' שמעון בן שטח איז פאר אים אַן ארט אין גיהנם מיט דעם גרעסטן רשע, וואָרום ער פאָרשט ניט נאָך אויף די פעסטקייט פון דת? וויפל דאַרפן מיר טאָן מורא האָבן פאר דעם גיהנם, פאר וואס מיר קוקן זיך ניט ארום יעדערער אין זיין פאך, די עלטערע פון שטאט אויף די שטאט, עלטערן אויף זייערע קינדער, און ווער נאר עס קאן עטוואס אויף טאהן וועגן דת אין כלל און פרט און קוקט צו און שווייגט.

וגר לא תונה ולא תלחצנו.

די מצות לא תעשה איז, 1) מען טאר ניט מצער זיין מיט ווארטן דעם גר. 2) ניט צו בעטריגן דעם גר אין האנדל, ווען אויך מען טאר קיינעם ניט בעטריגן, אבער אויף א גר האט די תורה נאך אַ מאל באזונדער אנגעזאגט, דען דער מענש איז דאך עלענד. אלזא, ווען מען איז מצער אדער מען נארט דעם גר איז די עבירה דערפילט.

יעדער מענש אין דער פרעמד — ניט צו הויז — דארף מען איהם נאך מער מקרב זיין, ווייל ער הייסט אַ גר.

כל אלמנה ויתום לא תענון.

די מצות לא תעשה איז, מען טאר ניט צודריקן אַ אלמנה,

אדער אַ יתום, ארימע צי רייכע. די באליידיקונג פון אלמנות און יתומים, איז דער שטראָף זעהר גרויס ווי עס שטייט מפורש אין דער תורה: כי אם צעוק יצעק אלי שמוע אשמע צעקתו וגו׳. דאס הייסט ווען זיי וועלן שרייען צו מיר, וועל איך צו הערן, און וועל אָפּצאָלן מדה כנגד מדה, דאָס אייערע פרויען וועלן בלייבן אלמנות און די קינדער יתומים ר״ל. נאר מדריך זיין צו דער תורה, אָדער צו מלאכה, מעג מען זיי יאָ באלעסטיגן.

אין דעם כלל איז ניט צו דריקן א מענשן וואס איז גלייך צו זיי און עלענד. דארום האט די תורה שטריינג פארבאטן אויף דעם דריקן אלמנות און יתומים און דער שטראָף איז זייער גרויס, ווייל זייער געשריי איז דערפילט, איין מאָל ווי נאָר א מענטש שרייט ווען מען דריקט אים, צווייטנס, דורך דעם דערמאנען זיי זיך ווי גרויס זייער אומגליק איז זייער ביטערע לאגע. נאטירליך ווי די ערשטע שעה ווען דער אומגליק האט זיי געטראפן. די אלמנה קלאגט, זי דערמאנט זיך אן איר פאריגן לעבן ווען זי איז געווען מיט איר מאן דעם באשיצער צוזאמען. זי זאגט: מיין מאן וואלט געלעבט, ווער וואלט זיך ערלויבט מיר צו ענטעקירן. דען ער איז דאך געווען מיין פארשטעהר. דער יתום קלאגט אויף זיין בראך. ווען מיין פאטער וואלט געלעבט ווער וואלט זיך ערלויבן אויף מיר אַ דעה זאגן. איז דאך אויסער די עולה וואס מען וויל זיי טאן דערמאנט מען זיי נאך די שלעכטע לאגע זייערע, און דאס איז דער גרעסטער פארברעך. צו דערוועקן אַ מענשן זיינע פאר-גאנגענע אומגליקן אָדער זיין שאַנדע.

אלזאָ ווייל זייער געשריי איז דערפילט איז זייער שטראָף אויך דערפילט, מדה כנגד מדה, לעבענס פאַרשפילט, און די ווייבער בלייבן אלמנות, די קינדער יתום, רח״ל. און ווען אַ אשה איז די פארברע-כערין געגן אַ אלמנה אָדער אַ יתום איז איר שטראָף, דאס זי שטארבט, און איר מאן נעמט אַ אנדער פרוי און אירע קינדער ווערן פון דער פרוי געפייניגט. דארום נאר ביי דעם שטייט דייטליך אין דער תורה דאס ג-ט ב״ה זאגט איך וועל הערן דעם געשריי, ווייל די לעצטע מינוט פאר זיין טויט, האט ער געטראכט און געבעטן, רבש״ע, מיין פרוי, מיינע קינדער בלייבן עלענד, איך האב זיי גאר ניט ביי וועמען צו לאזן, איך גיב דיר ג-ט איבער אין דיין האנד, מאך ווי דו פערשטעהסט.

דארום איז קיין אונטערשייד אין דין פון אן ארימע אלמנה אדער א רייכע, ווייל אין עלענד זיינען זיי פיל גלייך. ווארים וואס טויג איר די גוטעס ווען עס איז אויסגעווייקט אין טרערן.

א יתום הייסט ביז ער ווערט א זעלבסטשטענדיקער מענש. עס איז ניט דא אין דין קיין אונטערשייד צי א יתום צי א יתומה.

אם כסף תלוה את עמי.

די מצות עשה איז, צו לייען דעם געדריקטן, אים צו פאר־גרינגערן זיין שווערן לאסט.

די מצוה איז אין כלל פון צדקה גערעכנט, און נאך שטארקער פאר צדקה. (במס' שבת דף סג). מען מוז אויף דער מצוה נאך מער אויפמערקזאם זיין ווי אויף צדקה, דען דער ארימאן וועלכער עס איז שוין באוואוסט זיין ארימקייט, ער האט שוין ענדעקט זיין בושה צו בעטן הילף, איז זיין איינגשאפט און פינצטערקייט ניט גלייך צו דעם מענשן וועלכער פיהלט מער זיין בושה און ווייכט נאר פון הילף, ער זאל ניט אריין אין דעם ברויט. ווען מען זאל אים אבער לייען, וואלט ער געווים פארדינען זיין לעבנס־מיטל, און וואלט נאך קאנען אויסצאלן זיין חוב.

די גמרא זאגט: דער וואס לייט צום ארימאן ווען אים איז זעלבסט איינג, אויף דעם זאגט דער פסוק: אז תקרא וה' יענה תשוע ויאמר הנני. דאס הייסט ווען דו וועסט צו ג־ט רופן וועט ער דיר העלפן. אין געגנטייל דער וואס האט איבער־פליסיגע פארמעגן און וויל ניט שטיצן דעם געדריקטן, ווי גרויס איז זיין פארברעך. די חכמים פארגלייכן אים צו א געצענדינער, דען ער גלויבט ניט דאס זיין פערמאג האט אים ג־ט ב"ה גיגעבן. ער מיינט אז ער האט דאס פערדינט פון זיין פארשטאנד און זיין קראפט.

ווען איינער שטיצט דעם צווייטן, איז ניט נאר מען רעכנט אים דאס וואס ער גיט אים בעת מעשה, נאר מען רעכנט אים אויך אלע נוטצן וואס די הילף האט אים געבראכט גלייך ווי דער וואס האט אים געהאלפן האט דאס אלעס געטאן. קומט אוים אז מיט א שטיצע ראטעוועט מען יענעם און מען קויפט זיך א מליץ מען רעכענט אייביג דאס דער מענטש האלט אויף א געזינד אין

פרנסה און קליידער, קינדער אין חדר געגעבן, קינדער חתונה גע־מאכט. ווי דער מדרש ברענגט: ר' פנחס הכהן זאגט, איך וואלט וועלן מיינען אז ווען איינער גיט זיין שטיצע, באצאהלט מען אים פאר זיין שטיצע און מער ניט, אלא, ג־ט זאגט: דער מאן האט זיך זיין נשמה געצאפלט, ער האט געהאלטן ביים אויסגיין פון הונגער, און דו האסט אים געגעבן פרנסה, און האסט אים לעבעדיג געמאכט, איך שווער דיר, דאס איך וועל דיר אפצאלן נפש תחת נפש. עס וועט זיך מאכן חלילה עטוואס א אומגליק ביי דיר אין הויז, עס וועט ווער פון דיין הויז גיזינד קראנק זיין, געפערליך, זיי וועלן גאר האלטן ביים שטארבן, וועל איך דערמאנען אלע מצות וואָס דו האָסט מיט דעם אָרימאַן געטאָן, און וועל דיר מציל זיין פון אלעם בייזן.

לא תהיה לו כנושה.

די מצות לא תעשה איז, ווען דער שולדיקער איז ניט אים־שטאנד צו צאלן זיין שולד, זאל אים דער מלוה ניט מאנען זיין חוב, ער דארף אים גאָר מיידן פארביי צוגיין בכדי ער זאָל ניט פארשעמט ווערן.

דער שולדיקער טאר ניט אפשטופן די צייט פון היינט אויף מארגן, אויב ער האט דאס געלד ביי זיך, ווי דער דרך פון שלעכטע צאָלער איז. אויך טאָר דער שולדיקער ניט פארשווענדן קיין געלד, דעם רופט דוד המלך ע"ה: לוה רשע ולא ישלם. דאס הייסט דער רשע בארגט און פארשווענדט די געלד און וועט ניט האבן מיט וואס צו באצאלן זיין שולד.

מען טאר ניט האנדלען מיט פרעמדע געלד קיין ריזיקאַלישע געשעפטן.

מען טאָר ניט האַלטן ביי זיך אבגעצאלטע וועקסלען אדער פאפירן.

לא תשימון עליו נשך.

די מצות לא תעשה איז, דאס אין דעם געשעפט פון צינזן

וועלכע איז ניט געמאַכט נאָך דעם דין נאָך (וע"פ דינא דמלכותא), דאס הייסט אן אַ היתר עיסקא זאל מען קיין איינטריט ניט האבן, ניט זיין קיין סרסור, קיין ערב, קיין עדות, קיין פאפיר שרייבער.

ציינזן איז אַ מין מזיק, די תורה רופט דאס בייסונג, דען דער לוה פילט גאָר ניט, ווי מיט דער צייט קלייבט זיך זיין גוטס אריין ביי דעם מלוה. אזוי ווי די גאנצע אנפירער פון ציינזן געשעפט זיינען סרסורים, דארף דער סרסור זען ניט צו מאכן קיין הלואה אן אַ היתר עיסקא, ווען ניט ציט ער אויף זיך ארויף דעם איסור ווי דער מלוה מיט דעם לוה. און באמת איז דאָס מער ניט ווי אַ נאַכלעסיקע זאַך, ווייל בעונותינו הרבים זיינען די מצות ווי הפקר, דען דער לוה איז דאָך געוועגליך געדריקט צו לייען, אויב מען ווערט אים ניט לייען אן אַ היתר עיסקא, וועט ער דאָך געווים געבן אַ היתר עיסקא. דער מלוה ווידער איז געצוואונגן צו פארלייען, אויב מען וועט ביי אים אנדערש ניט לייען סיידן מיט אַ היתר עיסקא, וועט ער געווים מוזן מאכן אַ היתר עיסקא.

אלזא ווענדט זיך דאס נאר אָן סרסור, ווי אזוי די היתר עיסקא ווערט געמאכט, איז ביי אונז ערקלערט אין פרשת בהר.

אלקים לא תקלל.

די מצות לא תעשה איז, ניט צו פלוכטן קיין דיין. דאָס הייסט, אַ רב אדער אַ מורה הוראה, אויב מען שילט אַ רב אדער אַ דיין, ווערט מען מיט דאָפּעלטע מלקות באַשטראָפט. איינמאָל ווייל מען טאָר ניט שילטן, צווייטנס ווייל ער איז דאָך אַ דיין. אין דעם פסוק איז אויך אַ לא תעשה, ניט צו זיין קיין מגדף ה' ח"ו, ד"ה ניט צו לעסטערן ג-ט'ס נאמען ח"ו, דער שטראף פאר דעם איז סקילה (בזמן הבית).

ונשיא בעמך לא תאור.

די מצות לא תעשה איז, דאָס דעם מלך אדער ראש הסנהדרין, ניט צו פלוכטן, ווען אויך מען טאר קיין מענטשן פלוכטן, אפילו זיך זעלבסט אויך ניט, ווי עס איז ערקלערט אין פרשת קדושים,

אָבער ווען מען פלוכט דיזע, איז מען עובר אויף 2 לאוין, און מען ווערט 3 מאל מלקות געשלאגן (בזמן הבית), פאַר שילטן אַ אידן, אַ דיין, און אַ מלכות. דארום האט די תורה פארזאגט בעזאנדער ניט צו שילטן קיין בית-דין, קיין נשיא, קיין מלך, ווייל נאַטירליך זיינען דא מענטשן וועלכע טראגן אויף זיי אַ הארץ, עס דוכט זיך זיי אוים, דאס זיי טוהען זיי שלעכטס, ווי דער דרך העולם איז, אַז מען פאַרשפילט אַ דין-תורה, ווערט מען דעם רב, דעם דיין אַ שונא, אדער דער נשיא וואס ער איז געשטעלט אויף צו האלטן דעם כלל, פארשטעט מען ניט אַז דאָס אלס וואס זיי טוהען איז לשם שמים, דען זיי טוען פון זיך קיין זאך ניט. זיי טרעטן דאך ניט אפּ פון דין, דאָס מינדסטע. איז דער רעכט אַז מען זאָל אין זייער כבוד נזהר זיין. ניט שילטן זיי אפילו אונטער די אויגן, ווייל דער מענטש אין וואָס פארא מדה ער געוואָינט זיך איין בלייבט דאָס ביי אים נאַטירליך, קען דאָס קומען דורך דעם צו אָפענע מחלוקת, אויף דעם רב פון שטאט, אויף דעם נשיא, אדער צו זיין מורדים במלכות ח"ו. די גמרא דערציילט אין מסכת בבא בתרא:

הורדוס איז געווען אַ עבד בא די חשמונאים און איז געווארן מלכות בא אידן. ער האט אוים געטויט פון די בית חשמונאים, אויך די חכמים. איינעם פון די חכמים בבא בן בוטא האט ער איבער געלאזן, ער זאל האבן ועמען שואל עצה צו זיין. ער האט אים אויך די אויגן אויסגעשטאָכן. איין מאל איז הורדוס געקומען צו אים און האט זיך פארשטעלט פאר זיינעם אַ גוטן פריינד, און זאגט אים, זע וואס דער שלעכטער קנעכט האָט דיר געטאָן. ענטפערט בבא בן בוטא מען טאר אַ מלך ניט שילטן. זאגט ער, הורדוס איז דאך ניט קיין אמת'ער מלך. ענטפערט בבא בן בוטא זאל זיין ער איז אַ נשיא, אדער אַ גביר טאר מען אויך ניט שילטן. זאגט הורדוס: דאס איז אלעם גערעדט אויף דעם וואס גייט אויף דעם ריכטיגן וועג, אבער ניט אזא מין רשע ווי דער הורדוס איז. ענטפערט בבא בן בוטא: איך האב מורא פאַר אים. זאָגט הורדוס: עס איז דאָך ניטאָ ווער עס זאָל אויסזאָגן, עס איז דאָך ניטאָ מער ווי איך און דו. ענטפערט אים בבא בן בוטא: שלמה המלך זאגט די פויגל אונטער דעם הימל טראגט די שטימע און דאָס וואָרט. ווי הורדוס זעט דאָס ער קאָן פון אים קיין וואָרט ניט ארויסציען, האט ער זיך אויסגעגעבן און זאָגט, אַז

איך וואָלט געוואוסט אַז די חכמים זיינען אַזוי געהיט, וואָלט איך זיי ניט געטויט. פרעגט הורדוס, וואס זאל איצט זיין מיט מיר. ענטפערט אים בבא בן בוטא: מיט דער זאך וואס אַ מענש פארברעכט מיט דער זאך דארף ער פאריכטן. די חכמים רופן זיך עיני העדה, דער בית המקדש רופט זיך מחמד עינים. דו האסט ארויסגענומען די אויגן, דו האסט די חכמים געטויט. יעצט איז דיין תקנה צו בויען דעם בית המקדש, וואס הייסט די אויג פון דער וועלט. האט ער אזוי געטאן, און איבערגעבויט דעם בית המקדש.

די גמרא זאגט, דער וואס האט ניט געזען דעם בית המקדש פון הורדוס, דער האָט אין זיין לעבן קיין פיינעם בנין ניט געזען, עס האבן אויסגעזען די ווענט ווי די שטראָמען פון ים.

מלאתך ודמעך לא תאחר.

די מצות לא תעשה איז, דאס אלע אבגאבע „בכורים", „תרומה" און „מעשר" אין אָרדענונג צו געבן, ניט געבן די שפע־טערע פריער.

בעפאר פאר אלעס, מוז אפגעשיידט ווערן „בכורים", נאָך דעם, זאָל צום ערשט געגעבן ווערן „תרומה", איין טייל פון 50 צום כהן, נאכהער מעשר ראשון, דאס ערשטע צענטל פון די געבליבענע צום לוי אפגעבן. אנשטאט מעשר שני ווערט געגעבן דעם 3־טען יאָר און דעם 6־טען יאָר פון שמטה, מעשר עני. אויך קען מען אויסלייזן די מעשר שני מיט געלד, ווי עס איז מפורש אין פסוק.

די מצוה איז נוהג נאר אין ארץ ישראל. יעצטיגע צייט וויל מיר רעכענען זיך פאר טמאים דען מיר האבן דאָך ניט קיין אפר פרה (מיט די אַש פון פרה אדומה האָט מען גערייניגט די וואָס זיינען טמא געווארן פון אַ מת), און אַ טמא טאָר דאָך ניט עסן קיין תרומה, אויך האבן מיר ניט קיין בית המקדש צו פירן מעשר שני אין ירושלים; ולהיות אַז אין דער מצוה פון אפשיידן איז מען דאָך מחויב, ווארום אויב ניט איז די תבואה טבל, און אז מען עסט טבל איז מען דאָך מחויב מיתה בידי שמים רח"ל, דאָרום איז היינט אין ארץ ישראל דער צוגאַנג אזוי: בכורים איז היינט גאר ניט נוהג. נאָר מיט תרומה איז

אזוי: מען נעמט אראפּ אביסל תבואה פון די וואס ליגט אין איין ארט, און מען זאגט: דאָס איז תרומה אויף די גאנצע תבואה וואס ליגט אויף איין ארט. פאר דעם אראפּ נעמען מאכט מען אַ ברכה בא"י אמ"ה אקב"ו להפריש תרומה, און מען פאַר־ברענט דאָס. תרומה פון בוימל מעג דער כהן נוצן צום באַ־לייכטן. נאכהער מעסט ער אוים וויפל ער האָט, און שיידט אפּ אַ 10טע טייל און רופט דאָס מעשר ראשון. פאר דעם אפשיידן מאכט מען אַ ברכה: בא"י אמ"ה אקב"ו להפריש מעשר. דעם 10טעל מעשר גיט מען אוועק צו א לוי אָדער צו א כהן. מער מצוה איז צו געבן צו די לוים אדער די כהנים וואס באשעפטיגן זיך אין תורת ה'. דער לוי ווידער דארף פון דעם מעשר וואָס ער נעמט אָפּשיידן א צענטל און זאָגן דאָס איז תרומת מעשר, און דאָס געהער צו דעם כהן, און דער כהן פארברענט דאָס. בוימל פון תרומת מעשר מעג דער כהן דערמיט באַלייכטן די הויז.

נאכדעם אז מען האט שוין אפגעשיידט תרומה, און מעשר ראשון, דארף מען אפשיידן פון די געבליבענע תבואה אַ 10טל און זאָגן דאָס זאָל זיין מעשר שני, ביים אפשיידן מאכט ער די ברכה בא"י אמ"ה אקב"ו להפריש מעשר. נאכדעם נעמט מען אַ זילבערנע מטבע ניט קיין גלאַטע, און מען בייט אוים די מעשר אויף דער מטבע, און מען מאַכט אַ ברכה בא"י אמ"ה אקב"ו על פדיון מעשר. און זאָגן דער גאנצער מעשר זאָל זיין אויסגעביטן אויף דער מטבע. די מטבע צורייבט מען און מען ווארפט אריין אין טייך. אזוי טוט מען אין ערשטן יאר, אין 2טן, 4טן און 5טן יאר פון שמטה, אָבער דעם 3טן און 6טן יאר פון שמטה איז מעשר עני אויף דעם אָרט וואָס אלע מאָל שיידט מען אפּ מעשר שני; דאס הייסט מען נעמט אראפּ איין 10טל און מען גיט צו ארעמע. אויך קען מען דאָס אויסלייזן פון די אָרימע וויפיל די ווערדע איז פון די תבואה.

ובשר בשדה טרפה לא תאכלו.

די מצות לא תעשה איז, דאס אלע מינים וועלכע ברויכן שחיטה, איז אויב זיי ווערן טריפה פון אַ אייגענעם פעלער, אָדער

זיי ווערן טריפה ווייל זיי זיינען געשעדיקט געוואָרן דורך אַ מזיק, טאָר מען זיי ניט עסן.

(וועלכע הייסט אַ מזיק און דורך וואָס פאַר איין פעלער עס ווערט טריפה, איז אויף דעם זעהר, ערקלערט אין יורה דעה).

די גמרא ירושלמי בריינגט: איינער אַ קצב האָט מאכיל טרפות געווען, ערב יום הכפור איז ער אראפגעפאלן און טויט געבליבן. האבן די כלבים געגעסן זיין פלייש. איז מען געקומען פרעגן ביי ר׳ חנינא אויב מען זאָל גיין יום כפור אפטרייבן די כלבים? האט גיענטפערט ר׳ חנינא: לאזט זיי עסן, זיי עסן זייערע, דען די תורה האָט זיי אפגעגעבן נבילות און טריפות, און דער מענטש האט פון זיי געגזלת און מאכיל געווען אידן, זאלן זיי יעצט עסן זייערע.

די תורה האט אפגעגעבן אַ אידן נאמנות, די נאמנות רופט זיך חזקה, דאס הייסט דער איד שטייט אין זיין בעשטאנד, אז ער איז עהרליך, דארום וואס מען נעמט פון אַ אידנס היים איז כשר. ווייל ניט כשר וועט אַ איד ניט געבן. דאָס איז אלעס גערעדט אז איך האב ניט אויף דעם אידן וואס חושד צו זיין פון דער שלעכטער זייט. אבער ביי יעצטיגער צייט, אז עס עס געפינט זיך ביי אידן מענשן, וואָס לאָזן אָפּ דעם דת רח״ל, פירן זיך אויף מיט פרייהייט און פערדארבענהייט, דער מאָן אדער די פרוי דארף מען גוט נאָך קלערן וועגן זייערע נאמנות, ווען אַזעלכע מענשן באשעפטיגן זיך מיט קצבות.

לא תשא שמע שוא

די מצות לא תעשה איז, דער דיין זאָל ניט הערן די טענות פון איין בעל דין, אָן דעם צווייטן. אויך איז דער זעלבער לאו אויף דעם בעל דין ער זאָל ניט דערציילן זיינע טענות פאר בית דין אָן דעם צווייטנס געגענוואָרט.

אל תשת ידך עם רשע להיות עד חמס.

די מצות לא תעשה איז, בי״ד זאל ניט אננעמען קיין בעל עבירה פאָר אַ עדות.

די זיינען פסול לעדות: א גנב, אגזלן, די וועלכע בע־שעפטיגן זיך מיט קארטן שפילן, די וועלכע פירן זיך אן דרך ארץ, צ. ב. ער עסט אין גאס, און נאך אין דעם ארט. און נאך פיל וועלכע זיינען פסול נאך די ערקלערונג פון חושן משפט.

לא תהיה אחרי רבים לרעות.

די מצות לא תעשה איז, דאס אין דיני נפשות וועלכע עס ווערט געפסקנט דורך 23 סנהדרין (בזמן הבית), ווען אין דעם בית דין געפינט זיך מיט איין שטימע מער צו באשולדיקן דעם פארברעכער, צב"ש, ווען 11 דיינים בעפרייען דעם שולדיקן, און 12 דיינים בעשולדיקן אים, טויג ניט. נאר עס מוז וויינגסטנס מיט 2 שטימען מער זיין, דאן קאן מען אים בעשולדיקן, אבער צום בעפרייען איז גענוג מיט 1 שטימע מער.

לא תענה על ריב לנטות.

די מצות לא תעשה איז, דאס ביי דיני נפשות (בזמן הבית), דער דיין וועלכער האט איינגעשטימט צו באפרייען דעם פארברע־כער זאל ער אים מער ניט ערקלערן פאר שולדיג.

אחרי רבים להטות.

די מצות עשה איז, ווען בית דין צווישן זיך זיינען ניט גע־איינגט ווי צו פסק'נען דעם דין, זאל מען די מערהייט טייל פאלגן. דאס איז אלם גערעט ביי א זיצונג פון חכמים מוז מען פאלגן די מערהייט. אבער אין דעם כלל וועלט, האט די מערהייט ניט קיין קראפט געגן דער מינדערהייט. אין געגנטייל, מיר זעען דאך אז קליגערע זיינען וויניגער אויף דער וועלט.

ודל לא תהדר בריבו.

די מצות לא תעשה איז, דער דיין זאל ניט פסק'נען (בזמן הבית), דורך מיטלייד אויף דעם ארימאן געגן דעם דין.

עזוב תעזוב עמו.

די מצות עשה איז, ווען מען זעט א בהמה, אונטער דעם לאסט פון דער משא, צום ביישפיל, עס קערט זיך איבער א וואגן, אדער ארויף בארג, ווען די בהמה גיהערט אפילו צו זיין שונא, מוז מען אויך העלפן אפפאקן די משא. אויך מוז מען העלפן ארויפ־לייגן צוריק די משא, ווי עס איז ערקלערט אין מצוה תק"מ.

אפילו ביז הונדערט מאל איז מען מחויב צו העלפן.

ווען דער ווירט איז דערביי ניטא, מוז מען אליין טאן ווי מעגליך איז. ווען אבער דער ווירט איז דא, און וויל אין דעם גאר ניט טאן, איז קיין צווייטער ניט מחויב צו טאן. דער חיוב איז נאר מיטצוהעלפן.

דער העלפן אפפאקן דארף זיין אומזיסט. פאר ארויפלאדן משא מעג מען בעטן געצאלט. מען דארף מיט אים מיטגיין ביז 5 פערטל שעה גאנג, פיליכט טרעפט זיך ווידער דער אומשטאנד.

אויב דער ווירט באפרייט פון דעם, איז מען פטור.

דער פליכט צו גיין העלפן איז ביז אן ערך 90 קלאפטער. א זקן אדער א נכבד איז מחויב צו העלפן אויב ער טוט די זעלבע ארבייט ביי זיך זעלבסט.

מען טאר ניט לייגן צופיל משא וועלכע די בהמה קען ניט דערטראגן.

מען טאר ניט מצער זיין קיין לעבעדיגע זאך. מען טאר ניט זעצן קיין עוף אויף אייער וועלכע זיינען ניט פון איר מין.

מען טאר ניט מאטערן קיין בעלי חיים. מען דארף אכטונג געבן קינדער זאלן ניט מאטערן אפילו די קלענסטע בריה, דען זיי וועלן זיך איינגעוואוינען מיט דעם וועלן זיי באקומען א שטיינערנע הארץ, און ניט וויסן פון רחמנות. ווען אויף א בהמה האט די תורה חס גיוועזן איבער צער בעלי חיים, איז דאך געוויס אז מען מוז העלפן דעם מענשן זעלבסט, ווען ער ליגט אונטערגעווארפן אונ־טער זיין משא. און העלפן דארף מען אין נאר וואס ער טוט, און קען ניט באהויפטן צו טאן.

לא תטה משפט אביונך בריבו.

די מצות לא תעשה איז, ווען עס קומט צום דיין (בזמן הבית), א בעל עבירה רח"ל, מיט דעם פרימסטן מענשן, זאָל ער ניט דענקען דעם בעל עבירה פאר אומגערעכט. דען אין דין זיינען אלע גלייך.

ונקי וצדיק אל תהרוג.

די מצות לא תעשה איז, ניט דן זיין קיין דיני נפשות (בזמן הבית), נאָך דעם פארשטאַנד נאָך, נאָר פסק'נען נאָך די איבער-ציינונג פון די עדות.

די גמרא בריינגט א געשיכטע: ר' שמעון בן שטח איז געגאַנגען, זעט ער דאָס איינער מיט א שווערד אין האַנט יאָגט דעם צווייטן, האָט אים ר' שמעון נאָכגעיאָגט, און געפונען דעם רוצח אין א חורבה און דער צווייטער איז געשאָכטן, און ביי דעם רוצח איז די שווערד מיט בלוט. זאָגט ר' שמעון: איך פארשטיי גאַנץ גענוי, דאָס דו ביזט דער מערדער פון דעם מענשן. אָבער וואָס קען איך מאכן, די תורה זאָגט דאָך, מען מוז מיט די אויגן די זאַך זעען, נאָר ג-ט וויים דעם אמת, ער דאַרף ניט קיין עדות, ער וועט פון דיר די בלוט אויפמאָנען. איך וועל פון דעם אָרט ניט אָפטרעטן ביז איך וועל דיין שטראָף זעהן. איז געקומען א שלאַנג און דעם רוצח איינגעביסן ביז טויט.

ושוחד לא תקח.

די מצות לא תעשה איז, דער דיין זאָל ניט נעמען קיין בע-שטעכונג.

והשביעית תשמטנה ונטשתה.

די מצות עשה איז, דאָס דער 7-טער יאָר וועלכער הייסט שמיטה זאָל די געוואוקס וואָס אויף די פעלדער און בוימער און וויינגערטנער הפקר זיין. די מצוה איז נוהג נאָר אין ארץ ישראל.

די צייט איז דער באשטאנד פון דער וועלט. שבת און שמיטה מאכט באקאנט אין דער צייט, דאס דער בורא יתברך שמו לעד האט באשאפן די וועלט, און נאר ער איז דער בעל הבית איבעראל. אלזא, די גאנצע 6 יאר בעארבייט ער די ערד, און האט פרוכט, און 7-טן יאר מוז די גאנצע תבואה און פרוכט הפקר זיין. וועט ער דאך דערפון פארשטיין, דאס די גאנצע 6 יאר וואס די ערד האט ארויסגעגעבן איז דאס נאר די ג-טליכע ברכה, און ניט דורך זיין פארשטאנד באגליקט אים. נאר ג-ט איז א האר אויף אלעס, דען ווען ער וויל הייסט ער גאר עס זאל זיין הפקר. און דורך דער מצוה קויפט ער זיך נאך די מדה פון בטחון, דאס ג-ט ב"ה וועט אים ניט פארלאזן, ווי עס שטייט אין דער תורה, דאס אין 6-טן יאר וועט ג-ט אריינשיקן די ברכה, דאס עס וועט גענוג זיין אויף 3 יאר.

וביום השביעי תשבות.

די מצות עשה איז, צו רוען דעם שבת פון טאן א מלאכה (ווי עס איז ערקלערט אין פרשת יתרו).

ושם אלהים אחרים לא תזכירו.

די מצות לא תעשה איז, מען טאר ניט שווערן אין דעם נאמען פון געצנבילד און ניט באשווערן אפילו א געצנדינער אין נאמען פון געצנבילד.

לא ישמע על פיך.

די מצות לא תעשה איז, עס זאל קיין מענטש ניט פאר־פירן א געמיינדע, ווען אפילו דער אנפירער זעלבסט דינט ניט, קומט אויך דעם אנפירער סקילה (בזמן הבית, ווי עס איז ערקלערט אין פרשת ראה.

אין דעם כלל זיינען די מענשן וועלכע פירן אראפ אידן פון דער אמונה ח"ו, מיט רייד אדער דורך זייערע פארגיפטעטע ווערק. אין שו"ע ווערן זיי גערעכנט פאר מסיתים ומדיחים רח"ל.

שלש רגלים תחוג לי בשנה.

די מצות עשה איז, דאָס די 3 פייערטעג פסח, שבועות און סוכות, אין דער צייט וואָס מיר האָבן א בית המקדש, זאָל יעדען איד ווען עס קומט צום ערשטן טאָג יום טוב (אין בית המקדש), מקריב זיין א קרבן שלמים. דער קרבן רופט זיך: „שלמי חגיגה".

לא תזבח על חמץ דם זבחי.

די מצות לא תעשה איז, ניט צו שלאַכטן דעם קרבן פסח בעת עס איז נאָך דאָ חמץ ביי די וואָס זיינען פון דער קאָמפּאַניע, וואָס האָבן צוזאַמען געמאַכט דעם קרבן פסח, אָדער די וואָס גייען ארום דער ארבייט פון קרבן פסח (ד. ה. שוחט, זורק און מקטיר).

ולא ילין חלב חגי עד בוקר.

די מצות לא תעשה איז, דאָס וואָס עס פאָדערט זיך מקריב צו זיין פון קרבן פסח אויף דעם מזבח, זאָל מען ניט לאָזן ליגן ביז מאָרגן, נאָר דעם זעלבן טאָג מקריב זיין.

ראשית בכורי אדמתך תביא בית ה' אלקיך.

די מצות עשה איז, דאָס מען זאָל פון די ערשטע פון די 7 מינים פרוכטן (וועלכע ארץ ישראל איז מיט דעם געבענשט, און דאָס זיינען זיי: ווייץ, גערשטן, פייגן, וויינטרויבן, מילגרוימען, אייל־בירטן און טייטלען), ברענגען נאָך ירושלים, נאָך דעם דין נאָך.

דער אָפּשייד פון בכורים איז אזוי: ווי דער ווירט גייט אריין אין פעלד אָדער אין גאָרטן, און דערזעט די ערשטע פרוכטן וואָס ווערט צייטיג, בינט ער איר ארום מיט א ריטל פאר א סימן אז דאָס איז בכורים. די בכורים ווערן געבראַכט אין א כלי.

פון קיין משקה ווערט ניט געבראַכט קיין בכורים אויסער וויין און בוימל.

דער צוגאַנג צו בכורים ,וועלכע מיר האָפן צו ברייגגען במהרה בימינו, איז אזוי: עס פלעגן זיך צוזאַמענקלייבן א גאַנצער מעמד (געמיינדע) מענשן פון זייערע ערטער אין דער שטאָט וואו עס האָט געוואָינט דער ראש המעמד. זיי פלעגן נעכטיגן אויף דער גאַס. ווי עס איז אויפגעגאַנגען דער מאָרגנשטערן פלעגט דער ממונה (בעאַמטע) אויסרופן: שטייט אויף, לאָמיר גיין אין ציון, אין אונזער ג-טליכער הויז! מיט זיך האָבן זיי געפירט אן אָקס פאַר א קרבן שלמים, זיינע הערנער געדעקט מיט גאָלד און אויף דעם קאָפּ אויסגעפלאָכטן א קרוין פון איילבירט-האָלץ. דער אָקס גייט פאָראויס און מוזיק מיט פלייטן שפּילן ביז ירושלים. גייענדיק זאָגן זיי „שמחתי באומרים לי בית ה׳ נלך".

קומענדיק נאָהענט צו ירושלים, האָבן זיי געשיקט מודיע זיין אין שטאָט דאָס זיי קומען אָן. די עלטערע פון די כהנים און לוים, אויך די גבאים פון די אוצרות פון בית המקדש, גייען זיי אנטקעגן. ווי זיי קומען צום הר הבית פו בית המקדש, איז אפילו דער מלכות זעלבסט, נעמט די קערבל פו בכורים אויף דעם אַקסל און טראָגט ביז דער עזרה פון בית המקדש. ווי מען איז אָנגעקומען אין דער עזרה, האָבן די לוים געשפּילט און געזונגען „ארוממך ה׳ כי דליתני". הינטער די קערב זיינען געהאָנגען טויבן אויף מקריב צו זיין עולות, און די בכורים האָבן זיי אָפּגעגעבן צו די כהנים. (ווי איז דער צוגאַנג פון דער זאך צו האַלטן אויף דעם אַקסל ביז ענדע, איז ערקלערט אין פרשת כי תבוא).

לא תבשל גדי בחלב אמו.

די מצות לא תעשה איז, ניט צו קאָכן קיין פליישיגע מיט מילכיגע צוזאַמען, ווען אפילו ניט צום עסן, דען דער קאָכן איז אויך אן איסור גלייך ווי עסן.

ווען אויך עס גיט נאָר א שפּריץ פון איינע אויף דער אַנ-דערער אָדער עס טרעפט א פאַרמישונג אין די כלים, דאַרף מען פרעגן א שאלה אויף דעם עסן און אויף די כלים.

עס איז דאָ אסאך חילוקים אין דעם. אמאָל ווערט טריפה אז עס איז אסור בהנאה, און מען טאָר דאָס אפילו א הונט ניט געבן,

מען דארף דאָס אריינגיסן אין טייך, אָדער אין אן אומריינעם אָרט. אָפּט מאָל ווערן טריפה די כלים אויך. מיר געפינען ניט פאַר נויטיג צו ערקלערן די פאַרבאַרייטונג וועגן דעם, ווייל מיר אידן זיינען ב"ה נזהר צו פרעגן אַ שאלה אויף דאָס מינדעסטע.

די פרטי דינים פון דער מצוה איז ערקלערט אין יורה דעה זייער פיל. וועגן עסן בשר בחלב איז ערקלערט אין פרשת כי תשא).

לא תכרות להם ולאלהיהם ברית.

די מצות לא תעשה איז, מען טאָר ניט שליסן קיין שלום מיט די 7 פעלקער כנעני, חתי, אמורי, פריזי, חוי, יבוסי, גרגשי, וואָס זיינען געזעסן אין ארץ ישראל. אין דער צייט ווען אידן זיינען פריי געווען מלחמה צו האַלטן זיינען זיי מצווה געווען די 7 פעל־קער אָדער אויסראָטן זיי פון דער וועלט, אָדער זיי זאָלן פאַרלאָזן די געצענדינסט.

לא ישבו בארצך פן יחטיאו אותך לי.

די מצות ל"ת איז, דאָס די געצענדינער טאָר מען ניט לאָזן באַזעצן זיך אין ארץ ישראל, ווייל זיי קענען אונז פאַרדאַרבן. מען טאָר זיי ניט פאַרקויפן אין ארץ ישראל קיין הייזער, און ניט פאַר־קויפן אָדער פאַרדינגען קיין פעלדער.

ת ר ו מ ה

ועשו לי מקדש.

די מצות עשה איז, צו בויען אַ בית המקדש, צוגרייטן די כלים וועלכע גיהערן צום בית המקדש. דער הויפט פון בית המקדש איז דער היכל, וואָס אינווייניג איז דער קדשי קדשים, און דער הויף וואָס ארום דעם היכל מיט דעם נאָמען עזרה. אין בית המקדש איז געמאַכט געוואָרן כלים: אַ מזבח מקריב צו זיין קרבנות, אַ האַנט־פאַס וואו די כהנים זאָלן וואַשן די הענט מיט די פיס, אַ

מנורה, א שולחן, אויף וועלכן עס ליגט דער לחם הפנים, א גאָלדענער מזבח צו דאַמפּפן קטורת, און נאָך פיל אנדערע כלים.

דער היכל און די עזרה זיינען געבויט פון הויכע און טייערע שטיינער. וואָס מען קען מאַכן העכער און שענער, איז מער מצוה. אפילו אינגאַנצן מיט גאָלד באַפּוצן, אויב מען איז פאַרמעגליך. אַלע מוזן באַהילפיג זיין אין געבוי פון בית המקדש, אין ארבייט און מיט געלט, יעדער נאָך זיין כח, פרויען־צימער אויך. אויסער קינדער פון לערנען טאָר מען ניט מבטל זיין צום געברויך פון בית המקדש.

מיר ווייסן בקבלה, דאָס דער מזבח איז אימער אין זעלבן אָרט. אויף דעם אָרט האָט געבויט דוד און שלמה א מזבח. אויף דעם אָרט איז געווען עקידת יצחק. נח, קין והבל און אדם הראשון האָבן מקריב געווען קרבנות אויף דעם אָרט. פון דעם אָרט איז אדם הראשון באַשאַפן געוואָרן (פרקי דר״א). און אויף דעם זעלבן אָרט וועט זיין דער קינפטיגער מזבח אויף וועלכן מיר האָפן מיט גרויס האָפנונג עס זאָל געבויט ווערן במהרה בימינו אמן!

דאָ וועלן מיר ארום שרייבן די הויפּט געביידע פון דעם צווייטן בית המקדש:

דער בית המקדש איז ניט געשטאַנען אויף א גלייכן פּלאַץ. זאָנדערן דער גאַנצער ביהמ״ק איז באַרג אַרויף געשטאַנען דאָס פון 1־טן טויער אין הר הבית (דארום רופט זיך דער גאַנצער שטח הר הבית, ד. ה. דער באַרג וואָס אויף אים שטייט דער ביהמ״ק), ביז דעם היכל איז גיווען 22 איילן די הויך. דער באַרג איז געווען ארומגעצאַמט מיט הויכע מויערן. דער פּלאַץ פון אינווייניג איז געווען 500 איילן לאַנג אויף 500 איילן די ברייט. דער הר הבית האָט געהאַט 5 טויערן. 2 טויערן אין דרום זייט מיט דעם נאָמען חולדה (אויף דעם אָרט האָט חולדה הנביאה נביאות געזאָגט), דאָרט איז געווען דער אלגעמיינער אריינגאַנג און ארויסגאַנג. איין טויער אין מערב זייט מיט דעם נאָמען קופינס (אויף לשון יון א לוסט־גארטן), דער אויסגאַנג צום ראָזן־גארטן. איין טויער אין צפון מיט דעם נאָמען טדי (כהן משמר שנטמא יוצא דרך שם). איין טויער אין מזרח זייט מיט דעם נאָמען שושן, ווייל איבער דעם טויער איז געווען די שטאָט שושן הבירה אויסגעמאָלט צום צייכן דאָס די אידן פון יענער צייט האָבן געהאַט אונטער די רעגירונג פון מלך פרס. דורך

דעם טויער איז דער כהן מיט זיינע גיזעלן געגאנגען די פרה אדומה פארברענען צו דעם הר המשחה (איילבערג). דערנעבן שער השושן פון אינווייניג איז געווען דער צימער פון 23 פערזאָן סנהדרין, וועל־כע הייסן „סנהדרי קטנה". פאר זיי איז געזעסן אויף דער ערד 3 שורות צו דריי און צוואנציג תלמידים.

די הויך פון די ווענט פון הר הבית (דער ארומצאם פון בית המקדש), איז אונבאוואוסט (אריסטו באַשרייבט צו זיין ברודער פיליקארט (ער איז געווען א שליח פון מלך פילידאלפי צום כהן גדול), די שיינקייט פון בית המקדש, און ווי אזוי ער איז ארומ־געצאַמט מיט די הויכע ווענט, יעדער וואנט איז העכער ווי 70 איילן די הויך).

דער 4-טער צאם פון מזרח ערקלערן די חז"ל אז ער האָט נאָר געהאַלטן 20 איילן די הויך. דער ארייגאנג פון הר הבית איז געווען תמיד רעכטס, און מען האָט ארומגערינגלט ארום די עזרה און מען איז ארויס לינקס, אויסער אן אבל רח"ל, און א מנודה איז ארײן לינקס און ארויס רעכטס, בכדי אז מען וועט אים באַגע־גענען זאָל מען אים פרעגן וואָרום גייסטו אנדערש ווי אלע. אויב ער איז אן אבל רח"ל, זאָגט מען אים דער וואָס האָט געמאַכט רוען זיין נאָמען אין דער הויז זאָל דיר טרייסטן. אויב ער איז א מנודה זאָגט מען אים, דער וואָס האָט געמאַכט רוען זיין נאָמען אין דעם הויז זאָל דיר ארייגעבן א דעה אין הארצן זאָלסט פאָלגן דיינע חברים בכדי זיי זאָלן וועלן דיר מקרב זיין.

פון אינווייניג פון טויער פון הר הבית איז געווען א צאם געפלאָכטן ארום און ארום טויער פון דער עזרה 10 איילן. די 10 איילן רופט זיך חיל. אין דעם צאם איז געווען 13 אָפענע ערטער צום אָנדענק פון די 13 פרצות וואָס די יונים האָבן אויסגעבראכן ווען זיי האָבן מטמא געווען דעם בית המקדש. דארום פלעגט מען זיך גענגן די 13 אָפענע ערטער 13 מאָל בוקן, צו דאנקען דעם היי־ליגן באַשעפער ב"ה פאר דעם נס.

דער פלאַץ פון דער עזרה איז אויסגעקומען העכער פאר דעם הר הבית 6 איילן, דארום איז געווען ארום און ארום די עזרה אין דעם שטח פון חיל 12 טרעפ (שטיגן), יעדער טרעפ א האלבע אייל די הויך. דאָ האָט געהאַט דער עולם אן אָרט צו זיצן.

אין דער מזרח זייט פון דער עזרה איז געווען אן ארט וואס האט זיך גערופן „עזרת נשים". ער האט געהאלטן 135 איילן די לענג פון מזרח ביז מערב. דאס זעלבע די ברייט פון צפון ביז דרום. אין עזרת נשים איז געווען ארום און ארום די ווענט א גאַלעריי פאר פרויען אראפצוקוקן אויף דעם פאראד פון שמחת בית השואבה, בכדי עס זאלן זיך ניט מישן מענער און פרויענצימער צוזאמען. אין עזרת נשים איז געווען אין די 4 ווינקלען געצאמטע ערטער אן דעכער יעדער ארט האט געהאלטן צו 40 איילן, דאס איז געווען: 1) לשכת הנזירים. דארט פלעגן די נזירים קאכן זייערע שלמים און אפגעגאלט די האר. די האר פלעגט מעןווארפן אונטער דעם קעסל. 2) לשכת העצים. דארט פלעגן די כהנים בעלי מומים אויסקלייבן די ווערעמדיגע האלץ. 3) לשכת המצורעים. דארט פלגט זיך דער מצורע טובל'ן פאר זיין קרבן מקריב זיין. 4) לשכת בית שמנים, דער לאגער פון די בוימל און וויין.

ביי דער רעכטער זייט פון דער עזרה איז געווען א צימער וואו די 23 סנהדרין זיינען געזעסן. (גרעסערע פאר די וועלכע זייַנען געזעסן אין צימער לעבן שער השושן).

די עזרה איז געווען אויף דעם בארג וואס ווייטער העכער, איז אויסגקומען די עזרה העכער פאר דעם עזרת נשים מיט 7 און א האלב איילן, איז דארט געווען 15 טרעפ פון עזרת נשים ביז דעם טויער פון דער עזרה, געגן די 15 שיר המעלות וואס אין תהלים. דארט האבן די לוים געשפילט שמחת בית השואבה. אין דער הויך זיבן א האלב איילן איז געווען אויסגעגראבן צימערן אונטער דער עזרה, פאר די לוים צו האלטן די כלי שיר, און צו לערנען זיך חכמת מוזיק (תפארת ישראל).

אין דער וואנט פון דער עזרה ביי צפון זייט נאהענט צו מזרח, איז געווען א הויז מיט דעם נאמען בית המוקד, דארט האט מען געהייצט פאר די כהנים צו ווארימען זיך, ווייל זיי זיינען געגאנגען בארוועס אויף דער רצפה. איין העלפט איז זי געשטאנען אויף דעם פלאץ פון הר הבית, דאס האט קיין קדושה געהאט, דאס הייסט חול, די צווייטע העלפט אויף דעם פלאץ פון דער עזרה, וואס הייסט קודש. די הויז האט געהאט א טיר צו דער עזרה און א טיר צום הר הבית. אין די ווענט פון דער הויז איז געווען גע-

מויערט לאָוועס ביז צום סופיט, אונטן ברייטער אויבן שמעלער, דאָרט אין דער זייט פון חול, זיינען די עלטערע כהנים געשלאָפן, און די יונגע כהנים זיינען דאָרט געשלאָפן אויף דער רצפה (ווייל אין דעם פלאַץ פון קודש טאָר מען ניט שלאָפן). אין דעם אָרט פון חול איז אין רצפה געווען אויסגעגראָבן 4 קאַנטיק ווי א קאַסטן צוגעדעקט מיט א מאַרמאָרנעם דעק. דאָרט זיינען געהאַנגען די שליסלען פון די טויערן פון דער עזרה. פון אויבן איז א כהן גע־שלאָפן. אין די 4 ווינקלען פון בית המוקד, איז געווען 4 צימערן, אין איינעם איז געשטאַנען אָנגעגרייט די שאָף פאַר דעם קרבן תמיד, וואָס מען האָט געברויכט אַלע טאָג. אין צווייטן צימער האָט מען געמאַכט דעם לחם הפנים. אין דריטן צימער איז געווען א קאַנטאָר, דאָרט האָט מען פארקויפט אָנווייזונגען אויף מעל, בוימל און וויין, צו מנחות און נסכים. פון פערטן צימער איז געווען אַן אַראָפּגאַנג אין די היילן וואָס אונטער דעם הר הבית צום בית הטבילה און אנדערע נויטווענדיקייטן, צום מענשליכן געברויך. איןביידע זייטן גאַנג האָבן פאַקלען געברענט.

אין דער עזרה איז געווען 6 צימערן, 3 אין צפון זייט: 1) לשכת המלח, דער לאַגער פון זאַלץ. 2) לשכת הפרוה, דאָרט פלעגט מען אויסזאַלצן די פעל פון די קדשים. 3) לשכת המדיחין, דאָרט פלעגט מען שווענקען די איינגעווייד פון די קדשים. 3 אין דרום: 1) לשכת פלהדרין, דאָרט האָט דער כהן גדול געהאַט א דירה 7 טעג פאַר יום כפור. 2) לשכת הגולה, דאָרט איז געווען דער ברונים וואָס די בני הגולה האָבן געמאַכט פאַרן געברויך פון בית המקדש. 3) לשכת הגזית, דאָרט זיינען געזעסן די בית דין הגדול, דאָס איז די 71 סנהדרין. זיי האָבן אויך אונטערזוכט וועלכער כהן איז פסול, וועלכער איז כשר. דער וואָס איז געווען פסול, פלעגט זיך אָנטאָן אין שווארצן, און אוועק אין טרויער. וועלכער איז געב־ליבן כשר האָט זיך אָנגעטאָן די בגדי כהונה און געטאָן די עבודה און געמאַכט א יום טוב.

די עזרה האָט געהאַט 13 טויערן, 4 אין דרום זייט: 1) שער העליון. 2) שער הדלק, דורך דעם טויער האָט מען געפירט די האָלץ פון דער מערכה. 3) שער הבכורות, דורך דעם טויער פלעגט מען אריינפירן די בכורות און די קרבנות וועלכע ווערן געמאַכט אין דרום זייט. 4) שער המים, איבער דעם טויער איז געווען 2 צימערן,

אין איינעם איז געווען א מקוה פאר דעם כהן גדול אויף יום כפור, געצויגן מיט א וואסערצאנג קינסטליך, וועלכע עס איז ניט קענטיג געווען פון וואנען דאס גייט. איין צימער בית אבטינס, דארט האט מען רעכט געמאכט די קטורת.

4 אין צפון זייט: 1) שער יכניה, דורך דעם טויער איז ארוים יכניה ווען ער האט גענומען אפשייד פון בית המקדש, בעת נבוכד־נאצר האט אים פארטריבן. איבער דעם טויער איז געווען א גאלעריי. אויבן זיינען געשטאנען כהנים מיט ביקסן א וואך, אונטן זיינען געשטאנען לוים. 2) שער הקרבן, דורך דעם טויער פלעגט מען אריינפירן די קרבנות וואס ווערן גע׳שחט׳ן אין צפון. 3) שער הנשים, דורך דעם טויער פלעגן אריין נשים סומך זיין אויף זייער קרבן. 4) שער השיר, דארט פלעגט מען דורכטראגן די כלי שיר פאר די לוים. דער טויער איז אויסגעקומען געגן דעם דוכן, דאס איז דער ארט וואו די לוים האבן געשפילט דעם שיר של יום.

3 טויערן אין מזרח זייט, דער שער נקנור מיט 2 זייטיגע טויערן. איבער א נס איז ער אויף דעם נאמען פון דעם מאן נקנור פאר־בליבן. דער נעבן שער הנקנור איז געווען 2 צימערן, איינער לשכת פנחס המלביש, אין דער לשכה איז געווען 96 אלמערם אין די ווענט, יעדער משמר פון די 24 משמורים האט געהאט 4 שראנקען, אויף די 4 קליידער וואס יעדער כהן דארף: מכנסים, כתונת, אבנט, מגבעות. אויף יעדע שראנק איז געווען אויפגעשריבן וואס דארט געפינט זיך. די 2־טע, לשכת עושה חביתין, דארט האט מען צו רעכט געמאכט די מנחה פון כהן גדול, וואס מען האט טעגליך מקריב געווען, האלב אינדערפרי, האלב פארנאכט.

2 טויערן אין מערב זייט:

די טויערן פון דער עזרה זיינען געווען 20 אייקן די הויך, 10 איילן די ברייט. די טירן פון דער עזרה זיינען געווען געדעקט מיט גאלד, אויסער דער שער הנקנור, ער איז געווען בלויז קופער, דער איז ניט געענדערט געווארן, איבער דעם גרויסן נס וועלכער איז דערביי געשען.

ווען מען האט געבויט דעם בית המקדש האט מען א גע־וויסן מאן מיטן נאמען נקנור נאך אלכסנדריי געשיקט פון דארט די

טויערן אַפּצוהוילן. צוריק פאַרנדיק אויפן ים האָט אָנגעפאַנגען צו שטורמען. דער שיפס-קאַפּיטאַן האָט פאַרזאָגט, אום די שיף גרינגער צו מאכן, מוז מען פון די לאַדונג אין ים אריינוואַרפן. זאַ, האָט מען איין פליגל פון די טויערן אין ים אריינגעוואָרפן. די שטורם-ווינטן זיינען אָבער אלעס ניט געשטילט געוואָרן. האָט מען געוואָלט די 2-טע פליגל אויך אריינוואַרפן. נקנור אָבער האָט ארומגענומען די פליגל און געזאָגט צום שיפס-קאַפּיטאַן: וואַרף מיר אויך מיט דארויף. האָט ג-ט ב"ה דערבאַרימט זיך און די שטורמווינטן זיינען גע-שטילט געוואָרן. איז אויסער וואָס מען האָט די צווייטע פאַרשפּאַרט אין ים צו וואַרפן, איז נאָך געשען א נס, קומענדיק אין דער שטאָט עכו, דאָס די קופּערנע פליגל וועלכע מען האָט אין ים געוואָרפן איז זעלבסט צוגעשוואומען צום בערג. דארום, ווען אלע טויערן זיינען איבערגעאַרבייט געוואָרן, איז דער טויער ביי זיין ערשטן באַשטאַנד געבליבן, אויף זיין נאָמען שער הנקנור.

די עזרה האָט געהאַלטן 187 איילן, די לענג פון מזרח ביז מערב, און 135 איילן די ברייט פון צפון ביז דרום, אין אָנפאַנגס אריינגאַנג אין דער עזרה, דאָס איז פון שער נקנור און ווייטער איילן די לענג פון מזרח צו מערב, אויף די גאַנצע 135 די ברייט האָט זיך גערופן עזרת ישראל, דאָרט האָבן געמעגט אריינגיין ישראלים, אָן קיין שום געברויך, און די זעלבע מאָס 11 אויף 135 האָט זיך גערופן עזרת כהנים, דאָרט האָבן געמעגט אריינגיין כהנים אָן א שום געברויך. דער עזרת כהנים איז געווען העכער פאר דעם עזרת ישראל מיט 2 און א האלב איילן, איז דאָרט געשטאַנען א א בריקל פון 3 טרעפּ, דאָס האָט זיך גערופן דוכן, דאָרט זיינען געשטאַנען די לוים בעת זיי האָבן געזונגען דעם שיר ביי די קרב-נות. נאָך דעם עזרת כהנים איז געשטאַנען אין דער עזרה דער מזבח. ער איז געווען געגאָסן איין שטיק, פון בליי מיט פעך וואָפּנע מיט גלאַטע שטיינדלאך, ער האָט פאַרנומען 32 איילן די לענג, אויף 32 איילן די ברייט, 10 איילן די הויך. דער מזבח איז געווען גע-מאַכט אין פאָרמאַט פון 3 שטאָק, אונטן ברייטער, אויבן שמעלער. דער 2-טער עטאַז האָט געהאַלטן 5 איילן, די הויך 30 אויף 30, נמצא איז דאָך געווען, דער ערשטער ברייטער פאר דעם צווייטן מיט איין אייל, דער אייל האָט זיך גערופן יסוד (פונדאַמענט). עס איז אויסגעקומען דאָס מזרחית דרומית האָט ניט געהאַט קיין יסוד.

דער 3-טער עטאַז איז געווען 3 איילן די הויך, 28 אויף 28, נמצא איז געווען דער 2-טער ברייטער פאַר דעם 3-טן מיט 1 אייל אין אַלע 4 זייטן. דער אייל האָט זיך גערופן סובב, דאָס הייסט אויף דעם אייל האָט מען געקענט ארומגיין ארום און ארום מזבח. אויף דעם 3-טן עטאַז איז געשטאַנען אין אַלע 4 ווינקלען פון דעם זעלבן מאַטעריאַל אן אייל אויף אן אייל און די הויך אן אייל, דאָס רופט זיך קרן (ווינקל).

אין דער העלפט פון די הויך פון מזבח, איז געווען א רויטער שנור ארום און ארום, אזוי ווי א גארטל, דין ווי א פדים, דאָס הייסט חוט הסיקרא, בכדי די בלוט וועלכע מען דאַרף שפריצן אויבן זאָל מען שפריצן אין זיין אויבערשטער העלפט, און וועלכע אונטן — אין די אונטערשטע העלפט. אין דרום זייט פון מזבח איז געשטאַנען דערביי א בריק (ולא נגע בכבש), ער האָט פארנומען די ברייט 16 איילן פון מזרח צו מערב, די לענג 32 איילן פון צפון ביז דרום, געגאָסן איין שטיק פון זעלבן מאַטעריאַל ווי א בארג, פון דער ערד ביז אויבן, אויף דעם מזבח ארויפצוגיין. דאָס רופט זיך כבש. פוןביידע זייטן כבש איז ארויסגעקומען 2 קליינע בריקלעך, איין בריקל צו מערב זייט ארויפגאַנג צום סובב, און א בריקל אין מזרח, א צוגאַנג צום יסוד.

נאָכדעם האָט פארנומען אין דער לענג פון דער עזרה דער אולם מיט דעם היכל 100 איילן די לענג אויף 100 איילן די ברייט. ביי דעם אריינגאַנג אין אולם איז געשטאַנען 2 טישן. איינער אין רעכטן זייט, איינער אין לינקן זייט; איינער א גאָלדענער, איינער א מאַרמאָרנער. אויף דעם מאַרמאָרנעם האָט מען געלייגט דעם לחם הפנים אַלע פרייטאָג נאָך דעם באַקן, און איז געלעגן ביז שבת, די צייט וואָס מען דאַרף לייגן אויף דעם שולחן וואָס אין היכל. אויף דעם גאָלדענעם טיש האָט מען געלייגט דעם אלטן לחם הפנים ביז מען האָט מקטיר געווען די בזיכין (לעפל) מיט ווייררויך. דאָרט אין אולם נעבן טיר פון היכל איז געשטאַנען א גאָלדענער וויינשטאָק מיט צווייגן דאָס איז געווען אָנצוהענגען נדבות פון גאָלד וואָס מען האָט געבראכט אין בית המקדש. ווען איינער האָט זיך מתנדב געווען צו ברענגען גאָלד אין בית המקדש, האָט ער ניט געבראכט בלויז גאָלד, ער האָט געלאָזט מאכן פון די גאָלד ווי א בלאַט פון א וויינשטאָק אָדער ווי א וויינטרוב, אָדער ווי א גאַנץ הענגל וויינ-

טרויבן, און אויף דעם וויינשטאָק אָנגעהאנגען, פלעגט מען אראָפּ-נעמען און אנדערע אויפהיינגען, האָט דאָס באַשיינט דעם בית המקדש, עס האָט אויסגעזען ווי א נאַטירליכער בוים מיט בלעטער און פרוכט.

פון דאך פון אולם ביז אראָפּצו איז געווען אָנגעצויגן גאָל-דענע קייטן, פאר די יונגע כהנים ארויפצוקריכן זיך באַקוקן די פּראכטפולע גאָלדענע קרוינען וואָס איז געווען אין די פענצטער פון היכל וועלכע ג-ט ב"ה האָט געשיקט דורך זכריה הנביא, מען זאָל דאָס מאַכן.

דער פּלאַץ פון וואנט פון אולם ביז די וואנט פון היכל האָט פאַרנומען 11 איילן אין דער לענג אויף 70 די ברייט.

פון דיביידע זייטן פון אולם איז געווען צוגעבויט צימערן צו 15 איילן א צימער. דאָרט איז געווען 24 אַלמערם מיט חלפים צו שלאַכטן פאר די 24 משמורים.

דער היכל איז געווען הויך 100 איילן. די גרעב פון וואנט פון היכל איז געווען 6 איילן. אין וואנט איז געווען א טויער 20 איילן די הויך, 10 די ברייט, מיט דאָפּעלע טויערן, איין פּאָר טויערן אין אָנפאַנג גרעב פון וואנט וואָס צום אולם, די צווייטע פּאָר טויערן אין אַנדערן זייט גרעב פון וואַנט, וואָס צום חלל פון היכל.

דער טויער פון היכל רופט זיך שער הגדול. ער האָט גע-האָט 2 טירלאַך, איינע אין צפון און איינע אין דרום. די טירל פון דרום איז געווען אימער פאַרשלאָסן, ווי דער נביא זאָגט: ג-ט ב"ה האָט צו מיר געזאָגט, דער טויער זאָל זיין פאַרשלאָסן קיין מענש זאָל דורך אים ניט אריינגיין, ווייל דער כבוד פון מלך מלכי המלכים קומט דאָרט.

דער אינווייניג פון היכל האָט געהאַלטן 40 איילן די לענג פון מזרח ביז מערב, 20 איילן די ברייט פון צפון ביז דרום.

אין אריינגאַנג פון היכל איז געווען א דעק צו עפענען. פון דאָרט פלעגט מען נעמען ערד אריינצוגעבן אין די מים המאררים (וואָס מען פלעגט אָנטרינקען א סוטה). אין היכל ארויף צו מערב זייט איז געשטאַנען אין צפון זייט דער שלחן, וואָס אויף אים האָט

מען ארויפגעלייגט דעם לחם הפנים אלע שבת. געגן דעם שלחן אין דרום זייט איז געשטאַנען די מנורה. געגן דער מיטן פון זייביידע איז געשטאַנען דער מזבח הזהב, אויף דאַמפּפן קטורת. ער האָט געהאַלטן איין איל אויף איין איל און 2 איילן די הויך. אויבן איז געווען 4 ווינקלען, אינגאַנצן געדעקט מיט גאָלד.

נאָכדעם איז געווען אין היכל א וואַנט איין איל די גרעב, א צאַם צווישן היכל און צווישן קדשי קדשים. אין וואַנט איז געווען אָפן ווי א טויער אָן טירן נאָר פאַרהאַנגען מיט א פּרוכת. — אין בית שני איז די וואַנט ניט געווען, נאָר אָנגעצויגן 2 פּרוכת'ן, און אין מיטן איין איל פּלאַץ איבער דעם גאַנצן ברייט פון היכל.

אין היכל געגן דעם פּרוכת אין מערב איז געשטאַנען 2 גאָלדענע קלעצלאַך, אויף זיי פלעגט דער כהן גדול יום כפור אָפּשטעלן פון האַנט די בלוט פון פר און פון שעיר.

נאָכדעם איז געווען דער קדשי קדשים. ער האָט געהאַלטן 20 איילן די לענג אויף 20 איילן די ברייט, 40 איילן די הויך.

אין קדשי קדשים האָט קיין מענטש ניט געטאָרט אריינקומען, נאָר דער כהן גדול אום יום כפור 4 מאָל צו באַשטימטע עבודות. ווען מען האָט באַדאַרפט אינווייניג פאַריכטן, האָט מען אַראָפּגעלאָזן א בעל מלאכה דורך דעם דאַך, וואָס איז געווען צוגעריכט ביי די ברעגעס פון דאַך צו עפענען ווי טירלאַך פון א סוכה, אין א קאַסטן וואָס האָט געהאַט 3 ווענט, איין וואַנט אָפן צו דער זייט וואָס ער האָט געדאַרפט זיין ארבייט טאָן.

אין מיטן קדשי קדשים איז געשטאַנען דער ארון. אין אים זיינען געלעגן די לוחות מיט דער ספר תורה וואָס משה רבינו האָט געשריבן. דערביי איז געווען דער קריגל מן און דער בליענדער מאַנדלשטעקן פון אהרן הכהן, און די מתנה די קעסטל וואָס די פלשתים האָבן אָפּגעשיקט מיט דעם ארון.

דער ארון איז געווען אייגווייניג און פון דרויסן געדעקט מיט גאָלד. אויבן האָט עס געהאַט א דעק גראָב א טפח, דורכאויס פון גאָלד. אויף אים איז געווען אויסגעארבייט 2 כרובים מיט זייער פנים איינע געגן די אנדערע. ווען אידן זיינען געווען זינדיק פלעגן זיך די כרובים דורך א נס אָפּקערן איינע פון דער אנדערער.

אויף די כרובים איז געווען א צורה פון א קינד מיט 2 פליגלען אויפ־געהויבן גלייך מיט די קאָפּ די הויך 10 טפחים. אין די זייטן פון ארון איז געווען אריינגעשטעקט שטאַנגען אין די רינגען פון ארון.

אין צווייטן בית המקדש איז דער ארון מיט די אלע זאכן, אויך די הייליגע זאלב־אויל (שמן המשחה) ניט געווען, ווייל פאר דעם חורבן זיינען זיי באַהאַלטן געוואָרן דורך יאשיהו המלך. אויף דעם אָרט אין צווייטן בית המקדש, איז געווען נאָר דער אבן שתיה. דאָס איז דער שטיין וואָס פון אים האָט זיך אָנגעפאַנגען די וועלט באַשעפעניש.

די ווענט פון היכל פון אינווייניג זיינען געווען געשאַלעוועט מיט האָלץ. אויף די האָלץ איז געווען שיינע שניצונגען. אויף די שניצונגען דורכאוים אויף אלע ווענט, אויך דער סופיט, איז געווען געדעקט מיט גאָלד און אין פיל ערטער באַזעצט מיט דימענטן.

מיר האָבן דאָ נאָר ארומגערעט די הויפּט געביידע פון בית המקדש. עס איז געווען נאָך פיל פאַרשיידענע געביידעס היילן, וועלכע זיינען צום געברויך פון בית המקדש געבויט ווי א פעסטונג. כלים און נאָך אנדערע פארשידענע קונסטשטיק, ווי עס איז ידוע.

אשרי עין ראתה כל אלה! הייליגער באַשעפער פון אַלע וועלטן, כאשר זכינו לסדר אותו כן נזכה במהרה בימינו לראות את תפארת בית מקדשנו, אמן.

לא יסורו ממנו.

די מצות לא תעשה איז, די שטאַנגען וועלכע זיינען געווען אין די רינגען פון ארון האָבן ניט געטאָרט ארויסגענומען ווערן פון דאָרט, דען פיליכט איז פאָרגעקומען געהיילט צו גיין מיט דעם ארון, און איילנדיג קען מען דאָך א מאָל ניט פעסט אריינזעצן די שטאַנגען, קען ח"ו פון דעם אָרט אַרויסקומען א תקלה. אָבער אז די שטאַנגען זיינען אימער פעסט געזעצט, איז מען שוין זיכער. דערפון איז צו שליסן, ווער עס שפירט ביי זיך דאָס אים איז שווער צו גיין הגבה, איז פיל גלייכער ער זאָל ניט גיין. אויך זאָל דער הגבה ניט אויפהויבן די תורה וואו עס זאָל ניט זיין ביי דער זייט אָנגעגריזט דער וואָס גייט גלילה.

מען זאָל ניט געבן צו האַלטן די תורה צו קינעדר וועלכע זיי־נען ניט מיט דעם גאַנצן פארשטאַנד, עס זאָל חלילה ניט טרעפן קיין תקלה. אזוי ווי עס איז איינגעפירט דער שלעכטער מנהג, דאָס באַלד נאָר ווי מען איז גולל די תורה איז שוין דעם הגבה שווער די צייט צו האַלטן די תורה ביז איבערגעבן צום שליח ציבור.

דער הייליגער רמב"ן ברענגט זייער שטרענג אויף די וואָס גייען הגבה און זיי ווייזן ניט דעם עולם ריכטיג אז זיי זאָלן קע־נען זען. ער ברענגט א ירושלמי, אז מען איז בכלל ח"ו אין ארור אשר לא יקים וכו'. ע"כ זאָל מען זייער נזהר זיין בעת מען גייט הגבה, אז מען זאָל דעם עולם ווייזן זיי זאָלן קענען גוט זען.

ונתת על השלחן לחם פנים לפני תמיד.

די מצות עשה איז, דאָס די כהנים זאָלן אלע שבת דעם לחם הפנים ארויפלייגן אויף דעם הייליגן טיש וואָס שטייט אין היכל.

דער לחם הפנים ווערט געבאַקן אלע ערב שבת. מען באַקט אים אין אן אייזערנע פאָרם. נאָכהער לייגט מען אים אין א גאָלדע־נע פאָרם אריין און מען לייגט אים אויף א טיש אין אולם, דאָרט ליגט ער פון ערב שבת ביז שבת. אלע שבת ווערט דער לחם הפנים געלייגט אויף דעם שולחן וואָס אין היכל.

עס איז ניט אראָפגענומען געוואָרן דער אַלטער ברויט וואו מען האָט נאָך דעם נייעם געלייגט, ווייל עס טאָר ניט בלייבן דער טיש איין רגע אָן לחם הפנים, דען ער מוז אימער דאָרט אויף דעם טיש ליגן. די ארבייט איז געגאַנגען זאָ שנעל דאָס די כהנים האָבן אָפּגעצויגן דעם אַלטן לחם הפנים פון טיש, און אנדערע כהנים האָבן ארויפגעצויגן דעם נייעם לחם הפנים. דער אַלט געבאַקענער לחם הפנים געהערט צו די כהנים צום עסן, און ער ווערט געגעסן אין דער עזרה. די ארבייט פון דעם לחם הפנים און דעם צוגאַנג איז ערקלערט אין רמב"ם.

דער לחם הפנים האָט געהאַט אין זיך א ברכה דאָס דער כהן וועלכער האָט באַקומען נאָר ווי א באָב די גרויס איז שוין זאט

געוואָרן. פון לחם הפנים איז געגאנגען די השפעה אויף דער וועלט, געבענשט צו זיין מיט ברויט, ווי די גמרא זאָגט: ברענגט דעם קרבן עומר, עס זאָל דורך דעם געבענשט ווערן די פעלדער; גיסט פאר מיר וואסער אויף דעם מזבח אום סוכות, עס זאָל אייך געבענשט ווערן די רעגן פון יאָר. דארום קען מען זאָגן טאָר ניט בלייבן דער טיש איין רגע אָן לחם הפנים, צו ווייזן דעם מענשן, דאָס ג-ט ב"ה לאָזט ניט א אידן איין רגע אָן ברויט, ער נעמט ניט צו די אלטע ברויט וואו ער גיט אים ניט קיין נייע.

תצוה

ויקחו אליך שמן זית וגו'.

די מצות עשה איז, דאָס די כהנים זאָלן צוריכטן די רערן פון דער מנורה און אָנצינדן אַלע טאָג. אַלע טאָג ווערט יעדער רער מיט א האַלבען לוג בוימל אָנגעפילט. דער קנויט פון געסטערן ווערט ארויסגענומען און עס ווערט אויסגעווישט דער רער און זויבער אָפּגעפוצט און עס ווערט אן אנדער קנויט צורעכט געמאכט און מען צינדט אָן. (די פרטים איז ערקלערט אין רמב"ם.)

ועשו בגדי קודש לאהרן וגו'.

די מצות עשה איז, די כהנים זאָלן אין דער צייט פון דער עבודה זיין אָנגעקליידעט אין אויסגעזאָנדערטע קליידער. א כהן הדיוט האָט 4 קליידער: 1) מכנסים. 2) כתונת. 3) מצנפת. 4) אבנט. דער כהן גדול האָט 8 קליידער, 4 קליידער ווי דער כהן הדיוט, און נאָך 4 קליידער: 5) מעיל, 6) חושן. 7) אפוד. 8) ציץ.

דער כתונת איז געווען א העמד פון פלאקס, לאנג ביז די טריט, אויסגעשטריקט קיילעכדיק אין איין שטיק אָן א נאָט. זאָנדערן די ארבל זיינען געווען באַזונדער געשטריקט און צוגענייט. די ארבל איז געווען נעט צו די הענט. קיין קאָלנער איז ניט געווען. די מכנסים האָט ער געטראָגן אונטער דעם כתונת.

די מכנסים זיינען געווען געשטריקט קיילעכדיק ווי א זעקל די לענג פון הארץ ביז די קני. פון אונטן 2 לעכער די פיס דורכ־צושטעקן.

דער מצנפת איז געווען איין פאס דינע צייג פון ליינען, די לענג 16 איילן, געוויקלט איינע אויף די אנדערע. ביי דעם כהן הדיוט הייסט עס מגבעות, ווייל עס איז געוויקלט געווארן איינע איבער די אנדערע, איז אויסגעקומען אונטן ברייטער און אויבן שמעלער, אין פארמאט ווי א הוט צוקער.

דער אבנט איז געווען פון ליינען און וואל, ער האט געהאלטן 32 איילן די לענג, געוויקלט איינע אויף די אנדערע, ביז אונטער די עלענבויגענס.

דער מעיל איז געווען אין איין שטיק געמאכט, אין דעם פאר־מאט פון אן ארבע כנפות, אן ארט אפן אריינצוציען די קאפ. פון ביידע זייטן ברעגעס איז אנגעהאנגען גלעקלאך. צווישן צווי גלעק־לאך האט געהאנגען ווי א מילגרוים. אז ער האט אנגעטאן דעם מעיל אויף דעם כתונת האט זיך דער כתונת געזען. אויף דעם מעיל האט ער געטראגן דעם חושן ואפוד.

דער חושן (דער ברוסט־שילד) איז געווען איין אייל די לענג, אויף א האלב אייל די ברייט. אז מען האט אים צוזאמענגעלייגט און צונויפגענייט, האט עס געהאלטן א האלב אייל אויף א האלב אייל, אין מיטן צווישן דעם צוזאמענלייג האט מען אריינגע־לייגט דעם אורים ותומים. דאס איז דער הייליגער שם המפורש, וואס דאס האט געווירק מיט דער ג־טליכער קראפט, דאס די אותיות פון די שטיינער פון חושן איז ארויסגעקומען בולט (אויסגעשטארצט) און מען האט באקומען א ריכטיגן ענטפער אויף וועלכע פראגע מען האט געפרעגט.

דעם חושן האט דער כהן גדול געטראגן אויפן הארצן פון פארנט. עס איז געווען אין אים געפאסט אין גאלד 12 שטיינער מיט די נעמען ווי עס שטייט אין דער תורה: אדם, פטדה וכו'. אנדערע שטיינער האבן באטראפן מיליאנען. אין די שטיינער איז געווען אויסגעקריצט די נעמען פון די 12 שבטים נאך זייער געבורט נאך. אויך אויסגעקריצט די ווערטער שבטי ישורון. איז אויסגעקומען

אלע אותיות פון אלף בית עס זאל אויסקומען צו ענטפערן אויף אלעם וואס נאר דער כהן גדול וועט פרעגן.

דער חושן האט געהאט אין די 4 ברעגעס 4 גאלדענע רינגען. אין די אויבערשטע 2 רינגען איז געווען אריינגעצויגן 2 גאלדענע געדרייטע קייטלאך, אין די אונטערשטע 2 רינגען איז געווען אריינגעצוגן 2 שנירלאך פון תכלת, דערמיט צו באהעפטן דעם אפוד.

דער אפוד איז געווען געמאכט א שירץ צו טראגן פון הינטן פון די לענדן ביז ארויף. פון אויבן איז אויסגעקומען 2 ברעגעס צו פארגארטלען זיך פון פארנט. איבער דעם אפוד איז געווען 2 אקסל-בענדער, זיי זיינען געווען צוגענייט צום גארטל פון אפוד, דאס האט זיך אריבערגענומען איבער די אקסלען פון כהן גדול. אויף די אקסלען איז געווען אין זיי געפאסט אין גאלד 2 שטיינער שוהם, וואס אויף זיי איז געשטאנען די נעמען פון די שבטים. 6 אויף איין שטיין און 6 אויף דעם צווייטן שטיין. עס איז אויסגעקומען פונקט אויף די אקסל ווי עפאלעטן. ביי די ברעג פון די אקסלבענדער פון פארנט איז געווען גאלדענע רינגען, האט מען אין די רינגען אריינגעצויגן די קייטלאך פון חושן פון אויבן און מען האט זיי פארבונדן. עס איז ווידער געווען 2 רינגען, אונטן ביי די אקסלבענדער, דארט וואו זיי זיינען באהעפט צום אפוד. און אין די רינגען איז אריינגעצויגן בענדלאך דארט האט מען דאס פארבונדן מיט די 2 שנירלאך תכלת, וועלכע זיינען געווען אריינגעצויגען אין די רינגען פון חושן (ווי עס איז ערקלערט אויבן).

דער ציץ איז געווען א גאלדענער בלעך, די ברייט 2 פינגער, פארנומען פון איין אויער צום אנדערן. איבער דעם שטערן פון אויבן איז געווען איינגעקריצט די ווערטער „קדש לה'".

דער מצנפת איז געווען ארויפגערוקט אויף דעם קאפ העכער, בכדי עס זאל זיין ליידיק דער ארט וואו די תפילין ליגן.

דער כהן גדול דארף זיין אנגעקליידט צו דער עבודה די גאנצע 8 קליידער, נאר ווען ער האט געדארפט טאן די עבודה אין קדשי קדשים, דארף ער נאר זיין אנגעטאן די 4 פלאקסענע קליידער, ווי דער כהן הדיוט.

ווען די כהנים טוען די עבודה מיט מער אדער מיט ווייניגער קליידער, זיינען זיי מחויב מיתה בידי שמים (לעבענספארשפילט).

די הייליגע קליידער טאָר דער כהן ניט אָנטאָן אויסער אין בית המקדש, נאָר אויסנאַמע אין א גרויסע נויט, ווי די גמרא ברענגט אין מסכת יומא:

אין דער צייט וואָס אלכסנדר מוקדון האָט מלחמה געהאַלטן אין דער וועלט, 25 טעג אין טבת, האָבן די כותים פאַרגעשלאָגן אלכסנדר מוקדון ער זאָל איינשטימען דעם בית המקדש חרוב צו מאַכן. אלכסנדר האָט זיי איינגעשטימט און געגאַנגען מיט זיין סוויטע באַלאַגערן ירושלים.

צו דער צייט איז געווען שמעון הצדיק א כהן גדול. ווי שמעון הצדיק האָט זיך דערוואוסט, האָט ער זיך אָנגעקליידט די בגדי כהונה, און מיטגענומען די פאַרנעמסטע מענשן פון ירושלים, און געגעבן זיי פלאַקער פייער אין די הענט. די גאַנצע נאַכט איז שמעון הצדיק געגאַנגען מיט זיין קאָמפּאַניע, און אלכסנדר מוקדון מיט זיין סוויטע. ביים פרימאָרגן זיינען זיי צוזאַמען געקומען ביי דער שטאָט אַנטיפּרס. ווי אלכסנדר מוקדון האָט דערזען שמעון הצדיק, איז ער אַראָפּ פון קאַרעטע, און האָט זיך צו אים געבוקט. די סוויטע וועלכע שטייט דערביי זיינען פאַרשטיינט געבליבן, און זאָגן: אזא גרויסער קעניג ווי דו זאָלסטו זיך בוקן צו דעם אידן? האָט זיי אלכסנדר געענטפערט: דער שטאַטיר פון דעם מענשן שטעלט זיך מיר אימער פאָר אין דער צייט ווען איך האַלט מלחמה, און בין דאַן מנצח די מלחמה.

אלכסנדר האָט געפרעגט שמעון הצדיק: צו וואָס פאַר א צוועק קומט איר צו מיר? זאָגט שמעון הצדיק: איז דאָס מעגליך, אין דעם הויז וואָס מען איז אויף דיר און אויף דיין מלוכה מתפלל, עס זאָל ניט בטל ווערן, זאָל מען פאַרלאַנגען חרוב צו מאַכן? אלכסנדר פרעגט אים: ווער זיינען דאָס? ענטפערן אים די אידן מיט געוויין: אָט די כותים וואָס שטייען לעבן דיר. זאָגט אלכסנדר: זיי זיינען איבערגעענטפערט אין אייערע הענט, טוט מיט זיי אזוי ווי זיי האָבן געוואָלט טאָן מיט אייך, נעמט נקמה פון אייערע פיינט. די אידן האָבן נקמה גענומען און האָבן זיי אָפּגעטאָן ווי זיי האָבן געדענקט צו טאָן.

אלכסנדר האָט פאַרלאַנגט אז מען זאָל זיין בילד ארייַנשטעלן אין בית המקדש, אָבער דער כהן גדול האָט אים ערקלערט, דאָס

נאָך די אידישע געזעצן, טאָר קיין בילד אין בית המקדש ניט קו־מען. נאָר די אידן וועלן אן אנדער אָנדענק מאַכן, די אלע זכרים וועלכע וועלן אין דעם יאָר געבאָרן ווערן, וועלן זיי זיך רופן מיט דעם נאָמען אלכסנדר.

ולא יזח החושן מעל האפוד.

די מצות לא תעשה איז, דאָס דער חושן און דער אפוד זאָלן אימער זיין געשנורט צוזאַמען, און קיינמאָל איינע פון די אנדערע ניט צושיידט ווערן.

לא יקרע.

די מצות לא תעשה איז, דאָס דער מעיל, דאָסגלייכן אלע בגדי כהונה, זאָל ניט געריסן ווערן.

ואכלו אותם אשר כופר בהם.

די מצות עשה איז, דאָס די וועלכע ברייגגען חטאות ואש־מות זאָלן די כהנים עסן די פלייש. די צייט פון עסן איז א גאַנצן טאָג ביז האַלבע נאַכט (וועגן דער מצוה איז ערקלערט אין דעם פשט פון איזהו מקומן אין אָנפאַנג ויקרא).

וזר לא יאכל כי קודש הם.

די מצות לא תעשה איז, דאָס ווער עס איז ניט קיין כהן, זאָל פון די פלייש פון קדשי קדשים ניט עסן.

והקטיר עליו אהרן קטרת סמים וגו'

די מצות עשה איז, דאָס דער כהן אין בית המקדש זאָל 2 מאָל טעגליך דאַמפּפען קטרת אויף דעם גאָלדענעם מזבח. איינמאָל דאָס מאָרגן ביי דעם קרבן תמיד של שחר, און איינמאָל אָווענדס נאָך דעם קרבן תמיד של בית הערבים, ביים אָנצינדן די מנורה.

די קטורת איז א צוזאַמענמישונג פון 11 מיני געווירצן וועלכע רופן זיך מיט די נעמען: 1) הצרי, 2) והצפורן, 3) החלבנה, 4)

והלבונה, דאָס געוויכט פון יעדן סאָרט צו 70 מנה; 5) מור, 6) וקציעה, 7) שבלת-נרד, 8) והכרכם, דאָס געוויכט פון די 4 סאָרטן צו 16 מנה; 9) הקשט, 12 מנה; 10) קילופה, 3 מנה; 11) קנמון. בס"ה קומט אויס 368 מנה. צו דעם לייגט מען נאָך צו א פערטל מאָס מלח סדומית און עטוואָס מעלה עשן און עטוואָס כפת הירדן.

הצרי, איז פון באַלזאַם זאַנפט וואָס טריפט פון א מין בוים וואָס וואַקסט אין אַראַביע, דאָס רופט זיך באַלזאַם שדידא. הצפורן איז זעענאַגל, א שאָלאַכץ פון א מין וואָרעם איבער גיברענט, ער האָט א שמעק פון ביבערגאַל. החלבנה איז גאַלבאַן, גיברענטע האָלץ פון מדינת יון. הלבונה איז ווייראך. מור איז אן ארט גומע וואָס פליסט פון א מין בוים. קציעה איז אינגבער, לדעת רש"י. שבלת-נרד איז שפיקאַנאַרדא. כרכום איז זאַפראַן. הקושט איז קאַסטאַם-וואָל, שמעקעדיקע גראָז. קילופה, געווירצראָד. קנמון איז צימעט-ראד. א מנה איז 25 לויט.

ווען מען פאַרפעלט פון די 11 געווירצן איז זיין לעבן פאַר-שפּילט.

עס ווערט געאַרבייט אזוי: מען נעמט בורית כרשינה 9 מאָס, און אויף דעם ווערט אָפּגעשלייפט די צפורן, עס זאָל אויסזען שיין, נאָכהער ווייקט מען די צפורן אין 21 טעפּ יין קפריסין, אָדער אין אַלטע שטאַרקע וויין, נאָכהער שטויסט מען יעדען מין געווירץ באַזונדער גאַנץ דין. נאָכדעם ווערט אַלעם צוזאַמען צונויפגעמישט. בעת מען רייבט יעדער מין באַזונדער, און מען צומישט אַלע צוזאַ-מען זאָגט מען די ווערטער: הדק היטב היטב הדק, דאָס מיינט מען: עס זאָל צושטויסט ווערן דין, גוט דין. ווייל די נאַטור איז, דאָס די שטימע ברייינגט נוצן צו די געווירצן. דער ריח פון קטורת האָט זיך געהערט וויט ביז די שטאָט יריחו.

לא תעלו עליו קטרת זרה ועולה ומנחה וגו'.

די לא תעשה איז, אז אויף דעם גאָלדענעם מזבח זאָל קיין אַנדער זאַך ניט קומען אויסער די טעגליכע קטרת.

זה יתנו וגו' מחצית השקל.

די מצות עשה איז, דאָס יעדער מאַנספּערזאָן וועלכער איז אַלט 20 יאָר און מער, זאָל אימער אַלע יאָר דעם ערשטן טאָג אין חודש אדר א האלבן שקל געבן (דער שקל אין משה רבינו'ס צייטן האָט געהאַלטן 320 גערשטן). דער רייכער טאָר נישט געבן מער, און דער אָרימער טאָר ניט געבן ווייניגער. דער אָרימאַן וועלכער איז ניט פאַרמעגליך מוז ער אפילו די קלייד פון זיך פאַרקויפן און די צאָלונג אָפּגעבן.

די געלט פון מחצית השקל איז אין בית המקדש אויף די נויטיגע זאכן גענומען געוואָרן. דהיינו: טעגליכע קרבנות, האָלץ, די פרה אדומה, און נאָך אנדערע זאכן. דער בורא יתברך האָט גע־וואָלט דאָס אין די קרבנות צבור זאָלן אַלע האָבן א גלייכן חלק, דער אָרימאַן און דער רייכער, כדי דער רייכער זאָל זיך ניט גרויסן געגן דעם אָרימאַן. יעצטיקע צייט, גיט מען צדקה פורים מחצית השקל, צום אָנדענקונג.

פון דער מצוה איז געדרונגען, מען זאָל זיך היטן ניט צו געבן קיין עין הרע דעם צווייטן, ניט אין זיין קערפּער און ניט אין זיין פאַרמעגן, ווי עס שטייט מפורש אין דער תורה ולא יהי' בהם נגף, דאָס הייסט אזוי ווי מען דאַרף דא ציילן די מענשן, קען חלילה שאטן א עין הרע אין די מענשן, זאָל מען ציילן די מטבעות פון יעדן מענשן, וועט ניט זיין קיין מגפה. וואָרום אין ציילן מענשן מיטן צאָל קען שאטן ח"ו א עין הרע, ווי מיר געפינען דוד המלך האָט איינמאָל געציילט דעם עולם דורך יואב בן צרויה, איז באלד געוועזן א גרויסע מגפה, האָט ער שוין דעם צווייטן מאָל געציילט מיט שאָף, וואָס יעדער איינציגער האָט געגעבן א שאָף. דארום פאַר־זאָגן שטאַרק אונזערע חכמים, מען זאָל ניט באוואונדערן דעם צוויי־טענס זאך איבער א עין הרע.

די גמרא זאָגט: די גרעסטע טייל מענשן פון דער וועלט שטאַרבן רח"ל דורך עין הרע. דען עין הרע האָט א כח ארויפצו־פירן קראַנקייט אויף א מענשן. די נאַטור פאַרשער ערקלערן עין הרע פאַר א נאַטירליכע זאַך.

ורחצו אהרן ובניו ממנו את ידיהם ואת רגליהם וגו'.

די מצות עשה איז, ווען די כהנים גייען צו ג־טעסדינסט, אויך ווען דער כהן גייט ארוים פון דער עזרה און גייט אריין צוריק, זאָלן זיי זייערע הענט און פיס וואשן. אויף דעם איז געווען אין בית המקדש צוגעריכט דער כיור (האנטפאס). דער כהן וועלכער טוט די עבודה אומגעוואשן איז חייב מיתה (לעבענספארשפילט).

דער וואשן קומט: שטייענדיג, צונויפגעלייגט די רעכטע האַנט אויף די רעכטע פוס און די לינקע האַנט אויף דער לינקער פוס.

ועשית אותו שמן משחת קודש.

די מצות עשה איז, צורעכט מאכן דעם הייליגן זאלב־ אויל פון פאַרשידענע געווירצן, ווי עס שטייט אין דער תורה. פון די זאַלב אויל ווערט געזאַלבט דער כהן גדול און דער כהן משוח מלחמה, דאָס איז דער אויסדערוויילטער אין צייט פון מלחמה. אויך האָט מען פון דעם אויל געזאַלבט די מלכים פון משפחת בית דוד. דעם מלכות האָט מען פון די זאלב אויל אויף זיין קאָפּ געמאכט ווי א קרוין. דער כהן איז נאָר אויף זיין קאָפּ זאלב אויל געגאָסן געוואָרן און צווישן די אויגן מיט זאלב אויל געשטריכן געוואָרן ווי דער בוכשטאַב כ אין לשון יונית. אויך איז דער משכן און די הייליגע כלים פון בית המקדש מיט די זאלב אויל געזאַלבט געוואָרן.

א מלכות ווערט געזאַלבט ביי א קוואל וואסער (כדכתיב והורדתם אותם אל גיחון, מ"א, א), דאָס איז א באַדייטונג, עס זאָל זיך ציען די מלוכה ווי עס ציט זיך די וואסער.

מיר האָבן בקבלה, דאָס די הייליגע זאלב אויל וועלכע משה רבינו האָט געמאַכט איז אין זיי געווען א נס, דאָס עס איז געווען גענוג אויף אייביג. צו דער צייט וואָס יאשיהו איז געווען מלך, האָט ער די הייליגע זאלב אויל אויך דעם ארון און דעם צנצנת מן פון דער מדבר, און דעם בליענדן מאַנדל־שטעקן פון אהרן הכהן באַ־האַלטן, ווייל ער האָט געזען בנבואה, דאָס בעת דער בית המקדש וועט נעבאך חרוב ווערן, עס זאָל חלילה ניט פארלאָרן גיין די הייליגע אנטיקן.

די גמרא ברענגט א געשיכטע: א כהן וועלכער איז געזעסן און אויסגעקליבן די ווערימדיקע האלץ, האט ער אנגעמערקט אן ארט אין רצפה עטוואס אנדערש איז ער ארויסגעלאפן מיט גרויס התפעלות באקאנט מאכן די זאך, האט מען פארשטאנען אז דארט זיינען באהאלטן די אלע זאכן. דער כהן האט נאך ניט געענדיקט זיינע רייד, איז ער טויט געבליבן. אויך דערציילט די גמרא: ביי א כהן איז אראפגעפאלן די האק, האט ער זיך געלאזט אויף דעם ארט זוכן די האק, איז ארויס א פייער און האט אים פארברענט.

על בשר אדם לא ייסך.

די מצות לא תעשה איז, דאס די הייליגע זאלב אויל טאר מען ניט באנוצן צו קיין אנדערע, ווען מען באנוצט זיך צו אנדערע איז מען חייב כרת.

ובמתכונתו לא תעשו כמוהו.

די מצות לא תעשה איז, ניט נאכצומאכן קיין זאלב אויל. דער שטראף פון דעם איז כרת רח"ל.

והקטרת אשר תעשו במתכונתה לא תעשו לכם.

די מצות לא תעשה איז, ניט נאכצומאכן קייט קטרת. דער שטראף פון דעם איז כרת.

(להתלמד או למסרו לצבור פטור, וה"ה לשמן המשחה).

עס איז נאר געווען איין פאמיליע וועלכע האבן געמעגט מאכן קטורת. די פאמיליע האט זיך גערופן בית אבטינס.

וקרא לך ואכלת מזבחו.

די מצות לא תעשה איז, ניט צו געניסן פון די וועלכע צו דער עבודה זרה מען האט מקריב געווען.

די גמרא ברייגנט אין סנהדרין: בלעם הרשע ימ"ש, וועלכער האט געוואלט אידן צו דער ע"ז בעל פעור צוציען. האט ער צווישן די מדינים א האנדל פון לייווענט איינגעארדענט, און האט אין יעדען האנדל א זונה אריינגעזעצט. די זונה האט ביי זיך געהאט גוטע וויין. די זונות פלעגן זיי זייער פריינדליך אויפנעמען מיט וויין טראקטירן ביז זיי האבן מיט זיי זנות געטריבן רח"ל. צום

ענדע האָבן פיל אידן געדינט די ע״ז פעור. דורך דעם איז געקומען דער חרון אף פון בורא יתברך שמו לעד אויף אידן.

פון דעם זעט מען ווי געפערליך עס איז דער וויין טרינקען מיט די היידינישע פעלקער. דארום האָבן די חז״ל שטאַרק פאַרבאָטן דעם וויין טרינקען. אפילו ווען עס האָט נאָר אנגערירט א נכרי איז אסור, ווי עס איז ערקלערט אין שולחן ערוך יורה דעה.

בחריש ובקציר תשבות.

די מצות עשה איז, דאָס דער 7־טער יאָר — וועלכער הייסט שמיטה — טאָר מען קיין פעלדער און פרוכטבוימער ניט באַאר־ בייטן. 30 טעג פאר דעם שמיטה יאָר טאָר מען שוין ניט ארבייטן.
די מצוה איז נוהג נאָר אין ארץ ישראל.

לא תבשל וגו׳ ותרגם אונקלוס לא תאָכל.

(התורה כתבה בלשון אכילה, לומר שחייב אפילו לא נהנה, כגון שהיה חם ביותר עד ששרף גרונו, או שנתן לתוכו דבר מר בענין שלא נהנה כלל).

די מצות לא תעשה איז, ניט צו עסן קיין פליישיקס מיט מילכיגס צוזאמען.

מען דארף ווארטן פון פליישיגס ביז מילכיגס 6 שעה. נאָך מילכיגס אז מען וויל עסן פליישיגס דארף מען אויסשווענקען דעם מויל. נאָך אלטע קעז אז מען וויל עסן פליישיגס דארף מען ווארטן 6 שעה. נאָך ווייכע קעז דארף מען אויסמאַכן די ציין און אויס־ שווענקען דעם מויל און אָפּשאַרן די ברעקלאך פון טיש און לייגן אן אנדער טישטוך צו די פליישיגע.

ביים עסן טאָר ניט קומען אויף איין טיש קיין פליישיגע און מילכיגע, ווען אפילו 2 פרעמדע מענשן, וועלכע זיי מישן זיך ניט אין דער צייט פון עסן. זאָנדער אז זיי עסן אויף 2 טישטעכער, אָדער מען שטעלט ארויף אויף דעם טיש אזא זאך וואָס דער דרך איז עס זאָל ניט שטיין אויף דעם טיש. צ. ב. ביי טאָג א לייכטער, הייסט דאָס א סימן אז איינער מיט דעם אנדערן זאָלן זיך ניט מישן. עס דארף געהיט ווערן, דאָס די זעלבע זאלץ, די ברויט און דער מעסער זאָלן ניט גענוצט ווערן צו פליישיגע און מילכיגע. די מילכיגע כלים דארף מען איינקאַרבן פון א סימן וועגן, מען זאָל זיי ניט פאַרבייטן.

דער רעכט איז צו מאכן א קאנט אויף דעם מילכיגן טישטוך, מען זאל ניט פארבייטן אויף א פליישיגן טישטוך.

אז מען האט געשניטן מיט א פליישיגן מעסער ציבעלע, רעטאך אדער אן אנדערע שארפע זאך אין א מילכיגן מאכל, אדער מיט א מילכיגן מעסער אין א פליישיגן מכאל דארף מען פרעגן א שאלה (מיר האבן ניט נויטיג אין די דינים מאריך צו זיין, ווייל מיר אידן זיינען ב"ה נזהר אויף נאר עטוואס צו פרעגן א שאלה).

מילכיגע געבעקס דארף מען באקן אין אן אנדער פארמאט ווי געוויינליכע גיבעקס. אויב מען באקט די מילכיגע גיבעקס אין זעלבן פארמאט ווי געוויינליכע טאר מען די גיבעקס ניט עסן.

ווען מען באקט חלה מיט מילכיגע געבעקס, זאל מען ניט ארייגזעצן די חלה כל זמן מען נעמט ניט ארוים די מילכיגע געבעקס, אדער פארקערט ניט ארייגזעצן די מילכיגע געבעקס ביז מען נעמט ניט ארוים די חלה.

ו י ק ה ל

לא תבערו אש בכל מושבותיכם ביום השבת.

די מצות לא תעשה איז, דער וואס איז פאראורטיילט שרפה (בזמן הבית), אדער אן אנדער מיתת בית דין (בזמן הבית), זאל מען אים שבת ניט טאן קיין שטראף. אויך שלאגט מען ניט קיין מלקות און מען פסק'נט ניט קיין דין תורה צווישן 2 בעלי דינים אום שבת.

דער מדרש זאגט: פארוואס שטייט נאר ביי די פרשה מיט דעם לשון ויקהל, זאלסט איינזאמלען? ג-ט ב"ה האט געזאגט צו משה רבינו, גיי קלייב צוזאמען קאמפאניעס אויף שבת צו לערנען תורה ברבים. אויך האבן די חכמים געזאגט: עס איז נאר געגעבן געווארן שבתים און ימים טובים צום לערנען.

ווי פיל אידן זיינען טרודים די גאנצע וואך אין פרנסה האבן זיי ניט קיין צייט צו לערנען בקביעות. דארום די וואס לערנען די גאנצע וואך זיינען מחויב צו לערנען שבת און יום טוב מער.

די גמרא זאגט אין מסכת גיטין איבער דעם שטראף וואס מענשן גייען ניט הערן ווי מען לערנט שבת אדער מען זאגט שבת אין בית המדרש, און זיי קלייבן זיך אום פונקט צו דער צייט צו

גיין עסן, ווערן בעלי בתים יורדים פון זייערע גיטער, דען זיי דארפן עסן פריער אָדער שפּעטער דען עסן שבת איז דאָך א מצוה, נאָר אז מען פארבויגט איבער דעם דאָס לערנען אָדער הערן ווי מען זאָגט, ווערט מען געשטראָפט, איז דאָך געווים אז דער שטראָף פאַר דעם איז זייער גרויס, וואָס מען וויל גאָר ניט אריינקומען דעם טאָג פון שבת אין א מקום קדוש, אריינקוקן אין א ספר אָדער הערן דברי תורה און מען גייט נאָר שפּאַצירן. ווער רעט נאָך באהיט ג־ט וואָס מען קומט צו חילול שבת אָדער אנדערע עבירות רח"ל, ווען מען גייט אַוועק אויסער דער שטאָט אין די וועלדער אָדער אין די גערטנער.

דאָס גלייכן, די וואָס פלאַנצן איין חברות ביי אידן, איבער־הויפּט ביי יונגע מענשן, זיי זאָלן זיך צוזאמענקומען אלע טאָג אין א באַשטימטע צייט, אויך שבת און יום טוב צו לערנען דינים און דרך ארץ, זייער שכר איז זייער גרויס. דען אויסער וואָס זיי ברייננ־גען אידן תחת כנפי השכינה, דען דער יונגער מענש ליידיק גייענ־דיק קען ער אָפּטאָן כל העבירות רעות שבעולם. ער לאָזט זיך אריין אין די תאוות ביז ער פארגעסט גאָר אז ער איז א איד. און מיט דעם זעלבן גאַנג ערציט ער נאָכהער זיינע קינדער, און אזוי ווײ־טער, א דור נאָך א דור אויף אייביג. אָבער ווען מען איז מייסד חברות, און מען פירט זיי אריין אין דער גוטער וועג, לאָזט זיך דאָך אוים, דאָס די ערשטע מייסדים פון די חברות זיינען דער גרם אין דעם ביז אייביג. וואָס דער חשבון טראָגט גאָר אָן א צאָל וויפיל אידן מען ברייננגט זיי תחת כנפי השכינה.

ב"ה עס געפינט זיך אין ירושלים אסאך אזעלכע חברות וואָס מען לערנט מיט די האַנטווערקער אַלע טאָג. אייניגע פון זיי רופן זיך שונה הלכות. השי"ת זאָל באַגליקן די מתעסקים, און עס זאָל רוען ברכה ושלום וכט"ם אין זייערע הייזער. מי יתן והיה אז די וועלט זאָל זיך אָפּלערנען איינע פון די אנדערע, עס זאָל אזעלכע חברות איינגעפלאַנצט ווערן ביי אידן איבעראַל און אומעטום. דען מאכן חברות צום לערנען איז מקרב די גאולה. ווי דער תנא דבי אליהו זאָגט: עס וועט ניט העלפן אידן אויסגעלייזט צו ווערן, ניט זייער גרויס צער, ניט זייער שעבוד, ניט זייער טלטול, ניט זייער דוחק פון פרנסה, נאָר וואָס עס קלייבן זיך צוזאמען 10 אידן און לערנען איינער מיט דעם צווייטן, דאָס ברייננגט די גאולה במהרה בימינו אמן.

פתיחה לספר ויקרא

אזוי ווי דער ספר ויקרא באשטייט איבערהויפט וועגן קרבנות און דער סדר עבודה פון בית המקדש, געפינען מיר פאר נויטיג צו פארטייטשן דאס וואס מיר זאגן אלע טאג דעם פרק איזהו מקומן און די גמרא פון אביי הוה מסדר צו וויסן דעם גאנג פון די קרבנות און דעם סדר עבודה פון בית המקדש, וועלכע דאס איז גלייך ווי מקריב געווען א קרבן, ווי עס שטייט ונשלמה פרים שפתינו, דאס הייסט, דער זאגן די דינים פון די קרבנות איז אנגענומען פאר דעם בורא יתברך שמו אזוי ווי מען וואלט מקריב געווען א קרבן אין בית המקדש.

אביי הוה מסדר סדר המערכה משמא דגמרא ואליבא דאבא שאול.

אביי פלעגט מסדר זיין פאר זיינע תלמידים דעם סדר עבודה פון די מערכת פייער, ווי עס איז געלעגן אלע טאג אויף דעם מזבח, און דעם סדר פון טעגליכע עבודה לויט די ערקלערונג פון דעם תנא אבא שאול.

מערכה גדולה קדמה למערכה שניה של קטורת.

צום ערשט האט מען מסדר געווען א גרויסע מערכה, דאס הייסט, מען האט אויפגעשטעלט פון גלייכע האלץ אין דעם ארט ווי א הייזל מיט פענצטער, אויף דעם מזבח אין זייט פון מזרחית דרומית. דארט אויפן מזבח האט מען אנגעצונדן קין און אריינגעלייגט אין פענצטערל אריין. אויף דער מערכה פלעגט פארברענט ווערן אלע קרבנות. דאס הייסט, מערכה גדולה.

מערכה שניה של קטורת קודמת לסידור שני גזרי עצים.

נאך דעם האט מען מסדר געווען די צווייטע מערכה, וואס איז צו דאמפפן קטורת. מען האט מסדר געווען אין מערב זייט פון מזבח אין זעלבן אופן ווי די מערכה גדולה, און מען האט דאס געלאזט פארברענען אויף קוילן, צו נעמען דערפון א פאן פייער פון קוילן אריינצוטראגן אין היכל צו דאמפפן קטורת אויף דעם מזבח הזהב.

וסידור שני גזרי עצים קודם לדישון מזבח הפנימי.

נאָכדעם פלעגט אלע אין דער פרי א כהן ארויפטראָגן אויף דעם מזבח 2 שטיקער האָלץ פון אן אייל און ארויפלייגן אויף דעם פייער פון מזבח.

ודישון מזבח הפנימי קודם להטבת חמש נרות.

נאָכהער האָט א כהן גענומען א גאָלדענע כלי ווי א קארב און אריינגעגאנגען אין היכל און אראָפּגעשאַרט אין דער כלי אריין די אַש פון מזבח הזהב, וואָס איז געווען פון די קטורת וואָס מען האָט נעכטן מקריב געווען.

והטבת חמש נרות קודמת לדם התמיד.

נאָכהער איז אריין א כהן מיט א גאָלדענעם קריגל און האָט אָפּגערייניגט די קנויטלאך, מיט די אַש, מיט די איבעריגע בוימל וואָס איז געבליבן אויף דער מנורה פון נעכטן און אויסגעווישט ריין מער ניט ווי 5 רערן.

ודם התמיד קודם להטבת שתי נרות.

נאָכהער האָט מען געשפּריצט די בלוט פון קרבן תמיד אויף דעם מזבח. מען האָט מיט דער כלי וואָס מען האָט אַנטפּאַנגען די בלוט געטאָן א גאָס אין ווינקל מזרחית צפונית און אין ווינקל פון מערבית דרומית פון מזבח.

והטבת שתי נרות קודמת לקטורת.

נאָכהער איז דער כהן וועלכער האָט אָפּגערייניגט די 5 רערן פון דער מנורה אריין אין היכל אָפּגערייניגט די איבעריגע 2 רערן.

וקטרת קודמת לאברים.

נאָכהער האָט מען מקטיר געווען קטורת מיט דעם גאנצן צוגאַנג.

ואברים למנחה.

נאכהער האָט מען מקריב געווען די אברים פון קרבן תמיד, וועלכע מען האָט פריער צושניטן, האָט מען זיי יעצט פארברענט אויף דעם אויסנווייניגסטן מזבח.

ומנחה לחביתין.

נאכהער האָט מען מקריב געווען דעם קרבן תמיד, איין 10-טל זעמלמעל געמישט מיט 3 לוג בוימל.

וחביתין לנסכין.

נאכהער האָט מען מקריב געווען די מנחת חביתין. דאָס איז די מנחה פון כהן גדול וועלכע מען האָט מקריב געווען, האלב אין דער פרי און האלב אין דער נאכט.

ונסכין למוספין.

נאכהער האָט מען אַרויף געגאָסן וויין אויף דעם מזבח מיט דעם צוגאַנג: מען האָט גענומען 3 לוג וויין און אריינגעגאָסן אין א שיסל, וועלכע זי האָט געהאַט א לעכל וואָס איז אַראָפּ ביז אונטער דעם מזבח. בעת מען האָט געגאָסן די וויין, האָט דער סגן (דער גרעסערער) אויפגעהויבן א פאָן און 2 כהנים האָבן אָנגעפאַנגען בלאָזן מיט די חצוצרות. דער עלטסטער פון די שפּילער האָט אָנ־געפאַנגען קלאַפּן מיט די טאַצן און די לוים וואָס זיינען געשטאַנען אויף דעם בריקל וואָס הייסט דוכן (זע אין פרשת תרומה ביי בנין בית המקדש) האָבן זיי אָנגעפאַנגען זינגען און שפּילן דעם שיר של יום.

ומוספין לבזיכין.

שבת נאָך דעם קרבן מוסף האָט מען מקטיר געווען די 2 לעפל ווייראך וואָס איז געלעגן די גאנצע וואָך אינאיינעם מיט דעם לחם הפנים.

נאָך דעם איז געווען א צייט מקריב צו זיין קרבנות פון יחידים, ביז די צייט פון מקריב זיין דעם קרבן תמיד פון אָוונד. די עבודה האָט זיך געצויגן ביז האַלב 4 אזייגער. נאָכהער האָט מען מקריב געווען דעם קרבן תמיד של בין הערבים מיט דעם זעלבן צוגאַנג ווי דעם תמיד של שחר, און מען איז מקטיר קטורת די זעלבע ווי אין די מאָרגנס, און מען צינדט אָן די מנורה, און מען איז מקריב די מנחה פון תמיד, און די צווייטע האַלבע מנחה פון כהן גדול, און מען גיסט וויין אויף דעם מזבח, אלעס ווי ביי דעם תמיד של שחר.

נאָך דעם תמיד של בין הערבים טאָר מען ניט מקריב זיין קיין שום קרבן.

איזהו מקומן של זבחים וכו׳.

אלע קרבנות וועלכע הייסן קדשי קדשים (גאַנץ הייליג) שעכט מען זיי אין צפון זייט פון דער עזרה. דעם פר און דעם שעיר פון יום כפור שעכט מען אין דער עזרה אין צפון זייט, און מען איז מקבל די בלוט פון האַלז אין א הייליגע כלי אין צפון זייט. און דער כהן גדול גייט אריין מיט די בלוט אין קדשי קדשים און שטעלט זיך צווישן די שטאַנגען וואָס גייען ארויס פון ארון, און שפריצט איין מאָל אויבן און 7 מאָל אונטן געגן דעם כפורת כון ארון, און גייט ארויס מיט די בלוט פון קדשי קדשים אין היכל אריין און שפריצט איין מאָל אויבן און 7 מאָל הינטן אויף דעם פרוכת, און גייט צום גאָלדענעם מזבח וואָס שטייט אין היכל, און גיט 4 מאָל די בלוט אויף די 4 ווינקלען, און שפריצט 7 מאָל אויבן אויף דעם גאָלדענעם מזבח. אויב ער האָט פאַרפעלט איינע פון די אלע בלוט געבן, איז פסול. די איבעריגע בלוט וואָס בלייבט אין בעקן, דאַרף ער אויסגיסן אויף דעם פונדאַמענט פון אויסנווייניגסטן מזבח, אין מערב זייט. בדיעבד, אז ער האָט ניט געגאָסן אויף דעם יסוד איז אויך רעכט.

משנה ב. פרים הנשרפים ושעירים הנשרפים וכו׳.

דער פר וואָס א כהן גדול ברייגנט אויף דעם ווען ער האָט געהאַט א טעות אין א דין און האָט אַזוי געטאָן. אויך דעם פר וואָס

סנהדרין האָבן געדאַרפט ברייגנען אויף א טעות וואָס זיי האָבן גע-האַט אין א דין, און מען האָט געטאָן ווי זיי האָבן געהייסן. און א שעיר וואָס סנהדרין האָבן געדאַרפט ברייגנען ווען זיי האבן גע'פסק'נט בטעות א דין אין עבודה זרה. די אלע דאַרף מען שעכטן אין צפון זייט און מקבל זיין די בלוט אין א כלי שרת אין צפון זייט, און אריינגיין דערמיט אין היכל און שפּריצן 7 מאָל אויף דעם פרוכת און געבן 4 מאָל אויף דעם מזבח הזהב אין די 4 ווינקלען. אויב מען פאַרפעלט איינמאָל געבן די בלוט איז פסול. די רעשט בלוט גיסט מען אוים אויף דעם יסוד פון אויסווייניגסטן מזבח אין מערב זייט. בדיעבד אז ער האָט ניט אויסגעגאָסן איז אויך רעכט. די אלע פאַרברענט מען אויסער די שטאָט ירושלים.

משנה ג. חטאת הצבור והיחיד וכו'.

חטאת הצבור הייסט, די שעירים וואָס מען איז מקריב פאַר דעם כלל ישראל ראש חודש און יום טוב. חטאת היחיד הייסט, וואָס א איד איז מקריב פאַר א עבירה וועלכע ער האָט געטאָן ניט ווילנדיג. — שעכט מען זיי אין צפון זייט און מען איז מקבל די בלוט אין א הייליגער כלי אין צפון זייט. און דער כהן גייט אַרויף מיט די בלוט אויף דעם צוגאַנג פו מזבח וואָס רופט זיך כבש, וואָס ער שטייט אין דרום זייט פון מזבח, און קערט זיך רעכטס און גייט אַרויף אויף דעם סובב, דאָס איז דער ארומגאַנג פון מזבח אויף צו געבן די בלוט, און קומט צום ווינקל פון דרומית מזרחית, און גיט פון די בלוט אין דעם ווינקל, נאָכהער די זעלבע אין ווינקל מערבית דרומית און גייט אַראָפּ פון מזבח און גיסט די איבעריגע בלוט אויף דעם פונדאַמענט פון מזבח אין דרום זייט. די פליישׁ עסן די זכרים פון די כהנים אין דער עזרה געבראָטן אָדער געקאָכט.

משנה ד. העולה קודש קדשים שחיטתה בצפון וכו'.

דער קרבן עולה הייסט קדשי קדשים. מען שעכט אים אין צפון זייט און מען איז מקבל די בלוט אין א כלי שרת אין צפון זייט, און דער כהן שטייענדיג אויף דער רצפה (די געפלאַסטערטע שטיינער אויף דער ערד) טוט א גאָס פון דער כלי אויף דעם ווינקל מזבח פון מזרחית צפונית, און גייט צום ווינקל מערבית דרומית,

און טוט דאַרט א גאַס. און מען שינדט אָפּ די פעל און מען שניידט די בהמה אויף שטיקער נאָך דעם דין נאָך, און טראָגט זיי ארויף אויף דעם פייער (די פעל גיהערט צו די כהנים).

משנה ה. זבחי שלמי צבור ואשמות וכו'.

שלמים פון צבור הייסט די 2 שאָף וועלכע מען איז מקריב שבועות צוזאמען מיט די שתי הלחם. אשמות זיינען דאָ 6:

1) אשם גזלות, דאָס איז ווען איינער מאָנט ביי דעם צווייטן א תביעה פון געלט זאכן, און דער לייקנט אָפּ און שווערט אויף פאלש פאר בית דין, דארף ער ברייננגען אן איל פאר אן אשם.

2) אשם מעילות, ווען איינער האָט הנאה געהאַט פון הקדש וועלכע די הנאה איז ווערט א פרוטה, דארף ער ברייננגען אן איל פאר אן אשם.

3) אשם שפחה חרופה, אויף זנות מיט א שפחה כנענית וועלכע איז געווען פאר'קנס'ט צו א עבד עברי.

4) אשם נזיר, וועלכער איז טמא געוואָרן, ברענגט ער א כבש פאר אן אשם.

5) אשם מצורע, א שאָף וואָס א מצורע בריינגט אין דעם טאָג פון זיין רייניגן זיך.

6) אשם תלוי, דאָס איז וואָס מען בריינגט אויף א ספק פון א חטא וועלכער דער חטא איז פארבונדן מיט כרת, בריינגט מען אן איל.

די אלע איז זייער שחיטה אין צפון זייט פון דער עזרה, און מען אנטפאנגט די בלוט אין א כלי שרת אין צפון זייט, און דער כהן שטייענדיג אויף דער רצפה טוט א גאָס די בלוט אויף דעם ווינקל פון מזבח פון מזרחית צפונית און מערבית דרומית. און עס ווערט געגעסן אין דער עזרה צו די כהנים זכרים, געקאָכט אָדער געבראָטן, דעם טאָג און די נאכט, דערנאָך ביז האלבער נאכט.

משנה ו. התודה ואיל נזיר קדשים קלים שחיטתן בכל מקום בעזרה.

א תודה איז וואָס א איד דארף ברייננגען א קרבן א דאנק צום הייליגן באַשעפער ב"ה וב"ש אויף א נס, און דער איל וועל-כער א נזיר בריינגט דעם טאָג ווען עס ענדיגט זיך זיינע נזירות, די הייסן קדשים קלים, דאָס הייסט זייער קדושה איז גרינגער פון

די וועלכע מען האָט אויסגערעכנט וואָס רופן זיך קדשי קדשים. קדשים קלים שעכט מען אין דער עזרה, ניט אין קיין בעשטימטן אָרט דוקא. און דער כהן איז מקבל די בלוט אין א כלי שרת, און גיסט די בלוט אויף דעם ווינקל פון מזבח פון מזרחית צפונית און מערבית דרומית. דאָס מעג געגעסן ווערן אין דער גאנצער שטאָט ירושלים, און צו אלע מענשן אפילו ניט קיין כהנים געקאָכט אָדער געבראָטן, דעם טאָג און די נאכט ביז האַלבער נאכט. דאָס וואָס מען שניידט אָפּ דערפון פאר דעם כהן, האָט אויך דעם זעלבן דין, עס מעג געגעסן ווערן צו די כהנים און זייערע פרויען און קינדער און זייערע דינער, אָבער ניט קיין אנדערע.

משנה ז. שלמים קדשים קלים שחיטתן בכל מקום בעזרה וכו'.

דער קרבן שלמים הייסט קדשים קלים, און האָט דעם זעלבן דין ווי די פאָריגע משנה, עס איז נאָר דאָ איין נפקא מינה, עס ווערט געגעסן דעם טאָג פון שעכטן און די נאכט און אויף מאָרגן דעם גאנצן טאָג.

משנה ח. הבכור והמעשר והפסח קדשים קלים וכו'

בכור און מעשר בהמה און דער קרבן פסח הייסן קדשים קלים. זייער שחיטה איז אין דער גאַנצער עזרה. די בלוט דאַרף מען מקבל זיין אין א כלי שרת און געבן א גאָס אויף דעם מזבח, וואו עס איז דאָ דער יסוד פון מזבח (דאָס איז די גאַנצע זייט פון מערב און אן אייל אין ווינקל אין מזרח און אן אייל אין ווינקל אין דרום). די 3 סאָרטן קרבנות האָט יעדער א באַזונדער דין אין עסן אים. דער בכור ווערט געגעסן צום כהן. מעשר ווערט געגעסן איב־גאנצן צום בעל הבית, און דער כהן האָט אין דעם קיין חלק. זיי ווערן געגעסן אין גאנץ ירושלים, געבראָטן אָדער געקאָכט, דעם טאָג און די נאַכט און דעם מאָרגענדיקן טאָג. אָבער דער קרבן פסח ווערט געגעסן נאָר ביינאַכט ביז האַלבע נאַכט, און ווערט געגעסן נאָר צו דער קאמפּאַניע וועלכע האָבן זיך פריער בעשטימט אינ־איינעם צו עסן, און ווערט געגעסן נאָר געבראָטן.

ויקרא

ו י ק ר א

אם עולה קרבנו וגו'.

די מצות עשה איז, מקריב צו זיין א קרבן עולה נאך דעם ארדענונג:

א קרבן עולה קומט נאר פון מיני זכר רינדער, שאף און ציגן. פון מיני עופות קומט נאר טויבן מיט דעם נאמען תורים ובני יונה.

ווען א מענטש ברענגט פאר זיך א קרבן עולה איז דער צוגאנג אזוי, ער ברענגט דעם קרבן אין בית המקדש אין דער עזרה, און שפארט זיך אן אויף דעם קאפ פון קרבן מיט די גאנצע קרעפטן און איז זיך מתודה און זאגט חטאתי עויתי פשעתי, און איך טו תשובה און דאס איז מיין כפרה. אויף א קרבן עוף, דארף מען זיך ניט אנשפארן. שלאכטן א קרבן מעג אפילו ניט קיין כהן, די איבעריגע ארבעט טוט נאר דער כהן.

דער הייליגער רמב"ן זי"ע, זאגט א געדאנק אויף אלע קרבנות. אזוי ווי די ארבעט פון מענטשן ענדיקט זיך דורך די 3 כוחות מחשבה, (טראכטן) דבור, (רייד) מעשה. (טאן) דאס הייסט דער מענטש פריער טראכט ער, דער נאך רעדט ער, דער נאך טוט ער. האט דער בורא יתברך שמו פארזאגט ער זאל ברענגען דעם קרבן און אז ער וועט זיך אנשפארן מיט די הענט אויף דעם

קרבן איז דאס געבן זיין מעשה, אז ער איז זיך מתודה מיט דעם מויל איז דאס געבן זיין רייד,און אז מען פארברענט די אינגעווייד מיט די נירן איז דאָס געבן די קערפערליכע כלים מחשבות און תאוות, די קני ווערן פארברענט איז דאָס געבן זיינע הענט און פיס וועלכע ער האָט מיט זיי שלעכטעס געטאן, די בלוט ווערט געשפריצט אויף דעם מזבח דאָס איז געבן זיין בלוט. ער דאַרף טראכטן ביי דער צייט פון קרבן אזוי ווי ער האָט געזינדיגט געגן בורא יתברך מיט דעם גוף ונפש, איז רעכט דאָס די בלוט זיינע זאָל פארגאָסן ווערן, ווען ניט דער חסד פון בורא יתברך וואָס ער נעמט אָן דעם קרבן אן אויסבייט פאר איהם, בלוט פאר בלוט, גלידער פאר גלידער, אַ זעלע פאַר אַ זעלע.

פון קרבן עסן די כהנים בכדי זיי זאלן אויף אים מתפלל זיין, זיין תשובה זאָל אנגענומען ווערן.

וכי תקריב קרבן מנחה.

די מצות עשה איז, מקריב צו זיין אַ קרבן מנחה, עס איז דאָ 5 סארטן מנחה'ס: איינע קומט ניט קיין געבאקענע 4 מנחות קומען געבאקענע. 2 קומט געבאקען אין כלים מיט דעם נאמען מחבת און מרחשת. מחבת הייסט אַ פלאכער פאַטעלנע אָן ווענט, מרחשת הייסט אַ טיפע פאַטעלנע מיט ווענט. 2 קומען געבאקן אין אויוון. דער כהן איז מקטיר נאך דעם דין נאך אלע מנחות. די איבעריגע פון די מנחות האבן געגעסן די כהנים אין דער עזרה, אין די אלע מנחות ווערט געברויכט וויירויך. די אלע מנחות דאַרף געהיט זיין זיי זאלן ניט זיין קיין חמץ. דער מדרש ברענגט: אגריפס המלך האט געוואלט מקריב זיין 1000 עולות, האט ער פארזאגט דעם כהן גדול דעם טאג זאל ער קיין קרבן ניט אָננעמען אויסער זיינע. איז געקומען אַ ארימאן און געבראכט מקריב זיין 2 טויבן ענטפערט אים דער כהן גדול, דער מלך האט מיר פארזאגט דאס דעם טאג זאל איך קיין קרבן ניט אננעמען אויסער זיינע. זאָגט דער אָרימאַן מיין בעסטער הער כהן גדול, איך פאנג 4 טויבן אַ טאָג 2 בין איך מקריב מיט 2 ערנער איך זיך, אויב דו וועסט מיר ניט מקריב זיין צו רייסט דו מיר מיין פרנסה, האט ער מקריב געווען. האט מען געוויזן דעם מלך אין חלום, אז דער איין

קרבן פון אָרימאַן, איז פריער אָנגענומען געוואָרן פאַר דיינע 1000. אויף מארגן שיקט דער מלך נאך דעם כהן גדול און פרעגט עם האָב איך דיר דען ניט פארזאגט זאלסט היינט קיין קרבן ניט אננעמען אויסער מיינע? האט ער דערציילט די געשיכטע ווי דער ארימאן האט זיך געבעטן, זאגט אים דער מלך האסט גוט געטאָן.

ביי דעם קרבן מנחה שטעלט די תורה מיט דעם לשון: „ונפש כי תקריב" דאס הייסט די תורה גלייכט צו דעם ארימן מענשענס ביסל מעל וועלכע זיין לעבן הייגנט אָן דעם אָפּ גלייך ווי ער וואלט זיך זעלבסט מקריב געוועז.

כי כל שאור וכל דבש לא תקטירו.

די מצות לא תעשה איז, מען טאר ניט דאמפן אויף דעם מזבח קיין זויער טייג און קיין האָניג (אַלע זיסע זאכן רופט די תורה מיט דעם נאמען האָניג). ווייל זויער טייג הייבט זיך, האט דאס די תורה דערווייטערט פון קרבן, דער מענטש זאל פארשטען צו פארהאסן גאוה.

און דארום האט די תורה ערווייטערט זיסע זאכן, איז דאָס אויך אַ מוסר פאר דעם מענטשן ער זאל זיך דער פון שליסן ניט נאָך צווזוכן נאָך די תענוגים וועלכע בעת מעשה האָט מען הנאה, און עס איז זים אבער נאכהער פארדארבט דאס דעם מענטשן.

לא תשבית מלח ברית אלקיך מעל מנחתיך.

די מצות לא תעשה איז, מען טאר ניט פארפעלן קיין זאלץ אין קיין קרבן און מנחות.

על כל קרבנך תקריב מלח.

די מצות עשה איז, צו זאלצן אלע האנד קרבנות. קיין אייגענע זאלץ האט מען ניט בעדארפט מיט ברייגנען אין בית המקדש ווייל דאס איז אַ סימן פון ארימקייט, און דער בית המקדש איז געשטאנען רייך. די תורה רופט אָן דעם בונד פון בורא יתברך שמו מיט אידן, מיט דעם נאמען זאלץ. ווייל זאלץ איז אַ זאך וואָס איז אימער ביי זיין קראַפט און האַלט אויף אַנדערע זאכען דאָס

זעלבע, דער בונד ביי בורא יתברך שמו מיט אידן איז אויך א אייביגער בונד, וועלכע גייט קיינמאל ניט פאנאנדער, און דאס שטארקט אידן אויף אייביג.

ונעלם דבר מעיני העדה.

די מצות עשה איז, ווען די גרויסע סנהדרין 71 מאן האבן געהאט א טעות אין א דין פון חיוב כרת, און די מערערע פון געמיינדע האבן געטאן ווי זיי האבן געפסקנט דארפן די סנהדרין ברייגגען א קרבן, איין פר. (אין ברייגגען דעם קרבן, איז פיל ערקלערט אין רמב"ם).

ואם נפש אחת תחטא בשגגה והקריבה.

די מצות עשה איז, ווען א מענטש טוט וועלכע עבירה, אז ער וואלט דאס געטאן געוואוסט קומט כרת, און ער טוט דאס אונגערן, ברייגגט ער א חטאת א שעירה. צב"ש, ער האט געמיינט אויף חלב אז דאס איז שמאלץ, אדער ער האט געטאן א עבירה וועלכע ער האט געדיינקט אז דאס איז גאר קיין עבירה נים.

והוא עד או ראה וכו'.

די מצות עשה איז, ווען מען וויים עדות צו זאגן זאל מען קומען צום בית דין זאגן, אויב מען וויים אין געלד זאכן אדער אין א איסור זאך אדער אין דיני נפשות סיי אויף זכות סיי אויף א חוב. ווער עס באהאלט זיין עדות זאגן איז זיין שטראף זעהר גרוים, ווען אויך דער דין תורה איז דאס אויף יעדער זאך מוז מען האבן 2 עדות, עס איז אבער דא פרטים וואס דער עדות זאגן פון 1 עדות ניצט אויך.

ואם לא תגיע ידו וגו'.

די מצות עשה איז דאס אויף 6 עבירות האט די תורה פארגרינגערט זייער קרבן, און עס ווערט געבראכט נאך זייער פארמעגן נאך:

1) ווען אן עדות האָט געשוואָרן אז ער ווייס קיין עדות צו זאָגן און עס איז דערגאַנגען געוואָרן אז ער ווייס יאָ.

2) פאר שווערן ליגן אומגערן.

3) ווען א טמא איז אריין אין בית המקדש אומגערן.

4) ווען א טמא האָט געגעסן קדשים אומגערן.

5) א יולדת.

6) א מצורע.

דער קרבן ווערט פארטיילט אויף 6 אופנים: א רייכער ברייגגט א שאָף אָדער א ציג פון א מין נקבה. אויב מען איז אויף דעם ניט פארמעגליך ברייגגט מען 2 טויבן פון מין תורים אָדער פון מין בני יונה איינע אויף א חטאת און איינע אויף אן עולה. ווען מען איז אויף אן עוף אויך ניט פארמעגליך צו קענען ברייגגען, ברייגגט מען א קרבן מנחה. אויסער א יולדת און א מצורע האָט מען זיי ניט פארגרינגערט מיט קיין מנחה.

ומלק את ראשו ממול ערפו ולא יבדיל.

די מצות לא תעשה איז, ווען דער כהן איז מולק דעם קרבן חטאת עוף זאָל ער ניט אָפזונדערן די קאָפּ פון קערפּער.

דער צוגאנג פון חטאת עוף איז אזוי, דער כהן נעמט אָן אין לינקע האַנט די טויב ביידע פיס, צווישן 2 פינגער, און די ביידע פליגלען צווישן 2 פינגער. די קאָפּ בויגט ער אַראָפּ איבער דעם גראָבן פינגער. און מיט דעם נאָגל פון גראָבן פינגער פון דער רעכטער האַנט שניידט ער אין ביין פון נאקן וועלכע מען רופט מפרקת ביז ער קומט צו די סימנים (דער אָרט וואו מען קוילעט), און שניידט איבער די סימנים. דאָס איז פון די שווערסטע עבודות. ער נעמט אָן די קאָפּ מיט דעם קערפּער און טוט א שפּריץ די בלוט אויף דעם מזבח. די איבריגע בלוט קוועטשט ער אויס צום וואנט פון מזבח אונטן.

די פלייש עסן די כהנים.

זכרונות שמואל ומהרי"ל

לא ישים עליה שמן.

די מצות לא תעשה איז, מען טאָר ניט צוגעבן קיין בוימל אין קרבן פון חוטא.

ולא יתן עליה לבונה.

די מצות לא תעשה איז, מען טאָר ניט געבן ווייררויך אין קרבן פון חוטא, ווייל בוימל ווערט באנוצט צו זאלבן די מלכים און כהנים, און ווייררויך גיט א גוטן ריח, פאַסט ניט עס זאָל דאָס קומען אין קרבן פון חוטא.

ואת אשר חטא מן הקודש ישלם ואת חמישיתו יוסף עליו.

די מצות עשה איז, דער וואָס האָט א הנאה פון הקדש אומ־גערן א ווערדע פון א פרוטה, אָדער ער האָט גענעסן תרומה אומ־גערן, דארף מען אָפּצאָלן די ווערדע פון דער זאך און נאָך מיט א פינפטל פון וויפיל די זאך איז ווערט. צום ביישפיל, ווען די זאך האָט א ווערדע פון 4 דאלאר, דארף מען צאָלן 5 דאָלאר צו הקדש, און פאר תרומה דארף מען אָפּצאָלן די כהנים. פאר א הנאה פון הקדש דארף מען נאָך צום אָפּצאָלן ברענגען א קרבן א באַראַן פאר אן אשם.

ולא ידע ואשם וגו'.

די מצות עשה איז, ווען איינער האָט אָפּגעטאָן א זאך און עס איז אים א צווייפל אויב ער האָט געזינדיקט מיט דער זאך וועל־כע ער האָט געטאָן, צום ביישפיל, עס איז גילעגן פאר אים חלב און שמאַלץ, האָט ער איינע אויפגעגעסן און ווייס ניט וועלכע, דארף מען ברענגען א קרבן וועלכער הייסט אשם תלוי. דער קרבן איז א באַראַן.

נאָכהער אויב מען ערקונדיקט זיך אז עס איז יאָ געוועזן א חטא ברענגט מען א קרבן חטאת.

דאָרום ברייננט מען א קרבן ווען אויך די זאך איז נאָר א צווייפל, אויב ער האָט מיט דעם געזינדיגט, ווייל א איד בעפאַר ער טוט וואָס, דאַרף ער באַטראַכטן וואָס ער טוט, פּיליכט שטעקט אין דעם עטוואָס א עבירה, און אז ער האָט געטאָן ניט באַטראַכט הייסט אויך אן עבירה.

והשיב את הגזילה אשר גזל.

די מצות עשה איז, ווען מען גזל׳ט וואָס ביים צווייטן, דאַרף מען אָפּגעבן די זעלבע זאך צו דעם וואָס מען האָט ביי אים גע־גזל׳ט. ווען מען האָט גע׳גזל׳ט נאָר א ווערדע פון א פּרוטה מוז מען אויך אָפּגעבן די זעלבע זאך.

ווען דער נגזל וואָינט אפילו גאַנץ ווייט פון אים מוז ער אים ברייננען אין הויז ווען אויך אפילו אז ביי דעם נגזל האָט די זאך קיין ווערדע. ווען דער נגזל שטאַרבט מוז מען אָפּגעבן די גזילה צו די יורשים. אויב די גזילה איז שוין ניטאָ, אָדער דער גזלן האָט די גזלה אומגעבראַכט מוז מען באַצאָלן מיט געלט ווי עס איז ווערט געוועז בעת׳ן גזל׳נען. און די זאך געהערט צום גזלן. (אַלע פּרטי דינים איז אין חשן משפט ערקלערט).

ווער עס גיט ניט אָפּ די גזילה איז ער עובר דעם לאו פון לא תגזול, די עשה פון והשיב את הגזילה ווי עס איז דאָ גערעדט. ווי איז צו דעם וואָס מענשן וואָס קען פאַריכטן כל זמן ער לעבט די עולה וועלכע ער האָט דעם צווייטן געטאָן, און פאַריכט ניט, דען נאָך זיין טויט איז דעם קיין כפרה ניטאָ.

ווען ער האָט געשוואָרן אז ער האָט ניט גע׳גזל׳ט, נאָכהער האָט ער זיך זעלבסט מודה געוועז, דאַרף ער אָפּצאָלן פאַר דער זאך צום נגזל אָדער צו די יורשים און נאָך צוגעבן א פינפטל, און ברייננען א קרבן אשם. דאָס הייסט אשם גזילות.

ואת אשמו יביא לה׳!

די מצות עשה איז, צו ברייננען א קרבן אשם אויף איינע פון די 5 ארטן עבירות. דער קרבן איז א שאָף פון מין זכר (ווי עס

איז ערקלערט ביי אונז אין ביאור אויף איזהו מקומן, אָנהויב ויקרא).

והרים את הדשן וגו'.

די מצות עשה איז, אָפּשיידן א פייער פאַן אַש פון מזבח אַלע טאָג. דער צוגאַנג צו דעם איז אַזוי: דער כהן איז זיך טובל, און קליידעט זיך אָן כהונה קליידער, געמיינערע ווי צו אַנדערע עבודות, און וואַשט די הענט און פיס, און נעמט א זילבערנע פאַן פון די כלים פון בית המקדש, און שיידט אָפּ דערמיט די אַש פון מזבח, און שיט אוים אין מזרח זייט פון די טרעפּ פון מזבח. אַלע טאָג שיידט מען אָפּ ווי דער מאָרגנשטערן גייט אויף. יום טוב שיידט מען אָפּ פאַר האַלבע נאַכט. די אַש פלעגט דורך א נס איינגעזונקען ווערן אויפן אָרט.

אש תמיד תוקד על המזבח.

די מצות עשה איז, עס זאָל ברענען אימער פייער אויף דעם מזבח, ווען אויך אויף דעם מזבח איז געקומען פייער פון הימל, דאָך האָט מען געמוזט נאַטירליכע פייער אויך האָבן (דער צוגאַנג צו דעם איז ערקלערט ביי אונז אין ערקלערונג פון אביי הוה מסדר).

לא תכבה.

די מצות לא תעשה איז, מען טאָר ניט לעשן פון דעם פייער פון מזבח אפילו איין קויל אויך ניט.

והנותרת ממנה יאכלו אהרן ובניו.

די מצות עשה איז, דאָס וואָס בלייבט איבער פון אַלע קרבן מנחות נאָכדעם ווי דער כהן נעמט אַראָפּ דעם הויפן מקטיר צו זיין, געהערט צו די כהנים צו עסן.

לא תאפה חמץ חלקם.

די מצות לא תעשה איז, מען טאָר ניט זייערן די איבערגעבליבענע פון די מנחות וועלכע געהערן צו די כהנים צום עסן.

זה קרבן אהרן ובניו אשר יקריבו לה׳!

די מצות עשה איז, דער כהן גדול זאָל מקריב זיין אַלע טאָג פאר זיין געלט א קרבן מנחה פון א צענטל זעמל מעל, האלב אין די מאָרגן און האלב אין די אָווענדס.

וכל מנחת כהן כליל תהיה לא תאכל.

די מצות לא תעשה איז, אלע מנחות וועלכע א כהן איז מקריב פאר זיך, טאָר ניט געגעסן ווערן, עס דאַרף אינגאַנצן אויפן פייער ווערן פארברענט.

זאת תורת החטאת.

די מצות עשה איז מקריב צו זיין דעם קרבן חטאת נאָך די אָרדנונג נאָך. א חטאת וועלכער דער צבור ברייננגט קומט עס פון מין זכר, פון ציגן, באָק אָדער רינדער. א יחיד פאר זיך ברייננגט אַ ציג אָדער א שאָף פון מין נקבה.

דער צוגאַנג פון א חטאת וואָס א יחיד ברייננגט איז אזוי: ער ברייננגט דעם קרבן אין דער עזרה, און שפּארט זיך אָן אויף דעם קאָפּ פון קרבן מיט אַלע קרעפטן, און איז זיך מתודה און זאָגט: חטאתי, עויתי, פשעתי, איך האָב עובר געווען אויף די עבירה וועל־כע מען דאַרף אויף דעם ברייננגען א חטאת, און איך טו תשובה. און דאָס איז מיין כפרה. און זאָגט ווידער: אנא השם כפר נא לחטאים לעונות ולפשעים שחטאתי ושעויתי ושפשעתי. און באַלד ווערט עס אויף אָן אָרט געשחט׳ן, און דער כהן איז דעם קרבן מקריב.

פון די איבערגעבליבענע וויפיל מען איז מקריב געהערט צו די כהנים צום עסן, און די פעל געהערט אויך צו זיי.

לא תאכל באש תשרף.

די מצות לא תעשה איז, מען טאָר ניט עסן די פלייש פון קרבנות חטאת וועלכע זייערע בלוט ווערט געשפּריצט אין אינוויי־

ניגסטן מזבח. עס מוז ווערן אינגאַנצן מיט די פעל אויף דעם פייער פאַרבּרענט אויסער דער שטאָט ירושלים.

וזאת תורת האשם.

די מצות עשה איז, כהנים זאָלן מקריב זיין דעם קרבן אשם. דער קרבן אשם קומט פון שאָף פון מין זכר. דער צוגאַנג צו דעם איז אזוי: ער ברייגנט דעם קרבן אין בית המקדש און שפּאַרט זיך אָן מיטביידע הענט אויף דעם קאָפּ פון קרבן, און איז זיך מתודה און זאָגט: חטאתי, עויתי, פשעתי, איך האָב עובר געווען אויף די עבירה וועלכע מען דאַרף ברייגנען אויף דעם א קרבן אשם. און דאָס איז מיין כפרה. און עס ווערט אויף אַן אָרט גע׳שחט׳ן, און דער כהן איז מקריב.

וזאת תורת זבח השלמים.

די מצות עשה איז, מקריב צו זיין דעם קרבן שלמים. שלמים הייסט די קרבנות וועלכע זיי ווערן געבּראַכט דורך א נדר, דאָס הייסט ווען איינער האָט זיך א נדר געטאָן צו ברייגנען א קרבן אָדער איינער ברייגנט סתם א נדבה א קרבן. דאַרום הייסט דאָס שלמים, ווייל דאָס מאַכט שלום צווישן אונז מיט דעם בורא יתברך שמו לעד ולנ"נ.

אויף פיר אופנים קומט א קרבן שלמים: 3 וועלכע יחידים ברייגנען: 1) וואָס מען ברייגנט אום יום טוב שלמי חגיגה ושמחה. 2) וואָס א נזיר ברייגנט. 3) שלמי תודה דאָס הייסט שלמים, א דאַנק דעם בורא יתברך פאַר א נס וואָס טרעפט א מענשן. 4 ברענגען א תודה: 1) א חולה פון זיין בעט אויפשטיין. 2) ווען מען קומט בשלום פון ים. 3) אָדער פון מדבר. 4) וועלכע ווערט פריי פון תפיסה. געגן די 4 וואָס ברייגנען א תודה בענשט מען היינט גומל (וועלכע איז ערקלערט ביי אונז ביי די דינים פון בר־כות). דער 4-טער אופן פון ברייגנען שלמים איז וועלכע צבור בריינ־גען אום שבועות.

ווען א יחיד ברייגנט א קרבן שלמים, ברייגנט ער דעם קרבן אין דער עזרה און שפּאַרט זיך אָן אויף אים און זאָגט תשבחות והודאות און דער כהן איז מקריב.

לא יניח ממנו עד בוקר.

די מצות לא תעשה איז, מען טאָר ניט איבערלאָזן פון קדשים אויף נאָך דער צייט פון עסן דעם קרבן.

והנותר מבשר הזבח באש ישרף.

די מצות עשה איז, צו פאַרברענען די איבערגעבליבענע פון קדשים. אין דעם כלל איז צו פאַרברענען נאָר קדשים וועלכע ווערן פסול. די צייט פון פאַרברענען איז בייטאָג.

פיגול יהיה והנפש האוכלת ממנו עונה תשא.

די מצות לא תעשה איז, ווען א קרבן ווערט פיגול טאָר מען ניט עסן פון קרבן. ווען מען עסט, קומט כרת רח״ל. קרבן מנחות און קרבנות עוף ווערן אויך פיגול. פיגול הייסט: ווען א כהן וועלכער באשעפטיגט זיך אין קרבן האָט געטראכט ניט ווי דער דין איז, איז דאָ אזעלכע מחשבות וואָס פסל׳ן דעם קרבן (ווי עס איז ערקלערט אין רמב״ם).

והבשר אשר יגע בכל טמא לא יאכל באש ישרף.

די מצות לא תעשה איז, מען טאָר ניט עסן קיין חלב. ווען טמא, און עס איז א מצות עשה צו פאַרברענען די קדשים וועלכע ווערן טמא. די זעלבע איז א מצוה צו פאַרברענען תרומה וועלכע ווערט טמא.

כל חלב וגו׳ לא תאכלו.

די מצות לא תעשה איז, מען טאָר ניט עסן קיין חלב. ווען מען עסט חלב גערן קומט כרת. ווען מען עסט אומגערן ברייגנט מען א חטאת (וואָס הייסט חלב און אלע דינים פון דעם, איז ער-

קלערט אין יורה דעה). עס איז דאָ אַדערן אין הייטלאַך וועלכע זיי הייסן אויך חלב ווי עס איז ידוע צו מנקרים. מען טאָר זיך ניט פאַר־לאָזן מיט טרייבערן אפילו די פאַדערזייט נאָר אויף ווען מען ווייס אז ער קען די ארבייט און אין א באַגלויבטער מענטש.

וכל דם לא תאכלו.

די מצות לא תעשה איז, מען טאָר ניט עסן אָדער טרינקען קיין בלוט. אויב מען עסט אָדער מען טרינקט בלוט במזיד, גערן, קומט כרת, אויב בשוגג, אומגערן ברייגנט מען א חטאת.

ווען מען געפינט א בלוטס־טראָפּן אין אן איי, איז די איי טריף. דארום ווען מען שלאָגט אויף אן איי, דארף מען זיך ארומזען אויב עס איז ניטאָ קיין בלוטס־טראָפּן. אז עס צומישט זיך פון די איי וועלכע מיט א בלוטס־טראָפּן מיט נאָך אייער דארף מען פרעגן א שאלה. אז מען געפינט אין א אָפּגעקאָכטע איי א בלוטס־טראָפּן, דארף מען פרעגן א שאלה אויף די כלים אין וועלכע מען האָט גע־קאָכט, און אויף די אייער וועלכע מען האָט צוזאַמען געקאָכט.

אז עס ווייזט זיך אויף א ביסן עטוואָס בלוט פון די ציין דארף מען דאָס אראָפּנעמען, און דעם ביסן מעג מען אויפעסן.

אז מען געפינט אין די מילך רויטליך, דארף מען פרעגן א שאלה אלע דינים וועלכע געהערן צו דם איז ערקלערט אין יורה דעה).

דער צוגאנג צו פלייש זאלצן איז אזוי:

1) צום ערשט ווייקט מען די פלייש א האַלבע שעה אין א כלי וואסער, אָבער ניט ווארימע. נאכהער נעמט מען ארויס די פלייש און מען שווענקט אָפּ זייער גוט, און מען דארף ארומזען פיליכט איז נאָך דאָ עטוואָס בלוט. דארום איז גלייך אויסצורייבן מיט די הענט די פלייש אין די ווייקוואסער. איבערהויפּט דארף מען גוט אַכטונג געבן אויסרייבן פון בלוט די האַלז און דעם חלל פון עוף. נאכהער ווארט מען עס זאָל אָפּטריפן די ווייקוואסער.

2) אויב נאָך דעם אָפּשווענקען פאר דעם זאלצן האָט מען צושניטן די פלייש, אָדער מען האָט אָפּגעשניטן די נעגל פון די

פיסנאָגעס, דאַרף מען פון דאָס ניי אָפּשווײנקען ווי דער דין איז און נאָכהער זאַלצן.

3) פאַרפראָרענע פלייש טאָר מען ניט זאַלצן ביז עס זאָל אָפּגיין דער פראָסט פון די פלייש.

4) ברונימער, טייכן וואָס געפינט זיך אין זיי ווערים, טאָר מען ניט נוצן די וואַסער צום זאַלצן די פלייש אָדער צום אָפּשווײנקען נאָר א מין עסענוואַרג.

5) מען טאָר ניט זאַלצן מיט קיין גאַנץ גראָבע זאַלץ, און ניט קיין גאַנץ דינע ווי מעל.

6) מען דאַרף זאַלצן אומעטום פון אלע זייטן עס זאָל ניט בלייבן קיין שטיקל אָרט אומגעזאַלצן. דאַרום דאַרף מען עופות פאַר דעם זאַלצן עפענען אינגאַנצן, מען זאָל קענען אויסזאַלצן אומעטום.

7) נאָך דעם זאַלצן דאַרף די פלייש ליגן א שעה אין זאַלץ. נאָכהער טרייסלט מען אָפּ די זאַלץ און מען שווײנקט אָפּ 2 מאָל מיט וואַסער, אָדער מען גיסט אריין וואַסער אין א כשר'ע כלי און מען לייגט דערנאָך אריין די פלייש און מען שווײנקט דורך מיט די הענט אינווייניג 3 מאָל. אָבער ניט אריינלייגן די פלייש און נאָכהער ארויפגיסן די וואַסער.

8) אן אויסגעזאַלצענעם עוף דאַרף מען לייגן מיט דעם חלל (אויפגעעפענטע זייט) אראָפּ, בכדי עס זאָל גוט אָפּרינען די אינווייניגסטע בלוט. דאָס גלייכן א גאַנצע ריפּ דאַרף מען איר לייגן מיט דעם איינגעבויגענעם זייט אראָפּ. דאָס בעסטע איז צו זאַלצן אויף א זאַלץ קעסטל. מען קען זאַלצן אויף א ברעט אויך, נאָר די ברעט זאָל ליגן קרומלאַך עס זאָל קענען אראָפּרינען. די ברעט מוז זיין גלאַט, אויב זי האָט גריבלאַך אָדער לעכלאַך טאָר מען אויף איר ניט זאַלצן.

9) מען טאָר ניט לייגן ניט קיין געזאַלצענע פלייש אין א כלי וועלכע מען נוצט איר א מאָל צו אנדערע זאַכן.

10) פאַר דעם זאַלצן דאַרף מען אַרויסנעמען פון די פלייש די אָדערן אין די הייטלאַך וועלכע זיינען אָסור איבער חלב.

11) פלייש וואָס ליגט 3 מעת לעת אומגעזאַלצן דאַרף מען פרעגן א שאלה.

12) פלייש וואָס האָט זיך געזאַלצן און ניט אָפּגעשווענקט ווי דער דין איז דאַרף מען פרעגן א שאלה.

13) פלייש וואָס ווייקט זיך א מעת לעת דאַרף מען פרעגן א שאלה. (די ווייק כלי נוצט מען ניט צו קיין אנדער זאַך).

פאר א קראנקן איז די דינים פון זאַלצן פלייש גרינגער. עס איז רעכט עס זאָל זיך ניט ווייקן א האַלבע שעה, נאָר אזוי אויס־שווענקען און אויסרייבן מיט די הענט און נאָך א מאָל אָפּשווענקען ביז די וואסער איז ריין, אז עס איז ניט קענטיג קיין שום רויטקייט קען מען זאַלצן. און נאָך דעם זאַלצן איז גענוג עס זאָל ליגן אין די זאַלץ 18 מינוט.

(הג"ה והרב מהרש"ז פסק לכה"פ 25 מינוט, ממשה גאָלד־צוויג).

דינים ווי צו זאַלצן יעדער אבר.

1) די קאָפּ טאָר מען ניט זאַלצן אינגאַנצן, נאָר מען מוז איר פריער פאַרן ווייקן צושניידן אויף צווייען, און ארויסנעמען די מאַרך און צורייסן די הייטל, און איטליכעס באַזונדער זאַלצן. און די קאָפּ אַליין מוז מען זאַלצן פון דרויסן און פון אינווייניג. מען מעג זאַלצן אויף די האָר.

אז מען זאַלצט א פּוס מוז מען פריער אָפּהאַקן די קלויען און עס מוז ליגן אַראָפּ מיט דעם אָפּגעשניטענעם זייט.

3) די הארץ מוז מען פריער אויפשניידן פאַר דעם זאַלצן, כדי די בלוט זאָל ארויסרינען. אָבער אז מען האָט פאַרגעסן אויפ־צושניידן פאַר דעם זאַלצן, זאָל מען אויפשניידן פאַר דעם קאָכן.

4) דעם לונג איז דער מנהג אויפצושניידן פאַר דעם זאַלצן. אז מען האָט פאַרגעסן און אויסגעקאָכט ניט צושניטן איז אויך כשר.

5) דעם לעבער טאָר מען ניט זאַלצן און קאָכן, נאָר בראָטן אויף דעם פייער. פאַר דעם בראָטן שנייט מען אויף דעם לעבער

אין דער ליינג און אין דער ברייט, מען באזאלצט אים, און מען לייגט אים מיט דער צושניטענער זייט אויף די קוילן. מען טאר דעם לעבער ניט בראטן געוויקלט אין פאפיר, אפילו אין פאפיראסן פא־פיר אויך ניט. דער זעלבער דין איז ווען מען בראט פלייש אויף דעם פייער. נאך דעם בראטן שווינקט מען אפ מיט א ביסל וואַ־סער.

דער מילץ האט דעם זעלבן דין ווי פלייש, נאר מען דארף אפשיילן די הייטל, און אויסטרייבערן די חלב פאר דעם זאלצן.

שמאלץ האט אלע דינים פון פלייש זאלצן.

אייטער טאר מען ניט זאלצן אינייגעם מיט די פלייש. דער מנהג איז, אז מען בראט אייטער. איידער מען בראט אים מוז מען איינ־שניידן אין דער ליינג און אין דער ברייט, און מען קלאפט אים דורך אן וואנט עס זאל ארוים די מילך. מען טאר אים ניט בראטן אין א כלי.

אז מען געפינט אייער אין אן עוף, אפילו מיט דעם הארטן שאלעכץ, מוז מען אפשווינקען און באזונדער זאלצן, עס זאל זיך ניט אנרירן אן די פלייש, און אזעלכע אייער טאר מען ניט עסן אין מילכיגם.

פעטע ביינער וועלכע האבן אויף זיך גאר קיין פלייש ניט מוז מען זיי זאלצן באזונדער, און ניט מיט פלייש צוזאמען.

אז מען זאלצט פלייש ביינאכט מוז מען דערביי האלטן 2 ליכט, כדי מען זאל קענען גוט זען אז עס בלייבט ניט א שטיקל ליי־דיק אן זאלץ.

אז עס ווערט טריפה א הון אדער א גאנז אדער אן ענטיל, און מען האט געפונען אפילו פארטיגע אייער, זיינען די אייער אויך טריפה, און מען טאר ניט פארקויפן די אייער צו א קריסט, ווייל טאמער וועט ער פארקויפן צו א אידן.

א קטן אדער א קטנה זיינען ניט באגלויבט אויף זאלצן פלייש.

שמיני

ראשיכם אל תפרעו

די מצות לא תעשה איז, א כהן טאָר ניט אַריינגיין באַוואַקסן מיט האָר פון מזבח און וויטער. דער כהן גדול טאָר קיינמאָל ניט גיין באוואקסן מיט האָר. א כהן הדיוט דאַרף זיך שערן אַלע חודש. דער כהן גדול אַלע ערב שבת.

דער כהן גדול איז געווען געשאָרן אויסנאַמיג אין דער וועלט. די גמרא דערציילט, אין א צייט ארום העכער 1000 יאָר נאָך דעם חורבן, האָט רבי'ס א אײדים, איינער בן אליעשא, ער איז געווען זייער רייך, האָט ער פיל געלט אויסגעשאָטן אויסלערנען זיך די קונציגע מלאכה צו ווייזן די וועלט דעם אויסנאַמע פון כהן גדול'ס אָפּשערן.

ובגדיכם לא תפרומו.

די מצות לא תעשה איז, די כהנים זאָלן ניט ארויסגיין פון מזבח און וויטער געריסן די קליידער. ווען מען טוט די עבודה אין געוואַקסענע האָר אָדער אין געריסענע קליידער ווי מען רייסט אויף א מת, איז מען חייב מיתה בידי שמים.

ומפתח אהל מועד לא תצאו.

די מצות לא תעשה איז, דער כהן זאָל ניט ארויסגיין פון בית המקדש אין מיטן זיין טאָן די עבודה, סיידן אין א נויט. אז ער גייט ארויס אין מיטן די עבודה איז ער חייב מיתה בידי שמים.

דערפון איז צו שליסן, אזוי ווי תפילה איז במקום קרבנות, און די שולן און בתי מדרשים זיינען געגליכן צום בית המקדש, דא־רום הייסן זיי מקדש מעט, טאָר מען ניט אוועקגיין ביז ענדע דאוו־נען, ניט ווי אנדערע פירן זיך דאָס מען גייט אַוועק פאַר אשרי ובא לציון, און עס איז זיי שווער די ווילע צו זיין אין בית המדרש אויסהערן אַלע קדישים און ענטפערן אמן. ווי עס איז ידוע, דאָס דער שכר פון דעם איז זייער גרויס.

(עס איז כדאי דאָ צו ברייגנען א גלייכוווערטל פון אן אַלטן חסיד פון סאַנץ הרה"ח ר' מרדכי סאַנצער האָט מען אים גערופן אין ירושלים: עס איז נעבאַך אַ שאָד אז אזא יונגערמאַן גייט אזוי פרי אוועק און לאָזט נעבאַך איבער אזעלכע טייערע קדישים. אזוי פלעגט זאָגן ר' מרדכי ע"ה, אז ער האָט געזען אוועקגיין פאר אשרי ובא לציון).

יין ושכר אל תשת בבואכם אל אהל מועד.

די מצות לא תעשה איז, קיין כהן טאָר ניט אריינגיין שיכור פון מזבח און ווייטער. אויך קיין דין טאָר מען ניט פסק'נען ווען מען איז שכור. ווען א כהן טוט די עבודה שיכור איז ער חייב מיתה בידי שמים.

קיין ישראל טאָר אויך ניט אַריינגיין אין בית המקדש באַוואַקסן די האָר, אָדער געריסן די קליידער, אָדער שיכור.

א למדן, און ווער רעדט נאָך א רב אָדער א דיין אויסער די עבירה, קען ער דאָך מכשיל זיין את הרבים און דער חילול השם ב"ה איז זייער גרוים. אפילו אן איינפאַכער מענטש אז ער איז שיכור איז א חילול השם ב"ה, דען פאר ישראל קדושים פאַסט דאָס ניט. פון שיכרות קען מען קומען צו די גרעסטע עבירות. שיכרות מאַכט חרוב די הויז. אז מען לאָזט זיך אריין אין דעם פילט מען גאָר ניט ווי מיאוס דאָס איז. ווי דער מדרש ברייגנגט א פיינעם סיפור: עס איז געווען א שיכור, האָבן זיך די קינדער זייער געשעמט. איינמאָל האָבן זיי געוואָלט ער זאָל זיך איבערצייגן ווי מיאוס שיכרות איז. האָבן זיי אים ניכטערהייד אוועקגעפירט ווייזן ווי א שיכור ליגט אין גאַס. דער אַלטער איז אָבער ניט נתפעל געוואָרן. ער בויגט זיך צו צום שיכור און פרעגט אים: זאָג מיר מיין ברודער, וואו האָסטו געקומען אזא גוטע ביסל משקה? זעט מען דאָך ווי שיכרות נעמט צו דעם גאַנצן געפיל פון מענשן.

זאת החיה אשר תאכלו.

די מצות עשה איז, דער אונטערזוכן די סימנים פון בהמות און חיות וועלכע עס זיינען טהורים און מען מעג זיי עסן, און וועלכע עס זיינען טמאים און מען טאָר זיי ניט עסן.

די וועלכע האָבן די סימנים, מעלה גרה ומפרים פרסה — איז טהור און מען מעג זיי עסן. ווען זי האָט נאָר איין סימן איז זי טמא.

מעלה גרה הייסט, זי ברייננ ארויף די צוקייטע עסן צוריק, און קייט איבער נאָך אמאָל, און שלינגט אראָפּ. מפרים פרסה הייסט, די קלויען פון די פיס איז פאַנאַנדערגעשפּאָלטן. פון בהמות איז נאָר מותר: רינדער, שאָף, ציגן. פון חיות איז מותר: דער הירש, דער שטיינבאָק, און נאָך פון די וועלכע זיינען מפורש אין דער תורה.

את זה לא תאכלו.

די מצות לא תעשה איז, מען טאָר ניט עסן קיין פלייש פון בהמות און חיות טמאים, מען טאָר ניט נוצן קיין מילך פון בהמות און חיות טמאים. מען טאָר ניט נוצן קיין מילך פון א קריסט סיידן אז מען איז דערביי ביים מעלקן. אין אנעדרע שטעלן איז מען זיך מקיל צו עסן פוטער פון א קריסט.

מען טאָר ניט קויפן ביי א קריסט רעטאך, ציבעלע, כריין, וואָס איז געשניטן מיט א מעסער אָדער געטריקענטע עפּל.

כלים וועלכע ווערן גענוצט צו עסן און טרינקען אפילו נייע פון שטאָל, אייזן, גלאָז, זילבער, מעטאַלן טאָר מען ניט נוצן סיידן מען טובל'ט זיי און מיט א ברכה. דאָס הייסט, פאַרן טובל'ן מאַכט מען א ברכה: בא״י אמ״ה אקב״ו על טבילת כלים. די טבילה דארף זיין אין א מקוה אָדער א קוואַל. אויב מען וויים אז די פאַב־ריק איז א אידישע דארף מען ניט טובל'ן. אויב עס איז א ספק צי דאָס איז א אידישע טובל'ט מען אָן א ברכה.

ערדענע כלים, א מילכל פון קאווע, טובל'ט מען אָן א ברכה.

א כלי פון א קריסט וואָס ער האָט זי גענוצט באופן אז מען דארף איר אויסברענען אָדער כשר'ן דארף מען איר נאָכהער טובל זיין.

פאַר דעם טובל'ן די כלי דארף די כלי זיין א ריינע.

בעת'ן טובל'ן דארף מען די כלי האַלטן פריי אין האַנט, בכדי עס זאָל צוקומען די וואַסער ארום און ארום. אז מען טובל'ט

מיט א שטריקל, דאַרף די שטריקל ניט זיין שטאַרק ארומגעבונדן, בכדי די וואַסער זאָל קענען אין אָרט פון בונד אריינגיין.

די כלי וועלכע די האַלז איז פון שטאָל, דאַרף מען אַכטונג געבן עס זאָל ווערן דורך דער טבילה די כלי פול מיט וואַסער.

א קטן אָדער א קטנה זיינען ניט באַגלויבט אויף טובל'ן כלים.

ואת זה תאכלו מכל אשר במים.

די מצות עשה איז, דער אונטערזוכן די סימנים פון די פישן טהורים צו וויסן וועלכע עס איז טהור און מען מעג עסן, און וועלכע עס איז טמא און מען טאָר ניט עסן דורך די סימנים מעג מען זיי עסן: סנפיר וקשקשת, פליספעדערן און שופן. די וועלכע האָבן ניט די סימנים טאָר מען זיי ניט עסן.

ושקץ יהיה לכם מבשרם לא תאכלו.

די מצות לא תעשה איז, מען טאָר ניט עסן קיין טמא פיש.

ואת אלה תשקצו מן העוף לא יאכלו.

די מצות לא תעשה איז, ניט צו עסן קיין עוף טמא. די סימנים פון א עוף טמא איז מפורש אין דער גמרא. די אייער פון א עוף טמא איז אויך טמא. מיר האָבן ניט נויטיג צו שטעלן די סימנים פון א עוף טמא, ווייל מיר עסן נאָר די עופות וועלכע מיר וויסן זיי בקבלה מיט זייערע נעמען דאָס זיי זיינען כשר. דער סימן פון א כשר'ע איי איז איין זייט איז שפיציג און די צווייטע זייט איז קיילעכדיק.

את אלה מהם תאכלו.

די מצות לא תעשה איז, ניט צו עסן קיין עוף טמא. די פליענדע וועלכע רופן זיך מיט דעם אַלגעמיינעם נאָמען חגב, צו וויסן וועלכע עס איז טהור און מען מעג עסן, און וועלכע עס איז טמא און מען טאָר ניט עסן. די סימנים איז מפורש אין דער תורה.

וזה לכם הטמא בשרץ השורץ על הארץ.

די מצות עשה איז, דאָס די 8 שרצים וועלכע זיינען אויס־גערעכענט אין דער תורה זיינען טמא און מטמא אַלעס וואָס עס רירט זיך אָן זיי אָן. אַנדערע שרצים זיינער נאָר אסור, אָבער ניט טמא.

מכל האוכל אשר יאכל אשר יבא עליו מים
יטמא וכל משקה אשר ישתה וגו'.

די מצות עשה איז, צו זיין געהיט אין טומאה, ווען עס ווערט טמא עסן אָדער געטראַנקען אָדער כלים, עס איז אין דעם פיל דינים ערקלערט אין רמב"ם.

הנוגע בנבלתה יטמא עד הערב.

די מצות עשה איז, דאָס נבלה איז טמא און מטמא וואָס רירט אָן אָן דער נבלה. נבלה הייסט, אז זי איז טויט ניט גע'שחט'ן אָדער עס טרעפט זיך א פסול אין דער שחיטה. דינים פון טומאה און טהרה גייט ביי אונזער יעצטיגע צייט ניט אָן. נאָר יום טוב איז א איד מחויב צו זיין א טהור, דארום דאַרף מען זיך לכבוד יו"ט טובל זיין.

שקץ הוא לא יאכל.

די מצות לא תעשה איז ,מען טאָר ניט עסן פון די קריכענדע שרצים, שלאַנגען, עקדעשן און נאָך אַנדערע.

לכל השרץ השורץ על הארץ לא תאכלם.

די מצות לא תעשה איז, מען טאָר ניט עסן קיין מיני ווערים. מען טאָר ניט עסן וואָס עס איז נאָר קענטיג אַז דאָרט איז דאָ ווערים־פּרעס. דארום מוז מען דעם אָרט ארומשניידן.

מען דאַרף זיין פאָרזיכטיג זומער צייט איז אָפטער די מילבן דאָ אין עסנוואַרג, אין תבואה און מעל. אַרבעס, קרויט, שוועמלאך דאַרף

מען גוט אויסקלייבן. מאַלעניעס גרויסע און קליינע סאָרט איז גע־
ווים דאָ ווערים, דאַרף מען אין דעם גוט פאָרזיכטיג זיין. פלוימען
פון בוים, אָדער געפּרעסטע איז מצוי ווערים, און נאָר פרוכט וועל־
כע עס איז מצוי ווערים דאַרף מען יעדער פּרי באַזונדער עפענען
און בודק זיין פון ווערים. אין פישן איז דאָ ווערים אין קאָפּ, אין
מויל, אין די אויערן, אין די גידערים בפרט אין העכט געפינט זיך
לאַנגע דינע ווערים, אויף די מילך און אויף רויג. אויף דעם אלעם
דאַרף מען ארומזען און מאכן ווי נויטיג איז.

אל תשקצו את נפשותיכם.

די מצות לא תעשה איז, מען טאָר ניט עסן פון די ברואים
וועלכע עס געפינט זיך אין וואַסער אויסער די כשר'ע פישן.

דארום דאַרף מען וואַסער זייען און אויך פאָרזיכטיג זיין
בעת'ן טרינקען איינצוקוקן זיך פריער אין כלי, אויך ניט טרינקען
פון אַ קוואַל אָדער אַ טייך גלייך מיטן מויל, ווייל עס איז דאָ אין
דעם א סכנה.

ולא תטמאו את נפשותיכם בכל השרץ הרומש על הארץ.

די מצות עשה איז, מען טאָר ניט עסן פון די רמשים דאָס
איז וועלכע קריכן אויף דעם בויך, אלע מיני ברואים, פליענדע אָדער
קריכענדע, וועלכע געפינען זיך אין וואַסער, אין פרוכט, אין שפּייז,
צ. ב. מילבן און נאָך אַנדערע דאַרף מען זיין זייער פאָרזיכטיג.
אויסער די האַרבקייט פון דער עבירה איז פון זיי דאָ וועלכע
זיינען אַ סכנה, און אַ סכנה איז נאָך שווערער ווי עבירה.

מיר געפינען דאָ פאַר נויטיג ארומצושרייבן די איסורים
וועלכע זיינען ענליך צו לאווין, אַנדערע איסורים ווייל מען טאָר
ניט איבער דעם איסור פון דער זאַך, און אַנדערע זיינען אסור
איבער סכנה.

אין די ברונימער און טייכן, וועלכע מען ווייס דאָס דאָרט
געפינט זיך ווערים, טאָר מען ניט טרינקען די וואַסער אום געזייט.
אויב מען האָט געקאָכט פון די וואַסער דאַרף מען פרעגן א שאלה.

מען דאַרף זייען די וואַסער דורך א געדיכטן טוך. אין עסיג איז געוויינליך דאָס עס קלייבט זיך צוזאַמען ווערים, העלפט ניט דערביי זייען. אין אויסגעפּרעגלטע פּרוכטן געפינט זיך אָפט מאָל פון אויבן מילבן, דאַרף מען אַראָפּנעמען פון אויבן מיט עטוואָס די געפּרעגלטע.

מען טאָר ניט עסן צוזאַמען פיש מיט פלייש. מען דאַרף היטן ניט צו טרינקען קיין אָפּגעדעקטע משקה. מען טאָר ניט האַלטן אונטער א בעט אָדער אונטער נאָר וואָס מען שלאָפט אויף דעם קיין שום עסן אָדער געטראַנק, ניט קיין רויע און ניט קיין געקאָכטע. אויב מען האָט פאַרגעסן און מען האָט יאָ געלייגט, דאַרף מען פרעגן אַ שאלה. איבערהויפט איז דאָס מצוי ביי ישוב-לייט אָדער די וועלכע האָבן ענגע דירות האַלטן זיי פּאַטייטאָס אָדער אייער אונטער די בעטן. מען טאָר ניט פאַרביי גיין פאַר א שלעכטע וואַנט. אָדער גיין איבער א צובראָכענע בריק. אין די ימים אָדער נאָר וואו וואַסער פלייצט, טאָר מען ניט אריינגיין איבער די אקסלען. מען טאָר ניט טרינקען ביינאַכט פון א טייך.

מען טאָר ניט אויסריידן מיטן מויל קיין שלעכטן וואָרט, ניט אויף זיך ניט אויף א צווייטן. מען טאָר ניט איבערשרעקן קיין מענשן. איבערהויפט ניט צו שרעקן קיין קליין קינד.

ציבעלע אָדער אן איי וואָס ליגט איבערנאַכט אָפּגעשיילט טאָר מען ניט נוצן. פון איבערגעבליבענע וואָס איינער טרינקט, דאַרף מען עטוואָס אָפּגיסן. ווען מען ברויכט צום מענשליכן געברויך, טאָר מען זיך ניט איינהאַלטן, דען אויסער דעם לאו פון בל תשקצו איז נאָך דערביי א סכנה. אויב מען האַלט זיך איין פון קטנים, איז אויסער דעם לאו פון בל תשקצו, אויך ווערט מען פון דעם א עקר. מען טאָר ניט עסן ווען דער קערפּער איז אינערליך ניט ריין. (ווען אויך כעס איז א גרויסע עבירה גלייך צו געצענדינסט, אָבער זיין אין כעס, שרייען, בייזערן זיך נאָך דעם עסן איז דאָס אויך געפערליך). מען דאַרף זיך היטן פון אַלטע שפּייז, דען דאָס איז סם המות רח"ל. געוויינליך ביי זיך אין הויז קען מען זיך פון דעם אָפּהיטן. אין וועג מוזן די גאַסט הייזער אויפּפּאַסן זיך, זאָנסט זיינען זיי מזיק מענשן. זויערע פּרוכט איז אומגעזונט.

דער בעסטער טרונק איז וואַסער. מען דאַרף טרינקען פון גלאָז, מען זאָל זען וואָס מען טרינקט. ווען מען איז

צוואוואַרימט זאָל מען ניט טרינקען קיין קאַלטע וואַסער, ווייל דאָס איז אַ גרויסע סכנה. איבערהויפּט דאַרף מען זיך היטן ניט צו טרינקען ווען מען איז מיד פון וועג אָדער ווען מען גייט אַרויס פון מרחץ. מען דאַרף זיך היטן צו עסן אָדער טרינקען צו דער צייט ווען מען וויל. מען טאָר זיך ניט אָנזעטיקן איבער זאַט. זומער דאַרף מען עסן ווייניגער ווי ווינטער. פאַר דעם עסן דאַרף מען זיך באַוועגן, גיין אַרבייטן. מען דאַרף עסן זיצענדיק. נאָך דעם עסן איז ניט גוט צו באָדן זיך אָדער גיין אין מרחץ.

מען דאַרף פאָרזיכטיג זיין ניט אַריינגיין האַסטיג פון דער פינסטער אין דער ליכטיג, ווייל עס שאַדט צו די ראיה. דאַרום ווען מענשן שלאָפן דאַרף מען עפענען די לאָדנס לאַנגזאַם. די נאַטור וויסענשאַפט זאָגט, דאָס לויפן עסט אויף די ליכט פון די אויגן. שטיין שאַדט צום האַרץ, זיצן שאַדט צו מערידין, דאַרום גיבן אונזערע חכמים ז"ל אַן עצה דעם מענטש, ער זאָל דעם טאָג אויסברייגען אַ דריטל צייט אין גיין, אַ דריטל צייט אין שטיין, אַ דריטל צייט אין זיצן.

מען דאַרף ניט אַריינגיין פון קעלט און שטעלן זיך גלייך ביים אויוון, אָדער ווען מען איז דערוואָרימט זאָל מען זיך ניט וואַשן אָדער באָדן זיך אין קאַלטע וואַסער, דען עס איז געפערליך. אַלע טאָג דאַרף מען דורך אַ פענצטער אַריינלאָזן פרישע לופט.

שלאָפן איז באמת געוווג 6 שעה אין מעת לעת, נאָר מער ווי 8 שעה איז אומגעזונט. שלאָפן אין די שיך איז געפערליך.

מען טאָר ניט לייגן די קליידער צו קאָפּענס. מען טאָר ניט שלאָפן ניט מיט דעם פּנים אַראָפּ, ניט מיט דעם פּנים אַרויף, נאָר לייגן זיך פריער אויף דער לינקע זייט און אין מיטן נאַכט איבערקערן זיך אויף די רעכטע זייט. ווייל דער לעבער ליגט אין דער רעכטער זייט און דער מאָגן ליגט אין דער לינקער זייט, און ווי מען לייגט זיך אויף דער לינקער זייט וואַרעמט דער לעבער דעם מאָגן, קאָכט עס איבער דעם עסן. אין מיטן נאַכט איז גוט איבערצוקערן זיך, דער מאָגן זאָל צופיל ניט קאָכן.

אויסטאָן זיך דאַרף מען פריער דעם שוך נאָכהער דעם רעכטן (אויסער ערב תשעה באב פאַרנאַכט און ערב יום כפור פאַרנאַכט

איז א מצוה דער אויסטאָן, איז א כבוד פריער אויסצוטאָן דעם רעכטן). אָנטאָן זיך איז פריער דעם רעכטן און דערנאָך דעם לינקן.

ווען עס פארשמעקט א שפייז דארף מען ניט בעת מעשה אראָפּשלינגען די שפּייאכץ נאָר אויסשפּייען, וואָרום דאָס אראָפּ־שלינגען איז א גרויסע סכנה. שוויים פון מענשן איז סם המות רח"ל, דארום דארף מען זיך היטן ניט אָנרירן קיין שוויים צו קיין שפּייז. מען דארף ניט אריינגעמען קיין מטבע אין מויל, ווייל דאָס איז דאָך געלעגן ביי פארשידענע מענשן אין די הענט און מעגליך עס איז געלעגן ביי די הענט פון גיפערליכע קראנקע. ווען מען שטייט אויף אין דער פרי פון שלאָף טאָר מען ניט אָנרירן אונ־געוואשן מיט די הענט ניט צו די אויגן, ניט צו די אויערן, ניט צום נאָז, ניט צום מויל, אזוי זאָגן די הייליגע חכמים פון דער גמרא. די נאַטור פון דאָקטאָריע להבדיל זאָגט אויך דאָס זעלבע, אז אין דעם אָרט פון קערפּער וואו עס האָט א חלל איז געפערליך צו לייגן אן אומגעוואַשענע האַנט.

די אלע מצות, פארוואָס אנדערע זאכן זיינען כשר און אנ־דערע זאכן זיינען טריפה, וועלכע זאכן איז מותר און וועלכע איז אסור, זיינען מיר ניט אימשטאַנד צו געבן קיין ריכטיגע טעמים, וואָרום ווער קען דען נאָכפאָרשן די ג־טליכע חכמה, משה רבינו און שלמה המלך זיינען אויך ניט דערגאַנגען צו ג־טליכער חכמה. אזוי ווי א דאָקטאָר קען ניט היילן ווען ער ווייס ניט פריער דעם פעלער, דאָס זעלבע קענען מיר ניט פארשטיין ווי אזוי די אלע זאכן פאר'מיאוס'ן דעם נפש, ווען מיר פארשטייען ניט די גאַנצע חכמה ווי אזוי עס ארבייט דער נפש אין מענשליכן קערפּער, ווי אזוי קע־נען מיר וויסן ווי דאָס שאַדט אים. נאָר דאָס איינציגע דארף מען וויסן און געדיינקען, אז דער הייליגער באַשעפער ב"ה וב"ש איז א טוב, ער וואָלט געווים קיין גוטעס ניט געזשאַלעוועט זיינע קינ־דער. צו אים איז באַוואוסט ריכטיג די בריאה, דער מענטש, ווייסט ער וועלכעס עס איז פאר דעם מענשן גוט און וועלכעס ניט. דער רמב"ם בריינגט, אז די אלע זאכן וואָס די תורה האָט גע'אסר'ט איז ניט געזונט על פי הטבע פארן מענשן. ווייל ג־ט ב"ה איז א טוב ומטיב לכל.

תזריע

וילדה זכר וטמאה שבעת ימים וגו'. ואם נקבה תלד וטמאה שבעים.

די מצות עשה איז, דאָס אַ יולדת איז טמא און מטמא וואָס עס רירט זיך אָן איר אָן. אויב זי האָט געבאָרן אַ זכר, איז זי טמא 7 טעג. אויב זי האָט געבאָרן אַ נקבה איז זי טמא 14 טעג. נאָכ־הער אז זי איז זיך טובל, דאַרף זי וואַרטן 33 טעג, אויב זי האָט געבאָרן אַ זכר און אויב אַ נקבה דאַרף זי וואַרטן 66 טעג. די גאַנצע צייט טאָר זי ניט קומען אין בית המקדש און ניט עסן קיין קדשים. דאָס איז אַלעס גערעדט ווען דער בית המקדש איז קיים. אָבער יעצטיגע צייט אז ביי אונז איז ניטאָ די דינים פון טומאה, נאָר די דינים פון נדה, די צייטן ווען זי איז אָסור צום מאַן, איז דער דין אזוי: די יולדת נאָך 7 טעג פון אַ זכר און 14 טעג פון אַ נקבה ווען זי פילט אז זי קען זיך רייניגן דאַרף זי ציילן 7 ריינע טעג און נוהג זיין זיך ווי נאָר אַ אשה וואָס דאַרף גיין טבילה און איז זיך טובל און איז מותר צום מאַן (ווי עס איז ערקלערט אין פרשת אחרי אין די דינים פון נדה), דאָס אזוי איז מען זיך נוהג אין אונ־זערע מדינות. אַ יולדת ביז זי טובל'ט זיך איז זי גלייך ווי אַ נדה מיט אַ חיוב כרת, ווען אפילו זי זעט ניט קיין דם.

בכל קודש לא תיגע.

די מצות לא תעשה איז, ווער עס איז טמא זאָל ניט עסן קיין קדשים איידער ער איז זיך טובל.

ובמלאת ימי טהרה וגו'.

די מצות עשה איז, דאָס די יולדת אין דעם טאָג נאָכדעם ווי עס ענדיגט זיך 40 טעג פון געבאָרן אַ זכר און 80 טעג פון אַ נקבה דאַרף זי ברייננען אַ קרבן. איר קרבן איז אַ שאָף פאַר אַ עולה, און אַ טויב פאַר אַ חטאת. אויב זי איז ניט פאַרמעגליך אויף אַ שאָף, ברייננט זי אַ טויב פאַר אַן עולה. דאַרום דאַרף זי ברייננען אַ קרבן, אזוי ווי זי איז געווען אין געפאַר אין דער צייט פון איר

ברוך-שטול און השי"ת האָט איר געהאָלפן, דארף זי ברייננען א קרבן, א שבח און א דאנק צום בורא יתברך שמו לעד ולנ"נ.

די גמרא זאָגט: דער אָקס ווען ער ליגט געפאַלן זאָל מען שאַרפן דעם חלף. דאָס גלייכן די אשה, אין דער צייט ווען זי איז געזונט איז זי ניט אזוי אין געפאַר, ווי אָבער זי גייט צו קינד דארף זי דאָך האָבן א זכות ניצל צו ווערן פון דער געפאַר, ווערט אָבער דערוועקט דער חוב פון אירע מעשים.

די גמרא זאָגט: די פרומע פרויען זיינען ניטאָ אין צעטל פון חוה'ן, די קללה פון שווער גיבאָרן. דארום דארף יעדע פרוי זען שטרייננ אָפצוהיטן די דינים וועלכע זי איז אויף דעם פאַרזאָגט אויסנאַמיג. דהיינו, וויסן ריכטיג די דינים פון נדה, זי זאָל וויסן אז מען קען חלילה ניט וויסנדיג די דינים פון נדה אריינפאַלן אין א איסור כרת, און די קינדער זאָלן זיין בני נדה. אין די אומריינע טעג דארף זי זיין גאַנץ פונווייטן מיט דעם מאַן.

א פריילן ווי זי ווערט א כלה זאָל זי לערנען די דינים, און גאָר ניט שעמען זיך. דען אויסער די האַרבקייט פון דער עבירה איז דאָך די זאַך א לעבענס געפאַר.

די רעכט איז דאָס יעדער פרוי זאָל באַקן חלה לכבוד שבת, און נעמען חלה ווי דער דין איז. אנדערע פרויען מאַכען א טעות, זיי גייען נעמען חלה ביי די בעקערם פון די בעקערשע טייג, איז דאָס א ברכה לבטלה. נאָר אז זי באַקט אירע טייג ביים בעקער דארף זי יאָ נעמען חלה מיט א ברכה. אויב עס האַלט די טייג 43 אייער גרוים דאָס איז א שיעור חלה.

יעדע פרוי זאָל אויפפירן די הויז בכשרות, ווי דער דין פון א אידישע הויז, די גאַנצע וואָך און שבת ויום טוב. די הויז זאָל זיין געהיט פון חילול שבת, אליין זיין אָפגעהיט, און היטן די קינ-דער זיי זאָלן ניט מחלל שבת זיין. די גמרא זאָגט: פאַר דעם חטא וואָס פרויען וואַשן אָפּ די קליינע קינדערשע שמוץ אום שבת שטאַרבן די מוטערם פאַר דער צייט.

אויך זאָל יעדע פרוי זיין געהיט צו בענשן ליכט צו דער צייט, (ווי עס איז ערקלערט אין פרשת יתרו), דורך דעם איז זי זוכה צו האָבן קינדער וועלכע באַלייכטן די וועלט.

אדם כי יהיה בעור בשרו שאת.

די מצות עשה איז, די דינים פון מצורע אָדער א מצורעת. 4 מיני נגעים איז דאָ ביי דעם מענשן, פאנאנדערגעטיילט אין די דינים:

1) נגעי עור בשר דאָס הייסט, אז עס ווערט א פלעק אויף דער הויט פון לייב מיט דעם קאָליר ווייס, גרוים ווי א באָב, פון דעם מין באָב וואָס מען רופט גרים, דאָס די ווייסקייט האָט איינע פון די 4 קאָלירן: 1) בהרת, וויים ווי שניי. 2) שאת, ווי וואָל. 3) ווי העלער קאָלך. 4) ווי די אינווייניגסטע הייטל פון אן איי. אָדער איינע פון די 4 קאָלירן געמישט מיט רויט.

2) שחין ומכוה. אז עס מאַכט זיך א נגע פון איינע פון די זעלבע קאָלירן אויף דעם אָרט וואו ער האָט געהאַט א וואונד פון א קלאַפּ, אָדער א ברען, בעת עס האָלט זיך שוין ביים פארהיילן.

ואת הנתק לא יגלח.

3) נגע במקום שער. אויב עס ווערט אויף דעם קאָפּ אָדער די באָרד א פליך ווי א גרים איז דער דין אזוי ווי ווייטער שטייט:

אויב עס איז דאָ געוויינליכע 2 האָר, איז באַלד טהור. אויב עס איז ניטאָ קיין געוויינליכע 2 האָר נאָר 2 האָר גאָלדפאַרב קאָליר, אָדער עס איז גרעסער געוואָרן דער פליך איז ער טמא. אויב ניט זאָל ער אים ארומגאָלן די האָר ארום פליך, און א צאָל האָר די ברייט ארום זאָל ער איבערלאָזן, דער צאָל הייסט נתק, דאָס טאָר מען ניט אָפּגאָלן. אויב מען גאָלט דאָס יאָ אָפּ האָט מען געשלאָגן פאר דעם מלקות בזמן הבית.

4) קרחת וגבחת. אויב עס איז ארום אויסגעפליקט די האָר פון האָלבן קאָפּ פון פאָרנט אָדער די האָלבע קאָפּ פון הינטן, איז דאָס ניט קיין נגע, נאָר א נאַטירליכער פליך. אויב עס ווערט אין דעם פליך א נגע, האָט דאָס דעם דין ווי א נגע אויף דעם לייב.

די אלע נגעים זיינען פאָרגעקומען פאר דעם כהן און דער כהן טוט אזוי ווי עס איז מפורש אין דער תורה.

דעם כלל דאַרף מען וויסן, דאָס דער מענטש ליגט אונטער דער השגחה פרטית, דאָס הייסט דער ברוא יתברך קוקט אויף יעדער מענשן באַזונדער, און מען זאָל ניט דענקען חלילה דאָס וואָס טרעפט א מענשן איז א נאַטירליכע טרעפונג, נאָר ער ווערט גע׳משפט נאָך זיינע מעשים נאָך. ווי די חז״ל זאָגן: נגעים קומט דאָס מערסטע איבער לשון הרע. דארום האָט די תורה פאַרזאָגט, דאָס די נגע זאָל פאָרקומען פאר דעם כהן, וועלכער איז דער אידישער פאָרשטייער, דער נאַטירליכער שליח מכפר צו זיין די זינד. און ער פאַרשליסט אים אויף אייניגע טעג, בכדי ער זאָל זיך לאַנגזאַם דורכרעכענען זיינע מעשים און טאָן תשובה, און וועט שוין פאַר־שטיין אז דאָס איז ניט קיין נאַטירליכע זאַך, נאָר דער שטראָף איז געקומען פון בורא יתברך אויף זיינע זינד.

וטמא טמא יקרא.

די מצות עשה איז, דאָס דער מצורע וועלכער דער כהן האָט אים באַשטעטיגט פאר טמא, זאָל דער מצורע צורייסן די קליידער וועלכע ער גייט געקליידעט און לאָזן וואקסן די האָר, און צודעקן די קאָפּ, און ארומוויקלען זיך ביז די ליפּן, באַקאַנט מאַכן אז ער איז טמא.

א פרויענצימער ברויכט ניט די אלע זאַכן, זי דאַרף נאָר זיצן אויסער דער שטאָט מען זאָל וויסן דאָס זי איז טמא.

אין דעם כלל איז אלע טמאים וועלכע זיינען מטמא דעם מענשן זיינען מחויב באַקאַנט צו מאַכן דאָס זיי זיינען טמא, צו וויסן צו היטן זיך פון זיי.

די מצוה לערנט אונז, דאָס דער מענטש וועלכער איז געש־טראָפט מיט אן אַנשטעקענדן פעלער רח״ל, און דער צווייטער ווייס ניט, זאָל ער זיך היטן פון מענשן. וואָרום ער קען פארגיפטן דעם צווייטן.

די גמרא זאָגט: דער שטראָף פון מצורע איז א מדה כנגד מדה. ער האָט מיט זיין צונג פאַנאַנדערגעשיידט מאַן און פרוי, גוטע פריינד איינע פון די אַנדערע, דארום זאָל ער אָפּגעזונדערט

ווערן פון מענשן, וועט ער פון דעם פארשטיין אפצוקערן זיך פון דעם שלעכטן וועג.

דעם כלל דארף מען וויסן, דאס וואס מיר זאגן אימער דער בורא יתברך שמו לעד באצאלט מדה כנגד מדה, מיינט מען ניט חלילה אז דער בורא נעמט דאס א נקמה פאר וואס מען האט אים ניט געפאלגט. ניין! דאס איז נאר אזוי ווי איינער גייט אין א גלייכע וועג און באדענקט זיך און גייט אראפ אין דער זייט און ווערט דארט ניזוק, איז דען שייך צו זאגן דאס דער בורא יתברך טוט אים דאס? דען ער טוט דאס זיך זעלבסט. דאס גלייכן איז דאס אויך. דער בורא יתברך האט אפגעשטעלט די וועלט דער מענטש זאל גיין מיט דעם דרך התורה, וועט ער האבן גוטעס. ווען בעהיט ג־ט ב"ה, ער טרעט אפ פון דרך התורה גיט אים ניט דער בורא יתברך קיין גוטעס, קומט אויף אים שוין ממילא שלעכטס, ווייל דער בורא יתברך טוט אפ פון אים די שמירה.

והבגד כי יהיה בו נגע צרעת.

די מצות עשה איז, די באהאנדלונג פון נגעים אין בגדים.
אז מען זעט אין א בגד אדער אין א צייג פון וואל אדער פלאקס אדער פון לעדער א נגע, דאס איז א פלעק מיט דעם קאליר טיף גרין אדער טיף רויט, זאל די זאך פארקומען פאר דעם כהן, און דער כהן טוט ווי עס איז מפורש אין דער תורה.

זאת תהיה תורת המצורע ביום טהרתו.

די מצות עשה איז, דער ארדנונג ווי אזוי דער מצורע זאל זיך רייניגן אין דעם טאג וואס ער ווערט ריין, ווי עס איז מפורש אין דער תורה דער צוגאנג: מען גאלט אים אפ די האר פון קאפ און פון קערפער. דער מצורע וואשט די קליידער און איז זיך טובל, און מעג שוין קומען אין שטאט. ער דארף נאך א מאל ווערן געגאלט (ווי עס איז ערקלערט אין דער צווייטער מצוה).

והיה ביום השביעי יגלח את כל שערו.

די מצות עשה איז, אפצוגאלן נאך אמאל דעם באשטימטן מצורע אין דעם זיבעטן טאג פון זיין רייניגן זיך. דער כהן גאלט

אים אָפּ נאָר די האָר פון קאָפּ און פון קערפּער און דער מצורע וואַשט די קליידער און איז זיך טובל און ווערט טהור. אויף מאָרגן נאָך דעם אָפּגאָלן זיך ברייננגט ער די קרבנות (ווי די צווייטע מצוה זאָגט פאָר).

וביום השמיני יקח שני כבשים תמימים וכבשה אחת.

די מצות עשה איז, דער מצורע זאָל ברייננגען די קרבנות צום אַכטן טאָג. זיין קרבן איז 2 שאָף פון מין זכר, איינער א קרבן עולה איינער א קרבן אשם, און א שאָף פון מין נקבה פאר א חטאת, און 3 צענטל זעמל-מעל געמישט מיט בוימל. און דער כהן טוט מיט אים נאָך דעם אָרדנונג: אויב ער איז ניט פארמעגליך אויף דעם ברייננגט ער א שאָף פאר א אשם און א צענטל זעמל-מעל און איין לוג בוימל און 2 טויבן איינע א עולה און איינע א חטאת.

את כל בשרו במים.

די מצות עשה איז, א טמא זאָל זיך טובל זיין אין א מקוה ריין צו ווערן. (דער שיעור פון מקוה איז אין יורה דעה ערקלערט, דאָ אין ספר אין פרשת אחרי איז ערקלערט ווי די טבילה דארף זיין). ביי אָרדנען א מקוה דארף זיין א רב, דארום האָבן מיר ניט נויטג מאריך צו זיין אין די דינים.

ונתתי נגע צרעת בבית ארץ אחוזתכם.

די מצות עשה איז, צו ריכטן די דינים ווען אין א הויז געפינט זיך א נגע (אויסזאַץ). די הויז דארף האַלטן ניט וויניגער ווי 4 איילן אויף 4 איילן און האָבן 4 ווענט. אז ער האָט דערזען אין זיין הויז א נגע, דאָס איז אפלעק אין הויז מיט דעם קאָליר טיף גרין, אָדער טיף רויט, דארף ער מעלדן דעם כהן, און דער כהן קומט זען די הויז און טוט ווי עס שטייט אין דער תורה.

די נגעים פון א הויז אָדער פון א בגד איז ניט קיין נאַטירליכע זאַך, דאָס איז נאָר א מופת צו די ג-טליכע אומה, וואָס דאָס

קומט אין אידישע הייזער ווייל דער בורא יתברך האָט דעם אידן ליב, שטראָפט ער אים מיט גרינגערע זאכן פילייכט וועט ער בעסער ווערן. פריער שטראָפט ער אים מיט א נגע אין הויז. ווערט ער ניט בעסער קומט אים א נגע אויף די בגדים, נעמט מען צו פון אים די קליידער, ווערט ער אַלץ ניט בעסער ווערט ער אַליין קרעציג. אויך איז דערפון א מוסר צו ווייזן, אז פון דעם בורא יתברך קען מען זיך ניט באַהאַלטן. א מאָל נעמט ער צו די גוטס פון אים און אמאָל נעמט ער אים צו פון די גוטס.

איש כי יהיה זב מבשרו טמא הוא.

די מצוה איז, ווען עס פליסט פון א מאַנספּערזאָן אַזוי א פליסונג וועלכע הייסט זיבה, איז ער טמא און מטמא אלעם וואָס רירט זיך אָן אָן אים, ביז ער איז זיך טובל. דאָס איז אַלעס אין דער צייט פון בית המקדש. ביי אונז יעצט ווערט מען דערמיט ניט טמא אָבער דער פאַרברעך פון דעם איז זייער גרויס.

ישראל קדושים, אידן רופן זיך הייליג ,דאָס הייסט, דער איד דאַרף זיין געהייליגט אפילו די זאַך וואָס איז מותר. מען טאָר זיך פיל ניט איבערנעמען צו דעם פאַרגעניגן, ניט מער וואָס נויטיג צו שטאַרקן דעם קערפּער. און דאָס איז דאָך קיין צווייפל, דאָס די זיבה קומט נאָר פון צופיל תאוות: עסן, טרינקען, דענקען וועגן פרוי־ענצימער. איז אים די תורה מטמא, בכדי ער זאָל אויף וויטער פאַרזיכטיג זיין, ניט איבערגעבן זיך צו תאוות וועלכע די תאוות פאַר־דאַרבן אים און קען נאָך פאַרגיפטן דעם צוויטן, די הויז, די פאַ־מיליע, און פרעמדע, ווי דער רמב"ן זאָגט דאָס די זיבה איז אַן אַנשטעקענדיקע קראַנקייט וועלכע עס פאַרגיפטעט דעם צווייטן. אזוי זאָגט אויך חכמת הרפואה.

וביום השמיני יקח לו שתי תורים.

די מצות עשה איז, ווען מען זעט 3 מאָל בסדר זיבה דאַרף ער ברייינגען א קרבן. זיין קרבן איז 2 טויבן, איינע פאַר א חטאת איינע פאַר אַן עולה. דער צוגאַנג פון דעם איז ערקלערט אין רמב"ם.

ואיש כי תצא ממנו שכבת זרע.

די מצות עשה איז, ווען אַ מאנספערזאן גיט אפ שכבת זרע (זאמען) רח"ל איז ער טמא איין טאג און איז טובל און ווערט ריין. דאס איז אלעס אין דער צייט פון בית המקדש, יעצטיגע צייט ווערט מען פון דעם ניט טמא. דער פארברעך פון דעם איז זעהר גרויס ווי מיר האבן שוין ערקלערט אין פרשת יתרו. דער מענטש דארף זיך צוימען אויף אלע אופנים עס זאל ניט קומען צו דעם דען ער ווערט דער מיט פארשאלטן פוןביידע וועלטן רח"ל.

דער טראָפּן פון שכב זרע טרעפט נאָר פון טראכטן פון קערפערליכע זאכן (תאוות) איבער הויפט דאס דיינקען וועגן פרויענצימער איז אונז די הייליגע תורה מודיע, דאס דער גוף ווערט דער מיט א טמא, ווייל דער עיקר תכלית פון מענטשן איז וואס דער בורא יתברך האט אים אויף דער וועלט געבראכט, ער זאל זיין מיט זיין פארשטאנד אין גייסטיגע זאכן פארברייגען און דינען דעם בורא יתברך. און דער מענטש אז עס האט אים אזעלכעס געטראפן, איז דאס א באוויז דאס ער איז צוגעבויגן צום קערפער מער ווי צום נפש, רח"ל, דארף ער בלייבן אַ טאג טמא, בכדי ער זאל רייניגן זיין געדאנק נאכהער ריין ווערן.

דער איסור און דער שטראָף פון דעם איז זייער הארב, דארום דארף מען אין דעם זער פארזיכטיג זיין עס זאל ניט קומען צו דעם.

די וועלכע טוען דאס מיטוויליג זיינען זיי גירעכנט ווי געטויט א מענטשן, ווי מיר האבן ערקלערט אין פרשת יתרו. דורך דעם חטא ווערט מען געשטראפט מיט ארימקייט און עס שטארבן ביי אים אוים קליינע קינדער אדער די קינדער זיינען רשעים. די זאכן וואס ברייגגען צו דעם איז דער טראכטן וועגן ווייבספערזאן. אדער נאר ריידן אדער טראכטן פון די זאכן.

מען טאר ניט קוקן ווי חיות, עופות באהעפטן זיך.

עס איז צו דעם פיל גורם דער אָנעסן זיך צו זאט. פיל ברייגגן די שפייז צו דעם, פעטע פלייש, מילך, אייער און קאווע, פיל איז גורם דער שלאפן ניט אין ארדענונג, (ווי מען דארף שלאפן

ווי עס איז ערקלערט אין פרשת שמיני). נבלות פה און לצנות איז אויך א גרם צו דעם.

די הייליגע ספרים זאגן א סגולה, א תשובה אויף דעם חטא רח"ל, מען זאל מערן אין צדקה, היטן שבת אויסנאמיג אויף דעם העכסטן ארט, שעצן לומדים, מחזיק זיין לומדים, דאווענען מיט כוונה, מדריך זיין די קינדער צו דער תורה, זיין פון די עשרה ראשונים אין בית המדרש, ניט צו פירן קיין מחלוקת, ניט צו זיין קיין בעל גאוה, אכטונג געבן ביי מצות באקן, זיין א עוסק במצות, גיין וועגן צדקה, דער ברייגנען יענעם צו צדקה, איז נאך גרעסער ווי אליין געבן.

ואשה כי תהיה זבה דם יהיה זובה בבשרה.

די מצות עשה איז, דאס א נדה איז טמא און מטמא, ווי עס איז מפורש אין דער תורה.

דאס איז אלעם אין דער צייט פון בית המקדש, יעצטיגע צייט האט א נדה אויף זיך נאר דעם חיוב פון כרת און זי איז אסור צום מאן א איסור כרת ביז זי היט אפ אירע דינים פון נדה און איז זיך טובל. (ווי עס איז ערקלערט ביי אונז אין פרשת אחרי).

ואשה כי יזוב זוב דמה ימים רבים, וגו'.

די מצות עשה איז, דאס די אשה איז טמא ווען מען זעט דם אפילו נאר אין איר אפגעשטעלטע צייט וועלכע זי זעט אלע מאל. דאס איז אלעם ווען דער בית המקדש היה קיים, יעצטיגע צייט האבן מיר א כלל ווען זי זעט נאר עטוואס דם, אין די געוויינליכע צייט, אדער די ניט געוויינליכע צייט, הייסט זי א נדה. (ווי עס איז ערקלערט אין פרשת אחרי).

וביום השמיני תקח לה שתי תורים.

די מצות עשה איז, דאס א זבה גדולה, דאס הייסט די וועלכע זעט 3 טעג כסדר דם ניט אין איר געוויינליכע צייט, זאל זי ברייגנען א קרבן נאך די צייט פון איר ריין ווערן.

דער קרבן איז 2 טויבן איינע א חטאת איינע א עולה. דאס איז אלעס אין דער צייט פון בית המקדש, יעצטיגע צייט איז נאר דער כלל דאס נאר ווען זי זעט דם הייסט זי א נדה, (ווי עס איז ערקלערט אין פרשת אחרי).

ואל יבוא בכל עת אל הקודש מבית לפרוכת.

די מצות לא תעשה איז, דאס קיין כהן טאר ניט קומען אין קדשי קדשים, נאר, דער כהן גדול קומט יום כפור 4 מאהל. אויב דער כהן גדול גייט אריין מער ווי די 4 מאהל יום כפור אדער ער גייט אריין איין מאהל אין דעם גאנצן יאר אין קדשי קדשים, אדער אויב עס גייט אריין אין קדשי קדשים א כהן הדיוט איז ער חייב מיתה בידי שמים, חוץ נאר ווער עס גייט אריין אין היכל אָן א שום ארבעט איז חייב מלקות. אפילו יעצטיגע צייט זיינען מיר אויך פארזאגט ניט צו קומען אויף דעם פלאץ פון בית המקדש.

בזאת יבא אהרן אל הקודש.

די מצות עשה איז, דער כהן גדול זאל טאן די עבודה דעם טאג יום כפור נאָך דעם ארדענונג, ווי עס איז געזאגט אין דער פרשה. די עבודה פון גאנצן טאג טוט נאר דער כהן גדול. אויסער די טעגליכע עבודה האט מען נאָך געדארפט מקריב זיין א פר פאר א חטאת און א איל פאר א עולה פאר די געלד פון כהן גדול. און איין פר פאר א עולה און 2 ציגן פאר א חטאת און א איל פאר א עולה, פון די געלד פון דער געמיינדע. אויך מקטיר זיין קטורת אין קדשי קדשים אויסער די טעגליכע קטורת. ביי די ארבעט וועלכע עס ווערט געטאן די אייגענע אלע טאג, גייט דער כהן גדול אין זיינע גילדענע קליידער, ביי די ארבעט וועלכע געהערט צו דעם טאג אויף אריין צו גיין אין קדשי קדשים, ווערט עס געטאן נאר מיט ווייסע קליידער. ביי יעדער מאל בייטן די קליידער דארף ער וואשן די הענט און פיס ביים אויסטאן און טובל זיין זיך, און וואשן הענט און פיס ביים אנטאן.

דער צוגאַנג פון דער עבודה איז געווען אזוי: צום ערשט האט ער מקריב געווען דעם תמיד של שחר (מאָרגן-אפפער) און די קטורת ווי געוועגליך אלע טאג. נאכהער האט ער זיך מתודה געווען אויף זיין פר פאר זיך אליין און פאר זיין הויזגעזינד. נאָכהער האָט מען אָפּ-געשטעלט די 2 ציגן וועלכע עס זאל זיין לה׳, וועלכע עס זאל זיין לעזאזל. נאך דעם איז ער געגאנגען צום פר און זיך מתודה געווען נאך אמאל פאר אלע כהנים׳ס וועגן און געטאן די עבודה כסדר. נאכהער האט ער זיך מתודה געווען אויף דעם שעיר לעזאזל פאר דעם כלל ישראל. ביי יעדער ווידוי וואו ער האט דערמאנט דעם שם, איז דער עולם געפאלן כורעים. נאך דעם וידוי האט ער גע-לייענט קריאת התורה און געטאן ווידער די עבודה בסדר. נאכהער האָט ער מקריב געווען די מוספים מיט דעם תמיד של בין הערביים (אָווענדס-אפפער) און די קטורת, און אָנגעצונדן די מנורה ווי אלע טאג, און געגאנגען מיט שמחה ויום טוב צו הויז.

מען האט דעם כהן גדול אפגעשיידט 7 טעג פאר יום כפור און אים באשווארן ער זאל פון דער ארדענונג פון דער תורה און זיין עבודה ניט אפטרעטן. די גמרא זאגט: איין מאל האט דער כהן גדול די קטורת געדאַמפט ניט נאָך די געזעצן נאָך, האָבן די כהנים וועלכע זיינען געשטאנען אין דרויסן דערהערט אַ יאמער-ליכן געשריי זיינען זיי אריין אין היכל האבן זיי געפונען דעם כהן גדול טויט אויף דער ערד ליגן. אין דער הייליגער גמרא, אויך להבדיל אלף אלפי הבדלות, אין רוימישער באשרייבונג איז פאַר-געשטעלט דער צוגאַנג פון פאַר יום כפור דעם אָפשיידן דעם כהן גדול, און דעם אפפירן אים צוריק נאך יום כפור צו הויז. איז דאס געווען אין דעם ארט ווי אַ קייזערליכע קאראנאציע.

ואל פתח אהל מועד לא הביאו.

די מצות לא תעשה איז, מען טאר ניט שלאכטן קיין קדשים אויסער די עזרה, דער שטראף פון דעם איז כרת רח״ל.

ושפך את דמו וכסהו בעפר.

די מצות עשה איז, דאס די בלוט פון חיות און עופות זאל מען נאך דער שחיטה דעקן. דער צודעק דארף זיין, אונטער די

בלוט ערד, און אויף די בלוט ערד. פאר דעם בעשיטן די ערד אויף די בלוט מאכט מען א ברכה בא"י אמ"ה אקב"ו על כסוי הדם בעפר. דער מדרש זאגט: דערפאר האבן זיי זוכה געווען מען זאל צודעקן די בלוט פון עופות, ווייל בעת קין האט געהרגט הבל'ן האט ער ניט פארשטאנען אז מען דארף מקבר זיין. איז הבל געלעגן א לאנגע צייט אויף דעם פעלד. האט דער בורא יתברך געשיקט 2 פויגלען, טהורים, האט איין פויגל געטויט די צווייטע. און באַגראבן. האט קין אויך פארשטאנען אזוי צו טאן און האט באגראבן הבל'ן. ווייל זיי האבן גורם געווען הבל זאל ניט ליגן בבזיון, דערפאר טאר זייער בלוט ניט ליגן בבזיון. האבן זיי פארדינט מדה כנגד מדה. די גמרא זאגט: ווייל אברהם אבינו האט געזאגט אויף זיך ואנכי עפר ואפר, האבן אידן זוכה געווען צו די מצוה פון כסוי הדם מיט די מצוה פון אפר הפרה. דאס הייסט וואס מען רייניגט זיך מיט די אַש פון די פרה אדומה.

לא תקרבו לגלות ערוה.

די מצות לא תעשה איז, מען טאר ניט ליבליך נאהענד זיין מיט פרויענצימער, פרויען אדער פריילינס, סיי פון די וועלכע מען טאר ניט נעמען פאר פרויען, סיי פון די וועלכע מען מאַג יאָ נעמען. דאס הייסט מען טאר ניט זיין מיט זיי בחבוק ונישוק אפילו די הענט ניט געבן. אפילו דער מאן מיט די פרוי אויך ניט ווען זי איז א נדה. מען טאר ניט בכוונה קוקן אויף א פרוי, אויף די האר אפילו, אויף אירע קליידער אויך ניט. מען טאר ניט הערן איר קול זינגען. מען טאר ניט זיין מיט א פרויענצימער אין הויז אליין. פיל גלייך א יונגע צי א אלטע נאר אויב די טיר איז אפן צום גאס איז מותר. מען טאר גאר ניט טראכטן וועגן פרויענצימער דען דער כח הדמיון איז דער שליח פון זנות. ער הייצט אָן דעם פייער, דארום טאר מען ניט קוקן און ניט טראכטן אזעלכעס וואס קאן מעורר זיין צו תאוה, רח"ל. אויך טאר מען דארום ניט לעזן די ווערקן וועלכע דערוועקן דעם דיינקען וועגן פרויענצימער. ניט פארברייגגען מיט פרויענצימער אין א געזעלשאפט. דער דיינקען וועגן פרויענצימער אויסער וואס מען טאר דאס ניט, מאכט שוואך די הארץ און פַאר מאוס'ט דעם ריינעם געדאנק, דאָס נעמט ארוים

די מארך פון די ביינער. דאס שוואכט אפ דעם מענטשן אין גאנצן ביז דאס קען דעם מענטשן אין גאנצן אומברענגען פון דער וועלט. אויף די עלטערן איז א חוב אכטונג צו געבן אויף די הויזגעזינד נאכהיטן דעם איינגאנג פון יונגע מענשן אין הויז. די געזעלשאפט פון די קינדער נאכהיטן אין הויז, דען דער חטא האט פיל טירן אויסצוברעכן.

די חכמים האבן שטארק מחמיר געווען אין דעם, דאס יעדער מאנספערזאן זאל זיך צוימען אין דער זאך ווי ווייט מעגליך איז. יעדער מענטש ווי ער קען זיך מיט זיין נאטור.

א מענש זאל ניט זאגן איך וויים מיין נאטור, מיר ארט ניט די זאכן, איך מאג זיך אונטערהאלטן מיט פרויענצימער. מיר וועט דאס געוויס ניט שאדן טאן, עס וועט ביי מיר קיין איינדרוק ניט מאכן עס זאל דערפון אויסקומען אפילו א שלעכטן טראכט צו האבן. ניין, 1 מאל ניין און 10 מאל ניין. זאלסט דאס ניט זאגן. פיל האבן אזוי געזאגט און זיינען דאך נכשל געווארן. דער יצר הרע איז אין אנפאנג שוואך נאכהער שטארקט ער זיך אויף דעם מענטשן ביז ער באקומט אים רח"ל.

די גמרא זאגט: ווען איינער איז מכוין צו קוקן אויף דעם קליינע פינגער פון א אשה ווען ער האט אויך תורה און מעשים טובים ווי משה רבינו וועט אים ניט זיין געשאנקען פון גיהנם — איז דאך א כל שכן אז מען טאנצט נאך מיט פרויענצימער איז מען עובר אויף דעם וואס די תורה זאגט ולא תתורו אחרי לבבכם ואחרי עיניכם. איז דער טייטש: איר זאלט ניט אויסזען נאך אייער הארצן און נאך אייערע אויגן. דאס הייסט מען זאל ניט נאך גיין נאך די הנאה פון גוף וואס דעם מענטשן ווילט זיך. אויך איז מען עובר דעם פסוק ונשמרת מכל דבר רע, זאגט אויף דעם די גמרא: דאס איז א פארזאג, דאס דער מענטש זאל ניט האבן קיין הרהורים דאס הייסט מיאוסע געדאנקען, כדי ער זאל ניט קומען צו טומאה ביי נאכט, און געוויס אז פון דעם טאנצן ווערט מען באלד טמא דורך די תאוה. און איבער אלעם זיינען זיי דאך עובר אויף דעם פסוק: ולא תקרבו לגלות ערוה, דען אלע פרויענצימער זיינען דאך נדות, זיינען זיי דאך אין כלל פון עריות במילא ווען זיי נעמען זיך ארום ביי דעם טאנצן זיינען זיי ביידע עובר אויף דעם איסור.

ווען אז מען זאל נייטן אַ אידן ער זאל מחבק ומנשק זיין אַ נדה דאַרף ער זיך ליבערשט לאָזן טויטן און דאס ניט טאָן. און דער יונגער מענטש נעמט אַ אשת איש אדער אַ בתולה אדער אַ פנויה וואס זי איז דאָך אַ נדה מיט דעם אייגענעם ווילן און טוט דאס פיל מאל ווען אפילו זי איז אנגעגרייט צו זיין זיין פרוי צב"ש, נאָך תנאים, איז אויך אסור די אלע זאכן, עס איז קיין שום היתר ניטאָ אין דעם, ווייל זי הייסט זיינע א כלה. אויך דורך די אַלע התקרבות קען חלילה קומען עובר זיין דעם עון פון כרת (אָפּגע־קירצטער לעבן). אויך איז ביי דער וועלט איינגערעדט אַ טעות, אַז ביי אייגענע מענשן גייט ניט אָן די אַלע איסורים. באמת ביי קרו־בים איז נאָך הארבער, ווייל אויסער דעם איסור פון נדה קומט דאָך נאָך צו דער איסור פון קרובים. דארום זאָל זיך יעדער מענטש שטאַרקן געגן יצר הרע. אויך די עלטערן און די נכבדים פון שטאָט זאָלן אַכטונג געבן דאָס זאָל ניט געשען ביי אידן בכלל, נאָר ווער עס זעט דאָס דאַרף ווערן, מען זאָל ניט זאָגן וואָס אַרט מיר פאר דעם צוויייטן ב"ה איך טו דאָס ניט, און דער וואָס טוט דאָס קען ניט זאָגן וואָס אַרט ווען, יעדער וועט זיך ליידן זיינע, וואָרום אידן זיינען ערב איינער פאר דעם צוויייטן. ווי דער מדרש ברענגט א משל: אַ קאָמפּאַניע זיינען געפאָרן אין א שיף. האָט איינער גע־מאַכט א לאָך אין דער שיף. פרעגט מען אים: וואָס טוסטו? ענט־פערט ער: איך טו דאָך אויף מיין אָרט. האָבן זיי אים געענטפערט: שוטה, מיט דעם ברייינגסטו דאָך די וואַסער אויף אַלע.

מען דאַרף זיך משתדל זיין און פאַרלעזן זיי מיט גוטן די גרויסקייט פון דעם זינד, אויך דעם בזיון דערפון, וואָרום אויסער די גרויסע עבירה איז דאָס א חרפה פאר אידן וועלכע זיינען גע־רימט במדות הצניעות. מער ניט דער יצר הרע מיט זיין מאָדע פאַרבלענדעט זיי די אויגן וואָס זיי פילן ניט דעם עון און דעם בזיון פון דעם. און אפילו ער וועט רעדן און מען וועט אים ניט פאָלגן, האָט ער מקיים געווען די מצוה פון תוכחה, און פון זיך אַראָפּגענומען די זינד. און באמת אביסל וועט געוויס העלפן זיינע רייד. די אָרענטליכע מענשן וואָס ווערן נכשל אין דעם מנהג רע מחמת זיי ווייסן ניט די גרויסקייט פון דער עבירה און די שאַנד וואָס איז אין דעם אז זיי וועלן הערן וועלן זיי גלייך אָפּשטיין פון דעם.

אויך דארף מען וויסן, דער וואָס שטעלט זיך איין ווערט אין דעם זיין זכות זייער גרויס. ווארום אז עס ווערט געטאָן אן עבירה בפרהסיא און קיינער ווערט ניט, קען קומען חלילה א רוגז אויף אידן פאר וואָס קיינעם ארט ניט פאר דעם כבוד פון הקב"ה. אזוי שטייט ביי דער מעשה פון פנחס וואָס הקב"ה האָט אים גע־געבן א גרויסן שכר, ווייל מיט דעם וואָס ער האָט זיך אָנגענומען דעם כבוד פון הקב"ה, האָט הקב"ה אים געגעבן אן אייביגן שכר, און אראָפגענומען דעם כעס פון אידן.

און מער ווי אַלעס איז א וואונדער אויף די עלטערן פון חתן כלה וואָס זייער גאַנצער ווּאונש איז דאָס זיי זאָלן זען גוטס אויף זייערע קינדער וואָס זיי פירן אונטער דער חופה, און זיי זאָלן זוכה זיין צו דער ברכה פון הקב"ה צו לעבן בשלום, און עס זאָל ארויסקומען פון זיי גוטע דורות, און זוכה זיין צו עשירות און גדולה. אונזערע חכמים ז"ל האָבן מתקן געווען 7 ברכות צום זווג, עס זאָל חל זיין דורך דעם אויף זיי די ברכה פון ג־ט ב"ה אויף זייער גאַנצן לעבן. אָבער דאָס איז אַלעס אויב די שמחה איז געווען כדין א שמחת מצוה וואָס ג־ט ב"ה קען דארט רוען, איז באמת געוויס חל אַלע ברכות וואָס מען בענשט זיי מיט זיין הייליגן נאָ־מען אויף זייער גאַנצן לעבן. אָבער אז אין דער שמחה איז פארמישט טרויער אז מען איז זיך משמח מיט אן אופן פריצות רח"ל, וואָס איז מיאוס ביי הקב"ה, קען דען חל זיין די ברכות וואָס מען בענשט זיי מיט דעם אויבערשטנס נאָמען וואָס איז הייליג, בעת מען איז עובר אויף זיין הייליגן נאָמען, און מען דערצערנט אים מיט די זאכן, וואָס ער האָט דאָס פיינט. און באמת שטייט אזוי אין דין אז מען זאָל ניט מאַכן ביי אַזאַ שמחה די ברכה שהשמחה במעונו. ווארום דאָס רופט זיך ניט ג־ט׳ס שמחה. און וויבאַלד אז דער זווג בלייבט אָן ברכות, הייִנט וואָס פארא גוטס קען מען דארט האָפן צו זען אויף זיי אין אַלע פרטים.

דארום, די עלטערן וועלכע ווילן באמת אין דעם גליק פון זייערע קינדער עס זאָל אויף זיי חל זיין די ברכות וואָס מען בענשט זיי מיט זיין הייליגן נאָמען, זאָלן זיי זיך קליגן מיט אַלע קרעפטן דאָס זייער שמחה זאָל זיין א שמחת מצוה ווי דער דין איז, כדי עס זאָל זיין א נחת רוח פאר השי"ת און עס זאָל זיך ניט געפינען קיין פריצות, און זען עצות צו פארהיטן עס זאָל ניט קומען צו דעם.

און מיט דעם זכות וואָס זיי שטאַרקן זיך צו מאַכן זייער שמחה ווי דער רצון פון הקב״ה, וועלן זיי זוכה זיין באמת צו זען גוטס אויף זייערע קינדער.

ערות אביך לא תגלה.

ערות אמך לא תגלה.

ערות אשת אביך לא תגלה.

ערות אחותך בת אביך או בת אמך מולדת בית או מולדת חוץ לא תגלה.

ערות בת בנך או בת בתך לא תגלה ערותן.

ערות בת אשת אביך לא תגלה.

ערות אחות אביך לא תגלה.

ערות אחות אמך לא תגלה.

ערות אחי אביך לא תגלה.

אל אשתו לא תקרב דודתך היא.

ערות כלתך לא תגלה.

ערות אשת אחיך לא תגלה.

ערות אשה ובתה לא תגלה.

את בת בנה ואת בת בתה לא תקח.

ואשה אל אחותה לא תקח לגלות ערותה עליה בחייה.

פון מצוה ק״צ ביז מצוה ר״ז איז ערקלערט די עריות וועלכע מען איז אויף זיי מחויב געווען מיתת בית דין בזמן הבית, דאָס הייסט בית דין האָבן זיי געטויט מיט איינע פון די 3 אַרטן מיתות, סקילה, שריפה, חנק, אויב מיט התראה. אויב אָן התראה, קומט כרת. און אַנדערע עריות ווען אפילו מיט התראה קומט נאָר כרת אָבער ניט קיין מיתת בית דין. אויך איז דאָ פיל עריות אויף וועלכע עס קומט ניט קיין כרת, אָבער מען טאָר מיט זיי ניט הייראַטן ווי עס איז ערקלערט אין שולחן ערוך אבן העזר.

פאַר משכב זכר מיט א פאַטער קומט זיי ביידן סקילה (בזמן הבית). פאַר זנות מיט די מוטער קומט ביידן סקילה. מיט דעם פאַטערס פרוי קומט זיי ביידן סקילה. פאַר זנות מיט א שוועסטער וועון אויך די שוועסטער איז געבוירן געוואָרן דורך זנות קומט זיי ביידן כרת. מיט דעם זונס טאָכטער אָדער דער טאָכטערס טאָכטער קומט זיי ביידע שריפה. פאַר זנות מיט זיין טאָכטער וועון אויך זי איז געבאָרן דורך זנות קומט זיי שריפה. מיט דעם פאַטערס שוועסטער אָדער מיט דער מוטערס שוועסטער, קומט זיי ביידן כרת. פאַר משכב זכר מיט דעם פאַטערס ברודער קומט זיי ביידן סקילה (בזמן הבית. מיט דעם פאַטערס ברודערס (מן האב) פרוי נאָך דעם ברודערס טויט אָדער אויב זיי האָבן זיך גע'גט קומט דעם מזנה און איר ביידן כרת. און אויב ער איז מיט איר מזנה וועון זי איז נאָך מיט דעם מאַן הייסט זי אן אשת איש קומט זיי ביידע חנק. מיט דעם זונס פרוי קומט זיי ביידע סקילה אפילו וועון זי איז שוין ניט דעם זונס פרוי. מיט דעם ברודערס פרוי קומט זיי ביידע חנק. אויב זי איז גע'גט אָדער איר מאַן איז געשטאָרבן קומט זיי ביידע כרת. אויב זי פאַלט צום יבם האָט דאָס גאָר אנדערע דינים. מיט דער פרויס טאָכטער, אָדער מיט דער פרויס זונס טאָכטער, אָדער מיט דער פרויס טאָכטערס א טאָכטער, קומט זיי ביידע שריפה. מיט דער פרויס שוועסטער וועון די פרוי לעבט, אפילו אויב זי איז א גע'גט'ע, קומט זיי ביידן כרת. אז זיין פרוי שטאַרבט מעג ער נעמען די שוועסטער פון דער פרוי. דאָס איז א כלל ביי אַלע עריות און אנדערע איסורים, וועון עס קומט סקילה מיט עדות והתראה קומט אָן התראה כרת.

שניות לעריות

אויסער די עריות איז נאָך דאָ 20 וועלכע מען טאָר מיט זיי ניט הייראטן (וי"א שגם אשת אבי אביו, ואשת אחי אביו מהאב, ואחות אבי אביו, ואם אבי אביו מאב או מאם, ואחות אם האם ג"כ אסורה, וי"א דאשת חמיו ואשת חתנו ג"כ אסורים):

1) דעם פאָטערס מוטער.

2) דער מוטערס מוטער.

3) דעם פאָטערס פאָטערס מוטער.

4) דער מוטערס פאָטערס מוטער.

5) דעם פאָטערס פאָטערס פרוי.

6) דער מוטערס פאָטערס פרוי.

7) דעם פאָטערס ברודערס פרוי, וועלכער איז דעם פאָטערס א ברודער אפילו נאָר פון איין מוטער.

8) דער מוטערס ברודערס פרוי.

9) דעם זונס טאָכטערס א טאָכטער.

10) דער טאָכטערס טאָכטערס א טאָכטער.

11) דעם זונס זונס א טאָכטער.

12) דער טאָכטערס זונס א טאָכטער.

13) דער פרויס טאָכטערס טאָכטערס א טאָכטער.

14) דער פרויס זונס זונס א טאָכטער.

15) דער פרויס מוטערס מוטערס א מוטער.

16) דער פרויס מוטערס מוטערס מוטער.

17) דער פרויס מוטערס פאָטערס מוטער.

18) דער פרויס פאָטערס פאָטערס מוטער.

19) דער שוויגער טאָכטער פון זיין זון.

20) דער טאָכטערס שוויגער טאָכטער.

(נומער 1 ונומער 2 ונומער 5 ונומער 19 אין להם הפסק לכ"ע. מן נומער 9 עד נומער 18 לדעת הרמב"ם יש להם הפסק ולא לדעת הב"י. נומער 5 והשאר לכ"ע יש להם הפסק).

ואל אשה בנדת טומאתה לא תקרב.

די מצות לא תעשה איז, מען טאָר ניט בועל זיין א נדה. אויב מען איז בועל א נדה ווערןביידע מיט כרת באַשטראָפט. עס

איז קיין אונטערשייד אין דעם אויב די אייגענע פרוי אָדער א פרעמדע פרוי אפילו א פנויה, דאָס הייסט וועלכע האָט ניט קיין מאַן.

א נדה הייסט כל זמן זי איז זיך ניט טובל, ווען אפילו עס איז אוועק יאָרן לאַנג וואָס זי זעט שוין ניט מער קיין דם. אפילו זי האָט שוין פאַרלאָרן איר צייט. כל זמן זי האָט זיך ניט גע'טובל'ט פון יענעם זען דם הייסט זי אלץ א נדה.

הנה ווי עס איז ידוע דאָס בנות ישראל זיינען נשים צדקניות און זיי ווילן ניט זינדיקן, דאָך ווערן פיל נכשל אין דעם איסור פון נדה, און די סיבה איז ווייל זיי האָבן ניט געלערנט די דינים דערפון. און אנדערע האָבן ניט קיין עלטערן ווער עס זאָל זיי לער־נען, על כן איז די זאַך ביי זיי גרינג. און באמת איז די זאַך זייער א הארבע. עס איז נוגע אמאָל אין עצם איסור פון כרת רח"ל, און דורך דעם קומט דער מענש צו כמה צרות רח"ל. גם די קינדער ווערן גערעכנט אָפט מאָל בני נדות. די הייליגע משנה זאָגט, אז דאָס איז גורם די אשה שטאַרבט בעת זי האָט א קינד, ווייל זי איז ניט געווען געהיט אין איסור נדה. און אפילו די אשה וואָס מען לאָזט לעבן, און זי איז ניט געשטאָרבן בעת האָבן דעם קינד, דאַרף זי וויסן דאָס זי איז אָנגעברייט צו געבן דין וחשבון. און אויף יעדער מאָל וואָס זי האָט זיך ניט געהיט ווי דער דין איז וועט זי דאַרפן ליידן ח"ו גרויסע יסורים לעוה"ב. ע"כ דרוקן מיר דאָ אייניגע דינים וואָס מען דאַרף זיי וויסן למעשה, און יעדער אשה דאַרף זיך נעמען צייט דורך צולערנען דאָס, כדי זי זאָל זיך וויסן ווי צו פירן. און די וואָס קען ניט לייענען זאָל זי בעטן אַן אנדער אשה זי זאָל פאַר איר לייענען און געבן איר צו פאַרשטיין, און דער עיקר איז, זי זאָל זיך ניט מונע זיין דערפון מחמת בושה, און זי זאָל זיך משער זיין ווען עס וואָלט זיך מאכן א נויטיגע זאַך וואָס איז נוגע אין די גאנצע חיונה פון דער וועלט, וואָלט זי זיך בודאי ניט שעמען, כל שכן די זאַך וואָס איז איר נוגע אין דער וועלט און אויף יענער וועלט דאַרף זי זיך אוודאי ניט שעמען. און איט־ליכער איד איז מחויב צו זען זיין פרוי זאָל וויסן די אלע דינים.

דער יושר איז, איידער בנות ישראל גייען צו דער חופה זאָלן איר די עלטערן אָדער קרובים זאָגן די נויטיגע דינים פון דער הלכה, בזכות זה וועלן זיי געבענשט ווערן מיט די ברכות פון השי"ת. יעדער מאַספּערזאָן דאַרף אויך זען וויסן די דינים ווי די פרויענצימער.

1) יעדער אשה איז זיך מחויב אָפּצושיידן פון איר מאן ווען עס קומט אוים איר וסת, דאָס מיינט מען ווען זי איז געוואָינט צו זען דם. אפילו זי האָט נאָך ניט געזען, דאַרף זי זיך אָפּשיידן פון מאן מיט איין צייט פריער. דהיינו, אז זי זעט אַלעמאָל בייטאָג, מוז זי זיין אָפּגעשיידט פון מאן די נאַכט פריער. אויב זי האָט ניט קיין געזעצטע צייט, מוז זי פרעגן א שאלה ביי א מורה הוראה ווי זי זאָל זיך נוהג זיין מיט דעם אָפּשיידן.

2) יעדער אשה וואָס דאַרף פרעגן א שאלה, טאָר זי ניט פרעגן ביי קיין אנדער אשה נאָר ביי א מורה הוראה, און למעה"ש קיין פרוי זאָל זיך ניט ערלויבן צו פסק'נען.

3) יעדער פרוי וואָס זי האָט געשפּירט דאָס איר לייב אָדער געבורט האָט זיך געעפענט, אָדער זי שפּירט אז עס איז עפּעס אָפּ־געגאַנגען פון איר, מוז זי זיך באַלד גוט בודק זיין מיט א ריין טיכל. און ווען זי געפינט א נאַסקייט און עס איז גאַנץ קלאָר איז זי טהור. אָבער ווען עס איז ניט גאַנץ קלאָר, אָדער אפילו ווען זי געפינט גאָרניט מוז זי פרעגן א שאלה. ווען זי האָט זיך ניט באַלד בודק געווען מוז זי מאַכן אַ שאלה.

4) ווען זי איז טמא סיי פון דם אָדער פון א פלעק, מוז זי זיין דערווייטערט פון מאן ביז נאָך דער טבילה. זיי זאָלן זיך ניט אָנרירן איינער דעם אנדערן. ער טאָר ניט שלאָפן ביי איר אויפן בעטל ווען זי איז אפילו ניט דאָ, און בפרט אַז זי איז אויך דאָ טאָרן זיי בודאי ניט זיין אין איין בעטל, אפילו ווען זיי זיינען ביידע אָנגעטאָן. די עבירה איז זייער גרויס, עס איז דערפאַר דאָ א שרעק־ליכער עונש. מען דאַרף זיך היטן אין דער צייט וואָס זי איז אַ נדה ניט דערלאַנגען אָדער וואַרפן קיין שום זאַך איינער דעם אנ־דערן. זיי זאָלן זיין געהיט אז ער זאָל ניט זען איר פאַרבאָרגן לייב, זיי זאָלן ניט לאַכן צוזאַמען און ניט עסן צוזאַמען פון איין כלי, ער טאָר ניט עסן אָדער טרינקען פו דער כלי וואָס זי לאָזט איבער. נאָר אויב מע האָט איבערגעגאָסן אין אן אנדער כלי מעג ער שוין עסן אָדער טרינקען. די אלע זאַכן איז ניט קיין אונטערשייד סיי די טעג וועלכע זי זעט דם, סיי די טעג וואָס זי ציילט שוין די ריינע טעג, ביז זי גייט טבילה איז זי נאָך א נדה געגן אַלע זאַכן. למען השם ניט פאַרגרינגערן זיך אין די אלע זאכן, נאָר שאַרק אָפּגעהיט

צו זיין אין די אלע דינים, וואָרום דאָס איז גרויסע עבירות, זיי זאָלן ח״ו זייערע יאָרן ניט פארזינדיקן.

5) דינים פון אָפּצוג, דאָס איז דעם פארפערטיגן זיך אָנהויבן ציילן די ריינע טעג:

יעדער אשה וואָס איז טמא געוואָרען פון דם אָדער פון א פלעק קען זי מאכן דעם אָפּצוג אין 5 טעג, אויב עס האָט שוין אויפגעהערט פון איר צו גיין דם, היינו אויב זי איז טמא געוואָרן זונטאָג, קען זי מאַכן דעם אָפּצוג דאָנערשטאָג, ולמען השם גוט געהיט צו זיין אז דער אָפּצוג זאָל זיין ריכטיג כדין ווי ווייטער וועט שטיין.

6) דער אָפּצוג דארף זיין איידער די זון גייט אונטער, דאָס איז אן ערך איין שעה פארנאַכט. און אויב עס איז געווען ווייניגער ווי א האלבע שעה פארנאַכט דארף זי פרעגן א שאלה. דאָס וואָס עס שטייט אין ספר מעין טהור נאָך בין השמשות, איז דאָס א גרייז פון דרוק.

7) דער אָפּצוג דארף זיין אזוי: זי זאָל זיך גוט ארומוואשן דאָס אָרט און ארום דעם אָרט אָנטאָן א קלאָר העמד, און לייגן א קלאָר ליילאך, און נעמען א גאַנץ ריין טיכל פון לייווענט אָדער פון בוימוואָל, ניט קיין נייע טיכל און ניט פון קיין צייגענע, נאָר אן אַלט טיכל, און ארומקוקן אויב עס איז גוט ריין און ווייס. און מיט די טיכל מאַכן די בדיקה, היינו זי זאָל די טיכל אריינברייגען אין דעם אָרט מיט דעם פינגער גאַנץ טיף, אזוי ווייט ווי זי שפּירט ווען זי איז מיט איר מאן צוזאַמען, און זאָל זיך גוט בודק זיין אין אַלע זייטן און אלע ווינקלען, און ווען עס איז איר גאַנץ שווער אריינצוברייגען אזוי ווי דאָ שטייט, צום ווינציגסטן מוז זי זען מיט אַלע קרעפטן אריינצוברייגען אזוי טיף ווי עס איז נאָר מעגליך, און בודק זיין אין אלע זייטן און אלע ווינקלען. און די אשה וואָס טוט ניט אזוי, נאָר זי ברייגגט אריין א ביסל און ווישט זיך אָפּ, איז דער אפצוג גאָר ניט גערעכנט, און עס העלפט גאָר ניט איר טבילה און זי איז ווייטער א נדה בחיוב כרת, רח״ל.

8) עס איז גלייך נוהג צו זיין, אז נאָך דעם אָפּצוג, זאָל זי אריינברייגען א ריין טיכל גאַנץ טיף און איינג, און עס זאָל דאָרט ליגן ביז נאַכט, און דערנאָך זען אויב עס איז גאַנץ ריין.

9) פון מאָרגן נאָך דעם אָפּצוג זאָל זי אָנהויבן ציילן די 7 ריינע טעג, און זי איז מחויב זיך בודק זיין 2 מאָל אין טאָג, אין דער פרי און פארנאַכט אַלע 7 טעג גאַנץ טיף מיט א ריין טיכל. נאָר ווען עס איז שווער אזוי טיף בודק צו זיין ווי עס דאַרף זיין, זאָל זי למען השם וויינינגסטנס איין מאָל פון די 7 ריינע טעג אי־בערהויפּט אין ערשטן טאָג מוז זי מאַכן א בדיקה אזוי ווי די בדיקה פון אבצוג, און די איבעריגע טעג געוויינליכע בדיקה. נאָר יעדע פרומע אשה זאָל זיך ניט גרינג מאַכן און זאָל אַלע טאָג גוט בודק זיין. אָבער אויב זי האָט קיין איין מאָל פון די 7 טעג ניט בודק געווען גאַנץ טיף ווי עס געהערט צו זיין, נאָר אַ ביסל אַריינגע־בראַכט די טיכל און אָפּגעווישט, איז אירע 7 ריינע טעג ניט גע־רעכענט, און די טבילה איז קיין טבילה ניט און זי איז ווייטער א רעכטע נדה.

10) אלע בדיקות דאַרף זיין פאר די ליכטיקייט פון טאָג, ניט ביי קיין ליכט און ניט ביי קיין לאָמפּ.

11) די 7 ריינע טעג דאַרפן זיין נאָכאַנאַנד, זי זאָל אין די טעג גאָרניט געפינען קיין דם און קיין שום פלעק. ווען זי האָט געפונען דם אָדער א פלעק אין מיטן די 7 ריינע טעג וואָס זי איז טמא גע־וואָרן, מוז זי אויף דאָסניי ציילן 7 ריינע טעג און מאַכן אַ נייעם אָפּצוג, אזוי ווי אויבן איז געשטאַנען. נאָר זי דאַרף ניט וואַרטן 5 טעג אויף דעם אָפּצוג, נאָר ווען זי ווערט ריין קען זי פאַרנאַכט מאַכן דעם אָפּצוג, און פון מאָרגן אָנהויבן ציילן 7 ריינע טעג.

12) א טייל פרויען וואָס וויסן ניט ווי זיך צו פירן, און אז זיי דאַרפן מאַכן דעם אָפּצוג זיינען זיי זיך ניט בודק פאַרנאַכט, נאָר זיי זאָגן אז זיי האָבן אין זינען, און ביינאַכט מאַכן זיי די בדיקה, זאָלן זיי וויסן אז זיי זיינען רעכטע נדות. עס איז א מצוה דאָס מפרסם צו זיין.

13) א כלה א פריילן אָדער א ווייבל פאר דער חתונה מוז ציילן 7 ריינע טעג פאר דער טבילה, און דער אָפּצוג און די בדי־קות פון די 7 ריינע טעג איז גלייך ווי ביי א אשה. זי טאָר חלילה ניט פאַרגרינגערן אויף קיין שום פאַל די מינדעסטע אויף א האָר.

15) זי זאָל ערשט אָנהויבן ציילן די 7 ריינע טעג נאָהענט צו דער חתונה, ווען זי ווייסט שוין קלאָר און זיכער ווען די חתונה וועט זיין.

15) אז אין מיטן ציילן די 7 ריינע טעג האָט זיך געמאַכט א עיכוב דאָס די חתונה וועט ניט קענען זיין צו דעם באַשטימטן טאָג, דאַרף מען פרעגן א שאלה, אויב זי דאַרף פונדאָסניי ציילן 7 ריינע טעג. עס איז א גרויסע מצוה דאָס באַקאַנט צו מאַכן. וויפיל מענשן ווייסן ניט אז דערויף דאַרף מען פרעגן א שאלה, זיי מיינען אז זי האָט געציילט 7 ריינע טעג איז שוין גענוג. נאָך דעם ערשטן מאָל בועל זיין די כלה א בתולה דאַרף ער זיך פון איר אָפּשיידן, ווייל זי האָט א דין פון א נדה, און דאַרף זיך נוהג זיין ווי עס איז ארומגערעדט די דינים ווי א נדה זאָל זיך נוהג זיין.

16) די דינים פון טבילה: דעם טאָג וואָס זי דאַרף גיין טבילה, זאָל זי דעם גאַנצן טאָג קיין פליישׁ ניט עסן. נאָר אז זי איז זיך טובל מוצאי שבת מעג זי שבת עסן פלייש, נאָר זי זאָל גוט אויס־ריייניגן אפילו צווישן די ציין פאַר דער טבילה. וואָרום אַז עס איז עפּעס דאָ צווישן די ציין אָדער אויף די ציין, איז די טבילה קיין טבילה ניט. אויך זאָל זי דעם גאַנצן טאָג ניט קנעטן קיין טייג און ניט אָנרירן קיין קלעפּיגע זאַך. ווען זי דאַרף טאָן לכבוד שבת מעג זי טאָן, נאָר זי זאָל זיך באַלד דערנאָך גוט אָפּוואַשן.

17) זי זאָל גיין באַצייטנס פאַרנאַכט אין מקוה כדי זי זאָל זיך קענען באָדן, צוואָגן, אַלעס וואָס מען דאַרף טאָן פאַר־נאַכט, און עס זאָל דויערן אין דער נאַכט אריין. ווען עס איז איר אָבער ניט מעגליך אַלעס צו טאָן פאַרנאַכט, מעג זי טאָן ביינאַכט, נאָר זי זאָל דאָס ניט טאָן איילנדיג נאָר געלאַסן. למען השם די קוקערין זאָל ניט יאָגן אויף די ווייבער ביי דעם באָדן, כדי זי זאָל קענען טאָן אַלעס כדין. די קוקערין וועלכע יאָגט אויף די ווייבער פאַרזינדיגט זי די יאָרן און זי טאָר ניט זיין קיין קוקערין.

18) זי זאָל זען זיך גוט ארומוואַשן דעם גאַנצן גוף, און אלע פאַרבאָרגענע ערטער ריין צו מאַכן, עס זאָל אויף איר גאָר ניט קלעפּן, און די האָר גוט צו קעמען און אויסצוואָגן, און דאָס אַלעס מוז זיין מיט ווארימע וואסער. און נאָך דעם באָדן זאָל זי זיך גוט ארומזען דעם גאנצן גוף אויב עס קלעפּט ניט עפּעס אויף דעם גוף, און אויב דער קערפּער אירער איז גאַנץ ריין. די ערטער וואָס זי קען ניט דערזען, זאָל זי ארומטאַפּן מיט די הענט אויב עס איז נאָר ריין. אויך אז זי גייט אַראָפּ אין מקוה און די פיס ווערן איינ־

געטראָטן אין בלאָטע, זאָל זי פאַר דער טבילה גוט אָפּוואַשן און באַקוקן אויב עס איז נאָר ריין.

19) די קוקערן דאַרף שטאַרק אַכטונג געבן בשעת טבילה אַז עס זאָל ניט אַרויסשטעקן קיין שום חלק פון גאַנצן גוף פון וואַסער, און אויף די האָר שטאַרק אַכטונג געבן עס זאָל ניט אַרויס־שטעקן אָדער שווימען איבערן וואַסער, אפילו איין ברעג פון איין האָר איז די טבילה קיין טבילה ניט, און זי איז ווייטער א רעכטע נדה. עס איז א גוטער מנהג אַז ווייבער זאָלן ניט גיין מיט האָר, כדי די זאָל ניט קומען צו קיין מכשול אין טבילה.

20) זי זאָל זיך ניט טובל זיין גאָר אויפגעשטעלט, אויך ניט שטאַרק איינגעבויגן, דען עס איז דאָ ערטער אין גוף וואָס ווערן פאַרבאָרגן דורך דעם און די וואַסער קומט ניט אויף זיי, דעריבער זאָל זי זיך טובל זיין אביסל איינגעבויגן, אַזוי ווי זי וועלגערט טייג. ד הענט זאָל זי ניט האַלטן צוגעמאַכט. די פיס זאָל זי ניט האַלטן צוזאַמען, וואָרום אַז זי האָט געהאַלטן די הענט צוגעמאַכט אָדער די פיס געהאַלטן צוזאַמען, וועלכעס די וואַסער קען ניט אַריינקומען, איז די טבילה קיין טבילה ניט. דאָס מויל דאַרף זי ניט עפענען, עס זאָל אַריינגיין וואַסער אין מויל, אויך זאָל זי ניט שטאַרק צומאַכן די ליפּן, נאָר זי זאָל אביסל צוהאַלטן אַזוי ווי עס איז געוויינליך. דאָס גלייכן די אויגן זאָל זי ניט שטאַרק עפענען און אויך שטאַרק ניט צוהאַלטן, נאָר אביסל צוגעמאַכט. זי מוז אויפריכטיג זיין אין אַלעס וואָס מיר שרייבן דאָ, וואָרום אַז זי איז ניט געוואָרענט אין דעם אַלעמען איז די טבילה ניט גערעכנט פאַר קיין טבילה. איבער דעם זאָל זי ניט מאַכן די טבילה איילנדיק, נאָר מיט געלאַסענהייט, זי זאָל אינזינען האָבן אַלעס וואָס זי דאַרף טאָן, און אין אַלעס וואָס זי דאַרף געוואָרענט זיין.

21) אַז די טבילה קומט אויס פרייטאָג צו נאַכט זאָל זי גיין אין באָד גאַנץ פרי בייטאָג, אמווייניגסטענס א שעה פאַר ליכט בענטשן, כדי זי זאָל אַלעס קענען פאַרטיג מאַכן פאַרנאַכט, זי זאָל ניט קומען צו חילול שבת ח"ו, און זי זאָל גיין צו הויז ליכט צינדן אין דער צייט, און דערנאָך זאָל זי גיין צום בית הטבילה. אַז עס איז שוין שפּעט דאַרף זי הייסן איידער זי גייט אין מקוה דעם מאַן ליכט צינדן, כדי זי זאָל זיך ניט דאַרפן איילן גיין צו הויז ליכט בענטשן וואָרום דורך דעם קען זי ניט טאָן אַלעס וואָס מען דאַרף.

ווען זי קומט אין מקום המקוה איז די ערשטע די נעגל אראפצונעמען און אויסקעמען זיך איידער די זון גייט אונטער. ווארום אז עס ווערט שבת טאר מען דאס ניט טאן, וועט זי דאך ניט קענען גיין טבילה. און אויב זי האט פארגעסן אפשניידן די נעגל און דערווייל איז געווארן שפעט זאל זי פרעגן א שאלה דעם רב. די אשה וואס שניידט נעגל נאך דער צייט פון ליכט בענטשן איז זי מחלל שבת, וואס עס קומט פאר דעם מיתה ח"ו. וואס אנדערע ווייבער זאגן אז ווען די מצוה פון טבילה מעג מען שניידן נעגל אדער קעמען זיך אדער צוואגן נאך די צייט פון ליכט בענטש, זיינען מיר מודיע אז זיי זיינען אין דעם גאר געגארט, עס איז קיין שום זאך ניט מותר צוליב די מצוה פון טבילה, און למעה"ש ח"ו ניט פארזינדיגן זייערע יארן.

22) עס איז דא דינים נאך זייער פיל פון נדה וואס שטייט אין ספר מעין טהור און אנדערע הייליגע ספרים, וואס יעדער אשה איז זיי מחויב צו לערנען, און ניט ווי א טייל זאגן אז די דינים פון ספר מעין טהור איז נאר פאר פרומע ווייבער, עס איז ניט אזוי, די אלע דינים פון ספר מעין טהור איז פאר יעדער אשה. מען טאר ניט אפטרעטן די מינדעסטע האר פון אלע דינים, סיידן מיט א שאלה פון א רב. מיר האבן דא נאר געשטעלט די הויפט דינים וואס געוויינליך איז, וואס מען דארף זיי נויטיג לערנען און גוט קלאר זיין. און עס איז דא נעבאך פיל ווייבער וואס קענען ניט לייענען דארום ווערן זיי נכשל אין פיל זאכן וואס זיי זיינען ח"ו רעכטע נדות. בעט מען זייער און זייער אז די וואס קענען לייענען זאלן רחמנות האבן אויף זייערע יארן און זיי צו לערנען און קלאר מאכן אין די נויטיגע דינים בזכות זה וועט זיי גוט זיין אויף דער וועלט און אויף יענער וועלט אמן.

23) א יולדת אין אונזערע מדינות דארף ניטווארטן קיין 80 טעג ווען זי גיט געבורט צו א טאכטער, און 40 טעג צו א זון, ווי עס זיינען זיך נוהג אנדערע ווייבער. נאר ווי עס גייט אוועק 14 טעג פון ווען זי האט געבארן א נקבה און 7 טעג פון ווען זי האט געבארן א זכר און זי איז ריין געווארן פו דם קען זי מאכן אן אפצוג און אנהויבן ציילן ריינע טעג, און טובל זיין זיך, איז זי מותר צום מאן. נאר אז זי וועט איבער א נייס זען דם ווערט זי אויך אסור צום מאן אזוי ווי אלע נשים וואס זען פון דאס ניי דם.

ביז יעצט האָבן מיר גערעדט אין די הנהגה ווי עס זאָל זיך פירן א פרוי ווען זי איז א נדה, און ווי עס זאָל צוגיין די טבילה נאָך דעם דין נאָך. אָבער אויף דעם עצם חיוב פון טבילה האָבן מיר ניט געדאַרפט ריידן, ווייל ווער ווייס דאָס ניט, אז א אשה כל זמן זי איז זיך ניט טובל איז זי אלץ א נדה, אפילו זי איז שוין א אַלטע מענטש און זי איז שוין כמה יאָרן ריין פון זען דם, פונדעסטוועגן איז זי מן התורה א אמת'ע נדה כל זמן זי האָט זיך ניט טובל געווען, און דער איסור פון נדה איז מפורסם אין גאַנץ תורה, אפילו פאַר די קלענסטע קינדער וואָס קענען מער ניט ווי חומש, ווי עס שטייט מפורש אין דער תורה, דאָס פאַר דעם קומט כרת. ווען מען זאָל חלילה א אידן נויטן אויף דעם דאַרף מען זיך ליבערשט לאָזן טויטן. און מחמת דאָס איז מפורסם צווישן אידן די גרויסקייט פון די עבירה ווער עס איז מיט זיין פרוי אָן טבילה, דעריבער האָבן מיר ארום דעם ניט געדאַרפט ריידן ריכטיג, ווי איינער דאַרף דעם אנדערן ניט פאַרזאָרגן ער זאָל די קאָפּ ניט אָפּשניידן.

יעצט אז מיר אידן זיינען צושפּרייט געוואָרן, און אנדערע אידן ווערן נעבאָך פאַרוואָרפן אין אזעלכע ערטער וואָס עס איז דאָ גאַנץ ווייניג אידן און זיי זיינען זייער פאַרפּראַסטעט, זיי מיינען אז דאָס איז נאָר א מנהג, און זיי ווייסן גאָר ניט אז דאָס איז א הארבע עבירה, דארום ווערט ביי זיי רעכט אז זיי וואָינען אין א שטאָט וואָס איז ניטאָ קיין מקוה, און אַנדערע אפילו וואו עס איז דאָ א מקוה אין א אידישע שטאָט, איז שוין רעכט ניט צו גיין קיין טבילה. ווי איז צו די עלטערן וואָס זיי האָבן דערלעבט אזעלכע קינדער און מען לעבט מיט די פרויען אָן טבילה, און זיינען מטמא די וועלט ווייל די וועלט ווייס ניט צו היטן זיך מיט זיי מתחתן צו זיין. זיינען מיר מחויב מודיע צו זיין די גרויסקייט פון די עבירה, כדי זיי זאָלן זיך היטן פון די עבירה, און אין די ערטער וועלכע עס איז ניטאָ קיין מקוה, זיינען זיי זיך מחויב צו שטאַרקן און מאַכן א מקוה. און אויב עס איז אונמעגליך צו מאַכן דאָרט א מקוה, זיינען זיי מחויב פון דאָרט ארויסצוגיין אין דער שטאָט וואו עס איז דאָ א מקוה.

דער וואָס איז עובר אויף דעם איסור במזיד, איז ער א רשע גמור, ער איז פסול לעדות ולשבועה. כמה מאָל איז דער עון גורם אז די אשה זאָל שטאַרבן בעת זי געבורט א קינד. כמה מאָל

איז דער עון גורם אז די קינדער זייערע זאָלן שטאַרבן דערפאַר. און אפילו ער זעט אז די קינדער לעבן, זאָל ער ניט זיין ביי זיך אַזוי תקיף, וואָרום ער ווייס נאָך ניט דעם סוף וואָס עס וועט זיין טאָמער וועלן זיי נאָך שטאַרבן ח"ו סוף די עלטערנס לעבן. אויך די קינדער וואָס ווערן געבאָרן פון א אשה נדה זיינען געוויים רשעים און מורדים און פושעים. ווי די גמרא זאָגט: אויף זיי זאָגט דער פסוק וברותי מכם המורדים והפושעים בי. דער טייטש, ג־ט ב"ה זאָגט לעתיד לבוא וועל איך אָפּקלייבן פון אייך די פושעים. און וויפיל וועט דער מענטש האָבן צער אויף אייביג אז ער האָט געבראַכט רשעים אויף דער וועלט. ניט גענוג וואָס ער אליין האָט געטאָן אַזעלכע הארבע עבירות, וועט ער נאָך האָבן דאגות און צער, די רשעות פון די שלעכטע קינדער וואָס ער האָט געבראַכט אויף דער וועלט. עס איז ניטאָ אַזאַ שטאַרקע טומאה אויף דער וועלט ווי די טומאה פון א נדה. אויך ציט מען ארויף אויף זיך און אויף די קינדער וואָס ווערן געבאָרן שלעכטע קרענק. ווי עס זאָגט אויך חכמת הרפואה. דאָס קינד וואָס ווערט דרעפון געבאָרן ציט מען אויף אים ארויף און אויף קינדס קינדער אן אייביגע טומאה, וואָרום זיין געבאָרן איז דאָך געוועזן דורך טומאה און דאָס שפּרייט זיך אויף אייביג. דער איד וואָס האָט אין זיך א פונק פון אידישקייט דאַרף ער אוועקלויפן פון דער עבירה און איבער דער תאוה ניט וועלן אומגליקליך מאכן זיך מיט די קינדער, מיט דער וועלט. ווי מיר האָבן גערעדט, ניט וואָינען מיט דער פרוי אין א שטאָט וואָס איז ניטאָ קיין מקוה און האָבן בטחון בהשי"ת אז ער וועט שפּייזן אין אלע ערטער.

ומזרעך לא תתן להעביר למולך.

די מצות לא תעשה איז, ניט אָפּצוגעבן די קינדער צו דער עבודה זרה מיט דעם נאָמען מולך. די עבודה זרה מולך איז באַש־טאַנען אין דעם: מען פלעגט אוועקשטעלן א געצנבילד און פאַר אים אָנלייגן 2 רייען פייער פון האָלץ, און מען פלעגט דערלאַנגען א קינד צום פּריסטער, און מען פלעגט דעם קינד דורכפירן דורך די פייערן. דער שטראָף פאַר דעם איז סקילה.

ווען אויך עס איז ביי אונז קיין אָפענע עבודה זרה מולך ניטאָ. מען זאָל אָבער גוט באַטראַכטן זעט מען ווי די עבודה

זרה מולך עקזיסטירט, און דער פייער ברענט. דאָס מערסטע אין אידישע הייזער און נאָך א ערגערער פייער ווי מולך. דער פייער מולך האָט דאָס קינד ניט געברענט, מען האָט אים מער ניט נאָר דורכ־געפירט אָבער ניט פאַרברענט, און דער פאָטער וואָס רייסט אָפּ דאָס קינד אין די רעכטע יאָרן פון תורה, אָדער דער פאָטער פאַר־זאָרגט אים מיט ברויט, דערווייל בלייבט דער קינד פוסט פון תורה מיט יראת שמים, און מיט דער צייט ווערט ער גאָר אָפּגעריסן פון אידישקייט, ער ווייס ניט וואָס הייסט א איד, וואָס הייסט די תורה און אמונה און דער הייליגער באַשעפער דער בורא יתברך שמו. דער קינד ווערט פאַרברענט אויף דורי דורות. וואָרום וועלכע ערציאונג גיבן זיי זייערע קינדער און דעם קינדס קינדער זייערע קינדער און אזוי ווייטער אויף אייביג? האָט דען דער פאָטער דער־מיט ניט אויף זיך דעם עון פון מולך? נאָך מער וואָס מען זעט אין קינדער גרעסערע פייאיקייטן טרייבט מען אים מער צו תכלית, אום צו דערווייטערן פון אידישקייט, און אפילו ווען עס נעמט זיך א קינד צום לערנען, פאַרהאַסן אים זיינע אייגענע עלטערן, און ער האָט קיין ווערדע קעגן די איבעריגע קינדער.

דאָס איז ריכטיג ווי די מדרש זאָגט אין איכה: עס איז געווען נאָך א סאָרט עבודה זרה, וועלכע מען פלעגט דאָס קינד פאַרברענען. איין מאָל איז געקומען דער פריסטער פרעגן ביי א איד: פון אזויפיל קינדער גיסטו ניט איין קינד צום מולך צום פאַר־ברענען? ענטפערט דער פאָטער: איך וואָלט גערן געבן, זיי זיינען אָבער אַלע פאַרנומען. איינער ארבייט ביי גאָלד, איינער ארבייט ביי זילבער, איינער פאַשעט די רינדער, איינער די שאָף. אין די רייד זאָגט דער פאָטער, יאָ, איינער דער קלענסטער וועלכער לערנט אין חדר דעם קען איך דיר געבן.

ואת זכר לא תשכב משכבי אשה.

ובכל בהמה לא תתן שכבתך.

ואשה לא תעמוד לפני בהמה לרבעה.

די 3 מצות לא תעשה איז, 1) ניט צו טרייבן קיין זנות מאַנספערזאָן צווישן זיך. 2) ניט צו טרייבן קיין זנות מיט בהמות, דאָס זעלבע מיט חיות שנאמר ובכל בהמה. 3) א פרויענצימער זאָל ניט טרייבן קיין זנות מיט בהמות. דער שטראָף פון די 3 לאווין איז סקילה, און די בהמה ווערט אויך פארשטיינט.

פרשת קדושים *)

איש אמו ואביו תיראו.

עס איז אַ מצות עשה, מען מוז מורא האָבן פון טאַטע-מאַמע. מען טאָר ניט שטעהן אויף זייער אָרט, אָדער זיצן אויף זייער אָרט. מען טאָר ניט געגן זיי רעדן. מען טאָר ניט זיי ביים נאָמען רופן (קדושין ל"ו, כתובות ק"ז). עס איז קיין אונטערשייד צווישן טאַטן אָדער מאַמע געגן מורא. (זע ביי מצוה ל"ג).

אל תפנו אל האלילים.

עס איז אַ מצות לא תעשה, מען טאָר ניט נאָכגעהן נאָך עבודה זרה, ניט מיט רעדן, ניט אין געדאַנק, און ניט קוקן אויף זייערע געשטאַלטן. מען טאָר ניט לייענען ביכער וועגן זיי, מען טאָר ניט נאָכפרעגן נאָך דעם וועג ווי מען דינט זיי, דען דורך דעם טראַכט מען אין זיי, און מען איז עובר אויף פן תדרוש לאלקיהם לאמר וגו'.

ואלקי מסכה לא תעשו לכם.

מען טאָר ניט מאַכען עבודה זרה צו דינען, אפילו ווען ניט פאַר זיך נאָר פאַר אַ עכו"ם איז אויך אסור. ווען ער מאַכט עס פאַר זיך, איז ער עובר אויף צוויי לאווין.

והנותר וגו' ואכליו עונו ישא.

עס איז אַ לא תעשה, מען טאָר ניט עסן קיין קדשים, וואָס איז איבערגעבליבן איבער דער צייט וואָס די תורה שרייבט פאַר.

לא תכלה פאת שדך לקצור וגו' לעני ולגר תעזוב אותם.

עס איז אַ לא תעשה, מען טאָר ניט אָראָפּשניידן דעם גאַנצן פעלד, אָדער פון בוימער, ווען ער קלייבט ארונטער די פירות מוז מען איבערלאָזן פאה. און עס איז אַ מצות עשה דאָס עס זאָל געגעבן ווערן פאַר עניים, פאַר אָרימע מענשן. די מצוה האָט ניט

---

*) פון דאַנען אן ביז פ' במדבר איז ניט פונם מחבר דען די כתבים פעלן, און כדי עס זאָל זיין תורת ד' תמימה, האָבן מיר מעתיק געווען פון ספר מצות השם.

קיין שיעור. עס איז ניט פארשריבן אין תורה וויפל מען זאל געבן, אָבער די חכמים ז"ל האָבן געגעבן אַ שיעור דאָס עס זאָל ניט זיין ווייניגער ווי איינס פון זעכציג. ווען איינער האָט ניט געגעבן אין צייט קען ער עס געבן אפילו נאָך דעם באַקן.

ולקט קצירך לא תלקט וגו' לעני ולגר תעזוב אותם.

עס איז אַ לא תעשה, מען טאָר ניט צוזאַמען קלייבן וואָס ביי דעם שניידן פאַלט אויף דער ערד. ווען עס איז ניט מער ווי צוויי זאַנגען. (ווען עס איז דריי מעג מען יאָ נעמען). די זאַנגען באַלאַנגען צו די אָרימע לייט. און ווען דער בעל הבית האָט גענומען איז ער עובר אויף אַ לא תעשה און אַן עשה. ער קען עס אָפּגעבן אפילו נאָך דעם באַקן.

וכרמך לא תעולל לעני ולגר תעזוב אותם.

עס איז אַ לא תעשה, מען טאָר ניט אָראָפּקלייבן די ענגלעך טרויבן וועלכע זיינען קלענער ווי אנדערע, און די טרויבן זיינען איינס אויף אַנדערן דערויף. עס איז אַ מצות עשה צו לאָזן פאַר די אָרימע לייט.

ופרט כרמך לא תעולל לעני ולגר תעזוב אותם.

עס איז אַ לא תעשה, מען טאָר ניט די איינצעלנע טרויבן צוזאַמענקלייבן. ווען עס איז ניט מער ווי צוויי — דאָס לאָזט מען פאַר די אָרימע לייט.

לא תגנובו.

מען טאָר ניט גנב'נען קיין שום זאַך וואָס עס איז מער ווערט ווי אַ פרוטה. אפילו ווען ער גנב'ט דאָס ער וועט באַצאָלן, אָדער נאָר צו צערנען דעם בעל בית דערפון איז אויך אַן איסור. עס איז קיין אונטערשייד אויב אַ איד אָדער אַ עכו"ם איז גנבה און גזלה אסור. מען טאָר ניט קויפן אַ זאַך פון איינעם וואָס מען ווייס דאָס ער האָט עס געגנב'ט.

לא תכחשו.

מען טאָר ניט לייקענען קיין שום זאַך וואָס ער האָט, צו זאָגן, דאָס ער האָט עס ניט. סיי אַ פקדון וואָס ער האָט ביי אים געגעבן אויף צו היטן, אָדער געליען געלט, אָדער געטראָפען אַ זאַך וואָס יענער האָט פארלאָרן, אָדער געגזל'ט ביי יענעם און ער לייקענט עס אָפּ, אויף די אַלע זאַכן אויסער דעם וואָס ער איז עובר אַן עבירה וועגן גזל, און מצות עשה פון צוריקגעבן אַן אבידה, איז ער אויך נאָך עובר אויף דעם לא תעשה פון לייקענען.

ולא תשקרו איש בעמיתו.

עס איז אַ לא תעשה, ווען מען האָט געפאָדערט פון אים אַ זאַך וואָס ער האָט חייב געווען און ער לייקענט עס און ער שווערט דערויף פאַלש איז ער חייב. ער באַצאָלט דעם ווערט, און נאָך אַ פינפטל טייל און ער ברייגנגט אַ קרבן אשם. ווען ער האָט דאָס געטאָן ווייל ער האָט עס פארגעסן איז ער פטור.

ולא תשבעו בשמי לשקר.

ווען איינער האָט געשוואָרן אַ זאַך וואָס ער קאָן אויספירן ווי צ. ב. ער שווערט דאָס ער וועט עסן און ער האָט ניט געגעסן, אָדער ער שווערט דאָס ער האָט געגעסן און ער האָט ניט געגעסן, איז ער עובר אויף אַ לאו. ווען עס איז דורך אַ טעות ברייגנגט ער אַ קרבן. די עבירה פון שבועה איז זייער האַרב. די גמרא (שבת דף ל"ג) זאָגט וועגן דעם וואָס מען גיט ניט אכט צו האַלטן אַ שבועה ווערן זיין ווייב און קליינע קינדער אַוועקגעריסן רח"ל. איבער דעם איז בעסער ווען אַ מענש האַלט זיך ווייט פון שווערן אפילו צו זאָגן (חיי ראשי) „איך זאָל אַזוי לעבן" וואָס מענשן פלעגן זאָגן איז אויך אסור.

לא תעשוק את רעך.

מען טאָר ניט ביי זיך האַלטן דעם אַנדערנס געלט, אפילו ווען עס איז צו אים אויפן גוטן וועג געקומען, נאָר ער גיט עס ניט אָפּ איז ער עובר דעם לאו. צ. ב. ווען איינער לייט פון אַנדערן, אָדער געדענט אַ זאַך, און ער גיט עס ניט אָפּ נאָך

דער צייט, ווען מען בעט עס שוין צוריק איז ער עובר אויף דעם לאו. מען שלאָגט ניט קיין מלקות ווייל ער קען פאריכטן די עבירה, ווען ער גיט אָפּ און בעט איבער דעם חבר.

ולא תגזול.

מען טאָר ניט רויבן מיט געוואלד. (דער אונטערשייד צווישן גנבה און גזלה איז, גנבה מיינט באַהאַלטנערהייט צו נעמען און גזלה מיינט נעמען מיט געוואַלט). מען שלאָגט קיין מלקות ווייל ער קען פאריכטן די עבירה מיט צוריק צאָלן. די גמרא („שם) זאָגט ווען איינער גזל'ט אַ שוה פרוטה פון חבר איז גלייך ווי ער האָט געגזל'ט זיין לעבן. ספרים קדושים ברענגען מורא'דיגע מעשיות וועגן מענשן וואָס האָבן ניט געהיט זיך דערפון און וואָס פאר א שטראָף זיי האָבן געהאַט (גלגול).

לא תלין פעולת שכיר אתך.

עס איז אַ לא תעשה, מען טאָר ניט האַלטן דעם שכר פון אַן ארבייטער ביי זיך נאָך דעם ווי ער האָט אָפּגעארבעט זיין צייט. דאָס מיינט ווען איינער האָט געארבעט ביי טאָג מוז ער באַצאָלן אין צייט פון נאכט דערנאָך, און ווען איינער האָט געארבעט ביי נאכט מוז ער באַצאָלן אין צייט פון טאָג דערנאָך. די גמרא זאָגט ווען איינער צאָהלט ניט פאר דעם ארבייטער איז ער אויך עובר אויף פינף לאווין. די גמרא זאָגט: ווען איינער באַצאָהלט ניט דעם שכר פון ארבייטער אין צייט איז גלייך ווי ער האָט באַגזל'ט זיין לעבן. דען פאַרוואָס לאָזט זיך דער ארבייטער אריין אין סכנות, נאָר פאר דעם דאָס ער זאָל פאַרדינען וואָס ער ברויך, פאַר זיין הויז, און ער האַלט עס צוריק פון אים.

לא תקלל חרש.

מען טאָר ניט שילטן אפילו אַ טויבן וועלכער הערט ניט וואָס מען זאָגט און ער איז זיך ניט מצער. נאָך מער איז די עבירה פון איינעם וואָס הערט צו ווי מען שילט אים. אפילו ווען ער שילט זיך איז ער אויך עובר. מען איז ניט עובר נאָר ווען ער

זאָגט הקב"ה נאָמען, אָדער איינער פון די ביינעמען און מיט דעם שילט ער זיך אָדער אן אנדערן. די שטראָף איז מלקות.

ולפני עור לא תתן מכשול.

מען טאָר ניט געבן, פאר איינעם וואָס ער קומט פרעגן אן עצה און ער ווייס ניט אין דער זאַך, נאָר אַ גוטע עצה. טאָמער פארפירט ער אים איז ער עובר אַ לאו. דאָס איז קיין נפקא מינה צי אין וועלטליכע זאכן, אָדער אין תורה, ווען ער ברייננט אים צו אן עבירה איז ער עובר אויף דעם. אפילו אַ גוי טאָר מען ניט ברייננען צו די עבירות וואָס זיי זיינען מצווה דערויף. פון דער תורה איז ער נאָר דאַן עובר, ווען מען קען ניט דערצו קומען אָן זיין הילף, אָבער מדרבנן איז ער אפילו אזוי אויך עובר.

לא תעשו עול במשפט.

עס איז אַ לא תעשה אויף דעם דיין ער טאָר ניט פאַר־קרומען דעם משפט, אַ זכות געבן פאר דעם וועלכער איז חייב, און מחייב זיין דעם וועלכער איז ניט חייב. און נאָך מער, מען טאָר ניט ציען ארויסצוגעבן דעם פסק דאָס מען זאָל מיט דעם מצער זיין די בעלי בתים. די דינים זיינען אין חושן משפט.

ולא תהדר פני גדול.

ווען עס קומען צוויי מענשן צום דין תורה און איינער איז אַ גדול טאָר ער ניט צייגן פריינדליכקייט צו אים מער ווי צו דעם אנדערן.

בצדק תשפוט עמיתך.

עס איז אַ מצות עשה אויף דעם דיין דאָס ער זאָל די בעלי דינים איינינ באהאנדלען, ניט איינעם מער מקרב זיין ווי דעם אנדערן. און דאַן איז פאַראַנען נאָך אַ מצוה, דאָס דער דיין וועל־כער ווייס די הלכות דאָס ער זאָל אויסמאַכן דעם משפט און ניט צוריקציען זיך דערפון. עס איז אַ מצוה צו זוכן אַ זכות. עס איז אויך אַ מצוה אויף יעדן איד דאָס ער זאָל דן זיין צו זכות ווען ער זעט אן עולה ביים חבר.

לא תלך רכיל בעמיך.

דער לא תעשה איז, א איד טאָר ניט זאָגן פאר אן אנדערן וואָס ער האָט געהערט ריידן אויף אים, אפילו ווען דאָס איז אמת. מיט דער עבירה קען מען וועלטן חרוב מאַכן, אַזוי ווי מיר טרעפן דאָס דואג האדומי האָט דערצעהלט פאר שאול המלך דאָס דוד טרעפט זיך אין נוב עיר הכהנים און דאָס זיי האָבן אים געגעבן עסן און שאול האָט געלאָזט אויסהרגנן די שטאָט (שמואל א).

נאָך אן ענליכע עבירה איז לשון הרע ווען איינער באַרעדט דעם אַנדערן אפילו ווען ער זאָגט אמת. דאַן ווען ער זאָגט שקר איז ער אַ מוציא שם רע. אין די גמרא טרעפן מיר זעהר אַ סך רעדן וועגן דער גרויסער עבירה פון לשון הרע און רכילות. אויף דריי עבירות שטראָפט מען אויף דער וועלט און מען האָט קיין עולם הבא: עבודה זרה, גילוי עריות ושפיכת דמים, און לשון הרע איז איבער די אַלע. ווען איינער רעט לשון הרע איז ער ווי אַ כופר בעיקר. עס איז פאַראַנען אבק לשון הרע. דאָס מיינט ניט קיין רעכטע לשון הרע נאָר נאָנט דערצו. צ. ב. ווען איינער זאָגט: רעט ניט פון אים איך וויל ניט ריידן וואָס איך ווייס פון אים. ווייל כאָטש ער האָט ניט געזאָגט, אָבער ער האָט געלאָזט וויסן אַז ער ווייס צו זאָגן שלעכטס וועגן אים. ווען ער רעט לשון הרע פאר אַ געלעכטער, אָדער ער פאַרשטעלט זיך ווי ער ווייס גאָר ניט דאָס ער איז מיט דעם מצער אן אנדערן, איז אויך לשון הרע.

די דינים פון דעם איסור זיינען זייער פיל, ווייל עס קען אַמאָל אויסקומען דאָס מען דאַרף צו וויסן טאָן פאר ערליכע דאָס זיי זאָלן ניט אריינפאַלן אין אַ שלעכטע חברותא, און ביי אַ שידוך וואָס מען זעהט דאָס איינער פון זיי פאלט אריין אין ניט ערליכע הענט.איבער דעם איז גוט ווען מען לערנט דורך דעם ספר שמירת הלשון פון חפץ חיים זצ"ל וואָס מען טרעפט דאָרט אַלע דינים פון לשון הרע. די ספרים פון תלמידי בעש"ט זי"ע זאָגן, אַז דאָס רעדן פון מענש איז אַ סימן אויף זיין גאַנצע מהות. אַ מענש וואָס היט ניט דעם מויל האָט ער גאָר ניט, אפילו ווען פאר די אויגן זעט ער אויס פאר אן ערליכער אָבער ער קען ניט זיין קיין פנימיות'דיג ערליכקייט. הרב ר' אלימלך זי"ע גיט אַ עצה,

טאָמער וויל אַ מענש גוטסריידן, זאָל ער ריידן פון חסידים און פון בורא ב"ה, טאָמער געלוסט אים ריידן שלעכטס זאָל ער ריידן פון זיך, דען זיך קען דער מענש אמבעסטן.

לא תעמוד על דם רעך.

עס איז א איסור לא תעשה, מען טאָר ניט לאָזן דאָס אַן אנדערן איד איז אין סכנה און ער געהט אים ניט העלפן. אויך ווען ער זעט אַ איד דאָס ער קען קומען צו געלט שאָדן, צ. ב. ער ווייס דאָס גוים ווילן אים באַרויבן אָדער אַנדערע שאָדן מאַכן און ווייסט דערפון, מוז ער אים העלפן.

לא תשנא את אחיך בלבבך.

מען טאָר ניט האָסן אַ איד אין הארצן. נאָר ווען ער האָט אים געטאָן אַן עולה מוז ער גיין זאָגן פאַר אים אַז ער האָט אים דאָס געטאָן און אויסמעקן די שנאה פון דעם האַרצן. ווען ער האָט געטאָן אַן עבירה און נאָך דעם ווי ער האָט צו רעכט געוויזן האָט ער דאָך ניט איבערגעלאָזט דעם שלעכטן וועג, איז אַ מצוה אים צו האָסן. וועגן שנאת חנם איז דער בית המקדש חרוב געוואָרן. אין גמרא שבת קומט פאַר די שווערע שטראָף אויף שנאת חנם. דער יעב"ץ זצ"ל שרייבט, דאָס די מורא'דיגע גזרות פון שנת ת"ח איז געווען וועגן שנאת חנם. אויסער דעם איז מען עובר אויף אַ מצות עשה פון ואהבת לרעך כמוך.

הוכח תוכיח את עמיתך.

עס איז אַ מצות עשה, דאָס איין איד זאָל דעם אַנדערן צו רעכט ווייזן. ער זאָל וויסן דאָס ער מאַכט אַן עולה ניט נאָר געגן דעם בורא ב"ה נאָר געגן זיך און דעם כלל ישראל. ווען איינער פאַרשווייגט און זאָגט ניט פאַר דעם אַנדערן וועגן זיין עבירה ווערט ער אויך באַשטראָפט. עס איז אַ חיוב צו זאָגן מער מאָל, ווען ער האָט ניט געהערט דעם ערשטן מאָל, מוז מען אים זאָגן ביז ער ווערט אין כעס און שלאָגט אים אָדער ער פאַרשעמט אים. מען מוז זאָגן פיין און איידל דאָס ער זאָל ניט באַליידיגט ווערן. עס איז אַ מצוה אַנצונעמען תוכחה.

ולא תשא עליו חטא.

מען טאָר ניט (מבייש) פאַרשעמען דעם אַנדערן. נאָך מער איז דער איסור ברבים, פאַר מענשן צו פאַרשעמען. די גמרא זאָגט, עס איז בעסער מען זאָל זיך לאָזן אַריינוואַרפן אין קאַלך אויוון און מען זאָל קיינעם ניט פאַרשעמען ברבים. אָבער ווען איינער וויל ניט צוריקטרעטן פון זיין שלעכטן וועג, מעג מען אים מבייש זיין.

לא תקום ולא תטור את בני עמך.

מען טאָר ניט נעמען קיין נקמה פון · אַ אידן, דאָס מיינט צ. ב. ווען איינער בעט צו לייען פון אַנדערן און ער וויל אים ניט געבן, אין דעם אַנדערן טאָג קומט ער און וויל לייען פון אים טאָר ער אים ניט זאָגן איך גיב ניט אַזוי ווי דו האָסט ניט געגעבן. און נטירה מיינט, ווען ער גיט אים יאָ נאָר ער זאָגט, איך בין ניט אַזוי ווי דו, איך גיב יאָ. ווייל מיט די ווערטער צייגט ער דאָס ער האַלט אַ שנאה אין האַרצן געגן אים. מען מוז וויסן, דאָס אַלע זאַכן וואָס עס איז דאָ אויף דער וועלט האָט ניט קיין חשיבות דאָס מען זאָל וועגן דעם פיינט באַקומען אַ איד.

ואהבת לרעך כמוך.

עס איז אַ מצוה ליב האָבן יעדן איד ווי זיך אַליין, און וואָס ער טוט ניט פאַר זיך זאָל ער אויך ניט טאָן פאַרן אַנדערן. הלל הזקן האָט געזאָגט דאָס די מצוה פון ואהבת לרעך כמוך איז אַ גרויסע כלל אין דער תורה. ווען איינער וויל גרוים ווערן דורך די שאַנדע פון חבר, האָט קיין עולם הבא. מען מוז אַכטן אויף דעם געלט, און כבוד פון חבר אויך. אַ גוטער איד איז אויך אַ גוטער מענש, און טאָמער איז ער ניט קיין גוטער איד איז ער קיין גוטער מענש אויך ניט.

בהמתך לא תרביע כלאים.

מען טאָר ניט מישן די פאַרשידענע מינים פון בהמות, און אויך ניט חיות אָדער עופות. דאָס איז געווען דער חטא פון דור

המבול וואָס די גאנצע וועלט איז צו גרונט געגאנגען. די דינים זיינען אין יורה דעה.

שדך לא תזרע כלאים.

מען טאָר ניט מישן צוויי מינים פון געוויקס און תבואה, פירות אָדער גרינצייג. מען טאָר ניט אָנבויען אפילו פאַר א גוי און מען טאָר זי ניט לאָזן אין פעלד. אין חוץ לארץ איז מותר צו אָנבויען געמישט גרינצייג, אָבער ביי בוימער דאָס מיינט אריינ־צופלאַנצן א צווייג אין אן אַנדערן בוים איז אסור אפילו אין חוץ לארץ. און גרינצייג און בוימער איז אויך אסור. ווען עס איז שוין געוואקסן, איז עס ניט אסור צו עסן. די דינים זיינען אין יורה דעה.

שלש שנים יהיה לכם ערלים לא יאכל.

עס איז א איסור מען טאָר ניט עסן פון פירות פון א ניי איינגעפלאַנצטע בוים ביז דריי יאהר. ניט נאָר עסן איז אסור נאָר אפילו הנאה צו האָבן דערפון איז אויך אסור. מען טאָר ניט פאַרקויפן אָדער שענקען. א ספק ערלה איז מותר אין חוץ לארץ אָבער אין ארץ ישראל איז עס אסור.

ובשנה הרביעית יהיה פריו קודש הלולים לה'!

די פירות פון פערטן יאָר איז א מצות עשה צו ברייגנען אין ירושלים און דאָרט אויפעסן. ווען ער וויל קען ער אויסלייזן און ער גיט דעם ווערט פון די פירות און נאָך א פינפטל דערצו, און דעם געלט בריינגט ער קיין ירושלים. ווען דער בית המקדש איז געשטאַנען האָט מען געמוזט געבן די ווערט און א חומש, אָבער היינט איז געגוג צוגעבן א ווערט פון די קלענסטע געלט און מען מאַכט א ברכה, און מען לייזט אויס דערמיט דעם נטע רבעי און מען וואַרפט אין ים די געלט. אויסער ארץ ישראל, זאָל מען אויסלייזן די פירות פון פערטן יאָר אָן א ברכה. אָבער אין די דריי יאָר געהט אָן דער איסור אין חוץ לארץ ווי אין ארץ ישראל. אַלע דינים זיינען דאָ אין יורה דעה סימן רצ"ד. פון דעם

פסוק לערנט די גמרא ארויס, דאָס מען טאָר ניט נהנה זיין פון דער וועלט אָן ברכה צו מאַכן דערויף.

לא תאכלו על הדם.

עס איז אַ לא תעשה, מען טאָר ניט עסן אַזוי וואָס עס קען ברענגען צו רויבן און צו הרג'נען מענשן. דאָס מיינט צו עסן צופיל, דעם שיעור וואָס עס קומט פאַר ביי סורר ומורה. נאָך קומט עס זאָגן דאָס מען טאָר ניט עסן פון א בהמה איידער עס איז אינגאַנצן געטויט אפילו עס איז געשחט'ן. נאָך קומט עס צו זאָגן דאָס מען טאָר ניט עסן פון אַ קרבן אַזוי לאַנג ווי די בלוט איז אין דעם כלי שרת. מען טאָר ניט מנחם אבל זיין די קרובים פון די וועלכע זיינען צו טויט פאַראורטיילט פון בית דין ישראל. אויך ווען דער ב"ד פירט דורך אַ טויט אורטייל מוזן זיי דעם טאָג פאַסטן. אין ברכות לערנט די גמרא אַרויס דאָס מען טאָר ניט עסן איידער מען האָט געדאַוונט אין דער פרי. (מען טייטשט דעם פסוק מען טאָר ניט עסן איידער איר האָט געדאַוונט אויף אייערע בלוט, דאָס מיינט לעבן). מען שלאָגט ניט קיין מלקות אויף די אַלע. (דהוי לאו שבכללות ואין לוקין עליו — סנהדרין סג).

לא תנחשו.

מען טאָר ניט מאַכן פאַר זיך סימנים אויב עס צייגט אויף גליק אָדער פאַרקערט צ. ב. צו זאָגן עס איז אַרויסגעפאַלן די ברויט פון מיין מויל וועט ער ניט באַגליקן אָדער דער שטעקן איז געפאַלן פון האַנט געט ער ניט דעם וועג. עס איז פאַראַנען סימנים וואָס עס פאַלט ניט אונטער דעם איסור ווי די גמרא זאָגט אין חולין (צ"ה ע"ב) ווען ער בויט אַ הויז, אָדער האָט חתונה, אָדער עס ווערט געבוירן אַ קינד, און נאָך דעם באַגליקט ער דריי מאָל איז אַ סימן דאָס ער וועט באַגליקן אין אַלעם. אָדער צו זאָגן אַ קינד ער זאָל זאָגן אַ פסוק און פון דעם דרינגען פאַר זיך ווי צו טאָן אין אַ זאַך וואָס עס איז ביי אים אַ ספק. אָדער צו מאַכן זיך אַ סימן אין אַ זאַך און לויט דעם צו האַנדלען ווי אליעזר עבד אברהם האָט געמאַכט ביי דעם וואַסער.

לא תעוננו.

מען טאָר ניט מאַכן זיך סימנים אויף צייטן, די צייט איז מצליח'דיג און אַנדערע ניט. וואָס מען הערט אַ סך מאָל מען וויל ניט באַצאָלן חובות מוצאי שבת איז אויך אסור. צו מאַכן (אחיזת עינים) פאַרשטעלט צו די אויג איז אויך אסור. עס איז אַ מצוה תמים תהיה עם ה' אלקיך. מיר מוזן זיין מיט פולן גלויבן צום בורא און ניט זוכן געוואָר צו ווערן וואָס עס וועט זיין שפּעטער. מיר אידן זיינען אונטער השגחה פרטית פון השי״ת און מיר האָבן ניט קיין אויסגעמאָסטענע מזל אַלעס איז לויטן רצון פון בורא ב״ה וואָס עס איז איבער דער טבע. דען אַ איד קען תשובה טאָן און ווערט געענדערט זיין מזל.

לא תקיפו פאת ראשכם.

מען טאָר ניט ארומשניידן די האָר וואָס עס איז אויף די מענשן. דער איסור איז צו שניידן מיט אַ גאָלמעסער אָדער מיט אַ שער וואָס איז ווי אַ גאָלמעסער. אפילו צו שניידן די פאות פון אַ קטן איז אויך אַן איסור. דער חיוב איז סיי אויפן באַרבער סיי אויף דעם וועער עס לאָזט זיך שערן פון אים. ווען ער העלפט אים צו, קומט אים מלקות, ווען ניט, איז בלויז אַן איסור. ביי ווייבער איז ניטאָ דער איסור. מען מוז אויף דעם וואָרנען די וועלט דען דער רוב מענשן ווייסן גאָר ניט פון דעם איסור.

ולא תשחית פאת זקנך.

מען טאָר ניט שניידן מיט אַ גאָל מעסער די עקן פון דיין באָרד. דאָס מיינט פינף זייטן פון דער באָרד. צוויי ביי די שלייפן צוויי ביי די באַקן און איינער ביי די קין באַק. דאָס טאָר מען יאָ מיט אַ שער, וואָס דער מעסער וואָס עס שניידט איז ניט ביי די פלייש. (דער צמח צדק אין שו״ת שרייבט דאָס קיין חיוב מלקות איז ניטאָ מיט אַ שער אָבער אסור איז עס, אָבער רוב גדולים זיינען מחולק דערויף). ווען איינער נעמט מיט דעם שמיר, וואָס נעמט פון זיך אַן אַ מעסער ארונטער, טאָר מען ניט דעם שמיר אראָפּנעמען מיט אַ מעסער, ווייל אַמאָל קען זיין עס איז ניט גוט אָפּגעשניטן און ער שנייט עס יעצט מיט דעם אייזן, נאָר מען זאָל עס מיט האָלץ אָדער אַ ביין ארונטערנעמען. דער באר עשק מאַכט אַ חילוק צווישן ארץ ישראל און חוץ לארץ

געגן צו לאָזן וואַקסן דעם באָרד, און צווישן איינער וואָס איז תורתו אומנתו און אַנדערע אידן. דער רמב"ם שרייבט דעם טעם פון דער מצוה ווייל מיר אידן מוזן אַנדערש אויסזעהן ווי די גוים איבער דעם איז דאָ דער איסור פון ובחקותיהם לא תלכו. און דער חינוך שרייבט דאָס דורך דעם ווערן מיר אָפּגעטיילט פון גוים ממילא לויט דעם איז קיין אונטערשייד מיט וואָס מען שנייט, נאָר אַ חיוב איז ניט דאָ נאָר מיט אַ גאָלמעסער.

וכתובת קעקע לא תתנו בבשרכם.

מען טאָר ניט מאַכן איין איינגעגראָבענע שריפט אין דעם פלייש, דאָס מיינט, מען רייסט אויף דעם פלייש און מען לאָזט אריין טינט. דער וואָס ער מאַכט און דער וואָס העלפט מען זאָל אים קענען מאַכן, ביידע זיינען חייב מלקות.

ומקדשי תיראו.

מען זאָל מורא האָבן פון דעם הייליגן אָרט פון בית המקדש. מען טאָר ניט אריין מיט אַ שטעקן, מיט שיך און מיט זיין פעקל. מען טאָר עס ניט מאַכן פאר אַ דורכגאַנג. מען טאָר ניט שפייען דערין. ווען מען גייט ארוים מוז מען מיט דעם רוקן גיין. אונזער שול און בית המדרש האָבן די דינים ווי אַ מקום המקדש און עס גייט אָן אַ סך פון די דינים. ווען איינער באַנעמט זיך ניט מיט כבוד אין בית המדרש ווערט זיין תורה פארגעסן.

אל תפנו אל האובות.

מען טאָר ניט מיט כשוף מאַכן דאָס ער פרעגט זאַכן און עס קומט אים תשובה פון אונטער דער ערד. אָדער אַ טויטער קערפער ענפערט אים אויף זיינע שאלות. אויף דעם קומט אַ שטראָף פון סקילה.

אל תפנו וגו' ואל הידעונים.

מען טאָר ניט מאַכן דאָס מען נעמט אַ ביין פון אַ באַוואוס-טע עוף און ער לייגט עס אין מויל און מאַכט פעולות, ביז ער זאָגט ארוים זאַכן וואָס וועלן זיין שפעטער.

מפני שיבה תקום והדרת פני זקן.

עס איז אַ מצות עשה, דאָס מען זאָל זיך אויפהויבן פאַר אַן אַלטן אפילו אַ פשוט'ער מענש און פאַר אַ זקן, מופלג בחכמה אפילו ווען ער איז יונג איז אויך אַ מצוה זיך אויפשטעלן אינגאַנצן. פאַר דעם רבי וואָס מען האָט ביי אים געלערנט תורה מוז מען זיך אויפשטעלן ווען ער דערזעהט אים ביז ער געהט אוועק. די תורה האָט פאַרגליכן דעם כבוד פון רבין צו דעם כבוד פון שכינה. מען טאָר ניט פסקנן אַ הלכה געגן זיין רבי. מען טאָר ניט מחולק זיין אויף זיין רבי.

לא תעשו עול במשפט במדה וגו' מאזני צדק וגו' והין צדק יהיה לך

מען טאָר ניט האָבן, נאָר אַ ריכטיגע וואָג ווען איינער שווינדלט מיט די וואָג דאָס ער מעסט ניט גוט אָדער ביים רעכענען איז ער עובר אויף אַן עשה און אַ לא תעשה. אפילו ווען מען מעסט ניט נאָר ער האַלט אַ שלעכטע וואָג אָדער אַ מאָס איז אויך אַן עבירה. די גמרא זאָגט דאָס די שטראָף אויף שלעכט מעסטן איז האַרבער ווי די שטראָף אויף די עבירה פון עריות. און מען קען אים רעכענען פאַר אַ כופר אין יציאת מצרים, דען ווער עס גלויבט דאָס דער בורא ב"ה פירט די וועלט מוז ער גלויבן, דאָס עס איז פאַר יעדן די פרנסה מיט אַ וועג פון היתר באַשטימט און מוז ניט זיין פרנסה דערגרייכן דורך עבירות.

ומקלל אביו ואמו מות יומת.

מען טאָר ניט פאָטער און מוטער שילטן, ווען איינער מאַכט עס מיט דעם נאָמען פון בורא ב"ה איז ער חייב סקילה. און אַזוי ווען איינער טוט גרינג שעצן טאַטען און מאַמען איז די שטראָף מורא'דיג.

באש ישרפו.

עס איז אַ מצות עשה אויף דעם בית דין דורכצופירן דעם טויט פון שריפה אויף דעם וואָס די תורה האָט אים באַשולדיגט מיט דעם.

ובחקותיהם לא תלכו.

מען טאָר זיך ניט פארגלייכן צו די פעלקער מיט גאָר ניט, ניט מיט די קליידונג צו גיין מיט די קליידונג וואָס עס איז מיוחד פאר זיי, ניט זיך מאַכן די האָר ווי זיי צו שניידן פון די זייט און לאָזן אין מיטן. דער ט"ז שרייבט, דאָס ווען איינער גייט מיט א בלויזן קאָפּ איז ער אויך עובר וועגן דעם. און נאָך מער איז דער איסור אין שולן צו מאַכן די שול אליין אָדער דער סדר אין שול ווי מען מאַכט ביי זיי איז נאָך א גרעסערע עבירה. ליידער איז דאָס זייער איינגעריסן, מען מאַכט אַלע פעולות זיך צו פארגלייכן צו זיי, מען מיינט מיט דעם ציט מען צו מענשן. דערוויל ציט מען ניט צו, נאָר מען פארדאַרבט די וועלכע קומען אין שול אויך. דער מדרש זאָגט, אידן מוזן זיין פארגליכן צו אויל, אזוי ווי אויל מישט זיך ניט צוזאַמען מיט קיין שום משקה נאָר עס בלייבט פאר זיך און קומט ארויף אזוי מוזן אידן זיין באַזונדער.

פרשת אמר

לנפש לא יטמא בעמיו.

דאָס איז א לא תעשה דאָס א כהן הדיוט טאָר זיך ניט מטמא זיין צו א פארשטאָרבענעם אויסער א מת מצוה וואָס עס האָט ניט ווער עס זאָל זיי באַגראָבן, איז ער מחויב צו באַגראָבן.

לאמו ולאביו לבנו ולבתו וגו' לה יטמא.

עס איז א מצות עשה, דאָס דער כהן הדיוט זאָל זיך מטמא זיין צו די זיבן קרובים אויף וועלכע מען האַלט אבילות. פאָטער, מוטער, זון, טאָכטער, ברודער, שוועסטער ניט פארהייראַט און ווייב. פון די, איז אויך די מצות אבילות צו האַלטן אויף די קרובים.

ולא יחללו שם אלקיהם.

עס איז א לא תעשה, פאר א כהן וועלכער איז א טבול יום, געטובל'ט דעם טאָג דאָס ער טאָר ניט מאַכן קיין עבודה אין בית המקדש ביז אויף דער נאַכט.

אשה זונה וחללה לא יקחו ואשה גרושה מאשה לא יקחו.

אַ כהן טאָר ניט נעמען אַ ניט אידישע פרוי, אָדער וועלכע האָט געלעבט מיט איינעם וואָס איז אסור פאר אַ אידישע טאָכטער צו הייראטן צו אים (שנבעלה למי שאסורה להנשא לו), דאָס ווערט אן איסור פון זונה ביי אַ כהן. חללה מיינט וועלכע איז געבאָרן פון וועלכע עס זיינען אסור צו כהונה. אַ גרושה, וואָס איז אָפּ־גע׳גט פון מאן טאָר אַ כהן זי ניט נעמען. אַ פרוי וועלכע האָט חליצה באַקומען איז אויך אסור מדרבנן.

וקדשתו.

עס איז אַ מצות עשה, כבוד צו טאָן פאר אַ כהן אין יעדע הייליגע זאַך זאָל ער אנהויבן. עס איז אַ חיוב צו הייליגן אים אפילו ווען ער וויל ניט.

ועל כל נפשות מת לא יבא לאביו ולאמו לא יטמא.

דאָס איז אַ לא תעשה פאר דעם כהן גדול, דאָס ער טאָר ניט אריינגיין אין (אוהל), אַ הויז וואו אַ מת ליגט. און נאָך אַ לא תעשה, דאָס ער טאָר ניט צורירן זיך, צו אַ מת אפילו זיינע קרובים.

והוא אשה בבתוליה יקח.

דער כהן גדול דאַרף נעמען אַ מיידל און ניט קיין פרוי, אפילו ווען זי האָט ניט חתונה געהאַט. טאָמער האָט ער גענומען אַ פרוי, מוז ער זי מגרש זיין.

אלמנה גרושה וחללה זונה את אלה לא יקח, ולא יחלל זרעו בעמיו

אַ כהן גדול טאָר ניט נעמען די אַלע וואָס אַ כהן הדיוט, נאָר ער טאָר קיין אלמנה אויך ניט נעמען. אפילו ווען זי איז אן אלמנה פון אירוסין.

אשר יהיה בו מום לא יקרב וגו׳ כל אשר בו מום לא יקרב.

אַ כהן וועלכער האָט אַ פעלער טאָר ניט טאָן קיין עבודה.

איין פסוק זאָגט דעם איסור אויף אַ פעלער וועלכע גייט דורך, און איין פסוק אויף אַ פעלער וואָס בלייבט אויף אימער.

אך אל הפרוכת לא יבא ואל המזבח לא יגש.

אַ כהן וואָס האָט אַ (מום) פעלער טאָר ניט אין מקדש אריין גיין, אפילו ווען ער מאַכט קיין עבודה. ווען ער מאַכט אַן עבודה אויך, באַקומט ער צוויי מאָל מלקות וועגן דער עבודה און וועגן אריינגעהן.

וינזרו מקדשי בני ישראל ולא יחללו.

עס איז אַ מצות לא תעשה, מען טאָר ניט טאָן קיין עבודה ווען דער כהן איז טמא, און ווען ער האָט געטאָן איז ער חייב מיתה בידי שמים. עס קומט אים מלקות אויך, אָבער די כהנים האָבן ניט געלאָזט צו בית דין גיין נאָר זיי האָבן אליין אים גע'משפט און געשלאָגען. ווען דער כהן איז געווען טמא פון אַ טומאה וואָס קיינער האָט ניט געקענט וויסן איז דער ציץ וואָס דער כהן גדול טראָגט אויף דעם שטערן, מכפר.

איש איש מזרע אהרן והוא צרוע או זב בקדשים לא יאכל.

אַ כהן וואָס איז טמא טאָר ניט עסן קיין תרומה און ווען ער עסט איז ער חייב מיתה בידי שמים, פון הימל שיקט מען אים דעם טויט שטראָף.

וכל זר לא יאכל קדש תושב כהן ושכיר לא יאכל קדש.

אַ פרעמדער וואָס ער איז ניט קיין כהן טאָר ניט עסן תרומה, און אפילו אַ זר וואָס איז פאַרדונגען צו אַ כהן אויף אייביג (תושב) אָדער אויף יאָרן (שכיר) איז אויך אסור צו עסן ווייל דער גוף פון אים איז ניט דעם כהנ'ס נאָר זיין ארבעט, און אַזוי איז ער ניט דעם כהנ'ס אייגענטום (קנין כספו). ווען ער האָט געגעסן במזיד, מיט זיין וויסן איז ער חייב מיתה בידי שמים. בשוגג, אָן זיין וויסן באַצאָלט ער דעם ווערט און אַ פינפטל דערצו.

תושב כהן ושכיר.

פון דעם פסוק ווערט נאָך א לא תעשה גענומען. עס שטייט ניט אַרויס נאָר מען לערנט עס אַרויס פון פסח וואו עס שטייט אויך תושב כהן ושכיר, דאָס א כהן וואָס איז ניט געמל'ט טאָר ניט עסן קיין תרומה. ווען דער כהן איז עובר אויף דעם איסור שלאָגט מען אים מלקות.

ובת כהן כי תהיה לאיש זר היא בתרומת הקדשים לא תאכל

עס איז א לא תעשה, דאָס א טאָכטער פון א כהן ווען זי האָט חתונה צו א ישראל טאָר זי ניט עסן קיין תרומה און חזה ושוק מתנות פון דעם כהן. אפילו ווען מען גט זי אָפּ אָדער דער מאַן שטאַרבט איז אויך אסור חזה ושוק, אָבער תרומה איז נאָר אזוי לאנג פאַרבאָטן ווי זי איז אונטער דעם מאַן. נאָך אַן איסור ווען א בת כהן האָט חתונה צו איינעם וואָס איז אסור פאר איר איז זי אייביג פאַרבאָטן צו עסן תרומה.

ולא יחללו את קדשי בני ישראל את אשר ירימו לה'.

מען טאָר ניט עסן קיין שום תבואה אָדער פירות איידער מען נעמט דערפון ארונטער די תרומות און מעשרות. ווען איינער עסט איידער עס איז גענומען מעשר איז די שטראָף מלקות. און ווען עס איז תרומה אויך ניט גענומען, איז די שטראָף מיתה בידי שמים.

תמים יהיה לרצון.

עס איז א מצות עשה דאָס יעדער קרבן מוז זיין אהן א פעלער. און ווען מען ברייננט א קרבן פון מעל זאָל עס זיין פון פיין מעל און אויל פון די בעסטע. אויך יעדע זאַך וואָס מען ברייננט אין מקדש אָדער יעדע מצוה וואָס מען מאַכט מוז זיין פון די שענסטע. דאָס איז געווען פון קין וואָס השי"ת האָט זיין קרבן ניט אָנגענומען ווייל ער האָט ניט אויסגעוויילט פון די בעסטע. די גמרא זאָגט, ווען איינער ברייננט א שיינעם קרבן אָדער ער מאַכט א שענע מצוה איז ביז א דריטל פון די ווערט מעג

ער מער געבן. ווען איינער מאַכט אַ שענע מצוה איז דער שכר דאָס זיינע אייגענע זאַכן וועלן זיין שיינע, ווי צ. ב. דירה און מלבושים.

כל אשר בו מום לא תקריבו.

עס איז אַ לא תעשה, מען טאָר ניט אפילו מקדיש זיין אַ בעל מום. ווען איינער איז מקריב אַ בעל מום איז נאָך אַן איסור. דער טעם דערפון וואָס אפילו ווען ער איז ניט מקריב נאָר ער זאָגט צו אַ בהמה פאַר קודש וואָס עס האָט אַ פעלער, קומט אים מלקות, ווייל מיט דעם איז ער מבזה קדשים.

כל מום לא יהיה בו.

מען טאָר ניט מאַכן אַ מום, אַ פעלער אין קדשים.

עורת או שבור לא תקריבו אלה לה' ואשה לא תתנו מהם. ומעוך וכתות וגו' לא תקריבו לה'.

דאָ זיינען דריי לא תעשה'ס: א) מען טאָר ניט שחט'ן אַ בעל מום פאַר אַ קרבן. ב) מען טאָר ניט רייכערן די פעטן פאַר אַ קרבן. ג) מען טאָר ניטט שפריצן די בלוט פון אַ פעלערדיגן קרבן.

ובארצכם לא תעשו.

עס איז אַ לא תעשה, מען טאָר ניט אונפרוכטבאַר מאַכן סיי אַ מענשן סיי אַ בהמה. ווען איינער מאַכט איז די שטראָף מלקות. דער טעם פון דעם איסור איז ווייל די וועלט איז באַשאַפן דאָס מענשן און אַלע באַשעפענישן זאָלן זיין דערויף, און ווער עס מאַכט געגן דעם, מאַכט ער געגן דעם ווילן פון בורא ב"ה.

ומיד בן נכר לא תקריבו אלה לה'.

מען טאָר ניט אָננעמען אַ קרבן אפילו פון אַ גוי וועלכער איז מיט אַ פעלער. עס ווערט דערציילט אין גמרא דאָס וועגן דעם איסור איז חרוב געוואָרן דער בית המקדש, ווייל דער קעניג

האָט געשיקט אַ קרבן וואָס דער שליח האָט געמאַכט אַ מום דאַרין און מען האָט עס ניט מקריב געווען. דאַדורך האָט דער מלך געגלויבט דאָס די אידן האָבן מורד געווען געגן אים, און ער איז געקומען חרוב מאַכן ירושלים און בית המקדש.

ומיום השמיני והלאה ירצה לקרבן אשה לה׳.

אַ מצות לא תעשה, דאָס מען טאָר ניט ברייננגען אַ קרבן איידער עס ווערט אַכט טאָג אַלט. אָבער ווען מען איז מקריב פריער באַקומט ער קיין מלקות.

ושור או שה אותו ואת בנו לא תשחטו ביום אחד.

מען טאָר ניט שחט׳ן אַ בהמה און איר קאַלב אין איין טאָג. ווען איינער שחט באַקומט ער אַ שטראָף פון מלקות. ווען צוויי מענשן האָבן געשחט׳ן באַקומט דער צווייטער מלקות. דער טאָג ווערט גערעכנט צו ערשט נאַכט און דערנאָך טאָג. דאָס הייסט ווען איינער האָט געשחט׳ן די מוטער בייטאָג און די קאַלב ביי־נאַכט דערנאָך איז מען פטור.

ולא תחללו את שם קדשי.

עס איז אַ לא תעשה, מען טאָר ניט מאַכן אַ זאַך וואָס עס קומט אַרויס אַ חילול השם, ד. ה. עס ווערט פאַרשוועכט דער נאָמען פון בורא ב״ה. דער איסור איז געטיילט אין דריי טיילן: א) ווען מען צווינגט אַ מענשן ער זאָל לאָזן אַ מצוה, אָדער טאָן אַן עבירה, אָדער אַ זאַך געגן דעם דת ישראל, אין צייט פון גזירות שמד ר״ל, אָדער אויף די דריי עבירות פון רציחה, הרג׳נען מענשן; עבודה זרה, דינען פרעמדע דינסטן; גלוי עריות, ניט מאַראַל לעבן אפילו ניט אין צייט פון גזירות שמד טאָר מען ניט עובר זיין, ווען ער איז עובר איז ער חייב אויף חילול השם אויך. ב) ווען איינער מאַכט אַן עבירה וואָס ער האָט קיין שום הנאה דערפון ער מיינט נאָר כדי צו ערצערענען דעם בורא ב״ה. ג) ווען איין תלמיד חכם אָדער אַ פרומער מאַן מאַכט אַ זאַך וואָס עס פּאַסט

ניט צו אים איז ער עובר וועגן חילול השם, אפילו ווען די זאך איז קיין עבירה ניט נאָר די וועלט קוקט עס פאר אן עבירה אָדער פאר אן עולה געגן מענשן איז עס אויך א חילול השם. די גמרא אין יומא רעכנט אוים זאכן וואָס מען מוז אלס אכט געבן. ווען איינער לערנט תורה און האַנדלט ניט מיט מענשן ווי עס דאַרף צו זיין, דהיינו וואָס מענשן זאָגן, ווי איז פאר דעם וואָס לערנט תורה, ווי איז פאר דעם פּאָטער וואָס לאָזט לערנען זיין קינד תורה, קומט אוים אז די תורה ווערט געשענדעט דורך אים, אָבער ווען ער איז אַן איידעלער מענש ווערט די תורה געהויבן דורך אים און איז מקדש שם שמים. אין יורה דעה זיי־נען די דינים פון, אויב מען איז מאנס צו אן עבירה.

ונקדשתי בתוך בני ישראל.

עם איז א מצות עשה, צו הייליגן דעם נאָמען פון בורא ב"ה. דאָס מיינט ווען מען וויל אונז צווינגען צו איבערטרעטן דעם ווילן פון בורא ב"ה מיט א כוונה דאָס מען זאָל אונז אראָפּפירן פון דעם אידישן גלויבן זיינען מיר מחויב צו געבן אונזער פאר־מעגן און אפילו אונזער לעבן און ניט איבערטרעטן אויף דעם ווילן פון בורא ב"ה. און עס איז א מצוה דאָס מיר זאָלן מפרסם זיין די אמונה צום בורא ב"ה און זיין תורה. ווי מיר זעהן ביי אליהו הנביא ווי עס ווערט דערציילט אין תנ"ך (שמואל) דאָס ער האָט איבערצייגט די אידן וועגן אחדות הבורא. אין של"ה הקדוש שער האותיות קומט פאָר דאָס ווען איינער מוז זיך מוסר נפש זיין, מאַכט ער א ברכה אקב"ו לקדש שמו ברבים. ווען איינער קען אנטלויפן און זיך מציל זיין פון מסירות נפש וואָס איז בעסער, זיך צו ראַטעווען, אָדער זיך לאָזן אין די הענט פון רשעים, איז אין תוספות (דף נ"ג:) און אין תשובת שבות יעקב שטייט, אז ער איז מחויב זיך צו ראַטעווען אָבער ווען ער גיט זיך איבער מאַכט ער א מצוה.

ביום הראשון מקרא קדש יהיה לכם כל מלאכת עבודה לא תעשו.

עם איז א מצות עשה צו רוען דעם ערשטן טאָג פסח. און אויב מען טוט א מלאכה איז מען עובר אויף א לא תעשה. אן

ארבעט וואָס איז אוכל נפש, ווען מען ברויכט צו עסן, צו מאַכן עסן איז דערלויבט.

והקרבתם אשה לה'.

עס איז אַ מצוה צו ברייננען אַ קרבן מוסף יעדן טאָג פון די יום טוב פון פסח. וואָס מען איז מקריב פאַר מוסף, שטייט אין פרשת פנחס.

ביום השביעי מקרא קדש כל מלאכת עבודה לא תעשו.

מען טאָר ניט מאַכן קיין מלאכה דעם זיבעטן טאָג פון פסח און עס איז אַ מצוה צו רוען.

והבאתם את עומר ראשית קצירכם אל הכהן.

עס איז אַ מצות עשה צו ברייננען אַ מנחה פון עומר. דער מנחה איז פון גערשטן. די מצוה איז אין צווייטן טאָג פסח צו ברייננען. די גמרא דערציילט, דאָס די צדוקים וועלכע האָבן ניט געגלויבט אין די ווערטער פון אונזערע חכמים האָבן געהאַלטן עס צו ברייננען אימער דעם זונטאָג טאָג און אונזערע חכמים האָבן זיי באַקעמפט.

ולחם וקלי וכרמל לא תאכלו עד עצם היום הזה.

עס איז אַ מצות לא תעשה, מען טאָר ניט עסן פון די תבואה וואָס איז ניי געוואַקסן, איידער מען ברייננט דעם עומר דערפון. מען טאָר ניט עסן אין קיין שום פאָרם דערפון, ניט ברויט, ניט גי־רעסטעטע, ניט גירעסטעטע אין זאַנגען. זייט די בית המקדש איז חרוב געוואָרען איז דער גאַנצער טאָג פון זעכצעהן טאָג אין ניסן אסור. און אין חוץ לארץ די גאַנצע טאָג פון זיבעצען אסור. עס איז אסור אין אונזערע צייטן אויך.

וספרתם לכם ממחרת השבת וגו' שבע שבתות תמימות.

עס איז אַ מצות עשה, דאָס מען זאָל ציילן די טעג פון דער צייט פון עומר ביז שבועות דאָז זיינען ניין און פערציג

טעג. עס איז א מצוה צו ציילען וואכן און טעג. מען ברויכט צו ציילען שטעהענדיג. פרויען זיינען פטור פון דער מצוה. דער טעם פון דער מצוה איז דאס פון פסח וואס עס איז א יו"ט א זכרון פון יציאת מצרים איז אליין נאר א פארברייטונג צו שבועות וואס עס איז דער זמן פון קבלת התורה, דען נאר אין דעם זכות פון די תורה הקדושה זיינען מיר באפרייט געווארען פון מצרים.

והקרבתם מנחה חדשה לה' וגו'.

עס איז א מצוה עשה צו ברייגגען צוויי ברויטן און מיט דעם זיבן לעמעלעך, איין שטיר און צוויי ווידערס פאר עולות, און איין ציג, צוויי לעם פאר שלמים. איינער איז דעם כהן גדול'ס און די אנדערע די כהנים'ס. אין מהרש"א ז"ל שטייט ווארום די מצוה איז פסח צו ברייגגען פון גערשטן און אין שבועות פון ווייץ, צו צייגן דאס פסח פאר קבלת התורה זיינען מיר נאך קיינע גאנצע מענשן און מיר ברייגגען אונזער קרבן אויך פון גערשטן וואס איז אן עסן פון בהמות. אבער שבועות ביי קבלת התורה זיינען מיר שוין מענשן ברייגגען מיר אונזער קרבן פון ווייץ ברויט.

וקראתם בעצם היום הזה מקרא קודש כל מלאכת עבודה לא תעשו.

דאס איז א מצות לא תעשה ניט צו מאכן קיין מלאכה אין דעם יו"ט פון שבועות.

בחדש השביעי באחד לחדש מקרא קדש כל מלאכת עבודה לא תעשו.

דאס איז א מצות עשה און א לא תעשה ניט צו מאכן קיין מלאכה אין ראש השנה.

והקרבתם אשה לה'.

די מצוה פון צו ברייגגען דעם קרבן מוסף פון ר"ה וואס עס שטייט אין פרשת פנחס. דער חיוב איז אויף דעם גאנצן אי־דישן פאלק ניט צו לאזן פארפעלן דעם קרבן.

אך בעשור לחודש השביעי הזה יום הכפורים הוא וגו'.

עס איז א מצות עשה צו פאסטן יום כפור אין צעהנטן טאג אין תשרי.

כי כל נפש אשר לא תעונה וגו' ונכרתה.

ווער עס פאַסט ניט יום כפור איז חייב כרת. ווען איינער עסט אַזוי גרויס שטיק עסן ווי אַ טייטל וואָס איז קלענער ווי אַ כזית איז שוין חייב, דער טעם פון תענית איז ווייל מיר בעטן איבער דעם בורא ב"ה פאַר די עבירות וואָס מיר זיינען באַגאַנגען דורכן יאָר און אין אונזער לעבן, פאַסט עס דאָס מיר זאָלן ניט עסן און צייגן ווי עס טוט אונז לייד וואָס מיר האָבן געטאָן. ווען איינער עסט דעם ניינטן טאָג אין תשרי, איז גלייך ווי ער וואָלט געפאַסט, ווייל דאָס איז אַ פאַרברייטונג צו דעם תענית.

כל מלאכה לא תעשו שבת שבתון היא לכם.

ווען איינער מאַכט אַרבעט יום כפור איז ער עובר אויף אַ מצות עשה און אויף אַ לא תעשה. די שטראָף איז כרת.

והקרבתם אשה לה'.

די מצות עשה צו ברייננגען די קרבנות וואָס עס קומט פאַר אין פרשת פנחס.

ביום הראשון מקרא קדש כל מלאכת עבודה לא תעשו.

די מצות עשה און לא תעשה ניט צו טאָן קיין אַרבעט אין דעם יום טוב פון סכות.

תקריבו אשה לה'.

עס איז אַ מצות עשה צו ברייננגען די קרבנות וואָס זיינען אין פרשת פנחס.

ביום השמיני וכו' כל מלאכת עבודה לא תעשו.

די מצות עשה און לא תעשה ניט צו טאָן קיין אַרבעט שמיני עצרת.

והקרבתם אשה לה'.

צו ברייגגען די קרבנות שמיני עצרת, וואָס עס קומט פאָר אין פרשת פנחס.

ולקחתם לכם ביום הראשון פרי עץ הדר וגו'.

עס איז אַ מצות עשה צו נעמען פיר מינים אין יום טוב פון סכות. איין אתרוג, איין לולב, דריי ריטלעך הדסים און צוויי ריטלעך פון ערבה. די מצוה איז צו נעמען אין ערשטען טאָג סכות און אין מקדש אַלע זיבן טעג. נאָך דעם חורבן האָט רבן יוחנן בן זכאי איינגעפירט דאָס מען נעמט איבעראַל זיבן טעג זכר למקדש. אין בית המקדש און ארום ירושלים האָט מען גענומען זיי אפילו שבת ווען די ערשטע טאָג סכות איז געפאַלן אויף שבת, אָבער היינט נעמט מען ניט שבת. דער טעם פון דער מצוה איז, ווייל עס זיינען פאַראַנען פיר ערליי אידן. אַ איד וואָס האָט אין זיך תורה און מצות איז ווי דער אתרוג וואָס האָט אַ טעם און אויך אַ גערויך. עס איז פאַראַנען אידן וואָס האָבן תורה אָן מצות איז אַזוי ווי דער הדר וואָס האָט אַ גירויך און קיין טעם. עס איז פאַראַנען אידן וואָס האָבן מצות און קיין תורה ניט איז אַזוי ווי דער לולב וואָס האָט קיין גירויך אָבער אַ טעם האָט עס. און עס איז פאַראַנען אידן אָן תורה און אָן מצות, ווי די ערבה וואָס האָט קיין טעם און קיין גירויך. דארום הייסט דער בורא ב"ה צוזאַמענצונעמען די 4 מינים צו צייגן דאָס די פיר ערליי אידן זאָלן זיין צוזאַמען און אָפלערנען ווי צו דינען דעם בורא ב"ה. אין מדרש ווערט פאַרגליכן דער לולב צו אַ שווערד און זאָגט דאָס ביי אַ מלחמה גייט דער זיגער מיט אַן אויפגעהויבענער שווערד אַזוי איז דער לולב די מלחמה וואָס מיר האָבן געהאַט יום כפור מיט דעם שטן גייען מיר מיט איין אויפגעהויבענעם שווערד צו צייגן אַז מיר זיינען די זיגער.

בסכות תשבו שבעת ימים.

זיבן טעג סכות איז אַ מצוה צו זיצן אין אַ סוכה, און דאָס איז אונזער דירת קבע, אונזער הויפט דירה. די ערשטע נאַכט איז

אַ חיוב צו עסן אַ כזית אין סוכה און די אנדערע נעכט איז נאָר אַ חיוב ווען איינער עסט מוז ער עסן אין סוכה. אַ סוכה מוז האָבן צוויי זייטן און די דריטע אפילו נאָר אַ טפח. און דער סכך מוז זיין נאָר פון גדולי קרקע, וואָס עס וואַקסט. דער טעם פון דער מצוה שטייט אין תורה ווייל אידן זיינען געזעסן אין סכות אין מדבר. וואָס די תורה מיינט איז אַ פלוגתא אין דער גמרא, רבי אליעזר און רבי עקיבא איינער זאָגט די תורה מיינט די ענני כבוד, די וואָלקן זיילן וואָס אידן זיינען ארומגענומען געווען אין מדבר. און איינער זאָגט אַז די תורה מיינט ריכטיגע סכות וואָס זיי זיינען געזעסן ביי דער צייט וואָס זיי זיינען ארוים פון מצרים. דער טור ברענגט דאָס עס האָט געדאַרפט זיין די מצוה אין ניסן דען דאָס איז די צייט וואָס אידן זיינען ארוים פון מצרים. נאָר הקב"ה האָט עס געהייסן אין תשרי ווייל אין ניסן גייען אַלע מענשן אין סכות ווייל עס איז זומער אָבער תשרי איז רעגן צייטן און ער גייט אין סוכה דאָס איז אַ מצוה.

פרשת בהר

ובשנה השביעית וגו' שדך לא תזמור וכרמך לא תזמור את ספיח קצירך לא תקצור ואת ענבי נזירך לא תבצור.

עס איז אַ מצות לא תעשה, דאָס מען טאָר ניט טאָן קיין פעלד ארבעט אין זיבעטן יאָר וואָס עס ווערט אָנגערופן שמטה יאָר. דער טעם פון דעם איז השי"ת האָט געוואָלט דאָס דער מענש זאָל קיין מאָל ניט פארגעסן דאס ער מיט זיין פאַרמעגן איז אין האַנט פון בורא ב"ה. און ער אליין איז ניט דער אייגענטימער אפילו פון זיין אייגן פעלד. דערפאַר האָט דער בורא ב"ה געהייסן דאָס דעם זיבעטן יאָר זאָל מען ניט אָנבויען און ער מיט אַלע מענשן צוגלייך זאָל הענגען זיין פרנסה פון דער ברכה וואָס הקב"ה האָט געגעבן אין די זעקס יאָר. און וואָס עס וואַקסט אין זיבעטן פון זיך, אָן אָנבויען. וועגן דעם איז פאַרבאָטן דאָס ער טאָר ניט אריין טראָגן וואס עס וואַקסט פון זיך נאָר צו ביסלאַך וואָס ער האָט געענדיגט מיט אַלע מענשן גלייך. עס קומען פאַר אין פסוק פיר לא תעשה וועגן דעם: א) מען טאָר ניט באארבעטן די פעלד.

ב) מען טאָר ניט באשניידן די בוימער און צוגרייטן דאָס עס זאָל גוטע פירות ברייננגען. ג) מען טאָר ניט אָפשניידן די תבואה וואָס עס וואַקסט פון זיך אַליין נאָר צוביסלאַך אריינטראָגן וויפל ער מוז האָבן. ד) מען טאָר ניט קלייבן די פירות פון בוים וואָס עס וואַקסט, נאָר ווי לאַנג עס איז דאָ אין דרויסן פאַר די חיות צו עסן. די גמרא זאָגט, דאָס וועגן דער עבירה וואָס אידן האָבן ניט געהיט אין שמיטה איז געקומען דער גלות וואָס זיי זיינען פאַרטריבן געוואָרן פון ארץ ישראל.

וספרת לך וגו' שבע שנים שבע פעמים. ביום הכפורים תעבירו שופר בכל ארצכם.

עס איז אַ מצות עשה דאָס דער בית דין זאָל ציילן זיבן מאָל זיבן יאָר און דערנאָך זאָל דעם פופציגסטן יאָר הייליגן צו אַ יובל יאָר. און עס איז אויך אַ מצוה דאָס מען זאָל בלאָזן שופר יום כפור צו די פופציגסטן יאָר און יעדער זאָל גיין צו זיינע אייגענע, קנעכט ווערן באַפרייט, און די פאַרקויפטע פעלדער גייען צוריק צו די ערשטע בעלי בתים.

וקדשתם את שנת החמשים שנה.

עס איז אַ מצות עשה אויף דעם בית דין צו הייליגן דעם פופציגסטן יאָר, ראש השנה צו זאָגן דאָס דער יאָר איז געהייליגט. אָבער די קנעכט און די פעלדער שטייען נאָך אונטער זייערע בעלי בתים ביז יום כפור און דערנאָך בלאָזט מען שופר און זיי ווערן באַפרייט.

לא תזרעו ולא תקצרו את ספיחיה ולא תבצרו את נזיריה.

עס איז דריי לא תעשה אויף יובל, עס איז אסור פעלד ארבייט ווי אין שביעית ניט צו מאַכן פעלד ארבעט און בוימער. ניט צו שניידן און אריינטראָגן, ניט צו קלייבן די פרוכט פון בוים און אריינטראָגן. עס איז אַן אונטערשייד צווישן יובל און שביעית. אין יובל ווערן באַפרייט פעלדער און קנעכט, ניט אין שביעית. אין שביעית ווערט יעדער חוב וואָס מען האָט, פאַרפאַלן (ווען מען מאַכט ניט קיין פרוזבול) און אין יובל ניט. יובל באַפרייט מיט אָנפאַנג יאָר, און שביעית די חובות נאָר אין סוף.

וכי תמכרו ממכר לעמיתך.

עס איז א מצוה דאס מען זאל ערליך און רעכט האנדלען מיט די אלע וועגן וואס די תורה שרייבט פאר פאר א האנדל וועג. פעלד קען מען אנקויפן און עס גייט איבער פון דעם פאר־קויפער צום קויפער מיט געלד געבן מיט א שריפט מאכן און מיט וואס ער האט עס דריי יאר און קיינער האט ניט געווערט דאגעגן. אלע זאכן וואס מען קען באוועגן אדער א בהמה קען מען דורך משיכה קונה זיין, וואס ער נעמט עס צו זיך אדער ער הויבט עס אויף. נאך ווערט פון דעם געלערנט דאס וואס א איד קויפט זאל ער קויפן פון אן אנדער איד. ער זאל שטיצן זיינע אנדערע אידישע ברידער.

אל תונו איש את אחיו.

עס איז א לא תעשה, מען טאר ניט שווינדלען אין קויף און אין פארקויף. דאס מיינט א זאך וואס איז ווייניגער ווערט און ער פארקויפט דאס איבער דעם פרייז. דער שיעור וואס עס הייסט שווינדל, ווען ער האט מער גענומען פון אים מיט א זעקסטל איבער דעם ווערט, ווייל ווייניגער זיינען די מענשן מוחל איינער דעם אנדערן.

לא תונו איש את עמיתו.

עס איז א לא תעשה מען טאר ניט זאגן צו א בעל תשובה דאס געדענק דיינע שלעכטע זאכן וואס דו האסט געטאן און מיט דעם וויל ער אים מצער זיין. אדער צו זאגן פאר א גר צדק דאס דיינע עלטערן זיינען געווען עבודה זרה דינערס. אדער צו פרעגן פון איינעם וואס מען ווייסט דאס ער וויים ניט קיין תשובה צוגעבן אויף זיין שאלה. דאס אלעם איז קוילען מיט ווערטער און די עבירה איז זעהר גרוים.

והארץ לא תמכר לצמיתות.

עס איז א לא תעשה, דאס א פעלד טאר ניט פארקויפט ווערן אין ארץ ישראל אויף אייביג, נאר עס מוז צוריקגעהן צו דעם שבט

וואס עס איז צוטיילט פון אנפאנג. דער רמב"ן ז"ל זאגט, דאס די לא תעשה מיינט ניט אויף דעם דאס עס מוז צוריקגיין אין יובל, דען אויף דעם שטייט שוין אנדערע לא תעשה, נאר דער פסוק מיינט דאס מען זאל ניט פארקויפן פאר א גוי אין ארץ ישראל א פעלד אויף אייביג.

בכל ארץ אחוזתכם גאולה תתנו לארץ.

עס איז א מצות עשה דאס די פעלדער זאלן צוריקגיין צו די ערשטע בעלי בתים. עס גייט נאר דאן צוריק ווען עס ווערט פארקויפט סתם אן יארן אדער אויף אייביג.

איש כי ימכור בית מושב עיר חומה וגו'.

ווען איינער פארקויפט א הויז אין א שטאט וואס איז ארומגעצאמט פון צייטן וואס אידן האבן באקומען ארץ ישראל, איז דער דין אז מען קען אויסלייזן דעם ערשטן יאר נאך דעם פאר־קויף, ווען ניט בלייבט עס פארפאלן אין האנט פון דעם קויפער און עס גייט ניט ארויס אפילו אין יובל אויך ניט.

ושדה מגרש עריהם לא ימכר.

עס איז א לא תעשה ווי אונזערע חכמים האבן געטייטשט דעם פסוק דאס די שטעט פון לוים וואס מען האט זיי צוטיילט טאר ניט זיין איבערגעמאכט, פון דעם פרייען פעלד ארום די שטאט, טאר ניט געמאכט ווערן קיין שטעט. און ניט די שטאט צו מאכן פריי אן הייזער.

את כספך לא תתן לו בנשך ובמרבית לא תתן אכלך.

עס איז א לא תעשה, מען טאר ניט לייען איין איד פאר אנדערן מיט פראצענט ניט קיין געלט און ניט אנדערע זאכן. מען איז עובר אויף די צוויי לאוין.

לא תעבוד בו עבודת עבד.

ווען איינער קויפט א אידישן קנעכט, טאר ער מיט אים ניט לאזן ארבייטן אן ארבעט וואס עס פאסט פאר א קנעכט, דאס מיינט ארבעט וואס ער ווערט גרינג געשעצט דורך דעם. מען טאר ניט לאזן מיט אים אויסטאן די שיך, נאכטראגן די קליידער

אין באַד, נאר ער מוז זיך פירן מיט אים ווי מיט אַ געדונגענעם ארבעטער. ער מוז אים געבן די זעלבע צו עסן וואס ער עסט און קליידונג גוטע און אויך וואוינונג גוטע. דער איסור איז נאָר מיט אן עבד עברי, אָבער ווען ער דינגט אַ אידן צו איין ארבעט אפילו עס איז אַ מיאוס'ע ארבעט מעג ער עס לאָזן אים טאָן, ווייל ער מאַכט דאָס מיט אייגענע ווילן, ער האָט זיך צו דעם פארדונגען.

לא ימכרו ממכרת עבד. לא תרדה בו בפרך. לא ירדנו בפרך לעיניך.

מען טאָר ניט פארקויפן אַ איד אויף אַ שטיין וואָס מען שטעלט ארויף אנדערע קנעכט צו פארקויפן. מען טאָר ניט לאָזן ארבעטן מיט אים אן צייט און אַ זאַך וואָס ער ברויכט גאָר ניט. מען טאָר ניט לאָזן אַ גוי זאָל מיט אים לאָזן ארבעטן שווער, עס איז אַ חיוב צו שטערן.

לעולם בהם תעבודו.

עס איז אַ מצות עשה צו לאָזן ארבעטן מיט אן עבד כנעני ביז אייביג. ווען איינער מאַכט פריי אן עבד כנעני אַ קנעכט פון די כנענישע פאָלק, איז ער עובר אויף אן עשה. אויסער צו אַ מצוה, צ. ב. ווען מען מוז אים האָבן צו אַ מצוה פאר אַ צענטן, מעג מען אים פריי מאַכן. אן עבד כנעני קען באַפרייט ווערן דורך געלט וואָס אַנדערע גיבן אים אויס, אָדער מיט אַ שטר, אַ שריפט וואָס עס שטייט הרי אתה בן חורין. אָדער ווען דער בעל בית האָט אים ארויסגעשלאָגען אַ צאָן, אן אויג אָדער אַנדערע גלידער אוועקגעשניטן.

ואבן משכית לא תתנו בארצכם להשתחות עליה.

מען טאָר ניט מאַכן אַ שטיין דאָס מען זאָל זיך קענען בוקן דערויף. ווען איינער האָט זיך געבוקט צו השי"ת און ער האָט זיך אויסגעשטרעקט די הענט און די פיס אויסער דעם בית המקדש קומט אים מלקות. אויב ער האָט זיך ניט אויסגעשטרעקט קומט אים מכות מרדות. ווען ער האָט זיך געבוקט צו אן עבודה זרה איז ער חייב סקילה. נאר אין בית המקדש האָט מען געמעגט בוקן זיך צו השי"ת אויף שטיינער. אין שוהלן ווען מען בוקט זיך מוז מען אויף די שטיינער אונטערלייגן עטוואָס.

פרשת בחקותי

איש כי יפליא לנדור בערכך נפשות לה'.

ווען איינער זאָגט איך נעם אויף מיר צו געבן מיין ווערט אָדער אן אנדערן'ס ווערט מוז ער געבן וואָס די תורה פאַרשרייבט. אַ קינד פון איין און דרייסיג טעג ביז פינף יאָר אַ זכר גיט ער פינף שקלים. אַ מיידל גיט ער דריי שקלים. פון נאָך פינף און צוואַנציג יאָר ביי אַ זכר צוואַנציג שקלים, ביי אַ מיידל צען שקלים. פון צוואַנציג ביז זעכציג ביי אַ זכר פופציג און ביי אַ נקבה דרייסיג שקלים. פון נאָך זעכציג ביז אַזוי לאַנג ווי מען לעבט איז ביי אַ זכר פופצען און ביי אַ נקבה צען שקלים. דאָס געלט גייט צו הקדש. ווען איינער זאָגט ניט ערכי עלי, נאָר מיין ווערט אויף מיר, דמי עלי, באַצאָלט ער פאַר וויפל מען קען אַזוי אַ מענש פאַרקויפן אין מאַרק.

לא יחליפנו ולא ימיר אותו טוב ברע וגו' אם המר ימיר והיה הוא ותמורתו יהיה קדש.

עס איז אַ לא תעשה, מען טאָר ניט טוישן אַ בהמה וואָס איז געהייליגט געוואָרן פאַר אַ קרבן אויף אן אַנדערע בהמה. ווען ער האָט געזאָגט דאָס ער טוישט עס אויף אן אַנדערע איז די מצוה דאָס אַלעביידע בלייבן הייליג.

והעמיד את הבהמה וגו' והעריך וגו'.

ווען איינער האָט געהייליגט אַ בהמה צו ברענגען פאַר אַ קרבן און עס האָט אַ פעלער באַקומען, אָדער ער האָט געהייליגט אַ בהמה פאַר הקדש און ניט פאַר אַ קרבן און ער גייט עס לייזן מוז מען עס שטעלן צו בית דין און אָפּשאַצן די ווערט און דאָס גיט ער דערפאַר.

ואיש כי יקדש את ביתו.

ווען איינער האָט געהייליגט זיין הויז אָדער אַנדערע זאַכן לייזט ער עס אויס דאָס הייסט ער גיט די ווערט און אַ פינפטל פון ווערט. ווען אַן אַנדערער לייזט עס אויס גיט ער ניט צו דעם פינפטל צו די ווערט.

ואם משדה אחוזתו יקדיש איש וגו'.

ווען איינער האָט געהייליגט אַ פעלד און ער לייזט עס אויס, גיט ער פאר יעדן יאָר ביז יובל איין סלע און איין פונדיון, און אַ פינפטל טייל, ווען דער בעל בית לייזט עס אויס. ווען די פעלד איז ניט זיין אייגענטום נאָר געקויפט, שאַצט מען אָפּ די ווערט און ער גיט דאָס צו הקדש.

אך בכור אשר יבוכר לה' לא יקדיש איש אותו.

דאָס איז אַ לא תעשה, מען טאָר ניט אויסטוישן פון איין קדושה צו איין אַנדערן, מען טאָר ניט פון אַ בכור מאַכן אַ שלמים ווייל אַזוי האָט די תורה געהייסן. דער איסור גייט אָן היינט אויך, מען טאָר ניט געבן די געלט וואָס עס איז געגעבן געוואָרן צו איין צדקה פאר אַן אַנדערע צדקה, אפילו ביידע זיינען גרויסע מצות.

אך כל חרם וגו'.

ווען איינער הייליגט אַ טייל פון זיין פארמעגן און ער האָט ניט געזאָגט צו וואָס, ווערט עס געגעבן פאר די כהנים וואָס זיינען אין דער צייט אין דינסט.

לא ימכר ולא יגאל.

די הייליגקייט וואָס ער האָט געטאָן קען ער ניט פארקויפן און ניט אויסלייזן נאָר עס באַלאַנגט צו די כהנים.

כל אשר יעבור תחת השבט העשירי יהיה קדש לה'.

עס איז אַ מצות עשה צו מעשר'ן די בהמות. ער פירט אריין אין אַ שטאַל און לאָזט זיי ארויס צו איינס אויף אַ קליינער טיר און דער צענטער ווערט באַצייכנט מיט רויט און די זיינען די מעשר. מען ברייגנט זיי אויף ירושלים מען שחט עס אין דער עזרה און מען שפריצט פון בלוט און די פעטן איז מען מקריב אויף דעם מזבח און די פלייש עסן אויף די בעלים. ווען עס באַקומט אַ פעלער קען מען עסן אין דער היים. פון יעדן יאָר ווערט באַזונדער גענומען מעשר.

לא יגאל.

מען טאָר ניט פארקויפן מעשר בהמה, די צענטע וואָס מען האָט געהייליגט פאר מעשר, און מען קען עס ניט אויסלייזן. ווען ער האָט פארקויפט איז עס גאָרניט, און מען מוז עס פירן אויף ירושלים. די חכמים ז"ל האָבן געאסר'ט דאָס מען טאָר ניט אפילו אַ בעל מום, וואָס עס האָט אַ פעלער אויך ניט פאַרקויפן.

במדבר

נשא

וישלחו מן המחנה כל צרוע וכל זב וכל טמא לנפש.

די מצות עשה איז, אוועקצושיקן פון די מחנות אַלע טמאים

ולא יטמאו את מחניהם.

די מצות לא תעשה איז, קיין טמא טאָר ניט קומען אין בית המקדש. ווען אידן זיינען געגאַנגען אין מדבר האָבן זיי געהאַט 3 מחנות:

1) איינע האָט געהייסן מחנה ישראל, דאָס איז וועגען די 4 דגלים (דאָס איז ווי עס איז מפורש אין דער תורה יעדערע 3 שבטים זיינען געשטאַנען אין איין זייט, דאָס האָט זיך גערופן א דגל, ווייל זיי האָבן געהאַט א פאָן, דאָס איז געווען זייער הערב).

2) די מחנה לויה, וואו די לוים זיינען געשטאַנען ארום משכן.

3) די מחנה שכינה, דאָס איז פון דעם הויף וואָס ארום אהל מועד און אינווייניג.

די זעלבע הייליקייט איז געווען אין ירושלים צוטיילט אויף 3 ערטער:

1) פון אריינגאַנג אין ירושלים ביז דעם הר הבית.

2) פון טיר הר הבית ביז דער טיר פון עזרה איז דאָס געגן דעם אָרט פון די לוים.

3) און פון טיר פון דער עזרה און אינווייניג הייסט מחנה שכינה.

א מצורע טאָר ניט קומען אין אלע 3 מחנות, דאָס הייסט ער טאָר ניט זיין אין גאַנץ ירושלים. זבים, זבות, נדות, יולדות, טאָרן ניט קומען אויף דעם הר הבית אין בית המקדש. א טמא דורך א מת און א בועל נדה און נאָך אנדערע זיינען אַוועקגעשיקט געוואָרן פון דער עזרה און אינווייניג, אויב מען גייט אריין אין בית המקדש ווען מען איז טמא, ווערט מען מיט כרת באַשטראָפט. יעצטיגע צייט טאָר מען ניט קומען אויף דעם אָרט וואו דער בית המקדש איז געשטאַנען. אויב מען גייט יאָ ארויף איז מען חייב כרת, ווייל מען רעכענט זיך טמאי מתים ביז מען וועט אויף אונז שפריצן די וואסער פון פרה אדומה ווי פארצייטן, מיר זאָלן דאָס זוכה זיין בקרוב.

והתודו את חטאתם.

די מצות עשה איז, מתודה זיין זיך און תשובה טאָן. תשובה הייסט חרטה האָבן אויף די עבירה וואָס מען האָט געטאָן און באַשליסן זיך אויף ווייטער דאָס מער ניט צוטאָן. אז־ך דארף מען זיך מתודה זיין דאָס הייסט אויסריידן מיטן מויל פאר ג־ט ב"ה זיינע זינד זאָגן פון גרונטהארצן: איך האָב זיך באַדיינקט און שעם זיך פאר מיינע מעשים און וועל שוין קיינמאָל דאָס ניט טאָן.

דער עיקר תשובה איז חרטה האָבן מיט א אמת אויף די פאַרגאַנגענע צייט, און נעמען אויף זיך מיט א ריכטיגן אמת אויף די קונפטיגע צייט ביז אז דער בורא יתברך זאָגט עדות אז עס

איז אמת, אזוי ווי דער רמב"ם ברענגט אין הלכות תשובה, וואָס מען איז זיך מער מתודה איז מען מער געלויבט פאר השי"ת, עס העלפט ניט קיין קרבנות און יום כיפור סיידן מיט תשובה.

ווען מען האָט אויף זיך עבירות וועלכע מען האָט געטאָן דעם צווייטן אן עוולה, אויב די עוולה איז געלט זאַכן, דאַרף מען אָפּגעבן אָדער דורכמאַכן מיט אים ברצון הטוב דאן קען העלפן תשובה.

יעצטיגע צייט האָבן מיר ניט מער ווי תשובה. תשובה איז מכפר אויף אַלע עבירות. ווען אויך א מענטש איז א רשע כל ימיו און טוט תשובה מיט אן אמת, דערמאָנט מען אים אויף יענער וועלט זיינע זינד גאָר ניט. עס איז כדאי דעם נוסח פון וידוי צו זאָגן אויף טייטש אויך. אז מען איז זיך מתודה און מען מיינט ניט דעם אמת תשובה צו טאָן, איז דאָס גלייך ווי מען איז זיך טובל און מען האלט א שרץ אין האנט. יעדער מענטש פאר דעם לייגן זיך שלאָפן דאַרף ער תשובה טאָן. ווי עס איז דאָ ערקלערט, די וועג פון תשובה איז דער מענטש זאָל אימער וויינען און שרייען פאר זיך, בעטן ג-ט ב"ה ער זאָל אים מוחל זיין. און געבן צדקה נאָך זיין כח נאָך, און דערווייטערן זיך פון דעם חטא וואָס ער האָט געטאָן מיט אַלע מעגליכקייטן.

די מוסר ספרים גיבן ארוים א תשובה תעניתים מיט נאָך אַנדערע עינויים, דאָס מיינט מען אַלעם פאר געזונטע מענשן.

דער בעש"ט הקדוש האָט ארויסגעגעבן א דרך פאר בעלי תשובה, תורה און גמילת חסדים איז מכפר אויף אַלע עבירות. און דאָס איז פיל בעסער ווא אלע תעניתים, און נאָך אַנדערע זאכן וועלכע דער מענטש פייניגט זיך, און דאָס זאָל זיין בקדושה וטהרה במקוואות. דער עיקר תשובה איז נאָר תורה ומעשים טובים, אזוי איז דער טייטש תשובה, אומקערן זיך פון די בייזע וועג אויף דער וועג פון דער תורה. און כל זמן ער איז ניט עוסק אין תורה און מעשים טובים שטייט ער נאָך אַלץ אויף דעם אַלטן וועג. אפילו ווען א איד איז שוין ח"ו פארטרונקען אין טיפן זומפּ פון עבירות רח"ל, האָט ער בכח מיט דער הייליגער תורה לערנען, ארויסגיין און ווערן ריין אויב ער האָט חרטה ווי דער דין איז.

ווער עס וויל קומען צו זיין א ריכטיגער בעל תשובה זאָל ער לערנען דעם שערי תשובה לרבינו יונה ז"ל (ער איז שוין ב"ה געדרוקט אויף זשארגאָן). די ריכטיגע תשובה איז, מען זאָל האָבן בכח ווען עס זאָל זיך אים טרעפן די זעלבע עבירות צו טאָן און ער זאָל זיך אָפּהאַלטן פון דעם.

דער מענטש דאַרף זיך איילן וואָס פריער תשובה צו טאָן. ערשטנס ווייל מען ווייס ניט ווען איז דער טאָג פון שטאַרבן, ווי דער תנא זאָגט אין אבות: שוב יום אחד לפני מיתתך, דאָס הייסט טו תשובה איין טאָג פאַר דיין טויט, ווייל דו ווייסט ניט ווען דו וועסט שטאַרבן, דארום מוז מען תשובה טאָן אלע טאָג, פיליכט שטאַרבט מען מאָרגן רח"ל, שטאַרבט מען דאָך אָן תשובה. צווייטנס דאָס פאַרשטייט יעדער מענטש אז תשובה איז וואָס פריער איז בעסער. דען אין די עלטערע יאָרן ווען די כחות זיינען שוואך און איז נאָך דערצו ביי זיך געפאַלן, ווער רעדט נאָך ווען ער ליגט אויף דעם טויטן בעט, אז די תשובה איז ניט גלייך צו די תשובה פון יונגע מענשן אין רעכט רתיחת הדם.

ליידער אָבער אז בעת זאָגן דעם ווידוי הערט מען גאָר זיך ניט איין וואָס מען רעדט אפילו, ווייל מען איז דאָס איינגעוואוינט. לכן איז די עצה פאַר דעם מתודה זיין זיך באַטראַכטן אז מען איז זיך מתודה, און פאַר וועמען מען גייט זיך מתודה זיין, און דעם ווידוי זאָגן מיט א געוויין-קול און איינגעבויגענער הייט, ווערט מען ביי זיך צובראָכן, קען מען צוקומען צו טאָן א ריכטיגע תשובה.

איש איש כי תשטה אשתו

די מצות עשה איז, ווען א מאַן האָט א חשד אויף זיין פרוי מיט א מאַנספערזאָן, און ער פאַרזאָגט איר מיט עדות זי זאָל זיך ניט פאַרבאָרגן מיט דעם מאַנספערזאָן, און אַז זי פאַרבאַרגט זיך יאָ (ושהתה כדי צליית ביצה ולגומעה), ווערט מיט איר געטאָן אזוי ווי דאָ איז געשריבן:

מען ברייינגט איר פאַר דעם בית דין הגדול אין ירושלים אין שווארצן געקליידעט, און זיי ריידן מיט איר רירענדע רייד זי זאָל זיך מודה זיין. אויב זי זאָגט אז זי האָט ניט געזינדיגט,

ברייננגט מען איר אין בית המקדש, און מען טוט איר אָן א גרויסע שאַנדע ווי עס איז געזאָגט אין דער תורה, בכדי זי זאָל זיך מודה זיין. מען ציט איר אַראָפּ די דעקע פון קאָפּ און מען ווארפט איר פאנאנדער די האָר, און מען רייסט איר איין די שווארצע קלייד, ביז זי בלייבט שטיין מיטן בלויזן האַרץ.

אויב זי איז זיך דאָך ניט מודה, דעמאָלט באַשווערט איר דער כהן מיט די שבועה וועלכע עס שטייט אין דער תורה און זי ענטפערט 2 מאָל אמן (אמן מאיש זה אמן מאיש אחר, — דער ענטפערן אמן איז איר גלייך ווי געשוואָירן). נאָך איז איר דער כהן מודיע: אזוי ווי מען וועט דיר אָנטרינקען דיזע מים המאררים (פארפלוכטע וואסער) ווענדט זיך אזוי, אויב האָסט געזינדיגט וועט ביי דיר באַלד געשוואָלן ווערן די בויך און דער ירך וועט צופאַלן אויף שטיקער. נאָכהער ווערט אויסגעשריבן אויף פּארמעט די גאַנצע שבועה וועלכע איז געשריבן אין דער תורה, מיט אזא טינט וועלכער זאָל קענען אָפּגעמעקט ווערן. נאָכהער ברייננגט מען א נייע ערדענע כלי און מען גיסט אריין א האַלבן לוג וואסער פון כיור (די האַנט-פּאַס פון בית המקדש), און מען שיט אריין אביסל ערד וועלכע ער נעמט פון אונטער די פּאָדלאָגע פון היכל, און מעקט אין וואסער אריין דאָס וואָס ער האָט אָנגעשריבן, ביז עס בלייבט נישט קיין רושם פון א כתב, און גיט איר טרינקען די וואסער. נאָכדעם איז דער כהן מקריב די קרבן מנחה וועלכע זי האָט מיטגעבראַכט פון גערשטן מעל.

אויב זי האָט יאָ געזינדעגט, איז באַלד איר געזיכט געל געוואָרן און די אויגן אויסגעשפּאַרט, די בויך איז איר געשוואָלן געוואָרן און די אָדערן איינגעקראַפּט, און עס ווערט באַלד אויסגערופן מען זאָל איר ארויספירן פון דער עזרה (כדי שלא תראה דם ותטמא את העזרה).

די גמרא זאָגט אין מס' סוטה: דער וועלכער עס האָט מיט איר געזינדיגט, איז ער אין דער זעלבער צייט מיט דעם זעלבן טויט געשטאָרבן, ער האָט געקענט זיין ווייט פון איר ענדע וועלט.

אויב זי איז ריין פון חשד, גייט זי רואיג צו הויז און איז מותר צום מאַן, און זי ווערט נאָך געהאָלפן, אויב זי איז א קראַנקע

ווערט זי געזונט, האָט זי קיין קינדער געהאַט פאַנגט זי אָן צו האָבן קינדער.

מים המאררים אַנטרינקען איז א גרויער שבח פאַר אונזער היליג פאָלק צו האָבן א מיטל ווי אזוי צו דערגיין דעם אמת די מענער זאָלן ניט האָבן קיין אומזיסטן חשד אויף זייערע פרויען, צו דערקענען וועלכע האָט יאָ געזינדיגט און וועלכע ניט, וועלכע קיין פאָלק האָט עס ניט געהאַט.

דורך די מים המאררים האָט געמוזט ארויס דער אמת, ווי דער מדרש ברייננגט: עס זיינען געווען 2 שוועסטער וועלכע האָבן געהאַט איין געזיכט. זאָגט די שוועסטער: הער מיין שוועסטער, איך וועל דיר אויסבייטן אז איך וועל טרינקען, ווער דאָך דיר ניט שאַטן. זי האָט זיך פאַרשטעלט פאַר דער שוועסטער וועלכע אויף איר איז דער חשד געווען. מען האָט איר אוועקגעפירט און געטאָן מיט איר נאָך דעם דין נאָך, און זי איז זיך אוועק פריי מיט שמחה צו הויז. קומענדיג צו הויז, איז איר די שוועסטער ארויסגעפאַלן קושן, איז דער ריח פון מים המאררים אריין אין איר און זי האָט געהאַט איר באַצאָלונג ווי מען וואָלט איר זעלבסט אָנגעטרונקען.

דארום האָט מען איר אָפּגעריסן דעם צודעק פון קאָפּ, ווייל די גרעסטע שאַנדע איז ביי אידן דאָס די פרויען זאָלן גיין אָפּגעדעקט דעם קאָפּ, און איר איז דאָך א מצוה צו פאַר'מיאוס'ן. די מדה פון צניעות איז זייער גרוים. די גמרא זאָגט אין מס' יומא: עס איז געווען א פרוי מיט איר נאָמען קמחית, האָט זי געהאַט 7 זין כהנים גדולים. האָבן איר די חכמים געפרעגט, דורך וואָס פאַר א זכות זי האָט זוכה געווען? ענטפערט זי: די בעלקענס פון הויז האָבן מיינע האָר ניט געזען.

ווייל די יונגע פרויען מאַכן זיך גאָר גרינג אין דעם איסור פון גיין מיט די בלויזע האָר, געפינען מיר פאַר נויטיג צו ערקלערן עטוואָס וועגן דעם: מען דאַרף וויסן אז דאָס איז א איסור פון דער תורה (פרועת ראש דאורייתא, במס' כתובות). אויב זי גייט ארויס אין גאַס מיט די הוילע האָר ניט צוגעדעקט, פאַרשפּילט זי די כתובה, און דעם גאַנצן לעבן לעבן זיי אָן א כתובה. אז זי פאַרשפּילט די כתובה איז נאָך ערגער ווי זי פאַרלירט די כתובה,

וואָרום אז זי פאַרלירט די כתובה קען מען שרייבן אן אנדער כתובה, אָבער אז זי פאַרשפּילט די כתובה הייסט דאָך זי האָט קיינמאָל קיין כתובה. און דער רמב"ם פּסק'נט, דער וואָס לעבט מיט זיין פרוי אָן א כתובה הייסט ווי ער לעבט מיט א זונה.

אויב זי גייט מיט בלויזע האָר פאַר מאַנסלייט אין די אויגן, טאָר מען קיין ברכה ניט מאַכן און ניט זאָגן קיין דבר שבקדושה געגן איר אפילו דער אייגענער מאַן אויך ניט. דער זוהר הקדוש זאָגט, פאַר יעדער האָר וועלכע עס זעט זיך ארוים פון אן אשת איש קומט באַזונדערע צרות. אייגענטליך שטייט דאָס אין דער תורה: מכל המקום אשר אזכיר את שמי אבוא אליך וברכתיך. דאָס הייסט ג-ט ב"ה זאָגט, וועל איך קומען צו דיר און דיר בענשן, אָבער אז מען קען דאָרט ניט דערמאָנען ג-ט'ס נאָמען, שטייט נאָך א פּסוק, ולא יראה בך ערות דבר ושב מאחריך. דאָס הייסט, עס זאָל זיך ניט זען ביי דיר קיין שענדליכע זאַך וועט זיך השי"ת פון דיר אָפּ־קערן און אזוי ווי די האָר פון א אשה רופט זיך ערוה, קערט זיך השי"ת אָפּ פון אונז, איז ניטאָ קיין ברכה. דאַרום דאַרף די פרוי גיין צוגעדעקט דעם קאָפּ ווייל שער באשה ערוה (די האָר איז גערעכנט ווי א ערוה), מוז דאָס זיין צוגעדעקט. דאָס איז מיטן שכל צו פאַרשטיין, דאָס זי דאַרף זיין קענטיק צוגעדעקט דעם קאָפּ אז זי האָט חתונה געהאַט (אפילו אין לה בעל). לאָמיר זיך פאַרשטעלן ווי די היינטיגע פרויען גייען אָפּגעדעקט, ווען זי איז ווייט פון איר הויז און מיט זיך האָט זי די קינדער, קען מען מיינען אז זי האָט זיי געבאָרן אלס פריילין.

אנדערע פרויען מאַכן זיך גרינג אין דעם ווייל דער פאַרוק איז א משא אויף דער קאָפּ, זען מיר פיל מאָדעס וואָס עס דריקט די האַרץ און קראַנקט די נערוון, צום ביישפּיל, א קאָרסעט אָדער אן אנדער מאָדע, און עס איז ניט שווער! דאַרף דער פאַרוק געוויס ניט שווער זיין צו טראָגן. ווי באמת זען מיר אין ארץ ישראל איז דאָ אסאַך חסידישע פרויען היטן זיך אָפּ פון דעם הארבן איסור און ב"ה עס שאַדט זיי ניט. איבעראל איז דאָ א תירוץ, יעדע פרוי זאָגט: בין איך דען איינע? דאָס איז אמת. אָבער אז איך וועל זען פיל מענשן זיינען מחלל שבת רח"ל, אָדער אנדערע עבירות וועל איך דען זיי נאָכטאָן? און זאָגן איך בין דען איינער אין דעם? באמת ווענדעט זיך דאָס אין די מענער. ווען אז די מענער וואָלטן

שטערן די פרויען וואָלטן זיי געווים פאָלגן. וואָרום יעדע פרוי ווייסט אז זי איז אָפטער ביי השי"ת אין די הענט, ווען עס קומט איר צייט צו געבאָרן א קינד. ליידער אָבער אנדערע מענער שטערן נאָך די פרויען צו גיין מיט א פאַרוק, און דער זינד פאַלט אויף אים מער. און אויב ער איז א תלמיד חכם איז נאָך דערביי א חילול השם, ווייל די שטאָט-לייט לערנען זיך אָפּ פון אים. אנדערע מענער זאָגן מען קען דאָס ניט אויספירן ביי דער פרוי. באמת אָבער ניט מען קען ניט נאָר מען וויל ניט. צום ביישפיל, ווען די פרוי וועט אָנטאָן שאָדן אַלע טאָג אין שטוב וועט איר דען דער מאַן שווייגן. געווים וועט ער איר אָנזאָגן שטרענג עס זאָל דאָס נאָך אַמאָל ניט פּאַסירן און זי וועט מורא האָבן, איז דאָך געווים ווען ער צווינגט איר זי זאָל ניט גיין מיט די הוילע האָר, וואָלט זי געווים מורא האָבן און פאָלגן.

לא יצוק עליה שמן.
ולא ישים עליה לבונה.

די צוויי מצוות לא תעשה זיינען, עס זאָל ניט קומען אין די מנחה פון סוטה קיין וויראך. איר קרבן קומט פון גערשטן, ווייל זי האָט געטאָן א מעשה בהמה, איז איר קרבן א מאכל בהמה. דאָס הייסט אזוי ווי די בהמה האָט ניט איר פּאָר אזוי האָט זי ניט געהיט איר פּאָר, וואָרום ווען זי וואָלט געהיט איר פּאָר, וואָלט זי ניט קו־מען צו דעם אלעמען. דאַרף זי וויסן אז זי טאָר ניט האָבן איבעריגס קיין אויפטראגע מיט פרעמדע מאַנספערזאָנען, עס זאָל קומען צו דעם דער מאַן זאָל איר גאָר חושד זיין.

וכל משרת ענבים לא ישתה.

וענבים לחים לא יאכל.

ויבשים לא יאכל.

מחרצנים לא יאכל.

ועד זג לא יאכל.

די 5 לא תעשה זיינען, דער וועלכער טוט זיך א נדר צו זיין אויסנאָמיג מער פון אלע מענשן, ער זאָל זיין א נזיר (אָפּגעשיידט) איז זיין דין אזוי:

1) ער טאָר ניט טרינקען קיין וויין, און קיין מישונג פון וויין, און קיין וויין עסיג, און קיין וואסער וועלכע אין זיי האָט זיך געווייקט וויינטרויבן.

2) ער טאָר ניט עסן קיין וויינטרויבן.

3) ער טאָר ניט עסן קיין טרוקענע ראָזין.

4) ער טאָר ניט עסן קיין קערנער פון די וויינטרויבן.

5) ער טאָר ניט עסן די שאָלעכץ פון די וויינטרויבן.

תער לא יעבור על ראשו.

גדל פרע שער ראשו.

על כל נפשות מת לא יבוא.

לאביו ולאמו לא יטמא.

וביום מלאת ימי נזרו וגו' וכי ימות מת עליו וגו'.

די 5 מצות עשה זיינען:

1) דער נזיר זאָל זיך ניט גאָלן די האָר אין דער צייט פון זיינע נזירות.

2) עס איז א מצות עשה ער זאָל לאָזן וואקסן די האָר.

3) ער זאָל ניט אריינקומען אין אן אָרט וואו עס איז דאָ א טויטער.

4) אפילו צו זיינע קרובים טאָר ער זיך ניט מטמא זיין.

5) אויב ער איז טמא געוואָרן דורך אַ מת דאַרף ער זיך אָפּגאָלן דעם 7-טן טאָג פון זיין טמא ווערן און טובל זיין און בריינ־גען דעם 8-טן טאָג א קרבן 2 טויבן, איינע א חטאת און איינע א עולה, און אן אשם פאר א קרבן, און פאנגט אָן ציילן פון דאָס ניי זיינע נזירות, און די פארגאַנגענע צייט איז ניט גערעכענט.

א נזיר אז עס ענדיגט זיך די טעג פון זיינע נזירות, ברייננגט ער א שאָף א יאָר אַלט פון א מין זכר און א שאָף א יאָר אַלט א נקבה. דער זכר הייסט א עולה, די נקבה הייסט א חטאת. און א

בּאַראַן אויף שלמים. צו דעם ברייגנט ער נאָך א מנחה 10 חלות און 10 רקיקין, ווי עס איז אויסגערעכענט אין דער תורה. און גאָלט זיך אָפּ די האָר, און די האָר ווערט פאַרברענט אין דער עזרה אונטער דעם קעסל וואָס מען קאָכט די שלמים.

נזירות אָן א זמן איז 30 טעג.

די כוונה פון נזיר איז שוואַכער מאַכן די קערפּערליכע תאות בכדי צו קענען טאָן די ג־טליכע געבאָט מיטן נפש. דער ניט טרינ־קען קיין וויין און דער זיין אויסנאַמיג פון אנדערע ברעכט אָפּ די תאות. דארום טאָר ער זיך ניט מטמא זיין צו א קרוב אויך ניט ווייל ער הייסט א ג־טליכער מאַן, אזוי ווי מיר האָבן ערקלערט ביי דער מצוה פון כהן גדול אין פרשת אמור. דארום ברייגנט ער א קרבן נאָך דעם ענדיקן די נזירות, ווייל ער דאַרף ניט וועלן זיין אוים נזיר. דען האָט ער שוין געבראָכן די נאַטור צו זיין א אויסגע־זונדערטער מענטש דאַרף ער שוין בלייבן ביי דעם (אזוי זאָגט דער רמב"ם).

נזירות איז נוהג איבעראל. א אשה קען זיך אויך א נדר טאָן צו זיין א נזירה. אפילו היינטיגע צייט אין חוץ לארץ, ווען איינער זאָל זיך א נדר טאָן צו זיין א נזיר בלייבט ער נזיר אויף אייביג, און מען נויט אים צו גיין אין ארץ ישראל דאָרטן היטן די נזירות, און פּיליכט וועט ער נאָך זוכה דאָס אין זיין צייט זאָל געבויט ווערן דער בית המקדש וועט ער דאָרט ברייגען זיינע קרבנות.

די גמרא דערציילט: הילני המלכה פון חרוב, וואָס האָט זיך מגייר געווען (עד היום איז נאָך דאָ איר פּאַלאַץ אין ירושלים), איז זי געווען א נזירה 21 יאָר. די זאַך איז געשען אזוי: איר זון איז געווען אין דער מלחמה, האָט זי זיך א נדר געטאָן צו זיין א נזירה 7 יאָר אויב ער וועט קומען בשלום. איז זי געווען א נזירה 7 יאָר אין חוץ לארץ. נאָכהער אז זי האָט זיך אריינגעצויגן אין ירושלים, האָבן איר די חז"ל געזאָגט אַז די צייט איז ניט גערעכענט. מוז זי פירן נזירות אין ירושלים אַנדערע 7 יאָר. סוף די 7 יאָר, איז זי מיט א צופאַל טמא געוואָרן פון א מת. האָט זי געמוזט היטן נאָך אַנדערע 7 יאָר, ווייל די פאָריגע צייט רעכענט מען ניט.

כה תברכו את בני ישראל.

די מצות עשה איז, די כהנים זאָלן בענטשן די אידן.

ווען דער כהן איז דאָ ביי ברכת כהנים און גייט ניט דוכנ'ען איז ער עובר אויף 3 מצוות עשה: 1) כה תברכו. 2) אמור להם. 3) ושמו את שמי (ומ"מ עיקר העשה אינה אלא אחת).

דער עולם דאַרף א כוונה האָבן עס זאָל אויף זיי חל זיין די ברכה. בעת די כהנים דוכנ'ען דאַרף דער עולם צוהערן און ניט זאָגן די פסוקים וואָס איז אָנגעצייכענט אין סידור, אויסער דעם רבש"ע און דעם יהי רצון.

די כהנים זאָלן ניט פאַנאַנדערגיין פון דוכן ביז נאָך קדיש, ווייל איבער דעם זאָגן יישר כח פאַרפעלט מען צו זאָגן אמן און קדיש.

פאַר ברכת כהנים דאַרפן די כהנים ניט טרינקען קיין משקה.

די כהנים דאַרפן וואַשן די הענט אזוי ווי צום עסן. די כהנים וואַשן די הענט יום כיפור אויך. ביי ברכת כהנים איז דער רעכט אריבערציען דעם טלית איבערן קאָפּ ניט צו זען ווי די כהנים דוכנען. א לוי איז פריער אויף צו גיסן די כהנים. אויב קיין לוי איז ניטאָ דאַרף אויפגיסן א בכור. אויב קיין בכור איז אויך ניטאָ, זאָל דער כהן זיך אליין וואַשן.

ווי דער חזן זאָגט רצה דאַרפן זיך שוין די כהנים רירן צו גיין צום דוכן, דארום דאַרפן זיי זיין געוואַשן פון פאַר רצה, בכדי אז צו רצה זאָלן זיי צוגיין גלייך צום דוכן. ביז מען ענדיגט זאָגן מודים שטייען זיי מיטן פנים צום ארון הקודש. ווי דער חזן ענדיגט מודים שפּרייטן זיי אוים די הענט און קערן זיך צום עולם. ווי דער חזן זאָגט דעם וואָרט כהנים, זאָגן זיי די ברכה. די הענט דאַרפן זיין פאַנאַנדערגעשפּרייט, עס זאָל אויסקומען 5 פענצטערלאַך (עפ"י המדרש מציץ מן החרכים, ה' חרכים). צווישן 2 פינגער איין שפּאַלט, צווישן אצבע און גודל נאָך איינס, אזוי אין ביידע הענט איז דאָ 4, איינע צונויפשטעלענדיג ביידע הענט א גודל צו א גודל, איז דאָ בסך הכל 5 שפּאַלטן. די רעכטע האַנט דאַרף מען האַלטן עטוואָס העכער פאַר דער לינקע. די אינווייניקסטע פון די הענט קומט אוים

צו דער ערד און די אויסוויינינגסטע צום הימל. די הענט דארף מען האלטן עס זאל אויסקומען געגן די אקסלען. ווען זיי גייען ארויף צום דוכן מיטן פנים צום מזרח, ווען זיי קערן זיך צום עולם דארפן זיי זיך קערן מיט א זייט צום דרום און דערנאך צום מערב זייט בענטשען דעם עולם. נאך דעם בענטשן אז זיי קערן זיך צוריק צום מזרח זאלן זיי זיך קערן מיט א זייט צום צפון און דערנאך צום מזרח. ווען זיי גייען אראפ פון דוכן, זאלן זיי גיין אונטערווייליק ווי א תלמיד גייט אוועק פון א רבין.

ווען דער כהן האט שוין אפגע'דוכנ'ט און קומט אין שול און געפינט דוכנ'ען מעג ער נאך אמאל דוכנ'ען און מיט א ברכה.

אין חוץ לארץ איז מען זיך נוהג צו דוכנ'ען נאר יום טוב, ראש השנה, יום כפור, אין ארץ ישראל, ד"ה אין ירושלים, דוכנ'ט מען אלע טאג, אין צפת, טבריה און יפו תל אביב, און אנדערע שטעט פון ארץ ישראל דוכנ'ט מען אלע שבת.

עבודת הקודש עליהם בכתף ישאו.

די מצות עשה איז, דעם ארון וואו עס שטייען די לוחות, זאלן אים די כהנים טראגן אויף די אקסלען. די מצוה איז נוהג נאר ווען מיר זיינען אויף אונזער לאנד און עס פאדערט צו טראגן דעם ארון.

ווייל דער כבוד פון אידן איז די תורה, און די תורה ליגט אין ארון, איז דער רעכט עס זאלן אים טראגן די הייליגע לייט וועלכע זיינען אויסדערווילט צו די ג-טליכע דינסט.

פרשת בהעלתך

איש איש כי יהיה טמא לנפש וגו' בחודש השני בארבעה
עשר יום לחודש יעשו אותו.
על מצות ומרורים יאכלוהו.
לא תותירו ממנו עד בוקר.
ועצם לא תשברו בו.

די 4 מצוות זיינען:

1) עס איז א מצות עשה, ווער עס האט ניט געקענט מאכן

דעם קרבן פסח ווייל ער איז געווען טמא, אָדער ווייט פון ירושלים, אָדער ער איז געווען אין א נויט, זאָל ער מאַכן דעם קרבן פסח דעם 14־טן טאָג אין חודש אייר. דער פסח רופט זיך פסח שני.

2) צו עסן דעם פסח מיט מצה און מרור.

3) ניט איבערלאָזן די פלייש פון קרבן פסח ביז מאָרגן פרי.

4) ניט צוברעכן קיין ביין אין קרבן פסח.

וכי תבאו מלחמה וגו׳ ותקעתם בחצוצרות. על עולותיכם וגו׳.

די מצות עשה איז, צו בלאָזן מיט זילבערנע טרומפּעטן אין בית המקדש ביים מקריב זיין די קרבנות, און ווען עס טרעפט א צרה ח"ו אויף דעם כלל ישראל, צ. ב. א מלחמה, ווען אידן האָבן געהאַט רעכט צו פירן מלחמות, אָדער ווען עס קומט הונגער אָדער א פעסט. מיט די חצוצרות איז מען מודיע, אז דאָס איז אונז געקומען פאַר אונזערע זינד און ניט חלילה א נאַטירליכער טרעף, צו וויסן אַז מען דאַרף תשובה טאָן, און מען וועט געענטפערט ווערן ווי עס שטייט אין דער תורה.

די מצוה איז נוהג אין דער צייט פון בית המקדש. פון דער מצוה האָבן אונזערע חכמים גענומען מתקן צו זיין, ווען עס קומט חלילה א מין צרה זאָל מען פאַסטן און רופן צו ג־ט ב"ה ביז מען וועט געענטפערט ווערן.

דאָס זעלבע, יעדער איינציגער בעת עס טרעפט אים א צרה אין הויז, רח"ל, זאָל ער פאַסטן און בעטן ג־ט ב"ה.

אויף א שלעכטן חלום פאַסט מען אפילו אום שבת. אויסער וואָס מען איז מטיב חלום, ווי עס איז דאָ דער נוסח אין סידור. מען דאַרף אָבער פרעגן א שאלה, ווייל גאָר זעלטן עס זאָל טרעפן אַן אמת׳ער חלום.

עס איז דאָ ביי אונז אידן אָפּגעשטעלטע 4 תעניתים, ווייל אין די טעג האָבן גרויסע צרות געטראָפן:

1) **שבעה עשר בתמוז.** 5 זאַכן האָט אין דעם טאָג געטראָפן:

1) די לוחות זיינען צובראָכן געוואָרן איבער דעם חטא פון עגל.

2) דער קרבן תמיד איז אין ערשטן בית המקדש בטל געוואָרן.

3) אין דעם טאָג איז די הייליגע שטאָט ירושלים אויפגעבראָכן געוואָרן (בחורבן בית שני, כי בראשון הי' בט' באב, ובירושלמי איתא דגם בראשון הי' בי"ז בתמוז). 4) אפוסטומוס הרשע ימ"ש האָט דעם טאָג די ספר תורה פארברענט. 5) דעם טאָג האָט מען אריינגעשטעלט א צלם אין היכל.

2) **תשעה באב.** אין דעם טאָג האָט זיך אויך געטראָפן 4 זאַכן: 1) אין דעם טאָג איז נגזר געוואָרן אידן זאָלן ניט אריין אין ארץ ישראל, ווען זיי זיינען געווען אין דער מדבר צוליב דעם חטא פון די מרגלים. 2) אין דעם טאָג איז חרוב געוואָרן דער ער־שטער און צווייטער בית המקדש. 3) די גרויסע שטאָט ביתר איז באַצוואונגען געוואָרן, וועלכע עס זיינען דאָרטן געווען צענדלי־קער טויזענטער אידן. 4) אין דעם טאָג האָט טורנוסרופוס הרשע ימ"ש געאַקערט אויף דעם אָרט פון בית המקדש און דעם פלאַץ ארום.

3) **צום גדליה.** אויף מאָרגן נאָך ראש השנה, דעם טאָג האָט מען געטויט גדליה בן אחיקם, וועלכער נבוכדנצר האָט אים איבער־געלאָזן נאָכן חורבן, און עס איז פארלאָשן געוואָרן דער לעצטער פונק וואָס האָט געלויכטן אין ארץ ישראל, און זי איז גאָר וויסט געבליבן.

4) **עשרה בטבת.** דעם טאָג האָט נבוכדנצר הרשע ימ"ש באַלאַגערט ירושלים.

די 4 תעניתים זיינען נאָך פון די נביאים, ווי עס שטייט מפורש אין פסוק (צום הרביעי וגו').

13 טאָג אין חודש אדר איז **תענית אסתר.** דאָס איז ווייל אידן האָבן זיך פארזאַמעלט מלחמה האַלטן אין דער צייט פון גזירת המן, האָבן זיי אויף זיך מקבל געווען א תענית און זיינען גע־ענטפערט געוואָרן.

ט' באב איז דער תענית מיט אַלע עינוים גלייך ווי יום כיפור. נאָר קראַנקע, שלאַפע, איז מען ט' באב גרינגער מתיר צו עסן ווי יום כיפור.

פון 17 טעג אין תמוז און ווייטער מאַכט מען ניט קיין חתו־נות און מען שערט זיך ניט. פון ר"ח ביז ט' באב וואַשט מען נים

קיין וועש, מען טוט ניט אָן קיין נייעם בגד, און מען עסט ניט קיין פלייש און מען טרינקט ניט קיין וויין.

אַלע דינים פו די תעניתים איז ערקלערט אין שולחן ערוך אורח חיים, און פיל דינים איז ידוע צום כלל ישראל.

אויף די תעניתים זיינען נשים אויך מחויב.

פרשת שלח

ראשית עריסותיכם חלה תרימו.

די מצות עשה איז, אָפּצושיידן חלה פון די טייג, אויב מען מאַכט צו עסן פאַר מענשן, — און דאָס געבן צום כהן, פון די 5 מינים: 1) קאָרן, 2) ווייץ, 3) גערשטן, 4) האָבער, 5) ארקוש. דאָס איז אין דער צייט פון בית המקדש. יעצטיקע צייט אין ארץ יישראל און אין חוץ לארץ, נעמט מען נאָר אַראָפּ א שטיקל טייג ווי א כזית גרוים און מען פאַרברענט דאָס.

דער שיעור פון וויפיל טייג מען דאַרף נעמען חלה, איז פון מעל גענוי 3 קוואָרט רוסישע מאָס, דאָס איז גרוים ווי 43 אייער מיט א פינפטל איי.

די מצוה פון חלה נעמען איז איבערגעגעבן צו די פרויען, ווייל דאָס געהערט צו די ווירטשאַפט און זיי זיינען אימער אין הויז.

פאַר דעם נעמען חלה מאַכט מען די ברכה ברוך אתה ה' אלקינו מלך העולם אשר קדשנו במצותיו וצונו להפריש חלה. דאָס הייסט, געלויבט איז אונזער ג-ט, דער קעניג פון דער וועלט, וועלכער האָט אונז געהייליגט מיט זיינע מצות און האָט אונז פאַרזאָגט אָפּ־צושיידן חלה.

אז מען פאַרגעסט צו נעמען חלה פון די טייג, דאַרף מען נעבן פון די געבאַקענע. מען טוט אזוי, מען לייגט אריין די געבעקס אין איין כלי, אָדער מען דעקט צו מיט א טישטוך און מען ברעכט אָפּ א שטיקל פון א חלה, אָדער פון א בולקע, אָדער פון א לעבל ברויט, און מען פאַרברענט.

ווען מען נעמט ארוים זויער טייג צו פאַרזייערן אנדערע ברויט אָדער חלה, זאָל מען נעמען פאַר דעם אָפּשיידן חלה, אויב אויף באַרשט זאָל מען נעמען נאָך דעם אָפּשיידן חלה.

אויב מען האָט זיך דערמאָנט שבת אָדער יום טוב אז מען האָט ניט גענומען קיין חלה, דאַרף מען לאָזן א שטיקל פון יעדער חלה, אָדער פון בולקע בעת מען עסט. נאָך שבת אָדער נאָך יום טוב נעמט מען איין שטיקל פון די אַלע שטיקלאַך און מען פאַר־ברענט און די איבעריגע קען מען עסן.

געקנאָטענע טייג פון 3 קוואָרט מעל מיט מילך אָדער מיט האָניג, דהיינו קיכלאַך אָדער לעקאַך, דאַרף מען נעמען חלה מיט א ברכה. אויב מען קנעט מיט אייער אָדער מיט אויל פון 3 קוואָרט מעל, זאָל מען צוגיסן אביסל וואסער, כדי צו נעמען חלה מיט א ברכה. אז מען האָט פאַרקנאָטן א שיעור חלה טייג אויף קאָכן אָדער פרעגלען, דאַרף מען נעמען חלה אָן א ברכה. לעקאַך, קאָרענע אָדער ווייצענע פון 3 קוואָרט מעל, נעמט מען חלה פון די טייג און מיט א ברכה, אָדער נאָך דעם באַקן. חלה פון מצה דאַרף מען נעמען אזוי: מען לייגט אריין נאָר די מצה אין א כלי עס זאָל ניט ארויסשטאַרצן קיין מצה אויסער די כלי. אויב עס ליגט אין מער ווי איין כלי, זאָל מען ארומדעקן מיט א טישטוך, איז דאָס גלייך ווי עס ליגט אין א כלי, און מען מאַכט א ברכה להפריש חלה.

אַנדערע ווייבער האָבן א טעות און מאַכן שהחיינו ביי די חלה נעמען, זאָל מען ווּיסן אז עס איז א ברכה לבטלה.

אַז מען פאַרגעסט צו נעמען פאַר פסח חלה פון די מצה דאַרף מען פרעגן א שאלה.

ועשו להם ציצית על כנפי בגדיהם.

די מצות עשה איז, צו טראָגן ציצית אין 4 עקן פון בגד. די ציצית דאַרפן זיין געשפּינט און געדרייט לשמה. דארום דאַרף מען זאָגן פאַר דעם שפּינען און פאַר דעם דרייען: איך טו די ארבייט לשם מצות ציצית. די כנפות דארפן זיין 4 קאַנטיק. די בגדים וואָס האָבן 4 ברעגן, דהיינו א ראָק מיט א שפּאַלט, דאַרף מען איין ברעג מאַכן קיילעכדיק, וואָרום אויב ניט איז מען מחויב בציצית.

מיר זיינען זיך נוהג דעם גאַנצן טאָג גיין אין א טלית קטן, ביזן שלאָף, און צום דאַווענען אָנטאָן א טלית גדול. טייל זיינען זיך נוהג אפילו צו שלאָפן אין א טלית קטן. די לייגנ פון טלית קטן דאַרף זיין צו 3 פערטל איל אין א זייט.

דער ארבע כנפות דאַרף זיין אָפן פוןביידע זייטן מער ווי צונויפגענייט. דארום איז גלייך צו מאַכן דעם ארבע כנפות מיט בענדלאַך פון ביידע זייטן אונטער די אָרימס. פאַר דעם אָנקניפּן די ציצית דאַרף מען זאָגן: איך מאַך דאָס לשם מצות ציצית. די לעכלאַך אין וואָס מען קניפּט אָן די ציצית דאַרפן זיין נידעריגער פון ברעג כנפה ווי די לייַנג פון ערשטן גליד פון גראָבן פינגער, סיי אונטן סיי פון דער זייט, און ניט העכער אין כנפה ווי די ברייט פון 3 פינגער פון אונטן און פון דער זייט. אויב מען היט ניט אָפּ ריכטיג די מאָס הייסט עס געגאַנגען אין פסול'ע ציצית.

די געוועבטע ביים ברעג טלית קטן אָדער ביים טלית גדול אזוי ווי פרענדזלאַך דאַרף מען אַראָפּנעמען פאַרן אָנקניפּן די ציצית (משום ספק אם נחשב הארוג שתי או ערב לבד, מ"א ס"ק י"ז).

דער אָנקניפּן די ציצית איז אזוי: מען נעמט 4 פעדים, איינער זאָל זיין לייַנגער. דער פאָדים רופט זיך שמש, און מען לייגט צונויף אין צווייען ווערט עס אַכט, און מען ציט אריין אין די כנפות און מען מאַכט 2 קניפּלאַך. די ציצית דאַרפן הענגען אין זייט פון כנפה, ניט אַראָפּ גלייך מיטן טלית קטן אָדער מיטן טלית גדול. מיט דעם פאָדים וואָס רופט זיך שמש וויקעלט מען ארום 7 מאָל און מען מאַכט 2 קניפּלאַך, נאָכהער 8 מאָל, נאָכהער 11 מאָל, נאָכהער 13 מאָל, הייסט עס איינגעקניפּט 4 פרשיות. ביי יעדן מאָל מוז מען מאַכן 2 קניפּלאַך. א ברכה אויף ציצית מאַכט מען ביי טאָג ניט ביינאַכט.

די ציצה האָט אין זיך פיינע רמזים צוהאַלטן דעם אידן אין דת. אין אָנקניפּן די ציצה איז מרומז דאָס דער איד מיט דער תורה מיט דעם בורא יתברך שמו זיינען צוזאַמענגעבונדן ווי איינס. די 7 פעדים איז געגן די 7 הימלען. דער 8-טער פאָדים, דער שמש איז געגן די ערד, דאָס בעדייט, דאָס די וועלט איז נאָר בעשאַפן געווארן צו באַדינען יענע וועלט, ווייל דאָרט איז דער אמת'ר תכלית. מען קניפּט אָן אין 4 זייטן צו דערמאָנען זיך אז די השגחה פון בורא יתברך איז אין אלע 4 זייטן פון דער וועלט. אין די 4 ציצית איז דאָ 32 פעדים, איז דאָס געגן דעם באַטרעף פון לב, די האַרץ, צו משעבד זיין די האַרץ צו ג-ט ב"ה. אויך איז דאָ 32 וועגן פון חכמה, חכמת האמת. די ערשטע פרשה איז 7, איז דאָס געגן די 7 טעג פון וואָך מיטן שבת. די צווייטע פרשה איז 8, איז דאָס געגן 8

טעג פון געבאָרן ביז דעם באַקומען דעם זיגל פון א איד. די 3־טע פרשה איז 11, איז דאָס געגן 5 חומשים, תרוה שבכתב מיט די 6 סדרים גמרא, תורה שבעל פה, וועלכע דאָס איז אונזער תורה וואָס איז געגעבן געוואָרן אויף דעם באַרג סיני. די 4־טע פרשה איז 13, איז געגן דעם באַטרעף פון אחד, איז דאָס מרמז אז דער איד אויף דער וועלט דאַרף זיין צוגעבונדן צום בורא יתברך און צו דער תורה. אויך איז א רמז דאָס צו 13 יאָר ווערט ער א איד. אַלע פרשיות צו־זאַמען באַטרעפן 39, איז דאָס געגן דעם באַטרעף פון ה׳ אחד, דא־רום קען מען זאָגן איז דאָ שבת 39 מלאכות וועלכע אויב מען טוט פון זיי אום שבת איז מען חייב מיתה, ווייל שבת איז דער ערשטער יסוד צו וויסן אז ה׳ אחד.

דער לייגג פון דער ציצה דאַרף זיין פון 12 גודלין אין דער ברייט, דאָס הייסט ווי 12 גראָבע פינגער. איין דריטל דאַרף פאַר־נעמען דער ארומוויקלען, 2 שליש דאַרף פאַרנעמען די פעדים. אז 2 פעדים האָבן זיך צונומען פון זייער צונויפדרייאונג איז די ציצה פסול. אז עס רייסט זיך איבער איין פאָדים פון ציצה איז די ציצה כשר. אז עס רייסט איז איין די כנפה, מעג מען אַרויפרוקן די ציצה און צונייען די כנפה. אויב די כנפה איז איבערגעריסן געוואָרן אינ־גאַנצן טאָן מען ניט פריער אריינזעצן די ציצה און דערנאָך פאַר־נייען די כנפה, נאָר מען מוז פריער פאַרנייען די כנפה, דערנאָך די ציצה איינקניפּן.

אז מען דערזעט ביי זיך א פסול׳ע ציצה, מוז מען באַלד אויסטאָן און מען טאָר ניט גיין אין טלית קטן איין מינוט. אויב מען דערזעט דאָס אין שול אָדער נאָר צווישן מענשן, דאַרף מען גיין אהיים און באַלד אויסטאָן. אויב מען געפינט אין טלית אין שול שבת אז די ציצה איז פסול און מען באַקומט ניט קיין אנדער טלית מעג מען דאַוונען אין זעלבן טלית. דאָס איז אַלעס גערעדט אז ער האָט פאַר שבת ניט געוואוסט פון דעם. אָבער קיין ברכה אויף דעם טלית טאָר מען ניט מאַכן.

מען איז זיך נוהג אויף דעם טלית קטן צו מאַכן על **מצות ציצית**, אויב עס האַלט דעם שיעור וויפיל ער דאַרף האַלטן, און אויף דעם טלית גדול מאַכט מען להתעטף בציצית (מיט א פתח אונטערן בית), די ברכה דאַרף מען מאַכן שטייענדיג. נאָר ווייל מען טוט אָן דעם טלית קטן אומגעוואַשן, אויך דאָס מערסטע טלתים

קטנים האַלטן ניט דעם שיעור, דארום זאָגן די פוסקים, בעת ער מאַכט די ברכה אויף דעם טלית גדול, זאָל מען האָבן אין זינען צו פטר'ן דעם טלית קטן אויך.

דער אָנטאָן דעם טלית גדול דאַרף זיין אזוי: בעת מען נעמט אָן מיט די הענט צום אָנטאָן זאָל ער שטיין א ווײלע און טראַכטן אַז ער וויקלט זיך אַרום מיט די ציצית צו דערמאָנען זיך די מצות הבורא יתברך, און מאַכן די ברכה. דערנאָך אריבערדעקן זיך מיט דעם טלית ביז דעם מויל, און נעמען די 2 ציצית פון רעכטן זייט און אריבערלייגן אויף דעם לינקן זייט, און שטיין אזוי ווי עס גע־דויערט דער גאַנג פון 4 איילן.

איבער דער צייט פון דאַוונען דאַרפן זיין 2 ציצית פון הינטן און 2 פון פאָרנט.

פאַר דעם מאַכן די ברכה דאַרף מען בודק זיין די ציצית, די פעדים וועלכע הייגען אַראָפּ און וועלכע אויף דער כנפה וואו מען ציט אריין די פעדים, און וואו עס איז ארומגעוויקעלט.

אַז מען גייט ארוים אין מיטן דאַוונען דאַרף מען ניט מאַכן נאָך אַמאָל א ברכה אויף דעם טלית.

א פסול'ע ציצה טאָר מען ניט אוועקוואַרפן בבזיון.

די מצות ציצית וואָס אַ איד טראָגט איז גלייך ווי דער זעל־נער טראָגט עפּאָלעטן, אים צו דערמאָנען, אַז ער האָט אויף זיך שיעבוד מלכות (מנחות מ"ב תוס' ד"ה חותם), אזוי דערמאָנט א אידן די מצות ציצית אַז ער איז א איד, און פאַרהיט אים פון שלעכטס. דאָס דערמאָנט אים אַלע מצות ווי די גמרא זאָגט: ציצית באַטרעפט 600, די ציצה איז 8 פעדים מיט 5 קניפּ, איז דאָס 613, געגן די תרי"ג מצות, דאָס דערמאָנט דעם אידן צו היטן זיי מקיים צו זיין (ווי עס שטייט אין פסוק, וראיתם אותו וזכרתם את כל מצות ה'). אויך פאַרהיט אים די מצות ציצית פון זנות און פון אפיקורסות, דארום איז באַלד ביי מצות ציצית פאַרזאָגט דער לאו פון ולא תתורו אחרי לבבכם ואחרי עיניכם. די גמרא ברייננגט א מעשה פאַקטיש, ווי די ציצית האָבן איינעם א תלמיד חכם אָפּגעהיט פון זנות (וואָס ער איז דורכגעפאַלן), דער דורכפאַלן קען טרעפן דעם גרעסטן, אָבער ניצול ווערן מוז מען האָבן מעשים טובים. די זאַך איז געשען אַזוי: ער האָט געהערט אַז אין א שטאָט ביים פאָרט ים איז דאָ

א גרויסע שיינהייט. האָט ער איר געשיקט פּאָראויס 400 רענדלאך, און איז געקומען צו איר. זי האָט געלאָזט צוקלייבן דעם צימער מיט זילבערנע און גאָלדענע מעבל, מיט גאָלדענע שטיגן ארויפצו־גיין צו איר, און זי האָט זיך געזעצט ערומה אויף א גאָלדענע בעטל. ער האָט זיך אויך געזעצט לעבן איר מיטן זעלבן שטאַנד. זיינען געקומען די 4 ציצית מיט זייער הייליגע געדאַנק און אים געקלאַפּט אויף זיין געזיכט, איז ער באַלד אראָפּ און זיך געזעצט אויף דער ערד. אויף אים קוקענדיק איז זי אויך אראָפּ און זיך געזעצט אויף דער ערד. זי זאָגט צו אים: איך שווער דיר ביי דעם לעבן פון מלך, דער מלך פּרס, דאָס איך וועל דיר ניט אָפּלאָזן ביז דו מוזט מיר זאָגן וואָס פאר א פעלער דו האָסט אין מיר געזען? ענטפערט ער: איך שווער דיר אַז איך האַלט דיר פאַר א שיינהייט אין דער וועלט, נאָר מיר האָבן א מצוה מיט דעם נאָמען ציצית, ביי דעם שטייט 2 מאָל אני ה׳ אלקיכם, איך שטראָף דעם פאַרברעכער און באַצאָל גוטעס ווער עס פאַרדינט, אָט די 4 ציצית האָבן זיך מיר פאָרגעשטעלט ווי 4 עדות און קלאַפּן מיר אויף מיין געזיכט, און לאָזן מער דעם פאַרברעכן ניט טאָן. דאָ זאָגט זי: איך לאָז דיר ניט אָפּ ביז דו זאָלסט מיר זאָגן דיין נאָמען און דעם נאָמען פון דיין רבי׳ן מיט דעם אָרט וואו דו האָסט געלערנט די תורה. ער האָט אלעם ריכטיג אויסגע־שריב און איז אַוועק. זי האָט באַלד איר געשעפט אָפּגעלאָזן און האָט איר גוטעס צוטיילט איין דריטל האָט זי אָפּגעגעבן צו דער מלוכה מען זאָל איר ארויסלאָזן פון דער מדינה, איין דריטל האָט זי צוטיילט פאַר אָרימע, און א דריטל האָט זי מיטגענומען, אויסער די מעבל וואָס זי האָט געהאַט צוגעקליבן דאָס האָט זי געלאָזן, און זי האָט זיך געלאָזט גיין צו ר׳ מאיר׳ן אין זיין ישיבה. זי איז געקומען צו ר׳ מאיר און זאָגט: רבי, איך וויל מיר מגייר זיין. זאָגט ר׳ מאיר: מיין טאָכטער, פיליכט האָסטו געוואָרפן דיין אויג אויף איינעם פון די תלמידים, איז דאָך דאָס ניט מיט אן אמת? האָט זי ארויס־גענומען דעם אויסשריפט פון זיין תלמיד. דאָ זאָגט ר׳ מאיר: אויב אזוי, גיי פריי זיך מיט דיין איינקויף די מעבל וואָס דו האָסט צו־געקליבן באיסור זאָל זיין פאַר אייך בהיתר. ר׳ מאיר האָט איר מגייר געווען, און דער תלמיד האָט איר פאַר א פרוי גענומען. זעען מיר ווי גרויס די מצות ציצית איז. דעם תלמיד האָט דאָס אָפּגע־האַלטן פון דעם פאַרברעכן, און זי איז ארויס פון איר שלעכטע וועג און נאָך מקבל געווען דעם דת יהודית.

נאָך די אַלע ערקלערונגען דארף יעדער איד מהדר זיין אין מצות ציצית, האָבן א פיינעם טלית קטן, א וואָלענעם, ער זאָל האַל־טן דעם שיעור ווי נויטיג איז. די קינדער דארף מען איינגוואָינען אין דער מצוה פון ציצית. מיר זאָלן זוכה זיין די מצוה מקיים צו זיין אין גאַנצן, ווי עס שטייט אין דער תורה הכנף פתיל תכלת והיה לכם לציצית, ווי די גמרא זאָגט: תכלת דערמאָנט דעם מענשן צו דינען דעם הייליגן באַשעפער ב"ה (תכלת דומה לים, ים דומה לרקיע, רקיע דומה לכסא הכבוד).

ולא תתורו אחרי לבבכם ואחרי עיניכם.

די מצות לא תעשה איז, ניט צו טראַכטן אַזעלכע געדאַנקען וועלכע ברייגגען צו אפיקורסות רח"ל. אויך ניט וועלן דערגיין דעם גרונד פון חכמת אלקות, און ניט נאָך וואנדלען די אויגן נאָך זנות, דאָס הייסט ניט מאַכן נאָהענטע אויפטראָגע מיט פרויענצימער. אין דעם כלל איז, ניט נאָכצויאָגן זיך נאָך אַנדערע תענוגים און תאות עולם הזה.

דער מענטש דארף זיין געהיט פון שלעכטע געדאַנקען, דען אין דעם ווענדעט זיך אַלעס. דער וואָס איז עובר און טראַכט פאַל־שע געדאַנקען אין דת רח"ל, אָדער ער טראַכט וועגן זנות, אָדער ער יאָגט זיך נאָך די קערפּערליכע תענוגים, איז ער עובר אימער דעם לאו, און די עבירה איז זייער הארב, עס פארפירט אים פון יענע וועלט און עס איז מטמא זיינע רמ"ח אברים און שס"ה גידים קערפערליכע און גייסטיגע.

די גמרא זאָגט: די הארץ און די אויגן זיינען די סרסורים פון עבירה, די אויג זעט און די הארץ גלוסט, די איבעריגע אלע אברים פון קערפער שטייען פארטיג צו אלע צייטן צו פאָלגן ווי דינער דעם האר.

דאָרום איז באמת די מצוה אַ גרויסער יסוד אין דת, ווי די חכמים זאָגן: מצוה גוררת מצוה ועבירה גוררת עבירה. דאָס הייסט, איין מצוה ציט די צווייטע מצוה און איין עבירה ציט די צווייטע עבירה, ווען מען זאָל נאָר איין מאָל נאָכגעבן דעם געדאַנק צו ערפילן די שלעכטע תאוה, וועט שוין נאָכציען אימער ביז מען

איז שוין אויף זיך זעלבסט קיין בעל דעה ניט אפצוהאלטן רח"ל. אבער ווען מען זאל זיך איינמאל שטארקן ניט טראכטן און פאר־מאכן די אויגן פון זען וואס מען טאר ניט, וועט שוין זיין גרינג אפצוהאלטן זיך פון שלעכטס און טאן גוטעס, דען די תאוה ציט דעם מענשן אזוי ווי דעם זויפער צום טרינקען דעם וויין, וואס ער טרינקט מער, וויל ער מער, ווען ער זאל אבער אין מיטן אפהאלטן, פארלעשט אים דער ברען פון דער תאוה צו טרינקען און איז נאך צופרידן פון דעם. דאס זעלבע מיט דער תאוה, האלט זיך איינמאל אפ האלט דאס אים אפ אויף ווייטער.

פרשת קרח

ושמר משמרתך ומשמרת כל האהל

ושמרתם את משמרת הקדש.

(במכילתא דריש לל"ת)

די 2 מצות עשה זיינען: 1) עס זאל שטיין וואך אין בית המקדש. 2) ניט צו פארנאכלעסיגן די וואך ארדנונג פון בית המקדש. די כהנים האבן געהיט 3 ערטער, און די לוים אין 21 ערטער אין דער עזרה.

דער בית המקדש האט ניט געדארפט קיין היטער פון פייער, פון רויבער, נאר עס איז א כבוד פאר דעם הויז עס זאל א וואך שטיין ווי ביי א קייזערליכע הויז.

ביי די וואך האט געברענט פלאקער פייער. אויף דעם וואך איז געווען איינער אן אויפזעער זיי זאלן ניט שלאפן. ער האט זיך גערופן איש הר הבית. זיין ארבייט איז געווען, ער האט זיי אלע שעה אנגערופן און זיי האבן אים באדארפט גריסן מיט די ווערטער: שלום עליך איש הר הבית, צום צייכן אז זיי שלאפן ניט. ווער עס האט אים ניט געגריסט האט ער זיך באצייגט אז ער שלאפט, האט ער געהאט רשות אים צו שלאגן און זיינע קליידער צופארברענען.

אך אל כלי הקדש ואל המזבח לא יקרבו

ולא ימותו גם הם גם אתם.

די מצות לא תעשה איז, די לוים זאלן ניט טאן די ארבייט פון די כהנים, און די כהנים זאלן ניט טאן די ארבייט פון די לוים.

אויך די לוים זאָלן ניט טאָן איינער דעם צווייטנס ארבייט. צום ביישפיל, די לוים וועלכע זיינען זינגער, טאָרן ניט עפענען אָדער פאַרמאַכן די טויערן, אָדער פאַרקערט. אויב די לוים טוען די אַר־בייט פון אַ כהן זיינען זיי מחויב מיתה בידי שמים (פאַרשפּילט ער דעם לעבן). אויב אַ כהן טוט די ארבייט פון לוי קומט אים נאָר מלקות.

וזר לא יקרב אליכם.

די מצות לא תעשה איז, דער וועלכער איז ניט קיין כהן טאָר ניט טאָן די עבודה. אויב ער טוט איז ער חייב מיתה בידי שמים, און אויף אנדערע עבודות קומט נאָר מלקות, ווי עס איז ער־קלערט אין רמב״ם.

אך פדה תפדה את בכור האדם.

די מצות עשה איז, וועלכער ער איז ביי דער מוטער גע־בּאָרן דער ערשטער דאַרף דער פאָטער אויסלייזן פון כהן מיט 5 טאָלער אָדער מיט א ווערדע פון 5 טאָלער. פון וויפל פרויען מען האָט דאַרף מען אלץ אויסלייזן דעם געבאָרענעם זכר.

די מצוה הייסט פדיון הבן. די צייט פון פדיון הבן איז דער 31-טער טאָג פון זיין געבורט.

ווען דער קינד האָט קיין פאָטער, אָדער צופעליג איז ער גע־בליבן ניט אויסגעלייזט, איז ווען ער ווערט זעלבסטשטענדיק מוז ער זיך זעלבסט אויסלייזן ביי א כהן. אז דער פאָטער איז אין וועג לייזט ער אוים דעם קינד דאָרט וואו ער איז.

א כהן, א לוי, א בת כהן, א בת לוי, דאַרף מען אויף זייערע קינעדר ניט מאַכן קיין פדיון הבן.

אין יורה דעה איז ערקלערט וויפל מען דאַרף געבן נאָך היינטיגע געלט. אַלזאָ, וועמען השי״ת איז מזכה מיט דער מצוה זאָל ער פרעגן וויפל צו געבן. ביי פדיון הבן מאַכט מען אַ סעודה און דאָס איז א סעודת מצוה.

די מצוה פון פדיון הבן טרעפט נאָר איינמאָל אין לעבן, און ניט אַלע זיינען זוכה מקיים צו זיין די מצוה, דאַרף געווים יעדער

איד מיט גרויס שמחה און פארגעניגן צאָלן די 5 טאָלער. ליידער אָבער זשאָלעוועט מען צו צאָלן, און מען זוכט שווינדל צו מאַכן מיט דעם כהן, און מען וויל ניט מקיים זיין די מצוה ווי נויטיג. אויף דעם איז געזאָגט דער פסוק כי יגעת בי ישראל, דאָס הייסט דו איד ווערסט פאַרמאַטערט פון מיר, פון מיינע מצות וועלכע איך באַלעס־טיג אויף דיר. די גאַנצע געלט און צייט גיסטו אָפּ פאַר קינדער, און פאר א קינד אויסגעבן צו היטן מיין באַפעל ווילסטו ניט. אפילו ביי די זעלבע מצוה, זשאָלעוועט מען ניט צו מאַכן א סעודה ווי נויטיג איז מיט אַלע שטאַטן, און די 5 טאָלער דעם כהן וויל מען פאַרקאַרגן. עס איז גלייכער קיין סעודה ניט מאַכן און דעם כהן 5 טאָלער אָפּגעבן (דער גאַנצער צוגאַנג מיט די דינים פון פדיון הבן איז געדרוקט אין סידור).

אך בכור שור וגו' לא תפדה.

די מצות לא תעשה איז, ניט צו לייזן פון כהן קיין בכור פון מין בהמה, נאָר צום כהן אָפּגעבן, (ווי עס איז ערקלערט אין פרשת בא).

ועבד הלוי הוא את עבודת אהל מועד.

די מצות עשה איז, די לוים זאָלן טאָן זייער ארבייט אין בית המקדש, זיי דארפן זיין אימער לײדיג, זיי זאָלן זיין אָנגעגרייט צו ארבייטן אויב זיי ווילן יאָ אָדער ניט. איבערהויפּט באַשטייט זייער ארבייט היטן די וואך און עפענען און פארמאַכן די טויערן, זינגען און שפילן ביי די קרבנות.

כי את מעשר בני ישראל וגו' נתתי ללוים.

די מצות עשה איז, נאָך דעם אָפּשיידן פון די תבואה און פרוכטן, תרומה פאר דעם כהן, זאָל מען א צענטל אָפּשיידן פון די געבליבענע און געבן צום לוי.

כהנים און לוים זיינען אויך מחויב אָפּצושיידן תרומה און מעשר. און טאָרן ניט עסן בעפאָר זיי שיידן אָפּ. די כהנים מעגן עסן זייערע אָפּשיידונג תרומה און מעשר. די לוים מעגן עסן זייערע אייגענע מעשר, אָבער די תרומה מוזן זיי אָפּגעבן דעם כהן.

דארום האָט די תורה אָפּגעגעבן מעשר צו די לוים, ווייל זיי זיינען אָפּגעזונדערט אין ג-ט'ס דינסט, זיי מוזן זיין אימער אָנגע־גרייט צו דער ארבייט פון בית המקדש, מוזן מיר זיי אויפהאַלטן מיט חיות בכבוד, זיי זאָלן האָבן גענוג פון די ערד וואָס ג-ט ב"ה האָט אונז געגעבן, בכדי זיי זאָלן זיך ניט באַדאַרפן באַשעפטיגן מיט אַנדערע געשעפטן.

והרמותם ממנו תרומת ה' מעשר מן המעשר.

די מצות עשה איז, דער לוי זאָל פון די וואָס מען גיט אים אָפּשיידן מעשר א צענטל און געבן צום כהן.

אזוי ווי די לוים האָט ג-ט ב"ה אויסדערוויילט פון אלע שב־טים, אזוי זיינען אין שבט לוי, העכער די כהנים, דען די גאַנצע עבודה היינגט נאָר אָן כהנים און די לוים זיינען נאָר מיטהעלפער, דאַרפן די לוים אויך שטיצן די כהנים און וויסן דאָס די כהנים שטיי־ען העכער פון זיי.

פרשת חקת

ויקחו אליך פרה אדומה וגו'.

די מצות עשה איז, צו טאָן דעם אָרדנונג פון די פרה אדומה. די פרה אדומה דאַרף זיין אַלט ניט ווייניגער ווי 3 יאָר. זי מוז זיין דורכאויס רויט. 2 שוואַרצע אָדער 2 ווייסע האָר פסל'ט אין איר. אויב מען האָט מיט איר נאָר עטוואָס אָן ארבייט געטאָן, איז זי פסול. עס טאָר אין איר ניט זיין קיין פעלער.

די קוה ווערט פאַרברענט דורך א כהן. די אַש זאָל זיין אָנ־געגרייט צו שפּריצן דערמיט אויף וועלכעס עס איז טמא געוואָרן אָן א מת. 7 טעג פאַר דעם פאַרברענען האָט דער כהן געמוזט זיין אָפּגעזונדערט פון זיין הויז. די גאַנצע 7 טעג האָט מען אויף אים געשפּריצט אַלע טאָג פון די אַש פון די פאָריגע פרה.

דער צוגאַנג פון פאַרברענען די פרה אדומה איז אזוי: מען האָט איר פאַרברענט אויף דעם הר המשחה, איילבאַרג וואָס איז אין מזרח פון ירושלים. מען איז געגאַנגען פון הר הבית צום הר המשחה. די עלטסטע פון ירושלים גייען פאָראויס. עס איז געווען צוגעריכט צו גיין איבער א גאַלעריי געצויגן פון בית המקדש ביז

צום איילבאַרג, וואָס אויסער די שטאָט. דאָרט אויף דעם באַרג ווערט אויסגעלייגט האָלץ, און מען לייגט ארויף די קוה א געבונדענע אויף די האָלץ, און דער כהן שעכט איר, און שפּריצט די בלוט געגן דעם טויער פון בית המקדש, ווייל דער איילבאַרג איז געווען געגן דעם הר הבית, דער באַרג וואָס דער בית המקדש איז אויף אים געשטאַנען, האָט מען געקענט קוקן דאָרט אויף דעם טויער פון בית המקדש, ווען אויך עס איז געווען ווייט. נאָכהער הייצט מען אונטער די האָלץ. בעת זי ברענט און עס פּלאַצט איר דער בויך, נעמט דער כהן א שטיקל טענענהאָלץ, מיט די 3 ריטלאַך אזוב, און בינדט ארום מיט א קנויל וואָל געפאַרבט רויט און וואַרפט דאָס אריין

פון משה רבינו'ס צייט ביז חורבן בית שני, איז געמאַכט געוואָרן 9 פרה אדומה'ס, האָט דאָס עקזיסטירט ביז דעם בית שני.

דער מדרש ברייגגט אין פסיקתא זוטרתי: איינמאָל זיינען די חכמים געקומען קויפן א פרה אדומה, ביי א קריסט, האָט ער זיי געהייסן קומען אויף מאָרגן, זאָגט ער צום זון זיינעם, ווּעסט זען וואָס איך וועל דאָ ווייזן די חכמים, ווי פאַרנאַרט זיי זיינען אין זייער אמונה, אָבערגלויבן, דער דין איז, אויב עס איז גע־טאָן געוואָרן מיט די פרה אדומה אַ מלאכה איז זי פסול, איך וועל דערווייל טאָן אַרבייט און זיי וועלן גאָר ניט ווּיסן.

אויף מאָרגן זיינען געקומען די חכמים און האָבן אָפּגעקויפט די בהמה פאַר א סאַך געלט. ביי דעם געבן די געלט, זאָגן די חכמים, מיר דאַרפן איר באַקוקן אויב דו האָסט מיט איר קיין אַרבייט גע־טאָן. ער פירט ארויס די קוה, האָבן די חכמים באַלד דערקענט אז ער האָט מיט איר א מלאכה געטאָן. זיי האָבן געזאָגט א סימן, אויף דעם קאַרק איז דאָ 2 האָר, אויב זי טוט ניט קיין אַרבייט זיינען זיי שטייענדיג, טוט זי יאָ א אַרבייט לייגן זיך די 2 האָר אַנידער. פון פאַרדרוס האָט ער זיך געהאַנגען.

שלמה המלך האָט נאָכגעפאָרשט די טעמים פון דער מצוה, ער איז אָבער געקומען צו דער מצוה פון פרה אדומה האָט ער ניט דערקלערט, דען ג־ט ב״ה האָט געזאָגט צו משה רבינו, דיר זאָג איך דעם טעם, אָבער ביי דער וועלט בלייבט עס א חק.

אדם כי ימות באהל.

די מצות עשה איז, דאָס א טויטער איז מטמא אַנדערע מענשן און כלים אויב זיי רירן זיך אָן אים אָדער זיי זיינען צו־זאַמען מיט אים אין איין הויז געווען (עס איז ביי דעם פיל דינים אין ש"ס ערקלערט).

והזה הטהור על הטמא ביום השלישי וביום השביעי.

די מצות עשה איז, ווער אָדער וואָס איז טמא געוואָרן דורך א מת זאָל ער באַשפריצט ווערן מיט די וואַסער פון די אַש פון די פרה אדומה דעם צווייטן און דעם 7־טן טאָג פון טמא ווערן.

דער צוגאַנג איז אזוי: מען נעמט קוואַל וואַסער אין א כלי, און מען באַשיט פון אויבן מיט אַש, דערמיט ווערט געשפריצט. ער טונקט איין 3 ריטלאַך אזוב פאַרבונדן אין איין באַנד, און טונקט איין אין די וואַסער מיט די אַש און שפריצט אויף דעם טמא, און ער ווערט ריין. דער וואָס טראָגט די צוגעריכטע וואַסער פון די פרה אדומה ווערט טמא, ער און זיינע קליידער. דער וואָס רירט זיך אָן אפילו די וואַסער ווערט אויך טמא, אָבער די קליידער ווערן ניט טמא.

פרשת פינחס

איש כי ימות ובן אין לו והעברתם את נחלתו לבתו.

די מצות עשה איז, דאָס דער פאַרמעגן וועלכער בלייבט איבער מענשן נאָך זייער לעבן, זאָל עס גיהערן צו די יורשים ווער עס איז נעהענטער צום מת דער איז דער יורש. א זון איז פריער צו ירש'נען פאַר א טאָכטער

ווער עס שטאַרבט אָן קינדער ירש'נט אים דער פאָטער. אויב ער האָט ניט קיין פאָטער, ירש'נט אים דער ברודער, אויב קיין ברודער איז ניטאָ, ירש'נט אים די שוועסטער. דער מאַן ירש'נט די פרוי (מד"ם). א בכור דאָס איז דער עלטסטער זון דער ערשט געבאָרענער, ביי דעם פאָטער נעמט ער 2 חלקים, דאָס הייסט ער נעמט מיט איין טייל מער ווי אלע ברידער, ער נעמט ווי 2 ברידער. (אין דער מצוה איז דאָ פיל חילוקי דינים אין חושן משפט).

מען טאָר ניט מעביר נחלה זיין אפילו פון אַ שלעכטן זון צו א גוטן זון. זאָגט די גמרא דעם טעם: ווייל פיליכט וועט נאָך פון שלעכטן זון ארויסקומען א גוטער דור.

זען מיר פון דעם ארוים, דאָס יעדער איד דארף זאָרגן דאָס זיין פארמעגן וועלכען ער לאָזט איבער, זאָל אין אידישע הענט פארבלייבן. אָבער ביי יעצטיגע צייט, אז מען לאָזט איבער די גוטעס פאַר פרייע קינדער, וואָס מען איז זיכער אז די געלט וועט אוועק אויף תהו ובהו, איז עס גאַנץ שווער צו גלויבן דאָס די געלט זאָל ערוואָרטן אויף א גוטן דור, ווען אז די ערציאונג איז נאָר אין בילדונג און פרייהייט, און צו דער תורה גאָרניט. א פאָטער דארף געפינען אן עצה. געפינען מיר פאר נויטיג צו שרייבן אייניגע ווער־טער פון בעל החפץ חיים ז"ל, וואָס ער שרייבט אין זיין ספר שם עולם, וועלכען ער האָט געמאַכט נאָר צו דעם תכלית, פאר די וועל־כע שטאָרבן אָן קינדער, אָדער די וואָס האָבן קינדער וועלכע זיינען ערגער ווי ניט געהאַט קיין קינדער. ער זאָגט אזוי: ביי די יעצטיגע צייט איז דאָ מענשן וועלכע האָבן קינדער און זיי איז נאָך ערגער ווי די וואָס האָבן גאָרניט, צ. ב. די קינדער וואָס זיינען פאררייזט אין וויטערע מדינות, און דאָרט איז ביי זיי הפקר תורה און מצות, אָבער ביי יעצטיגע צייט איז שוין בעוה"ר דאָ אויך מצוי דאָס זעלבע, אזוי א פאָטער איז אים נאָך ערגער פאר דעם וואָס האָט גאָר קיין קינדער (רני עקרה לא ילדה, דלא ילדה בנין לגיהנם במס' ברכות), ווי די גמרא זאָגט: פארפלוכט איז דער וואָס האָט אוים־געהאָדעוועט אזעלכע קינדער.

איז די עצה ער זאָל גאָר פארגעסן אין אזעלכע קינדער. לא די וואָס זיי וועלן אים ניט אָפקילן דעם גיהנם, מאַכן זיי אים נאָך גרעסער דעם פייער. דארום דארף ער זיך זען צו שטאַרקן מחזיק זיין ישיבות און ת"ת, אַז די קינדער הייסן זיינע קינדער, וואָס קענען אים מזכה זיין. וויפיל האָבן אזוי געטאָן, און דער זכות שטייט פאר זיי אויף אייביג. ווען ער זעט דאָס די קינדער זיינען שוין אוועק אין די שלעכטע וועג דאָ האַקט זיך אָפּ זיין דור, זאָל ער שטיצן די קינדער וועלכע האַלטן זיך נאָך ביי אידישקייט. אויב ער האָט א טאָכטער חתונה צו מאַכן זאָל ער אָנזאָגן צו נעמען אַ מאַן אַ למדן פאר איר וועלן אירע קינדער אויך זיין לומדים, און פאר די טעכ־טער וועלן זיי נעמען איידימס לומדים, וועלן די קינדער זיין גע־

רעכנט ווי אייגענע קינדער. אויב א מענטש וויל זיך מזכה זיין אויף אייביג, איז נאָר די עצה מחזיק זיין די תורה, דער זכות בלייבט אויף אייביג. אלע זאכן וואָס מען טוט איז נאָר אויף דער צייט און די תורה איז א נצחית, איז דער זכות אן אייביגער.

את הכבש אחד תעשה בבוקר וגו׳.

וביום השבת שני כבשים וגו׳.

ובראשי חדשיכם תקריבו עולה שני פרים ואיל אחד ושבעה כבשים.

(כולן עולות ושעיר אחד לחטאת).

די 4 מצות עשה איז: 1) מקריב צו זיין אלע טאָג 2 שאָף איינעם אינדערפרי, איינעם פארנאַכט, דאָס רופט זיך קרבן תמיד. 2) מקריב צו זיין א קרבן מוסף אלע שבת. 3) מקריב צו זיין אלע ראש חודש א קרבן מוסף. 4) מקריב צו זיין א קרבן מוסף דעם יום טוב שבועות.

דער קרבן מוסף פון שבת איז 2 שאָף עולות. דער קרבן ר״ח איז געווען 2 פרים מיט איין באַראַן און 7 שאָף, און איין ציגן באָק צום חטאת. צו די מוספים האָט מען נאָך מקריב געווען מנחות און נסכים ווי עס איז מפורש אין דער תורה. די אלע קרבנות מוסף האָט מען מקריב געווען נאָך דעם קרבן תמיד של שחר וואָס מען האָט מקריב געווען אלע טאָג.

יום תרועה יהיה לכם.

די מצות עשה איז, צו בלאָזן שופר אום ראש השנה. יעדער איד איז מחויב צו הערן בלאָזן שופר. די פרטי דינים ווי דער שופר דאַרף זיין און די דינים ווי צו בלאָזן, איז אין שלחן ערוך אורח חיים ערקלערט. עס איז א חוב אויף יעדער בעל תוקע קלאָר צו זיין גוט אין די דינים פון תקיעות.

דער בעל תוקע דאַרף טראַכטן מוציא צו זיין, און דער עולם דאַרף האָבן א כוונה יוצא צו זיין. ביים הערן די תקיעות ווען דער בעל תוקע מאַכט די ברכות זאָל מען ניט ענטפערן ב״ה וב״ש, ווייל דאָס הייסט א הפסק.

דער רמב"ם זאָגט, ווען אויך די תורה הייסט בלאָזן שופר, דארף מען דאָך ניט זוכן קיין טעם, נאָר א רמז איז דאָ, דער שופר איז מודיע: שטייט אויף מענשן וועלכע איר זייט איינגעשלאָפן, וואַכט זיך אויף פון אייער דרעמלען, זוכט נאָך אייערע מעשים, טוט תשובה, דערמאָנט זיך אין היילגן באַשעפער ב"ה וב"ש. איר מענשן וועלכע איר פארגעסט דעם אמת דורך די הבלי הזמן, איר פארברייינגט די יאָרן אין הבל וריק, באַטראַכט נאָר וועגן אייער וועג. זאָל יעדער זיך צוריקקערן פון זיין שלעכטע וועג און פון זיי־נע שלעכטע געדאַנקען רח"ל, אויף דעם באַדייט די תקיעות, דער שופר קרעכצט און קלאָגט, אזוי ווי דער מענטש דארף קרעכצן, אזוי ווי דער טאָג איז דער יום הדין פון געזונט און לעבן פון דעם מענשן מיט זיין גאנץ הויזגעזינד, און זיין גאנץ פארמעגן אויך פרנסה פון גאנצן יאָר, און עס ווערט דאָך גע׳משפט נאָך די מעשים.

די גמרא זאָגט: 3 ספרים ווערן געעפענט צום יום הדין, פון צדיקים גמורים, און פון רשעים גמורים און פון מיטעלע מענשן, ד"ה ניט קיין צדיקים און ניט קיין רשעים. דער צדיק ווערט באַלד אָפּגע׳משפט צום גוטן, דער רשע ווערט באַלד שלעכט אָפּגע׳משפט, דער מיטעלער איז זיין דין אויפגעהאנגען ביז יום כיפור, אויף דעם באַדייט וואָס מען בלאָזט תקיעה, איז דאָס א באַווייז פון פריי פאר צדיקים, שברים איז קרעכצעס, דאָס איז געגן די מיטעלע וואָס גייען ארום קרעכצענדיק, ווייל זיי ווייסן זייער דין גוט. תרועה איז א קלאָג, דאָס איז געגן די רשעים וואָס זיי דארפן קלאָגן אויף זייער משפט.

מטות

איש כי ידור נדר לה'!

לא יחל דברו.

די מצות זענען, 1) ווען מען טוט זיך א נדר זאָל מען קענען פריי ווערן פון נדר דורך 3 מענשן וועלכע זיי זיינען אים מתיר. 2) ניט צו בייטן דעם נדר אָן היתר פון א חכם אָדער פון 3 מענשן. וואָס דאָס הייסט התרת נדרים.

א פאַטער זיין טאָכטער וועלכע איז אונטער זיין שוץ, און א מאַן זיין פרוי דאַרפן ניט מתיר זיין, נאָר אז דער פאַטער אָדער דער מאַן וועהרן זיי אין טאָג פון הערן דעם נדר, איז דער נדר ניט קיין נדר. אַלע פרטי דינים פון טאָן זיך א נדר און ווי מתיר צו זיין א נדר אָדער א שבועה איז אין יורה דעה פיל ערקלערט.

צוזאָגן צדקה, אדער נאָר א וואָילטעטיגע זאַך, הייסט עס א נדר. ווען מען איז זיך נוהג צו טאָן 3 מאָל הייסט עס א נדר אויף אַלע מאָל. אויב מען קען ביי דעם ניט בלייבן דאַרף מען זיך מתיר זיין. סיידן ער זאָגט בעת טאָן די זאַך: איך טו דאָס בלא נדר.

דער מענטש וואָס טוט זיך א נדר, זאָל ער זען דאָס באַלד מקיים צו זיין דעם נדר, און ניט האַלטן ביי זיך. די גמרא זאָגט: דער מענטש וואָס האַלט ביי זיך אַ נדר און טוט ניט אָפּ, שטייען אין סכנה זיין ווייב און קינדער, רח"ל. מען קען זאָגן דערפאַר ווערן ווייב און קינדער געשטראָפט רח"ל, ווייל דאָס מערסטע האָבן זיי שולד אין דעם, אָדער זיי שטערן אים עפּענטליך, אדער געברויך פון זייערט וועגן איז זייער פיל, דאָס די גאַנצע צייט און די געלט איז נאָר פאר זיי, און דורך דעם קען ער ניט צוקומען זיין וואָילטאַט אויסצופירן.

מען דאַרף זיך היטן ניט צו טאָן קיין נדרים. פיל בעסער איז באַלד צו באַצאָלן. נאָר אויב עס קומט אוים למשל שבת אָדער יום טוב צו געבן א נדבה ווי דער מנהג איז זאָל ער זאָגן בלא נדר לצדקה. די וואָס זיינען זיך מתנדב צו באַצאָלן יערליכע געלט אַלע וואָך, צ. ב. חברות אין שטאָט, אָדער יערליך אויף ישיבות צו צאָלן, הייסט עס א נדר און מען טאָר ניט אָפּרייסן.

די לייטע וועלכע זיינען איבערגעגעבן צו א זאַך וועלכע דאָס שאַדט זיי צו אידישקייט, אָדער צו מענשן אָדער צום געזונט, צ. ב. מענשן וואָס זיינען איבערגעגעבן צום טרונק, אָדער צום רויכערן, אָדער זיי זיינען צופיל אַראָפּגייער צו פרעמדע הייזער, וואָס דאָס אַלעם שאַדט דעם מענשן, איז זייער גלייך צו טאָן זיך א נדר אָפּגעוואָינען זיך. א זאַך אפילו וועלכע עס איז מותר, נאָר די וועלט אָדער די שטאָט וואו ער וואָינט האָבן אָנגענומען ניט צו טאָן דאָס, אָדער די זאַך ניט צו נוצן, טאָר קיינער ניט עובר זיין אויף דעם, דאָס הייסט א נדר.

פרשת מסעי

ונתנו ללוים מנחלת אחוזתם ערים לשבת.

די מצות עשה איז, צו געבן די לוים שטעט צו וואינען אין ארץ ישראל. זיי האבן געהאט 48 שטעט. אין דעם איז געווען 6 שטעט אויף ערי מקלט, וואו עס זאל דארט אנטלויפן דער וועלכער האט געטויט א מענטשן אומגערן. צו יעדער שטאט האט מען זיי געגעבן ליידיגע פלאץ, אויך פלאץ אויף פעלדער, וויינגערטנער און אלע זייערע נויטווענדיקייט.

ולא ימות הרוצח עד עמדו לפני העדה למשפט.

די מצות לא תעשה איז, ניט צו טויטן קיין רוצח ביז ער שטייט צום משפט. אפילו בעת די עדות זעהן אז ער האט געטאן די זאך, דאך טארן זיי אים ניט טויטן אן בית דין. ווער עס טויט אן בית דין ווערט באשטראפט מיט מיתה. ווער עס איז אפילו אפ'-גע'פסק'נט פון בית דין אים צו טויטן, טאר מען אים אויך ניט טויטן אן דעם בית דין.

והשיבו אתו העדה אל עיר מקלטו.

די מצות עשה איז, דער וועלכער האט געטויט א מענשן אומגערן, דארף בית דין באזארגן ער זאל אין ערי מקלט אוועקגיין, בכדי די קרובים פון טויטן זאלן ניט נעמען קיין נקמה פון אים. ער דארף דארטן זיין ביז דער כהן גדול שטארבט. דארום קען מען זאגן דארף דער רוצח זיצן ביז דער כהן גדול שטארבט, ווייל דער כהן גדול איז דער גרעסטער ביי אידן, און די מיתה פון צדיק איז דאך מכפר, איז זיין חטא גרינגער געווארן. אויך קען מען זאגן: אזוי ווי א מלכות אז ער שטארבט ווערט דאך באלד אן אנדערער אין דער זעלבער מינוט (אין מלכות נוגעת בחברתה אפילו כמלא נימא), דער נייער מלכות אלעם מאניפעסט באפרייט ער די גרינ-גע פארברעכער. די זעלבע זאך, ווען דער כהן גדול שטארבט, מאכט מען דאך באלד אן אנדער כהן גדול

ווי עס האט נאר געטראפן דאס מען האט געטויט א מענשן, האט מען באלד דעם רוצח פארשיקט אין ערי מקלט. נאכהער האט דאס בית דין פון דער שטאט געלאזט ברענגען דעם רוצח. אויב

עס ווייזט זיך ארויס דאָס ער איז שולדיג, האָט מען אים געטויט. אויב ער איז נאָר ריין פון דער זאַך, האָט מען אים באַפרייט. ווען די זאַך איז יאָ געטאָן געוואָרן, אָבער אומגערן, ווערט ער אין ערי מקלט צוריק געשיקט. מען גיט אים 2 תלמידי חכמים זיי זאָלן אים היטן אין וועג פון א פריינד פון טויטן.

דער פאַרטרייבן אין ערי מקלט איז א גרויסע תועלת. ער־שטענס: ווען אויך ער האָט דאָס געטאָן אומגערן, דאָך אז עס האָט אים אַזעלכעס געטראָפן, האָט ער פאַרדינט ער זאָל פאַרטריבן ווערן פון זיין הויזגעזינד און פאַמיליע. צווייטענס: זאָל די פאַמי־ליע פון טויטן אים ניט זען אין די אויגן. נאָכמער, פיליכט וועלן זיי פון אים נקמה נעמען. דארום איז די ערי מקלט ביים שבט לוי, ער זאָל אונטער זייער שוץ זיין פארהיט פון דער משפחה, דען דער שבט לוי זיינען די פאַרשטייערס איבער אלע שבטים אויף צו היטן ריכטיקייט, דעם אָרדנונג פון דער תורה.

פרויען ווערן אויך פאַרטריבן אין ערי מקלט אויב זיי הרג'נען א מענטשן אומגערן.

ועד אחד לא יענה בנפש למות.

די מצות לא תעשה איז, דער עדות וואָס זאָגט עדות אין דיני נפשות, זאָל זיך ניט ארייגמישן ביי בית דין, לערנען פאר דעם פאַרברעכער א חוב אָדער אפילו א זכות.

ולא תקחו כופר לנפש רוצח.
ולא תקחו כופר לנוס אל עיר מקלטו לשוב לשבת בארץ.

די 2 מצות לא תעשה איז,

1) ניט צו נעמען קיין אָפּצאָל פון רוצח צו פטר'ן אים פון מיתה.

2) ניט צו נעמען קיין אָפּצאָל פון רוצח אומגערן צו פטר'ן אים פון ערי מקלט.

די אלע מצות זיינען נוהג ווען עס איז דאָ סנהדרין און מען איז דן דיני נפשות.

דברים

דברים

לא תכירו פנים במשפט.

די מצות לא תעשה איז, מען טאָר ניט אויפנעמען קיין רב און קיין דיין וועלכער עס איז ניט ראוי נאָך די מעלות פון תורה און יראת שמים. אויב עס נעמט ווער אויף א רב אָדער א דיין וועלכער איז ניט ראוי, איז אַלע מכשולים וואָס קומט ארוים דורך אים איז חל אויף דעם אויפנעמער ווי אויף דעם רב.

דער מדרש שמואל ברייננט: ר׳ אושעיא האָט געלערנט, א חכם וואָס איז אויפגענומען דורך געלט, רופט מען אים ניט רבי און מען שטעלט זיך ניט פאר אים. ר׳ זעירא און נאָך איינער האָבן צוזאַמען געלערנט, איז פאַרבייגעגאַנגען איינער פון די אויפגענו־מענע רבנים דורך געלט. זאָגט דער אַנדערער צו ר׳ זעירא, לאָמיר זיך מאַכן ניט זעהענדיג, מיר זאָלן זיך ניט דאַרפן שטעלן פאר אים. ענטפערט ר׳ זעירא, איך דארף זיך גאָר ניט באַהאַלטן, איך ווייז אָפן, אז מען באַדאַרף זיך ניט אויפשטעלן פאר אים.

לא תגורו מפני איש.

די מצות לא תעשה איז, דער דיין זאָל זיך ניט פורכטן פאר דעם בעל דין.

יעדער איד דארף וויסן, אז א רב וואס ער פסק'נט אדער וואס ער זאגט, זאגט ער מיט דעם דין תורה, און ער טאר ניט מורא האבן, אלזא, אזוי ווי דער רב פסק'נט אפ, און מאכט טריפה א בהמה און דעם קצב קען זיין דער גרעסטער היזק, און דער קצב האט קיין פארדרוס אויף דעם רב. דאס זעלבע וואס דער רב זאגט אין א כלל זאך וואס גיהערט צום שטאט, אדער אויף א פרט זאך, טאר מען אויף אים קיין פארדרוס האבן, ווייל ער איז א געצוואונגע־נער צו גיין מיט דעם ריינעם אמת. ליידער אבער זען מיר, אז ווען מען פארשפילט ביים רב ווערט מען דעם רב א שונא, און אן אנ־דערער ווערט נאך א נאכיאגער דעם רב, אדער ער טאדעלט דעם רב, אויף דעם האט שוין דער רבי ר' יונתן פראגער ז"ל געזאגט: דער קצב האט קיין פארדרוס, ווייל עס קומט קיינעם ניט אן, אבער דעם פארדריסט, ווארום דער צווייטער געווינט.

ואתחנן

ולא תתאוה.

די מצות לא תעשה איז, ניט צו גלוסטן וואס געהערט צום צווייטן. ווי נאר מען גיט א טראכט ווי מען זאל באקומען דעם צווייטינס א זאך, און די זאך שטייט ניט צום פארקויפן, איז מען באלד עובר אויף דעם לאו. אויב מען באקומט די זאך איז מען עובר נאך א לאו, לא תחמוד (וועלכער איז ערקלערט אין פרשת יתרו).

א מענטש זאל ניט זאגן, וואס קען איך מאכן, אז דער גע־דאנק טרייבט צום גלוסטן. באמת איז א טעות, מען זאל ניט דענ־קען דאס מען קען ניט צווינגען דעם געדאנק, דאס זאגן נאר נאראנים, נידערטרעכטיגע מענשן, און די ריכטיקייט איז, יעדער מענטש איז א בעל הבית אויף זיינע געדאנקען. עס טראכט זיך ניט אין דער זאך וועלכע מען ווייסט אז דאס קען ניט זיין. צ. ב. וועט דען א איינפאכער מענטש איינפאלן אז ער וועט נעמען א בת מלך פאר א פרוי, ווייל דאס איז אונמעגליך טראכט מען דאס ניט. די זעלבע דארף א איד זיך פארשטעלן, די זאך וואס מען קען ניט טאר מען ניט, דארף מען גארניט טראכטן וועגן דעם.

די הארץ איז יעדערן אין האנט, ווי ער וויל קען ער בויגן. ווי די גמרא זאגט: די רשעים איז די הארץ איבער זיי אבער צדי־קים איז די הערצער ביי זיי אין האנט.

די חכמים זאגן: ווער הייסט רייך, דער וועלכער ער פרייט זיך מיט זיין טייל, ווארום דער וואס באנוגענט זיך איז אימער צו־פרידן און לעבט רואיג. דער וואס יאגט זיך אבער נאך איבערפלי־סיגע פארמעגן בארואיגט זיך ניט אין גאנצן לעבן. דארום זאגן די חכמים: אין אדם מת וחצי תאותו בידו. דאס הייסט, א מענטש שטארבט ניט אפ און האט העלפט פון זיין לוסט באקומען, ווארום וויפיל ער האט וויל ער דאפעלט. אין קורצע ווערטער זאגן די חכ־מים: קנאה, תאוה, כבוד ברייגנען אום דעם מענשן פון דער וועלט.

שמע ישראל ה׳ אלקינו ה׳ אחד.

די מצות עשה איז, צו גלויבן אז עס איז דא נאר איין ג־ט אויף דער וועלט און אויף אלע וועלטן. אויף דער מצוה דארף מען אימער טראכטן דאס מען איז פארטיג מוסר נפש זיין זיך איבער דער אמונה. אויף דער מצוה איז מען מחויב יעדע רגע, ווען מען טראכט נאר וועגן דעם איז מען יעדן מאל מקיים א באזונדער מצוה.

ואהבת את ה׳ אלקיך בכל לבבך ובכל נפשך.

די מצות עשה איז, צו ליבן ג־ט מיט דעם גאנצן הארצן, און מיט דער גאנצע זעלע, און מיט דעם גאנצן פארמעגן.

די ליבע צום הייליגן באשעפער ב״ה וב״ש דארף איבערוועגן אלע ליבעס וואס א מענטש האט ליב. צ. ב. די ערשטע ליבע האט א מענטש מיט געבארן אין די נאטור, זיך און די קינדער, ווען עס קומט אבער פארבויגן זיך אדער די ליבע צו קינדער, דארף מען פארבויגן. ווי מיר געפינען אברהם אבינו ע״ה האט געפירט זיין זון יצחק אבינו ע״ה צו דער עקידה. ווען יעקב אבינו האט זיך באגעגנט מיט זיין אפגעקלאגטן זון יוסף, איז אים יוסף געפאלן אויף זיין האלז קושן, און יעקב האט זיך גאר ניט געקערט צו אים, און גלייכגילטיג האט ער גאר געלייענט קריאת שמע. ווייל ווי יעקב האט דערזען יוסף׳ן האט זיך אין אים דערוועקט דער גרעס־טער סארט ליבע, וואס קען שוין אין דער וועלט מער ניט געבן,

דען יעדער פאָטער האָט ליב זיין קינד, נאָך מער וואָס ער איז פון אים אוועק אזוי לאנג און קיין ידיעה ניט געהאַט, נאָכמער ער האָט אים שוין אָפגעוויינט, לסוף לעבט ער, און איז א מיליאָנער, און דער זעלבער ערליכער איד, אז מצרים האָט אים גאָר ניט געשאַדט, נו, ווען מיר מענשן וואָלטן דערזען אזוי א קינד פון מדינות רחוקות, וואָלט דאָס געווען די שמחה גרויס, עס וואָלט ניט געלעגן אין זינען קיין זאַך, יעקב אבינו אָבער האָט ערשט פאַרשטאַנען וואָס איז דאָס ליבע צו ג-ט, אז ווי עס האָט זיך אין אים דערוועקט די העכסטע ליבע פון דער וועלט, יעצט איז צייט צו לייענען קריאת שמע, ווייל די ליבע פון יוסף'ן מוז בטל ווערן צו די ליבע פון הייליגן באַשעפער ב״ה וב״ש.

ווי מיר געפינען אברהם און חנניה, מישאל ועזריה, רבי עקיבא, רבי חנינא בן תרדיון און נאָך פיל צדיקים זי״ע, האָבן זיך געלאָזן מוסר נפש זיין איבער אהבת השם. ליידער איז אָבער ניט אַזוי, דער מענטש דאַרף זיין איבערגעגעבן מיט זיין גאַנצן גייסט און מיט זיין פאַרמעגן צו די ליבע פון ג-ט ב״ה וב״ש, לסוף איז גאָר די ליבע צו ג-ט ב״ה די לעצטע זאַך. מען פאַרבויגט אהבת השם איבער א תאוה פון געלט, אָדער איבער א תענוג און איבער ליבע פון קינדער פאַרבויגט מען אהבת השם אין גאַנצן, און מען פאַרזאָרגט זיי תכליתים וועלכע זיינען נגד התורה, און אנדערע פאַרקוקן גאָר, און די קינדער בלייבן גאָר אינגאַנצן אָפגעריסן פון אידישקייט.

דער רמב״ם זאָגט: ווען מען איז זיך מתבונן אין דער תורה און מצות און מען זאָל באַטראַכטן די נאַטור פון דער וועלט מיט אַלע ברואים, און מען איז זיך מתבונן אין די פעולות פון בורא יתברך אויף דער וועלט, ווי גרויס זיין השגחה אויף יעדערן באַזונדער, ווי יעדער מענטש קען דאָס ביי זיך זעלבסט שפירן, באַקומט מען א ריכטיגע ליבע צו השי״ת. די ריכטיגע ליבע צו ג-ט ב״ה איז, מען זאָל דעם צווייטן אידן מקרב זיין צו אידישקייט. צ. ב. ווען מען ליבט איינעם זוכט מען נאָך צו שאַפן אים גוטע פריינד, די זעלבע זאַך ווען מען האָט ריכטיגע אהבת השם, דאַרף מען נאָכזוכן מקרב זיין אידן צו אהבת השם. ווי מיר געפינען ביי אברהם אבינו ע״ה, ער האָט ערקלערט אמונת השם צו מאַנסלייט און שרה צו פרויענצימער. דארום האָט ג-ט ב״ה גערופן אברהם'ן אוהבי, מיין

ליבהאָבער, דען אברהם האָט ריכטיג פאַרשטאַנען וואָס עס הייסט אהבת השם (ספרי).

ושננתם לבניך.

די מצות עשה איז, צו לערנען אליין תורה און אויך לערנען תלמידים און קינדער די תורה. יעדער איד איז מחויב צו לערנען, א רייכער, א אָרימער, א געזונטער, א קראנקער אפילו א בעל יסורים דארפן קובע זיין עתים לתורה בייטאָג און ביינאַכט, ווי ווייט מעגליך איז. תורה לערנען איז אָפּגעוויגענד געגן אַלע מצות.

דער ירושלמי זאָגט: פאַר יעדער וואָרט לערנען תורה האָט מען א באַזונדער מצוה. פריער שטראָפט מען דעם מענשן פאַר בטול תורה, נאָכהער פאַר אנדערע זאַכן. א מענטש זאָל ניט אָפּ־לייגן דעם לערנען אויף שפּעטער, פיליכט חלילה דערוואַרט מען ניט דעם שפּעטער.

פאַר דעם חטא פון ביטול תורה שטאַרבן קליינע קינדער רח"ל (משום דשלשה שותפין הן באדם כו', והנה כשהשותף אינו מנהל העסק בצדק, מבטל השותף השני השותפות, כמאחז"ל: טול אתה את שלך). איבער ביטול תורה קומען גזרות רעות אויף אידן.

די גמרא זאָגט: אפשר וועט זיך וועלן אַן אָרימאַן פּטר'ן פון תורה, ווייזט מען אים דעם תנא הלל, קיין גרעסרן אָרימאַן פון אים איז זעלטן צו געפינען. ווי עס איז ידוע די געשיכטע: ער פלעגט נאָר פאַרדינען איין האַלבן גילדן א טאָג. העלפט פלעגט ער געבן דעם שומר פון בית המדרש, ער זאָל אים ארייןלאָזן, — ווייל דער בית המדרש איז געווען פאַרצייטינס אויסער דער שטאָט. איינמאָל האָט ער ניט געהאַט צו געבן דעם שומר, איז ער ארויף אויף דעם בוידים הערן ווי די חכמים לערנען. האָט מען אויף אים געפונען א באַרג מיט שניי. אויף אים איז מקוים געוואָרן די רייד פון תנא אין אבות: דער וואָס איז מקיים די תורה פון אָרימקייט, איז דער סוף אז ער איז מקיים די תורה פון רייכקייט. דען הלל איז געוואָרן נשיא איבער אַלע אידן.

דער רייכער קען זיך ניט פּטר'ן ווייל ער איז א טרוד אין די געשעפטן, ווייזט מען אים„ ר' אלעזר בן חרסום האָט געהאַט

1000 שטעט און 1000 שיפן, און זיין רייכטום האָט אים ניט גע־שטערט צום לערנען.

רבינו יונה זאָגט: די מענשן וועלכע ווען זיי ענדיקן זייער ארבייט, זיי מאַכן צו די געשעפטן גייען זיי צו הויז, אָדער זיי זיצן אויף די גאַלעריעס און ריידן דברים בטלים, אָדער ווי היינ־טיגע מאָדע, דאָס עס קלייבן זיך צוזאַמען קאָמפּאַניעס פאַרברייגנען די צייט אין שאַך, אין קאָרטן און דאָמינאָס, אויסער וואָס עס קען זיין ביי דעם אַנדערע עבירות, איז איבעראַל דאָ ביי דעם דער עון ביטול תורה. זייער זינד איז זייער גרויס ווייל זיי זיינען מבזה די תורה. ווי פאַרגעסט מען דאָס די אייביגע וועלט אינגאַנצן. לכל הפחות דאַרף יעדער איד האָבן א קביעות צום לערנען צו הויז. לומדים זאָלן לערנען גמרא און פוסקים, איינפאַכע מענשן זאָלן לער־נען די הייליגע ספרים וועלכע זיינען געשריבן אויף עברי טייטש.

דער מדרש זאָגט: ווען א איד איז אפילו מחויב געוואָרן אויף א חטא מיתה בידי שמים, וואָס זאָל ער טאָן און בלייבן לעבן? איז די עצה: וויפיל ער איז געוואוינט צו לערנען זאָל ער לערנען מער. די תורה איז אויך מציל פון גיהנם. עס איז וועגן ביטול תורה פיל גערעדט געוואָרן אין ש"ס, אין מדרשים און אין זוהר הקדוש.

פאַר אייגענע קינדער איז מען מחויב צו דינגען מלמדים מיט אַלע קאָסטן אויסצולערנען דעם קינד וויפיל א איד איז מחויב צו וויסן אין דער תורה. דאָס הייסט, ביז אז ער איז שוין א למדן פאַר זיך צו פאַרשטיין, פרעגן און ענטפערן אין ש"ס און פוסקים. לערנען די קינדער דרך ארץ איז אויך אין כלל פון ולמדתם.

אפילו ווען דער זון האָט שוין קינדער, איז דער פאָטער אים מחויב צו שטיצן, אויב ער איז פאַרמעגליך, בכדי דער זון זאָל זיך קענען עוסק זיין בתורה. דעם קינדס קינדער, האָבן א דין ווי איי־גענע קינדער. דער גרויס פאָטער זאָל זיי שטיצן צו דער תורה, אויב זיין קינד איז ניט פאַרמעגלך.

מיט פרעמדע קינדער איז מען אויך מחויב צו לערנען. ווי עס איז איינגעפירט ביי אידן מחזיק זיין תלמוד תורה'ס מיט ישי־בות. דאַרום איז א חוב קדוש אויף יעדער איד ער זאָל נעמען איינ־טייל אין מחזיק זיין תלמוד תורה'ס און ישיבות.

דער מלמד טאָר ניט בטל'ן קיין איבעריגע צייט. דאָך אז עס איז פאַר מיר דאָ 2 מלמדים, איינער בטל'ט אָבער ער לערנט בעסער פאַר דעם וואָס בטל'ט ניט, דאַרף מען געבן דעם קינד צו דעם וואָס קען בעסער און בטל'ט, איידער דער וואָס קען ווייניגער און בטל'ט ניט.

דער מלמד וועלכער לערנט ניט ריכטיג האָט אויף זיך אַן ארור, ווי עס טייטש אין דער תורה: ארור עושה מלאכת ה' רמיה, פאַרפלוכט איז דער וואָס טוט די ג-טליכע ארבייט מיט פאַלשקייט.

די גמרא ברייננט: ווען יואב האָט געטויט די עמלקים האָט ער געלאָזט לעבן די נקבות פון די עמלקים. פרעגט אים דוד המלך ע״ה: וואָרום האָסטו געלאָזט לעבן די נקבות? ענטפערט אים יואב: עס שטייט אין דער תורה, תמחה את זכר (בקמץ) עמלק, איז דאָך פאַרזאָגט נאָר די זכרים צו טויטן. זאָגט דוד: מען לייענט דאָך אָבער זכר (בסגול) עמלק, איז דאָך דער טייטש, עס טאָר קיין אָנדענק ניט בלייבן? ענטפערט יואב: איך האָב קיין שולד, מיין רבי האָט מיר אַזוי געלערנט. איז דאָ אַ סברא אין דער גמרא, אַז דוד האָט יואב'ס רבי געטויט.

דער מלמד טאָר ניט זיין צופיל וואָך ביינאַכט, וואָרום ער וועט זיין צוטראָגן בייטאָג, וועט אים דער קאָפּ ניט דינען צום לערנען. אויך טאָר דער מלמד זיך ניט פייניגן, וואָרום ער וועט ניט האָבן קיין כח צו לערנען, הייסט עס גזילה.

דער מלמד דאַרף וויסן ווי צו האַלטן דעם קינד אין דער מורא, אָבער ניט שלאָגן אומדערבאַרעמט. דער סדר הלמוד דאַרף זיין, לערנען און איבערלערנען צו געדענקען. דער רבי טאָר ניט ברויכן קיין כעס געגן די קינדער, נאָר ערקלערן זיי מיט פאַרשטאַנד. מיט גוטן וועלן זיי בעסער פאַרשטיין. דער מלמד דאַרף אין די קינדער איינפלאַנצן אמונה פון קינדהייט אָן, אויסקלייבן פון ספרים ידיעות פון עקרי הדת און זיי פעסט ארייננעצן אין מוח, בכדי אויף די שפּעטערדיקע צייט זאָל עס דעם קינד האַלטן, ער זאָל ניט אַראָפּ-גיין פון די אמת'ע וועג, דרך התורה והיראה.

דער וואָס דער פאָטער האָט אים ניט געלערענט, איז ער מחויב זעלבסט צו דינגען א רבי'ן צו לערנען ווי נויטיג.

א אשה איז אויך מחויב צו באזארגן אירע קינדער זאלן ניט בלייבן קיין עמי הארץ. די אשה וועלכע לערנט דינים, אויך וואס זי גיט אכטונג אויף אירע קינדער זיי זאלן לערנען, איז איר שכר זייער גרויס. די גמרא זאגט: פרויען האבן קיין אנדער זכות, נאר וואס זיי זען דער מאן מיט די קינעדר זאלן לערנען.

פיל גיבן די קינדער ניט לערנען ווייל זיי זען אין זיי קיין פייאיקייט. דאס איז א טעות. די תורה האט אין זיך א סגולה, דאס יעדער מענטש אפילו ניט קיין גוטע קאפ, אדער אזעלכער וואס איז פארלאפן מערערע יארן וועלכע ער האט גארניט געלערנט, דאך אז ער נעמט זיך צום לערנען, קען ער אויסשטייגן דער גרעסטער מענטש. ווי עס איז ידוע פון רבי עקיבא'ן, וואס ער איז געוועזן א פארדונגענער פאסטוך און איז אוועק לערנען, איז ער געקומען מיט 24 טויזנט תלמידים.

די גמרא דערציילט ווידער: עס איז געוועזן א גביר, הורקנוס. זיינע זין האבן זיך באשעפטיגט מיט ערד ארבייט אין פאטערס פעלדער. פון זיי איז געוועזן איינער מיטן נאמען אליעזר. זיי זיינען אלע געוועזן פראסטע אין לערנען. דער אליעזר האט געארבייט אן חשק, ווייל זיין גייסט האט אים אימער געטריבן צו דער תורה. פלעגן אים די ברידער אנטאן כל הצרות שבעולם. זיי פלעגן פאר אים אויסזוכן די שווערסטע ארבייט, און אימער אויף אים מסר'ן פאר דעם פאטער. איינמאל האט זיך ביי אים די קוה פארטשעפעט אין אקערן און אויסגעבראכן א פוס. דא האט זיך אליעזר בארעכענט, יעצט איז צייט. ווי ווייט וועל איך מיר מאטערן און ליידן פון די ברידער. האט ער געלאזט שטיין די קוה מיטן אקער און איז אנטלאפן קיין ירושלים, צו רבי יוחנן בן זכאי, וואס האט די ישיבה געפירט דאן אין ירושלים. די ברידער האבן געוויינטליך פאר'מסר'ט פאר דעם פאטער וואס ער האט אוועקגעווארפן דעם פאטער. צו דער עלטער האבן זיי דעם פאטער אנגערעדט ער זאל גיין קיין ירושלים פאר די חכמים און אים מעביר נחלה זיין. ר' אליעזר האט געטאן דאס זייניגע און געשטיגן אין לערנען וואס ווייטער גרעסער. הורקנוס איז געקומען אין ירושלים, האט אים רבי יוחנן בן זכאי האסטיג ניט געוואלט אויסזאגן וואס דא איז געווארן פון זיין זון אליעזר. האט ר' יוחנן בן זכאי געמאכט א סעודה פון הורקנוס כבוד וועגן און פארבעטן די גרעסטע לייט פון ירושלים, און האט

מכבד געווען אליעזר'ן מיט א דרוש. הורקנוס איז פארשטיינט גע־בליבן און דענקט ווארשיינליך איז דאס מיין זון אליעזר דער א־קערבויער זאל אזא מין תלמיד חכם ווערן. דא האט זיך הורקנוס געשאפן מוט און זאגט: איך בין געקומען מיין זון אליעזר מעביר נחלה זיין. יעצט גיב איך אים איבער מיין גאנצן פארמעגן, און די ברידער זאלן ניט האבן פון דעם. רבי אליעזר האט אבער ניט אנגענומען. רבן שמעון בן גמליאל האט אים פאר אן איידים גענו־מען. נאך זיין רבי, רבי יוחנן בן זכאי'ס טויט, איז ער געווארן ראש הישיבה (וועגן דעם רבי אליעזר'ן איז ארומגעשמועסט אין פרשת בהר).

דער זהן הקדוש פרעגט: אז תורה איז אזוי הויך, וואָרום האט משה רבינו ע"ה געבענשט זבולון'ען פריער, וואס ער האט געהאנ־דעלט? ענטפערט דער זוהר: ווייל זבולון הארעוועט און שטיצט יששכר'ן, ער נעמט דעם ביסן פון מויל און גיט צו יששכר ער זאל זיצן רוהיג און לערנען, דערפאר קומט אים פריער צו בענטשן. אן איינפאכער מענטש, דורך דעם וואס ער שטיצט די לומדי תורה איז ער זוכה אויף דער אמת'ר וועלט צו פארשטיין די תורה וואס דער למדן וועלכן ער האט געשטיצט האט געלערנט, ווייל דאס הייסט א ריכטיגע שותפות. פון דעם קען מען פארשטיין ווי גרויס די מצוה פון החזקת התורה איז. ובפרט ביי יעצטיגע צייט ווי עס האט זיך געגרינדעט אין ירושלים עה"ק אזוי פיל מוסדי קודש, ישיבות און ת"ת, **ישיבת אנשי מעמד**, וואו עס לערנען צענדליקער משפחות פון די גרעסטע תלמידי חכמים פון ירושלים, און דער באוואוסטער גאון ר' דוד יונגרייז שליט"א איז דארט דער ראש הישיבה ומגיד שעורים, און זיי לערנען מתוך צער, און א ספעציעלע ישיבה קטנה פאר בחורים, און זיי האבן קיין אנדער ארויסקוק נאר וואס מען גיט זיי זייער חיונה פון די הייליגע ישיבה אנשי מעמד אלע חודש זייער אויסקום. וואיל איז דעם מענטש וואס ער איז זיי מחזיק בזה ובבא.

דער ספרי זאגט, אז א איד אפילו ער לערנט, און לערנט מיט אנדערע, און איז מקיים די גאנצע תורה נאר ער איז ניט מחזיק קיין לומדי תורה איז ער פארשאלטן פון בורא יתברך. שטיצן די תורה באשטייט אין דעם, אונטערהאלטן די תלמוד תורה'ס אין יעדער שטאט, און ישיבות פון אנדערע שטעט ובפרט בירושלים

עיה"ק. נעמען פאר די טעכטער מענער בני תורה. שטיצן תלמידי חכמים ווי די גמרא זאגט: דער וואס מאכט א געשעפט מיט א תלמיד חכם, אדער דער וואס איז מתנה א תלמיד חכם, אזוי ווי עס איז געווען איינגעפירט אין דער צייט פון גמרא צו שטיצן דעם תלמיד חכם אין זיין געשעפט אזוי ווי די גמרא זאגט (נקיטא ליה שוקא), און דער וואס נעמט אן איידים א למדן איז גלייך ווי ער באהעפט זיך צו דער שכינה הקדושה.

בעונותינו הרבים, לא די וואס מען לערנט אליין ניט, רייסט מען נאך אפ די קינדער פאר דער צייט פון דער תורה. מען לערנט דעם קינד נאר ביז גמרא. ווי עס איז ידוע דער תירוץ פון דער וועלט, ווייל עס איז שווערע יארן. אין דער אמת רעדט דאס א מענטש מיט פארשטעלטע אויגן. אויף אלע זאכן פון הויז איז ניט שווער, צו דען ווייל אויף דעם זאגן די חכמים דאס השי"ת שיקט צו באזונדער, שטייט דאס נאך נידעריגער פון אנדערע זאכן? אנדערע זיינען זיך מורה היתר און זאגן, סיי ווי וועט ער קיין רב ניט זיין. זעט אוים אז די תורה איז געגעבן נאר פאר רבנים? דער טעות איז זייער גרוים. יעדער טריט קען מען חלילה ארייגפאלן אין א איסור כרת אדער א איסור פון גזילה, צ. ב. דינים פון שבת, פון נדה אדער דינים פון האנדל. און דאס איז א כלל, אז מען לערנט ניט ווייס מען ניט ווי א איד צו זיין, מען ווייס ניט וואס מען טאר און וואס מען טאר ניט, וואס עס פאסט און וואס עס פאסט ניט. איז דאך נאכהער דער פאטער אויף זיינע קינדער און אויף זיינע קינדס קינדער פאראנטווארטליך. בפרט אין אונזערע צייטן, ווי באלד אז ער האט ניט געלערנט, איז רעכט עובר צו זיין אויף אלע האר־בע עבירות, חלול שבת און נאך אנדערע עבירות. איז דאך געוויס גרוים דער שכר פון פאטער וועלכער לערנט דעם קינד, און גרוים דער עונש פון פאטער וועלכער לערנט ניט דעם קינד.

אנדערע רעדט איין דער יצר הרע דאס די לומדים זיינען קיינע מפרנסים ניט דארום נעמט ער ניט קיין איידים א למדן, און מען וויל אויך דעם קינד ניט לערנען. דאס איז באמת א טעות. פון א בן תורה א סוחר קען זיין, פון א סוחר א בן תורה ניט לערנענדיג קען ניט ווערן. דער בן תורה גלענצט אימער, דער עם הארץ גלענצט נאר בעת עס גייט אים גוט די וועלט. בכלל דארף מען וויסן אז עס איז נאר על פי השגחה. ווען עס איז באשערט

צו האָבן נחת פון קינדער, האָט ער פון אַ בן תורה מער נחת. און ווען עס איז ניט באַשערט ח"ו קיין נחת, האָט ער נאָך פון עם הארץ מער צרות. אויסער אלעם, איז דאָך דער תכלית פון מענטשן אויף דער וועלט די נאָכקומענדע דורות, און לאָמיר־זען דעם אונטער־שייד פון די קינדער וועלכע קומען אַרויס פון ע"ה, צו די וועלכע קומען ארויס פון אַ בן תורה.

אנדערע רעדט איין דער יצר הרע, וואָס איז די פעולה פון לערנען אז ער דאַרף גיין צו זעלנעריי. ווי אומפאַרשעמט איז ער מיט דער טענה. פאַרצייטיגע דורות האָבן דעם לעבן געאָפּפערט, וויפיל מען האָט זיי געצוואונגען ניט צו היטן קיין תורה ומצוות, און האָבן דוקא געהיט די מצות און געלערנט תורה. איז דאָך געווים היינט ביי אונז, וואָס מיר זיינען אונטער מלכות של חסד, וועלכע מען ווערט ניט צו היטן דעם דת און לערנען תורה, אַז עס דאַרף ניט שטערן צום לערנען, דער דינען די קליינע צייט. און באמת זעט מען ב"ה אין מדינות וואָס מען קוקט גוט אויף דעם און לערנען און האָבן אפילו חתונה צו דער צייט, און גייען נאָכהער דינען און דער בורא יתברך שמו לעד העלפט זיי.

נאָך אַלע ערקלערונגען דאַרף אַ איד וויסן, אַז די גאַנצע חיות פון אידן איז די הייליגע תורה, אויף דער וועלט און אויף יענער וועלט. די חכמים זאָגן אָפּ פון תחיית המתים מענער און פרויען וועלכע האָבן קיין בונד צו דער תורה. אזוי ווי אַ פיש קען ניט לעבן אָן וואַסער, אזוי קען ניט עקזיסטירן אַ איד אָן תורה, ד. ה. תורה שבכתב דער תנ"ך און תורה שבעל פה. און וואָס מער מען דער־ווייטערט זיך פון תורה, ווערט מער נתחדש גזירות אויף אידן. ער זעט דאָך אז מען יאָגט נאָר די וואָס לערנען די תורה, אָבער די וועלכע ווארפן אַראָפּ פון זיך די תורה, און נאָכמער זיי מאַכן נאָך שפּאַס פון די וואָס האַלטן זיך אין דער תורה און האַלטן זיך קליגער, פאר די לומדים, די לייט דאַרף דאָך גוט זיין, זיי דאַרפן דאָך פריי זיין פון די גזירות. עס איז אָבער ניט אזוי, אין דער צייט פון גזירות, אז דער וואָס רופט זיך נאָר מיט דעם נאָמען איד מיט דעם גרעסטן רב, שטייען אין איין שטאַנד.

ווי די גמרא אין ברכות זאָגט: עס איז ארויס אַ גזירה ניט צו לאָזן לערנען אידן קיין תורה. האָט רבי עקיבא צונויפגעקליבן

קאַמפּאַניעס און האָט געלערנט תורה ברבים. צו דער צייט איז געוועזן איינער מיטן נאָמען פּפוס בן יהודה. האָט דאָס אים געקריינקט פאַרוואָס רבי עקיבא הויבט אָן מיט דער מלוכה, מיט מסירת נפש דאַרף מען ניט לערנען, אין געגנטייל, אַז מיר וועלן מיט זיי מיט־מאַכן וועט אונז בעסער זיין. ער האָט גאָר רבי עקיבא'ן ווי מבטל געוועזן, ער האָט אים אפילו קיין רבי ניט גערופן. ער זאָגט צו אים: עקיבא, דו האָסט גאָר קיין מורא פאַר די רעגירונג? ענטפערט אים רבי עקיבא: איך וועל דיר זאָגן א משל: דער פוקס איז געגאַנגען ארום דעם טייך, האָט ער געזען ווי די פיש קלייבן זיך קאַמפּאַניעס און לויפן ארום פון איין אָרט צום צווייטן. פרעגט ער זיי: וואָרום לויפט איר? זאָגן זיי: מיר לויפן פון די נעצן וואָס מענשן פאַר־שפּרייטן אויף אונז. זאָגט ער זיי: אויב איר ווילט, גייט ארויס פון וואַסער אויף דער יבשה, וועלן מיר לעבן צוזאַמען ווי אונזערע עלטערן האָבן געלעבט. ענטפערן אים די פיש: דו ביזט דאָס דער וואָס מען זאָגט אויף דיר, דער קליגסטער פון די חיות? דו ביזט גאָר דער נאַרישער פון די חיות און פון אלע. ווען אַז מיר האָבן מורא פאַר דעם טויט אין דעם אָרט פון אונזער לעבן, אין וואַסער, איז דאָך געוויס אַז אין דעם אָרט וואו מיר קענען ניט לעבן וועלן מיר דאָך געוויס שטאַרבן. די זעלבע זאַך, ווען אין דער צייט וואָס מיר זיינען עוסק אין דער תורה וואָס ביי דעם שטייט, כי הם חיינו ואורך ימינו, קומט אויף אונז גזירות, ווען מיר וועלן מבטל זיין פון לערנען, זיינען מיר דאָך געוויס ניט זיכער מיט אונזער לעבן. עס האָט ניט לאַנג גענומען און מען האָט רבי עקיבא'ן פעסט גע־נומען און געבונדן און געזעצט אין פעסטונג. מיט דער צייט האָט מע דעם זעלבן פּפוס'ן אויך געבראַכט אין פעסטונג און געזעצט לעבן רבי עקיבא'ן. דאָ פרעגט רבי עקיבא: נו פּפוס, וואָס זאָגסטו היינט? מיר קומט, איך האָב דאָס פאַרדינט, איך האָב דאָך גע־לערנט, אָבער וואָס טוסטו דאָ? אוי! — זאָגט פּפוס — וואָיל איז דיר רבי עקבי (דאָ רופט ער אים שוין רבי), וואָס דו זיצט איבער תורה, ווייי איז מיר פּפוס, וואָס איך זיץ איבער דברים בטלים.

ודברת בם וגו' ובשכבך ובקומך.

די מצות עשה איז, צו לייענען קריאת שמע אין דער פרי און ביינאַכט. קריאת שמע הייסט די 3 פרשיות, שמע, והיה אם שמוע און ויאמר.

אין שמע ווערט גערעדט וועגן אהבת השם, ווי צו ליבן ג-ט ב"ה. אין והיה אם שמוע ווערט גערעדט וועגן תורה און מצות. אין ויאמר ווערט גערעדט וועגן יציאת מצרים און צו דערמאָנען זיך אויף אלע מצות.

די צייט פון קריאת שמע, לייענען אין דער פרי איז פון ווען עס ווערט טאָג ביז 3 שעה אויף דעם טאָג. ווייל דער טאָג רעכנט זיך אימער 12 שעה פון מאָרגנשטערן אויפגאַנג ביז שטערן ארויסגאַנג. דער זמן קריאת שמע אָווענד, איז פון דער צייט וואָס גייט ארוים די שטערן ביז ענדע נאַכט. נאָר די חכמים האָבן געמאַכט א געזעצטע אָפּגעשטעלטע צייט, ביז האַלבע נאַכט זאָל זיין אָפּגעדאַווענט מעריב מיט קריאת שמע. נאָר אז עס האָט זיך געמאַכט דאָס ער האָט ניט געדאַווענט קיין מעריב ביז האַלבע נאַכט מעג ער דאַווענען נאָך האַלבע נאַכט אויך.

אויך לייענט מען קריאת שמע פאַר דעם לייגן שלאָפן. אין די סידורים שטייט המפיל פאַר קריאת שמע. גלייכער איז אָבער, מען זאָל אָפּזאָגן די גאַנצע קריאת שמע פון שמע ביז ענדע אדון עולם, און דערנאָך זאָגן המפיל, עס זאָל אויסקומען צו זאָגן המפיל באַלד פאַר דעם שלאָף.

דאָס לייענען קריאת שמע אין דער פרי און אָווענד דאַרף מען האָבן אַ כוונה יוצא צו זיין מצות קריאת שמע, דען דאָס איז דער כלל ביי אלע מצות דאַרף מען האָבען אַ כונה יוצא צו זיין די מצוה. דעם פסוק שמע ישראל טאָר מען ניט זאָגן ארומגייענדיק. אז מען האָט ניט מכוון געווען אין פסוק שמע ישראל מוז מען איבער זאָגן. אין „שם" דאַרף מען טראַכטן: „היה" ער איז געווען, „הוה" ער איז, „יהיה" ער וועט זיין, אין אחד דאַרף מען מאריך זיין צו טראַכטן דעם געדאַנק דאָס ג-ט ב"ה קעניגט אויף די 7 הימלען און אויף דער ערד און אויף די 4 זייטן וועלט, און מען איז פאַרטיג צו אלע צייטן צו מסירת הנפש. דעם זיין פון וואָרט תזכרו דאַרף מען דריקן, עס זאָל ניט אויסזען ווי געזאָגט תשכרו דאָס הייסט אז מען וויל שכר, דען מען דאַרף דינען דעם הייליגן באַשעפער ב"ה שלא ע"מ לקבל פרס. די ווערטער וואָס פאַנגט זיך אָן מיט דעם זעלבן אות ווי עס ענדיקט זיך דער פריערדיגער וואָרט: צב"ש על לבבך, ואבדתם מהרה, אדער איין וואָרט ענדיקט זיך מיט אַ מ', און דער צווייטער

ווארט פאנגט זיך אָן מיט אַן א', צב"ש ושמתם את, דאַרף מען היטן דאס יעדער ווארט זאל קענטיג זיין בעזונדער, ווארום אויב מען זאגט די ווערטער צוזאמען קאן אויסקומען אַן אנדער געדאַנק, צב"ש, ושמתם את זעט אוים ווי געזאגט ושמת-מת, אדער אז מען זאל זאגן צוזאמען די ווערטער על לבבך האט דאס קיין געדאַנק, עס זעט אוים ווי געזאגט על-בבך אדער אנדערע ווערטער אין דעם אופן. דארום דאַרף מען היטן נים צו זאָגן קיין 2 ווערטער צוזאמען.

די גמרא זאגט: ווער עס איז מדקדק אין די אותיות פון קריאת שמע קילט מען אים אפ דעם גיהנם. ווידער זאגט די גמרא: דער וואס לייענט קריאת שמע בכוונה, איז ער מנצח דעם יצר הרע. דארום קאן מען זאָגן, איז אָפגעשטעלט צו לייענען קריאת שמע פרי און אָוועגד, אזוי ווי דער מענטש יאגט זיך אימער נאָך די קערפערליכע תאות דארף ער האבן עס זאל אים דערמאנען דאס ער איז אַ איד. אלזא, ווען מען זאל לייענען אין דער פרי קריאת שמע בכונה איז דאס געגוג אויף דעם גאנצן טאָג, דארום מוז מען האלטן פעסט אין די געדאנקען פון קריאת שמע, ווייל די זאך וועלכע מען טוט מיט אַ געדאַנק געדיינקט מען דאס עס זאל מאכן אַ איינדרוק צו טאָן.

ווען אַ איד זאָל טאַקע באמת זאָגן בכונה ובשמחה ובאימה וביראה וברתת ובזיע די קריאת שמע וואלט אויף אים געווים ווירקן ווי נויטיג האט בכח איבער צו ברעכן די נאטור פון יצר הרע. [נצחו מוטב ואם לאו יקרא ק"ש, פי' יקרא בכונה יתירה ודאי יועיל].

מען דארף היטן דעם זמן פון קריאת שמע ווייל פאר אונז מענטשן האט דער בורא יתברך אפגעשטעלט דעם זמן צו היטן, אזוי ווי עס ווערט געהיט דער זמן פון שבת, יום טוב און יום כפור. די זעלבע זאך איז דער זמן ק"ש. נאָך די אפגעשטעלטע צייט איז אזוי ווי מען בענטשט אתרוג אום חנוכה, אדער מען בלאזט שופר סוכות. פארשטען קען מען דאס מיט אַ משל, די קייזערליכע אסיגנאציע איז געלט, עס איז אָבער דאָ אַ אופן וואָס דער בילעט גילט גאר ניט, דהיינו אין די צייט וואס מען דארף זיי איבערבייטן. איז מען פריער מודיע, דער וואס האט בילעטן זאל אויסבייטן

ביז דעם אָפּגעשטעלטן טאָג. די קלוגע די פּאָרזיכטיגע כאַפּן און בייטן אוים וואם פריער, די נארישע פראםטע מענטשן, דוכט זיך אוים ווי באלד אז עס איז דאָ דעם קייזערם אונטערשריפט ביין איך זיכער. די זעלבע איז דאם אויך, דער פראםטער מענטש מיינט ווי נאר ער שרייט אחד איז גוט. אבער נאך די צייט הייסט דאם דער בילעט גילט ניט אפילו מיטן קייזערם חתימה.

וקשרתם לאות על ידיך, והיו לטוטפות בין עיניך.

די צוויי מצות עשה'ם זיינען: 1) צו לייגן תפילין אויף די לינקע האנט [ידכה יד כהה], 2) צו לייגן תפילין אויף דעם קאָפּ.

דעם של יד דארף מען לייגן העכער פון עלנבויגן אין דעם ארט וואו די פלייש איז הויך, מען דארף זיך היטן ניט צו לייגן צו נאָענט צום עלנבויגן, דער גאַנצער של יד דארף ליגן נאָר אויף די גראבע פלייש, און עס זאל זיין עטוואס אויסגעבויגן בכדי עס זאל אויסקומען נעהנטער צום הארצן. דער קשר פון של יד דארף זיך ניט אפרוקן פון מעברתא (דאם איז דער דעק פון בית), אפילו בעת עס ליגט אין תפילין זעקל (אזוי זאגט דער זהר הקדוש). דער ארט פון של ראש זאל זיך ענדיקן ניט נידעריקער פון דעם אָרט וואָס וואַקסט האָר איבער דעם שטערן, דער קשר פון של ראש דארף ליגן הינטן אויף דעם ביין פון אקין העכער פון דעם גריבל.

די תפילין דארף זיין עכט 4 קאנטיק אויבן און דער דעק אויף וואס דער בית זיצט, ד"ה „מעברתא", און די תפירות דארף זיין אלעם 4 קאנטיק. דער של ראש דארף זיין פאנאנדער געשייד די 4 בתים. אלע דינים ווי צו מאכן די תפילין און די רצועות און ווי צו שרייבן די פרשיות, איז ידוע צו סופרים.

מען דארף אכטונג געבן עס זאל זיך ניט איבערקערן די רצועות אויף דער לינקער זייט, ווען עס רייסט זיך איין די תפירות פון די תפילין אדער די רצועה ווייניגער די גרוים פון אַ גערשט טאָר מען ניט צו נייען, און אַז עס האָט נאָך דעם שיעור ווי די גרוים פון אַ גערשט מאָג מען צו נייען די רצועות. אנדערע האבן אַ טעות אַז עס רייסט זיך איין די רצועות נייען זיי צונויף אַן אַ

סופר, איז דאס אַ עון פלילי ווייל עס איז אין דעם דינים וועלכע עס איז ניט ידוע צו אַלעמען, עס קאָן גאָר זיין חלילה מען זאָל צונויף נייען מיט פאדים קאן מען חלילה לייגן פסול׳ע תפילין. מען דארף אכטונג געבן אויף די תפילין און די רצועות אויב זיי זיינען קאליע געווארן נאך דעם דין ווי זיי דארפן זיין אזוי ווי מיר האבן אויבן גערעדט דעם שיעור. איבערהויפט דארף מען אכטונג געבן אויף די ווינקלען פון די בתים זיי זאלן זיין קאנטיק. 2 מאָל אין 7 יאר דארף מען איבער זען די פרשה׳ס פון די תפילין אפשר זיינען זיי קאליע געווארן.

דער של ראש דארף זיין אָפגעדעקט מען זאָל אים קענען זען בעת מען גייט אין אים. דער של יד דארף זיין צוגעדעקט בעת מען גייט אין אים. מען טאר ניט מפסיק זיין צווישן לייגן דעם של יד מיט דעם של ראש אפילו צו ענטפערן אמן, און יהא שמיה רבא און קדושה און ברכו. נאר צוהערן און מכוין זיין. אפילו קיין וואונק טאָר מען אויך ניט טאָן.

דער לייגן די תפילין דארף זיין אזוי: מען לייגט אַרויף דעם של יד אויף דעם ארט ווי מיר האבן ערקלערט, און פאר דעם פארציען דעם קשר מאכט מען די ברכה להניח תפילין און מען פארציט באלד דעם קשר און מען וויקלט ארום די רצועות. און מען לייגט באלד דעם של ראש, און מען מאכט על מצות תפילין פאר דעם פארקוועצן די רצועות אויפן קאפ. נאך דעם ווי מען פארקוועצט מיט די רצועה זאגט מען „ברוך שם כבוד מלכותו לעולם ועד״ (כדי שלא יהא בשכמל״ו הפסק בין ברכה להידוק). דער נאך מאכט מען די כריכות אויף דעם מיטעלסטן פינגער און דעם שין אויפן האַנט.

די צייט פון לייגן תפילין איז ווי מען דערקענט אַ מענטשן ווייט 4 איילן וועלכע מען איז מיט אים עטוואס באקענט. די גרויסע האָר וואָס רופט זיך אַ צופ, הייסט עס אַ חציצה ביי תפילין (מחצית השקל סימן כ״ז ועיין בפמ״ג). בעת מען זאגט הנני מכוין, דארף מען האבן אַ כוונה יוצא צו זיין די מצוה פון תפילין ווי עס שטייט אין דעם לשם יחוד וואָס איז געדרוקט אין אַלע ספרדישע סדורים. א געלינקטער דארף לייגן אויף די רעכטע האנט ווייל דאָס איז זיין יד כהה. אַז ער שרייבט מיט דער רעכטע, ניט מיט

די לינקע דארף ער לייגן אזוי ווי אלע מענטשן. דער אר"י הקדוש זאגט אז אפילו א געלינקטער זאל אויך לייגן ווי אלע מענטשן. (הובא בשערי תשובה). די בתים דארפן זיין שווארץ, אבער דער וואס זוכט נאך בתים דוקא מיט א גלאנץ איז דאס א טעות, עס קאן נאך אמאל אויסקומען צו א ספק פון פסול, אויב דער גלאנץ איז דיק וועלכע מען קען אפשיילן, דארום איז פיל בעסער שווארצע אומגעגלאנצטע. (שו"ת נודע ביהודא).

די רצועות דארפן זיין געארבעט און געשווארצט לשמה, די רצועות דארפן זיין אימער שווארץ, אז עס גייט אפ דער שווארץ דארף מען איבערשווארצן. די ברייט פון רצועה דארף זיין ניט וויניקער ווי די לייגג פון א גערשט, אזוי ווי מיר האבן שוין פריער ערקלערט. מען טאר ניט מאכן פון דער רצועה של ראש א רצועה של יד, אבער פון של יד א רצועה של ראש מאג מען יע מאכן. אז עס פאלט אראפ דער של ראש ח"ו, דארף מען פאסטן. אז עס איז אים שווער דער פאסטן זאל ער דאס אויסלייזן מיט צדקה, היינו ער זאל געבן וויפל דער עסן דארף אים קאסטן דעם טאג. תפילין דארף האבן א גוף נקי, דארום פאר דעם לייגן תפילין דארף מען זיך בודק זיין אויב מען האט צו מענטשליכן געברויך, און היטן זיך פון מיאוסע געדאנקען רח"ל, ניט עסן און ניט שלאפן אין זיי (ויזהר שלא יפיח חלילה בתפילין).

מצות תפילין איז א מצוה וועלכע די גאנצע תורה איז צו איר געגליכן. דער וואס לייגט ניט קיין תפילין הייסט ער א פושעי ישראל בגופו, דער וואס לייגט פסולע תפילין איז אויסער וואס ער איז ניט מקיים די מצוה האט ער נאך אויף זיך דעם עונש פון מאכן א ברכה לבטלה, אויף יעדער מאל לייגן. דארום דארף יעדער איד אין דער מצוה זער פארזיכטיג זיין אין אלע פרטים. ראשית דארף מען קויפן תפילין בא א סופר מומחה און א ירא שמים די רצועות זאל מען ווימן אז עס איז געארבעט לשמה. בעוונותינו הרבים קוקט נאר די וועלט אויף דעם ניט, מען קויפט נאר א נאמען תפילין וועלכע נאך דעם פרייז איז צו פארשטען. אז עס איז אונמעגליך צו גלויבן אז די בתים און די רצועות און די פרשיות זאלן זיין געשריבן און געארבעט נאך דעם דין נאך. עס ווערט אזעלכע תפילין גע־מאכט ווי אלע פארשידענע ארבעט וועלכע א פאבריק מאכט, אוי לאותה בושה. א בגד פאר זיך צי פאר די הויז פאמיליע זוכט

מען וואס שענער און בעסער, וועלכע אלע יאר דארף מען האבן א אנדער בגד, און תפילין איז גענוג איין פאר אויף יארן לאנג הארט דאס גאר ניט.

דער שיעור פון תפילין איז ווי די ברייט פון 2 פינגער אויף 2 פינגער. די מעברתא עטוואס גרעסער מאכט אויך ניט אוים, אבער די וואס טראגן גאר גרויסע תפילין, די דיינקען דאמיט צו זיין א מהדר במצות, לא די וואס דאס איז ניט קיין הידור מצוה, גיכער פארשפילן זיי אין גאנצן די מצוה ווארום עס איז אונמעגליך די תפילין זאלן ליגן אויף איין ארט, הייסט דאס ניט געלייגט קיין תפילין. און דאס רופט זיך קרקפתא דלא מנח תפילין (די קאפ וואס לייגט קיין תפילין), און מען גייט חלילה ארונטער דעם כלל פון פושע ישראל בגופן, ווי עס איז ערקלערט אין ספר „חבש פאר" פון הגאון מבויסק, דארום דארף יעדער פארהיטן די מניעות וואס דורך דעם ליגן ניט די תפילין אויף איין ארט: 1) ניט טראגן קיין צו גרויסע תפילין. 2) ניט טראגן קיין גרויסע האר. 3) נאך דעם אפשערן זיך צורעכט מאכן דעם קשר. 4) אפט מאל ווערט גרעסער ווייל די רצועה ציט זיך אוים. דאס גלייכן ווינטער ווייל מען גייט שווער אנגעקליידעט, איז שווער דער ארויסרוקן דעם ארבל פון בגד און מען פוילט זיך אויסטאן דעם ארבל פון בגד, לייגט מען דעם של יד נידעריגער ווי אויף די גראבע פלייש, הייסט דאס ניט געלייגט קיין תפילין, און מען מאכט נאך א ברכה לבטלה. דאס גלייכן איז שווער צו לייגן אויף אזא ארט א גרויסן של יד. אז מען איז אונטערוועגינס זאל מען מיטנעמען תפילין ווייל עס איז געוויינליך שווער עס זאל פאסן די מאס פון געליענע תפילין.

דער רבינו יונה זאגט: ווען א איד איז מחויב צו העלפן דעם צווייטן אין א טובה וואס איז נוגע אין קערפערליכע זאכן איז דאך געווים אז עס איז אים מחויב צו העלפן אין דער זאך וואס איז נוגע צום נפש. לכן ווי מיר האבן דא ערקלערט קאן א איד און אפילו א פרומער איד ניט ווילעדנדיק נכשל ווערן און בלייבן ניט געלייגט קיין תפילין. דארום איז א חוב קדוש אויף יעדער איד ער זאל זיך אויסלערנען מאכן א קשר של ראש, בכדי אז עס וועט אים פארקומען זאל ער קענען פארריכטן פאר זיך אדער פאר דעם צווייטן. ווייל אן דעם קשר ווענדט זיך דער של ראש זאל ליגן ריכטיג אויף זיין ארט.

דארום איז צו טיילט דער של ראש אין 4 בתים יעדער פרשה ליגט אין א באזונדער בית, און דער של יד ליגן אלע פרשיות אין איין בית. אין א מענטש איז דא 5 חושים: 1) חוש הראיה (זען), 2) חוש השמיעה (הערן); 3) חוש הריח (שמעקן); 4) חוש הטעם (שפירונג). דאס זיינען די פיר עפענונגען וואס גיט ארוים די נערוון פון מוח צו די אויגן, צו די אויערן צום נאז צום גומען. דער 5טער חוש הייסט חוש המישוש (טאפן) זיין קוועלע איז אין הארצן און פון הארץ פארשפרייט זיך אויף די 4 ערטער. און ווייל די תפילין ווייזט דאך משעבד צו זיין די חושים צו השי"ת, דהיינו דער חוש הראיה ניט קוקן וואו מען טאר ניט, דער חוש השמיעה, ניט הערן וואס מען טאר ניט, און דאס גלייכן אלע חושים, דארום איז דער של ראש 4 בתים אזוי ווי די 4 חושים גייען אריין אין מוח דורך באזונדערע עפענונגען. און אין של יד איין בית, אזוי ווי דער חוש המישוש גייט אריין אין הארצן דורך איין עפענונג, דארום קאן מען זאגן בינדט מען די הענט ארום מיט 7 כריכות איז דאס געגן 7 נעמען פון יצר הרע פון זיינע 7 מדות רעות רח"ל, בינדט מען זיך ארום צו ווייזן מען זאל בינדן די בייזע תאות וועלכע דער מענטש ציט זיך נאך דעם פון דער יוגנט וואס שטערט דעם מענטש פון גוטעם חסרון אמונה און בטחון דארום וויקעלדיג טראכט מען פותח את ידיך ומשביע לכל חי רצון, צו ווסן אז דער מענטש לעבט און ווערט געשפייזט נאר פון רצון הבורא יתברך. אפילו די טובה וואס מען באקומט פון א מענטשן איז דאס אויך רצון הבורא יתברך שמו, וואס דער הייליגער באשעפער ב"ה וב"ש האט אין יענעם אריינגעבן דעם רצון ער זאל טאן די טובה. ממילא איז דאך אומזיסט דער נאך יאגן נאך שלעכטעס, אז עס ווענד זיך נאר אין רצון הבורא יתברך שמו לעד ולנ"נ.

וכתבתם על מזוזות ביתך ובשעריך.

די מצות עשה איז, אנצושלאגן א מזוזה, אויף דעם אוסאק פון הייזער און טויערן. אין די מזוזה איז געשריבן די 2 פרשיות: שמע און והיה אם שמוע. די מזוזה לייגט מען אריין אין א שיידל. אויף דעם ארט פון שם שדי וואס איז אנגעשריבן אויף דעם צווייטן זייט דארף מען ארויף לייגן א גלעזל (בחידושי רבי עקיבא איגר), בכדי מען זאל חס ושלום ניט אנמעקן דעם הייליגן שם. און מען

שלאָגט אָן די מזוזה פון אויבן און פון אונטן. מען דאַרף פאַרזיכטיג זיין ניט אריין שלאָגן חלילה אין די ווערטער. אַנדערע לייגן אריין די מזוזה אין אַ פאַפירענעם שיידל איז ניט זייער גלייך, וואָרום דער פאַפיר ציט אָן נעץ ווערט פון דעם גאַנץ לייכט פסול די מזוזה, דאָרום איז פיל גלייכער אין אַ הילצערנער שיידל, ניט אין אַ בלעכענעם שיידל, דען בלעך איז מקצר דעם מענטשנס יאָרן און די מזוזה איז מאריך ימים, (וכדי שלא יניף מקצר על המאריך בשם הבעש"ט הקדוש זי"ע).

דער רעכט איז אז די מזוזה זאל זיין הארט צום אוסאק צו געלייגט (בחידושי רבי עקיבא איגר), דאס הייסט צווישן די מזוזה מיט דעם אוסק זאָל גאר ניט ליגן, דאָרום זאָל דאָס שיידל זיין צום זייט פון אוסק. פאר דעם אנשלאגן די מזוזה מאַכט מען אַ ברכה בא"י אמ"ה אקב"ו לקבוע מזוזה. אין די בית אַ דגש. דער אָנשלאָגן די מזוזה דאַרף זיין אין אויבערשטן דריטל פון אוסק נאָר אפגערוקט פון אויבערשטן אוסק אַ טפח (פויסט). אויב מען שלאָגט אָפּ די מזוזה אין אויבערשטן טפח, דאַרף מען איבערשלאָגן נידעריגער, אבער אָן אַ ברכה. אויב מען האָט אפגעשלאָגן די מזוזה אין די אונטערשטע 2 דריטל דאַרף מען איבער שלאָגן העכער מיט אַ ברכה, (הח"א פוסק בלא ברכה והקצש"ע תמה עליו). מען קאָן די מזוזה אריין לאָזן אין אוסק אויך אבער ניט טיף נאָר פון אויבן און מאַכן אַ קאַנט וואו די מזוזה ליגט. די מזוזה דאַרף מען אנשלאגן אויף דעם אוסק אין רעכטן זייט פון אריינגאנג. אויב מען שלאָגט איר אין דער לינקער זייט דאַרף מען איבער שלאָגן אין רעכטער זייט מיט אַ ברכה.

די מזוזה דאַרף מען אנשלאגן עטוואס קרימלעך צום אינוויי־ניגסטן זייט, אויב דער אוסאק איז אַ שמאָלער קאָן מען שטעלן די מזוזה שטייענדיק. אַ הויז פון פיל צימערן דאַרף יעדער צימער האָבן אַ בעזונדערע מזוזה, אפילו אז די צימערן האבן ניט קיין טירן אין דעם זעלבן הויז. וויפל מזוזות מען שלאָגט אָן איז מען יוצא מיט איין ברכה. אויף גאניקעס דאַרף מען פרעגן אַ שאלה, וועגן אַ מזוזה אָנשלאָגן. טויערן און טירלעך פון הויף זיינען חייב אין מזוזה.

טויערן און דערביי איז דאָ אַ קליינע טירל צום אריינגאנג, (והוא שיש ביניהם עמוד רחב טפח), דאַרף מען אנשלאגן אַ מזוזה

מיט א ברכה. שטאלן פון האלץ, שפייכלערס, קראמען און קלייטן, זיינען חייב אין מזוזה. אנדערש איז מען ניט חייב במזוזה, סיידן אז די שטייענדע אוסיקעס האלטן 10 טפחים און איבער זיי איז דא א אריבער געלייגטע אוסק. ווען דער אויבערשטער אוסק איז קיילעכדיק אדער די ווענט דינט פאר א אוסק דארף מען פרעגן א שאלה ווי צו טאן.

עס איז דא אין מצות מזוזה פיל חלוקי דינים, דארום ווער עס איז ניט בקי אין די דינים פון הלכות מזוזה זאל ער פרעגן א למדן פאר דעם אנשלאגן די מזוזה, ווייל עס איז דא פיל ערטער וואס איז גאר פטור פון מזוזה, אדער זי איז אפילו חייב במזוזה נאר אן א ברכה.

דער חוב פון מזוזה איז אויף דעם וואס וואינט דארט. פאר דעם ארויסגאנג פון א דירה וועלכע נאך אים גייט אריין א איד, טאר מען ניט אראפ נעמען די מזוזות נאר דער וואס ציט זיך אריין דארף אפצאלן פאר די מזוזות.

די גמרא זאגט: איינער האט אראפגענומען די מזוזות פאר זיין ארויסגאנג פון זיין שטוב, איז ביי אים די פרוי און 2 קינדער געשטארבן. 2 מאל אין 7 יאר מוז מען איבערזען די מזוזות.

די גמרא (ירושלמי פאה) דערציילט, איינער א גביר מיט זיין נאמען ארטבן האט געשיקט צו רבין (דאס איז רבי יהודה הנשיא וואס האט מסדר געווען דעם משניות), א טייערן בריליאנט א מתנה, האט אים רבי אפ געשיקט א מזוזה. פרעגט אים ארטבן איך האב אייך געשיקט אזוי א טייערע מתנה, און איר שיקט מיר אפ א מזוזה וועלכעס מען באקומט דאס נאר פאר קליינע קליין געלט? ענטפערט אים רבי, מיין פארמאג און דיין פארמאג איז נישט אימשטאנד אפצוצאלן די ווערדע פון מזוזה, ווייל אונזער רייכטום מוזן מיר היטן און די מזוזה היט אונז (בשכבך תשמור עליך), דער ארטבן איז ניט געווען צופרידן מיט רבי'ס ענטפער. ווי געוויינליך די וואס האלטן זיך פאר קלוג צי די געלט מאכט זיי קלוג, אדער זיי האלטן זיך געבילדעט ווילן זיי ניט גלויבן און היטן מצות (רח"ל), תהלים אדער צדקה און אנדערע סגולות פון די חכמים זאלן קענען העלפן קערפערליך. האט אים רבי געוואלט זיין מתנה

אַפּשיקן צוריק. מיט אַ צייט איז זיין איינציגע טאָכטער שלאָף געוואָרן צום שטאַרבן (שאילתות פרשת עקב) האָט ער זיך מתודה געווען אַז ער ווערט געשטראָפט ווייל ער האָט גרינג געהאַלטן מצות מזוזה. אזוי, צב"ש די היינטיגע פרייע גבירים וואָס אַלע פיינקייט אפילו מען טאָר ניט, פוצט מען די הייזער, מען שטעלט אוים אין די קאָרידאָרן אויף די אויוונס פיגורן פון מענטשן, וועלכע דאָס איז אַ איסור פון געצענדינסט. און די טייערע מזוזה מיט איר הייליגע ערקלערונג וואָס דאָס איז דער אידישער הערב דאָס ברויכט מען ניט. אוי זאָגט ארטבן ווי ריכטיג איז די רייד פון רבינו הקדוש, אַז ניט די מזוזה היט פון אַלע אונגליקן ווי די גמרא בריינגט (בעון מזוזה בנים מתים כשהם קטנים), ער האָט אָנגעשלאָגן די מזוזה, די טאָכטער איז גיזונט געוואָרן. און האָט גענומען אויף זיך צו זיין אַ בודק מזוזות (במס' יומא דף כ"א).

בא אַ טייל מענטשן איז איינגערעדט אַז די מזוזה איז נאָר צו פאַרהיטן פון מזיקין, דאָס איז אַ טעות דער עיקר איז מזוזה אַ מצוה וועלכע יעדער איד איז מחויב צו האָבן אָנגעשלאָגן ביי זיך אין הויז. און פון מזיקין היט דאָס אויך. עס איז פיל צו ריידן וועגן דעם געדאַנק פון מזוזה נאָר איין ערקלערונג וועלן מיר בריינגן וועלכעס איז זייער נויטיג. אויף דעם אנדערע זייט פון מזוזה איז אָנגעשריבן דער שם שד"י. וואָס איז נאָר דער שם אָנגעשריבן? דער שם איז אַ ראשי תיבות „שאמר לעולמו די" ווען דער הייליגער באַשעפער האָט באַשאַפן די וועלט האָט ער דאָך געקאָנט באַשאַפן ווערן גאָר אָן אַ ברעג, דאָך האָט ער פרייטיג פאַר נאַכט . פאַרענדיגט און האָט געזאָגט „די" גענוג, די וועלט זאָל אַ גרענעץ האָבן. דער מענטש הייסט אַ עולם קטן, אַ קליין וועלטל ווי מיר האָבן ערקלערט אין דעם ספר אין דער הקדמה, זאָל דער מענטש אויך אַזוי פירן. ווען זיינע רוחות הויבן זיך אָן צו שפרייטן זיין אויג וואַרפט ווייט, זיין האַרץ גלוסט נאָך און נאָך, נאָך געלט נאָך גישעפטן נאָך הייזער, נאָך פאַרגעניגן עס טרייבט אים, עס יאָגט אים, ער האָט ניט קיין טעג, ניט קיין נעכט ביז עס נעמט צו פון אים זיין קראַפט און פאַרשטאַנד און פאַרגעסט גאָר אין גאַנצן, און דיינקט אַז די וועלט איז אַ אייביקע, זאָל ער זיך אין מיטן אָפּהאַלטן און דערלאַנגען אַ געשריי „די!" גענוג! פאַרדינען אַ דאָלער דאַרף מען אָבער איבעריגם צו פיל

און בפרט וועלכע ניט כשר איז דארף ער אָנשרייען אויף דעם געלט, גאַנץ געווג, האַלט, יעדער זאַך מוז אַ גרענעץ האָבן, יעדער מענטש דאַרף היטן זיין געשעפט, דער וואָס היט קיין געשעפט איז ער קיין מענטש ניט, עס איז אָבער אויף אַלעם אַ צייט, מען דאַרף זיך אויך היטן די אָפּגעשטעלטע צייטן פון דאַוונען פון לער־נען, פון אַ אידישן ספר האַלטן, אָדער אַריינציען דעם געשעפט אין פרייטיג אָדער ערב יום טוב שפעט, ווען אויך עס קאָן אים פאַרקומען די גרעסטע לייזונג זאָל ער אין מיטן אָפּהאַלטן און געבן אַ געשריי „די" געווג, עס איז שבת עס איז יו"ט, די מענטשן וועלכע האָבן אַ נאַטור צו פאַרברייננגען אין פאַרגעניגן, מיט אַ צייט, מיט אַ מאָס, נאָך דעם דין נאָך, שאַדט קיין זאַך ניט. ווען ער זעט אָבער עס ציט אים אריין איבער די צייט, איבער די מאָס, זאָל ער זיך אָפּהאַלטן און זאָגן „די", געווג.

דארום איז דאָ אויף דעם אַנדער זייט אָנגעשריבן דער היי־ליגער שם שד"י, דער מענטש זאָל זיך דערמאָנען אַלע צייט ווען ער גייט אַריין און ווען ער גייט אַרויס פון הויז האָבן דעם געדאַנק ווי מיר האָבן ערקלערט.

אַלזאָ איז די מזוזה אַ ריכטיגע וואַך ביי די טיר ער זאָל אַרויסגיין אין גאַס מיטן געדאַנק צו זיין ערליך, און ווען ער קומט אַריין פון גאַס זאָל ער ניט אַריין ציען אין הויז דעם שלעכטן ווינט פון גאַס דורך די שלעכטע מענטשן.

די גמרא אין ע"ז דערציילט: אונקלוס הגר, דער וואָס מיר האָבן פון אים דעם הייליגן תרגום אונקלוס, ער איז געווען אַ פלימעניק פון רוימישן קעניג, האָט די מוטער געשיקט צו אים וויכטיגע מענטשן אים איבערצורייד ער זאָל זיך צוריק קערן, אויב ניט זאָלן זיי אים אַרעסטירן. קורץ אין געגנטייל, ער האָט זיי אי־בערגערעדט, האָט זי זיך מיישב געווען און געשיקט אַ שר מיט אנשי חיל און פאַרזאָגט זיי זאָלן מיט אים ניט האַלטן קיין דיספוטן און אים אַריין זעצן אין אַ קאַרעטע און ברייננגען. דער שר האָט אַזוי געטאָן, קומענדיג צום טיר לייגט אונקלוס אַרויף זיין האַנט אויף די מזוזה און זאָגט ה' ישמר צאתי ובואי וגו', ווייל ער איז שוין געווען אַ פאָלנער איד. דער שר איז געבליבן שטיין פאַרוואונדערט, וואָס באַדייט דאָס? אויב זיי פאַרלאַנגען, זאָגט אונקלוס, בין איך

גרייט זיי צו ערקלערן. פון גרוים התפעלות ווי אונקלוס האָט אים ערקלערט האָט ער פאַרגעסן זיין באַפעל, און האָט אים אונקלוס'ן געלאָזן צורו, ווייל ער האָט פאַרשטאַנען ווי גערעכט אונקלוס איז.

נאָך די אַלע ערקלערונג איז צו פאַרשטיין ווי וויט מען דאַרף פאַרזיכטיג זיין אין מצות מזוזה, דען דאָס איז אַ שטענדיגע מצוה, ווען מען גייט אריין און מען גייט ארוים דערמאָנט מען זיך אָן דעם געדאַנק וואָס אין דער מזוזה איז געשריבן, אַז עס איז דאָ אַ איינציגער באַשעפער וואָס ער איז אַ מלך יחיד ומיוחד, און מען דאַרף אים ליבן מיט דעם גאַנצן האַרץ, און מיט די גאַנצע זעלע און מיט דעם גאַנצן פאַרמעגן, וועט מען שוין ניט וועלן זיין פאַריאָגט נאָך הבלי הזמן, און מען וועט גיין אין די ריכטיגע וועג, האַנדלען ערליך, פירן די הויז אידיש, ווי די גמרא זאָגט: דער וואָס טראָגט תפילין אויף זיין קאָפּ, ציצית אין בגד, אַ מזוזה אין טיר איז ער מוחזק אַז ער וועט ניט זינדיגן, דען זיי דערמאָנען אים, זיי הייסן מלאכים וואָס זיינען דעם מענטשן מציל פון אַ חטא. אויף דעם זאָגט דוד המלך ע"ה, חונה מלאך ה' סביב ליראיו ויחלצם. עס רוט אַ מלאך ארום דעם פרומען און ער ראַטעוועט אים. נאָך די ערקלערונג ווי גרוים עס איז די מצות מזוזה דאַרף מען נאָכזוכן די מזוזה זאָל זיין מיט מער הידור געשריבן. ווי שעמט מען זיך ניט אָנצוזען, ווי אויף די הויז זוכט מען נאָך יעדער זאַך וואָס שענער און וואָס בעסער, און מען זשאַלעוועט ניט קיין געלט און קיין מיה, און אַ מזוזה וויל מען פטר'ן נאָר ווי עס זאָל ביליג קאָסטן, וואָס נאָך דעם פרייז איז גאָר ניט צו גלויבן אַז די מזוזה איז כשר געשריבן ווי דער דין איז. אַלזאָ ווער עס וויל מקיים זיין ריכטיג די גרויסע מצות מזוזה זאָל קויפן אַ מזוזה ביי זיך אין הויז ביי אַ סופר אַ ערליכן איד און ניט שטיין אויף די עטליכע סענט וואָס דאַרף קאָסטן טייערער.

לא תנסו את ה' אלוקיכם.

די מצות לא תעשה איז, ניט צו פרובירן דעם אמת'ן נביא צופיל, נאָר ווען ער איז ביי אונז פאַררעכנט פאַר אַן ערליכער אידן, און האָט שוין 2 ביז 3 מאָל געזאָגט נביאות און עס איז געווען

ריכטיג איז ער באַגלויבט פאַר אַ נביא אמת און זאָגט ניט קיין אייגענע, אַלזאָ ווען מען פּרובירט אים איז פּיל גלייך ווי געפּרואווט ג-ט ב"ה וב"ש, דען ער איז דאָך מוחזק פאַר אַ שליח פון בורא יתברך שמו לעד ולנ"נ. און אַזוי איז געווען און איז נאָך היינט פון דעם הייליגן בעש"ט זי"ע ותלמידיו ותלמידי תלמידיו עד ביאת מלך המשיח איז צו גלויבן אין זיין רבין אז דער רבי איז דער נביא אמת, און וואָס דער זאָגט דאַרף זיין ביי דעם חסיד הייליג, און ער טאָר נישט מהרהר זיין אחריו, און דאָס איז טאַקע וואָס די חז"ל האָבן געזאָגט: כל המהרהר אחרי רבו כאלו מהרהר אחרי השכינה, אזוי ווי מיר האָבן פריער ערקלערט, און עס איז אַ מצוה אימער צו ריידן פון זיין רבינ'ס גוטע מעשים און פון אַלע צדיקים. דער בעל שם טוב הקדוש האָט געזאָגט: דער וואָס רעט פון די שבחים פון די צדיקים, איז אזוי גרויס ווי מעשה מרכבה (פלא יועץ). און דער רמב"ם רעכענט דאָס פון די מצות עשה פון ובו תדבקון, און דער עיקר איז התקשרות, זיך מקשר צו זיין אין זיין רבי'ן בלב ונפש מיט אמת'ע מסירת הנפש, איז טאַקע אלעם איינם וואָס דער רבי טוט איז אַזוי ווי דער תלמיד זיינער וואָלט געטאָן. און אַז ער איז מקושר צו אים אויף דער וועלט וועט ער געוויס זיין מקושר צו אים בעולם הבא בגן עדן.

אין דעם כלל פון דער מצוה איז, אז אַ מענטש זאָל ניט זאָגן, איך וועל טאָן מצות און פּרובירן זען אויב מיר וועט גוט זיין, אויסער ביי די מצוה פון מעשר מיט צדקה, קאָן מען יאָ פּרובירן, ווי דער נביא זאָגט אין ג-ט'ס נאָמען: פּרובירט מיר, זאָגט ג-ט ב"ה, אויב איך וועל אייך ניט עפענען די הימלען און וועל אייך מיט אַזויפיל גוטס באַלאָדן ביז איר וועט זעלבסט זאָגן איר האָט גינוג.

מען פאַרציילט פון אַ אדם גדול האָט ער אָנגעזאָגט בעפאַר ער האָט פאַרלאָזט זיין שטאָט און איז געגאַנגען פירן זיין רבנות אין אַ גרעסערע שטאָט, פאַר זיין אָפּרייזן, האָט ער זיי געזאָגט, איר ווילט מיר פאָלגן זאָלט איר היטן געבן אַ חומש, ד"ה אַ פינפטל פון גרונט קאַפּיטאַל, דהיינו נדן, ירושה, אַ געווינס, און אַ פינפטל פון ריווח. עס איז איינמאָל ביי דעם גדול פאַרפאַלן גע-

וואָרן אַ האַק, אַ ווירדע פון 3 גילדן, האָט מען אים אָנגעזאָגט, האָט ער געהייסן איבערזען די ביכער פון מעשר האָט מען געפונען אַ טעות אין חומש 3 גילדן, אין 2 טעג אַרום האָט מען געפונען די האַק.

החרם תחרים אותם.

די מצות עשה איז, דאָס די 7 פעלקער: כנעני, חתי, אמורי, פריזי, יבוסי און גרגשי, צו פאַרניכטן. ווייל זיי זיינען די ערשטע אָנפירערס פון געצענדינסט. אייגענטליך איז אַ פראַגע ווי אַזוי הייסט דאָס די תורה פאַרניכטן 7 נאַציאָנען? אונזער הייליגע גמרא ערקלערט אָבער די מצוה זייער ריכטיג. מיר פאַרהאָסן ניט קיין נאַציאָן וועלכע האַלטן די 7 מצות. 1) דינין, דאָס הייסט ריכטן די דינים ערליך. 2) ברכת השם, ניט לעסטערן ח"ו דעם בורא יתברך שמו לעד ולנ"נ. 3) עבודה זרה, ניט דינען קיין געצענדינסט. 4) גלוי עריות, ניט ברויכן קיין זנות. 5) שפיכת דמים, קיין בלוט ניט פאַרגיסן. 6) גזל, ניט באַרויבן. 7) אבר מן החי, ניט אָפשניידן קיין גלידער פון אַ לעבעדיגע זאַך און עסן. ווער עס היט ניט די 7 מצות איז ער גאָר אונטער דעם קלאַס מענטש ניט גערעכנט, און זייער פאַרדאָרבנקייט פאַראומגליקליכט מענטשן.

די גמרא ירושלמי (שבועות פ"ו) דערציילט: ביים פאַרטיליגן איז מיט אַ גרויס אָרדענונג צוגעגאַנגען. יהושע האָט אַריינגעשיקט 3 בריף צו די 7 פעלקער פאַר דעם איינעמען זיי, ווער עס וויל אַרויס פון די לאַנד מיט גוטן זאָל גיין, ווער עס וויל שלום שליסן נאָך די פונקטן נאָך, היינו אָננעמען די 7 מצות און צאָלן אַלע אָפגאָבן און זיין אונטערטאַנער, קען שלום שליסן. ווער עס וויל מלחמה האַלטן זאָל אַרויס אויף דער שטרייט. דער גרגשי איז אַרויס מיט גוטן פון די לאַנד נאָך אפריקא. אַ טייל פון די כנענים האָבן שלום געשלאָסן. מיט די איבעריגע האָט מען מלחמה געהאַלטן און מען האָט זיי פאַרטיליגט.

ולא תחנם.

די מצות לא תעשה איז, מען טאָר ניט מיט איין עכו"ם, קיין וואָהל־געפעליגקייט ניט טאָן. ניט שענקן קיין מתנות, ניט רימען זייערע זאַכען.

ולא תתחתן בם.

די מצות לא תעשה איז, ניט מתחתן זיין זיך מיט קיין פרעמדע נאַציאָנען. אויף זנות מיט זיי איז מען חייב איבער 4 עבירות: נדה, שפחה, זונה, גויה. די נביאים שילטן דעם מענטשן מיט כרת.

עקב

לא תחמוד כסף וזהב עליהם ולקחת לך. ולא תביא תועבה אל ביתך.

די 2 מצות ל"ת זיינען, 1) פון אַלעם וואָס איז געברויכט געוואָרן פאַר אַ צופוצונג צו דער ע"ז, טאָר מען פון דעם קיין הנאה האָבן. 2) ניט צו האָבן קיין הנאה פון ע"ז, און פון וואָס עס באַדינט צו דער ע"ז, און נאָר וואָס איז געמאַכט פון וועגן די ע"ז טאָר מען אַלעם קיין הנאה האָבן.

ואכלת ושבעת וברכת.

די מצות עשה איז, צו בענטשן נאָך דעם עסן אַז מען עסט נאָר אַ כזית פון געבאַקענע פון די 5 מינים: 1) ווייץ, 2) קאָרן, 3) גערשטן, 4) האָבער, 5) אָרקוס, (זה כוסמין), דאַרף מען בענטשן.

מען וואַשט זיך און מען מאַכט המוציא, און בענטשט 4 ברכות דאָס הייסט ברכת המזון. נשים זיינען אויך מחויב צו בענטשן. די גמרא זאָגט: ווען אַז די תורה הייסט מאַכן אַ ברכה ווען מען איז זאַט, איז דאָך געווים אַז מען דאַרף מאַכן אַ ברכה פריער אויף עסן און געטראַנק ווען מען איז הונגעריג.

אויך האָבן די חכמים מתקן געווען ברכות אויף עסן און געטראַנק נאָך דעם עסן אדער טרינקן, ד"ה ברכה אחרונה, און ברכות אויף מצות צב"ש, אויף תפילין, אויף ציצית, אויף אָנשלאָגן אַ מזוזה אויף די מצוה פון אתרוג און דאָס גלייכן ווי עס איז פיל ערקלערט אין אורח חיים.

מיר געפינען פאַר נויטיג צו פאַרברייטערן אין די דינים פון ברכות, אונזער ספר זאָל הייסן אַ כלי שלם. בעפאָר מיר שרייבן די דינים פון ברכות ברייגנען מיר די הייליגע ווערטער פון די חכמים אין מס' ברכות.

די גמרא זאָגט אַזוי: איין פסוק שטייט לה' הארץ ומלואה, דאָס הייסט די וועלט און אַלעם וואָס עס געפינט זיך אין איר געהער עס צום בורא יתברך, און אין נאָך אַ פסוק שטייט, והארץ

נתן לבני אדם, דאָס הייסט די וועלט איז אָפּגעגעבן צום מענטשן. איז דאָך אַ קשיא? ענטפערט די הייליגע גמרא אַזוי, די וועלט געהערט אַ וודאי צום בורא יתברך שמו לעד ולנ"נ, נאָר מיט דעם וואָס מען מאַכט די ברכה קויפט מען אָפּ די זאַך מען זאָל מעגן הנאה האָבן, דאַרום זאָגט די גמרא: דער וואָס עסט אָן אַ ברכה, גזל'ט ער דעם בורא יתברך, ווייל די ברכה הייסט דער געצאָלט פאַר די זאַך, און אַז מען נעמט אָן געצאָלט איז מען אַ גזלן, און גזל'ט די כנסת ישראל, ווייל דורך דעם קומט אַ קללה אויף די פרוכט.

די גמרא זאָגט אין שבת: ר' חייא בר אבא דערציילט ער איז געקומען אין דער שטאָט אדקיא, איז ער געווען אַ אורח ביי איינעם אַ קצב, וואָס ער האָט זוכה געווען צו זייער פיל רייכטום, ווייל ער האָט ערליך געהאַלטן דעם שבת. האָט ער געזען אַ גאָלדענעם טיש וועלכער עס טראָגן אים 16 מענטשן, צום טיש איז דאָ 16 זילבערנע קייטן, אין טיש איז אריין געזעצט פערשידענע געשיר, שיסלען, טעלער, גלעזער, טאַצן, און געגרייט דעם טיש, האָט מען געזאָגט לה' הארץ ומלואה, אַז מען האָט אַראָפּ גענומען פון טיש האָט מען געזאָגט השמים שמים לה' והארץ נתן לבני אדם. דאַרום האָבן די אנשי כנסת הגדולה (דאָס איז געווען 120 די גרעסטע לייט אין דער צייט פון עזרא הכהן), אונז מתקן געווען ברכות פאַר דעם עסן און טרינקן, און נאָך דעם. אַזוי ווי דער דרך ארץ איז, ווען מען גייט אריין אין אַ פרעמדע הויז און מען וויל וואָס נעמען, בעט מען ערלויבעניש, און מען באַדאַנקט נאָכהער, איז דאָך געווויס פאַר מלך מלכי המלכים הקב"ה, וואָס דער מענטש מיט אַלעמען איז ביי אים אין האַנט, פשיטא, אַז מען דאַרף זיך היטן הנאה צו האָבן פריער און נאָכדעם אָן אַ ברכה. דאַרום זאָגט די גמרא אין ברכות, אויסנאַמיג ביי דעם: דאָס יעדער איד איז מחויב צו לערנען פון אַ חכם צו וויסן ריכטיג ווי צו מאַכן אַ ברכה, ווייל ניט קיין למדן, קען לייכט דורך פאַלן אין אַ טעות פון אַ ברכה, און אַז מען מאַכט די ברכה ניט נאָך דעם דין נאָך, צב"ש, פאַרבייטן די ברכה פון בפה"א אויף מזונות, אדער אויף די זאַכן וואָס מען דאַרף מאַכן די לאַנגע ברכה וועט מען מאַכן אַ בורא נפשות. דער איסור איז אַזוי האַרב ווי אַ פאַלשע שבועה. ביי דער וועלט איז אריינגערעדט אַ טעות, אַז מען ווייסט ניט ריכטיג

ווי צו מאכן א ברכה מאכט מען א שהכל און דאס איז א דרך פון א עם הארץ, א פראסטער בור, דארום האבן מיר ארויס גענומען פון די פוסקים להלכה ווי צו מאכן א ברכה אויף יעדער זאך כדין וכדת.

עס ווערט געברענגט אין ספר חסידים בעת ער וואשט די הענט אדער ער מאכט א ברכה אויף שפייז אדער אויף א מצוה וועלכע מען איז אין דעם איינגעוואהנט, צ. ב. אשר יצר, בענטשן, די ברכות פון תפילין, פון שמונה עשרה, ווייל מען איז מיט דעם איינגעוואהנט, זאגט מען דאס אן שום כוונה, אויף דעם האט ישעיה הנביא געזאגט אין ג-ט׳ס ב״ה נאמען. ג-ט ב״ה זאגט צו ישעיה׳ן, זע, ווייל זיי טוען נאך זייערע עלטערן, זיי טוען זייער זאך נאר לפנים, זיי האלטן די מצות ווייל זיי טוען נאך די עלטערן, זיי דאווענען ווייל זייערע עלטערן דאוונען, זיי וואשן די הענט און מאכן א ברכה ווייל זיי זיינען איינגעוואהנט, אבער ניט זיי הערן וואס זיי ריידן, ווי באלד אז אין דער צייט ווען זיי מאכן די ברכה האבן זיי ניט קיין כונה צו וועמען זיי זאגן די ברכה, און זיין כעס איז זייער גרויס, און שווערט צו שטראפן הפלא ופלא. ווי דער נביא רעכנט אויס, דארום בעת מען מאכט די ברכה דארף מען וויסן וועלכע ברכה מען דארף מאכן, ניט טאן קיין מלאכה בעת מען מאכט די ברכה, ניט מאכן גיך די ברכה, נאר אין זינען האבן די טייטש פון די ווערטער צו וויסן צו וועמען מען מאכט די ברכה.

כללים פון ברכה ראשונה און ברכה אחרונה.

עס איז דא אויף עסן און געטראנק אפגעשטעלטע 6 מיני ברכות פאר דעם עסן און טרינקען און 3 מיני ברכות נאך דעם.

1) אויף אלע מיני בוים פרוכט מאכט מען א ברכה בורא פרי העץ. (ער באשאפט די פרוכט פון בוים). אויסער אויף וויין מאכט מען בורא פרי הגפן. (ער באשאפט די פרוכט פון וויינשטאק) ווייל ער איז זייער חשוב האט ער א באזונדער ברכה.

2) אויף אלע מיני ערד פרוכטן מאכט מען, בורא פרי האדמה. (ער באשאפט די פרוכט פון די ערד). אויסער אויף פת וועלכע איז געבאקן פון די 5 מינים: קארן, ווייץ, גערשטן, האבער,

ארקום, מאכט מען המוציא לחם מן הארץ. (ער האט אויסגעצויגן די ברויט פון די ערד). אויב פון די 5 מינים איז געמאכט געווארן געבאקענע געריכטן צ. ב. צוקער-געבעקס, מילכיגע-געבעקס, פלאדן, אדער געקאכטע געריכטן, צ. ב. טייגן, געקעכץ, פארפל, לאקשן, גריצן, אדער געפרעגלטע טייגלעך מאכט מען בורא מיני מזונות, (ער באשאפט סארטן שפייז).

אויף אלע איבעריגע מינים וועלכע וואקסט ניט פון דער ערד אדער אויף בוימער, צב"ש, וואסער, בראנפן, ביר, אייער, פישן פליישיגס, מילכיגס מאכט מען שהכל נהיה בדברו. (אלעס איז געווארן דורך זיינע רייד). מען זאגט נהיה מיט א סגול. (אזוי האט דער מחבר פון דעם ספר געהערט פון זיין רבין מרן קודש הקדשים צים"ע ר' דוד אדמו"ר בירושלים זי"ע זאגן נהיה מיט א סגול). עס איז דא אופנים וואס מען מאכט אויף ערד פרוכט און בוים פרוכט אויך שהכל, ווי עס איז ערקלערט ווייטער. בורא פרי העץ מאכט מען נאר אויף די פרי וועלכע וואס דער צווייג פון בוים בלייבט ווינטער אויך, און דער צווייג גיט ארויס אויף דעם צווייטן יאר ווידער פון זיך בלעטער, פרוכט, ווען אויך דער צווייג מאג זיין גאנץ דין, אבער אז דער צווייג קאנצעט זיך ווינטער און עס בלייבט ניט מער ווי דערווארצל וואס איז באהאלטן אין דער ערד, ווען אויך זומער גייט ארויס א צווייגל פון ווארצל, ווי באלד אז ווינטער איז דער צווייג ניט געווען, הייסט עס ניט קיין בוים און מען מאכט אויף זיי א ברכה בורא פרי האדמה.
די ברכות בפה"ע און בפה"א ענטהאלטן אין זיך 6 כללים:

1) דוקא אויב מען עסט ווי דער דרך איז די פרי צו עסן רוי, אדער געקאכט, אויב דער דרך איז צו עסן רוי און מען עסט דאס געקאכט אדער פארקערט איז די ברכה שהכל. 2) די פרי זאל האבן א חשיבות, אבער די פרי וועלכע האט ניט קיין חשיבות צ. ב. וואלד עפל איז די ברכה שהכל. 3) די ברכה איז אפגעשטעלט נאר אויף דער עיקר פרי וועלכע אויף דעם איז זי געפלאנצט געווארן, אבער אויף די שאלעכץ אדער די קערלעך וועלכע די פרוכט איז ניט געפלאנצט וועגן זיי איז אויף די שאלעכץ און די קערליך די ברכה אנדערש. 4) די פרי זאל זיין רעכטצייטיק. אבער אונצייטיגע פרוכט איז די ברכה אנדערש.

בורא פרי הגפן מאַכט מען אויף וויין וועלכע איז אויס־געקוועטשט ווייַנטרויבן פון וויין וועגן אָדער פאַרווייקטע ראָזינקעס, נאָר אַז עס איז דאָ אַ 6טע טייל ווייַנזאַפט איז די ברכה בפה"ג.

המוציא מאַכט מען אויף געבעקס פון די 5 סאָרטן מעל, קאָרן, ווייץ, גערשטן, האָבער, אַרקוס גיקנעטן מיט וואַסער, אפילו ווען מען גיט אַרייַן אין דעם נאָך אַנדערע זאַכן, צב"ש, פוטער אָדער אייער, ווי באַלד אַז די וואַסער איז מער פאַר די צוגעגעבענע מאַכט מען המוציא, דאָס איז אַ כלל אויף וואָס מען מאַכט המוציא דאַרף מען זיך וואַשן. און אַז מען עסט אַ כזית דאַרף מען בענטשן אויך. אפילו אויף אַ געבאַקענע זאַך וואָס מען מאַכט במ"מ, נאָר אויב מען עסט דאָס וויפל געוויינליך מען האָט נויטיג פת אין אַ סעודה, טרוקענע אָדער מיטן צו עסן צום פת, דאַרף מען זיך וואַשן און מאַכן המוציא. פיל גלייכער איז צו עסן מזונות ווייניגער ווי 4 אייער גרוים. די בעקערס וואָס באַקן רעצישניקעס (הולניקעס) פון רעצקע מעל זאָל מען ניט באַקן מיט ווייצן מעל וואָרום דאָס ווערט אַ ברויט דאַרף מען גאָר מאַכן המוציא. און אָפט מאָל קען נאָך זיין מען זאָל נאָך דאַרפן בענטשן אויך. (דהיינו אויב מען שיט צו אַ כזית ווייצענע מעל צו 7 כזית רעצקע מעל און מען וועט דאָס עסן אין די צייט וויפל עס דויערט עסן אַ שטיקל חלה ווי 4 אייער גרוים), און דער עולם ווייס ניט זיינען זיי דאָך מכשיל את הרבים. נאָר צושיטן עטוואָס מעל פון שטייפקייט וועגן אויב עס פאָדערט מעג מען.

בורא מיני מזונות, מאַכט מען אפילו ווען עס איז נאָר וואָס פאַר אַ מאכל אַריינגעמישט אַ ביסל פון די 5 מינים צום טעם, צב"ש, אַז עס איז אַריינגעשאָטן אַ ביסל ווייצן מעל אין אַרבעסענע אָדער אין רעצקענע מעל, אָדער קאַרטאָפל מעל און מען האָט פון דעם געבאַקן אָדער געקאָכט מאַכט מען בורא מיני מזונות. און אויב ער עסט אַ כזית מאַכט ער על המחיה. אפילו אַז מען קאָכט גריץ וואָס מען מאַכט אויף זיי במ"מ, מיט קאַרטאָפל איז מען אַנדערש ניט מחויב קיין על המחיה סיידן אַז מען עסט אויף אַ כזית גריץ. אָבער אַז מען שיט צו עטוואָס מעל עס זאָל נאָר שטייפער זיין מאַכט מען די ברכה וועלכע עס געהער צו דעם

מאכל, אזוי ווי עס וואלט גאר ניט זיין צוגעשאטן. עסנווארג אדער פרוכט וועלכע עס איז קאליע געווארן אפילו וואס די ברכה איז במ"מ, און מען קען דאס נאך עסן בדוחק, אדער וויין וועלכע איז שטארק זויער געווארן און אנדערע מענטשן טרינקן דאס נאך, מאכט מען שהכל. אבער אז מען קען דאס גאר ניט עסן און אז מען קען גאר ניט טרינקן איז אויף דעם ניטא קיין ברכה.

ברכה אחרונה.

אז מען עסט א כזית פון די וועלכע מען מאכט במ"מ, מאכט מען נאך דעם על המחיה. אז מען טרינקט א רביעית וויין מאכט מען דערנאך על הגפן. אז מען עסט א כזית פון די 5 מיני פרוכט וועלכע די תורה רימט מיט דעם ארץ ישראל, און דאס זיינען זיי: 1) פייגן 2) וויינטרויבן 3) מילגרוימען 4) אויל-בירטן 5) טייטלען מאכט מען נאך דעם על העץ ועל פרי העץ. אויב די פרוכט איז געוואקסן אין ארץ ישראל, מאכט מען די ברכה על הארץ ועל פירותיה. די אלע ברכה אחרונה'ס הייסט די לאנגע ברכה. אויף די איבעריגע אלע מינים וועלכע מען מאכט אויף זיי בורא פרי העץ אדער בורא פרי האדמה אדער שהכל אז מען עסט פון זיי א כזית אדער מען טרינקט א רביעית מאכט מען אויף דעם בורא נפשות. דער כלל דארף זיין, וואס מיר דערמאנען ברכה אחרונה, איז אלעס גירעדט אויף א כזית, און עס דויערט וויפל עס דארף דויערן עסן א שטיקל חלה גרוים ווי 4 אייער, אדער א רביעית, אז מען טרינקט אוים ווי עס דויערט צו טרינקען א רביעית. נאר בכדי ארויסצוגיין פון ספק זאל מען עסן א כזית אן א הפסק אין מיטן, מען זאל געווים דארפן מאכן א ברכה אחרונה, און א ריעית אויסטרינקען אן א הפסק אין מיטן (און אנדערע פוסקים ווילן האבן אז א גאנצע פרי אפילו א קליינע וויניגער ווי א כזית פון נאר וואס פאר א מין פון בפה"ע אדער בפה"א אדער שהכל, איז מען מחויב מאכן א ברכה אחרונה וי"א על כזית. הגר"ז והגר"א ס"ל דאף בשתיה השיעור בכדא"פ, אמנם נהוג עלמא כהרמב"ם דהשיעור שתית רביעית, והנראה דהשיעור בשתי פעמים משום גרגרן, ומשום דיש לדבר הרבה בשיעור אכ"פ. עי' מנחת חינוך פ' ויקרא, ובחת"ם ובספר ראשית בכורים וס' תורת חסד שו"ת מהגאון הרש"ז מלובלין, וספר צרכי

הוראה). אז מען טרינקט א רביעית וויין און מען בייסט צו א כזית מזונות, דארף מען ניט מאכן קיין 2 ברכה אחרונה'ס, נאר מען מאכטן איין ברכה און מען זאגט על המחיה ועל הכלכלה ועל הגפן, און מען ענדיגט ברוך אתה ה' על הארץ ועל המחיה ועל פרי הגפן.

אויב מען האט געגעסן פון די 5 מיני פרוכט וועלכע זיינען דא אויסגערעכנט, א שיעור וואס מען איז חייב א ברכה אחרונה אויב מען עסט זיי אין מזונות, לייגט מען צו אין אנפאנג ברכה אחרונה די ווערטער על העץ ועל פרי העץ, און צום סוף נאר ועל הפירות. אויב די פירות זיינען געוואקסן אין ארץ ישראל ענדיגט מען ועל פירותיה. דער זעלבער דין איז אויב מיט וויין און מיט מזונות. אז מען עסט פון דעם מין וואס מען מאכט די לאנגע ברכה און וואס מען דארף מאכן בורא נפשות, פון יעדע נאר א כזית מאכט מען ב"נ. דאס גלייכן אז מען עסט פון על המחיה מיט על העץ נאר איין כזית מאכט מען בורא נפשות. אז מען עסט עטלעכע מינים פון בורא נפשות איין כזית, צב"ש, א שטיקל הערינג, מיט א שטיקל עפל, און דאס גלייכן מאכט מען בורא נפשות אויף אלע צוזאמען. אז מען דארף מאכן די לאנגע ברכה און ב"נ מאכט מען פריער די לאנגע ברכה און דער נאך ב"נ. (ובספר דברי מלכיאל חלק ג' מבואר דכ"ז הוא רק אם הברכת בורא נפשות בא מן שהכל, אבל אם בא מן ברכת בפה"א אז ב"נ קודם). אז מען עסט פרוכט וועלכע מען מאכט אויף זיי די לאנגע ברכה, און מען עסט בוים פרוכט וואס מען מאכט בורא נפשות, ווי באלד אז מען דערמאנט על העץ דארף מען שוין ניט מאכן קיין בורא נפשות.

אז מען האט אפגעגעסן אדער אפגעטרונקען און מען האט נאך ניט געמאכט קיין ברכה אחרונה איז דער דין כל זמן מען פארשטעט אז די זאך איז נאך ניט פארדייעט געווארן דארף מען נאך מאכן א ברכה אחרונה.

אויף די זאכן וואס מען מאכט בורא נפשות אז מען האט געמאכט א ברכה און מען האט געגעסן אדער געטרונקען, אויב מען איז אין מיטן ארויס געגאנגען, אדער מען איז צוגעגאנגען אין אן אנדער ארט עסן, אדער טרינקען, דארף מען פון דאס ניי

מאכן א ברכה, נאר אויב ער האט געלאזן א קאמפאניע מענטשן דארף ער ניט מאכן פון דאס ניי קיין ברכה. אבער אויף די זאכן וואס מען מאכט די לאנגע ברכה און ער איז ארויסגעגאנגען, דארף מען פון דאס ניי ניט מאכן קיין ברכה אפילו אז ער האט ניט געלאזן קיין קאמפאניע. (משום ספק ברכות להקל שמא יש לה דין סעודה ולקבוע קמא חזר).

דינים פון בוים פרוכט.

אויף אלע האנד בוים פרוכט, רויע אדער געקאכטע אדער געפרעגלטע מאכט מען בורא פרי העץ.

אויב די פרי איז גאר ניט קאנטיק, צב"ש, גיפרעגלטע אג־רעסן וועלכע מען לאזט פארקילן און מען צושניידט דאס אין פלעצ־לעך, אדער וויינפערלעך פארקילטע, גאלערט (פאווידלע), איז דאך די פרי ניט קאנטיק איז שהכל.

אויף די יויך פון געקאכטע פרוכט אויב מען זופט דאס מיט די פרי צוזאמען, דארף מען ניט מאכן קיין באזונדערע ברכה, אויב מען זופט די יויך באזונדער מאכט מען שהכל. אויסער געטריקענטע פלוימען וועלכע עס ווערט געברויכט גאנצע טונען איינגעלייגטע, איז דאך דער עיקר פלאנצונג פון קאמפאט וועגן, איז אויף די יויך אן די פלוימען בורא פרי העץ.

קערנער פון פירות אויב מען עסט זיי מיט די פירות, דארף מען ניט מאכן קיין באזונדע ברכה. אויב מען עסט זיי באזונדער איז אזוי דער דין: אויב די קערנער האט א טעם צו עסן מאכט מען סיי אויף רויע סיי אויף געקאכטע שהכל, אויב זיי האבן ניט קיין טעם סיידן צוגעריכטערהייט, געקאכט אדער אויף אן אנדער אופן געריכט איז די ברכה שהכל, און אויף רויע מאכט מען קיין ברכה. שאלעכץ פון דער פרי און די שאלעכץ איז געשמאק צו עסן רויערהייט איז די ברכה שהכל, אויב רויערהייט עסט מען איר ניט נאר געפרעגלט, איז צוגעריכטערהייט די ברכה שהכל, און רויערהייט עסט מען אן א ברכה.

אויב די פרי איז געפלאנצט פון די קערנער וועגן, אדער שאלעכץ וועגן אויך, צב"ש, אזוי ווי יאדרעס פון קירבעס, אדער

פאַמעראַנצין שאָלאַכץ, מאַכט מען אויף דעם די זעלבע ברכה ווי אויף די פרי (כן היא דעת בעל החיי אדם על הפאַמעראַנצין שאָלאַכץ בורא פרי העץ, ובאמת רואים אנחנו כהיום כי נמכרים מקולפים ברחובות וחוצות, ונתחזק כהיום פסקו של הח"א ביותר וד"ל).

אויף וויין, רויע אָדער געקאָכטע אָדער אפילו צוגעריכטע וויין מיט האָניג אָדער מיט בשמים, איז אלץ בורא פרי הגפן. אפילו אויב די וויין האָט א ריח פון עסיג איז אויך די ברכה בפה"ג. אָבער אז וויין איז קאַליע ביז גאָר זויער, אז עס איז שווער צו טרינקען מאַכט מען שהכל. וויין קוואַס, אָדער ארויפגעגאָסן וואַסער אויף וויין הייוון מאַכט מען שהכל. אז מען מאַכט א ברכה אויף וויין און דערביי שטייט אנדערע משקה, פטר'ט די וויין די ברכה פון שהכל.

דינים פון ערד פרוכט.

אויף אַלע ערד פרוכט רויע אָדער געקאָכטע, אָדער געפּרע־געלטע וואָס רופט זיך איינגעמאַכץ, צ. ב. רעטעך, בוריקעס איז די ברכה בורא פרי האדמה.

אויב די פרי איז גאָר ניט קענטיג. צום ביישפּיל, צוריבענע אַרבעס אויף גאַנץ דין, ביז עס איז גאָר ניט קענטיג די מראה פון די ארבעס, רעצקע גרויפּן גאַנץ דין ווי מעל אָדער א רעצשיניק פון רעצקע מעל, איז די ברכה שהכל. אבער אַרבעס צוריבן מיט א לעפל, איז דאָך קענטיג די מראה פון די אַרבעס, אָדער צוריבענע קאַרטאָפל, איז די ברכה בפה"א. אויב עס איז צוריבן אויף א ריב־אייזן גאַנץ דין, צ. ב. א קאַרטאָפל טייגעכץ, אָדער פאַמושקעס פון קאַרטאָפל, הייסט עס ניט קענטיג די פרי און מען מאַכט שהכל.

די יויך פון ערד פרוכט געקאָכטע, מאַכט מען אויף די יויך בפה"א. צ. ב. ראָסל פון בוריקעס געדיכט און פעט פון די בוריקעס, מאַכט מען אויף די יויך אויך בפה"א. אויב געקאָכט מיט עסיג אָ־דער מיט זויערזאַלץ מאַכט מען שהכל. גרויפּן פון רעצקע, אויב עס איז קענטיג די גרויפּן, צ. ב. רעצקינע קאַשע איז די ברכה בורא פרי האדמה.

שאָלעכץ פון ערד פרוכט אפילו אז עס האָט א טעם, נאָר וויבאַלד אז די פרי איז דאָך ניט געזייט געוואָרן פון שאָלעכץ וועגן,

צ. ב. די גרינע שטראַנצע פון אַרבעס, איז די ברכה שהכל. אויב די שאַלעכץ האָט קיין טעם איז ניטאָ קיין ברכה. שאַלעכץ געפּרעגעלטע, צ. ב. אוגערקעס שאַלעכץ מאַכט מען שהכל.

דינים פון בורא מיני מזונות.

מעל פון די 5 מינים: קאָרן, ווייץ, גערשטן, האָבער, ארקוס, אז מען באַקט פון דעם מיט פערשידענע ציראַטן, צ. ב. פּוטער געבעקס, אייל געבעקס, געפילטע געבעקס, צ. ב. פלאַדן און דאָס גלייכן, איז דער דין אזוי: אויב מען עסט פון דעם ווייניגער ווי דער שיעור פון א סעודה איז די ברכה בורא מיני מזונות. אויב מען עסט ווי דער שיעור פון א סעודה דאַרף מען זיך וואשן און מאַכן המוציא און בענטשן. פיל גלייכער איז צו עסן פון מזונות ווייניגער ווי 4 אייער גרוים. טייג פאַרקנעט מיט וואסער און מיט אַנדערע סאָרטן, צ. ב, מיט אייער אָדע מיט מילך, פּוטער, אייל אָדער שמאַלץ, אויב די וואסער איז ווייניגער פאר די סאָרטן, איז די ברכה בורא מ"מ, אויב די וואסער איז מער האָט דאָס א דין ווי פּשוט'ע ברויט.

פון די 5 מינים אז מען קאָכט פון דעם, צ. ב. פאַרפל, לאָקשן, אָדער מען פּרעגעלט טייגלאַך איז די ברכה אחרונה על המחיה, אפילו אז מען עסט עס צו דער זאַט. געבעקס וועלכע מען איז מחויב אויף דעם צו מאַכן המוציא, און מען האָט דאָס צוברעקעלט און געקאָכט, צ. ב. מצה פאַרפל, אָדער געפּרעגעלטע שטיקלאַך חלה, אָדער ברויט אין פּוטער אָדער אין שמאַלץ, אויב יעדע שטיקל איז ווייניגער ווי א כזית פון דעם פּרעגלען, אפילו ווען נאָך דעם פּרעגלען ווערט עס אָנגעקוואָלן און עס איז גרוים ווי א כזית, וואָס דאָס איז א האַלבע איי, איז די ברכה במ"מ און על המחיה.

עס איז דאָ ערטער וואָס מען ברענט איבער קערנער פון די 5 מינים און מען פּרעגעלט דאָס מיט פּוטער און מען גיסט דאָס איבער דעם וואסער, מאַכט מען אויף די וואסער שהכל. די בעקער זיינען זיך מקיל און באַקן קיכלאַך פון וואסער אויף האָבער גריץ אָדער זיי קאָכן אוים ראָזינקעס וואסער און באַקן מיט דעם קיכלאַך און די וועלט עסט עס אומגעוואשן, זיינען זיי מכשיל את הרבים, וואָרום אויף אַזעלכע קיכלאַך דאַרף מען זיך וואשן.

איינינע דינים וואָס גייען אָן ביי אלע ברכות.

1) אויף דעם ערשטן ביסן אָדער דעם ערשטן זופּ וואָס מען מאַכט די ברכה, טאָר מען ניט מפסיק זיין ביז אראָפּשלינגען.

2) אז מען טרינקט א זאַך פון רפואה וועגן נאָר דאָס האָט א געשמאַק, מאַכט מען א ברכה. אויב די זאַך האָט ניט קיין געש־מאַק טרינקט מען אָן א ברכה, נאָר מען זאָגט: יהי רצון מלפניך ה׳ אלקי ואלקי אבותי שיהא עסק זה לרפואה. דארום ווי דער דרך איז פון די חזנים צו טרינקען רויע אייער דאַרף מען מאַכן א ברכה שהכל.

3) אז מען עסט געבעקס מיט קאַווע, מיט טיי אָדער קאַקאָ, אָדער מיט אַנדערע משקה אפילו מיט וויין דאַרף מען פריער מאַכן במ"מ און צובייסן עטוואָס, און נאָכהער מאַכן די ברכה אויף די משקה.

4) אז מען האָט גענומען די פרי אין האַנט און געמאַכט א ברכה און זי איז אראָפּגעפאַלן און פאַרשמוצט געוואָרן, אָדער דער כוס פון האַנט איז אויסגעגאָסן געוואָרן נאָך דער ברכה, ווענדט זיך אזוי: אויב ער האָט נאָך פון דעם מין און האָט געטראַכט צו עסן אָדער צו טרינקען פון דעם דאַרף ער קיין ברכה ניט מאַכן נאָך אַמאָל, און אויב ער האָט ניט געטראַכט מער צו עסן אָדער צו טרינקען פון דעם דאַרף מען מאַכן א ברכה פון דאָס ניי.

5) אַלע זאַכן וואָס מען עסט אָדער מען טרינקט אין מיטן עסן דאַרף מען ניט מאַכן קיין ברכה, אויסנאַמיג איז די וועלכע איז ערקלערט ביי די דינים פון סעודה.

6) אז מען האָט פאַר זיך 2 מינים עסן אָדער געטראַנק אָדער אפילו פיל מינים וואָס האָבן די זעלבע ברכה, דאַרף מען מאַכן איין ברכה אויף אַלע און ניט גורם זיין קיין איבעריגע ברכה.

7) אויב מען האָט אריין גענומען אין מויל אהן א ברכה, אויב די זאַך איז אזא זאַך וואָס איז דערנאָך ניט מיאוס אז מען וועט דאָס ארויסשפּייען זאָל מען דאָס ארויסשפּייען אין האַנד אריין, און נאָכהער מאַכן א ברכה, אויב דאָס איז מיאוס נאָך דעם

ארויסשפייען זאָל ער די זאַך אריין לאָזן אין איין זייט באַק און מאַכן א ברכה.

8) מען טאָר ניט מאַכן קיין ברכה אויף קיין שום זאַך סיידן אז די זאַך איז שוין פאַר אים. פאַר דער ברכה דאַרף מען האַלטן די זאַך אין רעכטע האַנד.

9) איידער מען מאַכט די ברכה דאַרף מען באַרעכענען ריכ־טיג וועלכע ברכה מען דאַרף מאַכן, בפרט איצטיגע צייט איז מצוי פיל געריכטן וועלכע עס איז ניט צו דערקענען וואָס פאַר א מין דאָס איז, צ. ב. מאַקאַראָנעס איז געמאַכט פון מאַנדלען מיט צוקער און עס זעט אוים ווי פון מעל, אָדער מען באַקט טאָרט פון קאַרטאָפל אָדער פון נים, אָדער לאָקשן פון אייער מיט שמאַלץ אָדער פון קאַרטאָפלמעל איז די ברכה שהכל, און מען מיינט אויף די אַלע אז דאָס איז פון מעל, מאַכט מען במ"מ, איז דאָס א ברכה לבטלה.

10) באַלד נאָך דער ברכה זאָל מען די זאַך עסן, אָדער טרינקן. דאַרום ווען מען גיסט אָפּ אַ ביסל וואַסער פאַר דעם טרינקן זאָל מען פריער אָפּגיסן און דערנאָך מאַכן א ברכה. מען דאַרף אין זינען האָבן דעם טייטש פון דער ברכה, מען טאָר ניט מאַכן קיין ברכה אין אַ אומריינעם אָרט אָדער אַז עס איז דאָ שמוץ פון אַ קינד אָדער פון אַ קאַץ.

דינים פון ברכות אַז מען האָט פאַר זיך פאַרשידענע מינים.

אַז מען האָט פאַר זיך פיל מינים, צ. ב. פון במ"מ, פון בפה"ג, פון בפה"ע, פון בפה"א און שהכל, איז אַ כלל אַז מזונות איז פריער אפילו פאַר ווייז, אויסער ביי קידוש איז משקה, אפילו ניט קיין וויין אויך פריער פאַר מזונות, און מען דאַרף צודעקן די מזונות בעת מען מאַכט קידוש (שלא יראה בבושתה). די ברכה בפה"ג איז פריער פאַר אַלעם אויסער פאַר אוילבירטן. די 5 מינים פרוכט וועלכע ארץ ישראל איז גערימט געוואָרן מיט דעם, איז פריער פאַר אַנדערע פרוכטן. די 5 מינים פרוכט וועלכע ארץ ישראל איז גערימט, צווישן זיך, איז פריער אוילבירטן פאַר אַלע, טייטלען איז פריער פאַר וויינטרויבן, וויינטרויבן איז פריער פאַר פייגן, פייגן איז פריער פאַר מילגרוימען.

פון די מינים וואָס מען מאַכט בפה"ע (ניט פון די 7 מינים) בפה"א

שהכל, איז, וועלכע אים איז באַליבטער אויף די מאַכט מען די ברכה פריער אויב עס איז ביי אים אַלע גלייך באַליבט, איז בפה"ע פריער פאַר בפה"א, בפה"א איז פאַר ברכת שהכל. דאָס איז אַ כלל, אַז מען האָט עטליכע מינים פון איין ברכה דאַרף מען מאַכן איין ברכה אויף איין מין און טראַכטן פטר'ן אַלע.

דינים, אַז מען עסט אָדער מען טרינקט אַ עיקר מיט אַ טפל ווי מען זאָל זיך נוהג זיין מיט די ברכה.

דאָס איז אַ כלל די זאַך וואָס ער וויל בעסער עסן, ווערט אָנגערופן עיקר, און די זאַך וואָס ער עסט צו דעם הייסט עס אַ טפל, איז דער דין: אַז ער מאַכט אַ ברכה אויף דעם עיקר פטר'ט עס דעם טפל, צ. ב. אַז ער מאַכט א ברכה אויף שנאַפּס און בייסט צו עטוואָס דאַרף ער נאָר מאַכן אַ ברכה אויף די שנאַפּס, ביי דעם איז דאָ 4 פונקטן: 1) אַז ער האָט געטראַכט בשעת הברכה אויף דעם עיקר צו עסן דעם טפל אויך, אָדער ער איז איינגעוואָהנט פיל מאָל אזוי צו טאָן. דהיינו ער פאַרבייסט נאָך בראָנפן אַ ביסן. 2) דער צווייטער אופן איז אַז ער עסט באַלד דעם טפל נאָך דעם עיקר, אָבער ניט אַז ער איז אין מיטן אַוועקגעגאַנגען אין אַ אַנדער צימער. 3) דער דריטער אופן איז, אַז ער וואָלט דעם טפל געווים ניט עסן אָן דעם עיקר. 4) דער פערטער אופן איז, אַז ער עסט דעם טפל נאָך דעם עיקר אָדער אין איינעם, אָבער ניט פריער דעם טפל און דער נאָך דעם עיקר. אָבער ווען די 4 אופנים זיינען ניט אזוי, דאַרף ער מאַכן אויף דעם טפל אַ באַזונדער ברכה. און דער רעכט איז אַז ער זאָל מאַכן אויף דעם טפל פריער. דאָס איז אַ כלל דער עיקר פטר'ת דעם טפל פון די ערשטע ברכה און פון די ברכה אחרונה, עס איז ביי דעם דאָ פיל פרטים:

1) צוויי מיני גיקעכץ וועלכע זיינען געקאָכט צוזאַמען און יעדער מין האָט אַ באַזונדער ברכה, ווענד זיך אַזוי, אויב עס איז קאָנטיג יעדער מין פאַר זיך, מאַכט מען פריער א ברכה און מען פאַרזוכט, נאָכהער מאַכט מען די אַנדערע ברכה. צ. ב. פיש קאַרטאָפל, אָדער פלוימען מיט קאַרטאָפל, אָדער אַנדערע געריכטן וועלכע עס איז געמאַכט, מאַכט מען אַ ברכה אויף איין מין און מען פאַרזוכט און דערנאָך אויף דעם אַנדערן מין.

אָבער אויב זיי זיינען אויסגעמישט און צוריבן, ווענדט זיך אזוי, וועלכע עס איז מער הייסט דאָס דער עיקר, מאַכט מען אויף דעם די ברכה און אויף דעם אַנדערן מין מאַכט מען ניט קיין ברכה, ווארום מען איז פטור מיט די ערשטע ברכה, (שו"ע סי' ר"ד ע"ש במ"ב ס"ק נ"ב), ווי איז אבער אַז פון די מינים איז געווען מזונות, דהיינו פארפל מיט קאַרטאָפל אָדער מיט בעבלאַך אָדער מיט אַרבעס ווענדט זיך אזוי, אויב עס איז קאַנטיק די פארפל באַזונדער מאַכט מען פריער במ"מ, דער נאָך בפה"א, אויב עס איז צוריבן די פארפל מיט די קאַרטאָפל אָדער מיט די בעבלאַך, אָדער אַז עס איז צומישט פארפל פון אַרבעסענע מעל, אָדער פון רעצקע מעל מיט ווייצן מעל, אָדער אַז עס איז צומישט קירבעס מיט ווייצן מעל, איז אפילו ווען די ווייצן מעל איז ווייניקער ווי באַלד אַז עס איז צוריבן איז די ברכה בורא מיני מזונות. (משום כלל דכל שיש בו מחמשת המינין מברכין עליו במ"מ, ברכת הנהנין למרן הגרש"ז ז"ל).

גיקעכץ מיט מילך צ. ב. קאַרטאָפל מיט מילך אָדער אַנדערע גיקעכץ מיט מילך, דאַרף מען אויף די מילך קיין באַזונדער ברכה ניט מאַכן.

דינים ווי מען ברייננגט אין מיטן עסן שפייז און געטראַנק.

אַז מען עסט אָדער מען טרינקט און מען ברייננגט אין מיטן צו נאָך פון וואָס מען מאַכט די זעלבע ברכות, ווענד זיך אזוי, אויב מען האָט געטראַכט בעת מאַכן די ברכה אויף אַלעם וואָס מען וועט אים ברייננגען, דאַרף מען ניט מאַכן נאָך אַ ברכה. אויב מען האָט אָבער ניט געטראַכט בעת מאַכן די ברכה אויף דעם דאַרף מען מאַכן פון דאָס ניי אַ ברכה. דאָס איז אַלעם גערעדט ביי זיך אין שטוב, אָבער אַז מען איז ביי דעם צווייטן, איז אַ כלל אפילו מען האָט ניט אין זינען געהאַט ביי די ברכה אויף די צוגעבראַכטע, דאַרף מען ניט מאַכן קיין ברכה, ווייל מען איז אָפהענגיק אָן דעם דעת פון דעם בעל הבית. אפילו אַז מען איז ביי דעם צווייטן, אויב מען האָט זיך אָבער באַשלאָסן מער ניט צו עסן, אָדער צו טרינקן, דאַרף מען מאַכן נאָך אַ ברכה.

דינים אז מען האט געהאט א טעות אין א ברכה.

לכתחלה דארף מען מדקדק זיין וואס פאר א ברכה מען דארף מאכן אויב מען מאכט א ברכה ניט בארעכנט צ. ב. ער האט אריין גענומען דעם כוס אין האנד און ער האט געמיינט אז עס איז ווייץ און האט אנגעפאנגען מאכן די ברכה, ווי עס איז געקומען צו די ווערטער בפה"ג האט ער זיך דערמאנט אז דאס איז גאר ביר, אדער אן אנדער געטראנק פון שהכל, ענדיקט מען שהכל. אדער דאס איז געוועזן וויין, און ער האט געמיינט אז דאס איז אן אנדער משקה, און געוואלט מאכן שהכל, און האט זיך דערמאנט און גיענדיקט בפה"ג איז דאס געווים אז מען איז יוצא. אפילו אז ער האט גיענדיגט די גאנצע ברכה און האט זיך דערמאנט צום סוף איז ער אויך יוצא צ. ב. עס איז געוועזן ביר און ער האט געמאכט בפה"ג, און האט באלד געזאגט שנ"ב, אדער ביי אנדערע מיני ברכות, דהיינו ער האט זיך געוואשן און געדארפט מאכן על נט"י, האט ער געזאגט המוציא לחם מן הארץ, קאן ער באלד זאגן די ווערטער על נטילת ידים. אדער ער האט געדארפט מאכן להתעטף בציצית האט ער געזאגט להניח תפילין קאן ער זאגן גלייך להתעטף בציצית. אויף די זאך וואס די ברכה איז בורא פרי העץ, און מען האט געמאכט ניט ווילענדיק בורא פרי האדמה איז מען אויך יוצא, ווייל די בוימפרוכט ציען דאך דעם קראפט פון ערד. אבער לכתחלה טאר מען דאס ניט, און דער וואס וויל פטר'ן מיט שהכל אלע ברכות הייסט ער א עם הארץ און א בור. ווי מען מאכט א ברכה דארף מען באלד עסן אדער טאן די זאך אן א הפסק. ווי איז אבער אז מען האט געמאכט די ברכה, און עס האט זיך געמאכט אז מען האט געמאכט א הפסק, ווענד זיך אזוי: אויב מען האט זיך געכאפט תוך כדי דבור, דאס איז וויניגער ווי עס דויערט די 3 ווערטער „שלום עליך רבי", דארף מען ניט מאכן נאך אמאל קיין ברכה. אויב דער הפסק האט גע־דויערט ווי די 3 ווערטער דארף מען מאכן א ברכה נאך א מאל.

דינים פון שהחיינו און הטוב והמטיב.

די פרי וועלכע בעניים זיך פון יאר צו יאר מאכט מען שהחיינו, וועלכע הייסט זי באנייט זיך פון יאר צו יאר? די וועלכע

בעת עס קומט אָן די נייע איז שוין פון די אַלטע ניטאָ. דהיינו אַלע בוימפרוכט נאַטירליכע, ניט קיין צוגעריכטע, צ. ב. קאַרשן אָדער אַגרעסן, און נאָך אַנדערע. אָדער וועלכע זי איז דאָ ביז די נייע, נאָר זי איז פאַרענדערט געוואָרן ווי פרישער הייט, מאַכט מען אויף דעם נייעם שהחיינו, דאַרום מאַכט מען אויף אַלע בוים־פרוכט שהחיינו. אויף ערד פרוכט מאַכט מען שהחיינו. אויף זיסע אוגערקעס, אויף קאַוועגעס אויף מערן, ריבן טאַמאַטעס, בראַנד־זינעס, טרישקאַווקעס, פאַזימקעס, ברישניצעס, גרינע ארבעס, אויף אונצייטיקע פרוכט מאַכט מען ניט קיין שהחיינו. דער חיוב פון מאַכן שהחיינו איז ווי באַלד מען דערזעט נאָר די פרי. דאַרום באַלד ווי מען דערזעט נאָר די פרי איז מען מחויב צו מאַכן שהחיינו. דאַרום איז אַ מצוה מפרסם צו זיין דעם טעות פון דער וועלט וואָס האַלטן אָפּ צו מאַכן שהחיינו פון איין מין ביז ראש השנה, דען ווי זיי זען די פרי איז מען מחויב צו מאַכן שהחיינו. ווען מען דער הייליגער באַשעפער ב"ה העלפט צו קויפן אַ הויז אָדער אַ נייען בגד אָדער פיינע ווירטשאַפט און מען פרייט זיך מיט דעם דאַרף מען מאַכן שהחיינו. אז מען טוט אָן א נייעם בגד מאַכט מען ברכת מלביש ערומים אויך. אויף א נייעם טלית מאַכט מען שהחיינו נאָך דעם איינמאַכן די ציצית. אַז מען זעט אַ גוטן פריינד וואָס מען פרייט זיך מיט אים אָדער א קרוב, אויב ער האָט אים שוין ניט געזען מער ווי 30 טעג מאַכט מען שהחיינו. אויב ער האָט אים ניט געזען מער ווי 12 חדשים מאַכט מען ברכת מחיה המתים. אויף אַ גוטער בשורה וואָס מען זעט זעלבסט, אָדער מען הערט פון אַ באַגלויבטן מענטשן, אויב די זאַך איז גוט פאַר זיך, מאַכט מען שהחיינו, אויב די זאַך איז גוט פאַר דעם צווייטן אויך, מאַכט מען בא"י אמ"ה הטוב והמטיב. אַז עס ווערט געבאָרן אַ בן זכר מאַכט דער פאָטער מיט דער מוטער הטוב והמטיב. אַ קאָמפּאַניע אָדער אפילו 2 מענטשן וואָס טרינקען וויין און עס איז נאָך דאָ פון די פריערדיקע וויין און מען וויל טרינקן אַ אַנדער מין וויין אפילו ניט קיין בעסערע, מאַכט מען הטוב והמטיב און ניט קיין בורא פרי הגפן. אויב מען נוצט די וויין צום בענטשן דאַרף מען ניט מאַכן קיין הטוב והמטיב ווייל מען איז יוצא מיט דעם הטוה"מ פון בענטשן.

דינים פון ברכות איבער אַ גוטן ריח.

אַ פּרי וועלכע שטעט צום עסן, און מען נעמט איר אַריין אין האַנד צו שמעקן, מאַכט מען אַ ברכה באַ"י אמ"ה אשר נתן ריח טוב בפירות. אַז מען נעמט די פרי צום עסן און צו שמעקן, מאַכט מען פריער די ברכה פון עסן און מען פאַרזוכט, און דער נאָך מאַכט מען די ברכה פון שמעקן. אויף בוימאייל וואָס וואַקסט אין ארץ ישראל, וואָס רופט זיך אפרסמון, מאַכט מען באַ"י אמ"ה בורא שמן ערב. אויף די פּרי וועלכע שטייט ניט צום עסן, און דאָס וואַקסט אויף אַ בוים, צ. ב. רויזן, רויזן וואַסער, שפּיגנאַר, מאַכט מען, באַ"י אמ"ה בורא עצי בשמים.

בשמים וועלכע דער נוץ זייערער איז צו געבן אין געריכטן אַריין, צ. ב. צימרינג, אינגבער, אָדער די זאַך וואָס מען ווייס ניט אויף ריכטיג אויב עס איז בוימפּרוכט, אָדער ערד פּרוכט, מאַכט מען אַ ברכה אויף דעם שמעקן ברוך אתה ה' אמ"ה בורא מיני בשמים. אויף שמעקענדע גראָז מאַכט מען באַ"י אמ"ה בורי עשבי בשמים. אַז מען גייט אַריין אין אַ בשמים גישעפט אָדער אין אַ אַפּטייק גישעפט, און מען וויל שמעקן מאַכט מען אַ ברכה באַ"י אמ"ה בורא מיני בשמים. אַז מען רויכערט אוים אַ הויז פון דאַמף, דאַרף מען ניט מאַכן קיין ברכה, אויב פון תענוג וועגן מאַכט מען די זעלבע ברכה ווי שמעקן. מען טאָר ניט שמעקן פון די ארבעה מינים פו סוכות דעם גאַנצן יום טוב סוכות.

דינים וואָס מען דאַרף מאַכן אַ ברכה אויף דעם זען די זאַך.

אַז מען זעט בוימער פון פּרוכט בעת עס גייט אַרוים די בליהונג, מאַכט מען די ברכה באַ"י אמ"ה שלא חסר בעולמו דבר וברא בריות טובות ואילנות טובות ליהנות בהן בני אדם. אַז מען דערזעט אַ בליץ מאַכט מען עושה מעשה בראשית, און אויף דעם דונער וואָס מען דערהערט תיכף (בתוך כדי דבור) דאַרף מען שוין ניט מאַכן קיין ברכה מען איז יוצא מיט די ברכה פון בליץ אויף ביידע. אַז דער דונער קומט ניט באַלד (נאָר לאחר כדי דבור), מאַכט מען שכוחו וגבורתו מלא עולם. כל זמן עס איז פאַרוואָלקנט דאַרף מען ניט מאַכן נאָך אַ מאל אַ ברכה ניט אויף די בליצן,

נים אויף די דונערן, ווייל מען איז יוצא מיט די ערשטע ברכה וועלכע מען האָט געמאַכט בעת מען האָט דערזען און דערהערט דעם בליץ אָדער דעם דונער. אַז די וואָלקנס זיינען פאַנאַנדער געגאַנגען און עס האָט אויפגעשיינט די זון און עס איז צוריק פאַרוואָלקנט געוואָרן, מאַכט מען פון דאָס ניי אַ ברכה. אויף ערדציטערניש אויף גרויסע שטורעמווינטן, דעם ערשטן מאָל מאַכט מען עושה מעשה בראשית. אַז מען דערזעט דעם ערשטן מאָל פון משונה'דיגע ברואים וועלכע דער וואונדער איז זייער גרוים צ. ב. די ווייסע אָדער די שוואַרצע אָדער די רויטע מענטשן, אָדער מען זעט אַ העלפאַנד אָדער אַ אַביזיאַנע, מאַכט מען משנה הבריות. אַז מען זעט אַ חכם גדול בתורה מאַכט מען ברוך אתה ה' אמ"ה אשר חלק מחכמתו לבשר ודם. אַז מען זעט אַ מלכות מאַכט מען די ברכה בא"י אמ"ה שנתן מכבודו לבשר ודם. די ברכה קען מען מאַכן אפילו מען זעט נאָר דעם פאַראַד אויב דער מלכות איז דאָרט דאָ. איין מאָל אין 28 יאָר ווען עס פאַלט די תקופה פון ניסן די נאַכט וואָס גיהער צו מיטוואָך אין אָנפאַנגס נאַכט, דעם טאָג מיטוואָך פרי ווען די זון שיינט אויף מאַכט מען אַ ברכה אויף די זון, עושה מעשה בראשית. מער מצוה איז אַז עס זאָל זיך צוזאַמען קלייבן דער גאַנצער עולם אין איין אָרט (ברוב עם הדרת מלך). פאַר דער ברכה זאָגט מען הללו את ה' מן השמים, נאָך די ברכה זאָגט מען א-ל אדון, ביז וחיות הקודש. דער נאָך זאָגט מען השמים מספרים, עלינו, און קדיש. דער רעכט איז צו מאַכן די ברכה גאַנץ פרי, בדיעבד איז רעכט ביז האַלבן טאָג. אויב עס איז פאַרוואָלקנט דאַרף מען וואַרטן ביז האַלבן טאָג פיליכט וועט פענאַנדערגיין די וואָלקנס, מען זאָל קענען מאַכן די ברכה מיט אַ שם ומלכות, אויב עס גייט נים פאַנאַנדער ביז האַלבן טאָג מאַכט מען די ברכה אָן אַ שם ומלכות. מען זאָגט נאָר די ווערטער ברוך עושה מעשה בראשית. (געווען איז קידוש החמה, תרפ"ה. מיר זאָלן זוכה זיין צו מאַכן די ברכה אין ירושלים עה"ק צו די קונפטיקע צייט, עס זאָל שוין זיין ירושלים בבנינה).

ברכת הגומל.

די 4 האָבן אויף זיך דעם חיוב צו מאַכן אַ ברכה וועלכע דאָס הייסט גומל בענטשן. 1) אַז מען גייט איבער דעם ים. 2) אַז

מען קומט פון דעם מדבר. 3) דער וואָס ווערט לויז פון פעסטונג זועלכע ער האָט געהאַט אַ משפט פון אַ קרימינאַל. 4) אַז איינער איז געזונט געוואָרן פון אַ קראַנקהייט וואָס ער איז געלעגן אין בעט 3 טעג. די ברכה מאַכט מען פאַר אַ מנין מענטשן. די ברכה איז: ברוך אתה ה׳ אמ״ה הגומל לחייבים טובות שגמלני כל טוב, ועונין אחריו, מי שגמלך כל טוב הוא יגמלך כל טוב סלה. דער מנהג איז, מען זאָגט דאָס ביי אַ ספר תורה, און עס איז רעכט ניט צו פאַרברענגען שפעטער ווי 3 טעג. נשים זיינען אויך מחויב אין גומל בענטשן. דאַרום איז רעכט אַ יולדת ווען זי שטייט אויף פון קימפעט זאָל זי בענטשן גומל.

דעם וואָס טרעפט זיך אַ אוננאַטירליכער נס, איז ווען ער קומט צו דעם אָרט וואו דער נס האָט געשען, מאַכט ער אַ ברכה ברוך אתה ה׳ אמ״ה שעשה לי נס במקום הזה. די קינדער און די קינדס קינדער ווען זיי קומען צום אָרט פון נס באַדאַרפן אויך מאַכן די ברכה, די קינדער זאָגן אויף אַ נס פון פאָטער לאבינו, און אויף אַ נס פון די מוטער, לאמנו. און די אייניקלעך זאָגן לאבותינו. ווען דער זון ווערט בר מצוה איז ער עולה לתורה און דער פאָטער זאָגט די ווערטער ברוך שפטרני מעונשו של זה. (הגר״א וכן פסק מהרי״ל ודעת הח״א נוטה לברך בשם ומלכות. מקור הברכה היא במדרש פ׳ תולדות על הפסוק ויגדלו הנערים, א״ר אלעזר צריך אדם להטפל בבנו עד י״ג שנים מכאן ואילך צריך שיאמר ברוך שפטרני מעונשו של זה. והגר״א בביאורו לשו״ע או״ח סימן רכ״ה ס״ק ב׳ וכ״ה במהרי״ל בהלכות קריאת התורה, וז״ל שם: מהר״י סגל בזמן שבנו נעשה בר מצוה וקרא בתורה היה מברך עליו ברוך אתה ה׳ אמ״ה אשר פטרני מעונשו של זה. וכן איתא במרדכי הגדול ברכה זו בשם ומלכות עכ״ל, וכן עיקר עכ״ל. ואל תתמה שבמד״ר בפרשת תולדות לא נזכרו שם ומלכות בברכת שפטרני, שכן דרך חז״ל לקצר הלשון כמו בברכות ס׳ ע״ב, שנזכרו שם ברכות השחר ולא נזכרו שם ומלכות כמו ברוך אשר יצר, ברוך המפיל, ברוך אשר נתן לשכוי, וכן בשבת קל״ז ע״ב, לענין ברכת המילה לא נזכר שם ומלכות (כי אם ברכת המל את הגרים). וכן במנחות ל״ו ע״א, על תפלה של יד אומר ברוך אשר קדשנו וכו׳ להניח תפילין, של ראש אומר ברוך אשר קדשנו על מצות תפילין, ועיין בפתחי שערים לשערי

אפרים על קה"ת שער ד' סעיף כ"ה, וז"ל: עיין במגלה עמוקות על התורה פ' תולדות שדעתו שצריך לברך בשם ומלכות וכן דעת הגרש"ז בעל התניא זצ"ל). די ברכה באדייט ווייל ביז 13 יאָר איז דער פאָטער פאַראַנטוואָרטליך פאַר זיינע מעשים.

דינים פון וואַשן זיך צום עסן.

פאַר דעם וואַשן זיך, דאַרף מען אכטונג געבן די הענט זאָלן זיין ריין, פיל גלייכער איז ניט צו טראָגן קיין גרויסע נעגל, ווייניגסטנס זאָל מען אַרויס נעמען די שמוץ פון אונטער די נעגל. פאַר דעם וואַשן זיך מוז מען אויסטאָן די רינגען. אַז מען האָט אַ וואונד אויף אַ האַנט דאַרף מען ניט אַראָפּ נעמען דעם בענדאַז, נאָר וואַשן זיך ווי געוויינליך און עס זאָל קומען וואַסער אויף דעם בענדאַז אויך, אויב דאָס איז אונמעגליך איז מען ניט מחויב צו וואַשן 1 האַנד און אַרום בינדן די קראַנקע האַנט, און מען מאָג עסן. די כלי פון וואַשן זיך צום עסן דאַרף זיין גאַנץ אָן אַ לעכל און אָן אַ שפּאַלט. די כלי דאַרף האַלטן ניט ווייניקער פון אַ רביעית. אַ דעקל פון אַ כלי אָדער נאָר אַ שברי כלי וועלכע האַלט אפילו מער ווי אַ רביעית, טאָר מען זיך ניט וואַשן. מען מעג אָפּטונקען די הענט אין אַ קוואַל אָדער אין אַ טייכל, און דאָס הייסט ווי געוואַשן זיך צום עסן. וואַסער וועלכע עס איז געטאָן געוואָרן דערמיט אַ מלאכה, אפילו עס איז מער ניט ווי איינ־געטונקט געוואָרן אַ מאכל אָדער ווי דער דרך איז זומער אריין צו שטעלן פלאַשן ביר אָפּקילן, טאָר מען ניט מיט די וואַסער זיך וואַשן צום עסן. מען דאַרף זיך וואַשן מיט אַ רביעית וואַסער אויף יעדער האַנט און וואַשן מיט איין גאָס. עס איז גלייך צו וואַשן זיך מיט אַ סך וואַסער. ווי די גמרא זאָגט: רב חסדא האָט געזאָגט איך האָב זיך געוואַשן מיט אַ פולע כלי וואַסער, האָט מיר השי"ת גיגעבן פולע הענט ברכה. דער וואַשן זיך דאַרף זיין אזוי: מען נעמט די כלי אין די רעכטע האַנט, און מען דערלאַנגט אין די לינקע האַנט, און מען גיסט אויף די רעכטע האַנט, נאָכהער פאַרקערט. דער וואַשן זיך צום עסן מוז קומען דורך דעם קראַפט פון מענטשן, אפילו פון אַן אַנדערן איז אויך רעכט. אָבער וואַסער פון אַ רער אָדער פון אַ אָפענעם קראַן טאָר מען ניט אונטער האַלטן די הענט עס זאָל גיין די וואַסער, נאָר פאַר יעדער גאָס

מוז מען טאָן אַ פּעולה מיטן האַנט, דהיינו, עפענען דעם קראַן. אַז מען וויל זיך וואַשן פון אַ פלומף, דאַרף מען אַזוי טאָן, איין האַנט האַלט מען גאָר נאָהענט פון דער ערד, (ובאם שיחזיק ידיו גבוהות מן הארץ לא מהני הנטילה דהוי כטובל בכיפין), אונטער דעם גאַנג פון די וואַסער, און מיט דער צווייטער האַנט פּאָמפּעט מען, דער נאָך טוט מען די זעלבע די צווייטע האַנט.

אַ כלי וועלכע איין זייט איז העכער, צ. ב. אַ שמאַנטקריגל טאָר מען זיך ניט וואַשן פון הויכן אָרט, נאָר פון דער נידעריגער זייט. וואַסער וועלכע עס איז פאַרענדערט געוואָרן די מראה דורך אַ צופאַל, אָדער אונריינע וואַסער, אָדער געזאַלצענע, ביטערע וואַסער, וועלכע אַ כלב מיאוס'ט זיך צו טרינקן, טאָר מען זיך ניט וואַשן מיט די וואַסער צום עסן. מען דאַרף היטן ניט אָנצו־רירן די געוואַשענע האַנט, מיט די אונגעוואַשענע האַנט. אויב עס האָט, אָדער אָן אַנדערער אַ אונגעוואַשענער האָט אים אָנגערירט דאַרף מען זיך איבערוואַשן. אויב מען האָט אָנגערירט נאָך די ברכה פון על נטילת ידים, דאַרף מען ניט נאָך אַ מאָל קיין ברכה מאַכן, נאָר איבערוואַשן זיך אויף־סניי. בעת מען וואַשט זיך, דאַרף מען צושפּרייטן די פינגער, און אַביסל אויף הויבן, בכדי די וואַסער זאָל ארום נעמען די גאַנצע האַנט. באַלד נאָך דעם וואַשן זיך, זאָל מען אויפהויבן די הענט, און מאַכן די ברכה על נטילת ידים. נאָך די ברכה זאָל מען ארום רייבן די הענט איינע מיט די אַנדערע, נאָכהער אָפּווישן זיך מיטן האַנטוך. פון וואַשן זיך ביז אָראָפּשלינגען דעם ערשטן ביסן, טאָר מען ניט מפסיק זיין אויסער צו די זאַכן וואָס איז נוגע צו דער סעודה, צ. ב. בעטן זאַלץ אָדער אַ מעסער. אין מיטן עסן דאַרף מען זיך היטן ניט אָנצורירן אין די ערטער פון לייב וואָס דער דרך איז דאַרטן זאָל זיין צו־געדעקט. אויב ער האָט זיך פון דעם ניט געהיט דאַרף ער זיך איבערוואַשן. דער זעלבער דין איז אויב ער גייט אין עסן משתין זיין. אָבער אויב ער גייט אויף נקיות אין מיטן עסן דאַרף מען זיך איבערוואַשן ווי דער דין איז, און מאַכן די ברכה על נטילת ידים. מען טאָר ניט עסן אומגעוואַשן. אויב עס איז שווער צו באַקומען וואַסער דהיינו אַז ער איז אין וועג, דאַרף ער נאָך זוכן וואַסער, אויב ער ריכט זיך צו האָבן וואַסער אויף די וועג וועלכע ער גייט, דאַרף ער וואַרטן אויף וואַסער ביז 5 וויאָרסט.

אויב אויף די קומענדיגע וועג וועט ער ניט האָבן קיין וואַסער, איז ער זיך מחויב צוריק גיין אַ תחום שבת, וואָס דאָס איז 2000 איילן. דאָס איז אַ ערך אַ וויאָרסט מיט אַ פערטל, און אַז ער האָט ניט אין גאַנצן שטח קיין וואַסער מעג ער אַרום וויקלען די הענט, אָדער אָנטאָן האַנטשוה און עסן.

שלמה המלך האָט איינגעאָרדענט נטילת ידים, ווען ער האָט מתקן געווען נטילת ידים, איז אַרויס אַ בת קול: בני אם חכם לבך ישמח לבי גם אני. די הייליגע חכמים זאָגן: דער וואָס האַלט גרינג די מצוה פון נטילת ידים, הייסט ער אַ מנודה לשמים און עס ברייננגט אים צו אָרימקייט, ביז ער ווערט פון דער וועלט אויסגעריסן רח"ל. ווי גרויס און וויכטיג דער וואַשן זיך צום עסן איז, פאַרשטעהן מיר פון די ערציילונג פון דער גמרא: רבי עקיבא איז געזעסן אין פעסטונג, און ר' יהושע הגרסי איז געווען זיין באַדינער, אַלע טאָג פלעגט מען אים אַריינגעבן וואַסער מיט אַ מאָס, איין טאָג האָט אים דער שומר פון פעסטונג געטראָפן טראָגן די וואַסער, זאָגט ער וואָס טראָגסטו צופיל וואַסער, אפשר מיינט איר מיט דעם די פעסטונג אונטערגראָבן, האָט ער אים האַלב אויסגעגאָסן. אַז ר' יהושע האָט געבראַכט ר' עקיבא דאָס ביסל וואַסער זאָגט ער צו אים, יהושע ווייסטו דען ניט אַז איך בין אַ אַלטער מאַן און מיין לעבן הענגט אָן דיר, וואָרום האָסטו אַזוי ווייניג וואַסער געבראַכט. האָט אים ר' יהושע דערציילט די זאַך, זאָגט ר' עקיבא, די ערשטע גיב מיר צו וואַשן די הענט, זאגט ר' יהושע איך האָב גאַנץ ווייניג אפילו אויף אַ טרינק צו טאָן. ענטפערט אים ר' עקיבא: וואָס זאָל איך טאָן, אַז מען עסט אונגעוואַשן איז מען חייב מיתה, וויל איך בעסער שטאַרבן מיט מיין אייגענעם טויט, איידער צו שטאַרבן פון דעם זינד וואָס איך וועל עסן אָן געוואַשן. ער האָט ניט טועם געווען ביז מען האָט אים געבראַכט גענוג וואַסער, האָבן די חכמים געזאָגט, מיר זען ווי הארב דאָס איז, אַז אַזאַ זקן אין געפענגעניש האָט אַזוי פיל מחמיר געווען, וויפל דאַרפן מיר זיך שוין היטן, וואָס מיר זיינען פרייע ניט קיין געצוואונגענע.

דינים פון ברכת המוציא און דינים פון סעודה.

אז מען עסט ברויט, פון די 5 מינים: קאָרן, ווייץ, האָבער, גערשטן, ארקוס, דאַרף מען מאַכן המוציא. פון וואַשן זיך ביז מאַכן המוציא מעג מען ענטפערן אמן. אָבער נאָך די המוציא מאַכן ביז אָראָפּשלינגען דעם ערשטן ביסן טאָר מען אפילו קיין אמן אויך ניט ענטפערן. עס איז אַ מצוה צו מאַכן המוציא אויף אַ גאַנצע. אז עס ליגט פאַר אים צו עסן אַ שטיקל חלה, מיט אַ גאַנצן לעבל ברויט קאָרענע, דאַרף מען מאַכן המוציא איבער די חלה, ווייל חלה איז חשובער. שבת און יום טוב ווייל מען מוז האָבן די לחם משנה, זאָל זיין גאַנץ בעת די ברכה, דאַרף מען מאַכן פריער המוציא און דערנאָך איבערשניידן. אָבער אַ גאַנצע וואָך, שניידט מען עטוואָס איין און מען מאַכט המוציא, דערנאָך שניידט מען איבער.

דער עסן דאַרף זיין מיט דרך ארץ מען טאָר ניט האַלטן דעם עסן אין איין האַנט און אָפּברעכן מיט דער אַנדער האַנט. ניט אָפּבייסן און אוועקלייגן אויפן טיש, אָדער געבן דעם צווייטן די געביסענע. ניט האַלטן אַ שטיק און בייסן פון איר. מען זאָל ניט עסן און טרינקען ווי אַ הונגעריקער. ניט עסן און ניט טרינקען שטייענדיג. אַ גלעזל משקה אָדער אַ גלאָז ביר זאָל מען ניט אויסטרינקען מיט איין מאָל. אין דער סעודה דאַרף דער עלטערער פריער אָנפאַנגען צו עסן. ווען 2 עסן פון איין שפייז, און איינער האַלט אָפּ פון עסן, דאַרף דער צווייטער אויך אָפּהאַלטן פון עסן. עס איז ניט גלייך 2 מענטשן זאָלן עסן פון איין כלי דען עס קאָן טרעפן, איינער האָט אַ פעלער וואָס קען שאַטן דעם צווייטן. דער בעל הבית זאָל ניט ווייזן קיין שלעכט פנים ביי דעם עסן. מען טאָר ניט ריידן אין עסן, ווייל עס איז אַ סכנה (שמא יקדים קנה לוושט). מען טאָר ניט אונטער-שפאַרן קיין כלי מיט אַ דבר מאכל. מען דאַרף היטן די ברעקלאַך ניט אוועקצוואַרפן ווייל עס שאַדט צו פרנסה. ביי דעם עסן דאַרף מען זאָגן דברי תורה, דאַרום איז אַ מנהג אז מען זאָגט אין עסן מזמור לדוד ה' רועי וכו'. (והמחבר מהספר קיבל מרבו הגאוה"ק מרן ר' דוד בידערמאַן זי"ע אדמו"ר מירושלים עה"ק תבב"א שטוב לומר מזמור לדוד וכו' אחרי נטילת ידים, אחרי הברכה של ברכת נטילת ידים קודם ברכת המוציא. ויש לזה שורש בכתבי

הקודש של מרן האר"י זי"ע. והרע"ב על משניות במס' אבות מביא מיש אומרים שיוצא בברכת המזון במה שאמר דברי תורה על השלחן). עס איז ניט גלייך ארויסצוגיין פון הויז פאר דעם בענטשן, אויב מען עסט אין א געזעלשאפט קאנען איינינע ארויס גיין אויף א קורצע צייט, ווי באלד אז עס איז נאך געבליבן מענטשן ביי דער סעודה. (משום דלקבוע קמא הדר, במס' ברכות). אויב בעת מאכן די המוציא האט ער געהאט בדעה צוגיין אין א אנדער הויז ענדיגן די סעודה און בענטשן דארט מעג מען. דאס איז אלעס גירעדט אויב ער גייט צו א סעודת מצוה אדער ער גייט צו אזוי א מצוה וועלכע ער קאן פארזאמען, אבער גיין ניט אין א מצוה, טאר מען ניט.

דינים פון עסן צושפייז אין דער סעודה.

אלע זאכן וואס דער דרך איז אז מען עסט דאס צום ברויט, אדער א זאך וואס דער דרך איז צו עסן אדער צו טרינקען אין סעודה, צ. ב. פיש, פלייש, מילכיגס-טייגן, בוימפרוכט רויע אדער געקאכטע, אדער געפרעגלטע, אויב מען עסט דאס אן ברויט, דארף מען מאכן א ברכה. אבער ניט קיין ברכה אחרונה, ווייל דער בענטשן פטר'ט. דארום דארף מען אויף קאמפאט מאכן א ברכה, און קיין ברכה אחרונה ניט. אויב מען איז קובע די סעודה אויף ברויט מיט פירות, צ. ב. מען זעצט זיך עסן חלה אדער ברויט, מיט עפל צימעס, אדער מיט פלוימען, דארף מען אויף די פירות קיין ברכה ניט מאכן. אפילו ער וועט אין מיטן די סעודה שפעטער עסן די פירות אן ברויט. אויב מען האט זיך געזעצט עסן אנדערע צושפייז און מען האט אים געבראכט פירות אויך אויף א צושפייז צום ברויט, אפילו אז ער האט פון דעם גענעסן מיט ברויט, איז וועלכע ער עסט אן ברויט דארף מען מאכן א ברכה. אויף וויין אין מיטן עסן דארף מען מאכן א ברכה. אבער ניט קיין ב"א. אז מען האט געטרונקען וויין פאר דעם עסן, און מען גייט באלד עסן, און מען האט געהאט אין זינען צו טרינקען וויין אין מיטן עסן אויך, אדער ווי דער דרך איז צו טרינקען וויין אין מיטן עסן, דארף מען קיין ברכה ניט מאכן אויף די וויין אין מיטן עסן. אויף די וויין פון פאר דעם עסן דארף מען ניט מאכן קיין ברכה אחרונה ווייל מען גייט

באלד עסן פטר'ט עס מיטן בענטשן. אָבער א ברכה ראשונה דאַרף מען מאַכן. עס איז גלייך צו מאַכן אַ ברכה איבער אַ שטיקל צוקער באַזונדער, נאָכהער טרינקען. אויב מען נעמט אַ ביסל בראָנפן צו פאַרטרייבן די פעטקייט פון מויל, דאַרף מען קיין ברכה ניט מאַכן. צוקער געבעקס, מאַנדל-קוכן און דאָס גלייכן, אויב מען עסט דאָס אין דער סעודה, צו ערפילן דעם זעט דאַרף מען קיין ברכה ניט מאַכן, אויב מען עסט דאָס לתענוג, ווילן אַנדערע פוסקים האָבן מען זאָל מאַכן אַ ברכה (עמק ברכה). גלייכער איז אָבער צו טראַכטן ביי דער מוציא צו פטר'ן אַלעם וואָס עס וועט פאַרקומען אין דער סעודה (חיי אדם), דאַרף מען געווים ניט מאַכן קיין ברכה. אַלע זאַכן וואָס מען עסט פאַר דעם וואַשן זיך און מען וועט דאָס עסן אין דער סעודה, דאַרף מען ניט מאַכן קיין ברכה אחרונה פאַר די סעודה.

דינים פון בענטשן מזומן.

אַז דריי עסן צוזאַמען מוזן זיי בענטשן מזומן, דער וואָס מען איז אים מַכבד מיט בענטשן, זאָגט ער: נברך שאכלנו משלו, און זיי ענטפערן: ברוך שאכלנו משלו ובטובו חיינו. דאָס איז דער דין אַז עס עסן אַ קאָמפּאַניע פון 9 מענטשן. אָבער אַז 10 מענטשן עסן צוזאַמען, זאָגט ער: נברך אלקינו שאכלנו משלו, און די איבעריגע ענטפערן: ברוך אלקינו שאכלנו משלו ובטובו חיינו. אַז 2 מענטשן עסן צו זאַמען און איינער קומט אָן, איז אַ מצוה אים צו געבן טועם זיין און ער זאָל עסן אַ כזית אָדער טרינקען אַ רביעית, כדי ער זאָל מחויב זיין אַ ברכה אחרונה און ער ווערט צוגערעכנט צו אַ מזומן. אויב אין דער מסיבה איז דאָ אַ כהן קומט דעם כהן בענטשן. אַ אורח קומט אים מכבד צו זיין מיט בענטשן. (אורח וכהן כהן קודם, הראיה יש לי להביא מהא דאביו אומר השקיני מים וד"ל). אַז איינער פון מזומן האָט אָפּגעבענטשט איז מען אים מצרף צום מזומן. עס איז אַ חוב דער בענטשער זאָל זאָגן העכער ביז הזן את הכל. און די איבעריגע מענטשן זאָלן נאָך אים נאָך זאָגן וואָרט אין וואָרט. די איבעריגע ברכות זאָל מען ענדיקן פריער פאַר דעם בענטשער בכדי צו ענטפערן אמן. אַז איינער פון די מסובין האָט געגעסן מילכיגס קומט אים צו בענטשן. (כי מי שאכל מאכלי חלב יכול

לאכול אח״ז של בשר מי שאכל בשר לא יוכל לאכול אח״ז חלב עד ששה שעות, וד״ל). עס איז אַ מצוה צו בענטשן אויף אַ כום.

דינים פון על הניסים, רצה, יעלה ויבוא אין בענטשן.

חנוכה אָדער פורים אַז מען פאַרגעסט צו זאָגן אין בענטשן על הניסים און מען דערמאָנט זיך אַז מען האָט געזאָגט דעם שם פון על הארץ ועל המזון, זאָל מען בענטשן ווייטער, און אין די הרחמן׳ס זאָגט מען הרחמן הוא יעשה לנו נסים ונפלאות כמו שעשה לאבותינו בימים ההם בזה״ז. און מען זאָגט בימי מתתיהו אום חנוכה און בימי מרדכי אום פורים. אַז מען פאַרגעסט צו זאָגן אין בענטשן רצה אָדער יעלה ויבוא און מען האָט זיך דערמאָנט ווען מען האָט שוין געזאָגט דעם שם פון בונה ירושלים, אָבער בונה ירושלים האָט ער ניט געזאָגט, זאָל ער ענדיגען די ווערטער למדני חוקיך, און זאָגן רצה אָדער יעלה ויבוא, און זאָגן ובנה ירושלים און ווייטער. אַז ער האָט זיך דערמאָנט נאָך בונה ירושלים אמן, זאָל ער זאָגן ווי דאָ איז פאַרגעשריבן, היינו שבת זאָל מען זאָגן בא״י אמ״ה אשר נתן שבתות למנוחה לעמו ישראל באהבה לאות ולברית, בא״י מקדש השבת. ראש חודש און מען האָט פאַרגעסן יעלה ויבוא, זאָל מען זאָגן: בא״י אמ״ה שנתן ר״ח לעמו ישראל לזכרון. נאָך דעם ווי מען זאָגט אָפ די ברכה, זאָגט מען פון בא״י אמ״ה הא-ל אבינו און ווייטער. ווען ר״ח איז שבת און מען האָט פאַרגעסן רצה מיט יעלה ויבוא דאַרף מען זאָגן בא״י אמ״ה אשר נתן שבתות למנוחה לעמו ישראל באהבה לאות ולזכרון בא״י מקדש השבת וישראל וראשי חדשים, און מען זאָגט ווייטער פון בא״י אמ״ה הא-ל אבינו און ווייטער ביזן סוף.

יום טוב אַז מען פאַרגעסט יעלה ויבוא און מען האָט זיך דערמאָנט אַז מען האָט שוין געזאָגט בונה ירושלים, זאָגט מען בא״י אמ״ה אשר נתן ימים טובים לעמו ישראל לששון ולשמחה את יום חג פלוני, בא״י מקדש ישראל והזמנים. און מען ענדיגט בענטשן פון בא״י אמ״ה הא-ל אבינו ביזן סוף. חול המועד אַז מען פאַרגעסט יעלה ויבוא, און מען האָט זיך דערמאָנט ווען

מען האָט שוין געזאָגט בונה ירושלים, זאָגט מען בא"י אמ"ה שנתן מועדים לעמו ישראל לששון ולשמחה, מער ניט, און מען זאָגט ווייטער פון הא־ל אבינו ביז סוף. שבת חול המועד און מען פאַרגעסט רצה מיט יעלה ויבוא, און מען האָט זיך דערמאָנט נאָך בונה ירושלים, זאָגט מען: בא"י אמ"ה אשר נתן שבתות למנוחה לעמו ישראל באהבה לאות ולברית, ומועדים לששון ולשמחה בא"י מקדש השבת וישראל והזמנים. ראש השנה אַז מען פאַרגעסט יעלה ויבוא, און מען האָט זיך דערמאָנט נאָך בונה ירושלים, זאָגט מען: בא"י אמ"ה אשר נתן ימים טובים לעמו ישראל ואת יום הזכרון הזה, און מען ענדיקט פון בא"י אמ"ה הא־ל אבינו ביז סוף. שבת ראש השנה און מען האָט פאַרגעסן רצה מיט יעלה ויבוא, זאָגט מען בא"י אמ"ה אשר נתן שבתות למנוחה לעמו ישראל באהבה לאות ולברית וימים טובים את יום הזכרון הזה בא"י מקדש השבת וישראל ויום הזכרון. אויב ער האָט זיך דער־מאָנט ווען ער האָט שוין אָנגעפאַנגען די ברכה פון הא־ל אבינו, מוז מען איבער בענטשן. נאָר שבת צו שלש סעודות דאַרף מען ניט איבער בענטשן. (משום דסעודה שלישית אינו חייב דוקא בפת). אויב ער האָט מער ניט געזאָגט ווי דעם שם פון הא־ל אבינו, דהיינו ער האָט געזאָגט בא"י אמ"ה קען ער זאָגן אשר נתן ווי אויבן שטייט נאָך יעדער צייט, דהיינו שבת, ראש חודש, יום טוב, חוה"מ, ראש השנה, אָבער בא"י אמ"ה דאַרף מען ניט זאָגן ווייל ער האָט דאָך שוין געזאָגט בא"י אמ"ה. און זאָגט דער נאָך בא"י אמ"ה הא־ל אבינו ביז סוף. אַז מען זעצט זיך עסן שלש סעודות און מען ציט אריין אין דער נאַכט, און מען האָט נאָך ניט געדאַווענט קיין מעריב זאָל מען זאָגן רצה אין בענטשן. דאָס גלייכן אַז די סעודת ר"ח ציט זיך אריין אין דער נאַכט, וואָס איז שוין מער ניט ראש חודש, דאַרף מען זאָגן יעלה ויבוא, און חנוכה על הניסים. אָבער פורים ווי דער דרך איז אַז עס ציט זיך אַריין די סעודה אין די נאַכט, און מען האָט נאָך געוויינטליך ניט געדאַווענט קיין מעריב דאַרף מען אין בענטשן זאָגן על הניסים נאָר ווי געוויינטליך האָט דאָך יעדער איד מורא פילייכט פאַרגעסט ער דאַווענען מעריב איבער די טרדה פון סעודת פורים, דאַווענט מען מעריב אין מיטן סעודה, דאַרף מען קיין על הניסים ניט זאָגן אין בענטשן. אַז מען האָט א ספק אויב מען האָט גיבענטשט

דאַרף מען בענטשן. דער זעלבער דין איז אויב עס איז אַ ספק צי מען האָט געזאָגט ברכת התורה דאַרף מען זאָגן ברכת התורה, אָבער אַנדערע ברכות אַז עס איז אַ ספק אויב מען האָט געמאַכט דאַרף מען ניט איבער מאַכן די ברכה, (משום דספק ברכות להקל), אָבער אַ אשה דאַרף פון ספק וועגן ניט איבער מאַכן קיין ברכה אפילו אויב עס איז איר אַ ספק אויב זי האָט געבענטשט דאַרף זי ניט איבער בענטשן.

דינים פון ברכות (נאָך דעם אלף־בית).

(אַגרעסן) צייטיגע מאַכט מען בורא פרי העץ, געפּרעגלטע אפילו אונצייטיגע אויך בפה"ע, געפּרעגלטע, צוריבענע אויב עס איז קאַנטיג, איז בורא פרי העץ. אויב עס איז ניט קאַנטיג קיין אַגרעסן מאַכט מען שהכל. די זאַפט פון אַגרעסן אָדער די יויך פון געקאָכטע אַגרעסן מאַכט מען שהכל, פיל גלייכער איז צו טראַכטן בעת מען מאַכט די ברכה אויף דער פרי צו פּטר'ן די יויך אויך. אויב מען עסט די יויך צוזאַמען מיט די אַגרעסן, דאַרף מען אויף די יויך ניט מאַכן קיין באַזונדערע ברכה. געשניטענע פּלעצלאַך פון אַגרעסן ברכת שהכל.

א. אונצייטיגע פּרוכט וועלכע מען קען זיי עסן רויערהייט איז די ברכה בורא פרי העץ, (משום דהגיע לעונת המעשרות), אויף רויע אָדער געקאָכטע, געבאַקענע אָדער געפּרעגלטע, אָבער די וועלכע גאַר ווייניג מענטשן עסן דאָס, איז די ברכה שהכל און אויף געפּרעגלטע בורא פרי העץ. אויב מען קען זיי רויערהייט בשום אופן ניט עסן, איז אויף רויע גאַר ניטאָ קיין ברכה, און אויב מען פּרעגלט זיי איז שהכל. שהחיינו מאַכט מען ניט אויף אונצייטיגע פּרוכט.

א. אוגערקעס, זיסע אָדער זויערע, מאַכט מען בורא פרי האדמה, אויף זיסע מאַכט מען שהחיינו, די ראָסל פון די אוגערקעס אויב מען עסט צוזאַמען מיט די אוגערקעס, איז מען יוצא מיט די ברכה פון די אוגערקעס, אויב מען זופּט די ראָסל פון די אוגערקעס אליין, מאַכט מען שהכל. (רמב"ם ורשב"א, ולהרא"ש בפה"א, והח"א מחלק בין מנהג המקום לאכול המרק בלחם). אויף זיסע אוגערקעס אין עסן אַז מען עסט זיי אליין מאַכט מען אַ

ברכה, אויב מען נוצט זיי נאָר פאַר א צושפייז דהיינו מען עסט ברויט אָדער פלייש מיט זיסע אוגערקעס, דאַרף מען אויף די אוגערקעס קיין ברכה ניט מאַכן. אויף זויערע אוגערקעס אין עסן דאַרף מען ניט מאַכן קיין ברכה. די ברכה אחרונה פון אוגערקעס אָדער פון די יויך איז בורא נפשות רבות וכו'.

איילבירטן מאַכט מען בורא פרי העץ. די ברכה אחרונה איז על העץ. אונצייטיגע וועלכע מען קען עסן בדוחק, אָדער זיי זיינען שטאַרק ביטער, אָדער האַליג איז אויף דעם ניטאָ קיין ברכה. אויף געזאַלצענע איילבירטן מאַכט מען בורא פרי העץ. אז מען עסט געזאַלצענע איילבירטן פאַר דעם עסן דאַרף מען קיין ברכה אחרונה ניט מאַכן. ווייל דאָס איז נאָר צום אַפעטיט. און אז מען עסט זיי אינמיטן דער סעודה דאַרף מען אויף זיי קיין ברכה ראשונה אויך ניט מאַכן (מג"א קע"ד י"א).

איינגעמאַכץ פון ערד פרוכט, דהיינו ריבן, בוריקעס, רעטאַך, איז די ברכה בורא פרי האדמה. איינגעמאַכץ פון וואָרצלען וועלכע וואַקסן אין די לאָנקעס, צ. ב. געפּרעגעלטע אייער וואָרצלען מאַכט מען שהכל. אויב מען עסט איינגעמאַכץ אין מיטן עסן אָן ברויט מאַכט מען א ברכה ראשונה און ניט קיין ברכה אחרונה. אויב מען עסט מיט ברויט מאַכט מען קיין ברכה ראשונה אויך ניט.

אינגבער פייכטע, מאַכט מען בורא פרי האדמה. געפּרעגעלטע אינגבער אפילו טרוקענע איז אויך בורא פרי האדמה.

אינגבערלאַך מאַכט מען בורא פרי האדמה. אינגבערלאַך מיט מצה-מעל ווי מען מאַכט אויף פסח, אָדער מיט מעל, מאַכט מען די ברכה במ"מ. אז מען עסט א כזית מאַכט מען א ברכה אחרונה.

אייל, אלע סאָרטן אייל מאַכט מען שהכל, אפילו רויע אייל אויך השכל.

אייער-בייגל בורא מיני מזונות.

אייל-קיכלאַך, במ"מ. אז מען עסט א כזית דאָס איז א האַלבע איי די גרויס, מאַכט מען א ברכה אחרונה על המחיה.

אזוב, מאַכט מען ניט קיין ברכה, ווייל דאָס איז ביטער, און עס ווערט נאָר גענוצט אויף א רפואה. אויב מען שמעקט דאָס מאַכט מען בא"י אמ"ה בורא עשבי בשמים.

ארבעס, טרוקענע רויע, מאַכט מען שהכל. געקאָכטע מאַכט מען בורא פרי האדמה. אויף די יויך פון ארבעס מאַכט מען אויך בפה"א. פרישע גרינע ארבעס אויך פרי האדמה. אויף די שויטן אָן די אַרבעס מאַכט מען שהכל. אז מען עסט די שויטן מיט די אַר־בעס, איז מען יוצא מיט די ברכה פון די ארבעס.

ארבעסענע קאַמעס, דאָס הייסט צוריבענע ארבעס, אויב די ארבעס איז קענטיג, מאַכט מען בורא פרי האדמה, און אויב עס איז ניט קענטיג מאַכט מען ברכת שהכל (ודוקא שנתמעך דרך כלי מנוקב). די ברכה אחרונה פון די אלע מיני אַרבעס און פון די יויך איז בורא נפשות.

אתרוג געפּרעגעלטע בורא פרי העץ (משום דנטעם למצוה ולהרקחה ונאכלין כשהן מבושלין כידוע לבקיאים בזה. ובספר ברכת מנחם הביא בשם הגאון הנצי"ב ז"ל, שהכל, ע"ש, ובשם הגאון מרן בעל מהר"ם א"ש זצ"ל שמעתי שבירך בפה"ע, והביא ראיה לזה שהתורה הקדושה קראה אותו פרי עץ הדר, א"כ צריכים לברך ברכת בפה"ע, ודפח"ח). די ברכה אחרונה איז בורא נפשות. רויע אתרוג, ווייל עס איז ניט דער דרך צו עסן, איז אויף דעם ניטאָ קיין ברכה. דער כלל זאָל מען האַלטן צו געדיינקען, א ברכה אחרונה איז מען מחויב צו מאַכן נאָר ווען מען עסט א כזית און מען טרינקט א רבי־עית, דאַרום האָבן מיר ניט נויטיג צו דערמאָנען דעם שיעור פון מאַכן א ברכה אחרונה. אויך האָבן מיר ניט צו שרייבן וואָס פאַר א ברכה מען דאַרף מאַכן, אויף יעדן מין, ווייל מיר פאַרלאָזן זיך אויף די כללים וואָס מיר האָבן אָפּגעשטעלט, ווען מען מאַכט בורא נפשות און ווען מען מאַכט די לאַנגע ברכה.

באָב האָט דעם זעלבן דין ווי ארבעס, און אויף די שטרוצעס פון באָב מאַכט מען ניט קיין ברכה, ווייל עס איז ניט דער דרך צו עסן. אויף באָב יויך, דער וואָס האָט פון דעם הנאה מאַכט שהכל (כיון דאית ליה הנאה מיניה בעי ברוכי).

בעבלעך, געקאָכטע מאַכט מען בורא פרי האדמה, די יויך פון בעבלאַך געקאָכטע אויך בפה"א. רויע בעבלאַך איז ניט דער דרך צו עסן, נאָר אַז איינער עסט מאַכט ער שהכל.

באַטווענע, פון בוריקעס געזייערטע אפילו ניט קיין געקאָכטע אפילו שיטערע איז די ברכה בפה"א.

באַרשט, פון מעל מיט קלייען, מאַכט מען שהכל אפילו אַז מען קאָכט דעם באַרטש מיט באַטווענע, אָדער מיט בוריקעס, אָדער מיט קרויט, און מען זיפּט דאָס אָן ברויט מאַכט מען שהכל. נאָר אויף די בוריקעס אָדער די קרויט מאַכט מען באַזונדער בפה"א. אַז מען זיפּט דאָס מיט די קרויט אָדער מיט די בוריקעס דאַרף מען אויף דעם באַרשט ניט מאַכן קיין באַזונדער ברכה. באַרשט וואָס מען מאַכט פון בוריקעס וואָס מען רופט קוואָס אויב מען זיפּט דאָס באַזונדער מאַכט מען שהכל, פון קאַרשן אויב מען זיפּט באַזונדער מאַכט מען שהכל, אויב מיט די קאַרשן, איז מען יוצא מיט די ברכה פון די קאַרשן. די ברכה אחרונה פון אַלע מיני באַרשט, אויב מען טרינקט אַ רביעית מאַכט מען בורא נפשות.

בוריקעס, געזייערטע אפילו רויע אָדער זיסע, געקאָכטע אפילו צעהאַקט גאַנץ דין, מאַכט מען בפה"א, די שיטערע פון בוריקעס, אויב עס איז פעט און געדיכט פון די בוריקעס, אויב מען זיפּט די יויך מאַכט מען אויף די יויך בפה"א, אַז מען זיפּט מיט די בוריקעס, דאַרף מען קיין באַזונדער ברכה ניט מאַכן אויף די יויך.

באַרנעס, רויע אָדער געקאָכטע בפה"ע.

באַקסאַרן, צייטיגע מאַכט מען בפה"ע, אויף אונצייטיגע וועל־כע איז ראוי צום עסן מאַכט מען בפה"א.

ברוקווע, רויע אָדער געקאָכטע בפה"א, די ברכה אחרונה איז בורא נפשות.

ברושניצעס, רויע אָדער אָפּגעוואַרעמטע דורך געקוועצט דורך אַ שמאַטקע מאַכט מען בפה"א.

בוימאייל, אַז מען טרינקט דאָס פאַר אַ רפואה וועגן געמישט מיט משקה, אפילו די משקה איז מער פאַר די בוימאייל מאַכט מען בפה"ע. אויב דער עיקר איז ווייל מען וויל טרינקען די משקה צ. ב. ווי דער דרך איז צו נעמען בוימאייל אויף בראָנפן און מען

וויל טרינקען די בראנפן מאכט מען די ברכה אויף די משקה. הוילע בוימאייל איז מזיק צו טרינקען איז אויף דעם ניטא קיין ברכה.

בלינעס, פון ארבעסענע מעל אדער פון רעצקענע מעל מאכט מען שהכל, די ברכה אחרונה איז בורא נפשות. אז עס איז צוגעשאטן מעל פון די 5 מינים, אויב מען שיט צו פון שטייפקייט וועגן מאכט מען שהכל, אויב פון טעם וועגן מאכט מען במ״מ. אויב זיי זיינען גרעבלעך און מיט וויניג פעטקייט טאר מען זיי ניט עסן אומגעוואשן. דארף מען זיך וואשן און מאכן המוציא אויף א אנדער זאך.

אויב אפילו ניט דין געבאקן נאר מיט פעטס, אויב די פעטס איז מער ווי וואסער, איז אויך במ״מ, און די ברכה אחרונה איז בורא נפשות. אויב עס איז צוגעשאטן א 8טל מעל פון די 5 מינים דהיינו מען האט אריין געשאטן פיר לויט מעל ווייצענע אין 28 לויט פון די מעל, מאכט מען במ״מ. און די ב״א על המחיה מאכט מען אויב מען האט געגעסן 8 כזיתים וואס דאס איז ווי 4 אייער גרוים אין צייט ביז 9 מינוט.

בלינצעס, מילכיגע אדער פליישיגע פון ווייצן מעל אדער נאר פון די 5 מינים, מאכט מען במ״מ, און על המחיה. אויב גרעבלעך און וויניג פעטקייט טאר מען זיי ניט עסן אן געוואשן.

ברויט, פון קארן, ווייץ, גערשטן, האבער, ארקוס, דארף מען זיך וואשן און בענטשן. ברויט פון ארבעס, רייז, הירז מאכט מען שהכל. און די ב״א איז בורא נפשות. אויב עס איז צוגעשאטן א 8טל מעל פון די 5 מינים מאכט מען המוציא, אויב מען עסט ווי 4 אייער גרוים אין צייט ביז 9 מינוט דארף מען בענטשן אויך (שו״ע ר״ח ס״ט), אויב עס איז צוגעשאטן וויניגער ווי א 8-טל מעל, מאכט מען המוציא און די ב״א איז על המחיה, אפילו אז ער עסט א סאך. ברויט אדער חלה געקאכטע אדער געפרעגלטע, אפילו צו ברעקלט און צומישט מיט אייער אדער מיט פוטער, אדער מיט שמאלץ, אדער מיט האניג, און דער נאך געקאכט, נאר אז עס איז געווען פאר דעם און נאך דעם יעדער שטיקל א כזית, הייסט עס ברויט, און דאס האט דעם דין ווי ברויט, אבער אז עס איז נאר אויף געקוואלן, אבער אין אמת האלט ניט יעדער

שטיקל אַ כזית, מאַכט מען בורא מיני מזונות, און על המחיה. אז מען וויקט ברויט אין בראַנפּן אָדער אין ביר אָדער אין רויטע וויין, נאָר אַז יעדע שטיקל איז גרויס אַ כזית האָט דאָס דעם דין ווי ברויט אין אַלעם. אויב עס האַלט וויינציגער ווי אַ כזית יעדע שטיקל האָט דאָס דעם דין פון מזונות.

בראַנפּן, ביר, אַלע סאָרטן, מאַכט מען שהכל. בראַנפּן אויף קאַרשן אָדער אויף יאַגדעס איז די ברכה שהכל. און די ב"א איז בורא נפשות. בראַנפּן אָדער ביר אין עסן דאַרף מען קיין ברכה ניט מאַכן.

גאַלעריט, דאָס איז געקאָכטע פעריעצקעס, געשניטן אין פלעצ־לעך דאָס ווערט גערופן „פאַווידלאַ", מאַכט מען שהכל.

גריבענעס, שהכל. גרייץ, גרויפּן פון די 5 מינים קאָרענע, ווייצענע, האָבערנע, גערשטנע, ארקוסנע, מאַכט מען במ"מ, און על המחיה. אויב עס איז ניט צוקאָכט און די קערנער זיינען גאַנץ מאַכט מען בפה"א, און די ב"א איז בורא נפשות.

גערשטן וואַסער, וואָס מען קאָכט פאַר אַ חולה מאַכט מען שהכל.

גרייץ פון די 5 מינים מיט קאַרטאָפל, אויב די קאַרטאָפל איז קאָנטיג, מאַכט מען מזונות מיט בפה"א. טוט מען אַזוי: מען מאַכט מזונות און מען פאַרזוכט די גרייץ, דער נאָך מאַכט מען בפה"א איבער די קאַרטאָפל. אויב די קאָטאָפל איז צוריבן מאַכט מען ניט איבער די קאַרטאָפל קיין באַזונדער ברכה. דער זעלבער דין איז, אַז מען קאָכט פון די 5 מינים לאָקשן אָדער פאַרפל מיט די זאַכן וואָס מען מאַכט בפה"א דהיינו אַרבעס, בעבלעך, באָב, און דאָס גלייכן.

גרייפלעך, רעצקענע דין ווי מעל מאַכט מען שהכל. די ב"א איז בורא נפשות. גרויפּן רעצקענע, בפה"א. אפילו געדיכטע גרויפּן נאָר אַז עס איז וואַסער מער ווי גרויפּן מאַכט מען שהכל. אויב געקאָכט מיט קאַרטאָפל איז די ברכה בפה"א, אויףביידע אויב די קאַרטאָפל איז ניט קאָנטיג און די וואַסער איז מער איז אַלעס שהכל. דער זעלבער דין איז אויף גרויפּנס וואָס מען מאַכט מזונות,

נאָר אַז די גרויפּן איז קאַנטיג מאַכט מען דאָך בפה"א, און אויב די יויך איז מער מאַכט מען שהכל.

דורא (דאָס איז אַ געריכט אין ארץ ישראל), געמאָלענע געמאַכט געקעכץ אָדער געבעקס מאַכט מען שהכל.

דודאים (אין ארץ ישראל עסט מען דאָס) האָט דעם זעלבען דין ווי אזוב.

האָניג פון בינשטאָק אפילו פון טייטלען אָדער געמאַכט פון קאַרטאָפל מאַכט מען שהכל.

הירז, געקאָכטע בורא פרי האדמה, די ב"א איז בורא נפשות.

המן טאַשן, געקאָכטע בורא פרי האדמה, די ב"א בורא נפשות. המן טאַשן געקנאָטן אויף מער וואַסער ווי אייער אָדער מילך אָדער פּוטער אָדער שמאַלץ, האָט דאָס אַ דין ווי נאָר חלה, אָבער אויב עס איז געקנאָטן אויף מער אייער אָדער פּוטער אָדער מילך אָדער שמאַלץ מאַכט מען במ"מ, און על המחיה. המן טאַשן וועלכע אפילו געקנאָטן נאָר מיט וואַסער אָבער דין געוועלגערט און אָנגעפּילט מיט פּיל מאָן, אָדער ווי מען פּילט מיט קעז אָדער מיט פליישׁ סיי מיט מאָן סיי אָן מאָן מאַכט מען במ"מ און על המחיה. אויף די המן טאַשן וואָס מען מאַכט על המחיה, נאָר אַז מען עסט דאָס ווי אַנדערע וועדן זאַט, דאַרף מען זיך וואַשן און מאַכן המוציא און בענטשן.

וואורשט אַלע סאָרטן, שהכל. אז מען עסט א כזית מאַכט מען בורא נפשות.

וואַסער מאַכט מען שהכל, אַז מען טרינקט אַ רביעית מאַכט מען בורא נפשות, אויב מען טרינקט אַראָפּצושלינגען אַ ביסן מאַכט מען ניט קיין ברכה. אויב מען וויל אַ טרונק מאַכט מען יאָ אַ ברכה.

ווילד עפּל, ווילד באַרנעס, אפילו געקאָכטע מאַכט מען שהכל.

וועריס קרויט, געקאָכטע אָדער צוגעריכטע מיט האָניג מאַכט מען שהכל.

וויינפּערלעך, מאַכט מען בפה"ע, אויף די יויך מאַכט מען שהכל.

ווייטרויבן צייטיגע בפה"ע, אז מען עסט א כזית מאכט מען די ב"א על העץ. אונצייטיגע ווייטרויבן מאכט מען בפה"א, און די ברכה אחרונה בורא נפשות. ווייין אפילו גיקאכטע מאכט מען בורא פרי הגפן. און די ב"א על הגפן. אפילו צוגעריכטע ווייין מיט בשמים איז אויך די זעלבע. אויף קידוש איז דער רעכט ניט צו נוצן צו געריכטע ווייין מיט בשמים, דער רעכט איז מען זאל אויסטרינקען דעם גאנצן רביעית בכדי צו מאכן א ב"א, אויב עס געפאלט אים שווער צו טרינקען דעם גאנצן רביעית זאל ער טרינקען א דריטל רביעית (משום די"א דהשיעור בכזית הוא חצי ביצה), און עסן א כזית מזונות און מאכן על המחיה און זאגן על הגפן ווי עס איז דער דין אז מען עסט מזונות און מען טרינקט ווייין מאכט מען על המחיה און מען זאגט על הגפן, און די לאנגע ברכה. נאך קידוש אז מען גייט באלד עסן, דארף מען ניט מאכן קיין ברכה אחרונה, אפילו אז מען בייסט צו נאך קידוש.

זורעווינעס האט א דין ווי ברושניצעס.

זויערמילך, זוימען-וואסער, זאלץ וואסער, שהכל.

חריין, צוגעריכטע, שהכל. איינגעמאכץ פון חריין בפה"א. די ב"א בורא נפשות.

כרעמזלעך, מאכט מען במ"מ און על המחיה. אויב מען קנעט זיי מיט הוילע וואסער, און מען באקט זיי נאכהער, וואשט מען זיך און מען מאכט המוציא און בענטשן. (מ"ב קס"ח י"ח ע"ש).

טיי, קאפע, שהכל. אז מען טרינקט ענדע עסן זאל מען מאכן שהכל איבער א שטיקל צוקער און צובייסן און טראכטן צו פטר'ן די טיי אדער די קאפע (מ"ב), ווייל די צוקער האט די ברכה שהכל אן טיי, דארום איז א טעות וואס די וועלט איז זיך נוהג איינצוטונקען די שטיקל צוקער אין די טיי, אז דער צוקער איז אויך שהכל (ולא עוד משום חשש טיבולו במשקה להזהר בזה). וועגן א ברכה אחרונה אויף טיי איז דער רעכט צו טרינקען די לעצטע גלאז טיי ניט קיין הייסע, דארף מען געווים מאכן א ברכה אחרונה. דאס איז די עצה פון מרן הגאון הקדוש בעל החת"ם זצ"ל.

טייטלען, אפילו צוריבענע און צעקוועטשטע ווי טייג מאכט מען בפה"ע און די ב"א על העץ. אויף געקאכטע און צוריבענע

מאכט מען אויך בפה"ע (מ"ב כ"ב ו'), אויף די יויך פון געקאָכטע טייטלען מאכט מען שהכל. אויב מען טרינקט די יויך צוזאמען מיט די טייטלען דאַרף מען אויף די יויך ניט מאכן קיין באַזונדער ברכה. אין עסן דאַרף מען טייטלען ניט מאכן קיין ברכה ווייל דאָס זעטיגט, איז מען יוצא מיט די ברכה פון עסן.

טרושקאַווקעס, דאָס איז אַזאַ מין פאַזימקעס גרויסע, איז די ברכה בורא פרי האדמה.

יאַגדעס שוואַרצע בפה"ע, יאַגדעס קוואַס, שהכל. געפּרעגל־טע שוואַרצע יאַגדעס, אויב עס איז קענטיג די יאַגדעס מאכט מען בורא פרי העץ, אויב די יאַגדעס איז ניט קאַנטיג מאכט מען שהכל.

לאָקשן פון מעל פון די 5 מינים מאכט מען במ"מ און על המחי'. אויף די יויך דאַרף מען קיין באַזונדער ברכה ניט מאכן. יויך פון אָפּגעקאָכטע קוגל לאָקשן מאכט מען שהכל, מען דאַרף דאָס זיפּן ווייניגער ווי אַ רביעית מען זאָל ניט מחויב ווערן אין ברכה אחרונה. (דיש ספק בהברכה אחרונה אם על המחיה או בורא נפשות רמב"ם ורשב"ם והרא"ש כנודע). אויב עס איז געקנאָטן פון אַזוי פיל מעל וואָס האַלט אַ שיעור חלה, אפילו אויב עס איז געקנאָטן מיט אייער דאַרף מען נעמען חלה אָן אַ ברכה. לאָקשן וועלכע עס ווערט געמאַכט פון אייער און שמאַלץ אָדער פון קאַרטאָפל מאכט מען שהכל.

לעקעך, פון ווייצענע אָדער קאָרענע מעל מאכט מען במ"מ און על המחיה. אויב מען באַקט פון 3 קוואַרט מעל דאַרף מען נעמען חלה נאָך דעם באַקן אָן אַ ברכה.

לינדזן האָט דעם זעלבן דין ווי אַרבעס.

לאַקריץ, לאַקריץ וואַסער, שהכל. די ב"א בורא נפשות.

מאַנדלען געפּרעגלטע איז אויף אַלע סאָרטן בפה"ע. רויע מאַנדלען גרויסע זיסע מאכט מען בפה"ע, קליינע זיסע, שהכל. מאַנדלען קליינע ביטערע בפה"ע, גרויסע ביטערע אָן אַ ברכה. מאַנדלען געפּרעגלטע אפילו מיט אַ סאַך צוקער, בפה"ע. מאַנדל מילך, שהכל. מאַנדלען צוגעריכטע מיט מעל פון די חמשת המינים ווי מען ריכט צו פאַר אַ קראַנקן צו קרעפטיגן מאכט מען במ"מ. אויב צוגעריכט גאַנץ שיטער ווי צו טרינקען, איז שהכל.

מאלינעס, רויע בורא פרי העץ, געפרעגלטע אויב עס איז קאַנטיג אויך בפה"ע. אויף די סאָק פון מאַלינעס ברכת שהכל.

מערן, רויע אָדער געקאָכטע בפה"א.

מאָן אפילו צושטויסענע אָדער געפרעגלטע מיט האָניג בפה"א.

מאָגן פולווער, פון אינגבער אָדער פון פעפער אָדער נעגעלעך אפילו מיט צוקער בפה"א.

מילגרוימען, בפה"ע. די ב"א על העץ.

מולטאַ, טאַלאַקנאַ, דאָס איז האָבערנע מעל מיט וואַסער געדיכט במ"מ, שיטער שהכל.

מושקאַט-נים, בפה"ע, די ב"א בורא נפשות.

מילכיגס אַלע סאָרטן צום עסן אָדער צום טרינקען שהכל, מילכיגע-געבעקס אויב מער מילך אָדער פוטער ווי וואַסער איז במ"מ, אויב מען עסט פון דעם ווי געוויינליך אַ סעודה (עיין שו"ע קס"ח סק"ו מ"מ יש לחוש שלא לאכול שיעור ד' בצים ע"ש במ"ב), וואַשט מען זיך און מען מאַכט המוציא און מען בענטשט. דער זעלבער דין איז אויף אַלע גיבעקס וואָס מען מאַכט מזונות און מען עסט ווי געוויינליך צו זאַט. אויב ער האָט אַ כזית געגעסן, און האָט זיך מיישב געווען צו עסן צו זאַט דאַרף ער פריער מאַכן על המחיה, נאָכהער וואַשן זיך און מאַכן המוציא. און אויב ער וועט עסן מער ווי 4 אייער גרויס דאַרף ער בענטשן אויך. אויב ער וועט דעם צווייטן מאָל עסן ניט מער ווי 4 אייער גרויס, הגם אַז צוזאַמען וועט זיין דער שיעור פון אַ סעודה דאַרף ער ניט בענטשן אָבער ניט וואַשן זיך, און ניט מאַכן קיין המוציא.

מאַקאַראָניקעס, פון צוקער מיט מאַנדלען אפילו מיט אַ ביסל מעל איז שהכל. דאַרום איז דער רעכט מען זאָל פריער פרעגן אויף מאַקאַראָניקעס ווי זיי זיינען געמאַכט.

מצה פאַרפלעך געקאָכטע אָדער געפרעגלטע מאַכט מען בורא מיני מזונות. אויב פאַר דעם קאָכן אָדער פאַר דעם פרעגלען האַלט עס אַ כזית, צ. ב. ווי דער דרך איז אַריינצולייגן מצה אין די פיש יויך דאַרף מען זיך וואַשן און מאַכן המוציא, און בענטשן.

שטיקלעך מצה קלענער ווי א כזית אז ער האט זיי געפרעגלט אדער געקאכט אפילו זיי זיינען אנגעקוואלן געווארן אדער צו־זאמענגעקלעפט געווארן גרוים ווי א כזית מאכט מען במ"מ, און על המחיה. מצה פארפלעך וואס מען שיט אריין אין א שיסל אפולע הייסע וואסער טאר מען ניט עסן אום געוואשן סיידן זיי זאלן גוט צעווייקט ווערן. טייג פון מצה מעל רויע טאר מען נישט עסן אונגעוואשן. אין דער זאך ווערן נכשל פיל מענטשן, ניט וויסענדיק בעת מען מאכט די האלקעס עסט מען פון דעם רויערהייט אן געוואשן. געלע מצה געלייגט מיט קעז מאכט מען המוציא. מצה מעל טרוקענע מאכט מען המוציא, און אז מען עסט א כזית דארף מען זיך וואשן און בענטשן.

מלינצעס בלינצעס במ"מ, און על המחיה.

מאנע גרייץ אדער קאשע פון ווייץ במ"מ, פון רעצקי שהכל, גרייפלעך אדער קאשע שהכל.

נים אפילו קליינע נאר צייטיגע מאכט מען די ברכה בפה"ע, גרינע אונצייטיגע אפילו געפרעגלטע מאכט מען שהכל. אז מען האט נאר איין נוס זאל מען פריער עפענען דעם נוס נאכהער מאכן די ברכה, ווייל פיליכט געפינט ער א ווארים וועלכע איז ניט ראוי לברכה וועט ער דאך מאכן א ברכה לבטלה.

ניסלעך, אלע סארטן נאר מיט דעם נאמען נים איז די ברכה בפה"ע.

נעגעלעך, צוריבענע מיט צוקער מאכט מען בפה"א.

סערדינקעס שהכל.

סאק פון אלע מיני פרוכט שהכל.

סמעטענע, שהכל.

עסיג שהכל, אויב עס איז גאנץ שטארק וועלכע עס איז אונמעגליך צו טרינקען איז ניטא קיין ברכה.

עפל עפלצימעס אפילו נאר צוריבענע מאכט מען שהכל, עפל קוואס שהכל.

פּאָמעראַנצן שאָלעכץ געפּרעגלטע בפה"ע. (הרבה דעות נאמרו בזה, ובימינו אלה נתחזק פסק של הח"א שפוסק לברך בפה"ע, כי נטעו אדעתא דקליפה, ובעירות הגדולות נמכרות מקולפים בראש כל חוצות). די ברכה אחרונה בורא נפשות. פּאָמעראַנצן־שאָלעכץ רויע, איז שהכל.

פּאַציאַנעס, דאָס איז אַזעלכע קערנער זיי ווערן באַנוצט אויף אויל, נאָר דער עולם עסט דאָס, מאַכט מען בפה"א.

פּוטער־קוכען, פּלאַדן און דאָס גלייכן במ"מ און עה"מ.

פּאַמושקעס פון די 5 מינים מאַכט מען במ"מ אפילו מער וואַסער ווי פעטקייט, נאָר אויב דין געגאָסן מאַכט במ"מ און על המחיה. אויב אבער די פעטס איז מער ווי וואַסער מאַכט מען במ"מ און על המחיה אפילו גראָב געגאָסן.

פּאַמעשקעס פון אַרבעסענע מעל אָדער רעציקע מעל שהכל, פון קאַרטאָפל מעל בפה"א, אויב פון טעם וועגן איז צוגישאָטן פון די פינף מינים, אויב אייער און פעטס איז מער ווי וואַסער מאַכט מען במ"מ און על המחיה.

פּיינקוכן, שהכל. אויב צוגעשאָטן פון די 5 מינים פון טעם וועגן מאַכט מען במ"מ, אויב מען האָט צוגעשאָטן נאָר פון שטייפ־קייט וועגן מאַכט מען שהכל.

פּאַרפל, במ"מ. פּאַרפל פון רעציקע אָדער אַרבעסענע מעל שהכל. אויב עס איז צוגעשאָטן אַביסל ווייצענע מעל אָדער פון די 5 מינים וועלכע מען מאַכט מזונות מאַכט מען במ"מ, און די ברכה אחרונה בורא נפשות. אויב עס איז צוגעשאָטן 4 לויט אויף 28 לויט מאַכט מען על המחיה, אויב עס איז צוגעשאָטן נאָר פון שטייפקייט וועגן מאַכט מען שהכל.

פּירעשקעס, מאַכט מען בורא מיני מזונות. פּיראָגעס געפילטע מיט קעז, מיט פיש אָדער מיט פלייש בורא מ"מ. פּירעשקעס דין געוועלגערט געפילט מיט מאָן און געפּרעגלט מיט האָניג מאַכט מען במ"מ, און על המחיה. אויב מען עסט דאָס צו זאַט דאַרף מען זיך וואַשן און מאַכן המוציא אויף אַ אַנדער ברויט און בענטשן.

פערילגרויפן, מאכט מען במ"מ, און עה"מ. אויב עס איז ניט צוגעקאכט און די קערנער זיינען גאנץ מאכט מען בפה"א.

פלאדן, מאכט מען במ"מ און עה"מ. אין עסן דארף מען ניט מאכן קיין ברכה אויף פלאדן.

פאסטערנאק גיקאכטע בפה"א רויע שהכל.
פאזימיקעס בורא פרי האדמה.
פיאניצעס, דאס איז א סארט בלאע יאגדעס, שהכל.
פישן פליישן אלע ערליי, שהכל. פיציי, שהכל.

פייגן מאכט מען בפה"ע, די בר"א על העץ. די יויך פון גע־ווייקטע אדער געקאכטע פייגן אויב מען זופט זיי מיט די פייגן דארף מען אויף די יויך ניט מאכן קיין באזונדער ברכה. אויב מען זופט די יויך באזונדער מאכט מען שהכל. די ברכה אחרונה איז א ספק, אויב מען ווייקט די פייגן פון די יויך וועגן איז די ברכה שהכל, און די ברכה אחרונה בורא נפשות.

פלוימען מאכט מען בפה"ע, געטריקענטע פלוימען אויך בפה"ע. אויף די יויך אן די פלוימען אויך בפה"ע. די יאדרעס פון די פלוימען שהכל. אויב מען עסט זיי מיט די פלוימען דארף מען אויף זיי ניט מאכן קיין ברכה.

פעפער, פון בוים פייכטע אפילו רויע אדער טרוקענע געפרעגל־טע אדער צוריבענע מיט צוקער איז די ברכה בפה"א. אבער טרוקענע רויע האט קיין ברכה.

ציטרינעס, ציטיגע, רויע, מיט צוקער אדער געפרעגלט בפה"ע. געזאלצענע ציטרינס אויך בפה"ע, אין עסן דארף מען אויף דעם קיין ברכה מאכן.

ציבעלע פרישע רויע, בפה"א, אלטע געקאכטע רויע שהכל. גרינע ציבעלע בורא פרי האדמה. ציבולניצע איינגעפרעגלטע בורא פרי האדמה. ציבעלעס פון געדעמפטע פיש אדער פלייש און עס איז גוט צום עסן, און מען עסט דאס באזונדער מאכט מען בורא פרי האדמה.

צימעס פון ערדפרוכט, אפילו מיט א ביסל מעל, בפה"א ווייל די מעל איז נאר גיגעבן פון שטייפקייט וועגן.

ציקאָריע געקאָכטע מאַכט מען שהכל.

צוקער, שהכל. די שטעקלאַך פון צוקער, אויך שהכל.

צימרינג אויב מען עסט ווי געוויינליך איז בפה"א, אויב נאָר אויסצוציען דעם טעם און דערנאָך ארויסוואַרפן, מאַכט מען שהכל. אויב צוגעריכט מיט נעגעלעך מיט אינגבער איינגעקאָכט מער ניט פון די יויך וועגן מאַכט מען שהכל.

קאַווע געקאָכטע שהכל. וועגן קאַווע סוף עסן זעה ביי דינים פון טיי. אַז מען קייט קערנער קאַווע מאַכט מען שהכל.

קאַווינעס, אַרבוזן, בפה"א.

קאַרשן בפה"ע. עס האָט דעם זעלבן דין ווי אַגרעסן. אויף קאַרשן בראַנפן מאַכט מען שהכל, אויב די קאַרשן זיינען אויס־געווייקט און זיי האָבן שוין קיין אייגענעם טעם, מאַכט מען אויף די קאַרשן אויך שהכל.

קאַשע פון די 5 מינים, האָבער ווייץ גערשטן קאָרן ארקוס, מאַכט מען בורא מיני מזונות. קאַשע פון רעצקע און די גרויפן איז קאַנטיג מאַכט מען בפה"א, אויב די גרויפן איז ניט קאַנטיג מאַכט מען שהכל. קאַשע פון קאַרטאָפל בפה"א. אויב עס איז צוגעשאָטן מעל פון די 5 מינים פון טעם וועגן, איז די ברכה במ"מ, און די ברכה אחרונה בורא נפשות. אויב עס איז צוגעשאָטן 4 לויט אויף 28 לויט און מען עסט דאָס אין צייט ווי עס דויערט עסן בולקע ווי 4 אייער גרוים, איז די ב"א על המחיה. אויב עס דויערט וויניגער איז די ברכה אחרונה בורא נפשות. קאַשע פון אַרבעס איז שהכל, די ב"א בורא נפשות.

קישקע געפילטע מיט מעל אָדער געפילטע מילץ, במ"מ, די ברכה אחרונה על המחיה אויב מען עסט וויפל דער שיעור וואָס מען איז מחויב צו מאַכן ב"א.

קניידלעך פון די 5 מינים במ"מ, קניידלעך פון קאַרטאָפל בפה"א, קניידלעך פון רעצקע אָדער פון אַרבעס שהכל, די ב"א בורא נפשות. אויב עס איז צוגעשאָטן מעל פון די 5 מינים האָט דאָס דעם דין ווי אויבן שטייט ביי דער קאַשע.

קרעפלעך, במ"מ.

קנאָבל האָט דעם זעלבן דין ווי ציבעלע.

קאָנפעקטן, קאָנפעטורן אויף אַלע סאָרטן מאַכט מען שהכל. קרויט, געזייערטע, רויע, מאַכט מען בורא פרי האדמה. געקאָכטע, אפילו ניט קיין געזייערטע בפה"א. די יויך פון געקאָכטע קרויט בפה"א. די ראָסל פון געזייערטע קרויט שהכל.

קוואַס, אַלע סאָרטן ברכת שהכל.

קיילינעס שהכל.

קירבעס, אפילו נאָר צוריבענע, בפה"א. די קערלעך פון קירבעס אויך בפה"א. (משום דנטעו גם על הקערנער).

ראָזינקעס בפה"ע, די ברכה אחרונה על העץ ווי עס איז ידוע. דער נוסח איז געדרוקט אין סידור. ראָזינקעס איינגעלייגטע אָדער געקאָכטע אויף צו טרינקען, די שיטערע הייסט עס וויין און מען מאַכט בפה"ג, אויב מען האָט געקאָכט די ראָזינקעס צום עסן מיט די יויך, אויב מען זופט נאָר די יויך מאַכט מען שהכל, (ועל הברכה אחרונה ספק על העץ או בורא נפשות), אויב עס איז געווייקט געוואָרן נאָר צום טרינקען, מאַכט מען די ברכה אחרונה בורא נפשות.

ראשצינע קאַשע מאַכט מען במ"מ, די ברכה אחרונה, על המחיה. ראשצינע-פאַמעשקעס זאָל מען ניט עסן סיידן אין מיטן עסן.

רייז געקאָכטע במ"מ, די ברכה אחרונה בורא נפשות. (כן הוא דעת הגר"א ז"ל וסתימת פוסקים אחרונים עיין מ"ב).

רישצישניק מאַכט מען שהכל אויב עס איז צוגעשאָטן 4 לויט מעל אויף 28 לויט הייסט עס ברויט, און מען טאָר ניט עסן אָן געוואַשן דאָרום די בעקערם וועלכע שיטן צו מעל אין די רעצישניקעס אדער אין די הולניקעס, זיינען זיי מכשיל את הרבים, ווייל די וועלט ווייס ניט ווי צו מאַכן אַ ברכה, מען דאַרף מזונות און זיי מאַכן שהכל. אָדער מען טאָר גאָר ניט עסן אָן געוואַשן, ווי מיר האָבן ערקלערט.

רעצקינע-גרייפלעך, מאכט מען שהכל. רעצקינע גרויפן וועלכע די קערנער זיינען קאנטיג מאכט מען בפה"א.

רעטעך רויע בפה"א.

ריבן רויע אדער געקאכטע בפה"א, די ברכה אחרונה בורא נפשות.

רויזן איינגעמאכץ, אויב קאנטיג בפה"א, אויב ניט קאנטיג שהכל.

רפואות זאכן וועגד זיך אויב געזונטע מענטשן ברויכן דאס אויך מאכט מען די ברכה ווי געהעריג, אויב געזונטע מענטשן עסן דאס ניט, אויב ער האט פון דעם הנאה מאכט מען שהכל אויב ניט זאגט מען פאר דעם נעמען יעדער מאל: יהי רצון מלפניך ה' אלוקי ואלוקי אבותי שיהא עסק זה לרפואה, כי רופא חנם אתה.

שאלאטע צוגעריכטע רויע בפה"א, געקאכטע, שהכל.

שווארצע יאגדעס, רויע אדער געפרעגלטע בפה"ע. (הסוברים לברך בפה"א מפני שרואים שגדלים על אילנות סמוך לארץ, והאמת רואים אנו כי האלנות הקטנים נשארים אחר החורף והם משיאים עלים ופירות לשנה הבאה, הרי הם כאילן לכל דבר). צוריבענע אויב קאנטיג בפה"ע. אויב ניט קאנטיג מאכט מען שהכל. די שווארצע יאגדעס וואס וואקסט אין פוילן אויף בוימער אבער אין אנדערע לענדער מען רופט זיי סמאראזינעס, מאכט מען בפה"ע.

שולע, דאס איז די זאפט פון די בוימער וואס רינט מאכט מען שהכל.

שיפטאלן, האט איין דין ווי פלוימען, אויך די יאדעס פון שיפטאלן, בפה"ע. (דמתוקין, והוי כמו פרי בפרי ולא עוד שמרכיבין השיפטאלן בשקדים). אז מען עסט די יאדערס מיט די שיפטאלן צוזאמען דארף מען ניט קיין באזונדער ברכה.

שצאוויע, רויע, געקאכטע, שהכל.

שומשמים, דאס איז וואס מען מאכט פון דעם אויל אין ארץ ישראל, גאנצע אדער געברענטע מאכט מען בפה"א, אויף די אויל שהכל. אויף אראבישע שפראך הייסט דאס שומשמים.

די וועלט מיינט, און זי איז פארגרייזט, מען טייטשט שומשמים, מאָן, און באמת רופט דאָס די משנה פרגוס, און שומשמים איז נאָר אַ מין געלע זארקעם וואָס ליגט אין שטריצעם ניט אין קעפ אזוי ווי מאָן.

שוועמליך, געקאָכטע אָדער געפרעגלטע שהכל.

תות, דאָס איז אזא מין פרי וואָס וואקסט אין ארץ ישראל, מאכט מען בפה"ע, די זאפט פון די פירות, שהכל.

עוד איזה מלים אחדות בענין השיעור בכדי אכילת פרס:

שיעור אכילת פרס תלוי בפלוגתת ריב"ב ור"ש בעירובין דף פ"ב ע"ב במשנה, כי שם במשנה אמרו חצי חציה (ר"ל חצי הככר לכל חד כדאית לי׳) לבית המנוגע (ר"ל למי ששהה בבית המנוגע ששיעורו לטמא בגדים אם שהה כא"פ), וא"כ לריב"ב שם ששיער בככר של ששה ביצים א"כ הוי חציו ג׳ ביצים ולר"ש ששיער בככר של ה׳ ביצים (הגם שר"ש שיער שם רק בב׳ ידות של ככר זה ה"מ לענין עירוב דקיל אבל מה שאמרו במשנה שם חציה לבית המנוגע חוזר על הככר השלם כדפרש"י ז"ל להדיא בגמ׳ שם), א"כ הוי חציו ד׳ בצים והרמב"ם ז"ל פסק כריב"ב וא"כ הוי לדידי׳ כא"פ ג׳ בצים, וכ"כ הרמב"ם ז"ל להדיא בה׳ מאכלות אסורות פי"ד ה"ח ובפרק ט"ו ה"ג ובכמה דוכתא, ועיין בב"י בטור או"ח סי׳ תרי"ב כתב שכ"כ גם הרשב"א וההה"מ. אבל רש"י ז"ל ביומא דף פ׳ ע"ב כתב דכא"פ הוי ד׳ בצים, וכן נראה להדיא מדברי ר"ת ור"י שהביאו התוס׳ בעירובין דף פ׳ ע"ב ד"ה אגב, וביומא פ׳ ע"ב ד"ה ושיערו, שכתבו דקיי"ל כר"ש. וכ"פ הטור באו"ח סי׳ תרי"ב וביו"ד סי׳ צ"ח ועיין בב"י באו"ח שם סי׳ תרי"ב כתב שכן נראה גם מדברי התוס׳ בעירובין פ"ג ע"א. ולדינא הביא המחבר בשו"ע שם ס"ד ב׳ הדיעות ולא הכריע והפר"ח בסי׳ תפ"ו תמה עליו למה לא פסק להדיא כהרמב"ם ז"ל כמו שסתם באו"ח שם סי׳ ת"ט ועיין בשו"ע למרן בעל התניא זצ"ל שם ובמטה אפרים שם דבדאורייתא יש להחמיר ובדרבנן יש להקל.

ואהבתם את הגר.

די מצות עשה איז, צו ליבן דעם גר, דאָס הייסט מען דאַרף פאַרזיכטיג זיין אים ניט מצער צו זיין אויף קיין פאַל, און אין געגנטייל טאָן אים די גרעסטע טובות. טאָן מיט אים חסד ווי ווייט מעגליך איז. גר הייסט דער וועלכער ער ווערט באַהעפט צו אונז פון אַנדערע פעלקער, אין אַ צייט ווען מיר האָבן רעכט אים אָנצונעמען, און גייט איבער אין אונזער דת ווען אויך איך ווייס דאָס פון פסוק ואהבת לרעך כמוך, אַז מען דאַרף אים ליבן, און די זעלבע ווי מען טאָר ניט קיין אידן מצער זיין אָדער נאַרן, דאָך האָט די תורה אויף דעם גר דאָפּילט פאַרזאָגט, דאָס די עבירה אַז מען ערצאָרנט אַ גר אָדער מען בעטריגט אים איז מען עובר אויף פיל מערערע עבירות, ווי נאָר אויף אַ אידן. און פון דער מצוה הויבן מיר צו שליסן מרחם צו זיין זיך אויף נאָך אַ מענטשן וועלכער איז אין דער פרעמד, ווייט פון זיין פאַמיליע. די תורה איז מרמז דעם טעם איר זאָלט ליבן דעם גר דען איר זייט דאָך געווען גרים אין מצרים. מיר זאָלן זיך עראינערן אַז מיר זיינען געפּרואווט געוואָרן אין דעם גרויסן צער וועלכער דער מענטש פילט זיך בעת ער איז צווישן פרעמדע מענטשן. און אַז מען עראינערט זיך די דאגה וועלכע מיר האָבן דאַן געהאַט ווי שווער עס איז אונז געווען דאָס אַריבערצוטראָגן, און השי"ת האָט אונז מיט גרויס רחמים אַרויסגעפירט פון דאָרט, וועט זיך באַלד ערוועקן דער רחמנות אויף דעם מענטשן וועלכער געפינט זיך עלענד.

את ה' אלוקיך תירא.

די מצות עשה איז, מורא צו האָבן פאַר ג-ט ב"ה וואָס ער איז דער מלך מלכי המלכים. אויף דער מצוה זיינען מחויב מאַנס־לייט און פרויענצימער יעדער רגע.

דער דרך ווי אַזוי צו קומען צו יראת השם איז די זעלבע וועג ווי צו קומען צו אהבת השם ב"ה, וועלכע עס איז ערקלערט ביי אונז אין מצוה תי"ט די מצוה פון אהבת השם. אויף 2 אופנים איז דער מענטש מחויב מורא צו האָבן פאַר ג-ט ב"ה:

1) יראת העונש, יראת העונש הייסט גאַר איינפאַך, א איד דאַרף מורא האָבן צו טאָן נגד רצון הבורא יתברך, ווייל דער בורא יתברך שטראָפט פאַר יעדער פאַרברעך ער שיינקט ניט, עס קומט אַלעם צום חשבון אויף דער וועלט און אויף דער צוקונפטיגע וועלט, ווי די גמרא זאָגט: ווען אַ מענטש זעט עס קומט אויף אים יסורים זאָל ער זיך אַרום זען וועגן זיינע מעשים, וועט ער פאַרשטען אַז דאָס איז אַ שטראָף פאַר זיינע זינד. דען נאָך די שטראָף נאָך קען מען פאַרשטען אין וואָס מען האָט פאַר־בראָכן, ווייל דער בורא יתברך שטראָפט מדה כנגד מדה. די גמרא זאָגט: איבער דעם עון פון ביטול תורה שטאַרבן קליינע קינדער רח"ל, דען דער תכלית פון קינדער איז דאָך זיי זאָלן זיין אידן, די עלטערן זאָלן זיי ערציען נאָך דעם דרך פון דער תורה, ווי באַלד אַז די עלטערן היטן ניט זייער תכלית נעמט השי"ת די קינדער צוריק אָפּ, רח"ל. פאַר דעם עון פון חילול שבת קומט שריפות, ווייל דער הייליגער שבת איז אַ צייכן אַז דער בורא יתברך שמו לעד ולנ"נ, האָט געבויט די וועלט, ווי נאָר מען היט קיין שבת, מאַכט דער בורא יתברך חרוב דעם געבוי פון דער וועלט. אַז איינער טוט דעם צווייטן שלעכטס, טוט מען אים אָפּ שלעכטס עס קומט זיין שטראָף נאָר פון דער זייט, ווי יעדער מענטש קען דאָס שפירן ווען ער זאָל נאָר קוקן מיט אָפענע אויגן. די גמרא זאָגט: אויסנאַמיג מאָנט כביכול השי"ת דעם כבוד פון אַ למדן, זען מיר ווי ריכטיג דאָס איז, די לייטע וועלכע רודף'ן אַ תלמיד חכם ווערן געשטראָפט אויף דער וועלט, פיל פאַמיליעס זייגען פאַרניכטעט געוואָרן, וועלכע האָבן געפירט מחלוקות מיט רבנים. מיר קענען אפילו פון די יעצטיגע דורות, נאָר מיר געפינען דאָס ניט פאַר נויטיג ווייל דאָס איז ידוע אין דער וועלט.

2) יראת הרוממות הייסט ווען מען זאָל זיך מתבונן זיין אין די הויכקייט פון בורא יתברך פאַלט אַ מורא ופחד וואָס פאַר אַ ווירדע האָט דער מענטש, ווי דער רמב"ם ערקלערט אין הלכות דעות, דער מענטש זאָל באַטראַכטן די גאַנצע בריאה, די וועלט מיט אַלע ברואים פון כדור הארץ, פון קלענסטן גרעזועלע ביז דעם מענטשן, די זון מיט די לבנה מיט אַלע פלאַנעטן, מוז ער צוקומען צו יראת השם, ואהבת השם, ווען עס קומט חלילה פאַר דעם מענטשן פאַר זיך צו טאָן אַ עבירה, זאָל ער באַלד ביי

זיך ערוועקן דעם געדאַנק דאָס ג-ט ב״ה קוקט און ווייס וואָס יעדערער טראַכט, און מיט די עבירה ברענגט דער מענטש זיך מיט שטראָף וועט ער באַלד אָפּציען. און אַזוי ווי מען מוז אימער דיינקען וועגן יראת השם דאַרף דער מענטש טאָג און נאַכט אַלעם וואָס ער טוט טאָן מיט דרך ארץ. אין כלל פון די מצוה איז ניט צו דערמאָנען ג-ט׳ס נאָמען אומזיסט, די גמרא זאָגט: די תלמידים פון רבי יוחנן בן זכאי האָבן געבעטן ער זאָל זיי בענטשן, זאָגט ער הלואי זאָלט איר מורא האָבן פאַר דעם בורא יתברך ווי פאַר לייטן, פרעגן זיי רבי און מער ניט? ענטפערט ער זיי איך וועל אייך איבערצייגן אַז עס איז אַזוי, ווען אַ מענטש טוט אַ עבירה קוקט ער זיך אַרום פיליכט זעט ווער, פילייכט הערט ווער, און דער בורא יתברך וואָס ער איז דער בורא כל העולמים זעט און הערט און מען קוקט זיך גאָר ניט אַרום, און מען מאַכט אַזוי ווי זיין אויג זעט ח״ו ניט, זיין אויער הערט חלילה ניט, רבי יוחנן בן זכאי׳ם כלל ניצט אויף אַלעם, הלואי וואָלטן מיר שעצן דעם כבוד פון בורא יתברך ווי דעם כבוד פון מענטשן, אַז מען קומט אין אַ הויז צווישן מענטשן זיצט מען בכבוד דאַרף מען דאָך אין די שולן אוודאי זיצן בכבוד, נישט צו ריידן דברים בטלים אין חזרת הש״ץ, אין קריאת התורה, און זאָל ניט זיין קיין מחלוקת און שנאת חנם אין די שולן.

אותו תעבוד.

די מצות עשה איז, צו דאַוונען אַלע טאָג. נשים זיינען אויך מחויב צו דאַוונען. דער נוסח התפלות פון וואָך, שבת און יום טוב איז אָפּגעשטעלט, ווי עס איז באַוואוסט צו כלל ישראל.

5 זאַכן דאַרף מען האָבן צו תפלה: 1) מען דאַרף וואַשן די הענט און אויב ער האָט ניט קיין וואַסער איז רעכט אָפּצורייבן די הענט מיט נאָר וואָס. 2) עס דאַרף זיך ניט אַרויסזען פון די לייב וואָס איז פאַרבאָרגן. 3) צו דאַוונען אין אַ ריינעם אָרט, עס זאָל זיך ניט הערן קיין שום ריח רע. 4) ער זאָל ניט דאַוונען ווען ער דאַרף גיין צום מענטשליכן געברויך. 5) צו דאַוונען מיט כונה בעזייטיגן אַלע אַנדערע געדאַנקען, ד. ה. אין דער צייט פון דאַוונען זיין אויסגעטאָן פון דער וועלט און געפינען זיך ריכטיג, ווי ער שטייט און זעט די שכינה הקדושה. די צייט פון

דאווגען שמונה עשרה איז פון די צייט ווי עס ווערט טאָג, ביז ענדע 4 שעה אויף דעם טאָג, דאָס איז אַ דריטל טאָג. ווען מיט אַ צופאַל איז ער געבליבן ניט געדאַווענט צו דער צייט זאָל ער דאווגען ביז האַלבן טאָג. נאָך האַלבן טאָג הייסט ניט געדאַווענט, ער מעג נאָר דאווגען תפלת שמונה עשרה, אָ־בער ברכות ק"ש, ד. ה. פון יוצר אור ביז ק"ש טאָר ער ניט זאָגן, ווייל די ברכות הייסן ברכות לבטלה. עס זיינען דאָ בעלי מלאכות, בעלי עגלות טוען אָפּ אַלע אַרבעטן און דאווגען נאָך דער צייט, דאָס איז אַ עון פלילי, והוא רחום יכפר עון. דער דין איז אַזוי: פאַר דעם דאווגען דאַרף מען זיך בודק זיין, אויב מען האָט נויטיג אַרויסצוגיין, און אויב מען קאָן ניט ריין ווערן און מען פילט ביי זיך אַז מען וועט זיך קאָנען איינהאַלטן אַ שעה מיט אַ פערטל אַ־ערך, מאָג מען דאווגען. און אויב מען פילט אַז ניט טאָר מען ניט דאווגען. אָבער דער דרך הבעש"ט הקדוש זי"ע ועכ"י האָט אונז געגעבן אַ דרך אין עבודת השם אַז מען זאָל זען צו האָבן מסירת נפש און מען זאָל ניט גיין דאווגען נאָר מיט אַ ריינעם קערפּער, והבא לטהר העלפט אים השי"ת.

די גמרא זאָגט: די 3 תפלות האָבן מתקן געווען אונזערע אבות הקדושים, אברהם האָט מתקן געווען תפלת שחרית, יצחק האָט מתקן געווען תפלת מנחה, יעקב תפלת ערבית.

דינים פון שמונה עשרה.

אין שמונה עשרה דאַרף מען זיך כורע זיין, איינבויגן 4 מאָל: 1) באַלד ווי מען שטעלט זיך שמו"ע, ווי מען זאָגט די ערשטע ברכה, בויגט מען זיך צו ברוך און מען שטעלט זיך צו השם. 2) די זעלבע ביי די ברכה פון מגן אברהם. 3) ביי מודים בויגט מען זיך עס זאָל אויסשטאַרצן דער רוקן, צו השם שטעלט מען זיך גלייך. 4) ביי די ברכה פון הטוב שמך. די 4 כריעות דאַרף מען מאַכן אַז עס זאָל אויסשטאַרצן דער רוקן, צו ברוך גיט מען זיך אַ קני, און צו אתה בויגט מען זיך עס זאָל אויסשטאַרצן דער רוקן, צו השם שטעלט מען זיך גלייך. דער אויסגיין אין שמו"ע דאַרף זיין, מען זאָל זיין איינגעבויגן ביז ענדע 3 טריט, צום אויסגיין בויגט מען די קאָפּ, צו עושה שלום, אין

דער לינקע זייט, און צו יעשה שלום, אין די רעכטע זייט, און מען גיט זיך א נייג צו מזרח.

אין שמו"ע טאָר מען ניט מפסיק זיין, אז מען הערט אין שמו"ע קדיש, קדושה, ברכו, דאַרף מען זיך אָפּשטעלן און שווייגן ביז דער ש"ץ ענדיגט זאָגן קדושה און ברכו. אין שמו"ע דאַרף זיין ריין די כונה צו פאַרשטען דעם געדאַנק פון די ווערטער. מען דאַרף באַוואָרענען ווי האַלט מען דעם קאָפּ, און מען היט די געדאַנקען צו ריידן נאָך דעם געדאַנק, נאָך, אז מען שטייט פאַר א גובערנאַטאָר, און נאָך מער איין 1000ער מאָל ווען מען שטייט פאַר א קיסר האָט מען דאָך געווים דעם געדאַנק, ווי דאַרף מען שוין היטן דעם געדאַנק אז מען שטייט פאַר ממ"ה הקב"ה. מען דאַרף זאָגן שמו"ע אין דער שטיל. מען טאָר זיך ניט אָנשפאַרן אויף וואָס עס איז אין דער צייט פון דאַוונען שמונה עשרה.

דינים פון א טעות אין שמונה עשרה.

אז מען פאַרגעסט פון דאָס וואָס מען זאָגט עשרת ימי תשובה אין שמו"ע, דאַרף מען ניט איבער דאַוונען, נאָר אז מען פאַרגעסט צו זאָגן המלך הקדוש איז דער דין אַזוי: אויב ווי ער האָט געענדיקט די ווערטער הא-ל הקדוש, האָט ער באַלד געזאָגט המלך הקדוש, איז מען יוצא. און אויב ער האָט זיך דערמאָנט ניט באַלד דאַרף ער אָנפאַנגען פון אָנהויב. דער זעלבער דין איז אויב עס איז א ספק. אויב מען פאַרגעסט צו זאָגן משיב הרוח דאַרף מען איבערשטיין שמו"ע. ביי דעם איז דאָ פיל אופנים, אויב ער האָט זיך דערמאָנט איידער ער האָט געזאָגט די ברכה פון מחיה המתים זאָל ער ענדיגען דעם ענין און זאָגן דאָרטן משיב הרוח דהיינו ער האָט זיך דערמאָנט ווי ער האָט געזאָגט ומקיים אמונתו זאָל ער ענדיגען זאָגן לישיני עפר און זאָגן משיב הרוח, אויב ער האָט געהאַט א טעות זומער און געזאָגט משיב הרוח ומוריד הגשם, איז דער דין אַזוי: אויב ער האָט זיך דערמאָנט איידער ער האָט געזאָגט די ברכה פון מחיה המתים זאָל ער אָנפאַנגען צוריק אתה גבור, אבער אויב ער האָט שוין געענדיגט די ברכה מחיה המתים זאָל ער אָנפאַנגען

פון שמו"ע. אויב ער האָט נאָר אָנגעפאַנגען זאָגן משיב הרוח און ניט גיענדיגט מוריד הגשם, קען ער זאָגן ווייטער פון מכלכל חיים. אַז עס איז אים אַ ספק אויב ער האָט געזאָגט משיב הרוח אָדער ניט, איז דער דין אַזוי: די ערשטע 30 טעג נאָך שמיני עצרת איז דער אייגענער דין ווי ער וואָלט געווים ניט געזאָגט, נאָך 30 טעג דאַרף מען ניט איבערזאָגן קיין משיב הרוח ומוריד הגשם, די זעלבע זאַך אויך די ערשטע 30 טעג פון זומער נאָך דעם ערשטן טאָג פסח אַז מען פאַרגעסט און מען זאָגט יאָ משיב הרוח, אַז מען פאַרגעסט פסח ביי נאַכט אָדער אין דער פרי צו שחרית אָדער צו מוסף צו זאָגן משיב הרוח דאַרף מען ניט איבערשטיין שמונה עשרה, די זעלבע אַז מען האָט פאַרגעסן אין מעריב אָדער אין שחרית פון שמיני עצרת און מען האָט יאָ געזאָגט משיב הרוח דאַרף מען ניט איבערזאָגן שמונה עשרה.

אַז מען פאַרגעסט פסח ביי נאַכט אָדער אין דער פרי צו שחרית אָדער צו מוסף צו זאָגן משיב הרוח דאַרף מען ניט איבער זאָגן שמונה עשרה. די זעלבע אַז מען האָט פאַרגעסן אין מעריב אָדער אין שחרית פון שמע"צ און מען האָט יאָ געזאָגט משיב הרוח דאַרף מען ניט איבערשטיין שמו"ע.

אין די ערטער וואָס דער מנהג איז צו זאָגן זומער מוריד הטל, און ער האָט ווינטער פאַרגעסן משיב הרוח דאַרף ער ניט איבערשטיין קיין שמו"ע ווייל ער האָט דערמאָנט טל ווי ער איז איינגעוואָינט.

אַז מען פאַרגעסט צו זאָגן אתה חוננתנו איז מען פטור. טל ומטר הויבט מען אָן צו זאָגן צו מעריב 60 טעג נאָך תקופת תשרי און מען זאָגט ביז פסח. אויב מען פאַרגעסט טל ומטר אָדער עס איז אַ ספק אויב מען האָט געזאָגט טל ומטר וועגד זיך אַזוי: אויב ער האָט זיך דערמאָנט איידער ער האָט גיענדיגט די ברכה פון מברך השנים זאָגט ער אויפן אָרט ותן טל ומטר לברכה, אויב ער האָט שוין גיענדיגט די ברכה זאָגט ער אין שמע קולנו נאָך די ווערטער ריקם אל תשיבנו, ותן טל ומטר לברכה. אויב ער האָט זיך דערמאָנט אין אלקי נצור אָדער נאָך יהיו לרצון וואָס פאַר עושה שלום דאַרף מען איבערשטיין שמו"ע. אַז מען פאַרגעסט און מען זאָגט טל ומטר אין דער צייט וואָס מען דאַרף ניט זאָגן דאַרף מען אָנפאַנגען צוריק פון ברך עלינו. אויב ער האָט

זיך דערמאַנט נאָך יהיו לרצון פאַר עושה שלום דאַרף מען איבער־שטיין שמו״ע. אַז מען פאַרגעסט צו זאָגן עשי״ת המלך המשפט איז מען יוצא בדיעבד.

אַז מען פאַרגעסט ראש חודש אָדער חול המועד יעלה ויבוא אָדער עס איז אַ ספק אויב מען האָט געזאָגט, ווענד זיך אַזוי אויב ער האָט גיענדיגט די ברכה המחזיר שכינתו לציון זאָגט ער נאָך יעלה ויבוא. און אויב ער האָט אָנגעפאַנגען מודים אָדער ער האָט זיך דערמאָנט בסוף התפלה איידער ער האָט געזאָגט יהיו לרצון פאַנגט ער אָן פון רצה און זאָגט יעלה ויבוא. אויב ער האָט זיך דערמאָנט נאָך דעם אויסשטעהן, שטייט ער שמונה עשרה פון דאָס ניי. נאָר ראש חודש צו מעריב אויב מען פאַרגעסט דאַרף מען ניט איבערשטיין קיין שמונה עשרה. אַז מען פאַרגעסט זאָגן נחם אָדער עננו איז מען פטור. חנוכה און פורים אַז מען פאַרגעסט צו זאָגן על הניסים איז מען פטור. ביי אַלע זאַכן איז איין דין אין אַ טעות אויב דער ש״ץ, אָדער דער יחיד, נאָר עננו זאָגט דאָך דער ש״ץ פאַר רפאנו איז דער דין אַזוי: אויב ער האָט זיך דערמאָנט פאַר דעם ענדיגען די ברכה פון רפאנו, זאָגט ער עננו און זאָגט צוריק פון רפאנו, אויב ער האָט זיך דערמאָנט נאָך דעם ענדיגן די ברכה פון רפאנו דאַרף ער זאָגן אין שמע קולנו אַזוי ווי דער יחיד זאָגט.

דינים פון אַ טעות אין שמו״ע שבת און יום טוב אויב ער האָט אַ טעות געהאַט און פאַרביטן דעם נוסח, דהיינו אויף דעם שטעל פון אתה קדשת האָט ער געזאָגט ישמח משה אָדער אתה אחד, אָדער פאַרקערט צו מנחה אתה קדשת און דאָס גלייכן, ווענדט זיך אַזוי, אויב ער האָט געזאָגט דעם שם פון מקדש השבת קערט ער זיך צוריק צום אָנהויב ווי ער דאַרף זאָגן, אויב ער האָט זיך דערמאָנט ביז ער האָט שוין געזאָגט דעם שם פון מקדש השבת, איז ער יוצא בדיעבד. ביי מוסף איז דער דין אַנדערש, אויב ער האָט ביי דעם אָרט פון מוסף געזאָגט די שמונה עשרה פון מעריב אָדער פון מנחה אָדער פון שחרית, איז ער ניט יוצא. אָדער אַז ער האָט געזאָגט ביי יענע תפלות די מוסף׳דיגע שמונה עשרה איז ער אויך ניט יוצא, און מוז זאָגן שמו״ע וועלכע ער דאַרף זאָגן

יום טוב אַז מען האָט געהאַט אַ טעות אויף דעם אָרט וואָס

ער האָט געדאַרפט זאָגן מקדש ישראל והזמנים האָט ער געזאָגט מקדש השבת, ווענדט זיך אזוי, אויב ער האָט באַלד געזאָגט מקדש ישראל והזמנים, איז רעכט, אויב ניט באַלד, דאַרף מען אָנהויבן צוריק אתה בחרתנו. אויב מען האָט יום טוב נאָך יעלה ויבוא אָנגעהויבן ותחזנה, האָט ער דאָך ניט געזאָגט והשיאנו און רצה, ווענדט זיך אזוי, אויב ער האָט זיך דערמאָנט נאָך דער ברכה דאַרף ער אָנפאַנגען אתה בחרתנו, אויב ער איז שוין אויסגעגאַנגען שמונה עשרה דאַרף ער נאָכאַמאָל זאָגן שמו"ע. יו"ט וואָס פאַלט אוים שבת און מען האָט ניט דערמאָנט פון שבת, נאָר אז ביים סוף האָט ער געגענדיגט מקדש השבת וישראל והזמנים, איז ער יוצא. אויב ער האָט זיך דערמאָנט פאַר דעם אויסגיין שמו"ע, דאַרף ער שטיין פון דאָס ניי שמו"ע.

ראש השנה, יום כפור, האָט דעם זעלבן דין ווי אלע ימים טובים, ווי מיר האָבן ערקלערט בעזה"י, אויב מען האָט אָנגעפאַנגען שבת אָדער יו"ט צו זאָגן די וואָכעדיגע ש"ע, איז דער דין: וואו ער האַלט דאַרף ער ענדיגן די ברכה און אָנהויבן צוריק די שבת'דיגע שמו"ע, נאָר אויב ער האָט זיך דערמאָנט אין מיטן רצה, זאָל ער אויפהערן אין מיטן ברכה און אָנפאַנגען פון שבת אָדער פון יום טוב און זאָגן כסדר. אויב ער האָט געענדיגט די גאַנצע שמו"ע וואָכע־דיגע, דאַרף ער איבערשטיין שמונה עשרה. אין מוסף אויב ער האָט אָנגעהויבן די וואָכעדיגע שמו"ע וואו ער דערמאָנט זיך דאַרף ער ניט ענדיגן די ברכה נאָר צוריק אָנהויבן תכנת שבת אָדער אתה בחרתנו, און זאָגן מוסף'דיגע שמו"ע.

דער של"ה הקדוש זאָגט: דער וואָס טרעפט אז ער דאַווענט שבת די וואָכעדיגע שמו"ע איז דאָס פאַר אים א שלעכטער סימן. דאָס איז צו פאַרשטיין מיטן שכל, צ. ב. א חולה אָדער א מענטש וואָס איז אין הארטן שלאָף דערהערט גאַרניט, דאָס זעלבע איז דאָ אויך, יעדער אידן דאַרף איבעראַשן דעם צוזען ווי אין איין שעה ווערסעלט זיך אים די גאַנצע וועלט, די פאַבריקן, די געשעפטן ווערן אָפגעשטעלט, די בעלי מלאכות, די פורלייט בלייבן אין מיטן דער ארבייט, אויף די גאַסן אין אַלע אידישע הייזער אין ירושלים עיה"ק שרייט מען אוים שבת, שבת, קורץ אין אַלע ווינקעלאך וואו מען קערט זיך איז קענטיג שבת, און נאָך אַלע סימנים פון שבת זאָגט ער נאָך א וואָכעדיגע שמו"ע, איז א באַווייז אז זיין נפש זאָגט

ניט קיין סימן פון א צובונד צום אידישן געדאנק, ליגט שוין דער מענטש אונטערגעוואָרפן אונטער סיבות פון דער השגחה, מדה כנגד מדה, ווי ווייט ער שטייט אין זיין בונד צום בורא יתברך, אזוי ווייט שטייט פון אים די השגחה עליונה.

שבת און יו"ט ענדיגט מען די ברכה פון השכיבנו מיט ופרוס, און מען ענדיגט ועל ירושלים. אויב מען האָט פארגעסן און מען האָט געענדיגט ווי אלע טאָג, איז דער דין אזוי: אויב ער האָט זיך דער־מאָנט באלד תוך כדי דיבור נאָך דעם וואָרט לעד, זאָל ער זאָגן די ווערטער פון הפורס סוכת שלום ביז ירושלים, און בא"י ניט זאָגן. אויב ער האָט געזאָגט ניט באלד איז ער יוצא.

דאָ געפינען מיר פאר נויטיג צו שטעלן דעם „אידישן סדר היום", די דינים פון אויפשטיין, די דינים פון אנדערע תפילות, אוי־סער די דינים פון שמונה עשרה.

דער רמב"ם שרייבט, און מיט די ווערטער פאנגט זיך אָן די רייד פון שלחן ערוך: דאָס איז א כלל גדול ביי די וואָס גייען אין ריכטיגן וועג, דער זיצן פון מענטשן, מיט זיינע תנועות און אויפ־פיהרונג בעת ער איז ביי זיך איינער אין הויז איז ניט גלייך ווי ער דאַרף שטיין פאר א מלכות, און זיין רייד מיט די פרייהייט פון מויל מיט זיין אייגענע געזעלשאַפט, איז ניט גלייך ווי ער וואָלט זיצן ביים מלכות, דאַן היט ער זיינע רייד און זיינע באוועגונגען זאָלן זיין געוואָגן און געמאָסטן. ווען דער מענטש זאָל האָבן אין געדאַנק, דאָס דער גרויסער ממה"מ הקב"ה וואָס די גאנצע וועלט איז פול זיין כבוד שטייט דערביי און זעט און הערט אַלעס וואָס דער מענטש טוט און טראַכט, ווי עס שטייט אין פסוק, אויב דער מענטש וועט זיך אפילו באהאַלטן אין א פעסטע באהעלטעניש וועל איך אים דען ניט זען? אזוי זאָגט דער בורא יתברך, דען די הימל און די ערד בין איך דאָך פול, בודאי וועט באלד קומען אויף דעם מענשן די ריכטיגע יראה און הכנעה פאר דעם בורא יתברך שמו, און וועט באלד אויפשטיין פון זיין געלעגער אין דער צייט.

דינים פון השכמת הבוקר.

מען דאַרף אויפשטיין פרי צו עבודת השם. א מענטש דאַרף אויסרעכענען דאָס זיין געגנער דער שונא, דאָס איז דער יצר הרע

מיט זיינע מדות רעות, מיט די פאלשע מחשבות וואס זיינען אין מענשן, געפינט שוין פאר זיך דרכים צו פארלייגן טענות מיט בלבו־לים, ניט אויפצושטיין פריער און דוקא פארשלאפן דעם זמן קריאת שמע און תפלה בצבור. ווינטער זאגט ער אים, ווי וועסטו אויפשטיין אזוי פרי, עס איז דאך א מיאוסער וועטער. זומער זאגט ער אים, די נאכט איז דאך קליין דו האסט גאר ניט געשלאפן. דער מענטש אבער וועלכער האט א שטיקל אויסרעכענונג דארף ער זיך ניט מער פאר־שטעלן, ווען מען וואלט אים גערופן צו א גוטע ביזנעס, אדער ער דארף זיך שטעלן צום סוד, וואלט ער דאך געוויס אויפשטיין וואס פריער, איז דאך געוויס אז מען דארף זיך איילן ווען מען שטעלט זיך פאר דעם מלך מלכי המלכים הקב"ה.

מען איז ניט מחויב צו פארבויגן דעם שלאף, דען 6 שעה מוז א מענטש שלאפן, און מער ווי 8 שעה איז אומגעזונד צו שלאפן, אזוי זאגט דער רמב"ם, — דארף מען זיך לייגן באצייטינס כדי צו קענען אויפשטיין צו דער צייט.

אויפשטייענדיג אין דער פרי הייסט ער א ניי־געבארענער, דארום זאגט מען באלד אויפשטייענדיג „מודה אני", און דאס קען מען זאגן אפילו אומגעוואשן. — צום ערשטן טוט מען אן דעם טלית קטן און מען מאכט ניט קיין ברכה על מצות ציצית, ווייל מען האט נאך די הענט ניט געוואשן.

מען וואשט די הענט אזוי: מען נעמט אריין די כלי וואַ־סער אין דער רעכטער האנט און מען דערלאנגט אין דער לינקער האנט, און מען גיסט אויף דער רעכטער האנט און מען דערלאנגט אין דער לינקער האנט, און מען גיסט אזוי אויף יעדער האנט. פון רבי ר' הערש מלך זאגט מען, אז ער הייסט גיסן א פערטן מאל, און עס איז זייער גלייך אזוי צו טאן. פאר דעם וואשן זיך טאר מען ניט אנרירן ניט צום מויל, ניט צום נאז, ניט צו די אויגן, ניט צו די אויערן. אומגעוואשן נעגל וואסער טאר מען אויך ניט אנרירן אין עסענווארג, ווייל געוויינליך דארף דאך א מענטש אויפשטייענדיק ארויסגיין צום מענשליכן געברויך, זאל ער פריער ארויסגיין, און וואשן די הענט, און זאגן על נטילת ידים און אשר יצר און אלעס כסדר.

אויף די זאכן ברויכט מען זיך וואשן די הענט און קיין ברכה דארף מען ניט מאכן: 1) ארויסגייענדיק פון מרחץ. 2) נאך נעגל שניידן. 3) נאך אפשערן זיך. 4) נאך אנטאן און אויסטאן די שוכ-ווארג. 5) אז מען רירט זיך אן אין די ערטער פון לייב וואו דער דרך איז עס זאל זיין צוגעדעקט. 6) נאך דעם ארויסגיין פון הויז פון א מת רח"ל. 7) פון א בית עולם. 8) פון א לויה. נאך נקבים גדולים אדער קטנים, וואשט מען די הענט און מען זאגט אשר יצר, נאר אין דער פרי אויפשטייענדיג זאגט מען על נטילת ידים אויך.

מען טאר זיך ניט איינהאלטן פון מענשליכן געברויך, ווייל מען איז עובר אויף בל תשקצו, און עס איז נאך דא ביי דעם א סכנה אויך. אז מען האלט זיך איין פון קטנים איז מען עובר אויף בל תשקצו און מען ווערט אן עקר, איז מען נאך עובר אויף לא יהיה בך עקר.

מען דארף גיין געקליידעט מיטל, ניט גאר גרויסארטיג, ווייל דאס ברייגנט גאוה, ניט גאר פראסטע קליידער מען זאל ניט ווערן מבויש. אז מען דארף דאס האבן וועגן מסחר מעג מען, דען מען דארף קומען צו אנשים מכובדים.

מען דארף איינגעוואהנען די קינדער זיי זאלן ניט גיין אפגעדעקט די קאפ בכדי זיי זאלן אויף זיך ארויפציען די אימה פון מלכות שמים, ווי די גמרא זאגט, די אסטראנאמיקער האבן געזאגט צו די מוטער פון רב נחמן בר יצחק דאס זיי זעהן אז איר זון וועט זיין א גנב, האט זי אים געהיט ער זאל ניט גיין אפגעדעקט די קאפ כדי עס זאל אויף אים ארויפציען די מורא פון מלכות שמים.

נקיון המקום לדבר שבקדושה.

ווי ווייט נאר מען הערט דעם ריח פון מענטשליכן געברויך-שמוץ, דארף מען זיך דערווייטערן 4 איילן פון זאגן אדער טראכטן א אידישן ווארט. די זעלבע דארף מען זיך דערווייטערן פון די צואה פון א קאץ, אדער פון א אינדיק. דאס איז דער דין וויפל צו דערווייטערן זיך פון ריח אבער פון זען די שמוץ איז נאר ווי ווייט די אויג טראגט. אויף אורין דארף מען באגיסן מיט א רביעית וואסער מיט איין גאס. א שטול וואס איז צוגעריכט מען זאל קענען

זיצן אויף אים צום מענטשליכן געברויך, צ. ב. ווי עס איז געמאכט פאר קינדער האט דאס א דין ווי א בית הכסא און מען מוז דאס צודעקן אין גאנצן אין דער צייט וואס מען וויל דערמאנען א אידיש ווארט. א רעגאל, א הילצערנער אדער א ליימענער, מוז מען אויך אדער ארויס טראגן אדער ארום דעקן אפילו א אויסגעוואשענער, און עס העלפט ניט דער ארונטערשטעלן אונטערן בעט. אבער א פארצעלאיענער, א בלעכענער אז ער איז ארום געוואשן און עס שפירט זיך פון אים קיין ריח מעג ער זיין, און מען דארף אים ניט צודעקן. אין מרחץ, אין בית הכסא, און אין די פארשמוצטע געסלעך, טאר מען ניט דערמאנען דעם בורא יתברך, און טראכטן וועגן בורא עולם, און ריידן און טראכטן קיין אידיש ווארט. א אשה גייט געוויינליך צו געדעקט, אויב עס איז אפגעדעקט פון איר די ערטער וואס דארף זיין צוגעדעקט, אדער זי גייט מיטן בלויזן קאפ טאר מען ניט זאגן קיין אידישן ווארט נעבן איר. די וועלכע זיצן נעבן איר און דארפן מאכן א ברכה אדער בענטשן איז די עצה צומאכן די אויגן. אין דעם דין איז קיין אונטערשייד צי זיין אייגענע פרוי אדער די נאענטע פאמיליע, אדער פרעמדע.

אייניגע דינים פון ברכת השחר.

די ברכה פון הנותן לשכוי בינה זאגט מען אז עס איז שוין געווארן ליכטיג. נאך די ברכה פון המעביר שינה ענטפערט מען ניט אמן. ווייל די סוף ברכה איז גומל חסדים טובים לעמו ישראל, דארום זאל מען ענדיגן די ווערטער, ותנומה מעפעפי, שטילערהייד. אז מען איז געווען אויף א גאנצע נאכט מאכט מען ניט די ברכה על נטילת ידים, אלקי נשמה און המעביר שינה. אבער פון האר״י הקדוש ווערט געברענגט אז מען זאל יא מאכן ווייל דאס גייט אויף דעם סדר עולם, און אזוי זיינען זיך נוהג חסידים און זיי מאכן יא די ברכות.

דינים פון ברוך שאמר ביז נאך שמונה עשרה.

פון ברוך שאמר ביז נאך שמונה עשרה טאר מען ניט מפסיק זיין אפילו אויף לשון קודש, פון ברוך שאמר ביז יוצר אור מאג מען מפסיק זיין צו ענטפערן אלע אמנ׳ס, נאר ניט קיין ב״ה וב״ש.

און אז דער עולם זאָגט קריאת שמע זאָגט מען מיט דעם פּסוק שמע ישראל און מען זאָגט מיט קדושה און מען ענטפערט ברכו און מודים. פון יוצר אור ביז שמו"ע, טאָר מען ניט ענטפערן קיין אמן מער ניט ווי נאָך די ברכות, הא-ל הקדוש, און שומע תפלה און אמן יהא ש"ר מברך לעלם ולעלמי עלמיא, און נאָך דאמירן בעלמא ואמרו אמן, ענטפערט מען אמן. און מען ענפערט ברוך ה' המבורך לעולם ועד, נאָך ברכו, און נאָך דעם ברכו פון עולה לתורה זיין. אין קדושה ענפערט מען נאָר קדוש ק"ק ה' צבאות מכה"כ, און די ווערטער ברוך כבוד ה' ממקומו. און ביי מודים זאָגט מען מער ניט ווי די דריי ווערטער, מודים אנחנו לך. טייל זאָגן אַז מען מאָג ענטפערן ימלוך ה' לעולם אלוקיך ציון לדר ודר הללוי-ה. אין מיטן דעם פסוק שמע ישראל און אין מיטן בשכמל"ו טאָר מען גאָר ניט ענטפערן. די אַלע זאַכן וואָס מיר האָבן אויסגערעכענט אַז מען דאַרף זיי ענטפערן, אַז מען האַלט אפילו אין מיטן פסוק פון קריאת שמע, דהיינו מען האָט אָנגעפאַנגען צו זאָגן ואהבת את ה' אלקיך, און אין מיטן דאַרף מען ענטפערן ברכו, קדוש, אמן, ווי מיר האָבן ערקלערט בעזהי"ת, דאַרף מען ענטפערן און צוריק אָנפאַנגען ואהבת. די זעלבע נאָר ביי א פסוק פון ואהבת ביז ענדע קריאת שמע, אָבער צווישן אלקיכם מיט אמת דאַרט טאָר מען גאָר ניט ענטפערן. דער זעלבער דין איז פון ויציב ביז גאל ישראל דאַרף מען ענטפערן אפילו אין מיטן די ווערטער אָבער מען דאַרף אָנהויבן צוריק און איבערזאָגן די עטליכע ווערטער וועלכע מען האָט געזאָגט פון וואנען עס פאַנגט זיך אָן א באַזונדער געדאַנק, ווי עס איז געצייכענט אין סידור.

דינים פון קריאת שמע איז ביי מצות קריאת שמע. דינים פון שמונה עשרה איז ביי מצות תפלה. אין חזרת הש"ץ און אין קריאת התורה טאָר מען ניט ריידן. דער עונש פון פאַרפעלן אַ אמן, אָדער ענטפערן דעם אמן ניט ווי דער דין זאָגט איז דער עונש זעהר גרוים, רח"ל, און ווי מיר ערקלערן דאָ בעזהי"ת. וועגן ריידן אין קריאת התורה איז דאָס זייער אַ שענדליכע זאַך, מען זאָל באַרעכענען קריאת התורה האָט מתקן געווען משה רבינו און עזרא הסופר האָט פאַרברייטערט די תקנה. דער גאַנצער צוהאַלט אין גלות דער צונויף שלום פון פאָלק מיטן דת איז די קריאת התורה. אַלע אידן קומען צוזאַמען אין איין אָרט און מ'חזר'ט

איבער די תורה וואָס ג-ט ב"ה האָט געגעבן צו משה רבינו, צו געבן אידן. שטעלט זיך פאָר, אזוי ווי מיר וואָלטן זי היינט גענומען אויף דעם בארג סיני. מאַכט דאָס אַ איינדרוק אויף אונזערע קינדער אַ דור נאָך אַ דור אויף עוויג. אזוי ווי עס ציט זיך שוין אַ ערך 4000 יאָר אָבער אַז מען רעדט גאָר אין קריאת התורה, באַרעכנט אויסער די עבירה פון דעם, איז די חוצפה און די העזה זייער גרויס. שטעלט זיך פאָר מען וועט לייענען אַ פריקאַז פון אַ נאַצאַלניק, וואָס דער נאַצאַלניק איז גרעסער, הערט מען אַלעס אויס מיט מער מורא, ווער רעדט נאָך אַ צירקוליאַר פון קיסר ווער ערלויבט זיך דאָן צו שפּרעכן, אָדער ווער ערלויבט זיך צו שפּרעכן ווען מען מאַכט דעם קיסר הנותן תשועה. איז דאָך געוויס אַז מען הערט ג-ט'ס רייד אַז מען דאַרף זיך צוהערן. צווייטנס איז דאָס אַ חילול השם, ווייל דאָס איז דאָך בצבור. דריטנס, לערנט זיך אָפּ איינער פון צווייטן און ביי אונזערע קינדער ווערט חול די גאַנצע קדושת התורה, און מיט אַ צייט ווערט חלילה פאַרגעסן אין גאַנצן. עס איז אַ חוב קדוש אויף יעדער איד ניט צולאָזן צו דעם אין אַ צייט וואָס עס ברענט אויס די אידישקייט איז נאָר ווער עס שטעלט זיך געגן, דער וועט נעמען שכר ווי פנחס.

דינים פון ב"ה וב"ש און אמן.

אמן איז דער טייטש אמת, דאַרום דאַרף מען טראַכטן ביי דעם זאָגן אמן אַז די ברכה איז אמת, אויך איז אמן דער באַדייטונג די תפלה זאָל זיין אמת. ד. ה. אַז עס זאָל אָנגענומען ווערן די תפלה ובקשה. אַז מען האַלט וואו מען טאָר ניט מפסיק זיין, טאָר מען ניט ענטפערן קיין ב"ה וב"ש. נאָך די ברכה פון מקרא מגילה און נאָך די ברכה פון לשמוע קול שופר אָדער מיט נאָר אַ ברכה וועלכע מען איז יוצא פון אַ צווייטן, דהיינו קידוש, טאָר מען ניט זאָגן קיין ב"ה וב"ש. ווייל דאָס הייסט אַ הפסק. מען דאַרף זיין זייער געהיט אין ענטפערן אמן, און אמן יהא ש"ר ווי דער דין זאָגט. מען דאַרף ענטפערן בקול רם און מיט גרויס כונה. דער מדרש זאָגט: מיט דעם וואָס מען ענטפערט מיט קול רם אמן יהש"ר, איז השי"ת מבטל די גזירות רעות פון אידן. די גמרא זאָגט: דער וואָס ענטפערט אַ אמן חטופה, דאָס הייסט ער כאַפּט אַוועק דעם אמן, ווערט אַוועק געכאַפּט זיין לעבן

פאר דער צייט. דער וואס ענטפערט א אמן קטופה, דאס הייסט א אפגעהאקטער אמן, ווערט זיין לעבן אפגעהאקט. דער וואס ענטפערט א אמן יתומה, בלייבן זיינע קינדער יתומים רח"ל. א חטופה הייסט מען כאפט א וועק דעם ווארט אמן אויף גיך, אז עם הערט זיך ניט דריקענדיק דעם קמץ פון אמן, און עס דארף זיך הערן קאנטיג דער קמץ פון אמן. אמן קטופה הייסט ער ענדיגט ניט אויסזאגן דעם נון פון אמן. אמן יתומה הייסט מען ענטפערט אמן איידער דער חזן ענדיגט די ברכה, אדער מען ענטפערט אין א צייט שפעטער ווי דער חזן האט שוין געזאגט די ברכה, דאס הייסט דער אמן איז א יתום אן א פאטער, מען ענטפערט אמן אן א ברכה. ווי באלד אז דער שטראף פון ניט ענטפערן אמן אדער ענטפערן ניט ווי דער דין איז, איז זייער גרוים, ווי אומפארשעמט איז מען דאס אז מען רעדט אין צייט פון חזרת הש"ץ פון קדיש און מען פארפעלט אמן, אדער מען זאגט ניט נאך דעם דין נאך. לוינט דאס איבער א קליינע הנאה זאל מען ריזיקירן דעם לעבן, וויפל ווענד מען דאס אן כוחות צום געזונט, און דא נעמט מען זיך זעלבסט און מען ברייננגט זיך אריין אין א סכנת מות רח"ל. דער רעכט איז, עס זאל זיך געפינען אין יעדער שול וועלכער זאל אויף דעם אויפפאסן.

אז מען זאגט מיט די שטילע שמו"ע מיטן ש"ץ, און דער ש"ץ זאגט קדושה, דארף מען אויפהערן זאגן און איינהערן זיך ווי דער ש"ץ זאגט קדושה, און מען פאנגט אן וואו מען האלט. אז מען רופט איינעם אויף לתורה, און ער האלט פאר שמו"ע, איז ער עולה לתורה און מאכט די ברכה, אבער ער זאל ניט נאכזאגן דעם בעל קורא. אבער אז ער האלט גאל ישראל, אדער ער האלט אין שמו"ע, טאר ער ניט גיין עולה לתורה זיין. פון שמו"ע ביז נאך תחנה טאר מען ניט ריידן. דעם לאנגן והוא רחום דארף מען זאגן שטייענדיג.

נאך דעם דאווגען דארף מען זיך קובע זיין א צייט צו לערנען וואס איינער קאן. אפילו אויף עברי טייטש איז גוט אבי ניט געבטל'ת די צייט. געבענטשט זיינען די אידן וואס באלד נאך דעם דאוונען לערנען זיי בקביעות משניות, אדער א בלאט גמרא, דען מיט א חברה איז מען זיכער די אפגעשטעלטע צייט אפ־צוהיטן יעדער טאג דעם זמן קבוע.

די הנהגה פון מענטשן דעם גאַנצן טאָג.

עס דאַרף זיין דער האנדל ערליך, סיי אין געשעפט סיי ביי דער ארבייט. ניט ריידן קיין לשה"ר, רכילות, און נאָך אנדערע מדות רעות, קנאה, שנאה, תאוה, כבוד, גאוה, וועלכע זיי פירן אים אוועק פון ביידע וועלטן. אז מען גייט אין גאַס דאַרף מען ניט אריינקוקן אין די טירן און פענצטער פון דעם צווייטן. ניט משתין זיין אויף דעם צווייטענס וואנט. אז מען איז משתין אויף א מקום קדוש איז אויסער די עבירה פון גזל לרבים איז מען נאָך עובר אויף די מצוה והיה מחנך קדוש. מען טאָר ניט לעזן דעם צווייטנס א לעטער אָדער אנדערע פייפערס, אפילו א קאַרטל אויך ניט. גייענדיג אין גאַס דאַרף מען באַטראַכטן די לאַגע פון געדריקטן און מען דאַרף אויסרעכענען אז קיינער איז פון דעם ניט פאַר־זיכערט. אז מען האָט שוואכע ניט געזונטע אויגן דאַרף מען גיין צווישן מענטשן אָן געטאָן אין ברילן ווייל דעם צווייטן איבלט צו קוקן. אז מען גייט אָדער מען פאָרט אין וועג און מען איז אָפגעגאַנגען א תחום שבת דאַרף מען זאָגן תפלת הדרך. תפלת הדרך זאָגט מען ניט אנדערש סיידן באַלד נאָך דעם ענדיגן פריער א ברכה, צ. ב. מען עסט א כזית מזונות און מען מאַכט על המחיה אָדער מען עסט א עפּל אָדער מען טרינקט א גלאָז וואַסער און מאַכט בורא נפשות, זאָגט מען באַלד נאָך דעם תפילת הדרך. אָדער מען ברויכט זאָגן אשר יצר, זאָגט מען באַלד נאָך ומפליא לעשות, תפילת הדרך. די וועלט איז זיך מקיל אין דעם, דאָס איז אָבער א דין פון די גמרא און גע'פסקנ'ט אין שו"ע או"ח.

דינים פון מנחה און מעריב.

די צייט פון מנחה איז פאַר זון אונטערגאַנג, מען טאָר זיך ניט זעצן עסן פאַר מנחה א סעודת קבע. פאַר דאַוונען מנחה און מעריב דאַרף מען אויך וואַשן די הענט. אָבער נטילת ידים זאָגט מען ניט. אין ספר חרדים ברענגט ער אז מען זאָל זיין נזהר אז מען זאָל זיך וואַשן מיט א רביעית וואַסער און מיט א כלי. אז מען קומט צו מנחה און דער ש"ץ שטעלט זיך די הויכע שמו"ע זאָל מען אָפּוואַרטן ביז נאָך קדושה און נאָכהער שטעלן זיך שמו"ע. דאָס וואָס אנדערע שטעלן זיך און זאָגן שמו"ע גלייך מיטן ש"ץ, איז דאָס א טעות.

די צייט פון מעריב איז אז עס זעט זיך שוין שטערן. פון אָנפאנג מעריב ביז נאָך שמו"ע טאָר מען ניט מפסיק זיין. דאָס האָט דעם זעלבן דין ווי פון יוצר אור ביז שמו"ע. פון האר"י הקדוש שטייט אז מען זאָל האלטן פארמאכט די אויגן פון אָנפאנג מעריב ביז ענדע. אז מען פארגעסט צו דאווענען מעריב צו דער צייט מאָג מען נאָך דאווענען ווען מען דערמאָנט זיך אפילו ביז טאָג. מען דארף אָבער פאָרזיכטיג זיין צו דאווענען צו דער צייט ווייל פאר מעריב טאָר מען ניט עסן און טרינקען. אונזערע חכמים פארזאָגן שטרענג אויף דעם, עס איז גאָר חלילה א לעבנס געפאר. פאר דעם שלאָף דארף מען באטראכטן אין וואָס מען האָט דעם טאָג פארבראכט און זען אויף מאָרגן צו פארבעסערן. פאר דעם גיין שלאָפן דארף מען לייענען קריאת שמע ווי עס איז געדרוקט דער נוסח אין די סידורים. מען דארף זאָגן ברכת המפיל נאָך די גאנצע ק"ש.

ובו תדבק.

די מצות עשה איז, צו באהעפטן זיך צום תלמיד חכם. די גמרא זאָגט: דער וואָס באהעפט זיך צום תלמיד חכם איז גלייך ווי מען באהעפט זיך מיט די שכינה הקדושה כביכול, דארום דארף מען נאָכזוכן צו נעמען פאר זיין טאָכטער א מאן א למדן און פאר דעם זון נעמען א בת תלמיד חכם. מען דארף זען זיין א אייגענער ביי דעם תלמיד חכם אין הויז. צו שטיצן דעם ת"ח ווי ווייט מעגליך איז. ווי מען דאַרשט נאָך א טרונק אזוי דארף מען דאַרשטן נאָך די רייד פון די תלמידי חכמים, ווייל אין זייערע איינפאכע רייד ליגט אויך איינגעוויקלט מדות מיט ערליכקייט. מען זאָל באטראכטן ווי ריכטיג עס איז דער געדאנק אז מען באהעפט זיך צו דעם ת"ח, איז גלייך ווי מען באהעפט זיך מיט די שכינה הקדושה. וואָס הייסט באהעפט צו די שכינה הקדושה? א איד היט די תורה און מצות מיט מדות טובות דער הייסט באהעפט צום בורא יתברך שמו לעד ולנ"נ. זאָל א איד שרייען דעם גאנצן טאָג שמע ישראל און פאסטן תעניתים, ווי באלד אז ער האָט שלעכטע מדות הייסט ער א צבוע. אָבער אז ער פירט זיך אויף גוט און טוט דעם אמת'ן רצון הבורא דער הייסט באהעפט. צו די וועג קאָן אָבער צוקומען נאָר דער וואָס קוקט נאָך די

וועג פון די חכמים, דער וואס נעמט אריין אין זיין הויז א תלמיד חכם, דער וואס איז א אייגענער בא דעם תלמיד חכם אין הויז, און זעט ווי דער ת"ח פירט זיך אויף, ווי דער ת"ח פירט זיין הויז, ווי ער פירט זיין טיש, ווי דער ת"ח ערציט זיינע קינדער, לערנט ער זיך אפ פון אים אז ער נעמט פאר זיין טאכטער א מאן א למדן, און ער פלאנצט א כשרן דור אויף דורי דורות. ער נעמט פאר זיין זון א בת ת"ח, ערציט זי די הויז נאך דעם פאטערס פארלאנג הייסט עס ריכטיג באהעפט צו די שכינה הקדושה. אבער אן די מיטלען קען ער ניט קומען צו די ריכטיגע וועג. ווי דער תנא זאגט, ולא עם הארץ חסיד ולא בור ירא חטא, א עם הארץ קען קיין פרומער ניט זיין, א בור קאן קיין מורא פאר א חטא ניט האבן. ווייל אן דעם דרך פון דער תורה ווייס מען ניט וואס הייסט גוט, וואס הייסט פרום. דארום פארזאגן די חז"ל, מען זאל נעמען א בת ת"ח, און נעמען פאר די טעכטער א ת"ח, און זיין אימער מיטן ת"ח אין געזעלשאפט, עסן מיט אים צוזאמען, מאכן געשעפט מיטן ת"ח. דער רמב"ן זאגט: אז אין די מצוה איז אויך געמיינט, דער מענטש זאל ניט אפטאן דעם געדאנק פון הייליגן באשעפער ב"ה וב"ש אפילו בעת ער רעדט מיט מענטשן. דער בעש"ט הקדוש זאגט א דרש אויף דעם פסוק ויברך דוד את ד' לעיני כל הקהל ויאמר דוד, זאגט ער אזוי: ויברך דוד את ד', דוד המלך האט געלויבט ג-ט ב"ה, און לעיני כל הקהל האבן זיי געמיינט אז ער רעדט צו זיי פראסטע וועלט זאכן.

ובשמו תשבע.

די מצות עשה איז, ווען ב"ד זיינען מחייב א שבועה און ער וויים ריכטיג אז ער קאן שווערן איז א מצוה ער זאל שווערן. נאר ווייל דער איסור פון א שבועה איז זייער הארב, דען די גמרא זאגט: אז ווען דער בורא עולם ב"ה האט געזאגט דעם לאו פון לא תשא, האט די וועלט געציטערט. בא אלע עבירות שטראפט מען נאר דעם פארברעכער און מער ניט, דא מאנט מען אויף די גאנצע פאמיליע, ווי עס שטייט לא ינקה, דארום מיידט מען זיך צו שווערן אפילו אויף אן אמת. ווי הארב עס איז א שבועה איז ערקלערט אין פרשת בהר און פרשת קדושים.

ראה

אבד תאבדון את כל המקומות.

די מצות עשה איז, ווען מיר האבן אייגענע רעכטן זיינען מיר מחויב אין ארץ ישראל אויסראטן אלע געצענדיינסט מיט זייערע הייזער וועלכע אויף דעם געארדענט. און ניט לאזן קיין אנדענק פון דעם, ווייל דער פליכט אויף אונז אידן באקאנט צו מאכן די ריכטיגע אמונה אין דער וועלט אזוי ווי אונזער פאטער אברהם האט געטאן, צו מאכן די אמת'ע אמונה אונזערע, דארום איז א חוב אויף אונז די געצענדינער אויסרייסן.

לא תעשון כן לה' אלקיכם.

די מצות עשה איז, ניט צו מעקן קיין הייליקן שם, אפילו איין אות פון שם אז מען מעקט אוים ח"ו שלאגט מען מלקות. עס איז ניטא אין דעם קיין אונטערשייד געשריבן צי געדרוקט, צי געשניצט פון האלץ אדער פון מעטאל. אויך טאר מען קיינע ספרים ניט מעקן אדער רייסן. די ספרים וועלכע זיינען פסול געווארן אדער צוריסן געווארן וועלכע זיי האבן קיין נוץ דארף מען זיי מקבר זיין. דאס גלייכן טאר מען ניט קיין הייליגע זאך ניט פארדארבן. אויף ארוים נעמען א שטיין פון מזבח, אדער פון דער עזרה קומט מלקות. מען טאר ניט פאנאנדער נעמען קיין זאך פון א מקום קדוש, נאר באופן צו מאכן שענער און בעסער מאג מען. (אין פרשת יתרו ביי דעם לאו פון לא תשא, האבן מיר ערקלערט וועגן דעם וואס מען איז ניט נזהר און מען ווארפט אוועק געדרוקטע און געשריבענע לשון קודש אדער אויף נאר א שפראך וועלכע עס ווערט דערמאנט הייליגע ווערטער, אדער ווי צו דערמאנען ג-ט'ס נאמען אין א לעטער).

ובאת שמה והבאת שמה. השמר לך פן תעלה עולותיך בכל מקום אשר תראה. במקום אשר יבחר ה' שם תעלה עולותיך.

די 3 מצות זיינען: 1) אלע קרבנות וועלכע מען דארף בריינגען זאל מען בריינגען אין דעם ערשטן יום טוב פון מחויב ווערן דעם קרבן. 2) ניט מקריב זיין קיין מין קרבן אויסער דער עזרה. אז מען איז מקריב א קרבן אויסער דער עזרה קומט כרת. 3) מקריב צו זיין אלע קרבנות אין בית המקדש.

רק בכל אות נפשך תזבח ואכלת בשר.

די מצות עשה איז, ווען עס געפעלט אַ מום אין קדשים זאָל מען אויסלייזן און פאַר די געלט קויפן אַ אַנדערן, און דער ווערט חולין און מען מאָג אים עסן.

לא תוכל לאכול בשעריך מעשר דגנך ותירושך ויצהרך.

פון דעם פסוק איז אַרויס גענומען 3 מצות:
1) ניט צו עסן די מעשר שני פון די תבואה.
2) ניט טרינקען וויין פון מעשר שני.
3) ניט צו עסן קיין בוימאייל פון מעשר שני אויסער די שטאָט ירושלים, די מעשר שני וועלכע איז ניט אויסגעלייזט.

מעשר שני הייסט, נאָך דעם געבן מעשר צום לוי, נעמט מען אַראָפּ, נאָך אַ מאָל מעשר, הייסט דאָס מעשר שני, דער צווייטער מאָל מעשר דאָס ווערט געגעסן אין ירושלים, אָדער מען בייט אוים אויף געלט און פאַר די געלט קויפט מען זיך צו עסן און צו טרינקען אין ירושלים. (אין פרשת בחקתי האָבן מיר ערקלערט וועגן מעשר בהמה, איז דאָס אויך די זעלבע ערקלערונג).

ובכורות בקרך וצאנך וכל נדריך אשר תדור ונדבותיך ותרומת ידך.

די 5 מצות זיינען: 1) ניט צו עסן די פלייש פון בכור אויסער אין ירושלים. 2) ניט צו עסן קיין פלייש פון קרבנות, חטאת און אשם אויסער דער עזרה. 3) ניט צו עסן קיין פלייש פון קרבן עולה. 4) ניט צו עסן קיין פלייש פון קדשים בעפאָר מען שפריצט די בלוט. 5) די כהנים זאָלן ניט עסן קיין בכורים אויסער אין ירושלים. ניט קיין כהן, טאָר קיין מאָל ניט עסן קיין בכורים, זיין שטראָף איז מיתה בידי שמים. (אין פרשת משפטים איז ערקלערט בעזהשי"ת ביי אונז ווי עס איז צו געגאַנגען דער אָרדער פון ברייגנען די בכורים אין ירושלים.

השמר לך פן תעזוב את הלוי.

די מצות עשה איז, ניט אָפּצורייסן פון די אָפּגאָבע וועלכע מען דאַרף געבן צום לוי, אויך איינלאַדן זיי אַלע ימים טובים

פרייען זיך צו זאַמען שמחת החג. אין כלל פון דער מצוה איז אויף אַלע פייערטעג איינלאַדן צו זיך אָרימע יתום ואלמנה. אויף דעם איז יעצטיגע צייט אויך א חיוב. אזוי ווי דער שבט לוי איז דער אויסדערוויילטער פון אַלע שבטים צו ג-ט'ס דינסט, און לערנען תורה צו דער וועלט, און דער שבט האָט קיין אַנדערע געשעפטן ניט געהאַט, ג-ט ב"ה האָט געוואָלט זייער ברויט זאָל זיין רוהיג בכבוד, זיי זאָלן ניט דאַרפן ארבעטן כדי עס זאָל זיי ניט שטערן צו זייער חכמה. דאַרום איז שטרענג פאַרבאָטן מען זאָל פון זייערע אָפּגאַבע ניט אָפּרייסן. דאַצו נאָך וואו עס קומט יום טוב אין ירושלים ווען אַלע אידן ברייגנען מיט פון אַלעם גוטעס פון צו הויז, עופות, פרוכטן, צו עסן אין ירושלים, און דער לוי האָט דאָך ניט, דאַס גלייכן דער יתום, די אלמנה, און דער אָרימער האָבן דאָך ניט ווי מקיים צו זיין ריכטיג שמחת החג, מוז ער זיי צו זיך איין לאַדן פרייען זיך מיט זיי צוזאַמען. ווייל יום טוב דאַרף ביי אַ אידן זיין די שמחה אַ שמחה של מצוה, ניט נאָר אַליין מיט די אייגענע פאַמיליע הנאה האָבן און קיין צווייטער זאָל פון דעם ניט געניסן, דען דאַס איז ניט דער דרך פון אידן.

פון דער מצוה איז צו שליסן יעדער איד זאָל פאַרשטיין צו שטיצן בכבוד די תלמידי חכמים, דען זיי זיינען די מחזיקי האמונה והדת ווי דער שבט לוי אין זייער צייט, זיי זיינען דער יסוד פון דער וועלט און בפרט מחזיק זיין די תלמידי חכמים וואָס זיי זיינען יעצט אין ירושלים, און זיי לערנען דאָרט תורה ביי טאָג און ביי נאַכט פון גרויסן דוחק, ובפרט די תלמידי חכמים וואָס לערנען בשקידה רבה אין די ישיבות אין ירושלים עיר קדשנו ותפארתנו, ובפרט די תלמידי חכמים וגאונים וואָס זיי לערנען אין ישיבה הקדושה אנשי מעמד בעה"ק ירושלים תובב"א, וואָס דער מחבר פון ספר איז דער גרינדער ומייסד ונשיא הישיבה הקדושה, איז עס גוט באַקאַנט זייער טראַגישע שווערע לאַגע, און וועלכער ועט האָבן דעם גרויסן זכות זיי צו שטיצן וועט מען אויף אים רחמנות האָבן מן השמים און ער וועט זוכה זיין מיט זיי אַ טייל צו האָבן בעולם הבא.

וזבחת מבקרך וגו' ומצאנך כאשר צויתיך.

די מצות עשה איז, פון די פלייש וועלכע עס איז כשר צום עסן זאָל מען שעכטן און ניט עסן אָן שחיטה, (זע אין דער הקדמה פון ספר). דער צוגאַנג פון שחיטה מיט אַלע דינים איז ידוע צו שוחטים דאַרום האָבן מיר ניט נויטיג צו ריידן פון דעם.

ולא תאכל הנפש עם הבשר.

די מצות לא תעשה איז ניט צו עסן קיין אָפּגעשניטענעם גליד פון אַ בהמה, אָדער אַ עוף.

רק קדשיך אשר יהיו לך ונדריך תשא ובאת.

די מצות עשה איז די קרבנות וועלכע עס ווערט געברויכט פון חוץ לארץ דאַרף מען זיך מיט זיי באַמיהען אין אַלע נויט-ווענדיקייט ביז מען ברענגט זיי אין בית המקדש.

לא תוסף עליו ולא תגרעו ממנו.

די 2 מצות לא תעשה איז, ניט צו מערן אויף די תורה און ניט מינערן פון די תורה, דאָס מיינט מען אז קיין איד טאָר זיך ניט ערלויבן צולייגן אַ מצוה אין דער תורה, און ניט אַראָפּ נעמען אַ מצוה פון דער תורה, סיי פון תורה שבכתב סיי פון תורה שבעל פה, דאָס הייסט ניט זיין פריי אַראָפּנעמען אַ מצוה פון אידן אָדער זיין צו פרום און צולייגן מצות. נאָר וואָס די חכמים האָבן מתקן געווען צ. ב. חנוכה, מגילה און דאָס גלייכן דאָס האָבן זיי געהאַט רעכט צו דער צייט ווען עס האָט געפאָדערט (זע אין די הקדמה פון ספר קאַפיטל תורה שבעל פה). ווייל די תורה הייסט תורה תמימה אַ גאַנצע, אין אַ גאַנצע זאַך קען מען ניט צולייגן און ניט אַראָפּנעמען, וואָרום אז מען לייגט צו איז דאָך שוין אַ גאַנצע מיט נאָך עטוואָס, און אז מען נעמט אַראָפּ פעלט דאָך. דער כלל איז מיר אידן האָבן ניט קיין ערלויבעניש פון זיך צופוצן די תורה, ניט אַראָפּ נעמען און ניט צולייגן.

לא תשמע אל דברי הנביא ההוא.

די מצות לא תעשה איז, ניט צו הערן קיין נביא אין דעם נאָמען פון עבודה זרה, מען טאָר מיט אים ניט באַציען קיין געשפרעך, אָדער בעטן ער זאָל צייגן א צייכן.

לא תאבה לו ולא תשמע אליו ולא תחוס עינך עליו ולא תחמול ולא תכסה עליו ולי יוסיפו לעשות כדבר הרע הזה.

די 6 מצות לא תעשה זיינען: 1) ניט צורוידן קיין מענטש פון אידן דינען די ע"ז ח"ו, ווען עס איז אפילו ניט געדינט געוואָרן קומט אים סקילה פאַר דעם אָנריידן צו דעם. 2) ניט ליבן דעם אָנריידער צו ע"ז. 3) ניט אָפּלאָזן די שנאה פון מסית. 4) ניט מציל זיין דעם מסית פון טויט. 5) ווען מען משפט דעם מסית זאָל מען אויף אים ניט זוכן קיין זכות. 6) ניט שטילשווייגן אין זוכן אַ חוב אויף דעם מסית. דאָרום איז אויף אים אַזוי שטריינג פאַרזאָגט געוואָרן מער ווי אויף דעם גרעסטן פאַרברעכער, ווייל די אָנפירער זיינען די ערשטע סיבה פון די שלעכטס. אין שלחן ערוך הלכות שבת סימן ש"ו, זיינען אָפּגעֿפסק'נט, די פאַרפאַסער, די מעתיקים, די דרוקער, די פאַרקויפער, די פאַרפאַסונג וועלכע געגן דער אמונה פאַר מסיתים און מדיחים.

ביי יעצטיגע אָפענע פרייע וועלט דאַרף מען גוט נאָכקוקן אויף די ספרים און ביכער וועלכע זיינען געדרוקט, אין דעם אָרט, אין וואָס פאַר אַ שפּראַך, וועלכע מען ברענגט אַריין אין אַ אידישע הויז, מען זאָל זיך ניט פאַרלאָזן ווייל מען קויפט ביי אַ ערליכן אידן איז מן הסתם כשר, דען אין די זאַך זיינען ערליכע אידן וואָס האַנדלען מיט ספרים אויך פאַרפירט. באַטראַכט נאָר ווי אומ־פאַרשעמט מיר זיינען, שטעלט זיך פאַר ווען אַ שוהמאַכער, אַ שניידער, זאָל אַריינטראָגן אין שול זייערע סחורה געווים וואָלט מען ניט לאָזן, און אַז עס קומט אַ ערליכער איד אין אַ מקום קדוש און זעצט זיך פאַרקויפן אפיקורס'ישע ביכער, און ביכער פון ראָמאַנען מיט ליצנות צוזאַמען מיט ספרים און תפילין און מזוזות, און קיינער ווערט ניט, וויינגסטנס זאָל דאָס ניט האָבן קיין איינטריט אין די שולן. אויף דעם קלאָגט דער נביא מהרסיך ומחרביך

ממך יצאו. אזוי ווי די תורה זאגט אן, אויף דעם מסית טאר מען קיין רחמנות האבן, און קיין זכות צו זוכן אויף די פארפירער פון די ביכער דאס זיי טוען דאס צוליב פרנסה.

ודרשת וחקרת ושאלת היטב.

די מצות עשה איז, בית דין זאלן ריכטיג נאך פארשן די עדות, אויף וואס זיי קומען זאגן זייערע עדות, ווי די זאך איז געשען, און די פינקטליכע צייט ווען די זאך האט געטראפן, און נאך זייטיגע זאכן וועלכע דער עדות מוז וויסן. עס איז דא אן אונטערשייד, אויף וואס דער עדות זאגט, צי אויף געלד זאכן צי אויף דיני נפשות. אויף דיני נפשות דארף מען נאך מער נאכפארשן, ווייל דער גרעסטער קראפט אין דער וועלט איז איבערגעגעבן צו די עדות, ווען 2 עדות קומען צו גיין זאגן, אז דער גרעסטער מענטש אין דער וועלט האט געטויט א מענטשן, טויט מען אים. קענען דאך אפריידן 2 מענטשן אויף איינעם צום טויטן, דארום פרעגט מען זיי ארום און מען פארשט זיי ארום, ביז די פאלשע עדות מוז ארויסקומען.

ושרפת באש את העיר ואת כל שללה, לא תבנה עוד, ולא ידבק בידך מאומה מן החרם.

די 3 מצות זיינען: 1) צו פארברענען די שטאט מיט זייערע גוטס וועלכע עס זיינען פארפירט געווארן צו דינען ע"ז. 2) די שטאט טאר קיין מאל ניט אויפגעבויט ווערן. 3) מען טאר ניט הנאה האבן פון די פארוויסטונג פון די שטאט. די מצות לערנען אונז ווי וויט דער איד דארף זיך דערווייטערן פון א פארפירטער זאך. קיין מענטש איז ניט באגלויבט אויף זיך צו זאגן מיר וועט ניט שאטן, מיינע קינדער זיינען ערליכע, איך וועל לעזן אפילו א ביכל אדער איך וועל פארדייזן אין די ערטער וואס מען טוט אום שבת א מלאכה, מיך וועט ניט רירן פון מיין אמונה. זאגט אן די תורה אז די ערגסטע איז א פארפירונג אין דער וועלט, דאס איז שווער אויסצורייסן דאס קאן שאטן דעם גרעסטן אויף אייביג. דער ארט פון די ערד ווערט טריף, א טריפה כלי קען מען נאך כשר'ן אבער א טריפה דעה רח"ל בלייבט טריף אויף אייביג, ווי באלד נאר

אין די שטאָט איז געדינט צו עבודה זרה איז שוין די ערד טריף ביז גרונד, אַז מען טאָר איר שוין קיינמאָל ניט בויען. און עס איז טריף, אפילו אַ שטיינדל אַ ווערדע פון אַ סענט אויך טריף און עס טאָר ביי זיך פון דעם ניט בלייבן קיין האָר ניט. פון די מצוה איז צו שליסן ניט הנאה האָבן פון די זאַך וועלכע איז טרייף, ניט דוקא אַ טרפה זאַך אפילו אַ כשר׳ה זאַך, נאָר אַז איך נעם אויף זיך אַ איסור ווערט עס טריף, און מען טאָר פון דעם קיין הנאה האָבן, צ. ב. מען רעט אָפּ אַ פאַראיין צו נעמען אין איין אָרט עסענוואַרג, הייוון, זאַלץ, טאָר מען זיך אין דעם ניט גרינג מאַכן און קויפן אין אַ אַנדער אָרט, און דאָס גלייכן, ווייל אויף דער זאַך איז אַרויף געצויגן אַ הסכם פון טרייף.

לא תתגודדו, ולא תשימו קרחה בין עיניכם למת.

די 2 מצות לא תעשה איז, 1) ניט צו וואונדן זיך אָדער איינשניידן זיך אין די פלייש פון פאַרדרוס אויף אַ טויטן. 2) ניט אויסצופליקן זיך די האָר פון קאָפּ פון פאַרדרוס אויף אַ טויטן. ביי דעם שטייט אין דער תורה בנים אתם לה׳ אלקיכם, ד. ה. איר דאַרפט צופיל ניט קלאָגן, איך בין אַ פאָטער מיינט ניט אַז איך טו אייך שלעכטס, ווייל איר זעט נאָר די צייט וואָס פאַר אייערע אויגן. אָבער די צוקונפטיגע צייט זעט איר ניט, מיינט איר אַז עס איז שלעכטס, איך ווייס אָבער די צוקונפטיגע צייט ווערט גאָר פון דער רעה ארויס אַ טובה, מיין שלעכטס טאָן איז אויך לטובה, עס איז נאָר ווי אַ פאָטער שטראָפט זיין קינד, ווייל ער מיינט זיין טובה. דאַרום איז דער דין, דאָס מיטן זעלבן מוט וואָס מען מאַכט אַ ברכה אויף שמחה מיטן זעלבן מוט דאַרף מען מאַכן אַ ברכה אויף צער אויך, רח״ל, ווייל דאָס שלעכטס הייסט גוטעס, ער איז איין ג-ט ב״ה, דער זעלבער ג-ט וואָס טוט שלעכטס טוט גוטעס, דען די שלעכטס איז אויך גוטעס. (וזהו, בנים אתם להוי׳ אלקיכם, מדת הרחמים ומדת הדין, וזה הוי׳ רחמים, אלקיכם דין, בין רחמים בין דין הכל אחד). די גמרא ברענגט: ר׳ עקיבא האָט געזאָגט, אימער דאַרף אַ מענטש זאָגן: כל מה דעביד רחמנא לטב עביד. דאָס הייסט, אַלעס וואָס ג-ט ב״ה טוט איז צום גוטן. אזוי ווי רבי עקיבא דערציילט וואָס אים האָט געטראָפן, ער איז געגאַנגען

אין וועג איז ער געקומען אין אַ שטאָט האָט ער געבעטן אַ מקום לינה, צו נעכטיגן האָט מען אים ניט גיגעבן, זאָגט ער, כל מה דעביד רחמנא לטב עביד. האָט ער גינעכטיגט אין פעלד. מיט זיך האָט ער געהאַט אַ האָן צו אויף וועקן, אַ אייזל צום רייטן און פייער האָט ער געברענט. איז געקומען אַ ווינט און אויסגעלאָשן דעם פייער, זאָגט ער אַלעס וואָס ג־ט ב"ה טוט איז צום גוטן. איז געקומען אַ קאַץ און האָט אויפגעגעסן דעם האָן. רבי עקיבא האַלט זיך אַלעס ביי זיינס, עס איז אַלעס צום גוטן, ביז עס איז געקומען אַ לייב און האָט אויפגעגעסן דעם אייזל, ר"ע זאָגט: כל מה דעביד רחמנא לטב עביד. אין דער זעלבער נאַכט איז מען באַפאַלן די שטאָט און געפאַנגען די מענטשן, האָט ר"ע געוויזן זיינע תלמידים, האָב איך דען ניט געזאָגט אַז אַלס וואָס דער הייליגער באַשעפער ב"ה טוט איז צום גוטן. ווען מען וואָלט מיר גיגעבן אַ אָרט אויף נעכטיגן וואָלט איך אויך געפאַנגען געוואָרן גלייך מיט אַלעמען, ווען דער פייער וואָלט געברענט וואָלטן זיי מיך דערזען, ווען דער האָן וואָלט געקרייט, דער אייזל געשריען, וואָלטן זיי דערהערט און מיך געפונען. פון דער געשיכטע קאָן זיך יעדער מענטש נעמען אַ לימוד אין זיינע טרעפונג אין דער וועלט וועט ער זען ווי ריכטיג דאָס איז.

לא תאכל כל תועבה.

די מצות לא תעשה איז, ניט צו עסן די פלייש פון קרבן וועלכער איז פסול געוואָרן.

כל צפור טהורה תאכלו.

די מצות עשה איז, אונטער צו זוכן אויב די עופות האָבן די סימנים וועלכע מען זאָל זיי מאָגן עסן, יעצטיגע צייט זיינען מיר ניט בקי ריכטיג אין די סימנים, עסן מיר נאָר די אָפּגעשטעלטע באַשטימטע עופות וועלכע מיר האָבן בקבלה דאָס מען מאָג זיי עסן.

וכל שרץ העוף טמא הוא לכם לא יאכל.

די מצות לא תעשה איז, ניט צו עסן קיין פליהענדע שרצים

צ. ב. פליגן, בינען און נאָך אנדערע, דער כלל אלע פליהענדע שרצים איז אסור צו עסן.

לא תאכלו כל נבלה.

די מצות לא תעשה איז, ניט צו עסן קיין נבלה. נבלה הייסט די וואָס ווערט געטויט אָדער עס איז געוואָרן אַ פסול אין דער שחיטה. (האוכל עוף טהור חיה לוקה משום נבלה). פלייש פון נאָר אַ בהמה, שאָף קעלבער ציגן, וועלכע מען שעכט זיי פאַר 8 טעג זיינען זיי גלייך צו נבלה. וועגן דעם האָבן מיר גירעדט אין פרשת אמור.

עשר תעשר את כל תבואת זרעך.

די מצות עשה איז, נאָך דעם ווי מען האָט אראָפּגענומען אַ צענטל דאָס הייסט מעשר, צו געבן דעם לוי, זאָל מען אראָפּ־נעמען א צענטל פון די געבליבענע תבואה, דאָס הייסט מעשר שני, דער צווייטער מעשר, דאָס געהערט צום בעל הבית צו פירן אין ירושלים דאָרטן צו עסן, ער קאָן דאָס אויסבייטן אויף געלט און נעמט מיט דאָס געלט אין ירושלים, און פאַר די געלט קויפט ער דאָרט אין ירושלים צום עסן און טרינקען. די מעשר ווערט אָפּ־געשיידט 4 מאָל אין אַ שמיטה, היינו דעם ערשטן יאָר, און דעם צווייטן יאָר, דעם 4טן און דעם 5טן יאָר. דעם דריטן מיטן 6טן יאָר שיידט מען אָפּ מעשר עני, ווי די צווייטע מצוה זאָגט פאַר. באמת דאַרף מען די מעשר שני וועלכע מען שיידט אָפּ, עסן אין ירושלים, נאָר די תורה האָט חס געהאַט אויף דעם מענטשנס טרחה צו פירן קיין ירושלים איז אים ערלויבט אויסצובייטן אויף געלט און פאַר די געלט קויפן דאָרטן. (וועגן די מצוה האָבן מיר ערקלערט אין פרשת בחקתי).

מקצה שלש שנים תוציא את כל מעשר תבואתך.

די מצות עשה איז, דאָס דעם 3טן און דעם 6טן יאָר נאָך שמיטה זאָל מען איין 10טל פון די תבואה און פרוכטן געבן פאַר אָרימע, אין די 2 יאָר ווערט ניט גענומען קיין מעשר שני.

שמוט כל בעל משה ידו — לא יגוש את רעהו כי קרא שמטה לה׳!

די 2 מצות איז, 1) אין יאָר פון שמטה זאָל די געליענע שולדן פון די גאַנצע 7 יאָר וואָס איינער לייט פון צווייטן פאַרלאָרן גיין. 2) ניט צו מאָנען קיין שולד נאָך שמטה. עס איז דאָ אין דעם פיל פרטי דינים דען ניט אַלע שולדן גייט פאַרלאָרן אין שמטה ווי עס איז ערקלערט אין חשן משפט. שמטה הייסט אַלע 7 יאָר ווערט געציילט יעדער יאָר, און דער 7טער יאָר פון די 7, הייסט שמטה. (ווי עס איז ערקלערט אין פרשת בהר). אויב דער לוה וויל אָפּגעבן צום מלוה דעם חוב נאָך שמטה, דאַרף דער מלוה זאָגן, עס איז שמטה, די געלט איז ניט מיינע. אויב דער לוה זאָגט, איך גיב דיר די געלט אַלס מתנה מאָג דער מלוה נעמען.

דאָס איז אַלעס גערעדט, אַז עס גייט פאַרלאָרן דער חוב, אַז ער האָט ניט געמאַכט קיין פרוזבול, אַז מען מאַכט אָבער אַ פרוזבול גייט די חובות ניט פאַרלאָרן. פרוזבול האָט מתקן געווען הלל הנשיא, ווייל ער האָט איינגעזען אַז מען האָט אויפגעהערט צו לייען, מען האָט מורא געהאַט מען ווערט פאַר שמטה ניט אָפּ־געבן, האָט ער געמאַכט אַ תקנה. פרוזבול הייסט, דאָס וואָס ווערט געמאַכט ביי בית דין אין יאָר פון שמטה, דער וועלכער האָט חובות ביי אַנדערע קומט ער צום בית דין און גיט איבער פאַר בית דין די חובות, בית דין זאָלן עס איינמאָנען, הייסט דאָס גלייך ווי איינגעמאָנט, קאָן ער שוין נאָך שמטה אָפּגעבן זיין חוב.

דאַרום גייט פאַרלאָרן אין יאָר פון שמטה זיין געלט ביי אַנדערע, ווייל דער מענטש קאָן אַ טעות האָבן און מיינען דאָס ער האָט מיט זיין חכמה און כח אויפגעטאָן דאָס געלט, ווייזט מען אים אַז מען איז ניט קיין בעל דעה אויף דעם אייגענעם פאַרמאָג, דען מען זאָגט אים נאָר אָן אַז זיינע גאַנצע געלט גייט פאַרלאָרן. פאַרשטייט ער שוין אַז ניט דער מענטש מיט זיין קראַפט איז דער אויפטוער, נאָר דער הייליגער באַשעפער ב"ה וב"ש מיט זיין הייליגע השגחה, ער גיט דיר קראַפט צו אַרבעטן אין דער וועלט. דאַרום איז שמטה פון ערד נוהג נאָר אין ארץ ישראל און שמטה פון געלט איז נוהג אין חוץ לארץ אויך, ווייל די ערד אין חוץ לארץ, קאָן דער מענטש אַזוי ווי ניט רעכענען פאַר אייגענע, אָבער אין ארץ ישראל די ערד איז דאָך אייגענע קאָן מען דאָך פאַרגעסן

אין השגחת הבורא און דענקען אז מען איז א בעל הבית (אזוי ווי עס איז ערקלערט ביי שמטה אין פרשת בהר). אָבער די געלט איז דאָך ביי זיך אין האַנט איז קיין אונטערשייד פון ארץ ישראל צו חוץ לארץ. דאַרום איז שמטה פון געלט אומעטום. אויך ווערט זיך דער מענטש באַשליסן פון די מצוה ווען מען איז ניט קיין תקיף אויף אייגן געלט איז דאָך געוויס אַז מען טאָר ניט דעם צווייטנס געלט מיט איין עולה אין קיין פרט ניט רירן. יעדער איד איז מחויב צו מאַכן אַ פרוזבול אויב ניט, ווען ער מאַנט נאָכהער איז ער עובר אַ איסור פון דער תורה. די וועלט איז אין דעם נאָכלעסיג. אַנדערע האַלטן דאָס נאָר פאַר אַן אַלטן מנהג, ווייל זיי ווייסן ניט דעם טעם פון דער זאַך, און אַנדערע — באַהיט ג-ט ב"ה — לאַכן נאָך אָפּ פון דער זאַך, ווי מען לאַכט אָפּ פון אַלע הייליגקייטן. וועגן די וואָס לאַכן האָבן מיר ניט וואָס צו ריידן, הלעיטהו לרשע וימות, אָבער די נאָכלעסיגע זיי זיינען דאָך נאָך פעסט אין דער אמונה לוינט עס איבער אַ קליינע מי עובר זיין אַ איסור פון דער תורה?

את הנכרי תגש.

די מצות עשה איז, צו דריקן דעם געצענדינער, ער זאָל אָפּצאָלן זיין שולד, דען אויף זיי איז פאַרזאָגט ניט צו האָבן קיין רחמנות, דען זיי פאַרלירן נאָר די מענטשן-רעכט כל זמן זיי וואַרפן ניט אַוועק זייער געצענדינסט.

לא תאמץ את לבבך ולא תקפץ ידך מאחיך האביון. פתח תפתח את ידך.

די 2 מצות זיינען: 1) ניט צו זיין האַרטהערציג געגן אָרימאַן. 2) עס איז אַ מצוה צו געבן צדקה. מען דאַרף אויסהאַלטן דעם אָרעמען מיט אַלעם וואָס ער האָט נויטיג, און מיט וואָס ער איז געווען איינגעוואוינט בעפאָר ער איז פאַראָרימט געוואָרן, אפילו פערד און דינער דאַרף מען אים געבן אויב ער איז איינגעוואוינט. דער שיעור פון געבן צדקה איז יעדער מענטש נאָך זיין פאַרמאָג נאָך. אויסנאַמיג טאָן די מצוה דאַרף מען געבן אַ 5טל פון פאַר-דינסט, און דעם ערשטן מאָל אַ 5טל פון גרונד קאַפּיטאַל. דער וואָס

היט צו געבן א 5טל פון גרונד קאפיטאל איז פארזיכערט פון היזק. (ביי א גדול בישראל איז פארפאלן געווארן א האק האט ער איבער גערעכנט דעם חשבון פון מעשר, האט ער געפונען א טעות וויפל די האק טרעפט אן, און באצאלט, נאכהער האט מען געפונען די האק). און וועט געווים רייך ווערן מיט איבערפליסיגע פארמעגן. דער 5טל דארף געפירט ווערן מיט א חשבון, אפילו א ארימאן וועלכער ווערט געשפייזט פון צדקה, דארף ער אויך געבן צדקה פיל מעגליך איז. דער וואס גיט ניט צדקה נויט מען אים מיט ב״ד, דער וואס באזייטיגט זיין אויג פון צו זען די צדקה ווי צו העלפן, די זאך גלייכן אים די חכמים צו איין געצנדינער. דער איד וואס זיין הארץ איז הארט אויף צדקה דארף מען נאך קלערן אויב ער איז מזרע אברהם, ווייל דער סימן פון זרע אברהם איז רחמנים בני רחמנים גומלי חסד בני גומלי חסד. אלע אידן הייסן ברידער ווי עס שטייט בנים אתם לה׳ אלקיכם, ווער זאל רחמנות האבן, אז ניט איין ברודער אויף דעם צייטן? מען ווערט ניט ארים פון צדקה אין געגנטייל פון ניט געבן צדקה ווערט מען ארים. ווי די גמרא ברייננט רבי יוחנן בן זכאי איז געגאנגען מיט זיין חברייא קיין ירושלים זעט ער ווי א פרוי קלייבט גערשטן פון צווישן די מיסט פון די בהמות פון די ערבים, ווי זי האט דערזען רבי יוחנן האט זי זיך ארומגעהילט און געשטעלט פאר אים און זאגט רבי גיט מיר צו ערנערן זיך. פרעגט ער איר זאג מיר מיין טאכטער צו וועמען געהערסט אן? זאגט זי איך בין די טאכטער פון נקדימון בן גוריון. אוי! שרייט אוים רבי יוחנן וואו איז אהין געקומען דיין פאטערם פארמעגן? זאגט זי: רבי דו זאלסט דאס זאגן, ווייסטו דען ניט דעם משל וואס מען זאגט אין ירושלים מיט געלט זאלצט מען געלט, דאס הייסט, אז מען וויל אז די געלט זאל א קיום האבן זאל מען געבן פון די געלט צדקה. און די געלט פון דיין שוויגערם פאטערם הויז וואו איז אוועק? פרעגט רבי יוחנן בן זכאי. ענטפערט זי איינע האט אויפגעגעבן די צווייטע. אוי! זאגט זי. רבי איר געדענקט אז איר האט זיך געחתמ׳עט אויף מיין כתובה? אזוי זאגט ער צו די תלמידים, איך געדענק ווען איך האב געחתמ׳עט האב איך געלייענט די כתובה האט זי באטראפן א ערך 5 מיליון דאלאר. ווען אויך נקדימון האט גיגעבן צדקה, ווי די גמרא זאגט: ווען ער פלעגט צו גיין פון הויז

אין בית המקדש פלעגט מען אויסלייגן די וועג מיט זיידנס, פון הינטן פלעגן גיין אָרימע לייט צונויף לייגן און צונעמען. ער האָט ניט געטאָן ווי מען באַדאַרף טאָן. וואָס דער מענטש איז רייכער דאַרף זיין צדקה מיט אַ גרעסערן געפיל זיין, בעסער און מער, דער הילף זאָל זיין מיט אַ תכלית און איבערלאָזן אַ וואָהלטאַט אַ אייביגע זאַך אויף דער וועלט, די געלט בלייבט ניט ביי אים עס גייט אַוועק מיט שאָדן, אָדער נאָר מיט קראַנקהייט חלילה, ווי די גמרא ברייננט: רבי יוחנן בן זכאי האָט געזען מוצאי יום כפור אין חלום דאָס אויף זיין שוועסטערס קינדער איז נגזר געוואָרן זיי זאָלן דאָס יאָר שאָדן האָבן 700 גילדן, האָט ער זיי גענויט אויף צדקה איז נאָך געבליבן ביי זיי 17 גילדן פון דעם סכום האָבן זיי 17 גילדן אָפּגעצאָלט שטראָף צו די רעגירונג. די גמרא זאָגט: וואו עס איז געחתמ׳עט דעם מענטשנס שפייז וויפל ער זאָל פאַרדינען, אַזוי איז אַן געחתמ׳עט וויפל ער זאָל פאַרלירן דעם יאָר.

ווי פאַרנאַרט דער מענטש איז אַז ער איז האַרט אויף צדקה. ער גיט דאָך ניט זיינס דען עס גייט דאָך אַלעס מיט השגחה, דאַרום זאָגט דער תנא גיב אים פון זיינע וואָרום דו און דיין פאַרמעגן געהערן צום בורא ית"ש. אַז דער מענטש איז ווערט לעבט ער מיט זיין קאַפּיטאַל, ווען ניט רח"ל, אָדער מען נעמט צו די געלט פון אים, אָדער מען נעמט צו אים פון די געלט. צדקה דאַרף מען געבן בכבוד ניט ערגערן זיך בעת געבן צדקה. ווען מען גיט אויף אַ צדקה־זאַך טאָר מען ניט דעם גייער אויף האַלטן, דען עס איז זיי שאָדן די צייט, און אָפטמאָל קאָן דאָס גאָר נוגע זיין אין פקוח נפש, ווי די גמרא ברייננט: עס איז געווען אַ גרויסער מאַן מיטן נאָמען נחום איש גם זו, מען האָט אים גערופן מיט דעם נאָמען גם זו ווייל אַלעס וואָס אים האָט געטראָפן האָט ער געזאָגט גם זו לטובה. דער צדיק גמזו איז געווען אַ סגי נהור אויף ביידע אויגן און אָפּגעהאַקט ביידע הענט און אָרונטערגענומען ביידע פיס. אויף דעם קערפּער פיל מיט קרעץ. ער איז געלעגן אין אַ וואָהנונג וואָס האָט געהאַלטן ביי איינפאַלן. די פיס פון בעט זיינען געשטאַנען אין וואַסער עס זאָלן אויף אים קיין ווערים קריכן. האָבן די תלמידים געוואָלט אַרויסטראָגן אים פריער, נאָכהער אַרוים ראַמען די כלים, זאָגט ער צו זיי גיין, פריער די כלים נאָכהער

מיר. זייט זיכער כל זמן איך וועל זיין אין הויז וועט די הויז ניט איינפאלן. פרעגן זיי רבי אז דו בינסט אזא צדיק גמור ווארום האט זיך פון דיר אזוי אויסגעלאזט? זאגט ער צו זיי מיינע קינדער איך האב זיך דאס זעלבסט אנגעמאכט. איינמאל בין איך געפארן צו מיין שווינער פאטער און האב מיטגעפירט 3 אייזלען, איינעם מיט שפייז, איינעם מיט געטראנק, איינעם מיט טייערע פרוכטן. איז געקומען א ארימאן אין וועג און האט מיר אפגעהאלטן און זאגט רבי שפייז מיר. איך ענטפער אים ווארט ביז איך וועל אויס־לאדן די משא, איך האב ניט באוויזן אראפצונעמען פון אייזל דערווייל איז ער געשטארבן, בין איך געפאלן אויף זיין פנים און געזאגט מיינע אויגן וועלכע האבן קיין רחמנות געהאט אויף דיינע אויגן זאלן בלינד ווערן, מיינע הענט און פיס וועלכע האבן ניט חס געהאט אויף דיינע הענט און פיס זאלן אפגעהאקט ווערן, איך האב זיך ניט בארוהיגט און האב געבעטן מיין קערפער זאל זיין פול מיט קרעץ. זאגן די תלמידים רבי ווי איז צו אונז אז מיר זען דיך אין אזא לאגע. ענטפערט דער צדיק זיי, ווי וואלט צו מיר געווען אז איר וואלט מיר גיזען אין א בעסערער לאגע. פון די ערציילונג פון די הייליגע חז"ל קאן מען פארשטיין ווי ווייט מען דארף זיין געהיט אין געבן צדקה און געבן בככוד און צו דער צייט און מיט א גוטער אויג.

השמר לך פן יהיה דבר עם לבבך.

די מצות עשה איז, ניט פארמיידן לייען געלט איבער דעם ווייל עס גייט שמטה וועט גיין פארלארן די געלט. דער רבינו יונה זאגט: ווען אז די תורה פארזאגט צו לייען ווען אפילו פיליכט וועט פארלארן גיין אין שמטה איז דאך געוויס אז א איד טאר ניט אפזאגן צו לייען ווען ער איז זיכער מיט זיין געלט. ליידער איז די מצוה פון הלואה זייער שוואך, לא די וואס מען וויל ניט לייען קיין גמ"ח, זאגט מען נאך א ליגן, מען האט ניט, און מען האט יא. וואהל איז די לייט וואס גרינדן חברת גמ"ח, סומך נופלים, אין יעדער שטאט צו לייען דעם געדריקטן אויף א משכון אדער אויף דעם צווייטנס פארזיכערונג, זיכער איז מען, און מען קאן אונטערהאלטן כמה נפשות. דער רעכט איז

די לייטע וועלכע עס מאַנגלט זיי ניט קיין געלט זאָלן אָפּליינן אַ באַזונדערע סומע אויף צו פאַרלייען די געדריקטע מענטשן.

לא תשלחנו ריקם. הענק תעניק לו.

די 2 מצות איז: 1) ווען איינער האַלט ביי זיך אַ עבד עברי טאָר אים דער בעל הבית ניט אַרויסלאָזן ליידיק. 2) ער זאָל אים אָנלאַדן פון זיינע ברכת הבית, ווי עס איז מפורש אין דער תורה דאָס איז געווען אין דער צייט ווען אידן האָבן געהאַלטן אידישע דינער ווי עס שטייט אין פרשת משפטים. יעצטיגע צייט איז אַ יושר ווען עס גייט אַוועק מענטש פון זיין שטעלע זאָל מען אים בעשיינקען ער זאָל זיך האָבן מיט וואָס צו ערנערן ביז ער וועט האָבן וואָס צו טאָן. וואָרום די ערגסטע זאַך איז אַ פאַר־פלוכטע ברויט פאַר דעם איד וואָס לעבט פון אַ שטעלע. ער דינט צו אַ מענטשן און פאַרלירט זיין האָפענונג, אין דעם טאָג וואָס ער טרעט אָפּ פון די שטעלע האָט ער שוין ניט אויף מאָרגן צום לעבן. איז אַ חוב אויף דעם בעל הבית ער זאָל אים ליידיג ניט אַרויס לאָזן, נאַטירליך קאָן אים דער בעל הבית געבן אַ שטיצע נאָר ביז ער האָט וואָס צו טאָן. עס גיבט אָבער וועלכע צו די עלטערע יאָרן ווערן זיי ענטזאָגט פון די שטעלעס אָדער עס בלייבן חלילה אַ אלמנה מיט יתומים דען איז אַ חוב קדוש אויף דעם בעל הבית נאָך דעם עסק וויפל ער האָט געדינט ביי אים זאָל ער אים שטיצן צו די עלטערע יאָרן, אָדער שטיצן זיין אלמנה און יתומים. געבענטשט זיינען די לייטע וועלכע האָבן צווישן זיך אַ חברה פריקאַשיצקעס, בעלי מלאכות וועלכע שטיצן זייערע חבירים ווען איינער פון זיי פאַרלירט די שטעלע, אָדער אַז ער איז אין אַ נויט, די חברה הייסט זייער אַ וואָהלטעטיגע זאַך, אָבער זי דאַרף געפירט ווערן כשר וישר עס זאָל ניט זיין פאַרמישט מיט קיין שטאַסקע עס זאָל נאָר געצילט ווערן דער תכלית פון די שטיצע און ניט קיינע אַנדערע זאַכן, דען קען די חברה האָבן אַ קיום בברכה והצלחה.

לא תעבוד בבכור שורך ולא תגוז בכור צאנך.

די 2 מצות לא תעשה איז, 1) ניט צו ארבעטן מיט די בהמות

וועלכע זיינען אָפּגעשטעלט אויף קרבנות. 2) ניט צו שערן קיין שאָף פון קרבנות.

לא תאכל עליו חמץ.

די מצות לא תעשה איז, ניט צו עסן חמץ אום ערב פסח, פון די צייט וואָס מען איז מקריב דעם קרבן פסח ביז ענדע טאָג, אויסער דעם חייב בכרת וואָס ליגט אויף דעם עסן חמץ אום פסח.
מען טאָר ניט עסן קיין חמץ ערב פסח נאָך די 4טע שעה, און נאָך די 5טע שעה טאָר מען קיין הנאה האָבן פון חמץ.

ולא ילין מן הבשר אשר תזבח.

די מצות לא תעשה איז, דער קרבן וועלכער הייסט קרבן חגיגה וועלכער ווערט געבראַכט מיט דעם קרבן פסח, זאָל ניט איבערבלייבן אויף דעם דריטן טאָג.

ושמחת בחגך.

די מצות עשה איז, צו פרייען זיך די 3 פייער טעג פסח, שבועות און סוכות מיט די פרוי און קינדער. אין דער צייט פון בית המקדש איז באַשטאַנען די שמחה, מען פלעגט מקריב זיין קרבנות שלמים און עסן. יעצטיגע צייט איז די שמחה מיט פלייש און וויין, מיט שיינע קליידער לכבוד יום טוב. אויך איז מען מחויב משמח זיין אָרעמע און איינלאַדן זיי צו זיך אין די פייערטעג. ווען אויך די שמחה באַשטעט אין עסן און טרינקען, דאָך טאָר מען זיך ניט צופיל איבערגעבן צודעם, נאָר פרייען זיך מיט די מצוה פון יו"ט וויסן די באַדייטונג פון יום טוב און לערנען די דינים פון יום טוב ערקלערן די ימים טובים פאַר די הויז פאַמיליע, בפרט ביי די יעצטיגע וועלט וועלכע מען מאַכט גרינג די ימים טובים, איז געווים אַ חוב דער פאַטער זאָל ערקלערן די קינדער, פון קינדהייט אָן דעם געדאַנק פון די ימים טובים, פרייען זיך און דאַנקען דעם בורא יתברך פאַר די ניסים וועלכע ער האָט מיט אונז געטאָן וועלכע אויף דעם, באַדייטן די אידישע ימים טובים. ווי גרוים איז די מצוה פון צוזאַמענקופט, קאַמפּאַניעס פרייען זיך מיט שמחת

יום טוב. ליידער איז אָבער פאַרקערט, די שמחת יום טוב ווערט ביי אַנדערע באַזייטיגט און מען דיינקט גאָר ניט וועגן דעם, נאָר מען קלייבט זיך צוזאַמען מאַנספּאַרזאָן מיט פרויען, מען עסט אָן אַ ברכה. ווייל די מצוה איז צו פרייען זיך מיט שיינע קליידער, געוויינליך ברייגנט ביי אַנדערע די מצוה נאָר צו אַ עבירה, מען נייט די קלייד אויף יום טוב, אָבער די כונה איז מען זאָל זיין צוגעקליבן צו די וויזיטן און שפּאַצירן גיין אנשים ונשים. אויף דעם זאָגט דער נביא, חדשיכם ומועדיכם שנאה נפשי, דאָס הייסט, דער בורא יתברך זאָגט אייערע פייערטעג פאַרהאַס איך, דען דאָס הייסט ניט קיין שמחת מצוה.

שלש פעמים בשנה יראה כל זכורך וכו' ולא יראה את פני ה' ריקם.

די צוויי מצות איז: 1) צו קומען אין די 3 פייערטעג אַלע מאַנס-פּערזאָן פון גרוים ביז קליין וועלכע עס קאָנען נאָר גיין. 2) ניט צוקומען אין די פייערטעג אָן קרבנות. דער צוזאַמענקופט אין בית המקדש 3 מאָל אַלע אידן אין איין צייט, ווערט עס פאַרשטייפט דער בונד צווישן אידן מיט דעם בורא יתברך שמו, דען מען זעט די כהנים אין זייערע אַרבעט, די לוים אין זייער אַרבייט, די קדושה וואָס ליגט אויף יעדע זאַך אין בית המקדש, די השראת השכינה הקדושה וואָס ליגט אויף יעדע זאַך אין בית המקדש. די השראת השכינה וואָס אין בית המקדש מאַכט אַ איינדרוק אויף זיך מיט די קינדער פון איין פייערטאָג ביזן צווייטן צו וויסן ווי צו ערציען די קינדער ווי צו פירן די הייזער אידיש.

די גמרא אין ירושלמי פאה ברייגנט: אַראַבישע גוים האָבן אָפּגערעדט, אזוי ווי די אידן וועלן אַוועק עולה רגל זיין זאָלן מיר זייער גוטס צונעמען. די אידן זיינען אַוועק עולה לרגל זיין. די אַראַבער זיינען געקומען האָבן זיי געפונען חיות אַרום די הייזער אַרומגערינגלט פאַר שומרים. די גמרא אין ירושלמי פאה ברייגנט ווייטער, איינער איז אַוועק עולה רגל זיין האָט ער געלאָזן זיין שייער תבואה אָפן, האָט ער געפונען צוריסענע קעץ. איינער איז אַוועק עולה רגל זיין, האָט געוויינליך פאַרשלאָסן די הויז, עס איז אָבער וויניג זיכער מיט אַ שלאָס אויף אַזאַ צייט ביז צוריק-

קומען האט ער געפונען קומענדיג א שלאנג אויף דעם שלאס פון טיר, ווייל די צייט פון עולה לרגל זיין האט דער הייליגער באשעפער וואס ער איז דער שומר ישראל, געשיקט שומרים אויף זייער גוטס. רבי פנחס דערציילט אין דער שטאט אשקלון זיינען געווען 2 ברי־דער האבן זיי געהאט אין זייער הויף אראבער איינוואהנער, האבן זיי אפגערעדט צווישן זיך ווען זיי וועלן אוועק אין ירושלים זאלן מיר אויסרויבן זייער גוטס. אז די ברידער זיינען אוועק געגאנגען, האט זיי השי"ת געשיקט אין די הייזער מלאכי השרת אין געשטאלט פון די ברידער. ווען זיי זיינען געקומען צוריק פרעגן די שכנים ביי זיי וואו זייט איר געווען? זאגן זיי, אין ירושלים. פרעגן זיי ווער האט איר אין די הייזער געלאזן? ענטפערן זיי קיין מענטש. זאגן זיי, געלויבט און געבענטשט איז דער אידישע ג־ט, וואס זיי לאזן זיך ניט אפ פון אים, דערפאר לאזט ער זיך ניט אפ פון זיי.

שופטים

שופטים ושטרים תתן לך.

די מצות עשה איז, אויף צו נעמען דיינים צו ריכטן די דינים, און שוטרים גיוועלטיגער, צו צווינגען דעם עולם צו היטן דעם אידישן דת, נאך דעם באפעל פון די דיינים. אין די צייט פון בית המקדש איז געווען 71 סנהדרין, זיי הייסן סנהדרין גדולה, דער גרעסטער פון זיי הייסט ראש הישיבה, דאס איז דער נשיא, דער צווייטער פון אים וועלכער איז געווען דער גרעסטער פון די 70 ער הייסט אב בית דין, ער איז געזעסן ביי די רעכטע האנט פון נשיא, זייער זיצונג איז אויסגעקומען האלב רונד, ווי א האלבע לבנה בכדי זיי זאלן זיך קענען זען דורכצוריידן. אויסער די סנהדרין גדולה איז געווען 2 זיצונג סנהדרי קטנה צו 23 פערזאן, די סנהדרי גדולה און די סנהדרי קטנה דארפן זיין געבילדעט אין פיל שפראכן און חכמות, זיי דארפן אויך קענען חכמת הכישוף. פילייכט קומט פאר זיי פאר דן צו זיין א מכשף דארפן זיי וויסן דעם צוגאנג פון דער ארבעט. די שטרים דארפן גיין אין די גאסן זען דעם אויפפירונג פון עולם. זיי האבן קראפט צו נייטן וואס גיהער צום אידישן דת, בינדן און שלאגן צו פאלגן די רייד פון די דיינים. ביי יעצטיגע צייט, איז א חוב קדוש משתדל צו זיין צו באקומען א רשיון הממשלה, מען זאל ערלויבן פון רעגירונג אב־

טונגן געבן אויף דעם יונגן דור. אזוי ווי זיי זיינען פרוץ און ווילן אויסברעכן דעם אידישן דת אין גאנצן, און דורך דעם וואס זיי היטן ניט דעם דת ווארפן אנדערע פון זיך אראפ אימת המלכות, און פארשמוצן אונזער נאמען בעיני השרים והעמים, ווען ניט חלילה מי יודע וואס עס קען ארויסקומען. אין יעדע שטאט דארף זיין חברות צו לערנען מיט ארימע קינדער ווי מיר האבן בעזהשי"ת ערקלערט אין פרשת ויקהל.

לא תטע לך אשרה אצל מזבח ה' אלקיך. ולא תקים לך מצבה.

די 2 מצות לא תעשה איז: 1) ניט צו פלאנצן קיין בוים נעבן מזבח וואס אין בית המקדש. 2) ניט צו מאכן קיין מזבח אויסער אין בית המקדש (לדעת רש"י ולדעת הסמ"ג), און ניט שטעלן קיין שטיין אויף א צוזאמענקונפט פון מענטשן צו דינען ג-ט ב"ה, דען די געצנדינער האבן דאס געברויכט.

לא תזבח לה' אלקיך שור ושה אשר יהיה בו מום.

די מצות לא תעשה איז, ניט מקריב זיין קיין קרבן מיט א מום וועלכער אפילו עס קאן זיך אויסהיילן.

ועשית על פי הדבר אשר יגידו לך.

לא תסור מן הדבר אשר יגידו לך ימין ושמאל.

די 2 מצות איז, מען טאר ניט איבערטרעטן אין קיין זאך פון פארזאג פון די חכמים וועלכע זיי ערקלערן אונז דעם דת ריכטיג צו פארשטיין. מען מוז פאלגן סנהדרין און דיינים אין יעדע צייט, דען זייערע רייד איז געבויט אלעם אויף די רייד פון דער תורה, און די קבלה פון משה רבינו ע"ה ווי מיר זאגן אין פרקי אבות: משה קבל תורה מסיני ומסרה ליהושע ויהושע לזקנים וזקנים לנביאים ונביאים מסרוה לאנשי כנסת הגדולה. משה רבינו האט איבערגעגעבן צו יהושע, יהושע צו די זקנים, די זקנים צו די נביאים, די נביאים האבן איבערגעגעבן צו 120 מאן די גרעסטע ביי אידן די הייסן אנשי כנסת הגדולה, זיי האבן איבערגעגעבן צו די תנאים, די תנאים צו די אמוראים און אזוי ווייטער. די תנאים ואמוראים וואס פון זיי האבן מיר דעם הייליגן תלמוד בבלי

און תלמוד ירושלמי האָבן גירעדט גאַנץ קורץ, און מיר זוכן צו פאַרשטיין זייערע רייד. אויף דעם באַשטעט אַלע ספרים וואָס איז געמאַכט נאָך די גמרא, דאָס הייסט אַלעם מפרשי הש"ס. אין יעדע צייט איז מען פאַרזאָגט צו פאָלגן דעם שופט אין זיין דור ווי עס שטייט אין פסוק ואל השופט אשר יהיה בימים ההם. דער רמב"ם שרייבט, ווען איינער גלויבט אין גאַנץ תורה שבעל פה נאָר איין דין קריגט ער הייסט ער אַ זקן ממרא, און זיין מיתה איז חנק, ווען ער איז זיך מתודה האָט ער עולם הבא, אָבער די אפיקורסים וועלכע לייקענען אין תורה שבעל פה רח"ל זיי ווערן געטויט אפילו ניט דורך בית דין, דען אַז מען גלויבט ניט אין די הייליגע גמרא איז גלייך ווי מען גלויבט ניט אין תורה שבכתב ווארום אָן די רייד פון די חכמים קאָן מען ניט פאַרשטיין די תורה בשום אופן ווי מיר האָבן ערקלערט בעזהשי"ת אין די הקדמה פון ספר חלק תורה שבעל פה מסיני. אַן אפיקורס הייסט דער וואָס איז דערווידער די הייליגע חז"ל זי"ע. דער רמב"ם שרייבט אין כלל פון דער מצוה איז צו פאָלגן די חז"ל, פיל גלייך אין דער זאַך וואָס זיי האָבן בקבלה, אָדער וואָס זיי האָבן אויפגעטאָן מיט דעם אייגענעם פאַרשטאַנד, אָדער זייערע אַ תקנה און נאָר וואָס זיי טוען אויף צו האַלטן דעם אידישן דת, אָדער אַ מנהג פון נביאים, אָדער פון די חכמים, אַ מנהג וואָס אידן האָבן אָנגענומען הייסט עס תורה, און מען טאָר דאָס קיין מאָל ניט מבטל זיין אָדער גרינג מאַכן זיך אין דעם.

שום תשים עליך מלך לא תוכל לתת עליך איש נכרי אשר לא אחיך הוא. לא ירבה לו סוסים ולא ירבה לו נשים וכסף וזהב לא ירבה לו מאד. וכתב לו את משנה התורה.

די מצות זיינען: 1) אויף צו נעמען אַ מלכות ביי אידן. 2) דער מלכות טאָר ניט האָבן קיין צופיל פערד. 3) ער טאָר ניט האָבן צופיל פרויען. 4) ער טאָר זיך ניט שאַפן צו פיל גאָלד און זילבער צו אייגענע נוטצן. 5) ער דאַרף האָבן געשריבן נאָך איין תורה דאָס הייסט דער מלכות דאַרף האָבן 2 ספרי תורה'ס, איינע דאַרף ער האָבן אין הויז ווי נאָר אַ איד, און נאָך איינע וועלכע זאָל זיין אימער מיט אים ווי עס איז ערקלערט בעזהשי"ת.

פאַר דעם מלכות דאַרף מען פורכט האָבן און אים גרויס כבוד געבן, מיטן טויט דאַרף באַשטראָפט ווערן אַ מורד במלכות. דער מלכות דאַרף נאָר האָבן איין פערד צום רייטן, איינגעאָרדענטע פערד אויף מלחמה דאַרף זיין פאַרטיג אנגעברייט צו יעדע צייט. אויב ער האָט פאַר זיך מיט 1 פערד מער שלאָגט מען אים מלקות. פרויען מיט פיל נשים מאָג ער האָבן ביז 18, אויב ער נעמט 1 מער זי קאָן אפילו זיין די גרעסטע צנועה שלאָגט מען אים מלקות. גאָלד און זילבער מעג ער נאָר האָבן צו פעסטן די קעניגרייך. אוצרות אויף די חיל צו דער מלחמה איז אַ מצוה צו מערן. אויב ער מערט גאָלד און זילבער זיך צו באַשיצן אָדער פון גאוה וועגן שלאָגט מען אים מלקות. דאַרום טאָר ער צופיל פערד ניט האָבן עס זאָל ניט גלוסטן קיין מצרים צו רייזן, דאַרום טאָר ער ניט קיין צופיל רייכטהום ניט שאַפן און ניט צופיל פרויען האָבן, דאָס זאָל אים ניט אַראָפּ פירן פון די ריכטיגע וועג, ווי עס איז ידוע דאָס פרויען האָבן בכח אַראָפּצופירן דעם גרעסטן מענטשן, ווי מיר געפינען ביי שמשון הגבור, און נאָך אַזעלכע גרויסע מענטשן דאַרום דאַרף ער האָבן 2 ספרי תורות, איינע ווי נאָר אַ איד, די צווייטע תורה מוז ער האָבן, אַזוי ווי דער מלך האָט דאָך דעם קראַפט אין האַנט אפילו צו טויטן אַ מענטשן מוז ער מיט זיך די ס"ת האָבן עס זאָל אים אימער עראינערן ער זאָל די רעגירונג פירן נאָך דעם דרך התורה.

לא תוסיפון לשוב בדרך הזה עוד.

די מצות לא תעשה איז, ניט צו באַזעצן זיך אין מצרים צו פאַרבלייבן דאָרטן אַ איינוואוהנער, געשעפטמעסיג מאָג מען קומען אין מצרים. די מצוה לערנט אונז ניט צו ווען פאַרבלייבן אַ איינוואוהנער אין די לאַנד וועלכע איז פאַרדאָרבן אין אידישקייט. צ. ב. אַזוי ווי די וועלט עמיגרירן אין אויסלאַנד אַמעריקע, אַפריקאַ נאַטירליך פון פאַרגעניגן טוט דאָס קיינער ניט, אַמווייניגסטנס פאַר־בלייבן מיט די פאַמיליע דאַרף מען געוויס ניט וועלן אין די ערטער וואָס איז ניט מעגליך צו היטן אידישקייט. עס איז אַ חוב אויף יעדערן אידן וואָס זיצט דאָרט איינפירן די וואהלטעטיגע זאַכן וועלכע עס פעלט, אַ בית הטבילה, דאָס איז פריער פאַר אַלעם, דער איד וועלכער נעמט אַראָפּ זיין פאַמיליע אין דעם

אָרט וואו קיין מקוה איז ניטאָ, איז גלייך וויא ער וואָלט פאַר קויפן זיך מיט זיין פאַמיליע צו געצנדינסט, און ער איז פאַראַנט־וואָרטליך אויף אייביג וואָס ער איז מטמא די וועלט מיט בני נדה, וואָס דאָס איז אַ איסור כרת אויף זיך און זיין פאַמיליע, און איז מטמא די וועלט אויף אייביג. מען טאָר ניט אַרויסגיין פון ארץ ישראל אין חוץ לארץ, סיידן אַז עס שטאַרקט זיך דער הונגער אָדער ער האָט קיין אויסזיכט אויף פרנסה אין ארץ ישראל. אפילו גיין 4 איילן אין ארץ ישראל איז ער אויך זוכה צו עולם הבא. די גמרא זאָגט אַז אַ איד זאָל בעסער וואהנען אין ארץ ישראל צווישן קריסטן איידער אין חוץ לארץ צווישן אידן, פון דעם איז צו פאַרשטיין ווי גרויס די מצוה פון ישוב ארץ ישראל איז, דאַרום איז גרויס די מצוה פון ישוב ארץ ישראל ווייל דאָרטן קען מען ריכטיג אויסהיטן די גאַנצע תורה דאָרטן איז קאָנטיג השראת השכינה הקדושה. דער זוהר הקדוש ברייננגט אויף דעם אויר ארץ ישראל אויר דכיא ומראה בה נביאי. צו דעם דאַרפן מיר שטרעבן, ווען אידן זיינען געזעסן אין א פאַרטיגע לאַנד, בארץ זבת חלב ודבש און איז חרוב געוואָרן און ארץ ישראל האָט זיי אַרויסגעוואָרפן, איז דאָך געווים אַז מען קען ניט באַזעצן די לאַנד וואו מען זאָל ניט אויסבעסערן די פעלערן פאַר וואָס די לאַנד איז חרוב געוואָרן, ווי די חכמים רעכענען אויס, וועלכע עקזיסטירט נאָך היינט אויך ביי אונז, בטול תורה, שנאת חנם, פריצות פון עריות, דאַמען מיט הערן אין צוזאַמענקונפטן אויסגעמישט. ווען אויך קיין אָפענע עבודה זרה איז ניטאָ אָבער אפיקורסים די טריפה'נע ציוניסטן וועלכע זוכן נאָך צו פאַרשפרייטן ביים המון עם ביכלעך אויף עברית הייסט דאָס אויך עבודה זרה.

לא יהיה לכהנים הלוים כל שבט לוי חלק ונחלה עם ישראל ונחלה לא יהיה לו וגו'.

די 2 מצות איז: 1) דאָס די כהנים און דער גאַנצער שבט לוי זאָלן קיין ערד טייל ניט נעמען אין ארץ ישראל. 2) די כהנים און דער שבט לוי זאָל קיין טייל פון רויב ניט נעמען וועלכע מען באַקומט אין דער מלחמה פון פרעמדע נאַציאָנען. דאַרום האָט ניט דער שבט לוי קיין טייל אין די ערד, ווייל זיי זיינען אָפגעשיידט

נאָר צו עבודת ה׳ און לערנען תורה די וועלט, טאָרן זיי אויף זיך קיין אַנדער עול ניט טראָגן, נאָר אויף זייער פרנסה האָט מען זיי איינגעטיילט מתנות. ניט נאָר דער שבט לוי אליין, נאָר וועלכער איד זיין גייסט איז זיך מתנדב צו זיין אָפּגעשיידט פון דער וועלט, צו זיין אַ עבד ה׳ און יאָגט ניט נאָך מותרות והבלי הזמן איז ער געהייליגט ער הייסט קודש הקדשים און דער היי־ליגער באַשעפער ב"ה וב"ש איז מיט אים אייביג און איז אים מזכה אַ רוהיגע פרנסה ווי די כהנים ולוים, אויף אים זאָגט דוד המלך ע"ה ה׳ מנת חלקי וגו׳.

ונתן לכהן הזרע והלחיים והקבה.

די מצות עשה איז, צו געבן דעם כהן פון יעדער געשאָכטינע בהמה דעם שולטער שטיק און די קניבאַקן און דעם מאָגן.

ראשית דגנך תירשך ויצהרך תתן לו.

די מצות עשה איז, אָפּצושיידן תרומה און געבן צום כהן. דער מענטש וועלכע זיין אויג איז גוט אין יעדער זאַך דער גיט איין טייל פון 40, דער מיטעלער כאַראַקטער גיט איינע פון 50, די שלעכטע אויג גיט איינע פון 60. אַלע פרטי דינים פון די מצות איז ערקלערט אין רמב"ם.

ראשית גז צאנך תתן לו.

די מצות עשה איז, צו געבן די ערשטע געשאָרענע וואָל פון די שאָף צום כהן. דער שיעור פון דעם איז אַ טייל פון 60 אַזוי ווי די כהנים האָבן ניט קיין אַנדערע פאַרדינסטן נאָר ג־ט ב"ה האָט זייער חלק איינגעטיילט ביי אידן זיי זאָלן שטיצן די כהנים, גיבן מיר זיי אַלעם וואָס זיי האָבן נויטיג פון ערד וואוקס, פלייש צום עסן, וואָל אויף קליידער, אויף אַנדערע אויסגאַבען האָבן זיי צופעליגע פון דער זייט פדיון בכורים גזל הגר. גזל הגר הייסט: ווען מען גזל'ט אַ גר וועלכער האָט ניט קיין אייגענע יורשים, דאַרף מען אָפּגעבן די גזילה צו די כהנים, און נאָך אַנדערע זאַכן.

וכי יבוא הלוי מאחד שעריך.

די מצות עשה איז, אזוי ווי די כהנים צו דער עבודה, און די לוים צו זייער ארבייט איז איינגעטיילט אין משמורים (באזונדערע קאמפאניעס), דורך דעם גאנצן יאר, איז געווען אפגעשטעלטע צייטן פאר יעדער קאמפאניע ווען זיי זאלן זייער ארבייט טאן. אבער די פייערטעג, פסח, שבועות, סוכות, האבן די כהנים דאס גלייכן די לוים צוזאמען געטאן זייער ארבייט. און די קרבנות וועלכע עס געהער צום פייערטאג האבן אלע כהנים איין גלייכן טייל גענומען, אבער געוויינליכע קרבנות וואס מען איז מקריב גיהערט עס נאר צו די קאמפאניע אין וועלכע דער יום טוב געפאלט. שמואל הנביא און דוד המלך האבן איינגעטיילט אין 24 משמורות כהנים און 24 משמורות לוים יעדן משמר איז אויסגעקומען צו טאן די עבודה 2 וואכן אין יאר. די נביאים האבן מתקן געווען פון ישראלים אויך 24 משמורים פרומע לייט זיי זאלן שטייןביים מקריב זיין די קרבנות, וועלכע מען איז מקריב טעגליך פון די געמיינדע, אויף יעדער משמר איז געווען א עלטסטער איבער זיי, ער הייסט: ראש המשמר. יעדער משמר אין זיין צייט פלעגן פאסטן מאנטיג, דינסטיג, מיטוואך, דאנערשטיג. זיי פלעגן פארברייננגען די טעג אין תפלות ותחנונים און קריאת התורה.

לא ימצא בך וגו' קוסם קסמים.

די מצות לא תעשה איז, מען טאר ניט ברויכן קיין צויבעריי געדאנקען, די ארבייט גייט צו אזוי, אנדערע שלאגן מיט א שטעקן פיל מאל אויף די ערד און שרייען מיט משונה'דיגע קולות ער טוט אוים זיין געדאנקען און קוקט אויף די ערד א צייט ביז ער זעט אוים ווי א חולה נופל און זאגט וואס עס וועט פארקומען. דער רמב"ם שרייבט אז ער האט דאס זעלבסט געזען אין ארצות המערב זאגט דער רמב"ם ווען אויך זיי טרעפן ווען עס איז, דאס איז אזוי מין קראפט אין געדאנק אזוי ווי איינער איז שטארק אין קערפער אויסנאמיג, און דאס וואס זיי טוען ביי דעם איז דאס נאר איבער צורעש'ן דעם נאראד, אויך טאר מען ביי זיי ניט פרעגן. און מען טאר ניט פרעגן ביי די קארטן-אויסווארפער, פיל פראסטע איינפאכע מענטשן און דאס מערסטע פרויען זיינען פאר-

פירט אין דעם ווען נאָר עס טרעפט אַ שאָדן אין הויז, לויפן זיי באַלד אויסוואַרפן אין קאָרטן.

לא ימצא בך וגו' ומכשף, וחובר חבר ושואל אוב וידעוני, ודורש אל המתים.

די מצות זיינען, מען טאָר ניט ברויכן קיין צויבעריי דער שטראָף פאַר דעם איז סקילה (בזה"ב). 2) ניט צו באַשווערן קיין טהירע, שלאַנגען, עגדישן אָדער אַנדערע חיות, זיי זאָלן ניט מזיק זיין, אָדער באַשווערן עס זאָלן קומען אויף איין אָרט פיל חיות. 3) ניט צו פרעגן ביי די וואָס ברויכן דעם צויבערקונסט פון אוב. 4) ניט צו פרעגן ביי די צויבערקונסט פון ידעוני. 5) ניט צו פאָרשן מיט צויבערקונסט צו מתים. דאָס הייסט דער מענטש הונגערט זיך אוים און שלאָפט אין בית הקברות דער מת זאָל צו אים אים קומען. די פרטים פון די אַלע מצות איז ערקלערט אין שו"ע יורה דעה. דער ספר חק לישראל אויף תרי"ג מצות שרייבט: אין פוילין איז אַ מאָדע דאָס פון עין הרע וועגן אַ קינד גיסט מען וואַקס אָדער בליי און די ווייבער זאָגן דאָס זיי זען גיסענדיג די פיגורן פון דעם וואָס האָט גיגעבן די עין הרע זאָל מען ווייסן אַז דאָס איז אויך אַ מין כשוף. מיר האָבן אויך געזען אַ אָרט ווען עס שטאַרבט איינער פון דער משפחה אַ מאַנספערזאָן אָדער אַ פרוי, לייגט מען אין גאַרטל אריין אַ קוויטל דער בר מינן זאָל איבערגעבן אויבן דעם קוויטל, בעטן ביים רבש"ע פון יענעמס וועגן אויף קינדער, ביי דעם איז דאַ 2 איסורים בחקותיהם לא תלכו, און עהנליך צו דורש אל המתים.

אליו תשמעון.

די מצות עשה איז, צו הערן דעם אמת'ן נביא וואָס ער זאָגט פאַר, אָבער דער נביא וואָס הייסט מבטל זיין אַ מצוה, אָדער ער הייסט דינען עבודה זרה רח"ל, נאָר לפי שעה דער הייסט אַ נביא שקר. ווען עס פאָדערט זיך דעם נביא מבטל צו זיין אַ מצוה לפי שעה, צ. ב. ווי אליהו בהר הכרמל ווען ער האָט גערדיספוטירט מיט 450 פאַלשע נביאים האָט ער מקריב גיווען אַ אָקס אויסער דעם מזבח און ג-ט ב"ה האָט פון הימל א פייער אראָפגעשיקט זיין

פארלאנג צו ערפילן, דעם אמת ארויסצוווייזן. די העכסטע ידיעה פון דער וועלט איז ביי דעם נביא, וועלכער צו דעם קומט נאר איינער פון הונדערטער טויזענטער מענטשן, אין דער צייט ווען די וועלט איז ראוי צו דעם, בעציט אויף אים דער בורא יתברך שמו לעד ולנ"נ, איין געטליכן שיין מוזן מיר אים גלויבן, דען ער זאגט דאך ניט קיין אייגענע.

אך הנביא אשר יזיד לדבר דבר בשמי אשר לא צויתיו, ואשר ידבר בשם אלהים אחרים גו' בזדון דברו הנביא לא תגור ממנו.

די מצות לא תעשה זיינען: 1) מען טאר ניט זאגן קיין נביאות אין ג-ט'ס נאמען וועלכע איז אים ניט געזאגט געווארן. 2) מען טאר ניט זאגן קיין נביאות אין נאמען פון די ע"ז. 3) ניט צו פארכטן צו הארגענען דעם נביא השקר, זיין מיתה איז חנק. מען איז אים דן פאר 71 סנהדרין.

שלש ערים תבדיל לך.

די מצות עשה איז, צו באשטעטיגן שטעט אויף ערי מקלט דער רוצח וועלכער האט געטויט א מענטשן אומגערן זאל אנטלויפן. עס איז געווען 6 שטעט 3 וועלכע משה רבנו האט באשטעטיגט, 3 וועלכע יהושע האט באשטעטיגט. אין די צייט פון מלך המשיח וועט מען מערן נאך 3 שטעט. ווייל די וועלט וועט ווערן גרעסער מיט מער אידן ווי עס שטייט אין פסוק (והלכו גוים רבים לאורך). בית דין ארדענען איין וועגן צו די שטעט און פארברייטערן די וועגן, אפצוראמען די שטיינדלעך אראפצונעמען די בערגלעך, עס זאל זיין א גלייכער וועג. וואו עס פאדערט א בריק דארף מען מאכן א בריק. די ברייט פון וועג דארף זיין ניט ווייניגער ווי 32 איילן. אויף די וועג איז געווען סטאלביקעס אויפגעשריבן „מקלט", „מקלט", זיי זאלן ווימן וואו צו לויפן.

ובערת דם הנקי.

די מצוה איז, ניט רחמנות האבן אויף דעם רוצח. דער דיין זאל ניט זאגן, ווען איין מענטש איז שוין טויט, וואס פאר א נוצן

ברייננט אונז דעם צווייטן מענשן צו טויטן, אָדער ווען דער דיין זאָגט, דער אָרימאַן דאַרף צאָלן קנס, דאָס איז דאָך אַזעלכע געלט וועלכע ער האָט ניט גענומען מיטן האַנט, זאָל דער דיין ניט זאָגן ער איז דאָך אַן אָרימאַן ער האָט דעם שאָדן געטאָן ניט ווילענדיק.

לא תסיג גבול רעך.

(ובחו"ל רק הלאו דלא תגזול או לא תגנוב.)

די מצוה איז, ניט אַריינצונעמען די ערד פון צווייטן אין זיינע ערד. אויב מען נעמט דאָס באַהאַלטענער הייד הייסט מען א גנב. אויב מען נעמט דאָס אָפענערהייד הייסט מען א גזלן. יעדער איד דאַרף בעסער צו היטן אייגענע און ניט פאַרלאַנגען אָדער גרינג מאַכן זיך אויף פרעמדע ערד. אויף די עטליכע יאָהר וואָס מען לעבט אויף דער וועלט איז מען נאָך ניט זיכער דאָס מען זאָל איינ-האַלטן ביי זיך די ערד, און בא די קינדער איז גאָר זעלטן עס זאָל דעם פאָטערס פאַרמעגן בלייבן. אויף די מענשן האָט דער נביא ירמיהו געלייגט א קללה, עושה עושר ולא במשפט בחצי ימיו יעזבנו. די לייט וואָס פאַרזאַמלען רייכטום מיט פאַלשקייט, קומען אום פאַר די צייט פון דער וועלט. בעת השי"ת העלפט א אידן אז ער בויט א הויז אָדער ער צאַמט א גאָרטן זאָל ער נאָר היטן זיין ריכ-טיגן מצר. ווען עס איז דאָ אין דעם א סכסוך, דאַרף מען גיין צו בית דין דורכזועצן.

לא יקום עד אחד באיש.

די מצות ל"ת איז, בית דין זאָלן ניט פסק'נען קיין דין דורך איין עדות. עס איז דאָ אויסנאַמען ווען עס איז כשר 1 עדות אויך. ווי עס איז ערקלערט אין שולחן ערוך.

דאַרום האָט די תורה ניט געגלויבט איין עדות, ווייל איינעם קען זיך אָפדוכטן א זאַך, אָדער פיל
ייכט זאָגט ער די עדות מיט א פניה. אָבער צווייען דוכט זיך ניט, און צווייען זיינען ניט אין חשד אויף אַן עולה.

ועשיתם לו כאשר זמם לעשות לאחיו.

די מצות עשה איז, ווען עדות זאָגן אויף דעם צווייטן אויף געלט זאכן, אָדער לייב שטראָף, און מען האָט איהם אָפּגעפּסק׳נט צו טאָן זיין שטראָף, נאכהער זיינען געקומען אַנדערע עדות, און האָבן עדות געזאָגט אויף די 2 עדות, אַז אין דער צייט וואָס זיי האָבן עדות געזאָגט אַז זיי האָבן געזען די זאך, זיינען זיי גאָר געווען מיט אונז אין אַ אַנדער אָרט ווייט פון דעם אָרט. קומט צו טאָן די עדות דעם זעלבן שטראָף ווי זיי האָבן אים געוואָלט באַשולדיקן.

(המפרשים חתרו למצוא טעם, מאי חזית דסמכת אהני סמוך אהני, ובדרך פשוט נוכל לומר בעהשי״ת, כאשר מסרה התורה הנאמנות להעדים לחייב, לזכות, לטמא, לטהר, ואף בעדי נפשות החמורות, ועל פי שני עדים רק כשרים דנים למיתה אף על גדול שבגדולים, ואם כ״כ גדלה כחם פן ואולי ימצאו אנשי בליעל ויעידו בשקר כעובדא דבן ר׳ שמעון בן שטח, מצאה התורה עצה שיראו להגיד שקר פן יבואו אחרים ויזימום, וכ״כ עד סוף העולם, ולא כן בהכחשה, אשר עכ״פ עצם המעשה אמת שייך שפיר מאי חזית.)

והיה כקרבכם אל המלחמה ונגש הכהן ודבר אל העם.

די מצות עשה איז, צו ערוויילן אַ כהן אין דער צייט פון מלחמה אַלס פעלדפּרעדיגער ער זאָל רײדן צום פאָלק רירענדע ווער־טער, שטאַרקן זיי, זיי זאָלן ניט וואך ווערן אין זייער אַרבעט. פאַר דעם צוברייטן צו דער מלחמה האַלט ער די רעדע און זאָגט: פאַרכט זיך ניט, זייט ניט מוטלאָז, אָפּפערט זיך פאַר דעם אידישן דת, שאַפט זיך מוט, נעמט נקמה פון אונזערע פיינד, ווער עס האָט פון אייך אַ הויז געבויט און האָט איר ניט בעוואָהנט, אָדער ער האָט אַ גאָרטן געפלאַנצט און ער האָט נאָך ניט אויסגעלייזט די פּרוכט פון 4-טן יאָהר, אָדער ער האָט מקדש געווען אַ פרוי און האָט איר נאָך ניט געהייראַט מיט חופה (פאַרצייטן פלעגט מען פריער מקדש זיין און אין אַ יאָר אַרום מאַכן די חופה), די אַלע זאָלן צו הויז גיין, ווי עס שטייט מפורש אין דער תורה. נאכהער פאַרזאָגט דער פעלד פּרעדיגער, אויסצורופן באַקאַנט מאַכן דעם עולם, ווער עס האָט מורא אָדער אַ שוואך הארץ, זאָל ער צוריק גיין. דער וואָס האָט די קלענסטע זינד האָט זיך צוריק געקערט.

די וועלכע דארפן זיך צוריק קערן צו הויז, נאך זייער אוועק־גיין ווערט איינגעאָרדענט די מלחמה ווי נויטיג. נאכהער ווערט געשטעלט ביי די מיליטער א וואך עס זאל קיינער ניט אוועקגיין. ווער עס איז געלאָפן האָט מען געהאט רעכט אים צו טויטן.

דאָס איז אלעס גערעדט א מלחמה וועלכע מען האלט פון זיך, דאָס הייסט א מלחמת רשות. אָבער א מלחמת מצוה וועלכע ג־ט ב"ה הייסט האלטן דאן גייען אלע, אפילו א חתן פון אונטער דער חופה, ווייל דאן איז די השגחה גרעסער שאדט שוין קיין זאך ניט. דען ג־ט ב"ה הייסט דאך. אָבער א מלחמה וועלכע איז ניט קיין מצוה, איז די אלע מוזן זיך צוריק קערן, ווייל זיי וועלן זיין צוטראָגן אין זיין זאך אין דער מלחמה, אָדער איבער דעם בעל עבירה רח"ל, קען מען חלילה געשטראָפט ווערן.

פון דער מצוה מוז דער גרעסטער אפיקורוס מודה זיין אויף תורה מן השמים. שטעל זיך פאָר, דער כהן רופט אוים ווער עס האָט נאָך ניט געהייראַט זאל גיין צוריק, די צייט פון הייראַטן איז דאך צו צוואנציג יאָר, אין מיליטער נעמט מען אויך 20 יאָ־ריגע, איז שוין אראָפ די 20 יאָריגע, די רעכטע גבורי מלחמה. נאָכ־הער די וואָס האָבן הייזער נאָך ניט באוואָהנט, די וועלכע האָבן נאָך ניט געלייזט די גערטנער, רעכן אראָפ די בעלי עבירות, אפילו גרינגע עבירות און ניט נאָר גראָבע עבירות (השח בין ישתבח ליוצר אור), מיט וועמען פירט מען דעם שטרייט? און דער פיינד, דער געגנער גרייט זיך אין אלעס. אלא משה רבינו ז"ע האָט דאָך פון זיך ניט געזאָגט, אזוי האָט אים דער הייליגער באשעפער ב"ה גע־הייסן שרייבן אין דער תורה, ווייל מיט אידן פירט דער בורא יתברך למעלה מן הטבע, און נאָר דער געטליכער קראַפט האלט פאַר אונז מלחמה. ווי מיר זאָגן אלע טאָג אין דאַוונען: ה' איש מלחמה.

ואל תערצו מפניהם.

די מצוה איז, ווען מען האלט מלחמה זאל מען קיין מורא האָבן פאַר דעם פיינד און ניט לויפן. דער וואָס שרעקט זיך אין דער מלחמה דאַרף וויסן דאָס די בלוט פון די גאנצע חיל הייננט אָן אים. ווען ער אָפפערט ניט זיין לעבן אין דער מלחמה און די

מלחמה איז ניט גיגאַלטן, איז גלייך ווי ער וואָלט די אַלע פון זיינע לייט זעלבסט געטויט.

וקראת אליה לשלום.

די מצוה איז, ווען מען האַלט מלחמה זאָל מען פריער אויס־רופן אויף אַ שלום. (לבד עם עמון ומואב).

לא תחיה כל נשמה.

די מצוה איז, פון די 7 פעלקער, 1) כנעני, 2) חתי, 3) אמורי, 4) פריזי, 5) חוי, 6) יבוסי, 7) גרגשי ניט צו לאָזן לעבן. ווייל די 7 פעלקער זיינען געווען די ערשטע אָנפירערס פון עבודה זרה, און אַלע מאוס'ע זאַכן וועלכע השי"ת האָט פיינט. דאַרום זיינען מיר פאַרזאָגט זיי אויסצומעקן ביז גרונט, עס זאָל פון זיי איין גידעכעניש ניט בלייבן, בכדי מיר זאָלן זיך פון זיי ניט אָפּלערנען, ווען אַז מיר דאַרפן זיך נאָך יאָגן אפילו איינעם פון זיי צו הרג'נען ווי אַזוי וועלן מיר שוין וועלן טאָן זייערע מעשים. פיליכט וועט ווער פרעגן, ווי באַלד אַז מען טאָר פון זיי ניט איבערלאָזן, צו וואָס פאַר אַ נוצן זיינען זיי געקומען אויף דער וועלט? ביי דעם קאָן מען זאָגן פיל טעמים, ערשטנס קאָן זיין אַז זיי זיינען באַשאַפן געוואָרן אויף גוטס, און זיי האָבן זיך פאַרדאָרבן, אַז זיי זיינען געווען דעם פסק, און אפשר האָבן זיי עטוואָס גוטס געטאָן וועלכע איבער דעם זיינען זיי באַשאַפן געוואָרן. די 7 פעלקער האָט שוין דוד המלך ע"ה לאַנג אויסגעראָטעט נאָר זיי געפינען זיך נאָך פאַרמישט צווישן אַנדערע פעלקער.

לא תשחית את עצה.

די מצות לא תעשה איז, ווען מען באַלאַגערט אַ שטאָט אין דער מלחמה זאָל מען ניט פאַרדאַרבן די פרוכטבוימער. מען טאָר קיין זאַך וועלכע ברייננגט נוצן ניט פאַרדאַרבן, דהיינו ניט צוברעכן קיין כלי געוון, ניט רייסן קיין בגד, ניט פאַרמאַכן קיין ברונם, אדער נאָר אַ עסן פאַרדאַרבן. אָבער פון אַ גוטס וועגן, צ. ב. ווי מען צוברעכט אַ גלאָז אונטער די חופה אָדער אַ כלי אויף תנאים איז

מותר. אַ בוים וועלכער איז גאַנץ אַלט און גיט שוין גאַנץ ווייניג פּרוכט, אָדער דער בוים פאַרדאַרבט די איבעריגע בוימער, מאַג מען אים אויסהאַקן. דער מענטש דאַרף וויסן אַז דער הייליגער באַשעפער ב"ה האָט אים געמאַכט פאַר אַ געוועלטיגער אויף אַלעם וואָס אונטער אים, לעבעדיקע, און ניט לעבעדיקע זאַכן נאָר ניצ־ליכן געברויך, צו וואָס די זאַך נוצט, אָבער ניט איבערפירן די זאַך אויסברייינגען איר ניט צום אַפּגישטעלטן נוץ. די גמרא זאָגט: ר' חייא האָט געזאָגט זיין זון מיט דעם נאָמען שכחת, איז געשטאָרבן נאָר איבער דעם חטא וואָס ער האָט אויסגעהאַקט אַ בוים פאַר די צייט.

כי ימצא חלל באדמה.

די מצוה איז, ווען מען געפינט אַ טויטן מענש און מען וויים ניט ווער עס האָט אים געטויט, דאַרף די שטאָט ברייינגען אַ עגלה ערופה. וועלכע איז נאָענט צום טויטן קערפּער. דער צוגאַנג איז אַזוי, מען מעסט פון טויטנס קערפּער צו די שטעט אַרום, די שטאָט וועלכע איז נענטער צום טויטן, די שטאָט ברייינגט אַ עגלה ערופה, דאָס הייסט זיי ברייינגען אַ קאַלב אויף אַ פּלאַץ, אַ טאָל וועלכעס אין דעם טאָל איז ניט געזייט און ניט געאַרבעט געוואָרן, און מען האַקט דעם קאַלב אַראָפּ די קאָפּ מיט אַ פליייש האַק. דער קאַלב דאַרף זיין אַלט ניט מער ווי 2 יאָר. די זקנים פון שטאָט וואַשן די הענט און זאָגן: אונזערע הענט האָבן די בלוט ניט פאַרגאָסן, דאָס הייסט זיי האָבן קיין שולד אין זיין טויט. ווייל עס קען אָפּט מאָל טרעפן דאָס זיי זאָלן יאָ שולדיק זיין. דען פיליייכט איז דער מענש געגאַנגען און האָט די וועג ניט געטראָפן, זיינען דאָך שולדיק די זקנים פון שטאָט פאַר וואָס עס פעלט אין דער שטאָט דער אָרדענונג פון הכנסת אורחים, וועלכע מען דאַרף דעם פרעמדן ערליך האַלטן מיט עסן און טרינקען און באַגלייטן ווי עס שטייט געשריבן. דער תרגום יונתן בן עוזיאל ברייינגט, אין די עגלה ערופה איז געשען אַ נס, עס איז אַרויס־געקומען אַ ווערימל פון קאָפּ פון קאַלב און איז אַ וועק צום רוצח און האָט זיך אין אים אַנגעטשעפּעט און אים געבראַכט צו דעם אָרט וואו די סיבה האָט געטראָפן.

אשר לא יעבד בו ולא יזרע.

די מצות ל"ת איז, עס זאָל קיין מאָל ניט געטאָן ווערן און ניט געזייט ווערן אין דעם טאָל וואו מען הרג'ט דעם קאַלב. דאַרום קאָן מען זאָגן, דאַרף דער פּלאַץ ליידיג זיין ניט געזייט, דאָס ווען מען וועט קומען אויף דעם פּלאַץ זאָל קאָנטיג זיין אַז אויף דעם אָרט איז געטויט געוואָרן אַ מענש עס זאָל אימער די רציחה ניט פאַרגעסן ווערן צו פאַרשטיין אויף אייביג, ווי שענדליך רציחה איז ביי אידן.

ת צ א

וראית בשביה אשת יפת תואר.

די מצוה איז, ווען אידן אין ארץ ישראל האָבן רעכט נאָך דעם דין התורה מלחמה צו האַלטן, אויב אין דער מלחמה פאַר־ליבט זיך ווער אין אַ ליבעספּערזאָן פון פרעמדע נאַציאָנען, מאָג ער איר פאַר אַ פרוי נעמען נאָך דעם דין פון דער תורה. ער ברייננגט איר אריין צו זיך אין הויז און פאַרזאָגט זי זאָל זיך אָפּגאָלן די האָר פון קאָפּ און לאָזן וואקסן די נעגל און אראָפּ־וואַרפן פון זיך אירע שיינע קליידער וועלכע עס האָט עם דעם רייץ געמאַכט, אַזוי איז געוועז דער דרך פון די אומות אויסצופוצן זייערע טעכטער צו זנות. דאָס האָט אַלעס די תורה אים פאַרזאָגט ער זאָל זיך מיט איר אַזוי נוהג זיין, אים צו פאַרצאַמען זיין וועג די שלעכטע, וואָס ער איז נאָך די אויג פון זנות נאָכגעגאַנגען, געגן דעם פאַרזאָג פון דער תורה: ולא תתורו אחרי לבבכם ואחרי עיניכם, אחרי עיניכם מיינט מען „זנות". ווען זי וועט זיך אַזוי אויפפירן ווי די תורה הייסט, וועט זי דאָך ביי אים מיאוס ווערן, ווען זי פאַר־לירט אירע שיינע האָר און גייט מיט גרויסע נעגל און די אויגן געשוואָלן וויינענדיג אַ גאַנצן חודש, וועט ער איר געוויס צו איר הויז אָפּשיקן. נאָך אַלע זאַכן אַז ער וויל איר דאָך פאַרהאַלטן איז ער איר „מגייר", דאַן בלייבט זי זיינע אַ פרוי ווי אַלע אידישע פרויען. איבער דעם שידוך וואָס ער האָט געטאָן וועט ער זיך כאַפּן נאָכ־הער. די גמרא זאָגט: די פרשה פון בן סורר ומורה שטייט ביי די פרשה פון יפת תואר, צו ווייזן אַז פון די יפת תואר קומט ארויס אַ בן סורר ומורה.

לא תמכרנה בכסף תחת אשר עניתה.

די צוויי מצות זיינען, 1) ער טאָר די יפת תואר ניט פאַר־קויפן ווי ער האָט איר אונטער זיין שוץ אַרונטערגענומען. (אחר שבעלה, ולדעה זו שמותר לבועלה בגיותה אסור ג"כ למכרה). ער קאָן איר ניט אָפּשיקן צו הויז אין אַ יאָר אַרום. 2) ער טאָר איר ניט אָפּשטעלן ביי זיך אין הויז פאַר אַ שפחה אָדער פאַר אַ פלגש נאָר זי פאַרבלייבט זיין פרוי ווי אַלע אידישע פרויען. די פרטי דינים פון די מצות איז ערקלערט אין רמב"ם.

ותלית אותו על העץ, לא תלין נבלתו על העץ, כי קבור תקברנו ביום ההוא.

(וה"ה שאר המתים כל המלין את מתו עובר בלא תלין ומשום כבודו מותר).

די מצוה איז, 1) אויפצוהענגען די וואָס קומט צו הענגען נאָך זייער טויט דער וואָס האָט מחרף ומגדף געווען דעם הייליגן באַשעפער ב"ה וב"ש לעד ולנ"נ, אָדער אַ געצענדינער. 2) ניט לאָזן דעם אויפגעהאנגענעם הענגען איבער נאַכט. 3) די וועלכע ווערן גיטויט דורך בית דין זאָל מען זיי דעם זעלבען טאָג בעגראָבן. דער אָרדענונג פון אויפהענגען, איז אזוי: באַלד ווי מען פאַרשטיינט איהם שלאָגט מען אריין אין די ערד אַ גרויסען האָלץ, אין דעם מענטשן לייגט מען אַריבער אַ האַנד איבער אַ האַנד, און מען היינגט אויף פאַר זון אונטערגאַנג, נאָך זון אונטער־גאַנג, נעמט מען איהם אַראָפּ, און מען בעגראָבט איהם מיט דעם שטיין וועלכען מען האָט איהם געטויט און מיט דעם האָלץ וואָס ער איז געהאַנגען, עס זאָל ניט בלייבן אַ אָנדיינקונג פון זיין חטא אויף דער וועלט, מען זאָל מער ניט ריידן וועגן אים. קיין מת טאָר מען ניט האַלטין איבער נאַכט, נאָר פון זיין כבוד וועגען מאָג מען.

פון די מצות איז צו שליסן ווי וויים מען דאַרף פאַרזיכטיג זיין אין כבוד המת, דאַרף מען זעהן דאָס די חברה קדישא זאָל זיך אויפפירן ערליך, קיין נידערטרעכטיגע מענטשן זאָלן אין דער חברה קיין איינטרעט האָבן דען זיי קאָנען אָפט ברייגגען צו בזיון המת.

עס איז א חרם פון קדמונים ניט צו ריידן וועגן א טויטן. אין ספר חפץ חיים שטייט אז אויף א טויטן איז אויך דא דער איסור לשון הרע, ביי די וועלט איז איינגערעדט אז מען וויל ריידן אויף א טויטן זאגט מען פריהער, זאל ער מיר מוחל זיין, קאן מען שוין ריידן וויפיל מען וויל, דאס איז אבער א טעות, ערשטענס פאר וואס זאל ער מוחל זיין, און ווען ער זאל שוין מוחל זיין וויבאלד אז ביי דעם איז דא דער איסור פון לשון הרע איז דאך דער בורא יתברך ניט מוחל.

השב תשיבם לאחיך, לא תוכל להתעלם.

די 2 מצות זיינען, ווען מען געפינט א זאך וועלכע געהערט אן א צווייטן דארף מען איהם אפ געבן, ווען מען גייט פערביי און מען זעהט א זאך וועלכע מען ווייס אדער מען פארשטעהט אז די זאך געהערט אן ווערמען, טאר מען זיך ניט צוריקציען און לאזן די זאך, נאר מען מוז צונעמען און אפגעבן צו וועמען די זאך געהערט. מען דארף לאזן אויסרופען דאס ער האט א זאך געפונען און וועמען די זאך פעלט דארף ער געבן א סימן.

דורך וועלכע סימנים מען גיט אפ די זאך און ווען עס געהערט אינגאנצן צום געפינער, איז ערקלערט אין חשן משפט.

אין רוים האט די קייזערין פארלארן צירונג. האט זי געלאזט אויסרופען ווער עס וועט אפגעבן די צירונג אין 30 טעג, דעם וועט מען ארענטליך באהאנדלען. ווער עס וועט אבער אפגעבן נאך די 30 טעג וועט מען די קאפ ארונטער נעמען. שמואל האט דאס געפונען און האט אפגעגעבן נאך 30 טעג, פרעגט אים די קייזערין בינסטו ניט געווען אין שטאט? ענטפערט ער יא, איך בין געוועזן. האסטו דען ניט געהערט דעם כרוז? ענטפערט ער יא איך האב געהערט. נו, ווארום האסטו ניט אפגעגעבן פריער זאגט ער ווייל איך האב געוואלט ווייזן אז ניט פאר דיין באשיינקען און ניט פאר דיין מורא גיב איך אפ נאר פאר דעם ווייל דער בורא ית' הייסט. ווען אז שמואל האט אפגעגעבן א ווירדע פון רייכטום און נאכהער געשטעלט זיך אין סכנה איבער די מצוה פון השבת אבידה, איז דאך געוויס אז מען טאר זיך ניט מורה היתר זיין אין צווייטענס, צ. ב. די סוחרים וועלכע טרייבן די האלץ

איבערן וואסער אין מקום אריין, טרעפט זיך גאנץ אפט אז עס צושלאגט זיך א פליט, די אנדערע וואס גייען מיט זייער האלץ טשעפען זיי צו צו זייער האלץ, און זיי ווייסן ווענעס האלץ דאס איז, נאך מער, עס איז גאר דא א קלים אויף די האלץ. יעדער דארף אויף זיך אנמעסטן, וואלט דען דער זעלבער וועלן מען זאל מאכן מיט זיינע האלץ אזוי? דארף ער דאך דעם צווייטן אויך ניט וועלן טאן. דאס איז געווים גלייך וואס ער צעפעט צו זיינע האלץ, דער רעכט איז אבער ער זאל אים אפגעבן אין מקום, און אים אויסרעכענען די קאסטן. דער רבינו יונה זאגט: ווען עס איז א מצוה זיך משתדל צו זיין מציל זיין דעם צווייטן פון געלט שאדן איז דאך געווים אז מען דארף זיך משתדל זיין מציל זיין דעם צווייטן אין זיין נויט.

לא תראה את חמור אחיך או שורו נופלים בדרך והתעלמת הקם תקים עמו.

די מצוה איז, ניט לאזן ליגן קיין פי, און געווים א מענשן אונטער דער לאסט פון די משא, אויך איז א מצוה העלפן אנ-לאדן די משא צוריק. (אין פרשת משפטים האבן מיר בעזהשי"ת די מצוה ערקלערט).

לא יהיה כלי גבר על אשה, ולא ילבש גבר שמלת אשה.

די מצות זיינען, פרויענצימער זאלן ניט גיין געקליידעט ווי מענער, אדער אין די צירונג וועלכע עס איז אפגעשטעלט נאר פאר מענער. 2) א מאן זאל ניט גיין קיין קליידער פון א פרוי, אויך ניט טראגן קיין צירונג וועלכע עס איז באשטימט נאר פאר פרויען, און ניט פוצן זיך אין די זעלבע פוצונג ווי פרויען פוצן ווייל פרויען טוען דאס צו זייער פוץ. אויך ניט אויסקלייבן קיין ווייסע האר פון די שווארצע האר פון בארד אדער פון די פאות.

דער רמב"ם שרייבט: ביי די געצנדינער איז נאך איינ-געפירט עד היום דאס מאנסלייט און פרויענצימער גייען די זעלבע קליידער געקליידעט פאר זיי פאסט דאס זייער, זיי קליידעט דאס, ווייל דאס איז די פארהעלטעניש פון זנות, ווען אז זיי גייען די זעלבע קליידער איז דאך קיין אונטערשייד צווישן מאנספערזאן און

פרויענצימער, קאָנען זיי טרייבן אָפֿענע זנות. אונז אָבער ישראל קדושים איז דאָס פאַרבאָטן, מיר מוזן זיך ערוויטערן פון דעם עס זאָל זיין קאָנטיג פאַר אַלעמען אונזער היילינקייט, אַז אַלע זאָלן דערקענען און רופן אונז ישראל עם קדוש. בעונתינו הרבים ביי די יעצטיגע וועלט וואו דער לוקסוס עקזיסטירט איבעראַל, און די אַנדערע מאָדעס גלייכן זיך אוים מאַנסלייט מיט פרויענ־צימער מען טראָגט די זעלבע היטלעך און קראַגנס מיט שניפסן. זיינען מיר מחויב מזרז צו זיין דעם עולם אכטונג געבן. די עלטערע אין שטאָט וואָס זי האָבן אַ כח משפיע צו זיין און צו זעהן האַלטן דרשות אַלע שבת אין די שולן מען זאָל מבטל זיין דעם מנהג פרוץ. און עלטערן אויף קינדער זאָלן משפיע זיין אויף זיי, און זען צו האָבן ממש מסירת הנפש און זיי געבן אַ אידישן חנוך על דרך התורה.

לא תקח האם על הבנים. שלח תשלח את האם ואת הבנים תקח לך.

די מצות זיינען, ווען עס טרעפט זיך אַז מען געפינט אַ נעסט מיט כשר'ע פויגלען, און די מוטער ליגט אויף די פויגלען אָדער אויף די אייער זאָל מען ניט נעמען די מוטער מיט די קינדער אָדער מיט די אייער, נאָר טאָן ווי די צווייטע מצוה זאָגט פאַר מען זאָל צום ערשט אָוועקשיקן די מוטער נאָכהער נעמען די קינדער אָדער די אייער.

דער רמב"ן זאָגט: דערפאַר שיקט מען אָוועק די מוטער זי זאָל ניט באַלד געגן אירע אויגן זען ווי מען נעמט ביי איר צו די קינדער אָדער די אייער וועלכע ביי איר הייסט דאָס קינדער. אַזעלכע פאַרדאַרבנקייט טאָר מען ניט טאָן. ווארום די פעולות פון מענשן מאַכט אויף אים אַ איינדרוק אַז עס ווערט ביי אים נאַטירליך ביז מען קאָן ווערן אַ אכזר פאַרלירן דעם גאַנצן איד (עיין בחינוך), דארום איז די מצוה נאָר ביי כשר'ע פויגלען, ווייל דער בורא יתברך האָט געוואָלט מיר זאָלן מיט פויגלען טמאים קיין מגע ומשא ניט האָבן. די מצוה איז נאָר ביי הפקר, וואָרום ווען דער נעסט האָט אַ בעל הבית הייסט דאָך דאָס

גזילה. אין דער גאַנצער תורה שטייט ניט קיין שכר פאַר אַ מצוה, ווייל עס איז גאָר אומבאַגרעניצט אויף דער וועלט דער שכר פון די מצוה, אויף דער וועלט קען קיין מצוה ניט באַצאָלט ווערן, און אויף די קונפטיגע וועלט ווי גרויס דער שכר פון די מצוה איז, קאָנען מיר גאָר ניט משיג זיין, ווייל זי איז דאָך אַ אייביגע וועלט, ווי די תורה האָט אָפגעשטעלט ביי שילוח הקן: למען ייטב לך והארכת ימים, זאָגן די חכמים אַז דאָס מיינט אויף די קונפטיגע וועלט וואָרום די גוטס פון די וועלט הייסט ניט קיין גוטס, און דאָס הייסט ניט קיין לאַנגער לעבן.דער זעלבער שכר שטייט ביי כבוד אב ואם, דאָס איז צו לערנען מען זאָל זיין אָפגעהייט אין די גרינגסטע מצוה ווי אין די שווערסטע, ווי די חז"ל זאָגן: הוי זהיר במצוה קלה כבחמורה, כבוד אב ואם איז די שווערסטע מצוה, זי איז נוהג טאָג און נאַכט, שבת און יום טוב, מיט געלט און קערפער, ביי זייער לעבן און נאָך זייער לעבן איז מען מחויב אין דער מצוה. שלוח הקן איז די גרינגסטע מצוה, מען לעבט אוים די יאָרן ניט טרעפענדיג, דאָך האָבן זיי איין שכר. שלוח הקן די גרינגסטע כבוד אב ואם די שווערסטע.

כי יפול הנופל ממנו. ולא תשים דמים בביתך.

די 2 מצות זיינען, 1) ארום א דאָך אָדער נאָר וואָס פאַר אַ שטעלע מען קען דאַרטן געשעדיגט ווערן, זאָל מען מאַכן אַ שטאַרקן צאַם 10 טפחים די הויך. 2) ניט האַלטן אין הויז קיין זאַך וועלכע עס קאָן שאָדן טאָן. מען טאָר ניט האַלטן אין שטוב אַ כלב וועלכער איז מזיק. מען טאָר ניט האַלטן קיין שלעכטע סטעפס אָדער אַ לייטער, מען דאַרף אַכטונג געבן אויף די בוידימער, אויף די קעלערן, אויף די ברינימער זיי זאָלן זיין פאַרצאַמט נאָך דעם דין נאָך. אין פיל הייזער איז דאָ קעלערן אין רעכטן אַריינגאַנג אין הויז אין פאָרהויז, דאַרף זיין ארומגעצאַמט, ווען ניט, באַהיט ג־ט קען טרעפן דער גרעסטער אומגליק. ביי אַלע מדינות ובפרט אין ארץ הקדושה איז דער רעכטער חוב אַכטונג געבן אויף די באַלקאָנען גאַלעריעס און אין די ערטער וואו דער דאָך איז גלייך ובפרט אין ארץ הקדושה איז אַ חוב קדוש מען זאָל מאַכן אַ מעקה ווי דער דין איז. און דער וואָס מאַכט

ניט קיין מעקה איז ער עובר שטענדיג אויף די מצוה. דער רמב"ם ברייננגט אז מצות מעקה איז א חובת הדר.

לא תזרע כרמך כלאים פן תקדש המלאה.

די צוויי מצות זיינען, ניט צו זייען קיין תבואה אדער גרינסן מיט בוימער-פרוכט צוזאמען, פון די פרוכטן וועלכע ווערן געזייט מיט תבואה אדער מיט גרינסן צוזאמען טאר מען קיין הנאה ניט האבן פון די תבואה און פרוכט און גרינסן. אלע פרטי דינים וואס הייסט כלאים וועלכע מען טאר ניט זייען צוזאמען, און ווי ווייט עס דארף זיין אפגערוקט איינע פון די אנדערע איז ערקלערט אין ש"ע יורה דעה. די מצוה גייט אן אין חוץ לארץ אויך, אבער גרינגער ווי אין ארץ ישראל.

לא תחרוש בשור וחמור יחדו.

די מצות לא תעשה איז, ניט אקערן אדער ניט ארבעטן מיט 2 בהמות איינע א טהורה און איינע א טמאה, מען טאר זיי ניט שפאנען צוזאמען, אפילו ווען עס איז אנגעבונדן פון הינטן א בהמה טהורה צום וואגן פון א קריסט, טאר מען ניט פארן אין וואגן. יעדער איינציגער וואס זיצט אין וואגן ווערט מיט מלקות באשטראפט, מען טאר ניט צובינדן צום וואגן א בהמה ווען אפילו מען זאל אליין ניט פארן אין וואגן. די מערסטע פון קצבים ווערן נכשל אין דער זאך, זיי מאכן גרינג און בינדן צו א בהמה. זיינען מיר מחויב מודיע צו זיין דעם איסור פון דעם, און דער וואס זעט דאס, מוז אים זאגן און אויב ער פאלגט ניט, זאל מען דאס דערציילן דעם רב פון שטאט. איבערהויפט מאכן זיי זיך גרינג ווייל זיי זאגן אז עס איז שווער אויסצוקומען. אויף דעם איז מען דאך א איד, וועט דען א קצב חלילה גרינג מאכן זיך א שאלה און וואס עס טרעפט, איז דאך ווי דער רב פסק'נט, איז דאס אויך די זעלבע, אז מען טאר ניט טוט מען ניט. די מצוה לערנט אונז אז דער טהור מיטן טמא אמוזירן זיך ניט. זיי טארן קיין מאל ניט צוזאמען קומען ווייל זיי הייסן ניט איין מין. האבן זיי צער צו רוען מיט ניט זייער מין, און בפרט טאן א מלאכה צוזאמען. דערפון קען מען זיך ארויסנעמען א לערע

ניט אויסצוקלייבן אין אַ זיצונג אַ צדיק מיט אַ רשע, אַ אָרדינערע מענשן מיט אַ איש נכבד, ווען אַז די תורה איז אויף דעם צער פון בהמות חס, איז דאָך די תורה נאָכמער חס אויף דעם צער פון מענשן וועלכע זיי האָבן דאָך אַ נפש המשכלת, און ווייסן זייער באַשעפער ב"ה וב"ש לעד ולנ"נ.

לא תלבש שעטנז צמר ופשתים יחדו.

די מצות לא תעשה איז, ניט אָנצוטאָן אויף זיך קיין שעטנז, דאָס הייסט אַ בגד וועלכער איז געמאַכט פון פלאַקס מיט וואָל, אפילו איין פאָדים אין אַ גאַנצן בגד הייסט אויך שעטנז. דער איסור פון שעטנז איז סיי עס איז געשפונען אָדער געוועבט צו־זאַמען. אָדער צונויף גענייט צוזאַמען הייסט עס אַלעס שעטנז. מען טאָר ניט זיצן אויף שעטנז, אפילו עס איז אַרויפגעלייגט איינע אויף די אַנדערע ביז 10 זאַכן אַז די אונטערשטע איז שעטנז טאָר מען ניט זיצן. וועגן שעטנז איז פיל צו ריידן, עס איז דאָ פיל דרכים וואו דער איד ווערט נכשל אין שעטנז. לויט ווי מיר האָבן דערגאַנגען איז אַזוי: דאָס איז אַ כלל די גיוואַנטן טוכן, דראַפּן, פון די גוטע סאָרטן איז דאָס מערסטע ניט קיין שעטנז. ניט אין די שטאָף און אונטער פוטער, ווייל די גוטע סחורה אַרבייט זיך די אונטער פוטער ניט פון שאָדע. שאָדע הייסט, דאָס וואָס מען קויפט אויף אַלטע טיכער, אַלע סאָרטן קלייבט מען זיי ניט פאַ־נאַנדער נאָר מען מאַכט זיי צו רעכט און זיי ווערן געשפונען און גיוועבט צוזאַמען, און דאָס ווערט געברויכט אויף אונטער פוטער, גייען אידן ניט ווייסענדיג אין שעטנז. די פּראָסטע סחורה וואָס רופט זיך בורקע־צייג, זיי ווערן געמאַכט פון די שאָדע וועלכע ניט פאַ־נאַנדער געסאָרטירט, ווייל זיי פאַרקויפן זיך ביליג אַ ערך אַ דאָלאַר אַן אַרשין, איז געוויס פון די שאָדע די אונטערפוטער שעטנז, ווייל עס האָט קיין רעכענונג צו לייגן אונטער פוטער פון די כשר'ע שאָדע וועלכע מען סאָרטירט פאַנאַנדער פאַרן שפינען, די וואָלענע פון די פלאַקסענע ווי עס האָט זיך געפירט מיט יאָרן צוריק, אויך ווי מען גייט יעצט אַלע בגדים מיט שטייף לייוועגד, איז דאָ פון קנאַפּלעס און פון פלאַקס, דאַרף מען נעמען מיט אַ שטעמפּל כשר, ווען מען קויפט אַן אַלטן בגד מוז מען פּרובירן ווייזן אַ מבין אויב עס איז ניטאָ קיין שעטנז, ניט פאַרלאָזן זיך אויף די פאַרקויפער, ווייל על

זענען דאָ פיל סוחרים וואָס מאַכן זיך גרינג אין דעם, ווי עס איז געוואָרען, אז מען האָט נאָכהער געפונען שעטנז.

אין די גומיע און די שטיבעלעטן איז ניטאָ קיין שעטנז, זיי זיינען פון וואָל אָדער ביינוויל. דער אויבערשטער וועב איז געווים וואָל, אַלזאָ אזוי ווי עס ווערט אַריינגעלייגט אינווייניג לייווענד, איז דאָך דאָס מיט די גומיע שעטנז, זיינען מיר מחויב מכריז ומודיע זיין דעם עולם, די זאָנאַטאָוושציקעס, די שוסטער זאָלן אינווייניג לייגן די פּאַצעווקע פון ביינוויל, דהיינו נאַטקע צייג און דאָס גלייכן.

שיך פון קריקעס אָדער נאָך שיך פון טוך-צייג, פון קרעטל, דאַרף מען זען עס זאָל ניט זיין קיין שעטנז, אין די פּאַצעווקע.

דער מדרש תנחומא זאָגט: ווייל קין האָט געבראַכט א מתנה פון פלאַקס און הבל האָט געבראַכט פון וואָל, וויל דער בורא יתברך ניט האָבן די מתנה פון זינדיגע זאָל זיין געמישט מיט דער מתנה פון ערליכע. איז דאָס א לערע פאַר אונזערע יונגעליים וואָס מען מאַכט סאַבראַניעס, אָוועגדן עס קומען צו זאַמען דאַמען מיט הערן און מען האַלט זיך אונטער, אביסל צוגעשמייכעלט, אביסל צוגעטאַנצט, אין בופעט ווערט געלאָזן א סאַך געלט, אָבער קיין ברכה מאַכט מען ניט, אפילו דער ריווח פון דעם גייט אויף וואָלטעטיגיע צוועקן, איז דאָס טריף, ווייל דער בורא יתברך שמו וויל ניט עס זאָל זיך פאַרמישן די שלעכטס מיט גוטעס.

כי יקח איש אשה ובא אליה.

די מצוה איז, צו נעמען אָ פרוי מיט קידושין. די פרטים ווי מקדש צו זיין א אשה און מיט וואָס מקדש צו זיין א אשה איז פיל ערקלערט אין אבן העזר, נאָר וועלכעס בכלל איז נויטיק יעדער אידן צו ווימן איז דאָס: מען איז מקדש אָ אשה מיט געלט אָדער מיט א ווערדע פון געלט. דער מנהג איז מקדש צו זיין מיט א גאָלדענעם רינג אָדער מיט א זילבערנע מטבע. דער רינג דאַרף זיין פון ריינע גאָלד און עס דאַרף אין אים ניט זיין קיין שטיינדל. ער זאָגט פאַר צוויי עדות: הרי את מקודשת לי בטבעת אָדער במטבע זו כדת משה וישראל, דאָס הייסט, דו ביזט צו מיר פאַרהייליגט מיט דעם רינג אָדער מיט די מטבע נאָך דעם דת פון משה וישראל.

דער וואס האט ניט קיין ידיעה אין קדושין טאר ניט מסדר זיין קיין קדושין. ניט אזוי ווי בעונותינו הרבים אז ממש עם הארצים, פראסטע מענשן ניט קיין געלערענטע וואס ער קען אפילו קיין פסוק חומש מיט רש"י לערנען, זיינען היינט מסדר קדושין. עס איז א מצוה מפרסם זיין ברבים אז מען זאל ניט גיין צו זיי נעמען פון זיי קיין צימער אויף מאכן ביי זיי די חתונה רק באופן אז א רב א תלמיד חכם זאל קומען דארט מסדר קדושין זיין. דער צוגאנג פון די קדושין מיט די ברכות אויב מען נעמט א בתולה אדער א אלמנה אדער א גרושה, איז געדרוקט אין די סידורים און ידוע צום כלל ישראל.

פאר דער חופה שרייבט מען א כתובה ע"פ דין. די כתובה וועלכע ער גיט איר ארוים אויף אירע נדן, דאס הייסט ניט קיין כתובה על פי דין ער זאל מעגן זיין מיט איר. נאך דער חופה גייען אריין דער חתן מיט דער כלה אין א באזונדערן צימער, קיין אנדער פערזאן טאר דארט ניט זיין אין דעם חדר, דאס רופט זיך יחוד. דאס איז א דין וואס דארף זיין ביי קדושין, ניט קיין מנהג, און מען טאר זיך ניט גרינג מאכן אין דעם. די מחותנים דארפן דאס באזארגן נאך דער חופה. דער מנהג איז, דעם טאג פון דער חופה צו פאסטן חתן וכלה, טאן תשובה און בעטן מחילה וסליחה. זיי דאוונען ווי ערב יום כפור און בעטן ביי דעם בורא יתברך זייער בונד זאל זיין אויף אייביג, זיי זאלן פירן זייער וועלט ערליך אידיש, עס זאל זיין שיין פאר ג-ט ב"ה און פאר לייטן. דער מנהג איז, די חופה זאל זיין אונטערן הימל, דאס איז א סימן פון הצלחה. אויף א חתונה וואו עס טאנצן בחורים ובתולות צוזאמען, טאר מען ניט זאגן שה-שמחה במעונו (ווי מיר האבן ערקלערט בעזהשי"ת אין פרשת אחרי).

אז עס גייט פארלארן די כתובה דארף מען שרייבן אן אנדער כתובה אויב ניט טאר דער מאן מיט איר ניט זיין צוזאמען. די פרויען וועלכע גייען אין גאס מיט די הוילע האר פארשפילן זייער כתובה, איז נאך ערגער ווי זיי פארלירן די כתובה דען זיי לעבן אימער מיט די מענער אן א כתובה.

ולו תהיה לאשה לא יוכל לשלחה כל ימיו.

די 2 מצות לא תעשה זיינען, ווען דער מאן וואס האט גע-

נומען א בתולה און ער זאגט אז ער האט ניט געפונען קיין בתולים, מוז זי אויף אימער זיין פרוי בלייבן, ווען אויך זי איז א בלינדע, א קרעציגע, ער קען פון איר ניט לויז זיין קיין מאל מיט קיין גט, אויסער אז זי וויל א גט. אויב עס איז באוויזען געווארן אז זי האט יא מזנה געוועזן נאך די קדושין, קומט איר סקילה. אויב עס איז שקר שלאגט מען אים מלקות, און ער דארף צוצאלן דעם פאטער 100 שקל. אויב זי האט קיין פאטער געהערט עס צו איר.

וסקלתם אותם באבנים.

די מצוה איז, צו פארשטיינען ווען עס איז פאראורטיילט די מיתה פון סקילה, דער צוגאנג צו סקילה: מען טוט אים אויס נאקעט (א פרויענצימער פארשטיינט מען אנגעטאן אין א העמד), מען פירט ארויף דעם פארברעכער אדער די פארברעכערין אויף א שטעל 2 מאל די הויך, וועלכעס עס איז אויף דעם אפגעשטעלט, די הענט געבונדן אויף הינטן, און איינער פון די עדות וועלכע זאגן אויף דעם עדות שטופט אים אראפ הינטערוויילעך. אויב ער בלייבט פון דעם טויט, איז רעכט. אויב ניט נעמען ביידע עדות א גרויסן שטיין וועלכע 2 מענשן דארפן אים טראגן, און מעןווארפט אים ארויף אויף זיין הארץ. אויב ער ווערט דערפון אויך ניט טויט, באַ־ווארפן אים כל העדה מיט שטיינער.

אויף 18 עבירות קומט סקילה, ווי עס איז אויסגערעכענט ביי יעדער מצוה.

ולנערה לא תעשה דבר.

די מצוה איז, ווען עס טוט ווער אן עבירה וואס מען האט אים געצוואונגען צו דעם, דהיינו ווען מען צווינגט צו זנות א בתולה וועלכע איז מקודש, דאס הייסט א נערה המאורסה, אדער מען צווינגט נאר ווען אויף אלע מיני עבירות, קומט ניט די שטראף פון מיתה, אויסער אז מע צווינגט א מאנספערזאן אויף זנות קומט אים מיתה (דלא הוי אונס גמור).

ולו תהיה לאשה.

לא יוכל לשלחה כל ימיו.

די מצוות זיינען, 1) ווען עס נויט ווער א בתולה צו זנות, מוז ער איר פאר א פרוי נעמען אויב זי איז איינשטימיג. 2) ער טאר איר קיינמאל ניט גט'ן. אויך דארף ער צאלן דעם פאטער 50 שקל זילבער און וואס ער האט איר צער אנגעטאן און בושת און פגם, ווי עס איז ערקלערט אין פרשת משפטים, צו באשטראפן די נבלים וואס טוען מעשים רעים אידישע טעכטער זאלן ניט זיין הפקר, האט אים די תורה גע'קנס'ט, ער מוז איר פאר א פרוי נעמען זי קען זיין א געפעליגטע א אויסזאציגע, נאך מער ער קען פון איר קיין מאל ניט געשיידט ווערן, זי אבער האט ניט ווילענדיג געטאן דערפאר האט זי די פרייהייט, אויב זי וויל אים איז גוט, ווען ניט ווערט זי לויז דורך א גט. די אלע דינים גייט אן נאר ביי א נערה.

די יארן פון א בתולה ווערען צוטיילט אין 3 אפטיילונגען, פון 3 יאר ביז 12 יאר איז זי אין כלל פון א קטנה, פון 12 יאר איז זי 6 חדשים א נערה, נאך דער צייט איז זי אין כלל פון א בוגרת.

לא יבוא פצוע דכה וכרות שפכה בקהל ה'.

די מצות ל"ת איז, א פצוע דכה אדער א כרות שפכה, דאס הייסט די וועלכע זיינען געבארן געווארן ווי אלע מענשן נאר דורך א סיבה סיי דורך אן אפעראציאן, אדער דורך אן אנדער סיבה זיי־נען זיי פארוואונדעט געווארן דאס זיי קענען ניט קיין קינדער האבן, טארן זיי ניט נעמען קיין אידישע טעכטער פאר פרויען. (פצוע דכה הוא שנפצע או נכרת אחת מהביצים שלו או החוטים, כרות שפכה הוא שנכרת או נפצע האבר או שנכרתה העטרה או למעלה מן העטרה).

לא יבוא ממזר בקהל ה'.

די מצות לא תעשה איז, א ממזר טאר ניט נעמען קיין אידי־שע טאכטער פאר א פרוי און א איד טאר ניט נעמען קיין ממזרת פאר א פרוי. דער אמת'ר כשר קינד הייסט דער וואס איז געבארן

אן אן עבירה, ניט אין די קדושין, און ניט געבאָרן פון א נדה. ניט כשר'ע געבאָרענע זיינען דאָ אזעלכע וואָס הייסן ממזרים וועלכע טאָרן ניט קומען מתחתן זיין זיך אין אידישן קהל, און עס זיינען דאָ אזעלכע וואָס מען מעג זיי יאָ ארייננעמען, דאָס הייסט זיי הייסן ניט קיין ממזרים, אָבער זיי פאַרשמוצן און פאַר'מיאוס'ן די אידישע הייליגע טהרת המשפחה. און ווייל עס איז אין דעם פיל פרטי דינים, האָבן מיר ניט אויסגעשריבן וועלכע רופן זיך ממזר און וועלכע ניט, נאָר אין שולחן ערוך איז פיל ארומגערעדט.

אז מען געפינט א קינד אוועקגעוואָרפן און עס איז אומבאַוואוסט ווער די עלטערן פון דעם קינד זיינען, טאָר דאָס קינד ניט חתונה האָבן פאַר קיין אידן, דער קינד האָט דעם דין פון א ממזר.

די חכמים זאָגן: עבירה גוררת עבירה. איין עבירה ציט ארויף נאָך אן עבירה. די עבירה פון זנות ברייננגט צו פיל עבירות. עס ווערט געבאָרן א קינד פון זנות, געוויינליך די מוטער שעמט זיך, ערלויבט זי זיך אים צו דערשטיקן, הייסט דאָס געטויט א נפש. זי וואַרפט אים אוועק און מען ווייס ניט ווער די מוטער איז, און דער קינד ווערט פאַרמישט צווישן אידן און האָט יאָ חתונה, איז דאָס מרבה ממזרים בישראל. נאָך מער, אין די שטעט וואו עס געפינט זיך די שענדליכע הייזער מאַכט מען מיט די געבאָרענע קינדער געשעפטן אומצוברענגען זיי פון דער וועלט. בעונותינו הר־בים, ביי אנוזער היינטיגע פינצטערע וועלט, וואו די עלטערן זיינען ניט זוכה צו פירן די קינדער אונטער דער חופה, זיי פאָרן זעלבסט אוועק און האָבן חתונה און ביי דעם איז ניטאָ קיין פאָטער און קיין מוטער, קיין שווער און שוויגער. דאָס איז דער שולד פון די עלטערן וואָס זיי האָבן זיי ניט געגעבן קיין אידישע ערציאונג על פי דרך התורה. מען דאַרף זייער נויטיג זען איינצופירן אין אַלע שטעט, ובפרט אין אמעריקע און אפריקע, אז מען זאָל מייסד זיין א חברה פון ערליכע פרויען מיט דעם נאָמען „עזרת נשים", זיי זאָלן משפיע זיין אויף דעם יונגן דור אז זיי זאָלן זען צו היטן טהרת המשפחה און פירן א כשר'ע הויז וואָס דאָס איז דער יסוד פון אידישקייט.

לא יבוא עמוני ומואבי בקהל ה' עד עולם

די מצות ל"ת איז, פון פאָלק עמון ומואב ווען זיי זיינען זיך אפילו מגייר, טאָרן זיי ניט נעמען קיין אידישע טעכטער פאַר פרויען.

(ובזמן הזה אחר שבלבל סנחרב כל האומות אמרינן כל דפריש מרובא פריש, ומותרים גם הזכרים אחר שנתגיירו).

די טעכטער פון עמון ומואב זיי מעגן גענומען ווערן צו אידן ווען זיי זיינען זיך מגייר.

לא תדרוש שלומם וטובתם כל ימיך לעולם.

די מצות ל"ת איז, ווען אידן האָבן געהאַט רעכט מן התורה מלחמה צו האַלטן מיט אַנדערע פעלקער, דאַרף מען צו־ערשט פאַר־טראַגן שלום צו שליסן, אָבער מיט עמון ומואב טאָר מען קיין שלום שליסן, סיידן זיי גיבן זיך זעלבסט אונטער.

לא תתעב אדומי כי אחיך הוא

לא תתעב מצרי כי גר היית בארצו

בנים אשר יולדו להם דור שלישי יבוא להם בקהל ה'.

די 2 מצות לא תעשה זיינען, 1) ווייל אדום קומט אַרויס פון עשו'ן טאָר מען אים ניט פאַרהאַסן, ווען ער איז זיך מגייר מעג מען זיך שווין מיט זיין 3־טן דור מתחתן זיין. 2) דאָס זעלבע דער מצרי ווייל דו ביזט געווען אין זיין לאַנד א גר טאָר מען אים ניט פאַרהאַסן, און ווער עס איז זיך מגייר, מעג זיך מיט זיין 3־טן דור מת־חתן זיין. ביז דעם דריטן דור זיינען זיך די גרים מתחתן צווישן זיך, דאַן איז דער 3־טער דור כשר.

דאַרום זיינען מיר פאַרזאָגט צו דערווייטערן עמון ומואב מער פאַר אַנדערע פעלקער וועלכע האָבן אונז שלעכטס געטאָן, ווייל זיי האָבן געגן אונז גרויסע אכזריות באַוויזן. ווען אידן זיינען גע־גאַנגען אין וועג פאַרמאַטערט, הונגעריג און דאַרשטיג, און זיינען גאָר געגן זיי ניט געגאַנגען מיט מלחמה, פונדעסטוועגן זיינען זיי ניט אַרויס אַנטקעגן מיט ברויט און וואַסער ווי דער מענשליכער געפיל זאָגט, נאָכמער, ווי גרויס זייער אכזריות און קאַרגשאַפט איז, האָבן זיי געדונגען בלעם הרשע צו שילטן אידן, און האָבן קיין געלט געזשאַלעוועט, אַזעלכע פאַרדאַרבענע מענשן איז זייער שלעכטס אָן אייביגע ירושה צו קינדער און קינדס קינדער, ווען אפילו זיי

זיינען זיך מגייר טאָר מען זיי ניט אריינגעמען אין כלל ישראל, ווייל זיי וועלן זיך געווים ניט אויסבעסערן און נאָך אונז פאַרדאַרבן.

אין אַ מלחמה טאָרן מיר זיי ניט פאַרטראַגן שלום צו שליסן. מיר דאַרפן זיי נאָר מיט אכזריות באַהאַנדלען, אָפּשטופּן פון זיך, ניט צוציען צו זיך. די נקבות זייערע, זיינען מותר מתחתן צו זיין, ווייל עס איז ניט דער דרך פון פרויענצימער אַרויסצוגיין אַנטקעגן, ווידער האָבן זיי דאָך עלטערן, די פאַרהייראַטע האָבן דאָך מענער, זיינען זיי דאָך אונטערדריקט אונטער זיי. אדום אָבער, ער קומט אַרויס פון די אבות, זיין געבאָרענע נאַטור איז גאָר ניט אַזוי שלעכט, און צום 3-טן דור ווען ער איז זיך מגייר קען אים דערהיטן די אידיש־קייט אויסבעסערן צו באַקומען אידישע זיטן, אונז ניט פאַרדאַרבן און זיך אויסבעסערן. דאַרום טאָרן מיר אים ניט האַסן. דאָס גלייכן דער מצרי, ווען אויך מצרים האָבן אונז ווי געטאָן, דאָס איז דאָך אָבער געווען מן השמים, צום גליק פון קבלת התורה צו דערקענען אז עס איז דאָ אַ הייליגע באַשעפער און אַ משגיח. הכלל די גאַנצע אמונה האָבן מיר זיך פאַרשאַפן אין מצרים, איז זייער פאַרדאָר־בענהייט ניט קיין אייביגע זאַך, נאָר צו דער צייט, אָבער ווען זיי זיינען זיך מגייר קענען זיי זייערע שלעכטע זיטן אַרויסטרייבן, און צום דריטן דור קענען זיי שוין זיין מענשן.

איש אשר לא יהיה טהור מקרה לילה לא יבוא אל תוך המחנה

די מצות ל"ת איז, דער מענטש וועלכער איז אומריין פון קרי זאָל ניט אַריינקומען אויף דעם הר הבית (דאָס איז דער פּלאַץ פון בית המקדש).

ויד תהיה לך מחוץ למחנה ויצאת שמה חוץ

ויתד תהיה לך על אזנך.

די 2 מצות זיינען, ווען די אַרמיי גייט מלחמה האַלטן זאָל מען גיין אויף דעם מענשליכן געברויך אין אַ באַזונדער אָרט אויסער דעם לאַגער, ווייל די אידישע מחנה מוז זיין ריין. 2) יעדער קריגס־מאַן ביי די כלים מוז האָבן אַ לאָפּעטקע צו פאַרשיטן מיט ערד ווען ער גייט אויף דעם מענשליכן געברויך.

די גמרא ברייננט אין מסכת עבודה זרה: ר' פנחס בן יאיר זאָגט, ווען אַנדערע מלכים האָבן באַקוקט דעם אידישן לאַגער האָבן זיי באַוואונדערט ווי ריין און ציכטיג עס איז געווען, וואָס אין קיין נאַציאָן האָט מען עס ניט געפונען. און דער דין אין שולחן ערוך איז, אַז מען טאָר קיין דבר שבקדושה ניט זאָגן אין אַן אומריי־נעם אָרט. אַרום אַ מקום קדוש דאַרף דער גאַנצער פּלאַץ ריין זיין, ווי עס איז מבואר אין שו"ע. פון דעם פסוק ויתד תהיה לך על אזנך דרש'נט די גמרא: ווען איינער הערט וואָס מען טאָר ניט הערן, לצנות, לשון הרע, רכילות, נבול פה, האָט אים דער הייליגער בורא געגעבן אַ געבאָרענע עצה, דארום איז געמאַכט דער גאַנצער אויער הארט און די שטיקעלאַך ווייך, צו פאַרשטאָפּן מיטן פינגער די אויערן ניט צו הערן וואָס מען טאָר ניט הערן.

לא תסגיר עבד אל אדוניו.
עמך ישב וגו' לא תוננו.

די 2 מצות עשה זיינען, 1) ווען אַ עבד כנעני פון חוץ לארץ אַנטלויפט קיין ארץ ישראל זאָל מען אים ניט אומקערן צום ווירט צוריק. 2) דעם קנעכט ניט מצער זיין. דער ווירט מוז אים פריי לאָזן און אַרוסגעבן אַ שיין דאָס ער איז פריי. דאָ הייסט שטר שחרור. און דער עבד כנעני געפינט זיין רוה אין ארץ ישראל.

וויפיל דאַרפן מיר שוין האָפן און וואַרטן אויף אונזער הייליג לאַנד מיר זאָלן דאָרט אונזער רוה קריגן, עס טאָר אונז די צייט ניט לאַנג ווערן, מיר זאָגן אַלעס, מיר וואַרטן שוין באַלד 2 טויזענד יאָר און עס נעמט קיין ברעג, מיינט — יעדער איינציגער וואַרט ניט מער ווי עטליכע צענדליג יאָר, דאַרף דאָך אים ניט שווער זיין צו וואַרטן. מיר דאַרפן וואַרטן מיט מסירת הנפש מיר זאָלן קענען קומען צו אונזער לאַנד און דאָרט זיצן על התורה והעבודה און קענען מקיים זיין די מצות התלויות בארץ, דאַן וועט די הילף פון השי"ת קומען כהרף עין. מיר זאָלן זוכה זיין שוין באַלד אין גיכן צו זען בבנין ציון וירושלים במהרה בימינו אמן.

לא תהיה קדשה מבנות ישראל.

די מצות לא תעשה איז, קיין מאַנספּערזאָן טאָר ניט צוזאַ־

מענקומען מיט א פרויענצימער לעבן ווי מאַן און פרוי אָן חופה וקדושין. אויב זיי קומען זיך צוזאַמען, קומט זיי מלקות. אויסער וואָס זיי האָבן אויף זיך כרת רח"ל, ווייל דאָס מערסטע פרויען זיינען געוויינליך נדות. אויך איז מען מרבה ממזרים בישראל, ווי מיר האָבן ערקלערט בעזה"י אז מיט איין מאָל זנות איז מען עובר אויף 2 עבירות, 1) זונה, 2) נדה, און אויך אז דאָס קינד איז א ממזר. דער רמב"ם פסק'נט אז דער וואָס לעבט מיט זיין פרוי אָן א כתובה איז גלייך ווי ער לעבט מיט א זונה רח"ל.

לא תביא אתנן זונה ומחיר כלב בית ה' אלקיך.

די מצות ל"ת איז, מען זאָל ניט מקריב זיין אין בית המקדש די זאַך וועלכע א זונה האָט פאַר איר לוין באַקומען, אָדער די זאַך וועלכע איז אויף א הונט געטוישט געוואָרן.

לא תשיך לאחיך.

די מצוה איז, קיין איד טאָר ניט נעמען קיין געלט אויף צינזען. דארום האָט די תורה געשטעלט און פאַרזאָגט דעם לוה ער זאָל גאָר ניט געבן קיין צינזן, ווייל די עבירה פון פראָצענט איז ערגער פון אַלעס, ווייל דער לוה איז גענויטיגט אין געלט מיינט ער נאָך אַז דאָס איז זיין טובה, אַזוי ווי דער פישל מיינט אז דער ווערימל איז זיין ברויט. אָבער ווען די תורה פאַרזאָגט אים אז ער טאָר ניט געבן, ווייס ער אַז מען דאַרף ניט געבן, און די תורה איז אים מער גוטער פריינד ווי ער זיך זעלבסט.

לנכרי תשיך.

די מצוה איז, צו נעמען צינזן פון א געצענדינער. אַזוי ווי צינזן איז די גרעסטע פאַרדאַרבענקייט, ווי מיר האָבן פיל ערקלערט, דאָס איז אַלעס אָבער גערעדט אַז מען טאָר דאָס ניט טאָן די וועלכע גלויבן אין בורא עולם יתברך, אָבער די געצענדינער, זיי איז גאָר אַ מצוה ווייל צו טאָן, דען דער מענטש וועלכער גלויבט ניט אין ג-ט ב"ה האָט גאָר קיין מענטשן רעכט.

כי תדור וגו׳ לא תאחר לשלמו.

די מצוה איז, ווען מען טוט א נדר אדער מען זאגט צו צדקה אדער מעשרות אדער מתנות עניים, מוז מען אפגעבן פאר דעם ער־שטען יום טוב פון דער צייט וואס ער איז מחוייב געווארן. ווען עס גייט פארביי 3 ימים טובים נאך דער צייט איז ער עובר די לא תעשה. אז מען זאגט צו א צדקה מוז מען באלד אפגעבן. אז מען זאגט צו אויף די שולן און מנינים איז פיל גלייכער באלד אפ־געבן ניט צוווארטן, — ווי די מאדע איז אויף ימים נוראים, ווייל די זאך וואס מען קען באלד אפגעבן און מען גיט ניט אפ איז מען עובר דעם לאו.

מוצא שפתיך תשמור ועשית כאשר נדרת.

די מצוה איז, מקיים צו זיין א נדר אדער נור וואס מען אסר׳ט אויף זיך טאר מען פון דעם קיין הנאה ניט האבן. מען מוז זען די זאך מקיים צו זיין. דער צוואג פון צדקה איז אזוי ווי א נדר, ווי עס איז ערקלערט אין יורה דעה הלכות צדקה.

די שטענדיגע צדקות, שטאטישע אדער פרעמדע, צ. ב. וואס מען צאלט אויף ישיבות און נאך אנדערע, טאר מען פון דעם ניט אפרייסן ווען אויך אפילו די צייט גייט חלילה ערגער, ווי דער מדרש ברייננט: ר׳ עקיבא מיט נאך חכמים זיינען געגאנגען צונויפנעמען נדבות פאר זיין ישיבה אין דער שטאט אנטוכיא. אין דער שטאט איז געוועזן איינער מיטן נאמען אבא יודן, פלעגט רבי עקיבא ביי אים באקומען א גרויסע נדבה. דער אבא יודן איז אבער פאראימט געווארן און האט שוין מער ניט גיקענט געבן זיין נדבה, עס האט אים אבער די זאך זייער געקרענקט, זאגט ער צו זיין פרוי: וואס טוט מען, די חכמים זיינען געקומען און איך האב זיי ניט וואס צו געבן? ענטפערט אים באלד די פרוי: ווי אזוי קענסטו זאגן אז דו האסט ניט וואס צו געבן? פארקויף א האלבע פעלד און גיב אפ די נדבה. ער האט אזוי געטאן. די חכמים האבן אים געבענשט און זיינען אוועק. אין איינינע טעג איז ער געגאנגען אקערן די פעלד, איז געפאלן די קוה און צובראכן א פוס. ער גייט איר אויפהויבן, געפינט ער אן אוצר. ווען די חכמים זיינען צוריק געפארן, פרעגן

זיי נאָך אויף דעם אבא יודן. זאָגט מען זיי, זיין רייכטום איז אומ־נאַטירליך, ווער האָט גאָר די זכיה אים צו זען. ער האָט זיך דער־וואוסט פון די חכמים, איז ער אנטקעגן געגאַנגען צו באַדאַנקען פאַר דער ברכה. און דאָס אַלעם האָט ער געהאַט בזכות פון זיין פרוי. אָבער די פרויען וואָס זיי האָבן נאָר אַן ענטפער: אָן דעם מאַן ווייס איך ניט! — ווי פאַראַכט זיי זיינען. די צדקה וואָס מען איז געוואָינט צו געבן הייסט דאָס אַ נדר, און אַז מען היט חלילה דעם נדר ניט, זיינען די פרויען פאַראַנטוואָרטליך. זיי גייען חלילה פון דער וועלט פאַר דער צייט. דאַרפן זיי דאָך דעם מאַן טרייבן צו דעם, לסוף שטערן זיי אים אין די אויגן, און אונטער די אויגן איז זי גאָר פטור, „אָן דעם מאַן ווייס איך ניט", — אויף מאָדעם וואָרט זי שוין ניט אויף דעם מאַן.

כי תבוא בכרם רעך וגו', כי תבא בקמת רעך וקטפת וגו' וחרמש לא תניף, ואל כליך לא תתן.

די 3 מצות זיינען, 1) דער בעל הבית זאָל לאָזן די ארבייטער עסן פון דער זאַך וואָס זיי טוען ביי אים. 2) דער אַרבייטער זאָל ניט עסן ווען ער טוט די אַרבייט, נאָר ווען ער ענדיגט די ארבייט. 3) ער זאָל ניט אָפלייגן אויסער זיין עסן און זאָל ניט נעמען מער וויפיל ער קען עסן און געבן צו אַן אַנדערן. אפילו אז ער מעג עסן, אָבער צו זאַט טאָר ער ניט עסן.

די מצות גייען אָן נאָר ביי אַרבייט אין די זאַכן וואָס זיינען ערדפרוכט אָדער בוימפרוכט, אין די אַרבייט ווען זיי גייען פון איין אָרט צום צווייטן מעגן זיי עסן. די זאַך וואָס וואַקסט ניט פון דער ערד, איז ניט קיין חוב אויף דעם בעל הבית צו לאָזן עסן. נאָר אַלס כאַראַקטער איז אויף אַ קליינינקייט קיינער ניט מקפיד. אַ שומר אין אַ סאָד, אַ גאָרטן, הייסט ניט קיין אַרבייטער. דער וואָס היט אָפגעריסענע תבואה, אָדער פרוכט, אָדער גרינסן, האָט ער אַ דין ווי אַן אַרבייטער.

וכתב לה ספר כריתות.

די מצות עשה איז, ווען א מאַן וויל זיך שיידן מיט זיין פרוי זאָל ער איר געבן גט. אַלע פּרטי דינים פון גט זיינען ערקלערט אין שו"ע אבן העזר. מיר האָבן דאָ ניט נויטיג צו שרייבן די דינים און דעם צוגאַנג צו גט, ווייל דאָס גיהערט צו בית דין.

קיין מאַן זאָל זיך ניט איילן צו גט'ן זיין פרוי. די גמרא זאָגט: דער מזבח גיסט מיט טרערן אויף דעם וואָס ער גט זיך, דאָס הייסט דער מזבח מאַכט שלום און זיי צוברעכן דעם שלום. די גמרא באַרימט אהרן הכהן מיט דער מדה טובה, וואָס ער פלעגט שלום מאַכן צווישן מאַן און פרוי, איבער שלום צווישן מאַן און פרוי האָט דער בורא יתברך שמו לעד ולנ"נ געהייסן אָפּמעקן זיין נאָמען (ווי מיר האָבן ערקלערט בעזה"י) איז דאָך געוויס אַז דער שטראָף איז זייער גרויס, דער וואָס מאַכט אַ פירוד צווישן מאַן און פרוי.

די פרוי וועלכע איז פרייגעזאָגען אין דת, אָדער זי פירט זיך ניט בצניעות ווי א אידישע טאָכטער דאַרף זיך פירן, די איז א מצוה צו גט'ן אָבער די וועלכע פירט זיך בצניעות, זי פירט די הויז אידיש, די קינדער ערציט זי אידיש, די איז א מצוה צו שעצן. די גמרא זאָגט: רבי חייא האָט געהאַט א שלעכטע ווייב, דאָך האָט ער איר געשעצט. די תלמידים האָבן דאָס באַוואונדערט. ענטפערט זיי רבי חייא: עס איז גענוג פון זיי וואָס זיי זיינען אונז מציל פון חטא און ערציען די קינדער על דרך התורה.

די גמרא זאָגט: האַלט זיך אַן עצה מיט דיין פרוי, ווען זי איז אפילו נידעריגער פון דיר אין פאַרשטאַנד, בויג זיך איין צו איר און פרעג איר אין געשעפט זאַכן. אָבער וואָס גיהערט צו אידישקייט האָט די פרוי קיין דעה ער זאָל ביי איר דאַרפן פרעגן, סיידן ער פאַרשטייט אַז זי וועט אים ראָטן גוט, איז פיל גלייכער ער זאָל איר פרעגן. די פרוי הייסט די אמת'ע גוטע פריינד, איז דאָך געוויס אַז מען טאָר איר ניט מצער זיין, דען אירע טרערן קומען גלייך צום הימל שטול.

די פרוי דאַרף שעצן דעם מאַן. זי איז צו אים אונטער זיין שוץ פאַרהייליגט אויף אייביג. ווען זי איז פאַרדאָרבן אין אידישקייט אָדער אין מענשהייט, צ. ב. ווען זי שילט דעם מאַנס עלטערן פאַר דעם מאַן אין די אויגן, אָדער זי גייט אין גאַס מיטן הוילן קאָפּ, אָדער זי פירט די הויז ניט בכשרות, גט ער איר און זי פאַרלירט די כתובה. עס זיינען דאָ אופנים ווען מען נויט דעם מאַן ער זאָל גט׳ן די פרוי ווען זי פאַרלאַנגט.

לא יוכל בעלה הראשון אשר שלחה לשוב לקחתה.

די מצות לא תעשה איז, די פרוי וועלכע גי׳גט און האָט שוין געהאַט איין אַנדער מאַן, און ער איז געשטאָרבן אָדער זי איז גי׳גט פון אים, טאָר איר דער פריערדיגער מאַן ניט נעמען צוריק פאַר אַ פרוי.

לא יצא בצבא ולא יעבור עליו לכל דבר.

די מצות לא תעשה איז, אין דעם יאָר נאָך דער האָכצייט גייט ניט דער חתן צו קיין אידישע מלחמה, און צו קיין זאַך וועלכע דער קהל האָט נויטיג.

ושמח את אשתו אשר לקח.

די מצות עשה איז, אין ערשטן יאָר פון די האָכצייט טאָר ער אויף אַ לאַנגע צייט אויף אַ וויטע רייזע ניט אָפּרייזן, נאָר ער מוז אין הויז זיין צום פאַרגעניגן פון זיין פרוי פאַרבלייבן. אויב זי ערלויבט מאָג ער אָפּרייזן. דאַרום האָט די תורה אים באַפרייט פון די פליכטן, און טאָר פון איר אָן ערלויבעניש ניט אָפּרייזן, ווייל זיי קאָנען זיך ווייניק פון פריער, און אין די צייט פון ערשטן יאָר ווערן זיי גוט באַקאַנט און שטימען זיך איין ווי צו פירן זייער לעבן על פי התורה.

אייגענטליך איז דאָך אַ פראַגע, פיל גלייכער וואָלט זיין זיי זאָלן זיך גוט קענען פון פריער, וואָרום וואָס נוצט זיי זייער באַקענען זיך נאָך דער חתונה, פילייכט וועט זייערע דעות ניט

שטימען און זיי וועלן זיך דארפן נאכהער גט'ן? אין דער פראקטיק זען מיר אבער גראדע פארקערט. די וועלכע האבן חתונה מיט דעם דרך התורה האבן מער הצלחה, און די וועלכע עס נעמען זיך אלעם ליבע איז דאס מערסטע אן הצלחה. מען רייסט זיך אפ דעם גאנצן לעבן, ווייל בעת זיי שפילן די ליבע נארן זיי זיך איינער דעם צווייטן זיי זאגן זיך צו און שטעלן זיך פאר די גרעסטע גליקן, דער גרעסטער גליק איז וואס ער באקומט איר און זי אים, און דערווייל פארקוקט מען די פעלערן. ווי שלמה המלך האט געזאגט: אויף אלע פעלערן פארשטעלט די ליבע. נאכהער ערשט נאך דער חתונה אז דער ברען פון די ליבע פאלט אראפ, קוקט מען זיך ערשט ארום איינער אויף דעם צווייטן און זיי געפעלן זיך שוין גאר ניט. די תורה אבער האט ארויס־געשטעלט ריכטיג דעם מענשנס לעבן, פאר דער חתונה אז דו ווערסט זיך מיט איר באקענען וואס דו וועסט מיט איר מאכן באקאנטשאפט וועסטו אלעס איר ווייניגער קענען. ארום פרעגן פאר דער חתונה וויפל דו קענסט פרעג. זען זיך מוז מען. ווי די חכמים זאגן: אסור לאדם לקדש אשה עד שיראנה. ער טאר גאר ניט מקדש זיין וואו ער זאל איר ניט זען. און וועגן איינשטימען דעם לעבן צו פירן די וועלט איז אין א צייט פון א יאר קענען זיי זיך ריכטיג איינשטימען. אזוי האבן זיך אידן אייביג געפירט. אין ארץ ישראל פירט מען נאך עד היום מיט דעם דרך. די עלטערן זען חתן־כלה פריער, ערפארן זיי ריכטיגער, זיי האבן דאך ניט קיין פניה פון ליבע. אגב מאכן זיי יונג חתונה, און עס איז זיי ב"ה מצליח, ווייל די ריכטיגע וועג פאר אידן איז נאר דער דרך התורה, אויף דעם זאגט דוד המלך ע"ה: חשבתי דרכי ואשיבה רגלי אל עדותיך. איך האב געפרובירט זוכן איניגע דרכים האב איך ערפארן, אז איניגע דרכים איז גאר קיין דרך ניט, האב איך זיך געקערט צו גיין צום דרך התורה, דאס איז דער אמת'ער דרך.

לא יחבול רחים ורכב כי נפש הוא חובל.

די מצות לא תעשה איז, דער בארגער זאל ניט נעמען קיין משכון פון די זאכן וועלכע נויטיג איז צום פארפערטיגן

שפייז אין הויז, פיל גלייך איז כלים פון: מאָלן, צי פון קנעטן, באַקן, קאָכן און דאָס גלייכן.

השמר בנגע הצרעת.

די מצוה איז, די סימנים פון נגע ביי אַ מענשן אָדער אין קליידער, אין הייזער וועלכע דער כהן באַהאַנדלט, די נגע טאָר מען ניט אום מאַכן עס זאָל אויסזען די נגע טהור צו מאַכן.

לא תבוא אל ביתו לעבוט עבוטו. לא תשכב בעבוטו. השב תשיב לו את העבוט.

די 3 מצות זיינען: 1) ניט צו נעמען קיין משכון אָן רשות פון ב"ד, ווען בית דין ערלויבט צו נעמען טאָר דער באָרגער זעלבסט ניט נעמען, נאָר דער שליח בית דין נעמט און גיט אָפּ. דער באָרגער טאָר גאָר אין הויז ניט אַריינגיין מיטן שליח בית דין. 2) דער באָרגער טאָר דעם משכון ניט האַלטן אויף שטענדיג נאָר אָפּגעבן צו יעדע צייט ווי די 2טע מצוה זאָגט פאָר. 3) עס איז אַ מצות עשה אָפּצוגעבן דעם שולדיגן דעם משכון צו זיין געברויך, אויף ביי טאָג די ווערקצייג, אויף ביי נאַכט די בעט געוואַנד. דאָס איז אַלעס אויב ער האָט אים לכתחלה ניט געליען אויף דעם משכון, אָבער ווען ער גיט אים לכתחלה אויף דעם משכון, דאַרף ער ניט אָפּגעבן צו זיין געברויך. נאָר דער וואָס טוט דאָס הייסט ער טוט לפנים משורת הדין. דער באָרגער טאָר ניט נוצן דעם משכון און איז מחויב צו היטן דעם משכון פון אַ שאָדן פון גנבה און אויסלופטערן ווי דער דין הייסט, וואָרום ער איז אַ שומר אויף דער זאַך.

ביומו תתן שכרו.

די מצות עשה איז, אָפּצוצאָלן דעם געדונגענעם צו דער צייט (ווי עס איז ערקלערט אין פרשת קדושים).

לא יומתו אבות על בנים.

די מצוה איז, בית־דין זאָלן ניט אָננעמען פאַר עדות אַ קרוב פון אַ בעל־דין, (וועלכער קרוב איז פסול איז ערקלערט אין חושן משפט).

לא תטה משפט גר יתום.

די מצות לא תעשה איז, אזוי ווי דער דיין איז פאַרזאָגט ניט מטה דין זיין, ווען ער איז חלילה מטה דין פון אַ גר אָדער א יתום איז די עבירה זייער גרוים.

ולא תחבול בגד אלמנה.

די מצות ל״ת איז, ניט צו נעמען אַ משכון אַ בגד ביי אַ אלמנה ניט ביי קיין אָרעמע ניט ביי קיין רייכע.

ושכחת עומר בשדה לא תשוב לקחתו לגר ליתום ולאלמנה יהיה.

די 2 מצות זיינען: 1) דעם פאַרגעסענעם גאָרב וועלכע געהערט צו אָרעמע זאָל מען ניט צוריק קערן צו נעמען. 2) עס איז אַ מצות עשה צו לאָזן דעם פאַרגעסענעם גאָרב פאַר אָרעמע.

והפילו השופט והכהו לפניו וגו׳ במספר ארבעים.

די מצוה איז, דן צו זיין דעם שטראָף פון מלקות ווער עס איז פאַראורטיילט. מען שלאָגט 39 מלקות, עס ווערט געשאַצט פריער אויב דער מענש וועט דאָס קענען אַריבער טראָגן. אויב מען זעט איין אַז ער וועט דאָס ניט קענען אַריבערטראָגן גיט מען אים וויניגער, נאָר מען גיט אים אַזאַ צאָל וואָס צוטיילט זיך אויף 3. צ. ב. ווען מען האָט אים געשאַצט צו געבן 20 גיט מען אים 18. דער צוגאַנג צו מלקות: מען בינדט אים צו ביידע הענט צו אַ זייל, דער שמש גייט צו אים צו און נעמט

אַן פאר די קליידער, עס קאַן זיך אפילו צורייסן די קליידער ביז ער דעקט אים אָפּ די הארץ, דער שמש שטייט הינטער אים מיט אַ רצועה פון אַ קאַלב לעדער אין צווייען, די 2 אין 4רן, און 2 רצועות פון אייזל רימען געמאַכט. דארום איז געמאַכט פון קאַלב לעדער און אייזל לעדער ווי ישעיה הנביא האָט געזאָגט בעת ער האָט געשטראָפט די אידן: ידע שור קונהו וחמור אבוס בעליו ישראל לא ידע עמי לא התבונן. ביי דעם שטראָף פון מלקות זיינען 3 דיינים געשטאַנען. איינער פון זיי האָט פאַר דעם פאַרברעכער פאַרגעלעזן די ווערטער פון די תורה פון אם לא תשמור לעשות ביז די ווערטער חליים רעים, און דאַרף ענדיגן די ווערטער ביז עס ענדיגט זיך די מלקות. אויב ער האָט געענדיגט די ווערטער פריער פאַנגט ער אָן פון אָנפאַנג. דער צווייטער האָט געציילט די קלעפּ. דער דריטער האָט אויסגעשריען שלאָג. איין דריטל פון די קלעפּ האָט מען אים צווישן די בריסט געשלאָגן, די איבעריגע שלאָגט מען אים איין דריטל אויף איין אַקסל און איין דריטל אויף דעם צווייטן אַקסל פון הינטן. בעת מען שלאָגט אים די מלקות שטייט דער געשלאָגענער איינגעבויגן. אויף 207 פאַרברעכן שלאָגט מען מלקות.

פּן יוסיף.

די מצוה איז, ניט צו שלאָגן דעם פאַרברעכער קיין איבע־ריגע מלקות, אפילו 1 אויך ניט. אין כלל פון דער מצוה איז, איינער זאָל דעם צווייטן ניט שלאָגן. דער שטראָף פאַר דעם איז מלקות, דאָס איז אויב עס איז ניט געווען קיין שאָדן פון שלאָגן, ווען ער האָט געהאַט שאָדן מוז מען אָפּצאָלן מיט געלט. דער איד וואָס הויבט נאָר אויף אַ האַנט צו שלאָגן הייסט ער אַ רשע.

לא תחסום שור בדישו.

די מצות לא תעשה איז, ניט צו פאַרצאַמען די מויל פון דער בהמה אויף דער צייט ווען זי דרעשט תבואה, בכדי זי זאָל

ניט קענען עסן. א פרעמדע א געדונגענע בהמה טאָר מען אויך ניט פאַרצאַמען די מויל.

לא תהיה אשת המת החוצה לאיש זר.

די מצוה איז, ווען עס שטאַרבט ווער אָן קינדער, טאָר זי ניט גענומען ווערן פאַר א פרוי ביז זי ווערט לויז פון איר שוואָגער, דעם מאַנס ברודער מיט חליצה. אז ער גיט איר חליצה דאַן מאָג זי נעמען א מאַן.

יבמה יבא עליה. וחלצה נעלו מעל רגלו.

די 2 מצות זיינען: 1) ווען איינער שטאַרבט אָן קינדער רח"ל זאָל דער ברודער פון טויטן וועלכער איז מיט אים פון איין פאָטער נעמען דעם ברודערס פרוי, הייסט עס מקיים געווען מצות יבום. 2) אויב ער וויל איר ניט מיבם זיין, דאַרף ער איר געבן חליצה. דער צוגאַנג צו חליצה איז ערקלערט אין שו"ע אבן העזר.

די תורה האָט געהייסן דער שוואָגער זאָל איר נעמען פאַר א פרוי, איז דאָס א זכות פאַר דעם טויטן, און דער קינד וועלכער וועט געבאָרן ווערן פון זיי וועט הייסן גלייך ווי ער איז פון אים געבאָרן געוואָרן. דען דער קינד איז דאָך געבאָרן פון טויטנס פרוי מיטן טויטנס ברודער, וואָס זיי ביידע האָבן געהאַט מיטן טויטן א צוזאַמענבונד, זי אַלס פרוי און ער אַלס ברודער.

דאָס איז אָבער אַלעס ווען מען זאָל מיינען פון מצוה וועגן. עס איז אָבער מעגליך אז ער טוט דאָס נאָר ווייל אים געפעלט די שוועגערן, איז דאָס דאַן גלייך ווי ער זאָל נעמען דעם ברודערס פרוי ווען עס איז פון אים געבליבן קינדער, איז דערפאַר ביי אונז פאַרבליבן דער דין ער זאָל איר געבן חליצה (דאנן פסקינן כאבא שאול. ובארץ ישראל המנהג אצל הספרדים שמיבמין, ופוסקין כרבנן).

וקצותה את כפה.

לא תחום עינך.

די 2 מצות זיינען, 1) ווען מען זעט איינער יאָגט נאָך דעם צווייטן צו טויטן, אָדער ער יאָגט נאָך אן ערוה אויף וועלכע עס קומט מיתת בי"ד אָדער כרת, מוז מען אים אָפּווענדן פון דעם, ווען אויך אים א גליד אויסצוברעכן אָדער אפילו אים דעם לעבן איבערצופירן, נאָר ניט צולאָזן אים צו טאָן שלעכטס. 2) ניט רחמנות צו האָבן אויף דעם יאָגער און טאָן מיט אים נאָך דעם דין.

אויב ער האָט שוין די זאַך אָפּגעטאָן טאָר ער אים ניט טאָן, נאָר ער מוז דורך בית דין באַשטראָפט ווערן. דאָס וואָס מען מעג אים טאָן אָן בית דין, איז נאָר ווען מען זעט די זאַך, און דאָס נאָר אויף די עבירות, אָבער אויף אַנדערע עבירות, אפילו די הארבסטע טאָר מען אים ניט טאָן אָן בית דין.

לא יהיה לך בכיסך אבן וגו' איפה ואיפה.

די מצות ל"ת איז, ניט צו האַלטן ביי זיך ניט קיין ריכטיגע וואָג און מאָס, און נאָר וואָס עס ווערט געברויכט צום וועגן און מעסטן, ווען אפילו ניט צום נוצן צום וועגן און מעסטן, אפילו האַלטן די כלי אויף אַנדערע נוצן, אפילו פאר א נאַכט געשיר, אויך ניט, ווייל די פאַלשע מאָס און וואָג האָט די תורה פאַרזאָגט עס זאָל זיך פון די כלים אין הויז גאָר ניט געפינען.

זכור את אשר עשה לך עמלק.

תמחה את זכר עמלק.

לא תשכח.

די 3 מצות זיינען, 1) צו דערמאָנען מיטן מויל אימער וואָס עמלק האָט אונז געטאָן. 2) צו פאַרניכטן די נאָכקומענדע פון עמלק. 3) ניט צו פאַרגעסן דעם געדאַנק פון הארצן וואָס עמלק האָט אונז געטאָן.

ווען אויך מיר האָבן געליטן און מיר ליידן עד היום פון פרעמדע פעלקער, דאָך האָט די תורה אונז אַזוי פיל ניט פאַרזאָגט נוטר שנאה צו זיין ווי אויף דעם פינצטערן עמלק ימ"ש ונמח זכרו. אדום און מצרים איז נאָך דאָ א צייט ווען מען קען זיי נאָך אריינגעמען צווישן אידן, ווי עס איז ערקלערט. אפילו עמון ומואב, וואָס זיי האָט די תורה פאַרזאָגט אויסצוראָטן, דאָך אָבער האלטן אין געדיינקען זיי און אימער ניט פאַרגעסן דאַרף מען ניט. ווייל עמלק איז דער ערשטער אַרוים אויף אידן פריער פאַר אַלע בעפאָר ער האָט נאָך א פאָלק און קעניגרייך, געהויבן א האַנט אויף אידן, פון די צייט פון אַרויסגאַנג פון מצרים, ווייל עס איז געפאַלן א מורא אויף אַלע פעלקער, ווי די תורה שרייבט: שמעו עמים ירגזון וגו', נאָר עמלק מיט זיין שלעכטער מערדערליכער הארץ, מיט זיין געבאָרענעם שלעכטן נאַטור איז אַרוים מיט אַן אָפענער מלחמה, און האָט אַראָפּגענומען די מורא וואָס איז געפאַלן אויף אַלע פעלקער. ווי די חכמים זאָגן: עמלק איז געגליכן ווי איינער שפרינגט אריין אין א הייסע וואַנע, ווען אויך ער ווערט אָפּגעבריט, אָבער פאַר דעם צווייטן איז די וואַנע אָפּגעקילט. דאָס זעלבע האָט ער געעפענט די וועג פאַר אַלע פעלקער. און דאָס וואָס מיר ליידן אימער און אייביג פון די אַנטיסעמיטן און פאָגראָמען, אָנצופאַלן אויף אונז איז דאָס אַלעס צו דאַנקען עמלק'ן. דארום מוזן מיר אויף אים טראָגן די שנאה אויף אייביג. דערמאָנען מיטן מויל און ניט פאַרגעסן מיטן הארצן.

איבערהויפּט האָט ער אונז מזיק געווען מיטן געדאַנק מער ווי מיט מעשה. ווי די תורה זאָגט, אשר קרך, ער האָט דיר קאַלט געמאַכט, עמלק האָט אָפּגעקילט די אמונה אויך. א שמייכעלע, א לאַך פון א נס, פון א מופת, פון א דין, פון א מנהג, דאָס ווילט זיך יעדערן מאַכן, א גלייך ווערטל פון זיך זעלבסט אַלעס מקרב זיין אל הטבע, ווילט זיך זיין א קלוגער יונג, לאַכן פון כשוף פון גלגולים און שדים און אַנדערע און לאַכן אוים אינגאַנץ פון שלחן ערוך רח"ל, פון אַלע הייליגקייט פון תורה שבכתב און תורה שבעל פה, ביז עס איז געקומען אַ צייט עס ווילט זיך זיין א נאַציאָן ווי אַלע נאַציאָנען ווי די גוים, און אין דעם אידישן שטאַט זאָל ניט זיין דער דת פון די תורה און מצות, דאָס איז אַלעס די בחינה פון עמלק. באַלד נאָך די נסים און מופתים פון מצרים האָט זיך עמלק א לאַך געטאָן און

זאגט: איך האלט ניט פון די מופתים עס איז אלעם מיט די נאטור, ווי די היינטיגע וועלט זאגט, אז תורה דארף מען היטן אבער ניט די תורה שבעל פה, רעפארמירן דאס פאלק אבער ניט אומברייינגען, און מיט דער צייט וועלן זיי ווערן אונזערע איינגאנצן.

דערפאר איז די מלחמת עמלק די שווערסטע, ווי די תורה זאגט, ווי משה הויבט אויף זיין קראפט שטארקט זיך ישראל, ווי משה לאזט אראפ זיין קראפט שטארקט זיך עמלק, ווייל עמלק האט אונז געלאזן א מלחמה פון אינווייניג און פון דרויסן, מיט די אנטי־סעמיטן אין יעדער צייט און מיט די אידישע אפיקורסים וואס זוכן צו רעפארמירן דעם דת, קאלט צו מאכן די אמונה ביי אידן, פלייצן אפיקורסות, אפלאכן פון די חכמים, פון די נביאים, אויסצורייסן דעם דת מיט א צייט אין גאנצן. און אזוי ווי המן קומט אויך ארויס פון עמלק'ן, ער האט אויך געמיינט נאר דעם דת, דארום איז ביי אונז אפגעשטעלט איין מאל אין יאר צו ווייזן אפן „מחיית עמלק", איינפלאנצן אין אונזערע קינדער די ריינע הייליגע אמונה, דאס איז דער געדאנק פון שלאגן המן'ען, דאס הייסט דער־מאנען איינע די אנדערע, שלאגט פאנאנדער די שלעכטע געדאנקען, טרייבט ארויס די המן'ס פון יעדער דור, רייסט ארויס דעם עמלק וואס ליגט פאר'גנב'ט אין הארצן, האלט זיך פעסט אין דער אמונה אין ג־ט ב"ה, אין דער תורה, אין די נביאים, אין די חכמים, אין די דינים, אין די אידישע מנהגים, און אין אלעם ווי אונזערע על־טערן האבן געגלויבט, ווי עס זאגט אונז די מסורת אבות, און מת־קשר זיין זיך יעדער אין זיין רבי'ן, אין בעש"ט הקדוש ותלמידיו הקדושים, וואס עד ביאת הגואל וועט זיך ציען די הייליגע ליכט פון דעם מרן קוה"ק אור שבעת הימים בעש"ט הק' זי"ע.

תבא

הגדתי היום לה' אלקיך.

די מצות עשה איז, ווען מען ברייגגט בכורים זאָל מען זאָגן די פרשה פון ביכורים ווי עס שטייט אין דער תורה. דער צוגאַנג פון בכורים איז מבואר אין פרשת משפטים. יעדער וואָס ברייגגט ביכורים זאָגט דעם פסוק הגדתי היום לה' אלקיך, נאָכהער נעמט ער אַראָפּ פון אַקסל די קאָרב מיט די פרוכט און האַלט אין האַנט פאַר דעם ברעג קאָרב און דער כהן נעמט אָפּ די קאָרב פרוכט און טוט ווי דער רעכט איז. דער ברייגגער זאָגט : ארמי אובד אבי ביז ער ענדיגט די פרשה.

בערתי הקדש מן הבית.

די מצות עשה איז, אין 4-טן יאָר און אין 7-טן יאָר ווען מען ברייגגט די מעשר שני אין ירושלים, זאָל מען צו מנחה, אחרון של פסח זיך מתודה זיין אין בית המקדש, און זאָגן די רייד: איך האָב דאָס הייליגע פון הויז אַוועקגעשאַפט, איך האָב אויך דעם לוי, דעם יתום און אלמנה געגעבן נאָך אַלע דיינע געבאָטן, איך האָב פון דיין באַפעל ניט איבער געטראָטן און ניט פאַרגעסן.

לא אכלתי באוני ממנו

ולא בערתי ממנו בטמא

ולא נתתי ממנו למת.

די 3 מצות זיינען, 1) ניט צו עסן קיין מעשר שני אין דעם טאָג וואָס מען איז א אונן. 2) ניט צו עסן קיין מעשר שני בעת מען איז טמא. 3) די געלט ווערט דערמיט אויסגעלייזט די מעשר שני טאָר ניט געברויכט ווערן צו קיין געברויך אויסער שפייז און געטראַנק.

וללכת בדרכיו.

די מצות עשה איז, ווי מעגליך אויסצוגלייכן זיך צו די דרכים פון השי"ת, אזוי ווי דער בורא יתברך שמו לעד ולנ"נ איז א רחמן, אַזוי דאַרף יעדער איד זיין במדת הרחמנות. אזוי ווי דער בורא יתברך טוט חסד מיט דער וועלט, אַזוי דארף מען זיין א גומל חסד בגוף ובממון. אַזוי ווי דער זיגל פון בורא יתברך איז אמת, אַזוי דאַרף יעדער איד ריידן אמת און זיין וואָרט זאָל זיין הייליג. און דאָס גלייכן אין אנדערע מדות. אַזוי ווי דער באַשעפער ב"ה רופט זיך גבור, אַזוי דאַרף יעדער איד בייקומען און זיין א גבור געגן יצר הרע. ווי דער תנא זאָגט: איזהו גבור הכובש את יצרו, אויס־רייסן פון זיך מדות רעות, ניט זיין קיין כעסן, קיין אכזר, קיין בעל גאוה. אַזוי ווי דער בורא יתברך הייסט קדוש, אזוי דאַרף יעדער איד זיין געהייליגט אין זיינע מעשים, זיי זאָלן זיין לשם שמים, ווי עס שטייט אין דער תורה והתקדשתם והייתם קדושים.

וילך

הקהל את העם האנשים והנשים והטף.

די מצות עשה איז, דאָס דער צייט ווען אידן זיינען אין ארץ ישראל א הערשענדער נאַציאָן, זאָל אין ירושלים א הויפּט-פאַרזאַמלונג זיין, מענער און פרויען פון גרויס ביז קליין די ג-טליכע לערע אָנצוהערן. די פאַרזאַמלונג איז געווען דעם ערשטן טאָג חול המועד סוכות נאָך דעם יאָר פון שמיטה.

די מצוה איז מיט גרויס פאַראַד געטאָן געוואָרן. מען האָט מיט טרופּייטן געשאַלט אין שטאָט ירושלים, מען זאָל אַלע צוזאַמענקומען אין בית המקדש. מען שטעלט אריין אין עזרת נשים א הילצערנע בימה און דער מלכות זעצט זיך אַרויף אויף דער בימה און דאָס גאַנצע פאָלק ארום אים. דער חזן נעמט די ס"ת, און דערלאַנגט דעם עלסטן פון די סנהדרין, ער האָט איבערגעגעבן צו דעם סגן הכהנים, און דער סגן האָט איבערגעגעבן דעם כהן גדול און דער כהן גדול האָט מיט גרויס כבוד דעם מלכות איבערגעגעבן, און מלכות לייענט פאַר דעם עולם אייניגע פרשיות פון ספר דברים.

כתבו לכם את השירה הזאת.

די מצות עשה איז, יעדער איד זאָל שרייבן א ספר תורה. עס איז רעכט אז א אנדערער זאָל שרייבן פאַר אים. ווען ער שטעלט נאָר איין אות אריין איז גלייך ווי ער האָט געשריבן אינגאַנצן. די ספר תורה דאַרף מען מגיה זיין, און כל זמן מען איז ניט מגיה טאָר מען אין איר ניט לייענען, און מען האָט א איסור פון „אל תשכן באהלך עולה".

אַלע פּרטי דינים פון דער מצוה איז ערקלערט אין יורה דעה הלכות ספר תורה און עס איז ידוע לסופרים. דער רא"ש פסק'נט, אז די מצוה פון שרייבן א ספר תורה איז אז מען לערנט אין ספר תורה, אָבער היינט אז מיר לערנען אין ספרים, איז קויפן א ספר איז אויך אַ מצוה ווי שרייבן אַ ספר תורה. און יעדער

ספר אויף לשון הקדש פאַר אַ למדן, אָדער אַ הייליגער ספר אויף טייטש איז גלייך. די מצוה פון שרייבן אַ ספר תורה איז נאָר אויף מענער. אָבער קויפן ספרים וועלכע נשים פאַרשטייען וואָס איז נויטיג פאַר זיי צו וויסן די דינים וואָס זיי זיינען מחויב, איז אויף זיי אויך אַ מצוה, און די מענער טאָרן זיי אין דעם ניט שטערן, אין געגנטייל, די מענער זיינען מחויב צו פאַרזאָרגן אַזעלכע ספרים אין זייערע הייזער. בפרט ביי יעצטיגע צייט, ווען עס געפינען זיך אַזעלכע וואָס פלייצן מיט ביכלאַך צו ברעכן דעם דת, מוזן מיר זען צו דרוקן און קויפן אַזעלכע ספרים צו שטאַרקן דעם דת. אַזוי ווי אין דער צייט וואָס עס איז מצוי אַ שריפה, שאַפט מען זיך וואָס מער כלים צו לעשן די שריפה, די זעלבע זאַך דער יצר הרע הייסט אש, די תורה איז מים, איז „ואתא מיא וכבה לנורא", קומט די וואַסער פון דער תורה און לעשט אויס דעם פייער פון דעם יצר הרע, ביז עס וועט מקוים ווערן דער פסוק: ומלאה הארץ דעה כו' כמים לים מכסים, במהרה בימינו אמן.

דאָס זיינען די תרי"ג מצות, דאָס הייסט 248 מצות עשה און 365 מצות לא תעשה, וואָס מיר זיינען פאַרזאָגט געוואָרן אויף דעם באַרג סיני. דער וואָס איז זיי מקיים איז זוכה צו עולם הבא, דער וואָס איז עובר אויף זיי ווערט באַשטראָפט נאָך די האַרבקייט פון דער עבירה. די שטראָף איז איינגעטיילט אין 7 אופנים, און דאָס זיינען: 1) סקילה, 2) שריפה, 3) הרג, 4) חנק, 5) מיתה בידי שמים, 6) כרת, 7) מלקות. און 7 מצות דרבנן וועלכע אויב מען איז אויף זיי עובר קומט מכת מרדות, און דאָס זיינען זיי: 1) צו מאַכן אַ ברכה אויף וואָס מען האָט הנאה און ברכות אויף מצות, 2) נטילת ידים. 3) הדלקת הנר. 4) עירובין, ערובי חצרות, ערובי תחומין, ערוב תבשילין, 5) הלל, 6) נר חנוכה, 7) מקרא מגילה. אין איינעם זיינען זיי 620 מצות, איז דער סימן **כתר תורה**.

לוח התיקון

דער נומער איז דער נומער פון פּיידזש, דער וואָרט נאָכדעם איז דער ערשטער וואָרט פון דער שורה וואָס אין איר איז דער טעות.

חלק ראשון

עמוד	שורה המתחלת
23	קלערונג נדפס ומדר־ צ״ל ומד־
25	זה נדפס ויהי צ״ל ויחי
45	ווען דער פּאַראַגראַף באַלאַנגט צו דף 55 נאָך דעם וואָרט דת
52	אויך נדפס פּאַרשטעלט צ״ל פּאַרשטעלן
69	זיך נדפס שמרי צ״ל שמרי׳
70	איז נדפס ער צ״ל דער
71	ווי נדפס יענר צ״ל יענער
71	אין נדפס 1895 צ״ל 4895
78	יעדענס נדפס פו צ״ל פון
78	האָט נדפס 5650 צ״ל 5620
82	במנחת נדפס עייש צ״ל עיי״ש
83	אך נדפס שעזהשי״ת צ״ל בעזהשי״ת
86	אין נדפס שום צ״ל משום
89	שין נדפס לכה״ג צ״ל לכ״ג

חלק שני

עמוד	שורה המתחלת
3	גחון נדפס ולחוש צ״ל ותלחוש
3	גחון נדפס נ״ח צ״ל נ״ט
4	דער נדפס דער צ״ל צו דער
5	ניט נדפס דעריברע צ״ל דעריבער
9	רעם נדפס רעם צ״ל דעם
12	פרייטאָג נדפס אויך צ״ל איך

עמוד	שורה המתחלת	
16	פיינע	נדפס אוריסנעמען צ״ל אַרויסנעמען
21	אַנדער	נדפס פרעגט צ״ל פרעגן
28	ווארט	נדפס פראַצווישע צ״ל פראַנצויזישע
28	פון	נדפס פאזיכטיג צ״ל פאַרזיכטיג
29	די	נדפס היילקייט צ״ל היילִיקייט
31	והמחיר	נדפס פריע צ״ל פריער
34	פאר	נדפס אַקרען צ״ל אַקערן
34	דער	נדפס אַרויסטארגען צ״ל אַרויסטראָגן
34	אויף	נדפס קענדר צ״ל קינדער
35	פאר	נדפס צוזאַמעקלייבן צ״ל צוזאַמענקלייבן
38	א	נדפס דהיינוי צ״ל דהיינו
39	פון	נדפס מיט צ״ל מיטן
40	קאם	נדפס ווייכר צ״ל ווייכער
40	פאר	נדפס בערשט צ״ל בערשטן
41	צום	נדפס צונופבינדן צ״ל צונויפבינדן
41	ציצה	נדפס אָדער — מיותר
43	עופות	נדפס הוזו צ״ל הויז
43	המסדר	נדפס האויתות צ״ל האותיות
46	וועז	נדפס פאדער צ״ל פאָדערט
47	ניט	נדפס ארײנשעלן צ״ל אַרײנשטעלן
49	אויב	נדפס פו צ״ל פון
53	עס	נדפס מען — דאָפּלט
55	די	נדפס טאר צ״ל טאָר מען
56	אַרויסגעוואָרפן	נדפס אָעדר צ״ל אָדער
59	פעלייגע	נדפס פעלייגע צ״ל פעליגע
61	ווי	נדפס ווי — מיותר
62	פאַרשטייט	נדפס זי צ״ל זיי
62	וועז	נדפס הייסט צ״ל הייסן
65	מען	נדפס אַגוסס צ״ל א גוסס
67	אויך	נדפס אויך צ״ל אויף

לוח התיקון

עמוד	שורה המתחלת
71	פאר נדפס געשטערבן צ״ל געשטאָרבן
73	צ נדפס צ צ״ל צו
73	צ נדפס לאון צ״ל לאוין
82	אפילו נדפס הונדערסטע צ״ל הונדערטסטע
83	אים נדפס א וועקגעלייגט צ״ל אוועקגעלייגט
87	גרויס נדפס זייער צ״ל אין זייער
87	אלמנות נדפס יתום צ״ל יתומים
99	סוכות נדפס יעדען צ״ל יעדער
99	איד נדפס עס צ״ל ער
100	אַנטקעגן נדפס פו צ״ל פון
100	דער נדפס פו צ״ל פון
107	איילין נדפס איילין צ״ל 77 איילין
108	שנור נדפס פדים צ״ל פאָדים
109	טרויבן נדפס אַראָפּנעמען צ״ל צו אַראָפּנעמען
110	וואָס נדפס איינווייניג צ״ל אינווייניג
114	וואָס נדפס געווירק צ״ל געווירקט
116	אַריינגעצוגן נדפס אַרינגעצוגן צ״ל אַריינגעצויגן
123	מיט נדפס מכאל ל״צ מאכל
124	מערכה נדפס קדמה צ״ל קודמת
128	משנה ב נדפס הנפשרים צ״ל הנשרפים
138	ווי נדפס וואָס — מיותר
143	וויס נדפס אין צ״ל איז
154	אויסטאָן נדפס שוך צ״ל לינקער שוך
162	עסר נדפס עסר צ״ל סער
163	זאָמען) נדפס איז טובל צ״ל איז זיך טובל
163	דער נדפס שכב צ״ל שכבת
163	זיך נדפס זיין צ״ל זען
156	פאר שורה ואל יבוא פעלט די קעפל „פרשת אחרי״
166	דער נדפס צוגאַג צ״ל צוגאַנג
168	קליינע נדפס קליינע צ״ל קליינעם
172	(בזמן נדפס הבית צ״ל הבית)
173	16) נדפס פרויס מוטערס צ״ל פרויס פאָטערס

עמוד	שורה המתחלת	
175	ער	נדפס פו צ״ל פון
176	דאָס	נדפס אָרט צ״ל אָרט,
179	ד	נדפס ד צ״ל די
180	נעגל	נדפס בענטש צ״ל בענטשן
181	איז	נדפס אַלטע צ״ל אַלטער
181	טבילה	נדפס ריידן צ״ל ריידן,
182	חכמת	נדפס דרעפון צ״ל דערפון
185	טרויבן	פון וואָרט און ביז וואָרט דערויף — איבעריג
189	אַנדערן	נדפס דאן צ״ל דען
189	אויגן	נדפס ער קען צ״ל עס קען
190	אַנדער	נדפס אַנדער צ״ל אַנדערן
198	אשה	נדפס מאשה צ״ל מאישה
200	פון	נדפס געווען צ״ל געווען דער חטא
201	קרבן	נדפס ניטט צ״ל ניט
204	דער	נדפס דאז צ״ל דאס
206	ווי	נדפס כזית צ״ל איי
207	איז	נדפס הדר צ״ל הדס
208	ובשנה	נדפס תזמור צ״ל תזרע
212	אַרבעטן	נדפס אן צ״ל אין
213	פינף	נדפס און צ״ל ביז
215	1)	נדפס וועגען צ״ל געווען
221	מכל	נדפס מכל צ״ל בכל
222	די	נדפס קיין צ״ל קיין בוימל און קיין
223	צו	נדפס עשה — מיותר
224	פילייכט	נדפס זוכה צ״ל זוכה זיין
228	שטער	נדפס שטאש צ״ל שטאָט
229	איז	נדפס וישראל צ״ל ישראל
231	לעכלאך	נדפס זיין צ״ל זיין ניט
232	פרשה	נדפס תרוה צ״ל תורה
232	כשר	נדפס איז צ״ל זיך
232	גאנצע	נדפס טאן צ״ל טאר
233	600	נדפס קניפ צ״ל קניפן

עמוד	שורה המתחלת
234	שריב נדפס שריב צ״ל שריבן
236	צופרידן נדפס תאוה צ״ל תאוה מען
236	ושמר נדפס ושמר צ״ל ושמרו
237	קינעדר נדפס קינעדר צ״ל קינדער
240	שלמה נדפס דער מצוה צ״ל די מצות
241	די נדפס צווייטן צ״ל דריטן
244	באדייט נדפס פריי צ״ל פרייד
254	ארור נדפס טייט צ״ל שטייט
266	וואָס נדפס קינעדר צ״ל קינדער
256	דער נדפס זהן צ״ל זהר
258	מען נדפס גוט צ״ל ניט
258	ער נדפס ער זעט דאָך צ״ל עס זעט דאָך אויס
259	דיר נדפס עקבי צ״ל עקיבא
261	ווי נדפס האָט צ״ל דאָס האָט
265	פון נדפס פושע צ״ל פושעי
265	איז נדפס עס צ״ל ער
269	הקדוש נדפס אז ניט צ״ל אז די
269	דאָך נדפס ווערן צ״ל וועלטן
269	זאָל נדפס רוחות צ״ל כוחות
274	פריער נדפס הוגעריג צ״ל הונגעריג
275	איז נדפס אדקיא צ״ל לודקיא
279	אחרונה נדפס ריעית צ״ל רביעית
283	ווי נדפס פון צ״ל פאר
283	איבער נדפס דעם — מיותר
290	מינום נדפס פו צ״ל פון
292	אם נדפס ברכת צ״ל בברכת
294	עס נדפס עס צ״ל ער
302	אויך נדפס מען צ״ל מען אויף
310	אז נדפס ניט צ״ל נאָר
318	דער נדפס הויבן צ״ל האָבן
322	ביז נדפס ענדעיגט צ״ל ענדיגט
323	אז כל הפאַראַגראַף מיותר

שורה המתחלת	עמוד
אויב נדפס זאָגט צ״ל האָט	224
די נדפס געברויכט צ״ל געבראכט	339
ולא נדפס ולי צ״ל ולא	340
גמרא נדפס וואו צ״ל ווי	348
אום נדפס אום — מיותר	360
טער נדפס וואך צ״ל שוואַך	363
הייסן נדפס תרוה צ״ל תורה	364
קאן נדפס ניט צ״ל נאָר	368
פרויען נדפס פוצן צ״ל ניט פוצן זיך, דהיינו ניט פאַרבען די האָר ניט פודערן זיך	370
ניטאָ נדפס על צ״ל עס	374
שיך נדפס קרעטל צ״ל קערטל	375
פראָסטע נדפס אפילו — מיותר	376
יאָר נדפס מיינט צ״ל דער אמת	382
גע נדפס אייניגע צ״ל אייגענע	388
ערשטע נדפס געלט צ״ל געלט וואָס	395